STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09005

# ESTER HA-MALKEH

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אסתר המלכה

## ביבלישער ראָמאַן

פון

## שאול ספיר

מחבר פון: קאליף פון קאָרדאָווא, צווישען רוים און ירושלים,
דוד המלך, שלמה המלך, אברהם'ס אייניקלעך און פרינץ פון מצרים.

# Queen Esther

*Biblical Romance by Saul Saphire*

Author of "Caliph of Cordova," "Between Rome and Jerusalem,"
"King David," "King Solomon," "Abraham's Grandchildren"
and "Prince of Egypt"

Published and copyrighted, 1932,

by Saul Saphire

77 Bowery, New York

צום אנדענקען פון מיין שווער

אהרן שלמה רובין ז״ל.

### ערשטער קאפיטעל

## די קעניגין ושתי

**א** גליקליכער קעניג איז אחשורוש געווען. דורך אזא קורצער צייט איז ער דערהויבען געוואָרען צו ווערען דער הערשער איבער פיעלע מדינות. צו ווערען דער קעניג פון פערסיע האָט ער שוין לאנג געשטרעבט, יעצט איז ער דער קעניג פון פרס און מדי און אויך איבער פיעלע אנדערע לענדער.

אין זיין פּאַלאַץ קומען יעדען טאָג פארשיעדענע קעניגען און פרינצען, זיי ברייגען איהם צינזען און מתנות, צו צייגען זייער אונטערטעניגקייט צו איהם. פיעלע פון זיי שעצען זיך גליקליך צו פארבלייבען ביי איהם אלס בעאַמטע אין זיין קעניגרייך... און פארוואָס נישט? זייערע לענדער האָט ער אייגענומען, זייער הערשאפט איז באַגרעניצט און זייער גאָלד און זילבער מוזען געבראַכט ווערען צו איהם, אנצופילען זיינע אוצרות...

אחשורוש איז געווען עטליכע און פערציג יאָהר אלט. ער איז געווען זעהר פעסט געבויט. זיין פּנים איז באדעקט געווען מיט א ברייטער באָרד. אויף זיין קאָפּ האָט ער געטראָגען א גאָלדענע קרוין. ער איז געזעסען אויף זיין טראָן און איז דער רעכטער האנט האָט ער געהאלטען א בעכער גוטען וויין, וואָס זיין שר־המשקים האָט נאָר־וואָס אָנגעפילט. ער האָט געזופּט פון דעם וויין און באטראַכט זיינע שרים און לייב־וועכטער מיט א צופרידענעם שמייכעל. פיעלע פון זיי זיינען נישט לאנג צוריק אליין געווען הערשער און יעצט שעצען זיי זיך גליקליך צו זיין זיינע קנעכט... אָט שטעהט נעבען איהם בגתן, זיין הויפּט לייב־וועכטער, וועלכער שטאַמט פון דער קעניגליכער משפחה פון נבוכדנאצר. יע, בגתן געדענקט נאָך איהם ווען ער איז געווען דער הויפּט אויפזעהער פון אויל מרודכ׳ס (עוויל מרוידאַכ׳ס) פערד. ער האָט דאָן שטאָלצירט געגען איהם. אוי ווי שטארק ער האָט בגתנ׳ען דאָן מקנא געווען, ווען ער פלעגט באַמערקען, אז ער רעדט מיט דער וואונדערשעהנער פרינצעסין ושתי, די טאָכטער פון אויל מרודך. ער האָט דאָן אפילו נישט געוואָגט צו טראַכטען פון איהר.

אָט דערמאָנט זיך אחשורוש פון יענער צייט, ווען דער קעניג אויל מרודך האָט איהם דערהויבען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין א שלאַכט מיט די פרסים. ער האָט איהם געמאַכט פאר א הויפּט איבער אן ארמעע און דאָן האָט ער שוין געקענט אריינקומען אין פּאַלאַץ פון קעניג און גאַנץ אָפט האָט ער דאָרטען געזעהן די פּרינצעסין ושתי. אָבער זי, די שעהנע, שטאָלצע טאָכטער פון קעניג, האָט זיך אויף איהם אפילו נישט געוואָלט אומקוקען!

## 2 אסתר המלכה

זיין שמייכעל ווערט ברייטער, ווען ער באטראכט ווי שטייף בגתן שטעהט נעבען דעם אריינגאנג. אט דעם זעלבען בגתנ׳ען האט ער מיט עטליכע יאהר צוריק געקענט פארדעכענען פאר זיין קאנקורענט צו ושתי׳ס האנט. אין יענער צייט איז בגתן געווען א סך מעהר געהויבען אין ושתי׳ס אויגען ווי ער. מיט בגתנ׳ען פלעגט זי גאנץ אפט פארברייגנען. ער האט אפט מאל באמערקט ווי זי שמייכעלט צו איהם, און דאן פלעגט אין איהם דאס בלוט אויפזידען. ער האט געפלאנט נקמה צו נעהמען, כאטש ער האט געוואוסט, אז דאס וועט איהם קיין טובה נישט טהאן... אין ושתי׳ס אויגען וועט ער אימער פארבלייבען איהר פאטער׳ס הויפט אויפזעהער פון זיינע פערד... ער האט דאן געפלאנעוועט, געזוכט צו שטייגען וואס העכער, כדי נושא חן צו זיין אין איהרע אויגען.

אחשורוש האט א וואונק געטהאן צו דעם שר המשקים און יענער האט ווידער אנגעפילט דעם בעכער.

עס איז שוין באלד דריי יאהר, האט ער גענומען ווייטער טראכטען, א זופ טהוענדיג פון דעם וויין, זינט ער איז ארויף אויף זיין טראן און זינט ושתי איז געווארען זיין פרוי און אלעס איז נאך אזוי פריש אין זיין זכרון, אזוי ווי עס וואלט ערשט נעכטען פאסירט. ער איז דאן געווען פארנומען אין א מלחמה, פון וואנען ער איז ארויסגעקומען זיעגרייך. פלוצלונג דערוויסט ער זיך פון דעם גרויסען אויפשטאנד, וואס איז פארגעקומען אין אויל מרודכ׳ס פאלאץ. זיין שוואגער, נרגל שר אצר, האט דעם קעניג ערמארדעט. ער געדענקט ווי דאס הארץ האט איהם דאן גענומען שרעקען פאר ושתי׳ן, וועמען דער נייער קעניג האט געהאלטען אלס געפאנגענע.

איינינע יאהר צייט האט ער, אחשורוש, געהאלטען זיין ארמעע אין שושן, די הויפטשטאדט פון פרס, און זי פארגרעסערט ביז וואנען ער האט באשלאסען צו געהן אויף בבל. די מלוכה האט זיך שוין געהאט עטליכע מאל געביטען און דער לעצטער קעניג, נאבונעד, האט גענומען פארשפרייטען זיין ממשלה. דאן האט אחשורוש געהערט, אז נאבונעד וויל נעהמען ושתי׳ן פאר זיין פרוי און דאס האט איהם באוואויגען צו געהן מלחמה האלטען מיט נאבונעד׳ן.

פינף יאהר האט די מלחמה געדויערט, ביז וואנען ער האט איהם באזיעגט. ער געדענקט, וואס פאר א גרויסע אויפנאהמע ער האט געקראגען פון פאלק, וועלכעס האט שטארק געהאסט די פריהערדיגע קעניגע פון בבל. דאס פאלק איז געווען זעהר גליקליך איהם צו קרוינען פאר קעניג און איידער ער האט איבער־געפיהרט זיין מלוכה אין שושן, די הויפשטאדט פון פרס און מדי, האט ער חתונה געהאט מיט ושתי׳ן. ער געדענקט ווי ושתי האט פון איהם פארלאנגט ער זאל באגנאדיגען בגתנ׳ען און איהם אנשטעלען אלס א בעאמטער אין דער מלוכה. ער האט איהר פארלאנג ערפילט און יעצט איז בגתן זיין הויפט לייב־וועכטער.

— וואס זאל דאס באדייטען? — האט פלוצלונג א בליץ געטהאן א געדאנק אין אחשורוש׳ס מוח. — פארוואס האט ושתי געוואלט ער זאל מקרב זיין בגתנ׳ען? — ער דערמאנט זיך ווי מיט יאהרען צוריק פלעגט ער טרעפען ושתי׳ן פארברייגענדיג מיט בגתנ׳ען און די אייפערזוכט האט איהם גענומען ברענען.

— זאל מען רופען אהער די קעניגין! — האט אחשורוש אויסגעשריען.

באלד האבען זיך זיבען בעאמטע פארנייגט פאר׳ן קעניג.

— ניין, נישט איהר ;ועט היינט געהן רופען די קעניגין ! — האט אחשורוש אויסגערופען. — בגתן וועט געהן !

בגתן איז צוגעגאנגען צום קעניג און האט זיך פארנייגט מיט'ן פנים ביז דער ערד.

— געה אריבער צו ושתי'ן און זאג איהר, אז דער קעניג פארלאנגט זי זאל גלייך קומען.

— יא, מיין האר קעניג ! — האט בגתן זיך ווידער פארנייגט און זיין פנים איז רויט געווארען. ער איז ארויס פון פאלאץ און מיט שנעלע טריט געגאנגען צו דעם פאלאץ וואו ושתי האט זיך געפונען.

בגתן איז געווען שטארק צעטומעלט. ער האט נישט געקענט פארשטעהן פארוואס דער קעניג האט נישט געשיקט רופען ושתי'ן דורך די זיבען בעאמטע, ווי ער טהוט עס שטענדיג און ווי עס פאסט פאר דעם כבוד פון דער קעניגין. זאל עס זיין, אז ער איז ושתי'ן חושד, דאס זי ליעבט איהם ? א שווידער געהט דורך זיין לייב. ווען אחשורוש זאל נאר האבען דעם מינדסטען פארדאכט וועט ער איהם גלייך הייסען אויפהענגען. אבער פון וואנען וועט ער זיך דערוויסען ? :אט ער זיך געגוכיען בארוהיגען. זיי זיינען דאך אזוי פארזיכטיג... דער איינציגער, וואס ווייסט פון, זיין סוד, איז תרש, זיין בעסטער איבערגעבענסטער פריינט ,וועמען די קעניגין האט מיט א כיוון אנגעשטעלט אלס איהר קוטשער און ער וועט דאך איהם געוויס נישט פארראטען.

בגתן איז צוגעקומען צו ושתי'ס פאלאץ און געלאזט וויסען די קאמער־מיידלעך, אז ער איז צו דער קעניגין געשיקט געווארען מיט א שליחות פון דעם קעניג.

ושתי האט איהם געהייסען אריינקומען און זי האט ארויסגעשיקט אלע איהרע דינסטען פון צימער.

— בגתן ! — האט ושתי אויסגערופען. — ווי קומסטו יעצט אהער ? ווייסטו דען נישט אין וואס פאר א געפאהר דו שטעלסט איין אונזערעביידע לעבענס ? שטעל זיך פאר, אז אחשורוש, מיין פאטער'ס "פערד־אויפזעהער", וועט זיך דערוויסען, אז דו האסט מיר פלוצלונג געמאכט א באזוך... דאן זיינען מיר ביידע פארלוירען !

— אבער מיין הארינטע! — האט בגתן איהר געענטפערט. — דער קעניג ווייסט שוין פון דעם באזוך. ער האט מיך אליין געשיקט דיך צו רופען, דו זאלסט באלד קומען צו איהם.

— ער האט דיך געשיקט ? ! — האט ושתי זיך אפגערופען מיט פארוואונ־דערונג. — פארוואס האט ער נישט געשיקט זיינע זיבען משרתים מיך צו רופען, ווי ער איז זיך שטענדיג נוהג ?

— דאס וואונדערט מיך אויך! — האט בגתן געזאגט. — איך בין געשטאנען נעבען טיר צוזאמען מיט די איבעריגע לייב־וועכטער, פלוצלונג דערהער איך דעם קעניג'ס שטימע: "זאל מען רופען אהער די קעניגין !" דאן זיינען צו איהם צוגע־גאנגען די זיבען משרתים און ער האט זיי אוועקגעשיקט פון זיך, זאגענדיג, אז איך וועל געהן. מיין הארץ שרעקט מיך, טייערע קעניגין ! זאל עס זיין, אז עפעס האט דערגרייכט זיינען אויערען ? !

— בארוהיג זיך, בגתן ! — האט ושתי זיך אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ.

— דער קעניג האָט געמוזט זיין שכור׳לער און דעריבער איז איהם איינגעפֿאַלען געדאַנק, אַז ער זאָל מיך שיקען רופֿען דורך דיר.

— אמת, ער האָט געטרונקען וויין און ווען ער האָט מיך צוגערופֿען האָט ער נאָך אין זיין האַנט געהאַלטען אַ בעכער מיט וויין.

— זעהסטו שוין, בגתן, אַז איך בין גערעכט? ער איז שכור, אָבער ער האָט קיין כונה נישט געהאַט דערמיט. יאָ, ווען איז אחשורוש ניכטער? אָבער איך קען ביי איהם אַלעס אויסווירקען און דו מעגסט רוהיג זיין, אַז קיין בייזעס וועט דיר נישט געשעהן, — האָט ושתי איהם אַ קוש געטהאָן. — איך האָף נאָך, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן און דו וועסט פֿאַרנעהמען זיין פּלאַץ.

— איך האָב מורא, אַז איך האָב גאָר קיינע אויסזיכטען נישט. אַלע לייבוועכטער זיינען אחשורוש׳ן געטריי מיט זייער לייב און לעבען, און ווען איך זאָל מאַכען דעם קלענסטען פֿאַרזוך זיך דורכצוזעצען מיט וועמען עס איז וועגען דעם, דאַן וואָלט יענער מיך גלייך פֿאַראַטען.

— דו דאַרפֿסט אָבער נישט פֿאַרגעסען, אַז ושתי׳ס מוח איז נאָך נישט אויסגעדאַרט, — האָט זי זיך אָפּגערופֿען. — איך האָב אחשורוש׳ן געהאַסט, ווען ער איז געווען דער שומר פֿון מיין פֿאָטער׳ס פֿערד, איך האָב איהם געהאַסט דאַן, ווען ער איז געוואָרען דער הויפּט פֿון מיין פֿאָטער׳ס אַרמעען און אַפֿילו יעצט, ווען אחשורוש איז געוואָרען קעניג איבער אַזוי פֿיעל מדינות, איז מיין שנאה צו איהם נישט קלענער געוואָרען. דו ווייסט דאָך, בגתן, אַז איך האָב דיך ליעב און איך הער נישט אויף צו טרוימען פֿון יענער צייט, ווען דיר וועט געלינגען אַרונטערצואוואַרפֿען אחשורוש׳ן פֿון זיין טראָן און ווערען קעניג אַנשטאַט איהם.

— לויט ווי איך זעה, האַלט עס נאָך גאַנץ ווייט דערפֿון! — האָט בגתן אַ זיפֿץ געטהאָן.

— און איך גלויב, אַז עס איז שוין נישט ווייט! — האָט ושתי געזאָגט.

— געדענקסט, ווען אחשורוש איז געוואָרען קעניג, האָסטו מורא געהאַט, ער זאָל דיך נישט טויטען. און איך האָב דיך פֿאַרזיכערט, אַז דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען? און וואָס איז געווען? נישט נאָר האָט ער דיך נישט געטויטעט, נאָר ער האָט מיין פֿאַרלאַנג ערפֿילט און דיך אַנגעשטעלט אַלס זיין הויפּט לייבוועכטער.

— יאָ, ושתי! מיין לעבען האָב איך דיר צו פֿאַרדאַנקען! — האָט בגתן איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנט.

— דו ווייסט דאָך ווי שטאַרק ליעב אחשורוש האָט מיך? און איך קען מיט איהם טהאָן וואָס איך וויל. דעריבער דאַרפֿסטו פֿאַר קיין זאַך קיין מורא נישט האָבען. איך וועל שוין פֿון איהם אַלעס דערגעהן...

—אָבער מיין האַרינטע, מיר האָבען זיך פֿאַררעדט! — האָט בגתן אויסגערופֿען. — און דערווייל וואַרט דאָך אויף דיר דער קעניג!

— גוט, לאָמיר געהן!

ושתי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון איהר פּאַלאַץ אין דער באַגלייטונג פֿון איהרע קאַמערמיידלעך. בגתן איז אַפֿריהער אַריין אין פּאַלאַץ און געמאַלדען אחשורוש׳ן, אַז די קעניגין קומט אָן, און ער האָט זיך געשטעלט נעבען טיר פֿון פּאַלאַץ, ווי זיין פֿליכט איז געווען.

ווען אחשורוש האט דערזעהן ושתי'ן, האט ער צו איהר אויסגעשטרעקט זיין גאָלדענע רוט, אלס צייכען, אז ער איז צופרידען מיט איהר קומען.

ושתי האט זיך פארנייגט, זיך געזעצט אויף דעם צווייטען שטול, וואס איז געווען נעבען קעניג'ס טראָן און האט צו איהם א שמייכעל געטהאָן.

אחשורוש האט באטראכט ושתי'ן... איהר שמייכעל האט איהם אימער באַצויבערט. איהרע פערלדיגע צייהן האבען א בליאסק געטהאָן און צוויי חן־גריבעלעך האבען זיך באוויזען אויף איהרע שעהנע באקען. דאָס פייער פון איהרע וואונדערשעהנע אויגען האט איהם דערוואָרימט... ער האט שוין באלד געהאט פארגעסען צוליעב וואָס פאר א צוועק ער האט נאָך איהר געשיקט.

— מיין האר קעניג! — האט ושתי זיך אָפּגערופען צו אחשורוש'ן און ברייט פאנאנדערגעעפענט איהרע אויגען. — פארוואָס האסטו מיך געשיקט רופען היינט דורך בגתנ'ען? האָב איך דען ביי דיר פארדיענט, דו זאָלסט מיך אזוי ערנידעריגען? יעדעס מאָל, ווען דו שיקסט מיך רופען, שיקסטו דיינע זיבען גינגעשטעלטע פאר דיעזען צוועק און היינטיגעס מאָל נעהמסטו און שיקסט בלויז איין מאן, און דערצו נאָך בגתנ'ען, וועמען איך קען זעהר נישט דולדען...

— און איך האָב געמיינט, אז בגתן האט געפונען חן אין דיינע אויגען! — האט אחשורוש זיך אָפּגערופען. — האסטו זיך דען פאר איהם נישט משתדל געווען, איך זאָל איהם מאכען פאר א בעאמטען אין מיין פּאלאץ?

— אמת, איך האָב עס געטהאָן דאָן אויס רחמנות פאר איהם, ער האט פאר מיר געוויינט מיט ביטערע טרעהרען און איך האָב איהם פארשפּראָכען צו פועל'ן ביי דיר. נאָכאַלעמען איז ער דאָך דער איינציגער, וועלכער איז פארבליבען לעבען פון מיין משפחה. האָב איך איהם די טובה געטהאָן, אָבער איך האָב איהם קיינמאָל נישט געקענט דולדען.

— אָבער געדענקסטו, ושתי, יענע צייטען, ווען דו פלעגסט פארברייגען מיט בגתנ'ען אין דיין פאָטער'ס פּאלאץ?

— דאן בין איך נאָך זעהר יונג געווען און איך האָב קיין שכל ניט געהאט. אָבער ווען איך בין אונטערגעוואקסען האָב איך אָנגעפאנגען דיך צו ליבען און זייט דאן איז מיין גאנצער לעבען, מיין גליק פארבונדען מיט דיין נשמה.

אחשורוש האט זיך געפיהלט לייכטער. יעצט זעהט ער, אז זיין חשד איז געווען אומבאגרינדעט. און ער האט באשלאָסען מעהר צו איהר ניט רעדען וועגען בגתנ'ען.

— דו ווייסט פארוואָס איך האָב דיך געשיקט יעצט רופען? — האט ער צו איהר געזאָגט. — איינגיכען ווערט דריי יאָהר זינט איך בין ארויף אויף מיין טראָן און זינט דו ביסט געוואָרען מיין קעניגין, און איך האָב באשלאָסען צו מאכען א גרויסארטיגע פייערונג. יאָ, איך וועל איינלאָדען אלע קעניגע פון די ארומיגע לענדער, זאָלען ייי אלע זעהן מיין גרויסקייט, מיין רייכטום און אלעס, וואָס איך פארמאָג. און דו, ושתי, קענסט מאכען א באזונדערע פייערונג פאר די קעניגינען און אַנדערע גרויסע הארינטעס.

— איך וועל טהאָן ווי דו ווינשסט! — האט זיך ושתי פארנייגט פאר'ן קעניג און זיך צוריקגעקעהרט צו איהר פּאלאץ.

---

ושתי האט געוואוסט אז אחשורוש האט איהר זעהר ליעב און ער וועט

ערפילען אלע איהרע פארלאנגען. און כאטש זי האט איהם נישט ליעב געהאט, איז זי דאך געווען זעהר אייפערזיכטיג אויף יעדער שעהנער מיידעל, וועלכע האט זיך געפונען אין פאלאץ. זי האט זיי אלעמען דערוויטערט. ווען זי האט דערהערט, אז אחשורוש פלאנעוועט צו מאכען א גרויסע פייערונג, האט זי געוואוסט, אז אזוי ווי קיין גוטע ווייגען וועלען נישט פעהלען אויף דעם מאלצייט, אזוי וועלען דארטען נישט פעהלען קיין שעהנע מיידלעך, וועלכע וועלען אונטערהאלטען דעם קעניג און זיינע געסט מיט טענץ און געזאנג. דאס האט איהר שטארק באאומרוהיגט. זי האט געהערט אז אין שטאדט שושן געפינען זיך פיעלע גרויסע שעהנהייטען און ווען אחשורוש זאל נאר ווארפען אן אויג אויף זיי, וועט עס פאר איהר קיין גרויסע טובה נישט זיין. זי וועט באלד פארלירען איהר גרויסען איינפלוס איבער איהם...

ושתי האט גענומען פלאנעווען וואס צו טהאן און זי האט דורך איהר קוטשער, תרש'ן, זיך באראטען מיט בגתנ'ען ווי אזוי צו פארמיידען, אז די שעהנסטע מיידלעך פון שושן זאלען נישט זיין ביי דער פייערונג פון דעם קעניג.

בגתן האט איהר דורך תרש'ן געענטפערט, אז וועגען דעם וועט זי זיך דארפען בעראטען מיט המנ'ען, וועלכער איז איינער פון אחשורוש'ס זיבען משרתים. ער איז א געבוירענער פון שושן. ער קען אלע משפחות און איבערהויפט ווייסט ער וואו א שעהנע מיידעל געפינט זיך.

דעם זעלבען טאג האט ושתי געשיקט רופען המנ'ען. עס האט לאנג נישט גענומען און המן האט שוין געווארט אין די פאדערשטע צימערען אויפגענומען צו ווערען פון דער קעניגין.

המן איז געווען פון מיטעלען וואוקס. זיין פנים איז געווען עטוואס אויסגעצויגען. ער האט געטראגען א רונדע בארד, זיינע אויגען האבען אימער זיך זומרוהיג באוועגט, זיין נאז איז געווען שפיציג און זיין האלז איז געווען לאנג.

המן האט מיט גרויס אומגעדולד געווארט ווען די קעניגין וועט איהם אויפנעהמען. וואס זאל עס בעדייטען אז פון די זיבען משרתים וועלכע קומען איהר איבערגעבען דעם קעניג'ס פערלאנג, האט זי איהם אליין איינגעלאדען צו זיך. דאס ווייזט אז ער ווערט חשוב אין איהרע אויגען... ער ווייס שוין פון לאנג אז פרויען האלטען פון איהם זעהר פיעל... און יעצט האט זיך אפילו די שעהנע קעניגין ושתי אין איהם פאראינטערעסירט... ווען זיין ווייב, זרש, וועט זיך דערפון דערוויסען, וועט זי שוין אליין אויך קריגען פאר איהם מעהר דרך ארץ. זי וועט שוין מעהר אויף איהם קיין גרויס מויל נישט עפענען.

א קאמער־מיידעל איז צו איהם צוגעגאנגען און געמאלדען אז ער קען אריינקומען צו דער קעניגין.

המן האט זיך אויסגעגלייכט, צורעכט געמאכט זיין בארד און איז אריין אין דעם גרויסען זאאל וואו ושתי איז געזעסען.

איהרע קאמער־מיידלעך זיינען געשטאנען נעבען טיהר גאנץ ווייטליך פון דעם פלאץ וואו המן און די קעניגין זיינען געווען.

— המן, — האט ושתי זיך אפגערופען און איהם געבעטען זיך צו זעצען, — איך האב געהערט אז דו ביזט זעהר א קלוגער מאן, און דאריבער וויל איך זיך מיט דיר וועגען עפעס בעראטהען.

א ברייטער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער המן'ס פנים. ער האט זיך פארנייגט און אויסגערופען:

— איך דאנק דיר, קעניגין, וואס דו האסט אזא געהויבענע מיינונג פון דיין קנעכט.

— ווי איך פארשטעה, המן, ביזטו א געבארענער פון שושן, און דו קענסט זיכער אלע משפחות פון דיזער שטאדט.

— א פראגע צי איך קען זיי אלעמען? — האט המן מיט שטאלץ געזאגט.

— קענסטו אויך די שעהנע מיידלעך פון שטאדט? — האט ושתי איהם געפרעגט, האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס.

— געוויס קען איך זיי! — האט המן אויסגערופען, — איך האב כמעט מיט יעדער איינער גערעדט.

— זיינען דא זעהר פיעל שעהנע מיידלעך אין שושן? — האט די קעניגין איהם געפרעגט מיט אן ערנסטע שטימע.

— דעם אמת זאגענדיג, — האט המן א זיפץ געטהאן, — איז זעהר זעלטען צו געפינען א שעהנע טאכטער ביי אונז, ביי די פרסים... אונזערע זיהן זיינען שוין א סך שעהנער פון די טעכטער, און איך דאנק און לויב די געטער פון פרס וואס מיין פרוי, זרש, האט מיר געבארען צעהן זיהן און בלויז צוויי טעכטער.

— אבער דו האסט דאך מיר נאר וואס געזאגט, אז עס זיינען יא פאראן שעהנע מיידלעך אין שושן?

— יא, גנעדיגע קעניגין, עס זיינען פאראן זעהר שעהנע מיידלעך אין שושן, אבער נישט די פערסישע טעכטער!

— וואס מיינסטו, המן? — האט ושתי איהם אנגעקוקט.

— איך מיין, — האט המן געענטפערט, — אז מיר, די פרסים זיינען נישט געבענשט מיט קיין שעהנע טעכטער, אבער אין שושן געפינען זיך זעהר פיעל יהודים, וועלכע זיינען אהער געקומען פון בבל און זיך בעזעצט אין דער הויפט־שטאדט און אויך אין פיעלע אנדערע שטעדט. ביי זיי געפינען זיך זעהר פיעל שעהנע טעכטער. יא, די אידישע טעכטער האבען א נאמען אין שושן פאר זייער שעהנקייט.

— זיינען זיי זעהר שעהן? — האט ושתי איהם איבערגעפרעגט, און א פייערל פון אייפערזוכט האט זיך אנגעצונדען אין איהרע אויגען.

— יא, זעהר שעהן! איך מיין, אז פיעלע פון זיי זיינען זעלטענע שעהנ־הייטען.

— און דו קענסט זיי אלעמען?! — האט ושתי געפרעגט, און דאס בלוט האט איהר א זעץ געטהאן אין פנים.

המן האט פארשטאנען פון איהרע בליקען אז די קעניגין איז זעהר אייפער־זיכטיג און דאריבער האט ער געזוכט איהר א חנפה צו טהאן.

— יא, עס איז אמת, זיי זיינען גאנץ שעהנע, אבער ווען מען זאל פארגליי־כען די שעהנסטע פון זיי מיט אונזער ליעבענסווירדיגער קעניגין וועט יענע אויסקוקען ווי אן אפע געגען אונזער וואונדערשעהנע קעניגין ושתי, מיט וועמען אונזער מעכטיגער קעניג אחשורוש איז געבענשט.

א שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף ושתי׳ס ליפען ווען זי האָט געהערט המן׳ס לעצטע באמערקונג.

— איך זעה, המן, אז דו ביזט טאקע זעהר קלוג, — האָט זי זיך אפגערופען.

— און דאריבער האָף איך אז איך קען מיט דיר ריידען גאנץ אָפען און זיך בע־ראטהען וואָס צו טהאָן. אָבער דו דארפסט מיר פארשפרעכען דאָס צו האלטען דערוויילע בסוד.

— זאָל אזוי מיין ווייב זרש לעבען און זיין געזונד ווי איך וועל דאָס פאר קיינעם נישט דערצעהלען, גנעדיגע קעניגין, — האָט המן אויסגערופען, — המן וויים ווי צו האלטען א סוד!...

— אויב אזוי רוק צו דיין שטוהל עטוואס נעהענטער צו מיינעם, — האָט ושתי געזאָגט, — איך וויל נישט אז אפילו מיינע קאמער־מיידלעך זאָלען דערפון וויסען.

המן האָט זיך צוגערוקט עטוואס נעהנטער און ושתי האָט זיך אפגערופען:

— דער קעניג אחשורוש פלאנעוועט צו פייערען מיט גרויס פּאראד דעם ד׳ריטען יאהרעספעסט פון זיין ארויפשטייגען דעם טראָהן, און אויך דעם דריטען יאהרעספעסט פון אונזער הייראט. די פייערונג וועט זיך פארציהען זעהר לאנג או׳ איך בין זיכער אז אחשורוש וועט קריגען די שעהנסטע מיידלעך פון שושן זיי זאָלען איהם און זיינע געסט אונטערהאלטען מיט טענץ און געזאנג... דו דארפסט אויך וויסען, אז אחשורוש האָט א גוט אויג פאר שעהנע מיידלעך און ווען ער נעהמט אביסעל וויין, קריגט ער אויך א שוואכקייט צו זיי... און דאריבער וואלט איך וועלען פארמיידען ווי וויית מעגליך אז קיין איינציגע שעהנע מיידעל זאָל זיך נישט געפינען אויף דעם מאַלצייט פון דעם קעניג, פארשטעהסטו, המן, וואָס איך מיין?!...

— איך פארשטעה גאנץ גוט, גנעדיגע קעניגין, — האָט המן געענטפערט, — איך זעה אז דו האָסט רעכט... יא, עס זיינען פאראן ביי די אידען אזעלכע שעהנע מיידלעך וועלכע וועלען שטעלען אין געפאהר... המ... איך מיין, אז ווען דער קעניג וועט זיין עטוואס בערוישט פון וויין, קען ער נאָך דענקען אז איינע פון זיי איז אזוי שעהן ווי די קעניגין... ווען דער קעניג איז ניכטער וועט ער קיינמאל אזא טעות נישט מאכען, — האָט זיך המן פארכאפּט, — אָבער ווען ער נעהמט אן איבריג ביסעל וויין, הויבען די אויגען אָן שווינדלען, קען ער נאָך מיינען אז...

— אז עס איז פאראן א שעהנערע פון מיר! — האָט ושתי פארענדיגט.

— אָ, ניין, קעניגין! — האָט המן געזאָגט, — דאָס קען אפילו א בלינדער גלייך זעהען, אז קיין שעהנערע ווי די קעניגין ושתי איז נישט צו געפינען נישט נאָר אין פרס און אין מדי, נאָר אויך איבער דער גאנצער וועלט... אָבער דאָך וועט זיין בעסער, ווען פאר דעם קעניג׳ס אויגען וועלען זיך נישט באווייזען קיין אנדערע שעהנע מיידלעך.

— נו, יעצט גיב מיר אן עצה, המן, וואָס צו טהאָן און ווי אזוי דאָס פאר־מיידען! — האָט ושתי זיך צו איהם אפּגערופען.

המן האָט דערוויילע א טראכט געטהאָן, ער האָט א קנייטש געטהאָן זיין שטערען או פלוצלינג אויסגערופען מיט פרייד:

— יא, מעכטיגע הערשערין, איך האָב אן עצה און טאקע א גוטע עצה!

— נו, זאָג מיר שנעלער! — איז ושתי אומגעדולדיג געווארען.

— ווי איך האב דיר שוין פריהער געזאגט, האסטו זיך גארנישט וואס צו שרעקען פאר די פערסישע מיידלעך. זיי זיינען ווייט פון צו זיין שעהנהייטען... אבער די אידישע מיידלעך... זיי זיינען עפעס אנדערש... צווישען זיי געפינען זיך זעלטענע שעהנהייטען, דאריבער איז מיין עצה, אז די קעניגין זאל זיי איינלאדען צו זיך, און ווען זיי וועלען אלע קומען זאלסטו זיי פארשפארען אין געפענגניס ביז וואנען די פייערונג וועט פאראיבערגעהן.

— אבער איך וועל דאך זיי נישט קענען פארשפארען אין געפענגניס אהן קיין שום אורזאכע, — האט ושתי געזאגט.

— איך וועל שוין פאר דיר קריגען אן אורזאכי — האט המן אויסגערופען מיט צופרידענהייט — די קעניגין זאל איינלאדען אלע אידישע שעהנע מיידלעך צו קומען אין איהר פאלאץ, פרייטאג, און דערווייל וועט זי זעהן זיי צו פערהאלטען ביז שבת, און ווי עס וועט ווערען דער אידישער שבת, זאל די קעניגין געבען יעדער איינער עפעס אן ארבייט צו טהאן... די אידישע מיידלעך וועלען זיכער נישט וועלען טהאן קיין ארבייט אום שבת, ווייל זייער רעליגיאן ערלויבט עס נישט, און דאן וועסטו האבען א גוטע אורזאכע זיי צו בעשטראפען פאר נישט פאלגען דער קעניגין...

— דיזע עצה, המן, געפעלט מיר זעהר! — האט ושתי אויסגערופען א צופרידענע, — יעצט איז די פראגע, ווי אזוי דאס צו טהאן. ווען איך וועל איינלאדען אלע שעהנע מיידלעך אין אלגעמיין קען דאך זיין אז פיעלע פון זיי וועלען נישט קומען.

— איך וועל שוין זעהן אז אלע שעהנע מיידלעך זאלען קומען צו דער קעניגין, — האט המן זיך אפגערופען, — איך ווייס יעדע אידישע הויז וואו עס געפינט זיך א שעהנע מיידעל, און איך וועל דארטען אליין קומען מיט דער איינלאדונג... איך בין זיכער אז יעדע אידישע מיידעל וועט זיך שעצען גליקליך ווען זי וועט אויסגעפינען אז די קעניגין האט זי איינגעלאדען...

— ביזטו אויך זיכער, המן, אז דו וועסט קיין איינציגע אידישע שעהנע מיידעל נישט פארפעהלען איינצולאדען? — האט איהם ושתי ווידער געפרעגט.

— פאר דעם קען איך גאראנטירען! — האט המן געזאגט, — איך בין געוועזען כמעט אין יעדען אידישען הויז וואו עס געפינט זיך א שעהנע מיידעל... א, ווען נישט זרש — האט ער א זיפץ געטהאן — א, זיינען זיי דאס שעהנע מיידלעך! די איינציגע זאך איז וואס זיי זיינען צו גרויסע צנועות, די אידישע מיידלעך, אבער אין דערזעלבער צייט וועט זיך יעדע פון זיי שעצען גליקליך ווען זיי וועלען קריגען אן איינלאדונג פון דער קעניגין ושתי צו ערשיינען אין פאלאץ. וועלכע מיידעל וועט זיך נישט ליעב האבען צו בארימען אז די קעניגין האלט איהר פאר א שעהנע?

— וויפיעל אז ערך שעהנע מיידלעך, גלויבסטו, געפינען זיך אין שושן?

— האט ושתי איהם געפרעגט.

— המ... — האט המן דורכגעפיהרט זיינע פינגער דורך זיין בארד — שעהנע אידישע מיידלעך זיינען פאראן אין שושן גאר א סך... אבער זעלטענע שעהנהייטען וועמען דער קעניג... איך מיין, וועלכע וועלען קענען אונטערהאלטען דעם קעניג און צוציהען זיין אויפמערקזאמקייט, אזוינע מיידלעך קען איך אין שושן אז ערך פון עטליכע און צוואנציג... אבער, אוי, זיינען זיי דאס שעהנע —

האט זיך המן גענומען בעשמאקעווען. — עס איז א מחיה אויף זיי צו קוקען... זיי וועלען מיר אפילו נאכהער אלע פארהאסען פאר דעם... אבער פאר דער קעניגין בין איך גרייט צו טהאן אלעס.

— און פאר א באלוינונג, — האט ושתי זיך אפגערופען מיט א שמייכעל,

— וועל איך דיר לאזען אויסקלייבען איינע פון די אידישע מיידלעך און טהאן מיט איהר וואס דו וועסט וועלען...

המן׳ס אויגען האבען גענומען אויפלייכטען. אין זיינע געדאנקען האט ער שוין גענומען זיך פארשטעלען אז פון אלע שעהנע אידישע מיידלעך וועט ער אויסקלייבען פאר זיך הדסה׳ן, וועלכע רופט זיך אויך אסתר... זי איז די איינציגע אידישע מיידעל מיט וועמען ער האט נאך קיין געלעגענהייט נישט געהאט צו ריידען... איהר פעטער מרדכי איז זעהר א בייזער און שטאלצער איד, און ער האט איהם נאך קיינמאל קיין געלעגענהייט נישט געגעבען אויסצוריידען א ווארט מיט זיין פלימעניצע... יעצט, ווען זי וועט קומען צו דער קעניגין און אלס שטראף פאר נישט וועלען פאלגען די קעניגין וועט זי פארשפארט ווערען אין געפענגנים, וועט זי שוין זיין צופרידען ווען ער וועט קומען און אנבאטען זי צו באפרייען, דאן וועט ער שוין מיט איהר קענען טהאן וואס ער פערלאנגט.

— איך זעה, המן, אז דו ביזט גאנץ צופרידען מיט מיין באלוינונג ? ! האסטו שוין ביי זיך אפגעמאכט וועמען אויסצוקלייבען ?...

— יא, — האט המן געריבען זיינע הענט פון גרויס פרייד, — עס איז פאראן איין יונגע מיידעל וועלכע איז די שעהנסטע אין גאנץ שושן...

— אפילו אויך שעהנער פון מיר ! — האט ושתי איהם דורכגעשטאכען מיט איהרע בייזע בליקען.

—אה, ניין, גנעדיגע קעניגין, איך האב דאך שוין לאנג געזאגט, אז אזא זעלטענע שעהנהייט ווי אונזער קעניגין איז נישט צו געפינען איבער דער גאנצער וועלט... איך מיין, אז יענע מיידעל איז שעהנער פון אלע אנדערע אידישע שעהנע מיידלעך פון שושן, אט דאס וואס איך מיין.

— און ווער איז זי ? — איז ושתי נייגעריג געווארען.

— זי איז א יתומה, — האט המן געענטפערט, — זי איז אויפגעהאדעוועט געווארען ביי א פעטער.

— אויב אזוי, זאל זי זיין די ערשטע איינגעלאדען צו ווערען ! — האט ושתי איהם באפוילען. איך וואלט איהר טאקע וועלען זעהן ! איך וועל שוין זיי אלעמען אזוי פיעל פייניגען אז זיי וועלען פארלירען זייער שעהנקייט מיט זייער חן...

— א חוץ הדסה׳ן ! — האט המן געזאגט מיט א שמייכעל.

— הדסה ? ווער איז זי ? — האט ושתי איהם אנגעקוקט.

— דאס איז די שעהנע יתומה וועלכע איך האב אויסגעקליבען אלס מיין באלוינונג.

—גוט, לאמיך איהר נאר פריהער אנקוקען און נאכהער וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאן מיט איהר ! — האט ושתי געזאגט — אויב דו וועסט דורכפיהרען מיין גאנצען פלאן און איך וועל זיין צופרידען, וועסטו שוין קיין חרטה נישט האבען. יעצט קענסטו געהן !

המן איז ארויס א צופרידענער און גליקליכער פון ושתי׳ס פאלאץ... זאל די קעניגין אויך וויסען ווי קלוג ער איז, דאן וועט זי מעגליך ריידען פאר איהם

א גוט ווארט פאר'ן קעניג, און ער וועט איהם דערהויבין צו א העכערען ראנג... אבער מעהר פון אלעם איז המן געווען צופרידען מיט זיין שליחות... יעצט וועט ער קענען אריינקומען אין יעדען אידישען הויז וואו עס געפינט זיך א שעהן מיידעל... די פאטערס פון די שעהנע טעכטער וועלען דאך זיין שטארק צופרידען וואס די קעניגין האט זיי אויסגעקליבען אלס איהרע געסט... און אפילו מרדכי, וועלכער האט איהם איינפאך פארייאגט פון זיין הויז ווען איהם האט זיך פארגלוסט בלויז איינמאל א קוק צו טהאן אויף דער שעהנער אסתר, אפילו ער וועט יעצט זיין צופרידען ווען ער וועט איהם איבערגעבען אז די קעניגין האט איהם געשיקט איינצולאדען אסתר'ן צו קומען אין איהר פאלאץ!

יא, ער וועט טאקע גלייך געהן אהין. עס איז שוין לאנג אז ער איז אפילו נישט פארבייגעגאנגען מרדכי'ס הויז. זינט יענעם מאל ווען מרדכי האט איהם פון דארט פארטריבען, סטראשענדיג איהם אז אויב ער וועט נישט צו־רוה לאזען אסתר'ן וועט ער געהן דערצעהלען זיין ווייב, זרש'ן. יעצט אבער וועט ער נישט דארפען מורא האבען טאמער וועט ער דערצעהלט זרש'ן. ער געהט דאך בלויז אויספיהרען די קעניגין'ס שליחות, — האט המן ביי זיך בעשלאסען, און האט גענומען פארשנעלערען זיינע טריט אין די ריכטונג וואו מרדכי'ס הויז האט זיך געפונען.

צווייטער קאפיטעל

## מרדכי און אסתר

אין אן אפגעזונדערטען ווינקעל, אין איינער פון די שעהנע גאסען פון שושן, איז געשטאנען מרדכי'ס הויז. אין יענער גאס האבען געוואוינט אמ־מעהרסטען די רייכע אידען פון שושן.

דארטען איז אויך אויפגעבויט געווארען א פראכטפולע גרויסע שוהל, וואו אלע אידען פון שושן פלעגען זיך צוזאמענקומען שבת און יום טוב אפצוריכטען זייער גאטעסדיענסט.

מרדכי איז געווען אן אנגעזעהענער און חשוב'ער בעל הבית און איז געווען באליעבט ביי אלע אידען פון שטאדט. זיין שעהנער פאטריארכאלישער פנים, וואס איז געווען באציערט מיט א ברייט־גרווליכער בארד און זיינע מילדע ליעבליכע אויגען האבען צוגעצויגען צו איהם פיעלע פריינד אויך צווישען די פרסים. מרדכי איז געווען עטליכע און פופציג יאהר אלט און איז געקומען קיין שושן פון בבל מיט צעהן יאהר צוריק.

די אידען אין בבל האט זיך געלעבט דאן זעהר גוט, ביז וואנען די פיעלע מלחמות און רעוואלוציעס, וואס האבען אויסגעבראכען אין לאנד און פיעלע פון זיי האבען גענומען אויסוואנדערען מיט זייער האב און גוטס נאך פרס און מדי.

מרדכי האט געשטאמט פון זעהר א בכבוד'יגער משפחה פון דעם שבט בנמין. זיין יחוס האט זיך געצויגען ביז דער משפחה פון דעם ערשטען אידישען קעניג שאול. מרדכי'ס פאטער, יאיר, איז געווען איינער פון די, וועמען נבוכדנצר דער קעניג פון בבל האט פארטריבען פון ירושלים.

גאנץ רייך איז מרדכי געווען אין בבל. געהאט זיינע פיעלע פעלדער און

גערטנער, שאָף און רינדער, גאָלד און זילבער. אבער ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

די אידען פון בבל האָבען זעהר ליעב געהאַט מרדכי'ן און ער איז געוואָרען זייער פיהרער. און ווען זיי האָבען געדאַרפט אנקומען מיט א בקשה צום קעניג, איז מרדכי געווען זייער שליח. זיינען אבער אנגעקומען פיעלע צרות אויפ'ן לאַנד. דאָס קעניגרייך פון בבל האָט אנגעפאַנגען פאַנאַנדערצופאַלען און דורך די גרויסע אומרוהען און מהומות זיינען פיעלע אידען אומגעקומען. צווישען זיי אויך אביחיל, מרדכי'ס אנקעל, און זיין פרוי, איבערלאָזענדיג זייער איינציגע טאָכטער, הדסה, א יתומה.

דיעזער גרויסער אומגליק, וואָס איז באַפאַלען די משפחה פון זיין אנקעל, האָט מרדכי'ן אזוי ערשיטערט, אז ער האָט באַשלאָסען אויסצוּוואַנדערען פון בבל. ער האָט די אַכט־יעהריגע הדסה צוגענומען פאַר זיין אייגענער טאָכטער, און אויספאַרקויפענדיג זיינע פעלדער און הייזער, האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך שושן, די הויפּטשטאָדט פון פרס. דאָרטען האָט ער שוין געפונען א גאַנץ גרויסע אידישע קהלה. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מרדכי איז געוואָרען ערפאָלגרייך אויך אין שושן...

פיעלע פון די איינגעוואַנדערטע אידען האָבען איהם נאָך געקענט פון בבל און ער איז גלייך באַריהמט און געאַכטעט געוואָרען פון אלעמען. זיין הויז איז געוואָרען א פּלאַץ, וואו אלע געלערענטע און בכבוד'יגע איינוואוינער פון שושן פלעגען זיך צוזאַמענקומען צו פאַרברייינגען אין לערנען די תורה און איהרע געזעצען. קציעה, מרדכי'ס פרוי, האָט געזעהן, אז די געסט זאָלען זיך פיהלען באַקוועהם אין איהר הויז.

קציעה איז געווען אין דעם זעלבען עלטער פון איהר מאַן און כאָטש זי האָט פיעל געליטען פון דעם, וואָס זי האָט קיין קינדער נישט געבוירען צו מרדכי'ן, האָט זיך יעצט געפיהלט גאַנץ גליקליך מיט דער קליינער הדסה, די טאָכטער פון איהר מאַנ'ס אנקעל, וועמען זיי האָבען ערצויגען אלס זייער אייגענע טאָכטער.

הדסה איז אלט געווען אַכט יאָהר, ווען מרדכי האָט זיך באַזעצט אין שושן. זי איז געווען אזוי באַצויבערענד שעהן, אז יעדער איינער, וועלכער האָט זי צום ערשטען מאָל דערזעהן, האָט פון איהר די אויגען נישט געקענט אראָפּטערנעהמען. ווי א בליהענדע שעהנע רויז אין א פּראַכטפולען גאָרטען איז הדסה געוואַקסען אין מרדכי'ס הויז. וואָס עלטער זי איז געוואָרען, אלץ שעהנער האָט זי זיך ענטוויקעלט.

ווען זי פלעגט ארויסגעהן אויף א שפּאַציער מיט מרדכי'ן און קציעה'ן איבער די גאַסען פון שושן, פלעגען די דורכגעהער אנצייגען אויף איהר מיט'ן פינגער און אויסרופען: "אָט געהט דער ליכטיגער שטערען פון פרס!"

מרדכי האָט ערצויגען הדסה'ן אין דעם אידישען גייסט. ער פלעגט זי לערנען די תורה און איהר דערצעהלען די געשיכטע פון איהר פאָלק.

זעהר ליעב האָט הדסה געהאַט איהרע אנגענומענע עלטערען און איז זיי געווען געטריי און איבערגעבען. איבערהויפּט האָט זי ליעב געהאַט מרדכי'ן און פלעגט מיט איהם פאַרברייינגען דעם גאַנצען טאָג.

אין מרדכי'ס הויז פלעגען אויך אריינקומען זיינע פיעלע נישט־אידישע

גוטע פריינד, וועלכע פלעגען ליעב האבען צו פארברייגגען מיט איהם און צו הערען זיינע קלוגע רייד. איינער פון מרדכי'ס בעסטע פערסישע פריינד איז געווען חרבונה, א בעאמטער אין דעם פאלאץ פון דעם קעניג אחשורוש.

יעדען אווענט, ווען חרבונה פלעגט פריי ווערען פון זיינע פליכטען אין פאלאץ, פלעגט ער קומען באזוכען מרדכי'ן און איהם איבערגעבען אלע פאסירונגען פון דעם קעניגליכען הויף. אפטמאל פלעגט חרבונה קומען צו מרדכי'ן מיט זיינע טעכטער, ווייל ער האט געוואלט, אז זיינע טעכטער זאלען זיך חבר'ן מיט דער שעהנער און באשיידענער הדסה'ן.

— דו ווייסט, מרדכי! — האט זיך איינמאל חרבונה צו איהם אפגערופען.
— דיין טאכטער איז די שעהנסטע מיידעל אין גאנץ פרס און מדי. אין שטאדט רופען זי אלע "אסתר", וואס מיינט אין אונזער פערסישער שפראך "א ליכטיגער שטערען". זי שיינט ווירקליך ווי א ליכטיגער שטערען אויף די בלויע הימלען פון פרס.

— געלויבט איז גאט! — האט מרדכי צו איהם געזאגט — וואס איך האב א רעכט צו שטאלצירען מיט מיין טאכטער נישט בלויז צוליעב איהר שעהנקייט, נאר אויך צוליעב איהרע פיעלע אנדערע מעלות, וואס דער באשעפער האט איהר באגאבט מיט א ברייטער האנט.

— די טעכטער פון ישראל זיינען אלע באשאנקען מיט שעהנקייט, אבער יעדער איינער, וועלכער דערזעהט דיין טאכטער, קען זיך נישט גענוג אנלויבען פון איהר. זי וואלט געפאסט צו זיין די קעניגין איבער זיי אלעמען. און איך מוז דיר באדאנקען פון מיין טיעפסטען הארצען, וואס דו האסט ערלויבט אסתר'ן זיך צו חבר'ן מיט מיינע טעכטער.

— אסתר'ן? — האט מרדכי א שמייכעל געטהאן. — ביי מיר הייסט זי נאך אלץ הדסה.

— מיינע טעכטער אבער, ווען זיי רעדען פון איהר, רופען זיי זי מיט'ן נאמען אסתר און איך גלויב, אז דער נאמען אסתר פאסט זיך צו איהר א סך מעהר ווי הדסה.

— איך בין אויך איינשטימיג מיט חרבונה'ן! — האט זיך קציעה אריינגעמישט, — אז אסתר איז א מעהר פאסענדער נאמען פאר אונזער טאכטער. אין גאס רופען זי אלע אסתר. פארוואס זאלען מיר אין הויז זי אויך נישט רופען מיט דיזען נאמען?

— אויב דיר געפעלט דער נאמען "אסתר" בעסער, קענסטו זי רופען מיט דיזען פערסישען נאמען, אבער איך וועל זי רופען מיט איהר פריהערדיגען נאמען הדסה! — האט מרדכי זיך אפגערופען מיט א שמייכעל.

— ווען איהר נאמען וועט אומגעביטען ווערען אויף אסתר, וועט פאר איהר נישט זיין איבעריג שווער צו ווערען איינע פון ושתי'ס קאמער־מיידלעך! — האט חרבונה געזאגט.

— אויב דו ווילסט אנהאלטען מיין פריינדשאפט, חרבונה, — האט מרדכי זיך אפגערופען מיט אן ערנסטער שטימע, — זאלסטו אין מיין הויז קיינמאל נישט רעדען וועגען דער מעגליכקייט, אז מיין טאכטער זאל ווערען דער קעניגינ'ס קאמער־מיידעל, ווייל נישט איך און נישט הדסה האבען ווען עס איז אזעלכע געדאנקען!

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען, מרדכי!—האט חרבונה זיך צו איהם אפגערופען. — איך האב נישט געמיינט קיין שלעכטס. איך ווייס, אז יעדער מיידעל פון פרס וואלט זיך געשעצט גליקליך אנגענומען צו ווערען אין ושתי׳ס פאלאץ. איך ווייס אויך פון אייניגע אידען, וועלכע האבען מיך געבעטען איך זאל זיך משתדל זיין פאר זייערע טעכטער, פיעלייכט וועט ושתי זיי וועלען אננעהמ[illegible] פאר איהרע קאמער־מיידלעך.

— אויב אלע אידישע מיידלעך האבען אזא פארלאנג, בין איך דאך אבער זיכער, אז מיין הדסה איז גאנץ ווייט פון אזעלכע געדאנקען. און אויב דו ווילסט זיך איבערצייגען, וועל איך זי באלד אריינרופען און פרעגען אין דיין אנוועזענהייט.

מרדכי האט א וואונק געטהאן צו קציעה׳ן און זי האט גלייך אריינגערופען הדסה׳ן.

— הדסה! — האט זיך מרדכי צו איהר אפגערופען. — חרבונה האט מיר נאר וואס דערצעהלט אז כמעט יעדע אידישע מיידעל וואלט זיך געשעצט גליקליך אנגעשטעלט צו ווערען אין ושתי׳ס פאלאץ. און אויב דו פארלאנגסט, וועט חרבונה רעדען א גוט ווארט פאר דיר און דו וועסט אריינגעבראכט ווערען אין איהר פאלאץ אהן קיינע שוועריגקייטען.

— אה ניין! — האט הדסה אויסגערופען. — איך האב נישט קיין פארלאנג צו געהן אין דער קעניגינ׳ס פאלאץ! איך וועל אהין קיינמאל נישט געהן!

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף מרדכי׳ס ליפען און ער האט זיך אפגערופען:

— אויב דו ווילסט נישט, וועט דיך קיינער נישט צווינגען. איך מוז דיר זאגען דעם אמת, אז איך האב אזוי פיעל חשק ווי דו, אבער ווען איך האב געהערט, אז פיעלע פון די אידישע מיידלעך שטרעבען דערצו, האב איך געדענקט, אז דו ביזט אויך איינע פון זיי.

הדסה׳ס פנים איז בארעקט געווארען מיט א רויטקייט. זי האט פארשעהמטערהייט ארונטערגעבויגען איהר קאפ. חרבונה האט זי אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס מיר קומט אויס צו זעהן, אז א יונגע מיידעל זאל זיך ענטזאגען פון אזא כבוד! — האט ער זיך אפגערופען צו מרדכי׳ן, ווען זי האט פארלאזען דעם צימער.

אויב מרדכי איז געווען גאנץ צופרידען פון חרבונה׳ס באזוכען אין זיין הויז, איז איהם אבער געוועזן גאנץ דערווידער די באזוכען פון א צווייטען קעניגליכען בעאמטען און דאס איז געווען המן, דער זוהן פון המדתה.

נישט נאר מרדכי אליין איז געווען אומצופרידען, ווען המן האט זיך באוויזען אין דער אידישער נאכבארשאפט, נאר אויך די איבעריגע אידען פון שושן, איבערהויפ[illegible] די עלטערען פון שעהנע טעכטער. אלע האבען געוואוסט די מאטיווען פון המנ׳ס באזוך אין דער אידישער גאס. ער פלעגט נישט דורכלאזען קיין שעהנע אידישע מיידעל, מיט וועלכער ער פלעגט זיך נישט פארטשעפען. און דעריבער, ווען המן פלעגט זיך באווייזען אין גאס, פלעגען די מיידלעך זיך באהאלטען אין זייערע היימען. המן פלעגט זיך ארומדרעהען א היבשע צייט אין דער אידישער גאס און נאכהער אוועקגעהן. אזוי פלעגט פאסירען, ווען המן

איז געווען אן איינפאכער בירגער. דאן פלעגט ער נישט וואגען אריינצוגעהן אין א אידיש הויז. ווי אבער המן האט געקראגען אן אמט ביי אחשורוש׳ן, ער האט איהם געמאכט פאר איינעם פון די זיבען משרתים, וועלכע פלעגען קומען רופען די קעניגין, ווען דער קעניג פלעגט פארלאנגען, דאן האט שוין המן גאנץ אנדערש געהאנדעלט. ער פלעגט אנטהאן די קליידער, וואס ער פלעגט טראגען אין קעניגליכען פאלאץ און אזוי אוועקשפאצירען אין דער אידישער גאס. יעצט האט המן געפיהלט, אז די אידען האבען געקראגען דרך ארץ פאר איהם. ער פלעגט זעהן ווי כמעט יעדער איינער פון זיי באגריסט איהם מיט א הכנעה׳דיגען שמייכעל. דאס האט איהם געגעבען מעהר מוטה און ער פלעגט אויך אנפאנגען אריינצוקומען אין די אידישע הייזער, וואו עס פלעגט זיך געפינען א שעהנע מיידעל. פיעלע פון די אידען האבען זיך דערפון געפונען גאנץ געשמייכעלט, וואס א בעאמטער פון קעניג קומט זיי באזוכען און מען פלעגט המנ׳ען מכבד זיין מיט פארשיעדענע זיסע כבודים. אבער די, וועלכע האבען המנ׳ען געקענט פון פריהער און האבען גאנץ גוט געוואוסט זיין יחוס, פלעגען איהם גאנץ קאלט אויפנעהמען.

דאך זיינען געווען איינינע אידען, וועלכע פלעגען זיך באריהמען פאר זייערע פריינד אין שוהל:

— דו ווייסט ווער עס איז ביי מיר געווען אין הויז פאר א באזוך? — פלעגט זיך א איד אפרופען צו א צווייטען, נישט מיט ווינציג שטאלץ, — המן האט ביי מיר היינט פארבראכט א היבשע צייט.

— וואס איז מיט דיר די גדולה, אז המן האט באזוכט דיין הויז?

— וואס רעדסטו? ווייסטו דען נישט ווער המן איז? ער איז דאך איינער פון די זיבען משרתים, וועלכע געפינען זיך אין פאלאץ און דורך וועמען דער קעניג שיקט רופען די קעניגין ושתי!

— און ביי מיר וועט המן פארבלייבען דער זעלבער בעדער, וואס ער איז אמאל געווען... איך געדענק איהם נאך, ווען ער פלעגט מיך ארומשערען און ארומוואשען אין בית המרחץ... ניין, מיין פריינד! המן קען נישט שטאלצירען מיט זיין יחוס פאר מיר!

— וואס עס איז געווען אמאל איז עפעס אנדערש. יעצט אבער איז המן א גאנץ חשוב׳ער מאן און זיינס א ווארט האט געוויכט! אט האט ער מיר נישט לאנג צוריק פארשפראכען, אז ער וועט זיך זעהן משתדל זיין פאר מיין טאכטער זי זאל אריינגענומען ווערען אין ושתי׳ס פאלאץ. "אזא שעהנע טאכטער ווי דו האסט, פאסט פאר איהר זיך צו געפינען אין פאלאץ פון דער קעניגין", האט מיר המן געזאגט. יא, דו דארפסט נישט פארגעסען, אז המן זעהט זיך מיט דער קעניגין כמעט יעדען טאג און אז ער זאל וועלען זאגען איין גוט ווארט פאר מיין טאכטער, וועט מיין גאנצע משפחה גליקליך זיין.

— אויב דו דענקסט, אז בלויז דיין טאכטער האט המן געריהמט און פארשפראכען זי פארצושטעלען פאר דער קעניגין, מאכסטו אויך א טעות! — האט זיך א דריטער איד, וועלכער האט זיך אונטערגעהערט צו זייער געשפרעך, אריינגעמישט. — ווען המן האט דערזעהן מיין טאכטער, איז ער אזוי ענטציקט געווארען פון איהר שעהנקייט און ווען איך וואלט איהם נאר געבעטען, וואלט ער זי גלייך אוועקגעפיהרט צו דער קעניגין.

— נאָר וואָס האָט דיר אָפּגעהאַלטען? — האָט דער ערשטער איד א שמייכעל געטהאָן.

— מען זאָגט, אז די קעניגין האָט די אידישע טעכטער נישט איבעריג ליעב.

— נו, געוויס! אידישע טעכטער, וועלכע זיינען ווייט פון שעהנהייטען, האָט ושתי נישט ליעב. און פאַרוואָס זאָל זי זיי ליעב האָבען? ווינציג נישט קיין שעהנע מיידלער קען זי קריגען פון די פּערסישע טעכטער? יאָ, מיין פריינד, ווען דיין טאָכטער וואָלט געווען אזוי שעהן ווי דו דענקסט, דאן וואָלסטו נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבען.

— נישט נאָר איך דענק, אָבער המן דענקט אויך אזוי און אויף איהם קען מען זיך פאַרלאָזען... ער איז א מבין!

— המן איז א מבין אויף א שעהן מיידעל? ! ביי איהם איז יעדע מיידעל, אבי זי איז עטוואָס שעהנער פון זיין פרוי, זרש'ן, איז זי שוין א יפת תואר... יאָ, ברודער, איך געדענק נאָך ווען המן פלעגט פאַרטיג ווערען מיט זיין ארבייט אין בית המרחץ, פלעגט ער זיך אָוועקשטעלען אין גאַס, וואו דער פרויען בית המרחץ געפינט זיך, און זיך פאַרטשעפּען מיט יעדער יונגער פרוי, וועלכע איז געווען אויפ'ן וועג אהיים פון בית המרחץ. ביז וואַנען מען האָט איהם גע'מסר'ט פאר זיין פרוי זרש... כאַ־כאַ־כאַ! ווען איך דערמאָן זיך יענע סצענע, ווען זרש איז אנגעקומען אויף דעם פּלאַץ... איך בין גראָדע דאָן דאָרטען פאַרבייגעגאַנגען. זרש איז א ווילדע געשטאַנען באַוועגלאָז אויף איהר פלאַץ און אָנגעווענדעט איהרע בליקען אויף איהר טייערען מאַן. המן האָט, ווי עס ווייזט אויס, זי נישט באַמערקט. קומט דאַן ארויס א גאַנץ שעהנע אידישע מיידעל פון בית המרחץ און איילט זיך אהיים. אהאַ! המן איז דאָ! ער פאַרלויפט איהם דעם וועג... דאָס מיידעל זוכט איהם אויסצומיידען, אָבער המן שטערט איהר. "הויב אויף דיין פנים, שעהנע מיידעל!" רופט המן אויס גאַנץ הויך, "לאָמיך מיינע בליקען אנזעטיגען מיט דעם ליכט פון דיינע שעהנע אויגען! אָה, ווי שעהן זי איז! מיין זרש מעג זיין די כפרה פאַר דיין מינדעסטען נאָגעל!" דאָס מיידעל האָט מיט כעס אומגעדרעהט איהר פנים און פאַרשנעלערט איהרע טריט. המן אָבער האָט אָנגעפאַנגען איהר נאָכצוגעהן. פּלוצלונג דערהערט זיך א הויכע קוויטשענדיגע שטימע: "המן!" איך האָב באַמערקט ווי המן איז געבליבען שטעהן בלייך ווי דער טויט. ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט אפילו מורא גע־האַט אומצודרעהען זיין קאָפּ.

— המן, קום נאָר אהער! — האָט זרש זיך פאַנאַנדערגעקוויטשעט.

באַלד האָבען זיך אַלע פאַרבייגעהער אָפּגעשטעלט. יעדער האָט געוואוסט, אז דאָ וועט באַלד פאָרקומען עפּעס אמוזירענדעס. און די פרויען האָבען טאַקע געוואָלט זעהען נקמה אָן איהם.

המן איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי א געפּלעפּטער. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געריכט, אז זיין זרש זאָל אהער קומען. מיר האָבען גע־קענט באַמערקען ווי עס טרייסעלט איהם א צאָהן אָן א צאָהן. זרש'ס צאָרן האָט אין איהר נאָך מעהר געברענט און ווען זי האָט איהם נאָך א פּאָר מאָל א רוף געטהאָן און געזעהן, אז ער דיהרט זיך נישט פון אָרט, האָט זי אויפגעהויבען א דיקען צווייג, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד נישט ווייט פון איהר און זי איז צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם דערלאַנגט! אָה, ווי מיר אַלע האָבען

דאן אנגעקוואלען. המן האט זיך געקארטשעט און געדרעהט אין דרייען פון יסורים און די געזונטע זרש האט געהאקט אויף רעכטס און אויף לינקס: "ווארט המן, איך וועל דיר ציינען ווי אזוי איך מעג זיין די כפרה פאר דעם מיידעל'ס מינדעסטען נאגעל!"

— און וואס האט המן דאן געטהאן?

— וואס זאל ע' טהאן ; ער האט אין זיך ארייננענומען די קלעפ און נעשוויגען... נאך שעהנער איז געווען ווי זרש האט איהם געהאלטען פאר'ן קאלנער און געשלעפט אהיים. אזוי ווי א קעלבעל, וואס געהט צו דער שחיטה, אזוי איז ער איהר נאכגעגאנגען.

— איך קען זיך פארשטעלען וואס פאר א פארציע ער האט פון זרש'ן געהאט אין דער היים! — האט נאך א איד געלאכט.

זינט דאן איז המן געווארען אוים בעדער! און ער האט אויך אויף א קורצע צייט אויפגעהערט צו בעלעסטיגען די אידישע פרויען.

— ווער האט עס געקענט מסר'ן זרש'ן?

— המן ווייס עד היום נישט ווער עס האט איהם פאר'מסר'ט. זרש האט איהם קיינמאל נישט דערצעהלט, געוועהנליך פארשטעהט ער אז עס שטאמט פון די אידען.

— וואס דען, די פערסער וואלט א סך געארט אויב המן וואלט זיך פארטשעפעט מיט זייערע פרויען.

— ווי עס ווייזט אויס, דארף אט די זרש זיין א שטארקע פרוי. איך האב איהר נאך קיינמאל נישט געזעהן.

זי האט איהם געבוירען צעהן זיהן און צוויי טעכטער, און געזונט איז דאס ווי אן אייזען... המן ציטערט פאר איהר ווי פאר פייער... און אפילו נישט לאנג צוריק ווען אימיצער האט געוואלט אז המן זאל אויפהערען איהם צו בעלעסטיגען מיט זיינע בעזוכען, פלעגט מען איהם בלויז דארפען געבען א וואונק, אז מען וועט איבערגעבען זרש'ן די מאטיווען פון זיינע בעזוכען אין דעם אדער אין יענעם הויז, און דאס איז געווען גענוג אז המן זאל זיך דארטען נישט ווייזען פאר מאנאטען לאנג.

— נו, יא, אט דאס איז דער המן מיט וועמען דו בעריהמסט זיך אזוי, אז ער האלט דיין טאכטער פאר א יפת תואר! — האט ער דעם ערשטען אידען א קיבעץ געטהאן.

— יעצט אבער איז המן אין גאנצען אנדערש... א קלייניגקייט אזא חשוב אין דער מלוכה... געהט פון דעם קעניג צו דער קעניגין און פון דער קעניגין צום קעניג... יעצט האט שוין אפילו מרדכי געקראגען דרך ארץ פאר איהם.

— און איך האב געהערט, — האט זיך נאך א איד ארייננעמישט, — אז מרדכי האט טאקע דא נישט לאנג ארויסגעטריבען המן'ען פון זיין הויז, סטראשענדיג איהם, אז אויב ער וועט נישט צו־רוה לאזען הדסה'ן וועט ער דערצעהלען זיין ווייב זרש'ן.

— דאס קען זיך נאר מרדכי ערלויבען אזא זאך... א קלייניגקייט זיך איינצורייסען מיט אזא הויכען בעאמטען פון קעניג.

— נו, און וואס דען, לאזען איהם קריכען אויפ'ן קאפ!? אויב ער איז

א בעאמטער ביי אחשורוש׳ן זאל מיט איהם זיין ווייב שטאלצירען... ער האט קיין רעכט נישט צו קומען בעזוכען א הויז וואו מען דולדעט איהם נישט...

— איך גלויב, אז יעצט האט ער שוין פאר זרש׳ן נישט אזוי מורא ווי פריהער... זרש וואלט יעצט נישט געוואגט צו שלאגען המן׳ען אין מיטען גאס מיט א דיקען צווייג.

— אויב אזוי, קענסטו נישט זרש׳ן... זי וואלט זיך אפילו נישט געשראָקען צו קומען אין פאלאץ פון דעם קעניג אנצוברעכען המן׳ען די ביינער... המן ווייס דאס גאנץ גוט, און דאריבער אז מען זאגט איהם, אז מען וועט דערצעהלען זרש׳ן, וועט ער שוין מעהר נישט וואגען צו טהאן דאס וואס מען וויל נישט...

— איהר מעגט זיך אלע זאגען וואס איהר ווילט, — האט דער ערשטער איד ווייטער זיך אפגערופען, — אבער יעצט אז המן קומט אריין אין א אידישע הויז, איז עס טאקע א גרויסער כבוד!... שטעלט זיך פאר, איך זיץ מיר אזוי מיט דעם זעלבען מאן וועלכער געפינט זיך אין קעניג׳ס פאלאץ, און טרינק מיט איהם ווייו... ער דערצעהלט מיר וואס עס איז היינט פארגעקומען אין פאלאץ, וואס דער קעניג האט מיט איהם גערעדט, וואס ער האט געדארפט איבערגעבען דער קעניגין... ער ווייס אפילו וואס פאר א מאכלים דער קעניג און די קעניגין האבען געגעסען... ער זעהט אפילו ווי אחשורוש שמייכעלט צו ושתי׳ן, אלעס זעהט ער און ווייס... נו, איז עס דען נישט קיין פארגעניגען צו פארברייגגען מיט אזא מאן... בפרט ווען ער זאגט נאך מיר צו, אז ער וועט זיך זעהן סטארען אז מיין טאכטער זאל אריינגענומען ווערען אין ושתי׳ס פאלאץ...

— דענק נישט אז דו ביזט דער איינציגער צו ווען המן רעדט אזוי! מיר האבען שוין עטליכע דערצעהלט אז המן פארשפרעכט זיי פארצושטעלען פאר דער קעניגין.

— זאג איך דען אז מיין טאכטער איז די איינציגע שעהנע מיידעל איז שושן? אבער זי איז דאך פארט א שעהנע.

— לאמיר זאגען, אז מרדכי׳ס טאכטער הדסה, איז אביסעל שעהנער פון דיין טאכטער, און פון דעסטוועגען איז מרדכי גארנישט אזוי נייגעריג אז זיין טאכטער זאל זיך געפינען אין ושתי׳ס פאלאץ.

— זי איז אזוי זיין טאכטער, אזוי ווי דו ביזט מיין זוהן!... הדסה איז גאר די טאכטער פון מרדכי׳ס אנקעל...

— וואס פאר א נייעס דערצעהלסטו? מיר אלע וויסען דאס, אבער ער האט איהר אנגענומען פאר זיין טאכטער און יעצט איז זי טאקע פאררעכענט ווי זיין אייגען קינד. און אז זי איז אביסעל שעהנער פון דיין טאכטער, ווערסטו דאך אליין צוגעבען?!...

דער איד האט איהם גארנישט געענטפערט... ער איז גלייך אוועקגעגאנגען זיין וועג.

---

ווען המן האט פארלאזען ושתי׳ס פאלאץ און איז געגאנגען אין דער ריכטונג וואו מרדכי׳ס הויז איז געשטאנען דורכצופיהרען דער קעניגינס שליחות, האט ער זיך געפיהלט ברייטער ווי לענגער... ער האט גענומען טראכטען פון דער מעגליכקייט אז די שעהנע אסתר וועט אין גאנצען איבערגעגעבען ווערען אין זיינע הענד, איז א ווארימקייט דורכגעגאנגען זיין קערפער... יעצט אז ער איז

געווארען אויך א חשוב ביי דער קעניגין, דארף ער שוין נישט אזוי שטארק מורא האבען פאר זיין זרש'ן... ער קען איהר זאגען, אז אזוי איז ושתי'ס פארלאנג, און דאס וועט איהר שוין אײנשטילען... און אפילו ווען ער זאל וועלען נעהמען אסתר'ן פאר זיין פרוי, וועט זי איהם שוין אויך מעהר נישט שטערען, אויב ער וועט דערצו האבען ושתי'ס צושטימונג.

זיינע פיס האבען איהם פלינק געטראגען און זיינע געדאנקען זיינען נאך פלינקער געפלויגען אין זיין מח... ווי שטארק מקנא ער איז געווען חרבונה'ן, וועלכער טראגט דעם זעלבען אמט וואס ער איז דער מלוכה... ער האט געוואוסט אז חרבונה איז מרדכי'ס א גוטער פריינד און קומט איהם אפט בעזוכען... דערצו האט נאך חרבונה דערוואקסענע טעכטער וועלכע קענען זיך חבר'ן מיט אסתר'ן... יעצט אבער וועט ער זיי אלעמען ווייזען אז ער איז קליגער פאר זיי און ער וועט קריגען אלעס וואס זיין הארץ געלוסט... יא, ער וועט אסתר'ן בלומרשט קומען באַ־פרייען פון געפענגנים, און דאמיט איהר איבערצייגען ווי שטארק ער האט זיך בעמיהט פאר איהר אז די קעניגין זאל איהר בעגנאדיגען... דורכדעם וועט ער געפינען חן אין איהרע אויגען... און טאמער וועט זי נישט וועלען צושטימען, וועט ער איהר סטראשען אז זי וועט פאר איהר פארברעכען געגען דער קעניגין, פארבלייבען אין געפענגנים איהר גאנצען לעבען... דאן וועט זי שוין צושטי־מען...

א פרעהליכער און מונטערער איז המן צוגעקומען צו מרדכי'ס הויז... א ווײלע איז ער געשטאנען און בעטראכט די וואהנונג, נאכהער האט ער זיך געפאסט מוטה און איז אהין אריינגעגאנגען.

מרדכי און קציעה האבען אנגעקוקט, מיט עטוואס ערשטוינונג, דעם אונ־געוואונשטען און אונגעבעטענעם גאסט.

המן האט זיך אויסגעגלייכט און מיט א שמייכעל אויסגערופען:

— איך בין געקומען ריידען מיט אסתר'ן!

— וואס מיינסטו?! — האט מרדכי קוים געקענט באהערשען זיין כעס, — האב איך דיר שוין לאנג נישט אנגעזאגט אז דו זאלסט מיין טאכטער צו־רוה לאזען.

— אבער דיזען מאל קום איך צו ריידען צו איהר, אין נאמען פון דער קע־ניגין ושתי — איז המן'ס שמייכעל נאך ברייטער געווארען.

— האט די קעניגין ושתי דיך געשיקט צו ריידען צו אונזער אסתר'ן? — האט קציעה געפרעגט המן'ען.

— געוויס! — האט המן אויסגערופען, — די קעניגין גרייט זיך צו מאכען א גרויסע פייערונג און זי וויל אויסקלייבען די שעהנסטע מיידלעך פון שושן, וועלכע זאלען בעשיינען איהר מאלצייט, און זי האט מיך געבעטען איינצולאדען אלע שעהנע מיידלעך אלס די געסט פון דער קעניגין... און איך האב איהר געזאגט אז די טאכטער פון מרדכי'ן איז די שעהנסטע אין גאנץ פרס, האט זי מיר געהייסען איהר איינלאדען די ערשטע צו איהר פאלאץ.

—צום בעדויערען איז מיין טאכטער יעצט נישטא אין דער היים, — האט מרדכי געזאגט.

— איך דאנק דיר, המן, — האט קציעה זיך אפגערופען, — ווען אסתר וועט זיך אומקעהרען אהיים, וועל איך איהר איבערגעבען אז זי איז איינגעלא־

דען געווארען צו קומען און איך בין זיכער, אז זי וועט זיין צופרידען צו הערען פון דער גרויסער עהרע וואס די קעניגין טהוט צו איהר.

— און גלויבסטו אז זי וועט געווים קומען? — האט איהר המן איבער־געפרעגט.

— געווים, וועט זי קומען! — האט קציעה געענטפערט.

— דאן זאלסטו איהר זאגען, אז זי זאל קומען דעם קומענדען פרייטאג אין־דער־פריה, דאן וועט ושתי אלע שעהנע מיידלעך פון שטאדט אויפנעהמען.

— האט המן געזאגט און פארלאזען דאס הויז.

ווען המן איז אוועקגעגאנגען, האט זיך מרדכי אפגערופען צו זיין פרוי.

— איך זעה נישט איין, קציעה, פארוואס דו ביזט געווען אזוי דאנקבאר צו המנ'ען פאר זיין יעצטיגען בעזוך...

— און איך זעה נישט איין פארוואס דו זאלסט זיין אנדערש פון די איבע־ריגע אידען! — האט קציעה איסגערופען עטוואס ברוגז — שטעל זיך פאר, די קעניגין אליין, שיקט איינלאדען אונזער טאכטער, איז עס דען פאר אונז אליין נים א גרויסער כבוד? ! וועלכע אידישע מיידעל וואלט זיך נים געשעצט גליקליך אזא איינלאדונג צו בעקומען?... און וועלכע אידישע עלטערען וואלטען נישט גע־שטאלצירט, ווען המן קומט צו זיי אריין אין נאמען פון דער קעניגין און זאגט זיי אז ושתי האט זיך פאראינטערעסירט אין זייער טאכטער? און יעצט אז המן קומט און זאגט אונז אז ער האט איבערגעגעבען דער קעניגין דאס אונזער אסתר איז די שעהנסטע אין גאנץ פרס, און ושתי האט איהם דערפאר איהר געהייסען איינלאדען די ערשטע! זאל איך דען נישט זיין צופרידען און דאנק־באר צו המנ'ען?...

— און איך וואלט המנ'ען אויך מוחל געווען דיזען כבוד נאר ער זאל צו מיר אין הויז מעהר נישט קומען! — האט מרדכי איהם געענטפערט — ווען איך בעמערק ווי המן נעהמט דורכדרינגען הדסה'ן מיט זיינע בליקען, ווינש איך אז זיין פוס זאל מעהר נישט אריבערטרעטען מיין שוועל.

— איך גלויב, מרדכי, אז דו מאכסט א טעות, המן איז שוין נישט דער זעלבער וואס ער איז געווען פריהער... ער איז יעצט א חשוב ביי דעם קעניג, און מיר דוכט זיך אז ער האט מעהר איינפלוס איבער דער קעניגין אפילו ווי חרבונה, דיין פריינד... זעהסטו דען נישט אז ושתי האט איהם אויסגעקליבען איינצולאדען איהרע געסט... יע, זי פערלאזט זיך אויף זיין געשמאק און אז ער איז געקומען גלייך צו אונז, מעגען מיר זיכער שטאלצירען מיט אונזער אסתר'ן... איך זאג דיר אז אסתר וועט שטארק נושא חן זיין ביי דער קעניגין... זי וועט בעשיינען און בעלייכטען איהר מאהלצייט...

— און דאס איז טאקע די אורזאכע וואס איך בין נישט איבעריג צופרידען דערפון. איך וויל ניט אז הדסה זאל צוציהען צופיעל אויפמערקזאמקייט אין דעם קעניגליכען הויף... איך ווייס גאנץ גוט וואס פאר אן איבלען עס דראהט א שעהנע מיידעל אין פאלאץ.

— ביז ווי לאנג מרדכי וועסטו זיך ארומטראגען מיט דיינע אלטע בעגרי־פען פון בבל... דארטען, אין בבל איז געווען א גרויס געפאהר פאר א אידישע טאכטער זיך צו געפינען אין קעניגליכען פאלאץ... דא, אין פרס איז דאך אנדערש. מיר אידען געניסען אלע פרייהייטען.... פארוואס זאלען מיר זיין אפגעזונדערט.

מען זאָגט אז צווישען די אריינגעהער אין קעניגליכען פּאַלאַץ געפינען זיך אויך איינציגע אידען... עס איז זיכער א גרויס כבוד צו האָבען די מעגליכקייט אריינצוקומען אין פּאַלאַץ.

— דו פערגעסט, קציעה, אז עס איז געווען א צייט ווען די אידען אין בבל האָבען זיך אויך געלעבט גאַנץ רוהיג. זיי האָבען גענאָסען אלע פרייהייטען און האָבען זיך געפונען אין קעניגליכען פּאַלאַץ; דניאל, חנניה, מישאל און עזריה זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין קעניגליכען הויף פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך ווינציג אַנגעליטען?! איך גלויב אז מיר אידען דארפען ווייכען פון דעם קעניגליכען הויף...

— עס וועט פאַר אסתר'ן קיין רעה ניט זיין אויב זי וועט אַננעהמען די קעניגין'ס איינלאדונג — האָט קציעה געזאָגט. איך זאָג נישט אז זי זאָל דאָרטען פערבלייבען... אָבער אויף א בעזוך קען זי דאָך דאָרטען קומען, און בפרט ווען עס וועלען דאָרטען זיין די שעהנסטע אידישע טעכטער פון שטאָדט.

— אויב הדסה וועט וועלען אַננעהמען דער קעניגין'ס איינלאדונג וועל איך איהר נישט שטערען. אָבער לויט ווי איך קען איהר, איז הדסה נישט אזוי שטארק בעגייסטערט צו בעזוכען די קעניגין'ס פּאַלאַץ.

— געוועהנליך ווען דו וועסט איהר ראטהען דאָס ניט צו טהאָן, וועט זי דיך פאָלגען — האָט קציעה זיך אָפּגערופען. דו ווייסט דאָך אז אסתר וועט קיין זאַך נישט טהאָן ווען זי ווייס אז עס איז דיר נישט צום הארצען. אָבער איך זאָג דיר, אז דו האָסט איהר נאָך געדארפט צוריידען דערצו, ווייל אויב די אנדערע מיידלעך וועלען דאָרטען זיין, וועט אסתר'ן שטארק פערדריסען וואָס זי איז אהין נישט געגאַנגען.

— עס איז שוין צייט, קציעה אז דו זאָלסט בעסער קענען אונזער טאָכטער, זי איז גאַנץ אנדערש פון די אנדערע מיידלעך פון שטאָדט... אין דער צייט ווען פיעלע מיידלעך האָבען ליעב צו געהן און זיך בעוויזען אין די גאַסען, ציהט הדסה פאָר צו פערבלייבען אין הויז...

ווען אסתר איז אהיים געקומען איז קציעה איהר אנטקעגען געגאַנגען און מיט א פרעהליכע שטימע זיך צו איהר אָפּגערופען:

דו ווייסט, אסתר, דו ביזט דאָך איינגעלאדען אלס גאַסט צו דער קעניגין אין פּאַלאַץ... המן איז נאָר וואָס געווען און ער האָט אונז איבערגעגעבען אז די ערשטע איינלאדונג האָט די קעניגין געשיקט צו דיר... קענסטו דען בעגרייפען וואָס פאַר א כבוד דאָס איז פאַר דיר.

— יע, מוטער, איך ווייס! — האָט אסתר געענטפערט — צביה, אליפלט'ס טאָכטער, האָט מיר נאָר וואָס איבערגעגעבען אז המן איז געווען אין איהר הויז און זי איינגעלאדען צו ושתי'ס פייערונג...

— און איך בין זיכער אז צביה שעצט זיך גליקליך צו קריגען דיזע איינלאדונג — האָט קציעה געזאָגט און בעטראַכט אסתר'ן — יע דיזען קומענדען פרייטאג וועסטו טרעפען פיעלע שעהנע מיידלעך פון בכבודיגע עלטערען אין ושתי'ס פּאַלאַץ.

— איך וועל אָבער נישט אַננעמען המן'ס איינלאדונג, האָט אסתר זיך אָפּגערופען — איך וויל נישט געהן אהין און בפרט ווען די איינלאדונג קומט דורך המנ'ען.

— דו דארפסט נישט פערגעסען, מיין טאכטער, אז המן איז געווארען א זעהר וויכטיגער מאן אין קעניגליכען הויף, און איך קען דיר נישט פערשטעהן פארוואס דו זאלסט זיך ענטזאגען צו זיין א גאסט פון דער קעניגין!

— מיין הארץ ציהט מיר נישט אהין! און אפילו ווען אלע אנדערע מיידלעך וועלען דארט זיין, וועל איך גלייכער בלייבען אין דער היים!

— אבער דו קענסט נאך דאמיט דערצארנען די קעניגין — האט קציעה זיך אפגערופען — ווען ושתי לאדעט דיך איין טארסטו איהר נישט ענטזאגען.

די קעניגין קען מיך נישט און זי האט געוויס קיינמאל נישט געהערט, און אויב המן האט איהר דערמאהנט מיין נאמען, וועט זי אבער זיך שטארק נישט נעהמען צום הארצען אויב איך וועל דארטען ניט קומען... ניין! איך האב בעשלאסען נישט צו געהן.

— נו, האב איך דיר דען נישט געזאגט, אז הדסה וועט נישט געהן! — האט מרדכי זיך אפגערופען מיט א שמייכעל פון נצחון.

— פונדעסטוועגען האף איך, אז זי וועט נאך ענדערען דעם בעשלוס! — האט קציעה געזאגט — נישט אלע טאג פאסירט עס אז די קעניגין זאל איינלא־דען א אידיש מיידעל צו איהר מאהלצייט.

— ניין, איך וועל מיין בעשלוס נישט ענדערען! — האט אסתר געזאגט, און אויב המן וועט נאך אמאל אהער קומען קענסטו איהם זאגען אז איך וועל דארטען נישט זיין!

קציעה האט נאך געמאכט איינינע פערזוכען איהר איינצורעדען אז זי זאל אננעמען די קעניגין׳ס איינלאדונג, אבער אהן ערפאלג. דערפאר אבער האט זי אויסגעפיהרט אז אפילו מרדכי זאל אנפאנגען צו רופען הדסה׳ן מיט דעם נאמען אסתר. מרדכי האט איהר נאכגעגעבען, ווען ער האט אויסגעפונען, אז יעדער איינער רופט איהר אסתר.

## דריטער קאפיטעל

## ושתי צייגט איהר רשעות

צוויי טעג האט המנ׳ען געדויערט איינצולאדען אלע שעהנע אידישע מייד־לעך צו קומען אין פאלאץ פון דער קעניגין דעם קומענדען פרייטאג. אין וועלכע אידישע הויז ער איז נאר אריינגעקומען האט מען איהם פיין אויפגענומען.

גרויס איז געווען די שמחה פון יענע עלטערען וועמענס טאכטער המן האט אויסגעקליבען צו בעזוכען די קעניגין... מען האט זיך גענומען גרייטען צו דער גרויסער פאסירונג... מען האט גלייך בעשטעלט צו מאכען שעהנע קליידער פאר זייערע טעכטער. יעדער האט זיך געפלייסט אויסצופוצען זיין טאכטער שעהנער ווי די איבעריגע מיידלעך... אין הארצען האט יעדער געהאפט אז זיין טאכטער וועט נושא חן זיין אין די אויגען פון דער קעניגין מעהר ווי די איבעריגע.

— דו ווייסט וואס צביה האט מיר געזאגט — האט זיך אליפלט אפגערופען צו זיין פרוי — מרדכי׳ס טאכטער, אסתר, וועט נישט געהן צו דער קעניגין.

— און דו ביזט וועגען דעם שטארק בעזארגט? — האט זיין פרוי א שמייכעל געטהאן — איך בין זיך מודה אז איך בין דערפון מעהר צופרידען... יעצט

בין איך זיכער אז די קעניגין וועט קיין שעהנערע ניט געפינען פון אונזער צביה'ן!

— וואס איך האב נאר מורא, איז, אסתר זאל אקארשט נישט חרטה האבען און יע קומען אהין... עס איז דאך ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט, אז אזא שעהנע ווי אסתר איז ניט צו געפינען אין אונזער גאנצער שטאדט!

— אז גאט וועט אונז העלפען און אונזער צביה וועט אפגעשטעלט ווערען אין פאלאץ אלס די קעניגין'ס קאמער מיידעל — וועלען מיר דאך ווירקליך זיך דארפען שעצען גליקליך! האסטו געזעהן אליפלט ווי שעהן זי קוקט אוים אין איהר נייע קלייד?!

---

המן האט אויך מיט גרוים אומגעדולד געווארט אויף דעם טאג ווען זיין פלאן וועט דורכגעפיהרט ווערען... זאל די קעניגין וויסען ווי קלוג ער איז... ער איז אוועק צו ושתי'ן אין פאלאץ און איהר איבערגעגעבען, אז ער האט נישט דורכגעלאזען קיין איינציגע שעהנע אידישע מיידעל.

— זיי האבען זיך אלע זעהר גליקליך געשעצט! — האט המן מיט א שמייכעל געזאגט צו ושתי'ן — יעדע פון זיי גלויבט אז די קעניגין וועט איהר אפשטעלען אין פאלאץ... איך האב די עלטערען פון יענע מיידלעך געגעבען אנצוהערען פון אזא מעגליכקייט, און יעצט איז ביי מיר קיין ספק נישט אז אלע וועלען קומען אויף דעם בעשטימטען טאג.

— דו וועסט שוין דיין בעלוינונג קריגען! — האט ושתי איהם געזאגט — יעצט זעה איך אז בגתן איז געווען גערעכט ווען ער האט מיר געהייסען זיך בעראטען מיט דיר...

— קיין איינציגע שעהנע מיידעל וועט אין שטאדט נישט איבערבלייבען — האט המן געלאכט — און אפילו אסתר'ס מוטער איז אויך געווען שטארק צופרידען דערפון.

— דאס איז יענע מיידעל וועלכע דו האסט אויסגעקליבען אלס דיין בעלוינונג? — האט איהם ושתי געפרעגט.

— יע, גנעדיגע קעניגין — אסתר איז די שעהנסטע פון אלע אידישע טעכטער און איהר האב איך די ערשטע איינגעלאדען.

— וויפיעל מיידלעך האסטו איינגעלאדען, המן?

המן האט זיי גענומען איבערעכענען יעדע ביי איהר נאמען.

— צוזאמען וועלען זיין אכט און צוואנציג מיידלעך! — האט המן געענטפערט.

— און דו ביזט זיכער אז מעהר קיין שעהנע מיידלעך וועלען נישט בלייבען אין שושן?

— עס וועלען נאך בלייבען שעהנע מיידלעך — האט המן א שאקעל געטאן מימ'ן קאפ — אבער נישט אזעלכע פאר וועמען די קעניגין זאל דארפען... איך מיין, וועלכע זאלען קענען צוציהען דעם קעניג'ס אויפמערקזאמקייט...

— איך וויל אז דו המן, זאלסט שטעהן ביי דעם טויער פון מיין פאלאץ אין דער צייט ווען די מיידלעך וועלען צונויפקומען — האט ושתי געזאגט — דו וועסט זעהן אויב אלע מיידלעך זיינען געקומען, און דערצו וועסטו רײדען צו

זייערע בעגלייטער און זיי זאגען, אז עס איז מעגליך אז די קעניגין וועט זיי פער־האלטען אויף אייניגע טעג...
— איך וועל טהאן די קעניגין'ס פערלאנג! — האט זיך המן פערנייגט.

---

יענעם פרייטאג האט אין פיעלע אידישע הייזער פון שושן געהערשט א פרייד... פאטער און מוטער האבען געשעפּט נחת פון זייערע שעהנע טעכטער, וועלכע זיינען געוועזען אויסגעפּוצט אין טייערע זיידענע קליידער און בעהאנגען מיט ציערונג פון גאלד און קאסטבארע שטיינער.
די שטאלצע עלטערען האבען זייערע טעכטער בעגלייט צו ושתי'ס פּאלאץ... ווי גרויס איז געווען די קנאה פון די אנדערע מיידלעך, וועלכע זיינען נישט פאר־רעכענט געווארען פאר קיין גרויסע שעהנהייטען...
קציעה האט ארויסגעקוקט דורך איהר פענסטער און בעמערקט די מייד־לעך, וועלכע מארשירען צום פּאלאץ אין דער בעגלייטונג פון זייערע עלטערען, און איהר האט נאך יעצט מעהר פערדראסען פארוואס אסתר האט זיך ענטזאגט צו זיין צווישען די גליקליכע.
— אסתר איז שוין צו פיעל בעשיידען — האט זי זיך געטראכט — זי קען נאך יעצט נישט בעגרייפען ווי אזוי אזא יונגע שעהנע מיידעל זאל זיך ענטזאגען פון אזא כבוד. זי איז זיכער אז יעדע מיידעל וואס איז יעצט אוועק צו דער קעניגין, וועט זיך אומקעהרען מיט פיעלע מתנות... אייניגע פון זיי וועלען געוויס אויסגעקליבען ווערען פון דער קעניגין צו פערבלייבען אין פּאלאץ.
— אסתר! — האט קציעה אויסגערופען — קום אהער, און גיב א קוק ווי די מיידלעך געהן יעצט צום פּאלאץ — וואס פאר א שעהנע קליידער זיי טראגען.
אסתר איז צוגעגאנגען צום פענסטער און אויך ארויסגעקוקט.
— דיך דארף געוויס פערדריסען וואס דו האסט דורכגעלאזען אזא וואונ־דערבארע געלעגענהייט.
אסתר האט געשוויגען. זי האט אויך בעטראכט די פערבייגעהענדע מייד־לעך... פיעלע פון זיי זיינען געווען איהרע פריינדינס.
קציעה האט אנגענומען אסתר'ס שווייגען אלס א צייכען פון חרטה און זי האט ווייטער געזאגט:
— אויב דו ווילסט, אסתר קענסטו נאך יעצט געהן. איך האב פאר דיר צוגעגרייט זעהר א שעהנע קלייד... דו קענסט אנטהאן מיינע ציערונג... עס וועט נישט שאדען אויב דו וועסט זיך עטוואס פערשפּעטיגען... איך וועל דיך בע־גלייטען... און אפילו דיין פאטער וועט נאך אויך מיטגעהן.
— אבער מוטער, איך האב מיין מיינונג נישט געביטען! — האט אסתר געזאגט, — איך וועל גלייכער נישט געהן.
— גיב נאר א קוק אויף אביגיל'ן, נתן'ס טאכטער, — האט קציעה אנגע־צייגט מיט איהר פינגער אויף א פארבייגעהענדע מיידעל, — זעה ווי שעהן זי איז אויסגעפּוצט! עס איז גארנישט דיזעלבע אביגיל! ווער וואלט עס גאר גע־טראכט אז המן האט איהר אויך ארייגערעכענט צווישען די שעהנהייטען.
— אביגיל איז א גאנץ שעהנע מיידעל! — האט אסתר געזאגט, — זי בעזיצט א סך אידישען חן.

— נו, אויב זי איז שעהן בין איך שוין אויך שעהן! — האט קציעה געלאכט.

— לאמיך דיר זאגען אסתר, איך שטעה און בעטראכט יעדע פארבייגעהענדע מיידעל און קוועטש מיט די פּלייצעס... עפּעס דוכט זיך מיר אז געגען דיר זיינען זיי אלע מיאוסקייטען.

— און אין זייערע מוטערס אויגען איז פּונקט פארקעהרט, — האט אסתר א שמייכעל געטהאן.

— יא, יא, אסתר! איך בין זיך מודה אז איך בין שטארק ענטטוישט וואס דו געהסט נישט צו דער קעניגין... איך שטעל זיך פאר ווי אזוי ושתי וואלט דיך אויפגענומען... דו וואלסט זיכער געווארען דער געשפּרעך פון פּאלאץ!... די קעניגין וואלט דאך נישט געוואוסט וואס צו טהאן מיט דיר!... און דו ביזט אזוי נאריש און נעהמסט און ענטזאגסט זיך צו קומען... דו ביזט דאך געווען די ערשטע וועמען המן איז געקומען איינלאדען צו דער קעניגין.

— איך בין זיכער אז המן האט יעדער מיידעל אזוי געזאגט, אז זי איז די ערשטע — האט אסתר געלאכט.

— זעה, נאר זעה! — האט קציעה ווידער אויסגערופען, — דארט געהט דאך בת שוע, עמיאל'ס טאכטער... גיב נאר א קוק מיט וואס פאר א שטאלץ איהרע עלטערען באגלייטען איהר?!... איך האב געהערט אז עמיאל איז דער רייכסטער איד פון שטאדט, פון דעסטוועגען איז ער אויך נייגעריג זיין טאכטער זאל זיך געפינען אין ושתי'ס פּאלאץ... ווי עס ווייזט אויס, זיינען אלע מיידלעך פון שושן איינגעלאדען געווארען צום פּאלאץ.

— זי איז ווירקליך א זעלטענע שעהנהייט! — האט אסתר באמערקט.

— נו, יא, בת שוע איז שעהנער פאר די איבריגע, אבער דאך קומט זי נישט צו מיין אסתר'ן! — האט קציעה איהר א קוש געטהאן, — אבער וואס שטעה איך דא? עס איז דאך היינט ערב שבת און איך האב נאך אזוי פיעל ארבייט!

— איך וועל דיר העלפען מיט דער ארבייט, מוטער! — האט אסתר זיך אפּגערופען און איז אריין מיט קציעה'ן אין קיך.

באלד איז מרדכי אנגעקומען פון בית המרחץ און ער האט דערצעהלט פאר קציעה'ן און אסתר'ן וועגען דעם טומעל וואס די קעניגין'ס איינלאדונג האט ארויסגערופען אין שטאדט.

— פיעלע יונגע לייט וועלכע האבען געהאט כלות צווישען די אויסגע־קליבענע מיידלעך זיינען יעצט שטארק צושראקען, אז זייערע כלות זאלען אקארשט נישט חרטה האבען... זיי וועלען זעהן אז זיי האבען נושא חן געווען ביי ושתי'ן וועלען זיי ביי זיך ווערען צו שטאלץ — האט מרדכי געלאכט.

— עס איז אהן צווייפעל איינע פון די וויכטיגסטע פּאסירונגען וואס האט ווען פּאסירט אין שושן אויף דער אידישער גאס! — האט קציעה אויסגערו־פען, — אבער ווי עס שיינט, ווייס אסתר נישט ווי אפּצושאצען די וויכטיגקייט דערפון.

— און איך בין שטארק צופרידען און שטאלצער מיט אסתר'ן פאר איהר האנדלונג! — האט מרדכי געזאגט, — איך האב זיך נישט געוואלט אריינמישען אבער יעצט מעג איך דאך דיר זאגען אסתר, אז איך האב זעהר שטארק גע־וואונשען דו זאלסט נישט אננעהמען ושתי'ס איינלאדונג...

— און איך זעה נישט איין וואס עס וואלט אסתר'ן געשאדט, ווען זי געהט

יא, — האט קציעה געזאגט, — דו דארפסט אלע מאל זיין אנדערש ווי די אנדערע. זיינען מיר דען נישט בארעכטיגט צו עטוואס פארגעניגען?

— דעם אמת זאגענדיג, קציעה, איז מיר די גאנצע זאך אויפפאלענד... איך האב פון ושתי'ן שוין לאנג געהערט אז זי איז ווייט פון צו זיין א צדקנית. פון דער נאטור איז זי נישט קיין איבריגע גוטע... זאל זיך איהר פלוצים פארוועלען צו האבען אלס איהרע געסט די שעהנע אידישע מיידלעך... דאס איז מיר שווער צו פארשטעהן און בפרט נאך ווען המן האט א האנד דאריו... יא, איך בין זיכער, אז קיינער פון אונז וועט קיין חרטה נישט האבען וואס אסתר איז אהין נישט געגאנגען.

---

המן האט זיך געשטעלט נעבען טויער פון ושתי'ס פאלאץ און געווארט מיט אונגעדולד אויף דעם אנקומען פון די שעהנע אידישע מיידלעך... ער האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון דער שעהנער אסתר . . . באלד וועט זי אנקומען. ער וועט האבען צום ערשטען מאל א גוטע געלעגענהייט מיט איהר צו ריידען און פארברייננגען... זי וועט זעהן ווי שטארק געהויבען ער איז אין ושתי'ס אויגען און זי וועט פאר איהם אויך קריגען מעהר דרך ארץ... ער וועט זיך צייגען אלס איהר ארויסהעלפער אין דער צייט פון איהר נויט... מען וועט איהם צו איהר צולאזען ווען זי וועט זיין איינגעשפארט אין געפענגנים און דאן וועט ער איהר ערקלעהרען אז ער איז גרייט פאר איהר זיך משתדל צו זיין ביי דער קעניגין כדי זי זאל איהר בעפרייען פון געפענגנים.

המן האט געהאט נאך פיעלע פלענער וועגען דער שעהנער אסתר... ער האט געוואוסט אז ושתי וועט איהם אין דעם ארויסהעלפען און אפילו ווען זיין ווייב זרש וועט דערפון נישט וועלען ליידען וועט איהר אויך גארנישט העלפען, כל זמן די קעניגין וועט האלטען מיט איהם.

פון ווייטען האט המן באמערקט ווי די מיידלעך קומען אן. יעדע פון זיי איז אנגעטהאן אין שעהנע קליידער און אין בעגלייטונג פון זייערע עלטערען.

אט קומט אן די ערשטע מיידעל, אליפלט'ס טאכטער. המן באגריסט איהר מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— בין איך עטוואס צו פריה? — האט צביה זיך אפגערופען צו המן'ען, און א רויטקייט האט באגאסען איהר פנים.

— דו ביזט זעהר פינקטליך, — האט המן איהר געענטפערט, און וועגדענדיג זיך צו איהר פאטער, האט ער געזאגט.

— נו, האט המן וועמען עס איז גענארט? די קעניגין האט מיך ארויסגעשיקט צו באגריסען די אנקומענדע געסט, און אייך איבערצוגעבען די בעגלייטערס אז זיי זאלען נישט זארגען אויב זייערע טעכטער וועלען פערהאלטען ווערען אין פאלאץ אויף איינינע טעג.

— איך ווייס אז מען קען זיך אויף דיר פארלאזען! — האט איהם אליפלט א חנפה געטהאן, — און איך בעט דיר המן, אז דו זאלסט גוט אכטונג געבען אויף מיין טאכטער... און אויב מיין טאכטער וועט אויסגעקליבען ווערען ביי דער קעניגין אלס איהרע קאמער-מיידעל, וועל איך שוין ווויסען ווי אפצוּשאצען דיין גוטסקייט צו מיר!

— איך וועל שוין זעהן טהאן פאר דיין טאכטער אלעס וואס וועט נאר זיין

מעגליך! — האָט המן איהם פאַרזיכערט און צוגעפיהרט צביה'ן צו דעם אריינגאַנג פון פּאַלאַץ, וואו זי איז אויפגענומען געוואָרען ביי א הויף־דאַמע.

המן איז ווידער אַרויס צום טויער און אַזוי האָט ער אויפגענומען יעדע אָנקומענדע מיידעל.

— וואו איז אסתר? — האָט המן א טראַכט געטהאָן, ווען ער האָט באַמערקט ווי די זון האַלט ביים אונטערגעהן, — פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרשפּעטיגט?!... מעגליך אַז זי וועט באַלד אָנקומען, — האָט ער זיך געטרייסט, און נאָך אַלץ געוואַרט ביי די טויערען פון פּאַלאַץ.

די מיידלעך זיינען אַלע פערזאַמעלט געוואָרען אין א גרויסען זאַאַל פון פּאַלאַץ, וואו יעדע איז געזעסען און מיט גרוים אונגעדולד געוואַרט אויפגענומען צו ווערען ביי דער קעניגין.

א היבשע ווײַלע האָבען די אידישע מיידלעך געוואַרט. אין זאַאַל האָט געהערשט א שטילקייט. יעדע מיידעל איז געזעסען פאַרזונקען אין איהרע מחשבות און געשוויגען...

א הויף־דאַמע איז אַריינגעקומען. די מיידעלשע יונגע הערצער האָבען אָנגעהויבען פעסטער צו קלאַפּען... יעדע איינע האָט ביי זיך געטראַכט אַז זי וועט זיין די ערשטע פאָרגעשטעלט צו ווערען פאַר דער קעניגין.

די הויף־דאַמע האָט זיי אַלעמען בעטראַכט, זיי איבערגעצעהלט מיט איהרע בליקען און נישט זאָגענדיג קיין איינציג וואָרט, איז זי צוריק אַרויס פון זאַאַל און אַריין אין דעם צימער פון דער קעניגין.

וויפיעל זיינען געקומען? — האָט ושתי איהר געפרעגט.

— איך האָב איבערגעצעהלט זיבען־און־צוואַנציג פון זיי, גנעדיגע קעניגין, — האָט זיך די הויף־דאַמע פאַרנייגט.

—און וואו איז המן? — האָט ושתי געפרעגט.

— ער איז ביי דעם טויער פון פּאַלאַץ... ווי עס ווייזט אויס ערוואַרט ער נאָך ווערמען עס איז.

— רוף איהם אַריין! — האָט ושתי באַפוילען.

די הויף־דאַמע האָט זיך פאַרנייגט און אַרויס. באַלד איז אַריין המן.

— זיינען אַלע מיידלעך געקומען! — האָט ושתי איהם טרוקען א פרעג געטהאָן.

— איין מיידעל איז נאָך נישט געקומען! — האָט המן געזאָגט מיט א שטימע פון ענטטוישונג.

— נו, וועט זיין רעכט אָהן איהר! — האָט ושתי א זאָג געטהאָן.

— אָבער, מעכטיגע קעניגין! — האָט המן אויסגערופען, — אסתר איז די וועלכע איז נישט געקומען.

—אה, איך פאַרשטעה, זי האָט עס געזאָלט זיין דיין באַלוינונג! אָבער נעהם זיך נישט צום האַרצען, המן, דו וועסט שוין אויסקלייבען איינע צווישען אַזוי פיעל שעהנהייטען, — האָט ושתי א שמייכעל געטהאָן, — פון דעסטוועגען קענסטו מיר נישט זאָגען פאַרוואָס זי איז נישט געקומען?!...

— איך קען דאָס אַליין אויך נישט פאַרשטעהן! — האָט המן א קוועטש עטהאָן מיט די פּלייצעס: — צו איהר בין איך געקומען דער ערשטער און איהר

מוטער האט מיר פארזיכערט אז זי וועט קומען... זי האט געשיינט צו זיין זעהר צופריעדען דערפון... זאל איך איהר געהן רופען?

— ווארט! איך וועל פריהער אריינגעהן אין צימער וואו דיינע "שעהנ־הייטען" ווארטען. איך וועל זיי בעטראכטען און זעהן דיין געשמאק, וועל איך דיר דאן קענען זאגען אויב דו זאלסט געהן רופען אויך יענע וועלכע דו האלטסט פאר די שעהנסטע פון זיי אלעמען.

ושתי האט געשיקט פריהער איהרע הויף דאמען אנצוזאגען די מיידלעך אז זי קומט אן. און באלד איז זי אליין אריינגעגאנגען.

די מיידלעך האבען זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און זיך פערנייגט מיט זייערע פניב'ער ביז דעם באדען.

ושתי האט א מאך געטהאן מיט איהר האנט, און אלע האבען זיך אויפגע־שטעלט. זי האט זיי גוט בעטראכט און גלייך זיך צוריקגעקערט אין איהר צימער.

— יע, המן איך מוז צוגעבען אז דו האסט זעהר א גוטען געשמאק... זיי זיינען דאך ווירקליך שעהנע מיידלעך... און ווי שטארק צופרידען איך וועל דארפען זיין אז אחשורוש וועט זיי נישט אנקוקען! און דו דענקסט אז יענע מיידעל וועלכע איז נישט געקומען איז נאך שעהנער פון זיי?

— געוויס, גנעדיגע קעניגין! — האט המן אויסגערופען. זי איז די שעהנסטע מיידעל נישט נור פון שושן, נאר אויך פון גאנץ פרס און מדי...

— און זי איז אויך שעהנער פון מיר? — האט זיך א פייערעל פון איי־פערזוכט אנגעצונדען אין ושתי'ס אויגען.

— אה, ניין! — האט המן אויסגערופען — אויב אסתר איז די שעהנסטע מיידעל פון פרס און מדי, איז דאך די קעניגין די שעהנסטע אין דער גאנצער וועלט!

— גוט, אויב דו ווילסט קענסטו נאך יעצט אריבערגעהן און ברייגנען אסתר'ן! — האט ושתי איהם בעפוילען — איך וועל דאך אלץ איינס ווארטען ביז מארגען... ווען איך וועל זיי הייסען טהאן פאר מיר ארבייט! דערווייל האב איך פערזאגט די הויף־דאמען צו בעזארגען א פלאץ פאר יעדע מיידעל איבערצונעכטיגען די נאכט... היינטיגע נאכט וועלען זיי נאך נעכטיגען אין מיין פאלאץ... די איבעריגע נעכט וועלען זיי זיך אלע געפינען אין געפענגנים... יע, המן, איך האב זיך נאר וואס דערמאנט, וואס וועל איך טהאן מיט די יעניגע, וועלכע וועלען מיר פאלגען און טהאן די ארבייט וואס איך וועל זיי הייסען, דאן וועל איך דאך נישט האבען קיין אורזאכע יענע צו בעשטראפען.

— איך בין זיכער אז קיינע פון זיי וועט נישט וועלען מחלל שבת זיין — האט המן געענטפערט — און אויב עס וועלען זיך געפינען איינִיגע וועלכע וועלען די קעניגין'ס בעפעהל אויספאלגען, איז מיין עצה אז די קעניגין זאל הייסען מען זאל זיי דערלאנגען חזיר פלייש צו עסען. דאס בין איך זיכער וועלען זיי נישט וועלען פאלגען... ווייל אין כשרות זיינען זיי נאך מעהר אפגעהיט ווי אין אלע אנדערע זאכען... קיינע פון זיי וועט זיך נישט וועלען צוריהרען צו חזיר פלייש, און דאס וועט אויך זיין א גענִיגענדע אורזאכע זיי צו בעשטראפען...

— דו ביזט געראכט המן. איך וועל שוין געפינען א סיבה זיי צו בע־שטראפען, דערווייל געה אריבער און זעה אז אסתר זאל אויך קומען.

המן איז גלייך אוועק צו מרדכי׳ס הויז... עס איז שוין געווען גוט פינסטער. די שטערן האבן געפינקעלט אין הימעל... ער האט ארייגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און בעמערקט ווי מרדכי, קציעה און אסתר זיצען ארום א פיין געדעקטען טיש... פערשיעדענע מאכלים געפינען זיך אויף דעם טיש וואס רייצען המן׳ס אפעטיט... אט בעמערקט ער א פרישע ווייסע חלה... פיש, פלייש און וויין... המן בעשמאקעוועט זיך... ער דערמאהנט זיך אז יעצטט פראווען אלע אידען א מאלצייט לכבוד זייער שבת. און ער איז בּמעט ווי זיכער אז מרדכי וועט אסתר׳ן נישט לאזען יעצט געהן צו דער קעניגין פון דעסטוועגען האט ער געפאסט מוטה און איז אריין אין הויז...

— איך בין ווידער געקומען אהער אין דער שליחות פון דער קעניגין! — האט המן זיך אפגערופען ווען ער איז אריין אין הויז. די קעניגין ושתי האט אויסגעדריקט איהר ערשטוינונג פארוואס אסתר האט נישט אנגענומען איהר איינלאדונג און נישט געקומען צו בעזוכען אין איהר פאלאץ.

— דו ווייסט דאך, המן, אז מיין טאכטער האט ליעב צו פארבלייבען אין דער היים... זי זוכט נישט קיין כבוד און טראכט נישט פון דער מעגליכקייט צו ווערען איינע פון דער קעניגין׳ס קאמער מיידלעך.

— אבער אלע מיידלעך וועלכע איך האב איינגעלאדען זיינען דאך געקומען! — האט המן זיך אפגערופען — און די קעניגין ווייס אז אסתר איז די שעהנסטע פון זיי אלעמען און דעריבער איז זי זעהר נייגעריג זי צו זעהן.

— ביי א צווייטער געלעגענהייט, וועט זי איהר פיליכט זעהן! — האט מרדכי אויסגערופען — זי וועט יעצט אלץ איינס נישט קענען געהן, ווייל עס איז אונזער שבת, און זי וועט אין מיטען שבת פון אונז נישט אוועקגעהן.

— יא, איך זעה, — האט המן זיך בעשמאקעוועט מיט זיינע ליפען פון אזא שעהנעם מאהלצייט וואלט געווען שווער פאר יעדען איינעם זיך אפצורייסען... א, ווי ליעבליך און אנגענעהם איז דער ריח פון אייערע שבת׳דיגע מאכלים...

— וואלסטו פיליכט געוואלט עפעס צובייסען, המן! — האט איהם קציעה א פרעג געטהאן.

— המ... — האט המן דורכגעפיהרט זיין האנט דורך זיין באָרד — איך איל זיך צוריק צו דער קעניגין. דארטען ווארט אויך אויף מיר א גוטער, געשמאקער מאהלצייט... אבער... ווי איך האב שוין געזאגט אז די מאכלים האבען מיין אפעטיט צורייצט.

— אויב אזוי, זעץ זיך צו אויף א קליינער ווייל, — האט קציעה איהם געזאגט, — און דו וועסט פארזוכען אונזערע מאכלים.

המן האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטען און זיך געזעצט ביים טיש פונקט געגען אסתר׳ן.

קציעה האט איהם דערלאנגט פון די שבת׳דיגע מאכלים און המן האט זיך קוים צוגעכאפט דערצו.

— בלויז די אידישע פרויען קענען אזוי גוט קאכען, — האט המן א חנפה געטהאן קציעה׳ן — אונזערע פערסישע פרויען שטעהען א סך נידריגער פון די אידישע, סיי אין שעהנקייט און סיי אין פיעלע אנדערע זאכען... אט נעהמט צום ביישפיעל, מיין אייגענע פרוי זרש, אלע וועלען צוגעבען אז זי איז ווייט

פון צו זיין א שעהנהייט, און דאך קען זי אפילו נישט אפקאכען א ריכטיגע מאלצייט... וויפיעל מאל פלעג איך זיך לעגען שלאפען א הונגעריגער.

קציעה האט איהם אנגעגאסען א גלאז וויין, און המן האט עס שנעל אויסגעטרונקען און פארטגעזעצט:

— ווען איך האב געהייראט מיט מיין זרש'ן, בין איך דאן געווען א גאר־נישט. המ... איהר ווייסט דאך מסתמא אלע... איך בין געווען א בעדער און א שעהרער... ווען דאס וואלט נישט געווען דער ווילען פון די געטער פון פרס, וואלט איך נאך ביז איצט פארבליבען דערזעלבער בינדער און שעהרער... קיינער האט פון מיר קיין סך נישט געהאלטען און ווינציגער פון אלעמען האט מיין אייגענע זרש פון מיר געהאלטען... זי איז זעהר שלעכט און גרויזאם, און זי האט נישט געוואלט זעהן מיינע גרויסע פעהיגקייטען... איך האב אלע מאל געוואוסט, אז איך בין ניט געבארען געווארען צום שעהרען יענעם די האר און בארד... און באטש קיין אנדערע נעמען ווי "שלים־מזל", "שוטה" און "דומער אייזעל" האט זרש פאר מיר נישט געהאט, בין איך דאך ביי זיך נישט געווען געפאלען.. איך האב געוואוסט אז איך בין זעהר קלוג און קען אויפטהאן זעהר פיעל, אבער איך קריג נישט די געלעגענהייט... מאכט זיך איינמאל אז איינער פון אחשורוש'ס מיניסטארען מיט'ן נאמען מרס (מערעס) האט מיך געשיקט רופען אז איך זאל איהם ארומשעהרען, האב איך מיטגענומען מיין שעהר און גאל־מעסער און בין שנעל אוועק צו איהם אין הויז און זיך גענומען צו דער ארבייט.

מרס איז זעהר צופרידען געווען, און איך בין געווארען א שטענדיגער ארייגעהער אין זיין הויז... איך האב איהם געבעטען ער זאל ריידען א פאר גוטע ווערטער וועגען מיר פאר דעם קעניג. מרס האט טאקע אזוי געטהאן. און אין א קורצע צייט ארום בין איך שוין געשטאנען און געשארען דעם קעניג... איך געדענק ווען איך האב דערצעהלט מיין זרש'ן אז איך האב געשארען דעם קעניג האט זי מיך גערופען "ליגנער" און "פוסטער בערימער".

דער קעניג אחשורוש האט אבער באלד איינגעזעהן אז איך בין קלוג, איך האב געפונען חן אין זיינע אויגען און עס האט לאנג נישט געדויערט און איך בין געווארען א שטענדיגער ארייגעהער אין זיין פאלאץ, און ווען ער האט אויסגעקליבען זיבען שטענדיגע שלוחים פאר דער קעניגין ושתי, בין איך געווארען איינער פון די זיבען.

המן האט געגעסען און גערעדט מיט א זעלבסט־באפרידיגונג... איז דער זעלבער צייט האט ער פון אסתר'ן זיינע אויגען נישט ארונטערגענומען. ער האט אין זיך אריינגעגאסען עטליכע גלעזער וויין און דאס האט איהם נאך שטארקער צוּוואַרעמט.

— און מיינט איהר דאך אז בלויז ביי דעם קעניג בין איך געווארען א חשוב, מאכט איהר א טעות! — האט המן זיך אפגערופען. — אויך די קעניגין ושתי האלט זעהר שטארק פון מיר, און ווען זי דארף זיך בעראטהען, רופט זי מיך! און אט האט זי דא נישט לאנג מיין עצה אנגענומען.

— וואס פאר אן עצה האסטו איהר געגעבען? — האט מרדכי איהם געפרעגט.

המן האט זיך באלד געכאפט אז ער האט זיך צופיעל פאנאנדערגערעדט, און נאך א האר וואלט ער שוין געהאט ארויסגעגעבען ושתי'ס סוד... ער האט

דאריבער געזוכט זיך ארויסצודרעהען פון צו געבען אן ענטפער אויף מרדכי׳ס פראגע.

— אה, זי האט שוין מיינע פיעלע עצות אנגענומען. זי פרעגט מיך, צום ביישפיעל, וועמען זי זאל אנשטעלען אלס איהרע דיענער און אפילו ווען זי וויל איינלאדען שעהנע אידישע מיידלעך פאר איהר מאלצייט. פארלאזט זי זיך אויך אויף מיין געשמאק... יא, איך האב איהר געזאגט, אז אסתר איז נישט נאר די שעהנסטע מיידעל פון פרס און מדי, נאר אויך פון דער גאנצער וועלט און דערפאר איז זי אזוי נייגעריג איהר צו זעהן...

אסתר, וועלכע איז די גאנצע צייט געזעסען און געשוויגען, האט זיך גע־פיהלט זעהר אונבאקוועם פון המן׳ס דורכדרינגענדע בליקען און נאך מעהר פון זיינע קאמפלימענטען.. זי האט אומגעדרעהט איהר קאפ און געקוקט אין אן אנדער ריכטונג.

קציעה האט שטארק אנגעקוואלען פון המן׳ס רייד און זי האט זיך אפגע־רופען:

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, המן, אז ווען אסתר וואלט פאר־געשטעלט געווארען פאר דער קעניגין, וואלט זי איהר גלייך ליעב בעקומען און איהר געוויס געמאכט פאר איהר הויפט קאמער־מיידעל... שטעל זיך פאר, מרדכי! — האט זי זיך געווענדעט צו איהר מאן, און איהרע באקען האבען געפלאמט, — ווען אסתר ווערט ארייגענומען אין דער קעניגינ׳ס הויף, וואלט איך דאך אויך געהאט דארטען א צוטריט... איך וואלט געקענט קומען צו יעדער צייט און ושתי וואלט מיט מיר אפילו גערעדט. וואס פאר א כבוד דאס וואלט פאר אונז אלעמען געווען און ווי שטארק מיינע שכנות וואלטען מיר מקנא געווען.

מרדכי האט געווארפען אן אונצופרידענעם בליק אויף קציעה׳ן, און זי איז געבליבען שטיל.

— אט דאס וואס איך זאג דאך אלע מאל, — האט המן צוגעגעבען, — ווען אסתר זאל ארייגעבראכט ווערען אין פאלאץ, וואלט עס פאר אייך אלעמען געווען א גליק... די קעניגין האט זעהר ליעב שעהנע מיידלעך.. און זי וואלט אסתר׳ן געוויס געמאכט פאר איהר פריינדין... און ווי איך וויים, איז דאך דיין אסתר בעגאבט אויך מיט אנדערע מעלות. דאן וואלט זי דאך געוויס ביי איהר אויסגענומען און זי וואלט גאר אין גיכען געווארען די ערשטע הויף־דאמע פון ושתי׳ס פאלאץ... יא, עס איז נאך נישט צו שפעט! אסתר קען נאך יעצט מיט מיר געהן, איהר קענט איהרביידע בעגלייטען ביז דעם פאלאץ.

— דו הערסט, מרדכי, עס איז נאך ניט צו שפעט!... געה טהו אן דיין שעהנע קלייד און נעהם מיין ציערונג און איך און דיין פאטער וועלען דיר בעגלייטען... נישקשה, נאט וועט דיר מוחל זיין... דו וועסט דאך אפילו נישט דארפען מחלל שבת זיין.. ווי ווייט איז עס פון דאנען צו ושתי׳ס פאלאץ?...

— אה, ניין, איך וויל נישט געהן! — האט אסתר אויסגערופען, — איך האב מיין מיינונג נישט געביטען.

— מען צווינגט דאך דיך נישט! — האט קציעה געזאגט, — איך האב געמיינט...

— וועסטו איהר פיעלייכט צורוה לאזען ! — האט מרדכי זיך אפגערופען מיט א ברוגז׳ן טאן צו זיין פרוי, — אסתר האט דאך דיר שוין געזאגט, אז

זי האָט קיין חשק נישט צו גערן אהין... פאַרוואָס זאָלסטו איהר ווידער אמאָל באַלעסטיגען.

קציעה איז געבליבען זיצען אויף איהר פּלאַץ און מעהר קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

— איך בין געשטאַנען ביי דעם טויער פון ושתי׳ס פּאַלאַץ און באַגעגענט אַלע אידישע מיידלעך וועלכע זיינען אהין אַנגעקומען, — האָט המן געזאָגט, — און איהר דאַרפט וויסען זיין, אַז די רייכסטע אידישע מיידלעך פון שטאָדט זיינען אהין צוגעקומען. אפילו בת שוע, עמיאַל׳ס טאָכטער, איז געקומען אין בעגלייטונג פון איהרע עלטערען! און נאָך פיעלע מיידלעך... עס איז מיר שווער צו פאַרשטעהען ווי אזוי א מיידעל זאָל זיך ענטזאָגען פון אזא כבוד...

— מיין אסתר וועט קיינמאָל נישט גערן אין פּאַלאַץ! — האָט מרדכי אויסגערופען מיט כעס, — אסתר בייט נישט איהר מיינונג.

המן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ... ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אסתר׳ן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס... ער איז געבליבען שטעהן אין א פאַרלעגענהייט און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער זאָל דערצעהלען דער קעניגין אַז זי ענטזאָגט זיך צו קומען, וועט זי אויף איהם ווערען אין כעס, און ער וועט נאָך פאַרלירען דעם חן אין איהרע אויגען. זי וועט איהם בעשולדיגען דאָס ער וויל אויסהיטען אסתר׳ן פון בייזעס... ער וועט מוזען אָפּנאַרען דער קעניגין און זאָגען אַז אסתר פיהלט נישט גוט און זי קען נישט קומען.

מיט וואַקלענדע טריט איז המן אוועק צוריק צו ושתי׳ס פּאַלאַץ, און ער האָט איבערגעגעבען דער קעניגין אַז ווען ער איז געווען אין מרדכי׳ס הויז, האָט ער געפונען אסתר׳ן קראַנק אין בעט.

— דו האָסט מיר געזאָגט, אַז זי איז די שעהנסטע מיידעל, — האָט ושתי אויסגערופען, — און יעצט ווי וועל איך זיין געזיכערט אַז זי וועט נישט קומען צו אחשורוש׳ס מאַלצייט?

— איך וועל זיין פערענטוואָרטליך פאַר דעם! — האָט המן זיך פאַרנייגט פאַר דער קעניגין, — איך וועל שוין זעהן אַז זי זאָל זיך דאַרטען אפילו נישט בעווייזען.

---

איבערגליקליך האָבען זיך די מיידלעך געפיהלט יענע נאַכט אין ושתי׳ס פּאַלאַץ, ווען די הויף־דאַמע האָט זיי געלאָזט וויסען אַז זיי אַלע האָבען געפונען חן אין די אויגען פון דער קעניגין, און זי ווינשט אַז זיי זאָלען בלייבען איבער־נעכטיגען אין פּאַלאַץ. ווען זיי זיינען אריינגעבראַכט געוואָרען אין די צימערען האָבען זיי זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון די גרויסאַרטיגע בעטען וואָס דאַרטען איז געשטאַנען. זייער פרייד איז געווען זעהר גרויס און זיי האָבען ביז האַלבע נאַכט פאַרבראַכט אין ריידען.

— ווער וואָלט עס ווען געקענט גלויבען אַז די קעניגין זאָל זיך פאַראינטע־רעסירען אין אונז? — האָט אביגיל, נתן׳ס טאָכטער, זיך אָפּגערופען, — זי האָט נאָר אויסערוועהלט אידישע טעכטער.

— ווי עס ווייזט אויס, איז זי זעהר גוטהאַרציג! — האָט צביה זיך צוגע־רוקט נעהנטער צו איהר פריינדין אין בעט, — זי אונטערשיידעט נישט צווישען איד און נישט־איד און כאָטש נישט אַלע פון אונז וועלען זיין גליקליך גענוג

אויסגעקליבען צו ווערען פאר דער קעניגין'ס קאמער־מיידלעד, וועלען מיר דאך מעגען שטאלץ זיין אונזער גאנצען לעבען צו וויסען אז מיר זיינען געווען איהרע געסט.

— און דאס אלעס האבען מיר צו פערדאנקען המן'ען! — האט נאך א מיידעל זיך אפגערופען, — ווער וואלט זיך דאס געקענט ריכטען אז המן זאל זיין אזא איבערגעבענער פריינד צו אונז. מיינע עלטערען האבען לכתחילה געמיינט אז ער נארט אונז אפ, אבער ער האט אנגעהויבען צו שווערען, האט מיין מוטער געזאגט: "וואס ועסטו פארלירען, טהו אן דיין נייע קלייד און געה".

— איך האב געוואוסט אז המן זאגט דעם אמת! — האט בת שוע זיך אפגערופען צו די איבריגע, — ער וועט מיין פאטער קיין ליגען נישט זאגען... דאך וואונדערט מיך וואס אסתר איז נישט געקומען.

— אסתר מעג טאקע זיין א שעהנע, אבער שכל פעהלט איהר! — האט צביה זיך אפגערופען, — זי געהט דאך אין ערגעץ נישט... ווען איך האב איהר באגעגענט מיט איינינע טעג צוריק און איהר געזאגט וועגען דעם גרויסען גליק, איז זי ווינציג וואס נתפעל געווארען דערפון, און איך האב באלד פארשטאנען אז זי וועט נישט געהן. זי האט מסתמא געמיינט, אז די קעניגין וועט זיך ביי איהר בעטען און שיקען המן'ען נאך אמאל צו איהר הויז... יעצט מוז זי געוויס חרטה האבען...

— און אונז דארף זיכער ניט פארדריסען אז אסתר איז נישט געקומען!

— האט אן אנדער מיידעל געזאגט, — זי וואלט געמיינט אז זי טהוט אונז די גרעסטע טובה וואס זי איז צוזאמען מיט אונז... ניין, איך האב איהר נישט איבריג ליעב. זי איז ביי זיך צו שטאלץ.

— זעהסטו, דאס וועל איך אויף אסתר'ן קיינמאל נישט זאגען! — האט בת שוע זיך אפגערופען, — גראדע פארקעהרט! אסתר איז שוין גאר נישט שטאלץ ביי זיך... נאר וואס דען, זי איז שוין אביסעל צו בעשיידען... זי האט נישט ליעב צו ווארפען זיך פאר די אויגען.

— איהר ווייסט, אז איך פיהל זיך עטוואס הונגעריג, — האט זיך אביגיל אפגערופען, — איך בין דעם גאנצען טאג געווען אזוי פארנומען איז צוצוגרייטען זיך, אז איך האב גאר פארגעסען צו עסען... יעצט האט מיר אנגעפאנגען א ציה טהאן דאס הארץ.

— נו, מיר וועלען שוין מוזען ווארטען ביז מארגען איז דער פריה, — האט צביה איהר געטרייסט, — מיר ציהט אויך דאס הארץ. איך האף נאר אז די עסענס זאל קיין פלייש ניט זיין.

— וואס מיינסטו, די קעניגין ווייסט נישט אז אונז אידען איז נישט ערלויבט צו עסען טרפות? און אויב זי ווייס דאס נישט, האט איהר המן געוויס געזאגט דערפון... איך בין זיכער, אז מען האט שוין פאר אונז אנגעגרייט אפילו נייע געשיר. זי וועט דאך וועלען איהרע געסט צופרידענשטעלען.

— ווער וואלט עס געקענט אפילו טראכטען דערפון, אז איך זאל זיין א גאסט פון דער קעניגין?! — האט נאך א מיידעל זיך אפגערופען מיט גרויס פרייד.

— עס איז מיר טאקע שווער צו פארשטעהן פארוואס זי האט געהייסען המן'ען איינלאדען בלויז פון די אידישע שעהנע מיידלעך.

— גאנץ איינפאך, ווייל צווישען די פערסישע מיידלעך זיינען איבערהויפּט קיין שעהנע נישטאָ.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט די קעניגין זעהר ליעב א שעהנעם פּערזאָן.

— און ווער האָט נישט ליעב א שעהנעם מענשען? — האָט צביה אויסגערופען, — איך ווייס ווי שטאָ״ק די איבריגע מיידלעך האָבען אונז מקנא געווען ווען זיי האָבען אויסגעפונען אז מיר זיינען געלאָדען צו דער קיניגין... עס איז געווען פּשוט א רחמנות צו קוקען אויף זיי... וואָס איז זייער שולד אויב גאָט האָט זיי נישט געבענשט מיט שעהנקייט?...

— אָבער נאָר אלעמען קען דאָך די גאַנצע שטאָדט מיידלעך נישט זיין דער קעניגינס געסט. נישקשה מען קען זיך פאַרלאָזען אויף המז׳ס, בעשמאָס, ער ווייס וועלכע מיידעל עס איז א שעהנע.

אזוי האָבען די מיידלעך צווישען זיך געשמועסט ביז האַלבע נאַכט, ביז וואַנען זיי זיינען איינגעשלאָפען געוואָרען מיט זיסע חלומות...

---

אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען זיי אויפגעוועקט געוואָרען. און די הויף־דאַמע האָט זיי אָנגעצייגט א פּלאַץ וואו זיך ארומוואשען, און ווען זיי זיינען שוין אלע געווען גרייט, האָט זי זיי אריינגערופען אין דעם גרויסען גאַסט־צימער.

א היבשע ווײַלע האָבען די מיידלעך דאָרטען געוואַרט... זיי האָבען פאַרשטאַנען אז באַלד דאַרף די קעניגין אריינקומען, און יעדע מיידעל האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף איהר... די מינוטען האָבען זיך זעהר לאַנג געצויגען... זיי זיינען שוין אלע געווען גאַנץ הונגעריג... דאָס האַרץ האָט אָנגעפאַנגען צו חלש׳ן...

די טיהר האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפענט. פריהער האָבען זיך באַוויזען עטליכע קאַמער־מיידלעך אָנגעטהאָן אין ווייסע קליידער. זיי האָבען געהאַלטען פּעקלעך אין זייערע הענט נאָך זיי זיינען אריין די הויף־דאַמען און געבליבען שטעהן ביי דעם אריינגאַנג.

אין א ווײַלע ארום איז אריינגעקומען ושתי אין דער בעגלייטונג פון איהרע נאָהענטע קאַמער־מיידלעך. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין איהרע שעהנסטע קליידער און בעהאַנגען מיט גאָלד און קאָסטבאַרע שטיינער. אויף איהר קאָפּ האָט זי געטראָגען א גאָלדענע קרוין איינגעפאַסט מיט פּערל.

ווען אלע האָבען דערזעהן די קעניגין האָבען זיי זיך פאַרנייגט מיט זייערע פּנים׳ער צו דער ערד.

ושתי האָט א וואונק געטהאָן צו דער הויף־דאַמע און יענע איז גלייך צוגעגאַנגען צו די אידישע מיידלעך און זיי אויסגעשטעלט אין א גלייכע שורה, מיט זייערע פּנים׳ער צו דער קעניגין.

—עס איז דער וואונש פון דער קעניגין ושתי, — האָט די הויף־דאַמע זיך געווענדעט צו די אידישע מיידלעך, — אז אלע איהרע געסט וועלכע וועלען זיין אנוועזענד אויף איהר מאַלצייט, זאָלען זיין געקליידעט אין ווייסען לייווענט. און דאַריבער איז יעדע פון אייך אויפגעפאָדערט גלייך אנצופאַנגען אויפצונעהמען די קליידער פון דעם לייווענט וואָס איז געבראַכט געוואָרען פאַר יעדע פון אייך.

די קאמער־מיידלעך זיינען צוגעגאנגען און דערלאנגט יעדער אידישער מיידעל א שטיק לייוועגט, א שעהר, א נאדעל און פאדים.

— אבער, גנעדיגע קעניגין, — איז בת שוע צוגעגאנגען עטוואס נעהנטער צו ושתי׳ן און זיך פערנייגט, — היינט איז ביי אונז א הייליגער טאג, היינט איז אונזער שבת, און עס איז אונז פארבאטען צו טהאן אז ארבייט אום שבת.

— מיין פארזאג איז אז איהר זאלט זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט, — האט ושתי אויסגערופען און איהר פנים האט געברענט פון צארן.

די אידישע מיידלעך זיינען געשטאנען און זיך נישט גערירט פון ארט.

— דער וואס איז מחלל שבת ביי אונז אידען קומט זעהר א גרויסע שטראף, — האט זיך בת שוע נאך אמאל געווענדעט צו דער קעניגין מיט טרעהרען אין איהרע אויגען.

— און די שטראף וואס איהר וועט בעקומען פאר נישט אויספאלגען דעם באפעהל פון דער קעניגין, וועט זיין נאך א גרעסערע! — האט ושתי אויסגערופען מיט כעס.

— גנעדיגע קעניגין! — האט זיך אביגיל פארנייגט פאר ושתי׳ן, — אין אוועגט ווי נאר די שטערען קומען ארויס איז אונז שוין ערלויבט צו טהאן אז ארבייט, און דאריבער וועלען מיר אלע אנפאנגען אונזער ארבייט, היינט אין אוועגט, און מיר וועלען זיך נית לעגען שלאפען ביז וואנען מיר וועלען דאס ענדיגען.

— איך באפעהל אייך אלעמען גלייך אנצופאנגען די ארבייט! — האט ושתי א געשריי געטהאן.

א ציטער האט דורכגענומען אלע אידישע מיידלעך ווען זיי האבען דער־הערט ושתי׳ס שטרענגע און בייזע שטימע... ווי עס ווייזט אויס, וויל זיך ושתי נישט רעכענען מיט זייער רעליגיע... זיי האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען.

— דאס איז פאר אונז אונמעגליך, גנעדיגע קעניגין, — האט בת שוע גע־זאגט מיט א ציטערנדע שטימע — מיר קענען נישט מחלל זיין אונזער הייליגען טאג שבת.

— און נישט פאלגען די קעניגין קענסטו! — האט ושתי אויף איהר א געשריי געטהאן. — ווער פון אייך וועט אויספאלגען מיין באפעהל? — האט זיך ושתי געווענדעט צו די איבריגע מיידלעך.

א שטילקייט האט געהערשט אין צימער. צושראקענע, מיט בלאס געווארענע פנים׳ער זיינען די אידישע מיידלעך געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער.

ושתי׳ס כעס איז נאך גרעסער געווארען. זי האט א קריץ געטהאן מיט די צייהן און אויסגעשריען:

— עס איז דאך א נישט־געהערטע חוצפה פון אידישע מיידלעך ווידערצו־שפעניגען דעם באפעהל פון דער קעניגין! ווער פון אייך עס וועט נישט וועלען אויספאלגען מיין באפעהל וועט בעשטראפט ווערען.

— אויב די קעניגין וועט מיר ערלויבען, ווינש איך צוריקצוגעהן אהיים, צו מיינע עלטערען, — האט בת שוע זיך אפגערופען און ווידער א נייג געטהאן זיך פאר ושתי׳ן.

— נישט אהיים, נאר אין געפענגנים וועסטו געהן פאר דיין חוצפה! איך

וועל דיר צייגען ווי אזוי מיך ניט צו פאָלגען! יעצט וויל איך זעהן ווער פון אייך וועט טהאָן ווי איך באפעהל? — האט זי זיך געווענדעט צו די איבריגע.

די מיידלעך האבען געשוויגען.

— ווי איך זעה זייט איהר אלע פער׳עקשן׳ט! — האט די קעניגין געשטורעמט, — איהר וועט אלע איינגעשפארט ווערען אין געפענגניס ביז וואנען אייער עקשנות וועט געבראָכען ווערען... אה, ווי אומווירדיג די אידישע מיידלעך זיינען. מיינע רייד האט אויף זיי קיין ווירקונג נישט... וואלטען די פערסישע מיידלעך אויך אזוי געהאנדעלט געגען זייער קעניגין? — האט זי זיך אפגערופען צו איהר הויפט הויף־דאמע.

— אָ, ניין, מעכטיגע און שעהנע קעניגין! — האט די הויף־דאמע זיך א נייג געטהאָן, — אלע ווייסען דאך אז ווער עס פאָלגט נישט אוים דעם באפעהל פון דער קעניגין קען בעקומען טויט־שטראַף.

— יעצט האט איהר געהערט וואס איך קען טהאָן מיט אייך פאר נישט אויספאָלגען מיין באפעהל?! — האט ושתי אויסגערופען, — און דאס איז מיין לעצטע ווארנונג צו אייך אלעמען. אויב איהר וועט נישט טהאָן ווי איך פארזאָג אייך, וועל איך אייך בעשטראָפען מיט די הארבסטע שטראָפען.

— איך וועל טהאָן ווי די קעניגין הייסט! — האט א צושראָקענע מיידעל היסטעריש אויסגערופען.

— און איך וועל אויך טהאָן דער קעניגינס באפעהל, — האט א צווייטע מיידעל זיך אָפגערופען מיט א ציטערנדע שטימע.

— גוט, קומט צו נעהנטער צו מיר! — האט ושתי געזאָגט.

די צוויי מיידלעך זיינען צו איהר צוגעקומען און ושתי האט זיי בעטראַכט, און געהייסען זיי איבערגעבען די ליווענט און די נאדעל און פאדים.

— דערפאר וואָס איהר פאָלגט מיך וועט איהר גלייך קריגען אייער פריה־שטיק... און די איבריגע מיידלעך וועלען געהן אין געפענגניס אהן פריהשטיק.

מען האט גלייך אריינגעטראָגען צוויי גרויסע טעלער מיט פלייש און אנ־דערע שפייז.

— איז דאס פריש? — האט ושתי זיך געווענדעט צו די דינסטען.

— יא, גנעדיגע קעניגין, — האט די עלטערע דינסט געענטפערט. — היינט אין דער פריה איז דער חזיר׳ל אָפגעבראָטען געוואָרען...

— אויב אזוי, זעצט זיך גלייך און עסט אייער פריהשטיק פאר די אויגען פון די איבריגע פער׳עקשן׳טע מיידלעך. — האט ושתי זיך געווענדעט צו די צוויי נאָכגיביגע מיידלעך.

— אה, ניין, ניין.. דאס איז דאך טרפה, — האבען די צוויי מיידלעך אויס־געשרופען מיט עקעל! מיר וועלען עסען בלויז טרוקען ברויט.

— איהר וועט עסען אלעס וואס מען האט אייך געבראכט! — האט ושתי א געשריי געטהאָן. — זעצט זיך גלייך און עסט.

— מיר קענען נישט עסען קיין חזיר פלייש! אה, מיר טארען דאס ניט טהאָן. אונזער תורה פארבאָט אונז...

—אייער תורה, האט איהר מיר פריהער געזאגט, פארבאט אייך צו טהאן אן ארבייט אום שבת, פון דעסטוועגען האט איהר צוגעשטימט אויף דעם, און יעצט ווילט איהר מיך ווידער נישט פאלגען! גיין, קיין זאך וועט אייך נישט העלפען. איהר וועט מוזען עסען דאס חזיר פלייש, אויב נישט וועט איהר אויך מוזען געהן אין געפענגניס צוזאמען מיט די איבריגע מיידלעך וועלכע ווילען מיך נישט פאלגען.

— איך וועל בעסער געהן אין געפענגניס איידער צו עסען חזיר! — האט די ערשטע מיידעל זיך אפגערופען.

— און איך אויך! — האט די צווייטע געזאגט.

— איך וועל אייך אלעמען צייגען ווי אזוי מיך נישט צו פאלגען! — האט ושתי א געשריי געטהאן, — איהר וועט אלע געהן אין געפענגניס! אבער דאס איז נאך נישט אייער גאנצע שטראף... איהר ווילט זיך ארויסצייגען פאר פרומע און בעשיידענע מיידלעך... וועט איהר אלע מארשירען אין געפענגניס אין חוה'ס קליידער... דאס וועט זיין אייער שטראף פאר נישט ווילען מיך פאלגען.

א טויט־שרעק איז זיי אלעמען באפאלען... וואס האט דא מיט זיי פאסירט... פארוואס קומט זיי אזוי בעשטראפט צו ווערען...

— ציהט ארונטער פון זיי די קליידער! — האט ושתי באפוילען איהרע קאמער־מיידלעך... — און אויך המן וועט באקומען זיין שטראף... — האט זי געזאגט מיט א ביטרען וואונק צו איהר הויף־דאמע, — ווייל המן האט צו מיר געבראכט אזעלכע אומווירדיגע מיידלעך וועלכע ווילען ניט פאלגען דער קעניגינס באפעהל, דערפאר זאל זיין שטראף זיין צו באגלייטען אט די אלע אידישע מיידלעך ביז צום געפענגניס...

א גרויס געוויין און א יללה האט אויסגעבראכען צווישען אלע מיידלעך, ווען זיי האבען דאס דערהערט...

פריהער ווען זיי האבען געדענקט אז בלויז די קאמער־מיידלעך וועלען זיי בעגלייטען ביז דעם געפענגניס, האבען זיי די שטראף מקבל באהבה געווען... יעצט אבער אז די קעניגין סטראשעט זיי דאס אויך המן וועט זיי בעגלייטען, האבען זיי זיך אלע יאמערליך פאנאנדערגעוויינט... זיי זיינען געפאלען מיט די פנים'ער צום באדען און זיך גענומען בעטען ביי ושתי'ן זי זאל אויף זיי רחמנות האבען און זיי נישט אנטהאן די אונערהערטע שאנדע.

— אזוי וועט עס געשעהן! — האט ושתי אויסגערופען מיט רשעות, — המן וועט אייך מוזען בעגלייטען ביז דעם געפענגניס.

די קאמער־מיידלעך זיינען צוגעקומען צו די אידישע מיידלעך און האבען גענומען ארונטערציהען פון זיי די קליידער.

דער געוויין האט זיך פארשטארקט... פיעלע פון זיי האבען זיך געוועהרט אבער צו יענע האט ושתי צוגעשיקט נאך עטליכע קאמער־מיידלעך וועלכע האבען פון זיי גענומען ארונטעררייסען זייערע קליידער מיט געוואלד.

— מיר וועלען טהאן וואס די קעניגין באפעהלט! — האבען איינינגע מיידלעך זיך אפגערופען צו די קאמער־מיידלעך, — נאר טהוט אונז נישט אן אזא שאנדע! מיר וועלען שוין נעהמען נעהען די קליידער, גיט אונז די לייווענט מיט נאדעל און פאדים.

א קאמער־מיידעל האט איבערגעגעבען ושתי'ן די רייד פון יענע מיידלעד, אבער די קעניגין האט אויסגערופען מיט כעס:

— יעצט איז שוין צו שפעט! יעצט װעלען זיי פריהער דארפען עסען חזיר... אויב זיי װעלען צושטימען צו עסען חזיר, דאן קענען זיי דא פארבלייבען.

די קאמער־מיידעל האט צוגעטראגען די חזיר פלייש צו יענע מיידלעך װעלכע האבען שוין געהאט צוגעשטימט צו ארבייטען אום שבת, אבער װי זיי האבען דערזעהען דאס חזיר פלייש האבען זיי מיט עקעל אויסגערופען:

— דאס װעלען מיר קיינמאל נישט טהאן. מיר װעלען בעסער שטארבען און קיין טרפות נישט עסען.

דאן האט ושתי באפוילען מען זאל זיך מעהר צו זייערע געװיינען און געבעטען נישט צוהערען.

— רייסט ארונטער פון זיי די קליידער און זאל מען שיקען רופען המן'ען.

— האט זי אויסגערופען.

ושתי איז געשטאנען און אנגעקוקט װי אזוי די אידישע מיידלעך דרעהען און קארטשען זיך אין דרייען פון יסורים און שאנדע... טויב זיינען איהרע אויערען געװען צו זייערע געשרייען און געװיינען... אה, װי זי האט זיי געהאסט, יעדע איינע פון זיי. אלע זיינען דאך אזוי שעהן... זי װעט זיי אלעמען אזוי פיעל פייניגען ביז װאנען זיי װעלען װערען אויסגעצעהרט און העסליך.

דורך דעם לאנגען קארידאר װאס עס פיהרט פון ושתי'ס פאלאץ צו דעם געפעננגים פאר די פארזינדיגטע דינסטען און קאמער־מיידלעך, זיינען די מייד־לעך געפיהרט געװארען אין דער בעגלייטונג פון המן... אויף זיין פנים האט זיך באװיזען א ציניש שמייכעל... דאס האט ער אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט ושתי'ס בעלוינונג פאר זיין קלוגע עצה...

## פיערטער קאפיטעל

# די בהלה צװישען אידען אין שושן

אחשורוש האט געגעבען א באפעהל צו זיין געגרייט צו דער גרויסער פייערונג װאס ער האט בעשטימט צו זיין דריטען יאהרעספעסט. ער האט ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו פארשידענע קעניגע, צו אלע פירסטען, און הארען פון זיין מדינה.

זיין באפעהל צו ברייגנען די בעסטע װיינען און די טהייערסטע מאכלים פאר דעם פאלאץ, איז מיט גרויס פינקטליכקייט דורכגעפיהרט געװארען.

אחשורוש האט זיך בעראטהען מיט זיינע מיניסטארען װי אזוי צו באשעהנען און פארהערליכען זיין פייערונג. און עס איז בעשלאסען געװארען צו פייערען דעם גרויסען מאלצייט אין דעם קעניגליכען גארטען. טישען זיינען אױעקגע־שטעלט געװארען אין גארטען, געדעקט מיט װאונדער־שעהנע געשטריקטע טיש־טוכער, שטוהלען בעצויגענע מיט טהייערע טעפיכער, און בעטלער מיט גאלדענע און זילבערנע ראהמען איז דארטען געװען פאר די װיכטיגסטע געסט, כדי זיי זאלען זיך קענען אויסרוהען נאך א שװערען מאלצייט.

דער קעניג אחשורוש האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו פייערען דעם יום־

טוב פאר זעהר א לאנגע צייט. אין יעדער שטאדט וואס איז געווען אונטער זיין הערשאפט האט ער געהייסען געבען וויין און שפייז צו יעדען איינעם אומזיסט.

דער בעשטימטער טאג איז געקומען. אלעס איז געווען געגרייט פאר דעם גרויסארטיגען מאלצייט אין פאלאץ. די קעניגע און די גובערנאטארען זיינען אנגעקומען אין דער הויפט־שטאדט שושן.

אחשורוש האט יעדען געגעבען זעהר א פיינע אויפנאהמע און זיינען באלד איינגעלאדען געווארען צו זיצען ארום דעם קעניגליכען טיש.

אין פארשיעדענע טיילען פון שטאדט האט דער קעניג געהייסען מאכען בעזונדערע מאלצייטען פאר די איינוואהנער פון שושן, פאר ארים און רייך, אלע זיינען געווען ווילקאמען צו געניסען פון די קעניגליכע סעודות.

צווישען די געהויבענע געסט פון פרס זיינען אויך געווען איניגע אנגע־זעהענע און רייכע אידען פון שושן און אנדערע שטעדט, וועלכע האבען געהאל־פען אחשורוש'ן ארויפשטייגען אויף דעם טראהן... פאר זיי האט דער קעניג בעשטימט א באזונדערען פלאץ, ווייל אזוי איז געווען זייער פארלאנג.

אין די ערשטע עטליכע טעג פון מאלצייט, האט אחשורוש געוויזען פאר אלע קעניגע זיין אונגעהייערען גרויסען רייכטום... ער האט פאר זיי געעפענט זיינע אוצרות... ער האט פאר אלעמען געוויזען די פיעלע גאלד און וואונדערליכע קאסטבארע שטיינער וואס ער בעזיצט. ער האט זיי אויך געצייגט די פארשידענע קונסט־זאכען און די גאלדענע שעהנע כלים וואס נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, האט אוועקגערויבט פון דעם בית המקדש, און יעצט זיינען זיי אריינגעפאלען אין די הענד פון אחשורוש'ן.

גרויס איז געווען די בעגייסטערונג און ענטציקונג פון די קעניגע און הארען וועלכע האבען צוגעזעהען די אלע וואונדערליכע זאכען וואס האבען זיך געפונען אין אחשורוש'ס אוצרות. נישט קלענער אבער איז געווען זייער קנאה... און ווען עטליכע קעניגע זיינען פארבליבען אליין, האבען זיי זיך דורכגערעדט צווי־שען זיך:

— די געטער פון פרס זיינען געווים זעהר גוט געווען צו אחשורוש'ן. בלויז דריי יאהר זיינען פאראיבער זינט ער איז געווארען קעניג, און ער איז שוין דער רייכסטער קעניג פון אונז אלעמען, — האט זיך איינער אפגערופען.

— איז עס דען א וואונדער אז ער איז רייך... — האט א צווייטער א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס, — ער האט איינגענומען אזוי פיעל מדינות און אלע צאהלען איהם שווערע צינזען און דערצו מוזען די אונטערטנהעניגע מלוכות ברייגנען איהם זייערע קאסטבארע זאכען אלס מתנות...

—דאס בעווייזט אונז אלעמען אז מען טאר נישט ארויסצייגען קיין רחמנות צו די באזיעגטע... האסטו איינגענומען א לאנד, דארפסטו זעהן אז אלעס וואס געפינט זיך אין לאנד זאל געהערען צו דיר... אחשורוש האט אזוי געטהאן און יעצט קען ער בעהויפטען צו שטאלצירען געגען אונז אלעמען.

— און מיר אלע ווייסען דאך אז קיין קעניגליכע בלוט פליסט נישט אין זיינע אדערען... ער איז געווען — אזוי האב איך געהערט — א קנעכט ביי איינעם פון די קעניגע פון בבל.

— איך ווייס אפילו ווער דער קעניג איז געווען! — האט זיך אן אנדער

קעניג אַנגערופען, — ער איז געווען אויל מרודך, דער פאטער פון אחשורוש'ס יעצטיגער קעניגין.

— מען זאָגט אז זי איז זעהר א שעהנע.

— ווען זי וואָלט געווען אין אמת'ן א שעהנע, וואָלט אחשורוש איהר גע־צייגט פאר אונז... ווי ער האָט אונז געצייגט די איבריגע זאכען.

— יא, דו האָסט רעכט, די קעניגין מוז געווים זיין נישט איבריגענס שעהן, דאריבער איז זי אַפּגעזונדערט. און אַט זיינען שוין עטליכע טעג אוועק און זי איז נאָך אלץ ניט איינגעלאַדען געוואָרען זיך צו בעטייליגען אין זיין שמחה.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט אחשורוש גענומען די קעניגין צוליעב איהר יחוס, ווייל זי איז געווען די טאָכטער פון א קעניג, און ער האָט עס געטהאָן כדי צו באפעסטיגען זיין מלוכה, עס זאָל מיינען אז צוליעב איהר זאָל ער שוין במילא האָבען א רעכט צו טראָגען די קרוין.

— עס וואָלט כדי געווען איהר צו זעהן! — האָט זיך אַנגערופען דער קעניג פון ארם.

— עס וועט נישט זיין צו שווער איבערצורעדען דעם קעניג אחשורוש ער זאָל דאָס טהאָן.

— און איך קען זיך מיט אייך וועטען אז איך קען ווירקען אויף אחשורוש'ן ער זאָל פאר אונז פאַרשטעלען זיין קעניגין אין די קליידער פון אונזער געטין אפראַדיטע, ווען זי געהט ארויס פון ים, — האָט דער קעניג פון די גריכען זיך אַפּגערופען.

א שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף די ליפען פון די איבריגע מלכים.

— איך נעהם אָן דעם וועט, — האָט דער קעניג פון קיפרן זיך אָפּגערופען.

— אויב דיר וועט עס געלינגען צו טהאָן, דאן גיב איך דיר אָפּ איינעם פון מיינע אינזלען.

— גוט, — האָט דער קעניג פון יון געענטפערט, — איהר זייט אלע אונ־זערע עדות, אז ווען מיר געלינגט צו ווירקען אויף דעם קעניג ער זאָל פאר אונז פאַרשטעלען זיין קעניגין אין די קליידער פון די גריכישע געטין אפראדיטע, דאן דארף ער מיר אָפּגעבען אן אינזעל.

— און וואָס וועט זיין, אז דיר וועט דאָס נישט געלינגען? — האָט דער קעניג פון קיפערן געפרעגט.

א שטילקייט האָט א ווייל געהערשט צווישען אלע קעניגע.

באלד אָבער האָט זיך דער גריכישער קעניג אוועקגעשטעלט און אויס־גערופען:

— אויב מיר געלינגט נישט צו ווירקען אויף אחשורוש'ן ער זאָל טהאָן ווי איך האָב פריהער געזאָגט, גיב איך דיר אָפּ איינעם פון די יאָנישע אינזלען.

— אָפּגעמאכט.

— גוט!

— ווען וועסטו עס טהאָן?

— דאָס וועל איך שוין זעהן לויט דער שטימונג פון אחשורוש'ן, אבער איהר מוזט מיר פאַרשפּרעכען מיר אין דעם ארויסהעלפען.

— אויב מיר וועלען דיר ארויסהעלפען, טאָ ווי אזוי וועסטו זיך קענען בעריהמען אז דיר אליין איז דאָס געלונגען צו ווירקען אויף אחשורוש'ן?

— פארשטעהט איהר, איך וויל בלויז ארייננציהען אחשורוש'ן אין א גע־שפרעך פון שעהנע פרויען. יעדער פון אייך זאָל זיך בעריהמען אז ער בעזיצט די שעהנסטע קעניגין, און דאַן וועל איך שוין טהאַן דאָס איבריגע.

— פונדעסטוועגען גלייב איך אז דער ווייז רעדט אין דיר — האָט זיך נאָך א קעניג אָפּגערופען צום קעניג פון יון — דו האָסט היינט אביסעל איבערגע־באַפּט די מאָס, דוכט זיך דיר אז דיר וועט געלינגען צו טהאָן אז אונמעגליכע זאַך. פארגעס נישט אז ושתי שטאמט נישט פון די פערסישע פרויען, וועלכע זיינען מעהר אָדער וועניגער פריי זיך צו געפינען אין דער געזעלשאַפט פון מענער. ושתי שטאמט פון די באבילאָנישע קעניגע און די פרויען פון בבל זיינען מעהר פערצווימט ווי די פערסישע.

— דאָך קען איך נישט פארשטעהן, דו זאָגסט אז די פערסישע פרויען מישען זיך געזעלשאַפטליך גאַנץ פריי מיט די מענער, און אַט פארברייגגען מיר אויף אחשורוש'ס מאַלצייט עטליכע טעג און מיר האָבען נאָך נישט אָנגע־קוקט דעם פנים פון א פרוי.

— דאָס איז ווייל די קעניגין מאכט א בעזונדערען מאָלצייט פאר די פרויען.

— זיינען אָבער דען ווינציג שעהנע פרויען פארבליבען אין שושן. פארוואָס זעהט מען זיי נישט אין דעם קעניגליכען גארטען?

— אמת, עפּעס מאכט אויף מיר אן איינדרוק אז די שטאָדט שושן האָט גאָר קיין פרויען נישט!

— דאָס איז ווייל אחשורוש איז די ערשטע עטליכע טעג פון מאָלצייט גע־ווען פארנומען אין אויספיינען זיך פאר אונז מיט זיין רייכטום.

— איצט דארפען מיר דאָך געוויס וועגען דעם נישט זארגען. אויב די רייד פון גריכישען קעניג וועלען פארווירקליכט ווערען, דאַן וועלען שוין אונזערע אויגען זיך אָנזעטיגען... — האָט דער ארמ'ישער קעניג ציניש א שמייכעל געטהאָן.

אזוי האָבען די מלכים צווישען זיך געשמועסט ביז שפּעט אין דער נאכט, ביז וואנען יעדער איז אוועק צו זיין צימער צו שלאָפען.

---

זעהר צופריעדען איז המן געווען מיט זיין באלוינונג וואָס ער האָט גע־קראָגען פון ושתי'ן פאר זיין געלונגענער עצה... ער איז געווען אזוי גליקליך אז איהם האָט זיך געוואָלט טיילען זיין שמחה מיט אנדערע... ער ווייס אז זרש, זיין פרוי, טאָר דערפון נישט וויסען... ער וואָלט פון איהר דערפאר געכאַפּט א שוואר־צען סוף. ער האָט אָבער נישט געקענט זיך באהערשען. און דעם ערשטען צו פער־טרויען זיין ערפאהרונג מיט די אידישע שעהנע מיידלעך, האָט ער דערצעהלט בגתנ'ען... ער איז געווען דער יעניגער וועלכער האָט איהם געשיקט צו ושתי'ן און דאריבער מעג ער פאר איהם אלעס דערצעהלען.

בגתן האָט הארציג געלאַכט און זיך אָפּגערופען צו איהם:

— ווען דו, המן, וואָלסט עס דערצעהלט צו אימיצען אנדערש, וואָלט מען דיר נישט געגלויבט... איך אָבער קען ושתי'ן זעהר גוט נאָך פון די צייטען ווען זי איז געווען אין איהר פאטער'ס פּאלאַץ... און איך ווייס אז זי איז זעהר מסוגל צו מאַכען אזעלכע שפּאַסען.

— א, ווען דו, בגתן, וואָלסט געזעהן וואָס פאר א שעהנהייטען זיי זיינען!

— האט המן געלאכט, — ווי זיי האבען געיאמערט און געקלאגט, און זיך גע־בויגען און געקארטשעט פון שאנדע.

— מערקווירדיג וואס פאר א מאדנע פאלק זיי זיינען די אידען... ביי די מיידלעך איז רעכט געווען צו לײדען די גרעסטע יסורים און שאנדע אבי נישט עובר צו זיין אויף די געבאטען פון זייער תורה!...

— אט דאס האב איך דאך פריהער געוואוסט, — האט המן מיט שטאלץ אויסגערופען, — און דאריבער האב איך געראטהען די קעניגין און איהר גענגע־בען מיין עצה... און ווי באלד אז די אידישע מיידלעך האבען זיך ענטזאגט איהר צו פאלגען, האט זי דאך געהאט דאס פולע רעכט זיי שווער צו בעשטראפען.

המן האט זיך נישט בעגנוגענט מיט דעם וואס ער האט דערצעהלט בגתן'ען. ער האט זיך געוואלט בעריהמען פאר זיינע איבריגע פריינד מיט וועמען ער געהט צוזאמען איינצולאדען די קעניגין ושתי צום קעניג, און ווען זיי זיינען אלע געזעסען ביי א גלעזעל וויין האט זיך המן אויפגעשטעלט און געזאגט:

— מיר זיינען דאך זיבען גלייכע שרים, שלוחים פון קעניג צו דער קעניגין, פונדעסטוועגען קען די קעניגין גלייך דערזעהן ווער עס איז דער קליגסטער פון אונז אלעמען! — האט המן זיך גענומען בעריהמען.

— איין זאך איז זיכער, אז דו ביזט עס נישט דער יעניגער, — האט חרבונה איהם גלייך געענטפערט.

— אזוי זאגסטו! — האט המן זיך פאנאנדערגעלאכט, — דאס צייגט טאקע אז דו בעזיצט אזוי פיעל שכל ווי א בהמה! דו קענסט אפילו נישט באגרייפען אז איך בעזיץ מעהר קלוגשאפט פון אייך אלעמען צוזאמענגענומען.

— די קעניגין מוז אזוי האלטען פון דיין קלוגשאפט אזוי ווי דיין ווייב זרש, — האט איהם נאך א בעאמטער מיט'ן נאמען כרכס געענטפערט, — דו קענסט זיך בעריהמען פאר די וועלכע קענען דיך נישט, אבער מיר אלע קענען דיך זעהר גוט און מיר ווייסען אויף זיכער אז דו וואלסט געווען דער לעצטער אויסגעקליבען צו ווערען ביי דער קעניגין פאר דעם קליגסטען צווישען אונז.

— און וואס וועט זיין, אז איך וועל אייך איבערצייגען אז נישט נאר בעראטה זיך די קעניגין מיט מיר, נאר זי נעהמט אויך אן אלע מיינע עצות! — האט המן אנגעפילט א בעכער פול מיט וויין און דאס גלייך איז זיך אריינ־געגאסען.

— ביז וואנען דו וועסט אונז טאקע נישט איבערצייגען, וועלען מיר דיך האלטען פאר א פוסטען בעריהמער! — האט חרבונה געלאכט.

דאס האט המן'ען זעהר שטארק אויפגערעגט.

— איך בעריהם זיך שוין גאר נישט! — האט ער אויסגערופען, — יעדעס ווארט וואס איך דערצעהל אייך איז ריכטיג.

— דערווייל האסטו אונז נאך גארנישט דערצעהלט! — האט חרבונה איהם א זאג געטהאן.

— יא, וואס פאר אן עצה האסטו דער קעניגין געגעבען און זי האט עס אנגענומען?

— דאס קען איך אייך נישט זאגען, ווייל דאס איז א סוד! — האט המן זיך אפגערופען.

— דאמיט וואס דו קענסט אונז נישט זאגעז, צייגסטו אונז נאך אלץ נישט איבער אז די קעניגיז האט זיך מיט דיר בעראטהעז.

— אבער איך שווער ביי די געטער פון פרס אז איך זאג נישט קייז ליגעז, און אז די קעניגיז האט זיך מיט מיר בעראטהעז און אנגענומעז מייז עצה איז נישט קייז פוסטע בעריהמעריי.

— דאס קעז דאך אבער יעדער פון אונז אזוי זאגעז, און כל זמז דו קענסט אונז נישט איבערצייגעז, האבעז מיר א רעכט דיר יא צו גלויבעז אדער נישט!

— האסטו דעז נישט געהערט אז אלע אידישע מיידלעך זיינעז איינגעלאדעז געווארעז איז ושתי'ס פאלאץ?... ווער דענקסטו האט זיי איינגעלאדעז?

— נו, און וואס איז מיט דיר אזוי די גדולה אז דו האסט זיי איינגעלאדעז... דאס האט געקענט געטהאז ווערעז דורך אירגענד וועלכעז אנדער מאז... איז וואס בעשטעהט דא דייז חכמה!...

— מייז חכמה באשטעהט איז דעם וואס איך האב דער קעניגיז געגעבעז א פלאז ווי אזוי, ע... אבער נייז, איך קעז דאס נאך נישט דערצעהלעז... איך האב מורא אייך צו געטרויעז... איהר קענט נאך איבעררייד עז פאר אנדערע און דאס וועט מיר זעהר שטארק שאדעז.

—איך זעה נישט איין, המן, פארוואס דו האסט מורא פאר אונז צו דערצעהלעז דיינע סודות — האט אגבתא זיך צו איהם אפגערופעז, — מיר זיינעז אלע גלייכע שרים ביי דעם קעניג אחשורוש און מיר דארפעז זייז איבערגעבענע פריינד איינער צום צווייטעז.

— ווען איהר וואלט מיר קענעז פארזיכערעז אז איהר וועט פאר קיינעם נישט דערצעהלעז דיזעז סוד, וואלט איך אייך שויז אלעס איבערגעגעבעז, — האט המן אויסגערופעז.

— מיר זאגעז דיר צו אז מיר וועלעז קיינעם נישט דערצעהלעז פון דעם וואס דו וועסט אונז זאגעז.

— אויב אזוי, שווערט מיר צו ביי די געטער פון פרס, אז איהר וועט מייז סוד האלטעז, אם ווייניגסטעז ביז איבער דער פייערונג פון דעם קעניג'ס דריטעז יאהרעספעסט.

פינף פון די זעקס אנדערע שרים האבעז צוגעשווארעז, און חרבונה האט נישט געוואלט שווערעז.

— פארוואס שווערסטו נישט! — האט זיך המן צו איהם געווענדעט.

— ווייל מיר קימערט נישט אויב דו וועסט מיר גארנישט דערצעהלעז, איך אינטערעסיר זיך גאנץ ווייניג אויב די קעניגיז האלט דיך פאר א חכם אדער פאר א נאר!

— דו מעגסט דערצעהלעז, המן! — האבעז די איבריגע זיך אפגערופעז, — חרבונה וועט אונז אלעמעז נאכפאלגעז, און אזוי ווי מיר וועלעז פאר קיינעם דייז סוד נישט ארויסגעבעז. אזוי וועט ער דאס אויך נישט טהאז.

המן האט אויסגעטרונקעז נאך עטליכע בעכער וויין. ער איז געווארעז עט־ וואר שיכור'לעך, און אזוי ווי די איבריגע זיינעז צו איהם צוגעשטאנעז, האט ער צוגעשטימט זיי אלעס צו דערצעהלעז.

— אונזער קעניגיז ושתי האט זעהר נישט ליעב א מיידעל וועלכע זאל זיך קענעז פארגלייכעז איז שעהנקייט מיט איהר, — האט המן אנגעפאנגעז, —

און בפרט ווען זי דענקט אז יענע איז נאך שעהנער פון איהר... זי האט פשוט מורא אז דער קעניג זאל נישט ווארפען אן אויג אויף איינע, וועלכע איז שעהנער פון איהר... און ווען ושתי האט דערהערט אז אחשורוש וויל מאכען א גרויסע פייערונג, האט זי זיך געשראקען, טאמער וועט ער איינלאדען די שעהנע מיידלעך פון שטאדט אונטערצוהאלטען דעם קעניג און זיינע געסט מיט טענץ... טא מיט וועמען מיינט איהר, האלט זיך די קעניגין אן עצה, אויב נישט מיט מיר?... יא, מיינע פריינד, ושתי האט פארשטאנען אז פון מיר קען זי קריגען די ריכטיגע קלוגע עצה, שיקט זי מיר רופען און זאגט צו מיר: "המן! איז מיינע אויגען ביזטו דער קליגסטער מאן פון גאנץ שושן"...

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף די פנים'ער פון המן'ס חברים, און חרבונה האט באמערקט:

— מערקווירדיג ווי שנעל ושתי האט אויסגעפונען אז דו ביזט אזא חכם! דוכט זיך אז אהן אונז ביזטו קיינמאל נישט געווען ביי דער קעניגין, און ווען אחשורוש פלעגט אונז שיקען איהר רופען האסטו דאך קיין איבריגען ווארט נישט גערעדט, א חוץ די ווערטער וואס דער קעניג האט אונז אנגעזאגט, און שוין ביזטו אין איהרע אויגען פארגעבענט געווארען פאר א חכם!?

— ביי א קלוגען מענש ליגט די חכמה אויף זיין פנים! — האט המן מיט שטאלץ געענטפערט, — און די קעניגין מיט איהרע שארפזיניגע אויגען האט עס גלייך באמערקט... יא, די קעניגין שיקט מיך רופען און זאגט צו מיר: המן, דו ביזט דער גרעסטער חכם פון מיין גאנץ קעניגרייך, און איך וויל זיך מיט דיר אן עצה האלטען וואס צו טהאן כדי צו פארמיידען אז די שעהנע מיידלעך פון שטאדט זאלען נישט קומען אין אחשורוש'ס פאלאץ בעת דעם מאלצייט... איך האב א קנייטש געטהאן מיין שטערען מיין שטערען אויף א קליינע ווײלע און גלייך איהר געזאגט מיין פלאן: און ווי איך האב איהר געראטהען אזוי איז דאס געווען... יעצט געפינען זיך די שעהנסטע מיידלעך פון שושן אין ושתי'ס פאלאץ...

— איך זעה נאך אלץ נישט איין וואס פאר א גרויסען אויפטהו דו האסט אויפגעטהאן פאר דער קעניגין... — האט זיך חרבונה גענומען מעהר פאראינ־טערעסירען און געזוכט ארויסצוקריגען פון דעם שכור'ן המן'ען מעהר איינ־צעלהייטען, — אויב די מיידלעך זיינען איינגעלאדען געווארען אלס די געסט פון דער קעניגין, וועלען זיי דאך פריהער אדער שפעטער געהן צוריק אהיים, און דאן וועט נאך אלץ זיין א מעגליכקייט פאר זיי צו קומען פאר אחשורוש'ן.

— אט זעהסטו, אט דאס באווייזט אז המן'ס מח איז נאך נישט אויסגע־דארט, — האט המן נאך אמאל אנגעפילט דעם בעכער וויין, — לויט מיין עצה וועלען די שעהנע מיידלעך פארבלייבען אין ושתי'ס פאלאץ אזוי לאנג ביז אחשורוש'ס פייער־טעג וועלען פאראיבערגעהן.

— אבער ווי אזוי איז דאס מעגליך? זיי זיינען דאך בלויז געסט!

— ביי המן'ען קען אלעס מעגליך זיין, — האט ער א שמייכעל געטהאן און אויסגעטרונקען דעם גאנצען בעכער וויין — אלע שעהנע מיידלעך זיינען פארשפארט געווארען אין געפענגנים.

— אין געפענגנים! — האט חרבונה אויסגערופען, — מיט וואס פאר א רעכט.

— די אידישע שעהנע מיידלעך האבען פארזינדיגט געגען ושתי'ן. זיי

האבען נישט געוואלט אויספאלגען איהר באפעהל... און דאס איז אלעס געטהאן געווארען לויט מיינע קלוגע עצות. איך האב איהר געראטהען זי זאל הייסען די אידישע מיידלעך טהאן אן ארבייט אום שבת... איך האב גלייך געוואוסט אז זיי וועלען נישט וועלען פאלגען דער קעניגין און פאר נישט פאלגען האט זי דאך א רעכט זיי צו בעשטראפען... און אה, וואס פאר א שטראף!...

המן האט זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט.

— אה, מיינע פריינד, ווען איהר וואלט נאר געוואוסט וואס פאר א "באלוינונג" איך האב געקראגען פון דער קעניגין פאר מיינע קלוגע עצות, וואלט איהר מיך אלע שטארק מקנא געווען. כא־כא־כא...

— נו, דערצעהל אונז שוין, המן, — האט כרכס זיך אפגערופען, — צייג אונז שוין די בעלוינונג וואס דו האסט געקראגען פון ושתי'ן!

— צייגען אייך! כא־כא־כא... יא, איהר וואלט עס אלע געוואלט זעהן! כא־כא־כא... אבער ניין... נאר המן'ס אויגען האבען דאס צוגעזעהן... — האט המן גענומען פלאנטערען מיט זיין צונג. — איך האב געפיהרט די מיידלעך אין געפענגנים אין... אין... כא־כא־כא...

— אה, דער וויין רעדט שוין אין דיר, המן! — האט זתר זיך אפגערופען.

— איך בין ניכטער, איך האב קיין סך וויין נישט געטרונקען... זאל אזוי מיין פרוי זרש לעבען און געזונט זיין ווי איך בין ניכטער... יא, ושתי האט די שעהנע אידישע מיידלעך נאך מעהר בעשטראפט... זי האט זיי באפוילען צו מארשירען אין חוה'ס קליידער, און איך האב דאס אלעס געדארפט צוזעהן... כא־כא־כא!...

אין א ווײלע ארום איז המן געזעסען מיט זיין קאפ אנגעשפארט אויף דעם טיש און ער האט געכראפעט...

— נו, און איהר גלויבט אלעס וואס המן האט אונז דערצעהלט, — האט איינער פון זיי זיך אפגערופען.

— אז ער האט איינגעלאדען אלע אידישע מיידלעך פון שושן, דאס וויסען מיר אלע... און פאר וואס זאלען מיר נישט גלויבען אויך די איבריגע זאכען וואס המן האט אונז דערצעהלט.

— אבער דאס איז דאך אן אונערהערטע זאך אזוי שענדליך צו בעהאנדלען די טעכטער פון בירגער פון שטאדט! — האט חרבונה זיך אפגערופען, — אויב עס זאל זיין אמת!...

— ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל נישט אז עס איז אמת... — האט כרכס געזאגט, — וויל איך האב זיך געזעהן מיט א פאטער וועמעס טאכטער איז איינגעלאדען געווארען אין ושתי'ס פאלאץ, און ער האט מיר מיט גרויס שמחה דערצעהלט אז זיין טאכטער האט געוויס שטארק נושא חן געווען ביי דער קעניגין, וויל עס איז שוין עטליכע טעג ווי די קעניגין האט איהר פערהאלטען.

— אה, די ארימע עלטערען, — האט חרבונה ביי זיך געטראכט, — ווען זיי וואלטען נאר געוואוסט דעם אמת...

באלד איז חרבונה'ן ארויפגעקומען אויף זיינע געדאנקען וועגען זיין פריינד מרדכי... געוויס איז אסתר אויך פון המן'ען פארנארט געווארען צו קומען אין פאלאץ... אה, ער מוז זעהן העלפען זיין פריינד אין נויט, — האט חרבונה

בעשלאָסען, און איבערלאָזענדיג זיינע איבריגע פריינד און דעם בראָפענדען המן, איז ער גלייך אוועקגעגאַנגען צו מרדכי'ס הויז.

ווען עטליכע טעג זיינען פאַראיבער געגאַנגען און איינע פון די עלטערע וועלכע האָבען געהאַט דאָס "גליק" זייערע טעכטער זאָלען איינגלאַדען ווערען צו דער קעניגין, זיינען געוואָרען עטוואָס אומרוהיג, פאַרוואָס פאַרהאַלט זיי דאָרטען ושתי אזוי לאַנג?... איז מען גלייך געלאָפען צו המן'ען, איהם פרעגען די אורזאַכע.

המן אָבער, האָט זיי אַלעמען פאַרזיכערט אַז דאָס וואָס די מיידלעך ווערען לענגער פערהאַלטען ביי דער קעניגין, איז אַ סימן, אַז זיי האָבען געפונען חן אין איהרע אויגען.

— יאָ, — האָט המן זיי געענטפערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכעל, — אייערע טעכטער האָבען גאַנץ גוטע אויסזיכטען צו פאַרבלייבען אויף שטענדיג מיט דער קעניגין.

יעדען פאָטער בעזונדער האָט המן פאַרטרויט אַ סוד אַז לויט ווי די קעניגין האָט איהם איבערגעגעבען, וועט זיין טאָכטער ווערען די הויפט פון איהרע קאַמער־מיידלעך.

— דו דאַרפסט אָבער עס פאַר קיינעם נישט דערצעהלען, ווייל דו קענסט נאָך קאַליע מאַכען.

די פאָטערס פלעגען קומען אַהיים פרעהליכע, פול מיט האָפנונג און איבער־דערצעהלען דעם סוד פאַר זייערע פרויען. און די מוטערס זיינען געוואָרען פול מיט שטאָלץ און אין האַרצען געבעטען גאָט אַז זייערע טעכטער זאָלען וואָס לענגער פאַרבלייבען אין ושתי'ס פּאַלאַץ.

עמיאל, וועמעס טאָכטער בת שוע, איז אויך געווען צווישען די וועלכע זיינען אוועק צו דער קעניגין, איז געוואָרען עטוואָס אומגעדולדיג און ער איז אליין אריבער צו דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין ושתי.

— איך בין געקומען זעהן מיין טאָכטער! — האָט עמיאל זיך אָפּגערופען צו די וועכטער, —וועט איהר פיעלייכט צו־וויסען געבען דער קעניגין אַז בת שוע'ס פאָטער איז דאָ... איך וועל אייך דערפאַר שטאַרק באַלוינען.

— קיינער פון אונז האָט נישט קיין רעכט צו פאַרלאָזען אונזער פּאָסטען. — האָט איהם אַ וועכטער געענטפערט.

— אָבער איך מוז זיך מיט איהר זעהן! — האָט עמיאל אויסגערופען, — איך בין שטאַרק בעזאָרגט וועגען איהר געזונט.

עמיאל האָט דעם הויפט־וועכטער געגעבען עפּעס אין האַנט.

— איך קען דיר גאָרנישט העלפען, — האָט דער וועכטער געזאָגט, צונעה־מענדיג ביי איהם די מטבע, — דער באַפעהל פון דער קעניגין איז קיינעם נישט אריינצולאָזען אין דעם הויף פון איהר פּאַלאַץ... אָבער איך וואָלט דיר געראַטהען אָפּוואַרטען אַ קליינע ווייל ווען המן וועט זיך צוריקקעהרען, ער וועט דיר וואָר־שיינליך ראַטהען וואָס צו טהאָן.

אַ היבשע ווייל איז עמיאל געשטאַנען און געוואַרט אויף המן'ען, און ווען ער האָט איהם פון ווייטען באַמערקט, איז ער איהם אַנטקעגען געלאָפען.

— המן, איך בעט דיר! — האָט עמיאל אויסגערופען קוים אָפּכאַפּענדיג

דעם אָטהעם, — המן, איך מוז זעהן מיין טאָכטער. מיין פרוי און איך זיינען שטאַרק בעזאָרגט וועגען איהר.

— איך מוז דיר פאַרטרויען א סוד! — האָט המן זיך צו איהם אָפּגערופען, — אָבער דו מוזט מיר פאַרזיכערען אז דו וועסט עס פאַר קיינעם נישט ארויס־ריידען ביז וואַנען עס וועט פאַר אַלעמען בעקאַנט ווערען פון ושתי'ס פּאַלאַץ.

— געוויס וועל איך דיין סוד האַלטען, — האָט עמיאל געזאָגט מיט גרויס אומגעדולד, — וואָס איז דאָס?

— איך האָב היינט אין־דער־פריה גערעדט מיט דער קעניגין און זי האָט מיר געזאָגט, אז פון אַלע איידישע שעהנע מיידלעך האָט זי אויסגעקליבען בלויז דריי וועלכע וועלען ווארשיינליך פאַרבלייבען אַלס איהרע בעגלייטערינס צום קעניג, און בת שוע איז איינע פון זיי. קענסטו זיך פאָרשטעלען וואָס דאָס בעדייט פאַר דיין טאָכטער און פאַר איהר גאַנצער משפּחה? ווארשיינליך וועט זי די אַנדערע מיידלעך אויך האַלטען ביי זיך ביז וואַנען די פייער־טעג וועלען פאַר־איבערגעהן... יעצט דאַרפסטו אָבער זיין זעהר פאָרזיכטיג נישט קאַליע צו מאַכען פאַר דיין טאָכטער... ווייל ווען די קעניגין וועט זיך דערוויסען אז דו ביזט געקומען בעלעסטיגען די וועכטער, וועט דיין טאָכטער אין גאַנצען פאַרלירען איהר אויסזיכט... די קעניגין האָט נישט ליעב קיין בעזוכער... דעריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט געהן אהיים און דערצעהלען דיין פרוי וועגען דעם גרויסען גליק וואָס ערוואַרטעט דיין טאָכטער, און איהר מעגט ביידע רוהיג זיין... ווי נאָר אַלעס וועט בעשטימט ווערען וועל איך דיר לאָזען וויסען.

עמיאל איז אַוועק א גליקליכער און דערצעהלט זיין פרוי וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון המן'ס מויל.

— קענסטו זיך פאָרשטעלען אז פון אַלע מיידלעך זיינען בלויז דריי אויס־געקליבען געוואָרען, — האָט עמיאל געזאָגט, און זיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט פרייד.

— מיך וואונדערט זעהר ווער עס זיינען די אַנדערע צוויי מיידלעך? — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען, — דאָס איז דאָך נישט קיין קלייניגקייט... בעשטימט צו ווערען פאַר דער קעניגין'ס בעגלייטער... זי וועט כמעט זעהן דעם קעניג יעדען טאָג. איך שטעל זיך פאָר ווי גליקליך אונזער בת שוע מוז זיך פיהלען... און איך מוז דיר זאָגען עמיאל, אז איך זעה א שטיקעל נקמה אָן קציעה'ן, מרדכי'ס ווייב... זי האָט מיר געוואָלט איינריידען אז המן איז זיך געקומען בעטען ביי איהר צוויי מאָל, נאָר אסתר האָט כלומרשט נישט גע־וואָלט געהן.

— פאַרוואָס זאָלסטו איהר נישט וועלען גלויבען אז המן איז אויך געקומען איינלאַדען אסתר'ן? איז אמת'ן איז זי דאָך פאַרט איינע פון די שעהנסטע מיידלעך פון שושן.

— איך האָב אָבער זעהר פיינט איהר באַריהמען זיך... לויט איהרע ווערטער קומט אויס, אז נישט זי און נישט מרדכי האָבען נישט געוואָלט אז אסתר זאָל געהן אין פּאַלאַץ... "מיין אסתר", — האָט זי מיר געזאָגט, — "איז נישט אַזוי ווי די איבעריגע מיידלעך"... אוי, וועט איהר דאָס יעצט פאַרדריסען ווען זי וועט זיך דערוויסען אז מיין בת שוע איז באַשטימט געוואָרען ביי דער קעניגין אַלס איהר בעגלייטערין... איך מוז נאָך היינט אריבערגעהן צו קציעה'ן.

— אָבער איך בעט דיך, מיין פרוי, יעצט נאָך קיינעם נישט צו דערצעהלען, ווייל המן האָט מיר אָנגעזאָגט עס זאָל דערווייל פארבלייבען א סוד.

— דו מעגסט זיך אויף מיר פארלאָזען, איך וועל שוין וויסען ווי צו ריידען מיט איהר... זאָל זי זיך אזוי נישט איבערנעהמען מיט אסתר'ן... לויט איהרע רייד קומט אויס אז עס פאסט נישט פאר א אידישע טאָכטער זיך צו געפינען אין פּאַלאַץ... אפשר אלס דינסט טאקע ניט, אָבער אלס א בעגלייטערין צו דער קעניגין, דאָס איז דאָך א גרויסער כבוד פאר א אידישע טאָכטער.

און טאקע באלד איז עמיאל'ס פרוי אוועק צו קציעה'ן מיט עפּעס אן אויסרייד.

— וואָס הערט זיך? — האָט איהר מרדכי'ס פרוי געפרעגט, — האָסטו שוין עפּעס געהערט פון דיין טאָכטער, ווען קומט זי צוריק?

— געלויבט איז גאָט, מיין טאָכטער וועט שוין איצט גליקליך זיין!

— יאָ, וואָס האָט פּאסירט? — איז קציעה נייגעריג געוואָרען, — די קעניגין האָט שוין אויסגעקליבען ווען עס איז?

— עס איז שוין אזוי גוט ווי בעשטימט! — האָט בת שוע'ס מוטער אויסגערופען מיט שטאָלץ, — געוועהנליך מוז דאָס בלייבען דערווייל א סוד, קיינער טאָר דערפון נישט וויסען... אָבער איך ווייס, אז דיר קען איך דאָס אנפערטרויען... בלויז דריי זיינען אויסגעקליבען געוואָרען ביי ושתי'ן.

— בלויז דריי, און ווער זיינען זיי? — האָט קציעה'ס נייגעריקייט געשטיגען.

— עס פארשטעהט זיך אז איינע איז בת שוע און די אנדערע צוויי ווייס איך נאָך אליין נישט... עס איז ביי מיר קיין ספק נישט אז ווען אסתר וואָלט דאן געגאנגען, וואָלט זי אויך געווען איינע פון זיי.

— דעם אמת זאָגענדיג, — האָט זיך שוין קציעה אָפּגערופען מיט עטוואָס קנאה, — האָב איך אויך פריהער שטארק געוואָלט אז אסתר זאָל געהן, אָבער מרדכי האָט זיך איינגע'עקשן'ט... און אסתר ערפילט אלע זיינע וואונשען... און אז ער שפּארט זיך איין וועט איהם שוין קיינער נישט קענען איבעררעדען.

— עס איז א שאדען וואָס אסתר האָט נישט באגריפען די וויכטיגקייט דערפון... זעהסטו, מיין טאָכטער האָט שוין מעהר שכל... זי האָט באלד איינגעזעהן אז דיזען מאָל איז המן אויפריכטיג... און ווייסטו וואָס מיין טאָכטער'ס פליכט וועט זיין?

— געוויס א קאמער־מיידעל ביי דער קעניגין!...

— מאכסטו טאקע א טעות! — האָט זי א שמייכעל געטהאָן, — מיין טאָכטער וועט בעגלייטען ושתי'ן צום קעניג!... דאָס איז שוין אביסעל העכער ווי צו זיין א קאמער־מיידעל!... פארשטעהסטו, זי וועט זיין ווי א בוזים־פריינדין צו דער קעניגין!

— אָבער דו זאָגסט דאָך אז נאָך צוויי זיינען אויסגעקליבען געוואָרען ביי דער קעניגין!

— וועגען יענע צוויי ווייס איך נישט וואָס זיי וועלען טהאָן. מעגליך אז די קעניגין וועט זיי מאכען פאר קאמער־מיידלעך, אָבער דאָס איז שוין זיכער, אז מיין בת שוע וועט ווערען די בעגלייטערין פון דער קעניגין... און לאָמיר זיך טאקע נישט נארען, קענען זיך דען די איבריגע מיידלעך פון שושן פערגלייכען צו

מיין טאַכטער אין שעהנקייט און אין קלוגשאַפט? . . . נו, יא, דיין אסתר איז אויך שעהן, האָט זי דאָך אָבער קיין שכל נישט געהאט אַנצונעהמען דער קעניגינס איינלאדונג... איז עס א קליינינקייט אז א קעניגין ווי ושתי זאָל זיך פּעראינטערעסירען אין אידישע מיידלעך און וועלען זיי אַנטהאָן אזא כבוד?!... איך גלויב אז ווען בת שוע וועט דאַרטען ביי איהר אָפּזיין א היבשע צייט, וועל איך און עמיאל אויך שוין קענען קומען בעזוכען די קעניגין אין איהר פּאַלאַץ.

קציעה'ס צאָרן האט געברענט אויף מרדכי'ן... זי האָט דאָך איצט אויך גע־קענט זיין אין דערזעלבער לאַגע... המן איז דאָך צוויי מאָל ביי איהר אין הויז געוועז... ער האָט זיך געבעטען... יא, די קעניגין האָט איהם דעם צווייטען מאָל אליין געשיקט, און ער איז געוועזן אזא עקשן!... זי פארשטעהט דעם צוועק פון עמיאל'ס ווייב'ס קומען צו איהר... זי וויל זיך דאָס מיט איהר רייצען... עס וועט לאַנג נישט נעהמען און זי וועט ווערען אַן אריינגעהעריז אין ושתי'ס פּאַלאַץ... קיין כבוד וועט א הר שוין נישט פעהלען.

— איך האָף אז ושתי וועט נאָך מאַכען אַן אנדער מאַלצייט, און דאַן וועל איך שוין זעהן אז אויך מיין אסתר וועט אהין געהן.

— איך האָב גערעדט מיט איינינע פרויען וועמעס טעכטער געפינען זיך אין ושתי'ס פּאַלאַץ, — האָט עמיאל'ב פרוי ווייטער געזאָגט, — און זיי האבען זיך אלע געוואונדערט פאַר וואָס אסתר איז נישט געגאַנגען... זיי האָבען נישט געקענט פארשטעהן ווי אזוי דו און מרדכי זאָלען פארביילאָזען אזא געלעגענהייט. איינע האָט זאָגאר געזאָגט, אז ווען אסתר וואָלט אין אמת'ן געווען אייער טאָכ־טער וואָלט איהר דאַן אנדערש געהאנדעלט... איך האָב אָבער מיט יענער נישט איינגעשטימט... איך האָב איהר געזאָגט, אז אסתר איז ביי אייך פאררעכענט ווי אן אייגענע טאָכטער און אז איהר האָט איהר אזוי ליעב ווי מיר האָבען ליעב אונזערע טעכטער... פון דעסטוועגען איז טאַקע שווער צו פארשטעהן אזא זאַך.

— דו קענסט נאָך נישט אסתר'ן! — האָט קציעה אויסגערופען, איינ־האַלטענדיג איהר צאָרן, — המן האָט דאָך נישט געוואָלט אָפּטרעטען... ער איז צו אונז געקומען פרייטאָג־צו־נאַכט, ווען מיר האָבען געהאַלטען אין עסען אונ־זער מאָלצייט. ער האָט איינפאַך נישט געוואָלט אוועקגעהן ביז וואַנען אסתר וועט מיט איהם מיטגעהן... איך האָב איהם איינגעלאַדען צום טיש, און ער האָט זיך געזעצט עסען און די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו רייעדן צו אסתר'ן און צו מרדכי'ן, אָבער זיי האָבען זיך אזוי איינגעשפּאַרט און המן האָט געמוזט אוועקגעהן מיט ליידיגען.

— אָבער דו האָסט דאָך מיר פריהער דערצעהלט אז אויך דו ביזט געווען דאַגעגען, — האָט זי איהר א שטאָך געטהאָן.

— נו, געוויינליך, ווען כ'האָב געזעהן אז אסתר האָט קיין חשק ניט צו געהן אהין האָב איך שוין אויך געזאָגט "ניין". איך וועל דאָך איהר נישט געהן צווינגען דערצו.

— ווען מיין טאָכטער וועט זיך צוריקקעהרען פון פּאַלאַץ אויף א קורצע ווילע וועל איך איהר גלייך אריינשיקען צו אסתר'ן, זאָל זי איהר דערצעהלען וועגען דעם פּאַלאַץ, און איך בין זיכער אז דעם צווייטען מאָל וועט זי שוין אזא נאַר נישט זיין.

— אַט קומט אַן חרבונה! — האָט קציעה אויסגערופען, ווען זי האָט

ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, — איך בין זיכער אז דאס האט די קעניגין איהם געשיקט ער זאל פּרובירען איבעררייִדען מיט מיין אסתר'ן. די קעניגין ווייס שוין אז מיין אסתר איז די שעהנסטע מיידעל פון שושן, און ווען זי האט געזעהן אז המן איז נישט געווען ערפאלגרייך מיט זיין שליחות, שיקט זי עס יעצט חרבונה'ן...

— ווי אזוי קענסטו גאר ריידען אזא נארישקייט! — האט עמיאל'ס פרוי זיך אָפּגערופען, — מען זאגט דאך דיר אז די קעניגין האט שוין אויסגעקליבען די דריי מיידלעך... איך בין זיכער, אז זי איז גאנץ צופריעדען מיט איהר אויסוואהל און זי וועט מעהר נישט שיקען נאך קיין מיידלעך.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען, — האט קציעה געזאגט, — אבער חרבונה איז ביי אונז זעהר אן אנגעלעגטער גאסט... אויב ער איז טאקע געשיקט געווארען פון דער קעניגין צו אסתר'ן וועל איך דיר שוין קומען אנזאגען.

עמיאל'ס פרוי האט גלייך פארלאזען דאס הויז און חרבונה איז אריינגעקומען.

— וואו איז מרדכי! — האט חרבונה אויסגערופען גלייך ווי ער האט נאר אויפגעעפענט די טיהר.

— וואס האט פּאסירט? — האט קציעה איהם א פרעג געטהאן מיט שרעק, ווען זי האט דערזעהן ווי צוטראגען ער איז.

— וואו איז מרדכי? — האט חרבונה ווידערהאלט זיין פראגע.

— אט וועל איך איהם געהן אריינרופען. ער איז אין זיין צימער.

קציעה איז גלייך אריין אין צימער וואו מרדכי איז געזעסען און געלערנט מיט אסתר'ן די תורה.

— עס וועט שוין פיעלייכט זיין גענוג צו מוטשען דאס קינד! — האט קציעה אויסגערופען, — אלע אנדערע מיידלעך האבען פערשידענע פארגעניגענס און ביי איהר איז רעכט אָפּזיצען דעם גאנצען טאג אין הויז און לערנען.

— אבער דאס איז מיין גרעסטער פארגעניגען, מוטער! — האט אסתר זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל.

— דו געה אריין אין גאסט־צימער, מרדכי, עסווארט אויף דיר חרבונה!... ווי עס ווייזט אוים האט ער זעהר וויכטיגעס דיר צו דערצעהלען.

מרדכי איז גלייך אריין און באגריסט חרבונה'ן.

— וואס איז, מיין פריינד, פארוואס ביזטו אזוי צוטראגען? — האט מרדכי גלייך געפרעגט.

—זאג מיר, מרדכי, ווי לאנג איז עס אז אסתר געפינט זיך אין ושתי'ס פּאלאץ? — האט חרבונה זיך אָפּגערופען.

— וואס רעדסטו, מיין פריינד, ווי אזוי קומט אסתר אין ושתי'ס פּאלאץ?

— האט מרדכי זיך פאנאנדערגעלאכט. — זי איז דאך גאר אין מיין הויז.

— אזוי? ווען האט זי זיך פון דארטען אומגעקעהרט?

— אסתר איז גאר קיינמאל אהין נישט געגאנגען.

חרבונה האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איז זי דען נישט געווען איינגעלאדען צו דער קעניגין?

— יא, המן איז דא צוויי מאל געווען, אבער אסתר האט בשום אופן נים געוואלט געהן... איך בין זיך מודה אז איך אליין האב אויך נישט געהאט קיין

גרויס חשק... אָבער איך האָב איהר אין דעם נישט געוואָלט שטערען... און איך בין געווען צופרידען אז זי האָט בשום אופן זיך נישט געוואָלט צוהערען צו המן'ס רייד.

— דו מעגסט זיכער שטאָלצירען מיט אסתר'ן, — האָט חרבונה אויסגעשריען מיט צופרידענהייט, — זי האָט זיך איינגעשפאָרט א סך צרות און שאנדע און פאר דיר און קציעה'ן האָט זי פארשפאָרט א סך עגמת נפש.

— וואָס מיינסטו? — האָט מרדכי געפרעגט פערוואונדערט.

— איך מיין אז די מיידלעך וועלען שוין פארזאָגען א צעהנטען נישט צו געהן אין פּאַלאַץ פון דער קעניגין!

— האָט דען עפּעס פּאַסירט?

— געוויס האָט פּאַסירט! — האָט חרבונה אויסגערופען, — אַלע אידישע מיידלעך זיינען איינגעשפאָרט געוואָרען אין געפענגנים.

קציעה וועלכע איז געשטאַנען ביי דער צווייטער זייט פון טיהר מיט צוגענויגטע אויערען, האָט דערהערענדיג חרבונה'ס לעצטע ווערטער, האסטיג אַ עפען געטהאָן די טיהר און שנעל צוגעהענדיג צו חרבונה'ן, האָט זי אויסגערופען:

— וואָס?! די מיידלעך זיינען איינגעשפאַרט אין געפענגנים.

— יא, אַלע זיבען און צוואַנציג מיידלעך זיצען אין געפענגנים שוין עטליכע טעג.

— ווי אזוי איז דאָס געשעהן? — האָט קציעה'ס פּנים גענומען אויפלויכטען.

חרבונה האָט זיי דערצעהלט אַלעס וואָס ער האָט געהערט פון המן'ען, ווי אזוי די קעניגין האָט געזוכט צו פערנארען אַלע אידישע מיידלעך צו זיך און זיי גענומען צווינגען צו מחלל שבת זיין און צו עסען חזיר, און אויך וועגען דער גרויסער שאנדע וואָס זי האָט זיי אָנגעטהאָן... און יעצט זיצען זיי אַלע אין געפענגנים אונטער דער בעשולדיגונג אז זיי האָבען נישט אויסגעפאָלגט די באַפעהלען פון דער קעניגין.

— רעכט אויף זיי! — האָט קציעה אויסגערופען, — זיי האָט זיך פּלוצים פערוואָלט ווערען האָרינטעס, בעגלייטערינס פון דער קעניגין, קאַמער־מיידלעך... אסתר!... אסתר!... קום נאָר אריין!...

אסתר איז גלייך אריינגעקומען און קציעה האָט איהר געקושט און געהאַלזט.

— דו דארפסט דאנקען פריהער גאָט און דערנאָך דיין פאָטער וואָס ער האָט נישט געוואָלט דו זאָלסט געהן אין פּאַלאַץ פון ושתי'ן.

— זי דארף זיך זעלבסט דאנקבאר זיין! — האָט מרדכי אויסגערופען, — זי האָט דאָך נישט געוואָלט געהן אהין!

קציעה האָט איהר שנעל איבערגעבען וואָס חרבונה האָט איהר דערצעהלט... און אריינשושקענדיג איהר אין אויער, האָט זי איהר דערצעהלט וועגען דער גרויסער חרפּה וואָס ושתי האָט אָנגעטהאָן צו אַלע אידישע מיידלעך.

אסתר'ס פּנים איז בעדעקט געוואָרען מיט רויטקייט... א שוידער איז דורך איהר קערפּער.

— איך מוז גלייך אריבערלויפען צו בת שוע'ס מוטער! — האָט קציעה געזאָגט, — איך וועל איהר אָנזאָגען די בשורה.

— פארוואס זאָלסטו זיין די ערשטע צו ברייענגען די שלעכטע בשורה צו די עלטערען, — האָט מרדכי צו איהר זיך אָפּגערופען.

— זי איז נאַר וואָס ביי מיר געווען, זי האָט זיך איינפאַך צושמאָלצען פון נחת!... איהר טאָכטער איז א חכמה, א שעהנהייט. און מיין אסתר איז זעהר נאַריש... אזוי האָט זי מיר געזאָגט, יאָ... זי איז געקומען זיך מיט מיר אביסעל רייצען... זי האָט געמיינט אז איך וועל איהר מקנא זיין איהר גליק... זי וועט מאַכען בעזוכען ביי דער קעניגין און גאַנץ שושן וועט קניהען פאַר איהר... איך וועל איהר צייגען ווי אזוי צו קומען און צו ריידען צו מיר אזוי!... יאָ, זי וועט זיין די ערשטע וועמען איך וועל דאָס אַנזאָגען.

— אָבער דו דאַרפסט פאַרזיכטיג זיין נישט אריינצומישען מיין נאָמען אין דעם! — האָט חרבונה געזאָגט, — ווייל ווען די קעניגין וועט זיך דערוויסען אז איך האָב עס פאַרשפּרייט די נייעס, וועט זי מענליך אויף מיר זיין אין כעס. כאָטש אין אמת'ן, האָט דאָך איהר המן פערראַטהען. ער האָט ארויסגעגעבען דעם גאַנצען סוד. ער האָט פאַר אונז אַלעמען זיך בעריהמט ווי די קעניגין נעהמט אָן זיינע עצות, און ווען ער האָט גענומען אביסעל וויין, האָט ער אונז אין גאַנצען דערצעהלט.

— אָה, ניין, חרבונה, איך וועל דיין נאָמען נישט דערמאָהנען! — האָט קציעה געזאָגט און איז שנעל ארוים פון הויז. זי איז האַסטיג געלאָפען צו עמיאל'ס הויז.

— ווי איך פאַרשטעה, האָסטו טאַקע געטראָפען! — האָט עמיאל'ס פרוי זיך צו איהר אָפּגערופען, — חרבונה איז געקומען איינלאַדען דיין אסתר'ן צו דעם פּאַלאַץ.

— אָה, ניין, חרבונה איז געקומען צו מרדכי'ן... דו ווייסט דאָך, אז זיי ביידע פאַרברייענגען גאַנץ אָפט צוזאַמען.

— און אסתר איז נישט איינגעלאַדען געוואָרען נאָך אמאָל צו דער קע־ניגין? — האָט זי אויסגערופען מיט א שטימע פון פאַרלייכטערונג.

— ניין! מען האָט איהר מעהר נישט איינגעלאַדען! — האָט קציעה געזאָגט.

— נו, האָב איך דען נישט געזאָגט, אז ושתי האָט די דריי מיידלעך שוין אויסגעקליבען! — האָט עמיאל'ס פרוי אויסגערופען מיט נצחון.

— יאָ, יאָ, זי האָט אַלעמען אויסגעקליבען! — האָט קציעה א זאָג געטהאָן.

— אַלע אידישע "קלוגע" מיידלעך זיינען ביי ושתי'ן אויסגעקליבען געוואָרען.

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט, קציעה! מען זאָגט דאָך דיר אז בלויז דריי האָט זי אויסערוועהלט.

— און איך האָב זיך נאַר וואָס דערוואוסט, אז די קעניגין האָט איינגע־שפּאַרט אַלע אידישע מיידלעך אין געפענגניס.

— אין געפענגניס!! — איז עמיאל'ס פרוי אויפגעשפּרונגען פון איהר פּלאַץ, — ווער האָט עס אויסגעטראַכט אזא אומגעלומפּערטע און ווילדע זאַך... בלויז נישט פאַרגינער קענען אזוי ריידען.

— איך פאַרגין דיר מיט מיין גאַנצען הארצען... איך בין דיר נאַר געקומען זאָגען וואָס איך האָב געהערט וועגען דעם.

— ווער האָט עס דיר דערצעהלט? — האָט עמיאל'ס פרוי אויסגערופען

מיט צאָרן, — עס איז א ליגען! עס איז א ליגען! עמיאל איז היינט אין דער פריה געווען אין פּאַלאַץ פון דער קעניגין און ער האָט זיך געזעהן מיט המן'ען... און המן האָט איהם ענטדעקט דעם סוד, אז בלויז דריי זיינען אויסגעקליבען געוואָרען, און בת שוע איז צווישען זיי.

—וואָס דען האָט המן איהם געזאָלט זאָגען? — האָט קציעה זיך אָפּגערופען, — ער זאָל איהם זאָגען אז דיין טאָכטער איז אין געפענגניס.

— אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך! פאַרוואָס זאָל די קעניגין וועלען זיי ארעסטירען.

— ווייל זיי האָבען זיך ענטזאָגט איהר צו פאָלגען... איך ווייס שוין אלעס... די מיידלעך האָבען זיך שטארק בענארישט ווען זיי האָבען אָנגענומען ושתי'ס איינלאַדונג... אָבער בלויז מיין אסתר איז געווען א חכמה... זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט געהן... און לאָמיר דיר זאָגען, די שאנדע וואָס די מיידלעך האָבען דאָרטען אויסגעשטאַנען.

— דאָס רעדט די קנאה אין דיר! — האָט זי אויסגערופען, — עס איז א ליגען; פאַרוואָס זאָל מיין טאָכטער נישט וועלען פאָלגען דער קעניגין?...

— ווייל ושתי האָט פון זיי פערלאַנגט זיי זאָלען טהאָן אן ארבייט אום שבת, און דערצו האָט זי נאָך געוואָלט אז די אידישע מיידלעך זאָלען עסען חזיר... דענק נישט, אז איך האָב דאָס אלעס אויסגעטראַכט פון קאָפּ... איך האָב דאָס געהערט פון א מאַן וואָס ווייס... המן אליין האָט זיך פאר איהם באַריהמט אז דאָס האָט ער אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן... יאָ, דיין טאָכטער איז נישט די איינציגע, אלע מיידלעך זיינען יעצט אין געפענגניס און ווער ווייס וואָס זיי ערוואַרטעט?!...

— עס איז אונמעגליך!! עס קען נישט זיין!! — איז עמיאל'ס פרוי געוואָרען היסטעריש, — אַה, מיין ליעבע טאָכטער, גאָט ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט!

— יעצט זעהסטו אז דיין טאָכטער איז געווען די חכמה און מיין אסתר האָט זיך בענארישט! — האָט קציעה אויסגערופען און פאַרלאָזען איהר הויז.

די נייעס אז די אידישע מיידלעך וועלכע זיינען געקומען פול מיט האָפנונג אין ושתי'ס פּאַלאַץ, זיצען אין געפענגניס, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישען די אידען אין שושן. פיעלע פון זיי האָבען עס גלייך נישט געוואָלט גלויבען... זיי זיינען גלייך געלאָפען צו המן'ען... אָבער זיי האָבען איהם נישט געפונען... זיי האָבען געמאַכט א פאַרזוך צוצוקומען צום פּאַלאַץ, אָבער מען האָט זיי פון דאָרט פאַרטריבען.

עמיאל און זיין פרוי זיינען ארומגעלאָפען ווי צודולטע פון פּאַלאַץ צו המן'ס הויז און פון דאָרטען צוריק צום פּאַלאַץ. אָבער זיי האָבען איהם נישט געטראָפען.

— בערוהיג זיך מיין פרוי! — האָט עמיאל געמאַכט א פערזוך איהר צו טרייסטען, — עס איז גאַנץ מעגליך אז בייזע צינגער האָבען פאַרשפּרייט א פאַלשען קלאַנג... איך קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלען אז אזא זאך זאָל טרעפען אין פּאַלאַץ פון דער קעניגין... בפרט יעצט, ווען דער קעניג און די קעניגין פייערען אזא גרויסען יום טוב.

— אָבער זעהסטו דען נישט ווי די וועכטער בעהאַנדלען די עלטערען פון די מיידלעך!... מסתמא איז עס אמת.

— פאַרוואָס זאָל די קעניגין פערלאַנגען זיי זאָלען אַרבייטען אום שבת?... און וואָס קימערט איהר אויב זיי וועלען נישט עסען קיין חזיר?...

— אַט דאָס האָט זיך מיר אויך געוואונדערט, — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען. — אָבער יעצט איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דאָס וואָס קציעה האָט מיר דערצעהלט איז ריכטיג. אויף המן'ען קען מען אַלעס גלויבען... ער איז דאָך אַן אויסוואורף... אוי, אויב עס זאָל אַלעס זיין אמת וואָס איך האָב געהערט וועלען מיר זיך דאָך נישט קענען ווייזען פון שאַנדע און וועהטאָג. מייז האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איך זאָל נישט דערלאָזען אַז בת שוע זאָל געהן אין פּאַלאַץ!

— האָסטו דען איהר נישט אַליין געשיקט? — האָט עמיאל אויסגערופען.

— דו ביזט דאָך געווען העכסט צופריעדען ווען המן איז געקומען מיט זיין איינלאַדונג...

— אָה, יעצט זעה איך אַז איך האָב זיך בענאַרישט, — האָט זי געוויינט.

— איך מוז ווייטער אַריבערגעהן צום פּאַלאַץ! — האָט עמיאל געזאָגט. — איך וועל וואַרטען דאָרטען אַזוי לאַנג ביז וואַנען איך וועל זעהן המן'ען.

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן! אָה, ווי מיין האַרץ ציטערט אין מיר. ווער ווייס וואָס די מרשעת, די קעניגין, קען נאָך טהאָן צו אונזער טאָכטער.

עמיאל און זיין פרוי זיינען שוין צום דריטען מאָל, אין איין טאָג, געשטאַנען נעבען די טויערען פון ושתי'ס פּאַלאַץ.

— איך בעט דיר, זאָג מיר, איז המן שוין היינט געווען אין פּאַלאַץ פון דער קעניגין? — האָט עמיאל געפרעגט דעם הויפּט-וועכטער און איהם אין האַנט אַריינגערוקט אַ גאָלדענע מטבע.

— המן איז נאָך נישט געווען. ער וועט זיכער באַלד צוקומען... אויב דו ווילסט זיך אוועקשטעלען אַז אַ זייט וועסטו נאָך קענען איבערוואַרטען, ווייל דער בעפעהל פון דער קעניגין איז, אוועקצוטרייבען יעדען איינציגען אידען וועלכער וועט נאָר מאַכען אַ פּערזוך צוצוגעהן צו דעם טויער.

עמיאל און זיין פרוי האָבען אָפּגעטראָטען אַז אַ זייט און געוואַרט אַ היבשע ווייַלע ביז וואַנען זיי האָבען פון ווייטען בעמערקט המן'ען... מיט שנעלע טריט זיינען זיי איהם אַנטקעגען געקומען. המן האָט זיך געמאַכט נישט זעהענדיג און געוואָלט גלייך געהן צום פּאַלאַץ.

זיי זיינען איהם אָבער פאַרלאָפען דעם וועג.

— אָה, המן, המן! — האָט עמיאל אויסגערופען, — זאָג מיר וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין טאָכטער?!... איך וויל זי זאָל גלייך אַהיים קומען.

— דו ווילסט זי זאָל אַהיים קומען? — האָט המן זיך אַ קרים געטהאָן, — ווער איז איהר שולדיג?! פאַרוואָס זאָלען די אידישע מיידלעך זיין אַזוי פער'עקשנ'ט, וואָלט אַ פּערסישע מיידעל געזאָגט צו ווידערשפּעניגען די שטימע פון דער קעניגין און נישט פאָלגען באַפעהלען איהרע?...

— אָבער ווי איך פאַרשטעה האָט זי פערלאַנגט פון זיי צו אַרבייטען אום שבת! — האָט עמיאל געזאָגט.

— וואָס איז דער אונטערשיעד... די אידישע מיידלעך האָבען נישט געוואָלט

פאלגנז דער קעניגין און זי האט זיי דערפאר בעשטראפט. זיי האבנז די שטראף פערדיענט. צוליעב זיי איז די קעניגין אויך אויף מיר איז כעס געווארעז... ווייל איך האב איינגעלאדעז אזעלכע שלעכטע איינגעשפארטע מיידלעך!... יעצט קעז איך אייך גארנישט העלפעז... זיי וועלעז מוזעז אפקומעז זייער שטראף......

— אה, המז, איך בעט דיך, ברייננ אריין מיין טאכטער, איך וועל דיר דיין חסד קיינמאל נישט פארגעסעז.

— איך האב דאך דיר געזאגט, — האט המז בייז א זאג געטהאז, — אז איך קעז דיר אין דעם גארנישט העלפעז. דיין טאכטער האט צוזאמענ מיט די איבריגע אידישע טעכטער פארזינידגט געגעז דער קעניגין און זיי וועלעז זיכער מוזעז זייער שטראף באקומעז.

— אה, המז, האב אויף מיר רחמנות, — איז עמיאל׳ס פרוי געווארעז היס־טעריש, — העלף מיר באפרייעז מיין טאכטער, זי איז דאך אזוי אונשולדיג. זי האט קיין שלעכטעס נישט געטהאז. דו קענסט פוז אונז פערלאנגעז וואס דו ווילסט... מייז מאז איז רייך, ער וועט דיך באפרידיגעז מיט א ברייטער האנד.

— די איינציגע זאך וואס איך קעז טהאז, איז צו בעטעז דער קעניגין זי זאל פארגרינגערעז די שטראף פוז אלע מיידלעך, ווייל אלע האבנז גלייך געזינ־דיגט, איז זייערע טראף איז אויך א גלייכע. וואס איך קעז נאר טהאז איז, זיך משתדל זייז פאר אלעמעז און מעגליך אז אנשטאט זיי צו בעשטראפעז מיט געפענגנים פאר עטליכע יאהר וועלעז זיי בלויז אפקומעז מיט עטליכע וואכעז.

— וואס? ! איז דעז מעגליך אז זיי זאלעז קריגעז אזא הארטע שטראף?

— האט עמיאל׳ס פרוי אויסגעבראכעז אין א געוויין.

— עס איז זעהר ראטהזאם אז איהר זאלט זיך וואס וויינציגער געפינעז ארום דעם פאלאץ! — האט המז געזאגט, — איהר קענט ווייניג וואס העלפעז אייער טאכטער, אבער איהר קענט איהר א סך שאדעז בריינגעז. ווען די קעניגין זאל זיך דערוויסעז אז די עלטערעז פוז די מיידלעך מאכעז א טומעל נעבעז איהר פאלאץ וועט זי נאך הייסעז שטארקער בעשטראפעז די מיידלעך. איהר געהט יעצט אהיים אין גיט איבער די אנדערע עלטערעז אז זיי זאלעז נישט וואגעז צוצוגעהן צו דעם פאלאץ...

מיט צוזאמענגעבראכענע געמיטהער און צובראכענע געמיטהער איז עמיאל מיט זייז פרוי צוריק געגאנגעז אהיים. זייער צער איז געוועז גרויס און נישט קלענער איז געוועז זייער שאנדע.

באלד איז די נייעס שנעל פארשפרייט געווארעז איבער דער גאנצער שטאדט... עס איז געווארעז א מהומה און א בהלה צווישעז די עלטערעז וועמענס טעכטער זיינעז געוועז געלאדעז איז ושתי׳ס פאלאץ... און די מיידלעך וועלכע זיינעז נישט געוועז אזוי שעהן האבנז איז זייערע הערצער זיך שטארק געפרעהט: זיי האבנז געזעהן נקמה אז זיי.

פיעלע פון זיי האבנז זיך נישט געקענט באהערשעז און געלאפעז צום פאלאץ. אבער ווען מען האט זיי געזאגט, אז זיי קענעז נאך ערגער מאכעז, זיינעז זיי זיך שנעל צוגאנגעז מיט ביטערע געוויינעז און געשרייעז.

— לאמער געהן צו מרדכי׳ן, — האבנז איינגע עלטערעז פארגעשלאגעז, — ער איז זעהר חשוב און ער האט פיעלע גוטע פריינד וועלכע זיינעז איינגעהער אין דעם פאלאץ, מעגליך אז ער וועט עפעס טהאז פאר אונזערע טעכטער.

— וואס וועט אונז מרדכי העלפען! — האבען אנדערע געזאגט, — לאמיר שיקען א בקשה צו דעם קעניג אחשורוש.

— דאמיט וועלען מיר נאך ערגער מאכען! מיר ווייסען דאך אז דער קעניג וועט ושתי'ן נישט פארמיידען צו טהאן וואס זי וויל.

— מיר וועלען דאך נישט לאזען אונזערע טעכטער זאלען אפפינסטערען אין געפענגנים אומזיסט!

— א, פארשאלטען זאל ווערען דער טאג וואס איך האב זיך צוגעהערט צו המן'ס רייד און געלאזען מיין טאכטער געהן צו ושתי'ן!

— ווער ווייס וואס זי קען נאך מיט זיי טהאן! — האט א מוטער אויס־געבראכען אין א יאמערליכען געוויין. — זי קען נאך אלעמען פארמוטשען צום טויט.

— לאמיר אוועקגעהן צו המן'ס הויז און מיר וועלען איהם מאכען ווי די בלאטע.

— ניין, דאמיט וועלען מיר ערגער מאכען... המן זאגט דאך אז ער איז נישט שולדיג... פון וואנען האט ער געזאלט ווייסען אז די קעניגין וועט זיי הייסען ארבייטען אום שבת און דערצו נאך עסען חזיר... ניין, מיר דארפען המן'ען נישט דערצארענען, ער וועט פיעלייכט אונז זעהן א טובה צו טהאן.

אזוי זיינען די עלטערען פון די שעהנע מיידלעך און זייערע קרובים ארומ־געגאנגען צושראקענע און צוקלעמטע, מיט טרויעריגע פארזארגטע פנים'ער און מיט צובראכענע הערצער.

## פינפטער קאפיטעל

# ושתי פאלגט ניט

אויף דעם פערטען טאג פון אחשורוש'ם מאלצייט, זיינען אלע קעניגע אויפגעשטאנען גאנץ פריה. כאטש זיי זיינען לעצטע נאכט געווען היבש שכור'לעך, פון דעסטוועגען האט קיינער נישט פארגעסען דעם וועט וואס דער גריכישער קעניג האט געהאט מיט דעם קעניג פון קיפערן...

— דו דענקסט נאך אז דו וועסט דעם וועט געווינען? — האט דער קעניג פון ארם געפרעגט דעם קעניג פון יון, — יעצט אז דו האסט נאך קיין וויין איז דיין מויל נישט געגומען, וועסטו זיך פיעלייכט באזינען וועגען דיין שווערע און אומגלויבליכע אונטערנעהמונג!

— דער קעניג פון יון וועט זיין ווארט נישט בייטען! דורך די עטליכע טעג וואס מיר פארברייגגען מיט אחשורוש'ן האב איך איהם גאנץ גוט דער־קענט... איך ווייס אלע זיינע שוואכקייטען, און איך בין נאך יעצט מעהר איבער־צייגט ווי פריהער אז איך קען ווירקען אויף אחשורוש'ן ער זאל באפעהלען זיין קעניגין ושתי צו ערשיינען פאר אונז אין די קליידער פון אונזער געטין אפראדיטע.

— אבער ווי אזוי וועט אחשורוש קענען קריגען אזוי שנעל קליידער פאר ושתי'ן ווי די קליידער פון דיין געטין אפראדיטע? — האט א קעניג פון א גאנץ ווייטע מלוכה נאאיוו געפרעגט.

א הילכיגער געלעכטער האט אויסגעבראכען צווישען די איבריגע קעניגע.

— פארוואס לאכט איהר?! — האט זיך דער קעניג געפינען בעליידיגט. —

איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן די גריכישע געטין אפראדיטע, און פון וואנען זאָל איך וויסען וואָס פאַר א קליידער זי טראָגט בעת זי געהט ארויס פון ים!

— אזעלכע קליידער ווי אונזער געטין טראָגט ווען זי ערשיינט פון ים, קען מען אין ערגעץ נישט קריגען! — האָט דער גריכישער קענת איהם גע־ענטפערט מיט א שמייכעל, — די נאטור אליין בעזאָרגט שוין מיט אזעלכע קליידער.

— אָה! — האָט זיך דער נאאיווער קעניג פארכאַפּט, — יעצט פארשטעה איך שוין, — לעצטע נאכט בין איך געווען, ווי עס ווייזט אויס, גוט שכור, און איך האָב נישט געקענט באגרייפען די וויכטיגקייט פון אייער ווערט . . . ווען דו פיהרסט אוים אזא זאך, דאן וואָלטען מיר אלע געוואוסט ווי שטארק דיך אָפּצושאצען!

— צו זעהן אחשורוש'ס קעניגין אין אזעלכע קליידער, — האָט נאָך א קעניג געלאַכט, — איז ווערטה נאָך מעהר ווי א גאנצע אינזעל. אויב דו פיהרסט דורך דיין פּלאַן, דאן גיב איך דיר הונדערט שטיקער זילבער פון מיינע אוצרות.

— און איך גיב דיר אויך דאָס זעלבע... א קלייניגקייט! צו זעהן אחשורוש'ס קעניגין אין איהרע געבורטס־קליידער... מיר וואָלטען דאָך דאָס נישט געקענט פארגעסען כל זמן מיר וועלען לעבען.

—און יעצט וואָלט איך טאקע געוואונשען אז די קעניגין ושתי זאָל זיין א זעלטענע שעהנהייט... זאָלען זיך אונזערע אויגען אָנזעטיגען, — האָט דער קעניג פון קיפּערן געזאָגט, — ווי באלד אז עס וועט מיר קאָסטען אן אינזעל, זאָל עס אָם ווייניגסטען זיין ווערטה.

מיט א זעהר געשפּאַנטע שטימונג זיינען יענעם טאָג די קעניגע צוזאמענ־געקומען אין קעניגליכען גאָרטען און זיך געזעצט ארום דעם טיש וואו דער קעניג אחשורוש איז געזעסען.

— נו, מיינע ליעבע געסט! — האָט זיי אחשורוש באגריסט מיט א פריינד־ליכע שטימע, — האָט איהר זיך אלע געפיהלט באקוועם.

זיי האָבען זיך אלע א נייג געטהאָן, און דער קעניג פון יון האָט זיך אָפּ־געריפען:

— מיר האָבען זיך געפיהלט אזוי באקוועם, אזוי ווי קעניגע קענען פיהלען אונטער די אומשעטענדען ווען זיי האָבען שוין א היבשע צייט קיין פרוי נישט אָנגעזעהן.

אחשורוש האָט זיך פאנאנדערגעלאַכט.

— פאַר וואָס האָט איהר נישט מיטגענומען אייערע פרויען, די איינלאַדונג צו מיין פייערונג איז דאָך אויך געמיינט געוואָרען פאַר אייערע קעניגינס...

— מיר האָבען געמיינט אז מיר וועלען קומען אין פרס, וועלען מיר דאָרט זעהן אזוי פיעל פרויען אז מיר וועלען קענען בעהויפּטען צו לאָזען אונזערע פרויען אין דער היים, — האָט דער קעניג פון יון אויסגערופען, און אויפגעהויבען זיין בעכער מיט וויין: "איך טרינק פאַר די שעהנע פרויען פון גריכענלאַנד!"

אחשורוש און די איבריגע קעניגע האָבען אויסגעטרונקען זייערע פולע בעכערס וויין.

— און איך טרינק פאַר מיין קעניגין, וועלכע איז די שעהנסטע פרוי אין גאַנץ קיפּערן, — האָט דער קעניג אויסגעטרינקען נאָך א בעכער וויין.

— די גריכישע פרויען זיינען די שעהנסטע אין דער וועלט! — האט דער קעניג פון יון ווידער אנגעפילט זיין בעכער מיט וויין, — און מיין קעניגין איז די שעהנסטע פון זיי אלעמען... יעצט קענט איהר זיך שוין פארשטעלען וואס פאר א זעלטענע שעהנהייט מיין קעניגין איז.

— דאס רעדסטו אזוי, ווייל דו האסט נאך נישט געזעהן די קעניגין ושתי! — האט אחשורוש אויסגערופען, — ווען די וואלסט נאר בלויז איין קוק געטהאן אויף מיין קעניגין, וואלסטו שוין מודה געווען, אז די פרויען פון גריכענלאנד און דיין קעניגרייך ארייגערעכענט, זיינען ווי פארזעהענישען געגען ושתי'ן.

— דו מאכסט א טעות, מיין האר קעניג! — האט זיך דער גריכישער קעניג אויפגעשטעלט, — עס זיינען פאראן פרויען וועלכע קענען פארדעכענט ווערען פאר שעהנע ווען מען בעטראכט בלויז זייער פנים, אבער מיין קעניגין איז נישט נאר שעהן אויף דעם פנים, נאר אויך יעדער גליעד איהרער איז ווי געשניצט און געטאקט דורך די הענט פון א קינסטלער... איהר לייב איז אזוי קלאהר ווי אלבאסטער, און דער פורעם פון איהר עלאסטישען בויגזאמען קערפער איז געפורעמט געווען פון די געטער אליין... יא, ביי אונז אין גריכענלאנד קען א פרוי מיט א שעהנעם פניב נאך נישט אנגערופען ווערען שעהן, דערצו דארף זי נאך בעזיצען א וואונדער־שעהנעם קערפער וואס זאל הארמאנירען מיט איהר פנים...

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף אחשורוש'ס פנים. ער האט אויסגעלייידיגט נאך א בעכער וויין, און זיך אפגערופען:

— אזא זעלטענע שעהנהייט ווי מיין ושתי איז, קען מען אין ערגעץ נישט געפינען... און נישט נאר איז איהר פנים בעשאנקען מיט אויסערגעוויינליכע שעהנקייט און חן, נאר אויך איהר קערפער אזוי אזוי בעצויבערנד און פול מיט רייץ, אז אלע געטער פון פרס און גריכענלאנד צוזאמענגענומען וואלטען א שעהנערען קערפער פון ושתי'ס נישט געקענט אויספורעמען.

— געוויינליך קען יעדער פון אונז זאגען אז זיין קעניגין איז די שעהנסטע, — האט דער קעניג פון יון זיך אפגערופען, — אבער זאגען אליין איז נאך נישט גענוג, מען דארף זיין אימשטאנד איבערצוציייגען אייך דעם צווייטען אין דעם... ווען מיין קעניגין וואלט יעצט דא געווען, וואלטען אלע מודה געווען אז זי איז די שעהנסטע אין דער וועלט... איך בין איבערצייגט אז ווען זי וואלט ערשיינט פאר דעם קעניג אחשורוש אין די קליידער פון אונזער געטין אפראדיטע, דאן וואלט ער שוין אויך געמוזט צוגעבען אז אפילו זיין ושתי באזיצט נישט אזא וואונדער־שעהנעם קערפער ווי מיין פרוי.

— און ווען דו וואלסט בלויז איין בליק געטהאן אויף מיין קעניגין, וואלסטו זיכער געביטען דיין מיינונג! — האט אחשורוש אויסגערופען, — דאן וועט איהר אלע צוגעבען אז קיין קעניג אין דער וועלט בעזיצט נישט אזא שעהנע רייצענדע קעניגין ווי איך...

— ניין, און איך באשטעה נאך אלץ אז מיין קעניגין איז א שעהנערע, — האט דער גריכישער קעניג אויסגערופען.

— ווייסט איהר גאר וואס, — האט דער קעניג פון ארם זיך אפגערופען,.

— זאל דער קעניג אחשורוש הייסען ברייננען זיין קעניגין ושתי'ן און איהר פארשטעלען פאר אונז, און זאל דער קעניג פון גריכענלאנד שיקען שלוחים צו

ברייגנגען זיין קעניגין, און דאן וועלען מיר האבען די מעגליכקייט צו אורטיילען וועלכע איז די שעהנסטע.

— ער איז גערעכט, — האט אחשורוש אויסגערופען, — איך וועל שיקען רופען ושתי׳ן און זאל זי ערשיינען פאר אייך, און דאן וועט איהר אלע ווארטען ביז וואנען די גריכישע קעניגין וועט אנקומען אין שושן און זי וועט פאר אונז ערשיינען.

— נאר בעסער! — האט דער קעניג פון יון אויסגערופען, — איך וועל באפעהלען אז מיין קעניגין זאל פאר אייך אלעמען ערשיינען אין איהרע נאטיר־ליכע קליידער וועט איהר אלע קענען זעהן וואס פאר א וואונדערבארען בעצוי־בערנדען קערפער זי בעזיצט.

— וועט זי דיר דען וועלען פאלגען און אזוי ערשיינען ווי דו פערלאנגסט?

— האט איהם א צווייטער קעניג געפרעגט.

— מיין קעניגין האט מיך אזוי ליעב, אז זי וועט טהאן אלעס וואס איך וועל איהר הייסען.

— און איך וועל אייך אלעמען צייגען אז אויך מיין קעניגין ושתי וועט מיך פאלגען און ערשיינען פאר אייך בלויז מיט איהר קרוין אויף איהר קאפ!

א באוועגונג איז געווארען צווישען אלע קעניגע.

— און איך גלויב נישט, אז זי וועט וועלען אויספאלגען דיין באפעהל!... ווען א פרוי זאל נאכגעבען אזא פערלאנג פון איהר מאן, דארף זי איהם זעהר שטארק ליעב האבען...

— און איך וועל אייך אלעמען צייגען אז נישט נאר איז ושתי די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט און זי בעזיצט דעם וואונדערבארסטען קערפער, נאר אז זי האט מיך אויך שטארק ליעב, און מיין ווארט איז ביי ביי איהר הייליג... יא, זי וועט טהאן אלעס וואס איך הייס איהר...

— דאס איז אבער אומגלויבליך! — האט דער קעניג פון ארם איהם אנגע־צויגען, — איך פארשטעה אז זי וועט דיך פאלגען און ערשיינען פאר אונז אין איהרע קעניגליכע קליידער, אבער אז די קעניגין ושתי זאל פאר אונז ערשיינען און דער איינציגער צודעק צו איהר קערפער וועט זיין די קרוין אויף איהר קאפ... דאס וועט זיין אונמעגליך. און מיין עצה וואלט געווען, אז דער קעניג אחשורוש זאל צו אונז אזא פארשפרעכען נישט מאכען... ווייל מיר וועלען אלע ערווארטען צופיעל און דערנאך וועט אונזער ענטטוישונג זיין זעהר גרויס.

— וועגען דעם האב איך נישט וואס צו זארגען... ווען איהר וועט נאר בלויז איין בליק טהאן אויף ושתי׳ן און אויף איהר וואונדערבארען געשניצטען קערפער וועט שוין קיינער פון אייך נישט זיין קיין ענטטוישטער! — האט אחשורוש זיך אפגערופען און אריינגעגאסען אין זיך נאך א פולען בעכער וויין.

— איך מיין נישט אז מיר וועלען זיין ענטטוישט אין איהר שעהנקייט, — האט דער קעניג פון ארם געזאגט, — איך מיין מיר זאלען נישט איז גאנצען זיין ענטטוישט, ווייל ושתי וועט נישט וועלען אויספאלגען אחשוריש׳ס באפעהל.

— וועגען דעם דארפסטו זיך נישט זארגען! — האט אחשורוש געענט־פערט, — ווען איך זאג אז ושתי וועט ערשיינען פאר אייך אלעמען בלויז מיט איהר קרוין אויף איהר קאפ, מעגט איהר אלע זיכער זיין אז אזוי וועט עס גע־שעהן. יא, נאך היינט וועלען אייערע אויגען זיך נישט קענען אנזעטיגען מיט

דער שעהנקייט פון מיין קעניגין, און ווען די קעניגין פון גריכענלאנד וועט אנקו־מען וועלען מיר אלע אויך איהר אנקוקען און דאן וועלען מיר פארגלייכען און זעהן וועלכע איז שעהנער.

— ווען די וועסט קענען באווייזען אזא זאך, — האט א צוווייטער קעניג זיך אפגערופען, — דאן וועלען מיר אלע וויסען אז דו ביזט דער מעכטיגסטער הערשער איבער דער גאנצער וועלט. ווייל כאטש דער קעניג פון יון האט גע־זאגט, אז ער וועט נאכדעם לאזען ערשיינען זיין קעניגין אין איהרע נאטירליכע קליידער, איז דאך מיר שווער צו גלויבען אז ושתי זאל דערצו איינשטימען.

— איך וועל מיינע ווערטער נישט ציהען צוריק! — האט דער האלב שכור'ער אחשורוש אויסגערופען, — אין א קורצע ווײלע וועט מיין קעניגין פאר אייך שטעהן בלויז אין איהר קרוין און דאן וועט איהר אלע צוזעהן וואס פאר א וואונדערבארע שעהנע קעניגין איך האב.

— מיר זיינען טאקע זעהר נייגעריג עס צו זעהן, — האט דער קעניג פון קיפערן געזאגט.

— המן! חרבונה! — האט אחשורוש א געשריי געטהאן.

באלד איז המן און חרבונה און די איבריגע פינף שרים געשטאנען פאר אחשורוש'ן און האבען זיך פערנייגט.

— געהט אלע צו דער קעניגין אין פאלאץ און זאגט איהר אין מיין נאמען אז זי דארף באלד ערשיינען פאר מיר און פאר מיינע געסט, די מלכים, צו ווייזען איהר שעהנקייט.... זי דארף זיך נישט בעמיהען אנצוטהאן איהרע שעהנע קליי־דער... זאגט איהר אין מיין נאמען, אז זי דארף זיך איינהילען בלויז אין איהר איבער־מאנטעל ביז וואנען זי וועט צוקומען צו מיר... און דאן וועט איהר איינ־ציגע קלייד זיין איהר קרוין אויפ'ן קאפ.

המן און די איבריגע בעאמטע זיינען געבליבען שטעהן באוועגלאז... זיי האבען באמערקט די נייגעריגע בליקען פון די איבריגע מלכים און ווי זייערע אייגען האבען געגלאנצט און זייערע פנים'ער האבען געפלאמט.

— וואס שטעהט איהר! פאר וואס ריהרט איהר זיך נישט פון ארט! — האט אחשורוש אויסגערופען, — אזוי איז מיין באפעהל... ושתי זאל גלייך קומען ווי איך האב אייך געזאגט... זאגט איהר, אז דאס איז דער ווילען פון דעם קעניג.

די זיבען בעאמטע האבען זיך פערנייגט און גענומען שטעלען לאנגזאמע טריט פון דעם גארטען וואו אחשורוש איז געווען.

בגתן, אחשורוש'ס לייב־וועכטער, וועלכער איז געשטאנען נישט וויים פון דעם טיש וואו אחשורוש איז געזעסען מיט זיינע געסט, און זיך צוגעהערט צו זייער געשפרעך, איז אויפגעציטערט געווארען... ער האט געוואָרפען דורכדרינ־גענדע בליקען אויף המן'ען וועלכער איז איהם פארבייגעגאנגען. זיין כעס און אויפרעגונג האט אין איהם געברענט... ער וועט דערפאר טהייער בעצאהלען!

— האט זיך בגתן געטראכט — ער איז זיכער אז ושתי וועט אזא שענדליכען קאפריז פון דעם קעניג נישט נאכגעבען.

* * *

די קעניגין ושתי האט אויך געמאכט א מאלצייט פאר אלע הויף־דאמען און פאר די פרויען פון אחשורוש'עס הויכע בעאמטע און מיניסטארען. זי האט פאר

זיי אלעמען געוויזען איהר גרויסקייט, איהר טייערע ציערונג און די אויסער־געוועהנליכע קליידער וואס זי האט געהאט.

ושתי און איהרע געסט האבען אויך געטרינקען צו ביסלעך וויין און ווען די קעניגין האט זיך גענומען פיהלען גאנץ פרעהליך האט זי זיך אפגערופען צו איהרע געסט:

— מיר ווילען באלד האבען עטוואס שפאס מיט די אידישע טעכטער, וועלכע געפינען זיך אין דעם געפענגנים.... איך האב זיי איינגעלאדען זיי זאלען אונטערהאלטען מיינע געסט, אבער זיי האבען מיך ניט געוואלט פאלגען, דאריבער האב איך זיי בעשטראפט.

ושתי האט גלייך באפוילען, און אלע אידישע מיידלעך זיינען געבראכט געווארען אין איהר פאלאץ.

— זאלען אלע טאנצען די פארשייטע טענץ פון פערסיע — האט ושתי באפוילען.

די מיידלעך זיינען געשטאנען צושראקענע און נישט געוואוסט וואס צו טהאן.

— פאר וואס ריהרט איהר זיך נישט פון ארט! — האט די קעניגין אויסגעשריען און איהר פנים האט געברענט פון צארן. שנעלער פאנגט אן צו טאנצען!

צוקלעמטע, מיט פאריאמערטע פנים'ער האבען זיך די מיידלעך גענומען בעוועגען... דאס האט נא דאבער ושתי'ן מעהר אויפגעבראכט און זי האט באפוילען מען זאל זיי נעהמען שלאגען מיט בייטשען, זיי זאלען טאנצען וואס שנעלער און געשווינטער.

די אידישע מיידלעך האבען גענומען שפרינגען און לויפען איבער'ן גרויסען צימער היז און צוריק און געביסען זייערע ליפען פון יסורים.

ושתי און איהרע געסט האבען זיך הילכיג פאנאנדערגעלאכט.

— איך וועל זיי נאך אויסלערנען טאנצען! — האט די קעניגין זיך אפגערופען צו איהרע געסט — זי האט זיי גענומען דערצעהלען ווי אזוי זיי זיינען געווען געצוואונגען צו מארשירען אהן זייערע קליידער צום געפענגנים.

דער געלעכטער איז נאך שטארקער געווארען.

— יעצט פערלאנג איך איהר זאלט מיר זינגען אייערע אידישע ליעדער!

— האט ושתי זיך ווייטער אפגערופען צו די אידישע מיידלעך.

א שטילקייט האט געהערשט אין פאלאץ... קיינע פון די מיידלעך האט נישט געקענט עפענען דאס מויל.

— אויב איהר וועט מיר נישט פאלגען און באלד אנפאנגען צו זינגען, וועט איהר ווידער מוזען מארשירען צום געפענגנים אהן קליידער, פאר המן'ען איז די אויגען, ווי איהר האט עס געטהאן מיט עטליכע טעג צוריק.

אייניגע מיידלעך האבען געמאכט א פארזוך צו זינגען. זיי האבען זיך אנגעשטריינגט. אבער באלד האבען זיי זיך פאנאנדערגעוויינט. עס איז נישט געגאנגען. זייערע הערצער זיינען געווען פארביטערט און די טרעהרען האבען זיי גענומען שטיקען אין האלז.

— איך וועל אייך אנלערנען! — האט ושתי א געשריי געטהאן — איך וועל אייער שטראף נאך גרעסער מאכען.

פלוצלינג זיינען אריינגעקומען צוויי קאמער מיידלעך און פארנייגענדיג זיך פאר דער קעניגין האבען זיי געזאגט:

— המן איז דא!

— המן! — האט ושתי אויסגערופען, — גוט וואס ער איז געקומען... איך דארף איהם טאקע זעהן... ער וועט דארפען ווידער בעגלייטען די אידישע מיידלעך צום געפענגנים.

— אבער, גנעדיגע קעניגין, — האט זיך איין קאמער־מיידעל אפגערופען, — המן איז נישט אליין... ער איז געקומען צוזאמען מיט די איבריגע בעאמטע מיט א שליחות פון דעם קעניג, און זיי האבען אונז איבערגעגעבען, אז זיי ווינשען צו זעהן די קעניגין אין איהר אויפנאהם־צימער.

— געה, זאג זיי, אז איך וועל דארטען באלד אריינקומען! — האט ושתי געזאגט צו איינער פון די קאמער־מיידלעך.

המן, חרבונה, און די איבריגע שרים זיינען אריין אין צימער און געווארט אויף ושתי'ן.

— מיין הארץ שרעקט אין מיר! — האט המן זיך אפגערופען צו די איבריגע, — איך האב מורא אז די קעניגין וועט נישט וועלען טהאן דעם באפעהל פון דעם קעניג.

— דעם קעניג'ס באפעהל וועט אפילו די קעניגין ושתי אויך מוזען אויספאלגען! — האט זתר זיך אפגערופען, — עס האט נאך נישט געטראפען אז אימיצער זאל ווידערשפעניגען דעם קעניג און בלייבען לעבען.

באלד האט זיך די טיהר געעפענט און ושתי איז אריינגעקומען מיט דער בעגלייטונג פון איהרע קאמער־מיידלעך.

המן און די אנדערע שרים האבען זיך פערנייגט פאר דער קעניגין.

ושתי האט זיך אוועקגעזעצט אויף איהר שטוהל און ארויסגעשיקט איהרע בעגלייטערינס.

— צוליעב וואס האט אייך דער קעניג פלוצלונג יעצט געשיקט צו מיר?— האט ושתי אויסגערופען—וויס ער דען נישט, אז איך בין יעצט אויך פערנומען מיט מיינע געסט?

די זיעבען בעאמטע זיינען געבליבען שטיל... יעדער פון זיי האט מורא געהאט אנצופאנגען.

— פארוואס שווייגט איהר!—האט ושתי אויסגערופען מיט כעס.—איהר זייט געקומען צו מיר און געשטערט פון מיין פערגעניגען און איך וואס נאך אלץ נישט נאך וואס איהר זייט געקומען.

— מיין הארינטע, די מעכטיגע קעניגין ושתי!—האט זיך המן אפגערופען —דער קעניג אהשורוש האט אונז געשיקט צו זאגען די קעניגין, זי זאל קומען צום קעניג!

— האט ער דען נישט געקענט ווארטען ביז אין אווענד,—האט ושתי ווי צו זיך געמורמעלט... ער מוז זיין יעצט גוט שכור!... נו, גוט איך וועל קומען! ווארט דא צו, איך וועל געהן אנטהאן מיינע קעניגליכע קליידער.

— אבער גנעדיגע קעניגין!—האט חרבונה זיך אפגערופען—דעם קעניג'ס בעפעהל איז, דאס די קעניגין זאל גלייך קומען. ער האט אונז געשיקט מיט א דרינגענדע שליחות.

— וואס איז אזוי זיין איילעניש ?—איז ושתי בייז געווארען.—עס וועט מיר געדויערען א היבשע ווײלע איידער איך וועל איבערבייטען מיינע קליידער...

— המ.... דער קעניג.... ער.... האט ע....—האט המן גענומען שטאמלען.

— וואס ווילסטו מיר זאגען, המן !—איז ושתי אומגעדולדיג געווארען.

— דער קעניג האט אנגעזאגט אז עס איז נישט נויטיג פאר דער קעניגין אנצוטהאן איהרע קעניגליכע קליידער !—האט המן קוים ארויסגערעדט.

— ניין, איך וועל מוזען אומבייטען מיינע קליידער, איך קען די זעלבע קליידער נישט טראגען !—האט ושתי א געשריי געטהאן... עס מאכט נישט, אויב ער וועט דארפען עטוואס צוזווארטען.

— אבער דעם קעניג'ס וואונש איז צו ציינען אלע מלכים, זיינע געסט, די שעהנקייט פון אונזער קעניגין !—האט המן געזאגט—ער וויל זיי ציינען, אז אזא שעהנהייט ווי די קעניגין ושתי איז נישט צו געפנען אין דער גאנצער וועלט...

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף ושתי'ס ליפען, זי איז געווען גאנץ צופריעדען פון המן'ס קאמפלימענט.

אויב אזוי דארף איך דאך געווים אנטהאן מיינע שעהנסטע קליידער! — האט ושתי אויסגערופען...—עס וועט דעם קעניג גארנישט שאדען, אויב ער און זיינע געסט וועלען צוואווארטען עטליכע שטונדען ביז וואנען איך וועל פארטיג ווערען !....

די זיעבען בעאמטע האבען זיך דורכגעווארפען מיט בליקען. קיינער האט ביי זיך נישט געקענט פועל'ן איבערצוגעבען ושתי דעם פערזאג... זיי ווייסען אבער, אז זי וועט קומען נישט אזוי ווי אחשורוש פערלאנגט, דאן וועט ער נאך אויסגיסען זיין כעס אויף זיי אלעמען און זיי וועלען בעקומען די שטראף. יעדער פון זיי האט גענומען ווארפען זיינע בליקען אויף המן'ען... ווייל לויט ווי ער האט זיך בעריהמט פאר זיי, איז די קעניגין מיט איהם גאנץ בעפריינדעט און זי נעהמט אן זיינע עצות.

המן האט פערשטאנען די בעדייטונג פון זייערע בליקען און וועלענדיג ארויסציינען פאר זיי זיין העלדישקייט, אז ער קען זיין דרייסטער צו ושתי'ן, איז ער נעהענטער צוגעגאנגען און זיך נאך אמאל פאר איהר פערנייגט :

— עס איז פאר אונז, ווירדיגע קעניגין, זעהר נישט אנגענעהם איבערצוגעבען אלע איינצעלהייטען פון דעם קעניג'ס באפעהל, אבער מיר וועלען מוזען טהאן אונזער פליכט ! זיין מאיעסטעט, דער קעניג פערלאנגט, אז די קעניגין זאל ערשיינען פאר זיינע געסט, אין גאנצען אהן קליידער, בלויז מיט איהר קרוין אויף דער קאפ.

— דו אומווירדיגער, אומפערשעהמטער המן !—איז ושתי אויפגערעגט געווארען—ווי וואגסטו נאר צו ריידען אזעלכע רייד צו מיר, דו מיינסט, אז איך בין איינע פון דיינע אידישע מיידלעך, וועמען דו האסט בעגליט אין גפעננים !

— אומזיסט גיסט די קעניגין אוים איהר צארן אויף מיר—האט המן זיך ווידער פערנייגט—אזוי לויטעט דער בעפעהל פון דעם קעניג אחשורוש !

"געהט אלע צו דער קעניגין און זאגט איהר אין מיין נאמען, אז זי דארף באלד ערשיינען פאר מיר און פאר מיינע געסט די מלכים, צו ווייזען איהר שעהנקייט, זי דארף זיך נישט בעמיהען אנצוטהאן איהרע שעהנע קליידער, זאגט איהר אין מיין נאמען, אז זי דארף זיך בלויז איינהילען אין איהר אויבער מאנ-

טעל ביז וואנען זי וועט צוקומען צו מיר ?... און דאן וועט איהר איינציג קלייד זיין איהר קרוין אויפ׳ן קאפ.״

— און דו וואגסט נאך איבערצוריידען אזעלכע ווערטער !—האט ושתי געכאפט א וואזע בלומען און א שליידער געטהאן אויף המן.

די וואזע האט איהם געטראפען און איז צובראכען געווארען איף זיין קאפ...

א ווײלע האט המן׳ען גענומען שווינדלען אין די אויגען, אבער ער האט זיך געשטארקט און ווידער זיך פערנייגט פאר דער קעניגין, וועלכע האט נישט אויפגעהערט צו זידלען און שילטען אחשורוש׳ען מיט המן׳ען.

המן האט זיך געהאלטען פאר זיין קאפ און געקוקט אויף זיינע זעקס איבע־ריגע פריינד, זיי זאלען איהם קומען צו הילף.

— ווירדיגע קעניגין !—האט חרבונה זיך אפגערופען—עס איז ווירקליך נישט המן׳ס שולד... אזוי זיינען געווען די רייד פון דעם קעניג !

— ער האט נישט געוואוסט, וואס ער רעדט, ער איז געווען שכור ! מען דארף דאך האבען חוצפה אין זיך אפילו איבערצוגעבען אזא זאך ! איך וועל נישט געהן ווי ער פערלאנגט ! אויב ער וויל איך זאל ערשיינען פאר זיינע געסט אין מיינע שעהנסטע קליידער, וועל איך קומען !...

— איז דאס די קעניגינ׳ס ענטפער צו דעם קעניג ?—האט כרכס זיך אפ־גערופען.

— יע, דאס איז מיין ענטפער צו איהם, און ווען ער וועט זיך אויסניכטערען וועט ער זיך ארומזעהן, אז איך בין געווען גערעכט.

די זיעבען בעאמטע האבען פערלאזען ושתי׳ס פאלאץ און צוריק געגאנגען צו אחשורוש׳ן. יעדענס הארץ איז געווען אנגעפיהלט מיט שרעק. המן האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען פאר זיין קאפ און געקרעכצט פון וועהטאג...

— מיין זרש, האט נאך מיר אזא ווייטאג קיינמאל ניט פעראורזאכט !—האט המן זיך אפגערופען.

— דו דארפסט נאך דאנקבאר זיין די געטער פון פרס, אז זי האט דיר נישט געטראפען אין די אויגען—האט זתר געזאגט—וואס וואלסטו געטהאן ווען זי מאכט דיר בלינד, ווי אזוי וואלסטו געקענט בעגלייטען די אידישע מיידלאך צום געפענגניס.

אן אנדערש מאל וואלט המן איהם גוט געבען פאר זיין חוזק מאכען זיך איבער איהם, יעצט אבער איז איהם נישט געלעגען אין זינען.... ער האט מורא געהאט, אז דאמיט וועט ער נישט אפקומען. ער האט געקענט זעהן ווי א שטורעם קומט אן. ער ווייס ווי איינגעשפארט ושתי איז... און ער איז זיכער, אז אחשורוש וועט ארויסווייזען א גרעסערע עקשנות. ווען מען וועט איהם איבערגעבען ושתי׳ס רייד... אבער וואס ארט איהם, אז דער קעניג וועט ושתי׳ן בעשטראפען. ער וועט אן איהר זעהן א נקמה פאר דעם וועהטאג און שאנדע וואס זי האט איהם פערוארזאכט.

— איך גלויב, אז ווען דער קעניג וועט זיך ארומזעהען, אז ושתי וויל נישט ערשיינען פאר זיינע געסט, ווי ער פערלאנגט, וועט ער פילייכט איהר נאכגעבען און הייסען קומען אין איהרע קליידער !—האט אבגתא זיך אפגערופען.

— **דו מאכסט א טעות, מיין פריינד.—האט חרבונה איהם געענטפערט.—**

אחשורוש בייט קאנמאל נישט זיין ווארט און בפרט ווען ער בעריהמט זיך פאר אנדערע קעניגען.

— דען וואס וועלען מיר טהאן ?—האט זתר געפרעגט.

— מיר וועלען אלעם דארפען דערצעהלען דעם קעניג... און אויב ושתי וועט דארפען ליידען דערפאר, זאל זי ליידען, וועט זי וויסען נאכהער ווי אזוי בעסער צו בעהאנדלען דעם קעניג'ס שלוחים צו איהר.

— עס איז א מערקווירדיגע זאך !—האט חרבונה זיך אפגערופען—איז דער צייט ווען די קעניגין האט אנגעטהאן אזא שאנדע צו די אידישע מיידלאך. פערלאנגט דער קעניג צו טהאן די זעלבע זאך צו איהר. עס קומט אוים, אז דער גאט פון די אידען וויל זיך אן איהר נוקם זיין.

— און איך גלויב אז אויך אין דיר המן, וועט זיך דער אידישער גאט נוקם זיין !—האט כרכם זיך אפגערופען מיט א שמייכעל—אזוי ווי דו האסט געקוקט אויף די אידישע מיידלעך, ווערסטו נאך פיליכט זיין געצוואונגען צו קוקען אויף דער קעניגין ושתי'ן !...

— צו בעקומען אזא שטראף וואלט איך שוין אויך  וועלען !—האט זתר געלאכט .

— מיר מאכען שפאס דערפון—האט זיך בזתא אפגערופען—און מיר ווייסען נאך נישט וואס דער קעניג וועט צו אונז טהאן אין זיין כעס.

— ווען מיר וועלען איהם דערצעהלען אלעם וואס די קעניגין האט געזאגט, וועט דער קעניג אנווענדען זיין כעס אויף ושתי'ן און נישט אויף אונז !—האט המן געזאגט, ווען זיי האבען זיך שוין דערנעהענטערט צום קעניג'ס גארטען.

אלע מלכים האבען מיט גרוים אומגעדולד ערווארטעט צו זעהן די קעניגין ושתי... די שפאנונג און אויפרעגונג צווישען זיי האט געוואקסען מיט יעדער רגע און ווען זיי האבען פון וויטען בעמערקט די זיבען בעאמטע וועלכע זיינען געשיקט געווארען צו ברענגען ושתי'ן, האבען זיך אלע אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און געווארפען זייערע נייגיעריג בליקען אויף יענער ריכטונג, האפענדיג אז די קעניגין וועט אנקומען נאכהער.

די זיעבען בעאמטע האבען זיך דערנעהענטערט צו אחשורוש'ן און האבען זיך פערנייגט.

— וואו איז די קעניגין ?—האט אחשורוש גלייך געפרעגט.

— זי ענטזאגט זיך צו קומען !—האט המן אויסגערופען.

— וואס ? !—איז דער קעניג אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ.—זי וויל נישט טהאן מיין בעפעהל.

— ווען איך האב איהר איבערגעגעבען די רייד פון זיין מאיעסטעט דעם קעניג, האט זי מיר געווארפען א וואזע אין קאפ—האט המן אנגעצייגט מיט'ן האנט אויף זיין קאפ —זי האט אנגעפאנגען צו זידלען און צו שילטען... און נאכהער האט זי געזאגט, אז אויב דער קעניג פערלאנגט זי זאל קומען אנגעטהאן אין איהרע שעהנסטע קליידער, וועט זי קומען... און אויב נישט וועט זי נישט קומען !

די מלכים זיינען געבליבען זיצען מיט אפענע מיילער. זיי זיינען געווארען שטארק ענטטוישט און האבען זייערע בליקען נישט ארונטערגענומען פון אחשורוש'ן, וועמענס פנים האט געברענט ווי פייער.

— וואס, די קעניגין וועט נישט אויספאָלגען מיין בעפעהל ! — האט אחשורוש א זעץ געטהאן מיט זיין גאָלדענעם בעכער אין טיש ! געהט גלייך נאָך אמאָל אריבער צו איהר און זאגט איהר אין מיין נאמען. אז זי מוז טהאָן מיין פערלאנג און גלייך קומען און ערשיינען פאר מיינע געסט בלויז אין איהר קרוין! איהר הערט ? ! אזוי איז מיין פערזאג, איך וועל מיין ווארט נישט ענדערען ! קיינע קליידער זאָל זי ניט טראָגען ! זי וועט מוזען ערשיינען פאר מיר און פאר מיינע געסט אין איהרע נאטירליכע קליידער, און אויב זי וועט מיר נישט וועלען פאָלגען, וועט זי ערגער מאכען !

די זיבען בעאמטע האבען זיך שטארק דערשראָקען פאר דעם קעניג'ס צאָרן. זיי האבען נאָך איהם קיינמאָל אזוי נישט געזעהן אזוי אויפגערעגט און אין כעס . זיי האבען זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און ווידער אוועק צו ושתי'ן אין פאלאץ.

---

ושתי איז געבליבען א וויילע אליין אין איהר אויפנאהמס צימער און האט געביסען איהרע ליפען פאר כעס...

אָה, ווי שטארק זי פערהאַסט איהם, וועלכער איז געווען דער אויפזעהער איבער פאטער'ס פערד ! ווען זי וואלט נאר געקענט זעהן בגתנ'ען און פאר איהם אויסגיסען איהר הארץ. אָבער עס איז שוין איניגע וואכען אוועק און זי האט איהם נישט געזעהן און פון איהם נישט געהערט... פריהער ווען תרש איז געווען איהר קוטשער, פלעגט זי דורך איהם קענען איבערגעבען צו בגתנ'ן וואָס זי האָט געוואלט, יעצט אָבער, אז אחשורוש האט תרש'ן געמאכט פאר איינעם פון זיינע לייב־וועכטער, קען זי שוין בגתנ'ען נישט דערגרייכען... זי ווייס אז בגתן מיידט אוים צו קומען צו איהר, ווייל ער האט זיך דערוואוסט, אז אחשורוש איז נאָך אלץ אייפערזיכטיג פון יענע צייטען, ווען זייענדיג אין בבל, פלעגט ער מיט איהר פערברייננגען... אָה, ווען זי זאָל זיך נאָר קענען יעצט טרעפען מיט בגתנ'ן דאן וואלט זי זיך שוין בעראטהען, ווי אזוי אומצוברענגען דעם שכור'ן קעניג, אחשורוש'ן. זי וואלט געהאָלפען בגתנ'ען ארויפצושטייגען אויף דעם טהראָן און וואלט פאר אלעמען ערקלעהרט איהר ווילען צו זיין בגתנ'עס קעניגין. ווי אזוי קען זי איהם יעצט זעהן ?—האט ושתי גענומען טראכטען... אָבער זי האט גע־וואוסט, אז אומזיסט איז איהר טראכטען. עס איז אומעגליך פאר בגתנ'ען צו קומען אפילו ווען זי זאָל איהם לאָזען וויסען דורך א געהיימען שליח, דאס זי וויל זיך מיט איהם זעהען... ער וועט דאך דעם קעניג נישט קענען פערלאָזען... אָבער וואס זאָל זי טהאָן ? זאָל זי נאָכגעבען דעם קעניג'ס פערלאנג ? ניין ! ! האט זי ביי זיך בעשלאָסען, זאָל דער קעניג אפילו אליין קומען צו איהר און בעטען זי זאָל דאס טהאן, וועט זי איהם אויך נישט פאָלגען !

ושתי איז אריין צוריק אין דעם גאסט צימער, וואו זי האט איבערגעלאזען איהרע געסט און די אידישע מיידלאך. זי האט זיך געשעהמט פאר איהרע געסט, און דעריבער האָט זי אויסגעלאָזען איהר גאנצען צאָרן אויף די אידישע מייד־לעך, וועלכע זיינען געזעסען דערשלאָגענע און בעטריבטע.

— האבען זיי אייך אונטערהאלטען פאר דער צייט, וואס איך בין געווען ארויסגעגאנגען ?—האט די קעניגין געפרעגט איהרע געסט. און ווען מען האט איהר געענטפערט, אז נישט, האט זי בעפוילען זיי צו שלאָגען.

— איך וועל זיי ציינען די אומפערשעהמטע מיידלער, ווי אזוי מיר נישט צו פאלגען !—האט ושתי אויסגעשריען און א כאפ געטהאן דעם בייטש מיט וואס איינע פון איהרע דינסטען האבען געשלאגען די מיידלאך און זי האט אליין, מיט איהר אגנצען כח גענומען שלאגען און שמייסען די אידישע מיידלאך.

די אומגליקליכע האבען זיך געקארטשעט און געדרעהט אין דרייען פון יסורים. און ושתי האט נישט אויפגעהערט צו שמייסען און שילטען און זידלען די אידישע מיידלאך.

די פרויען געסט האבען זיך אליין שטארק געוואונדערט פאר וואס ושתי שטראפט די מיידלאך מיט אזוי פיעל האס און אויפרעגונג.

ווען ושתי איז שוין מיעד געווארען שלאגענדיג זיי, האט זי בעפוילען מען זאל זיי צוריק פיהרען אין געפענגניס.

— איך וועל נאך זייער שטראף פערגרעסערען !—האט ושתי געקריצט מיט די צייהנער — איך וועל זיי איינציגווייז לאזען אויפהענגען.

א ביטערער געוויין און יללה האט אויסגעבראכען צווישען די מיידלאך, ווען זיי האבען דערהערט ושתי׳ס לעצטע ווערטער... זיי זיינען געפאלען אויף זייערע קניע און גענומען בעטען די קעניגין זאל אויף זיי רחמנות האבען.

— נעהמט זי שנעלער אוועק פון מיינע אויגען !—האט ושתי בעפוילען איהרע קאמער מיידלאך !—איך וויל זיי מעהר נישט אנקוקען.

ווען מען האט ארויסגעפיהרט די יאמערנדע מיידלאך, האבען זיי זיך בע־געגענט מיט די זיבען בעאמטע פון קעניג, וועלכע זיינען צום צווייטען מאל גע־קומען פון׳ם קעניג.

ווידער אמאל האט מען אנגעזאגט ושתי׳ן, אז די זיבען בעאמטע זיינען צו איהר געקומען מיט א דרינגענדע שליחות פון קעניג, און ושתי האט זיי גע־הייסען נאך אמאל אריינקומען אין איהר אויפנאהמ׳ס צימער.

— נו, האט זיך דער קעניג ארומגעזעהן, אז ער האט זיך בענארישט !— האט ושתי זיך צו זיי אפגערופען מיט א צארענדע שטימע.

די זיבען בעאמטע האבען געקוקט אויף דער קעניגין און געשוויגען. יע־דער פון זיי האט זיך יעצט געשראקען אנצופאנגען צו ריידען.

— וואס איז אייער יעצטיגע שליחות ?—האט ושתי א געשריי געטהאן— פארוואס רעדט איהר נישט !

— דער קעניג האט זיין ווארט נישט געביטען—האט המן אויסגערופען און נישט ארונטערגענומען זיינע אויגען פון דער וואזע, וואס איז געשטאנען נישט ווייט פון ושתי׳ן...

— וואס מיינסטו ?—האט ושתי׳ס פנים גענומען פלאמען.

— דער קעניג האט אינז געשיקט אנזאגען דער קעניגין, אז זי מוז באלד קומען און ערשיינען פאר זיינע געסט ווי ער האט איהר אנגעזאגט דורך אונז צום ערשטען מאל !

— געהט זאגט דעם קעניג, אז ער איז משוגע.—האט ושתי געקריצט מיט די צייהן. וואס מיינט ער, אז ער האט זיך אנגע׳שכור׳ט צוזאמען מיט זיינע געסט און איך וועל איהם געהן נאכגעבען זיין משוגעת ! ניין ! איך וועל נישט געהן !

— אבער גנעדיגע קעניגין, דער קעניג אחשורוש איז געווען זעהר בייז און

אויפגערעגט, און ער האט געזאגט, אז אין פאל ווען די קעניגין וועט נישט וועלען אויספאלגען זיין בעפעהל וועט זיין זעהר נישט קיין אנגענעהמע פאלגונגען!

— איך האב פאר איהם קיין מורא נישט!—האט ושתי געשטורעמט מיט כעס—איך בין די טאכטער פון א קעניג, מיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן זיינען געווען קעניגע און ווער איז אחשורוש? ער איז געווען ביים מיין פאטער דער אויפזעהער פון זיינע פערד... איך וועל איהם נאך צייגען דעם טפש, ווי אזוי צו פערלאנגען פון מיר אזא אונערהערטע זאך!...

א טויט שרעק איז אנגעפאלען אויף די זיעבען בעאמטע. א שוידער איז דורכגעפלויגען זייערע קערפערס, ווען זיי האבען דערהערט פון ושתי אזעלכע רייד.

—אבער גנעדיגע קעניגין!—האט חרבונה זיך אפגערופען—ווי אזוי וועלען מיר קענען איבערגעבען דעם קעניג די רייד פון דער קעניגין! ער איז דאך אזוי אויך געווען אויפגערעגט און צארענדיג...

— איך האב פאר איהם קיין מורא נישט!—האט ושתי שטייף געענטפערט—איהר קענט איהם איבערגעבען יעדען ווארט וואס איך האב געזאגט—און נאך מעהר אפילו ווען ער זאל אליין קומען צו מיר, וועל איך איהם דאס אלעם זאגען אין די אויגען! און ווען ער וועט זיך אויסניכטערען, וועט ער נאך זאגען, אז איך בין געווען גערעכט!

— אויב די קעניגין וועט אויף מיר נישט זיין אין כעס—האט המן זיך אפגערופען,—וואלט איך איהר געראטהען זי זאל יע פאלגען דעם קעניג... ווייל ווי איך פערשטעה איז דאס א וועט צווישען אונזער קעניג אחשורוש און די איבעריגע קעניגען. און אויב ושתי וועט נישט וועלען אויספאלגען זיין בעפעהל, איז שווער פאראויס צו זאגען, וואס עס קען פאסירען.

— מיר ארט נישט וואס עס וועט פאסירען!—האט ושתי מיט שטאלץ אויסגערופען—אויב אחשרוש'ן און די איבעריגע שכור'ע מלכים האט זיך פערגלוסט צו זעהן פרויען אין זייערע נאטירליכע קליידער, וועל איך צו איהם שיקען די אידישע מיידלעך, וועלכע געפינען זיך אין געפענגנים...

— ווי איך פערשטעה איז דער וועט פון די מלכים, בעשטאנען אין דעם, ווער פון די קעניגען האט די שעהנסטע מלכה און דער קעניג פון גריכענלאנד, האט אויך פערשפראכען צו ברענגען זיין מלכה, וועלכע זאלען פאר אלעמען צייגען איהר שעהנקייט. און אונזער קעניג האט אויך צוגעזאגט, אז ושתי וועט פאר זיי ערשיינען צו צייגען די שעהנקייט פון איהר פנים און איהר קערפער!—האט המן געזאגט—און ווען די קעניגין ענטזאגט זיך יעצט צו קומען, וועט עס מאכען אונזער קעניג צו שאנד און צו שפאט אין די אויגען פון די איבעריגע מלכים.

— זאלען אלע פון איהם אפלאכען און אפשפאטען—האט ושתי א געשריי געטהאן — ער האט פערדיענט דער טפוש און דער שכור... ער קען טהאן מיט זיינע פערד, וואס ער וויל, אבער נישט מיט מיר. ניין, איך וועל נישט געהן!

יעדער איינער האט פרובירט איינריידען ושתי'ן, אז זי זאל דיזען מאל פאלגען דעם קעניג, אבער זי האט געזאגט, אז זי וועט איהם נישט פאלגען.

די בעאמטע האבען זיך שטארק געשראקען ווידער צו קומען צום קעניג מיט לידיגען. און זיי האבען ניט געוואלט אפטרעטען פון ושתי'ן און נאך אלץ

געמאכט א פערזוך זי איבערצוציינען, אז זי מוז פאלגען אחשורוש'ן. אבער ושתי איז אזוי שטארק אויפגערעגט געווארען אויף זיי, אז זי האט זיי גענומען טרייבען פון זיך ווארפענדיג און שליידערענדיג וואס נאר עס איז איהר געקומען אין האנט.

שנעל האבען זיך די זיעבען בעאמטע אפגעטראגען פון ושתי'ס פאלאץ... און צושראקענע זיינען זיי אוועק צו אחשורוש'ן און איהם איבערגעגעבען שטילערהייט אלעס וואס ושתי האט גערעדט.

אחשורוש האט געברענט פון כעס... זיין אויפרעגונג האט געשטיגען מיט יעדער רגע.

— דאס וועט איהר נישט געשאנקען ווערען! — האט ער אויסגערופען און פון זיינע אויגען האבען פייער פונקען געשפריצט.

אחשורוש איז גלייך אריין אין זיין פאלאץ איבערלאזענדיג די ענטטוישטע מלכים אין גארטען, און האט צוזאמען גערופען זיינע זיעבען מיניסטארען, וועלכע זיצען צום ערשטען, נעבען זיין טהרא.

ער האט זיך געזעצט אויף זיין טראהן און אלע מיניסטארען האבען זיך פאר איהם פערנייגט, און דערנאך זיך געזעצט צוריק אויף זייערע פלעצער. זיי האבען אלע בעמערקט ווי אויפגערעגט דער קעניג איז, ווי רויט זיין פנים איז פון כעס, ווי נערוועאיש ער צופט זיין בארד און זיי האבען פערשטאנען, אז עפעס וויכטיגעס האט מיט איהם פאסירט.

אחשורוש האט געהייסען די זיעבען שרים, וועלכע זיינען געשיקט געווארען צו רופען ושתי'ן, אויך אריינצוקומען אין פאלאץ. זיי האבען זיך געשטעלט נישט ווייט פון טראהן.

— איהר זייט דאך מיינע ראטהגעבער! — האט אחשורוש אויסגערופען צו זיינע מיניסטארען — איהר מאכט דאך די געזעצען פאר'ן לאנד — יעצט גיט מיר אן עצה וואס זאל איך טהאן מיט דער קעניגין ושתי, וועלכע האט זיך ענטזאגט אויסצופאלגען מיין בעפעהל. וואס זאל צו איהר געטהאן ווערען לויט'ן געזעץ.

אחשורוש'ן. זיי האבען נישט פערשטאנען אין וואס דא האנדעלט זיך.

מיט גרויס ערשטוינונג האבען די זיעבען מיניסטארען אנגעקוקט

— דארף די קעניגין פאלגען אלעס וואס דער קעניג הייסט איהר טאהן? — האט אחשורוש זיי געפרעגט.

— אלעס, מיין האר קעניג, — האט דער הויפט מיניסטער געזאגט.

— צוויי מאל האט איך געשיקט רופען די קעניגין ושתי צו ערשיינען פאר מיר און פאר מיינע געסט, די קעניגע, פון פארשידענע לענדער, אין איהר נאטירליכע קליידער, כדי אלע זאלען זעהר איהר שעהנקייט, אוןביידע מאל האט זי זיך ענטזאגט מיר צו פאלגען! — האט אחשורוש געדריקט זיינע פויסטען פון כעס. — און נישט נאר האט זי נישט געוואלט טהאן מיין באפעהל, אבער זי האט מיך אויך געזידעלט און בעליידיגט דורך מיינע שלוחים... המן, דו דערציעהל מיינע מיניסטארען וואס די קעניגין ושתי האט אייך אלעמען געענטפערט!

המן איז בלאס געווארען. עס איז איהם זעהר נישט אנגענעהם געווען איבערצודערציעהלען ושתי'ס רייד. באלד אבער האט ער זיך דערמאהנט ווי ושתי האט איהם שיער נישט דער'הרג'עט מיט דער וואזע וואס זי האט אויף איהם געווארפען, און ער האט גענומען מוטה און איבערגעגעבען פאר די מיניסטארען אלעס וואס די קעניגין האט גערעדט.

אין גרוים פֿערלעגענהייט זיינען די מיניסטאָרען געבליבען זיצען אויף זייערע פּלעצער. זיי האָבען געוואוסט אז דער קעניג האָט זיי גערופען אום צו בעשטראָפען ושתּי׳ן, און אויב זיי וועלען ארויסגעבען א מילדען פּסק, וועט זיך ושתּי מיט זיי נאכהער אָפּרעכענען, דאריבער האָבען זיי געשוויגען און געוואַרט צו הערען נאָך אַמאָל פון קעניג.

אחשורוש׳ס צאָרן האָט זיך נאָך מעהר פארשטאַרקט ווען ער האָט גע־הערט ווי המן גיט איבער ושתּי׳ס זידעל־ווערטער.

— נו, וואָס זאָל איך טהאָן מיט דער מלכה ושתּי? — האָט דער קעניג אויסגערופען.

— זאָל דער מעכטיגער קעניג אחשורוש לעבען אויף אייביג! — האָט זיך ממוכן אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, — זעהר א גרויסען פארברעכען איז די קעניגין ושתּי בעגאַנגען געגען זיין מאַיעסטעט, און נישט נאָר געגען דעם קעניג אליין האָט ושתּי געזינדיגט, נאָר אויך געגען אלע הארען און אפילו געגען אלע מענער פון די לענדער וועלכע זיינען אונטער דער הערשאַפט פון דעם קעניג אחשורוש. די פרויען וועלען יעצט ווערען די הערשערינס איבער די מענער... זיי וועלען אראָפּנעהמען א שלעכטען ביישפּיעל פון דער קעניגין. זיי וועלען זאָגען, אז דער קעניג אחשורוש האָט געשיקט רופען די קעניגין און זי איז נישט גע־קומען, דארפען זיי אויך נישט פאָלגען זייערע מענער... יאָ, אויב ושתּי וועט נישט בעשטראָפט ווערען מיט דער הארבסטער שטראָף, דאַן וועלען די מענער פארלירען זייער מאכט... די פרויען וועלען פעראכטען זייערע מענער און הערשען איבער זיי... קען זיך דען דער קעניג פאָרשטעלען אין וואָס פאר א שרעקליכער לאגע דאָס גאנצע לאנד וועט זיך געפינען... די פרויען וועלען טהאָן וואָס זיי ווילען און די מענער וועלען גאָר קיין דעה נישט האָבען... דאריבער איז מיין עצה, — האָט ממוכן ווייטער געזאָגט, — אויב עס געפעלט דעם קעניג, זאָל עס פאר־שריבען ווערען אין די געזעץ־ביכער פון פּרס און מדי, און דער געזעץ זאָל קיינ־מאָל נישט קענען צוריקגעצויגען ווערען, אז ווייל די קעניגין ושתּי האָט נישט געוואָלט פאָלגען און קומען פאר דעם קעניג, פארלירט זי די מלוכה... די קרוין וועט אָפּגעגעבען ווערען צו איינער וועלכע איז בעסער פאר איהר. און ווען זי וועט ווערען אָיים קעניגין וועט זי ערשטע קענען גע׳משפּט ווערען פאר דעם גרויסען פארברעכען וואָס זי איז בעגאנגען געגען דעם קעניג. דיעזער נייער געזעץ זאָל גלייך בעקאַנט ווערען אין אלע מדינות פון אחשורוש׳ס גרויסע קעניגרייך... און דאָס וועט זיין א גרויס געווינס פאר אלע מענער פון לאנד. די פרויען וועלען זיין געטריי צו זייערע מענער, זיי וועלען זיי אָפּגעבען כבוד און פאָלגען יעדען באפעהל וואָס וועט ארויסקומען פון דעם מאַן׳ס מויל, און די קעניגרייך וועט זיין רוהיג און זיכער.

— דיין עצה געפעלט מיר זעהר, ממוכן, — האָט אחשורוש זיך אָפּגערופען, — שוין זאָל מען געהן און ארונטערנעהמען די קרוין פון ושתּי׳ן. זי האָט פאר־לאָרען דאָס רעכט צו זיין מיין קעניגין און זאָל זי נאכהער גע׳משפּט ווערען דורך אייך, און אייער משפּט וועט דורכגעפיהרט ווערען.

— א בעפעהל ארונטערצונעהמען די קרוין פון דער קעניגין קען דורכגע־פיהרט ווערען בלויז דאַן, ווען דער קעניג וועט ארויפלעגען זיין זיעגעל מיט זיין

צושריפט אויף דעם פארמעט, וואס מיר וועלען באלד צוגרייטען !—האט ממוכן זיך אפגערופען.

— —זאל מיין בעפעהל פערשריבען ווערען און איך וועל איהם חתמ'ענען —האט אחשורוש א געשריי געטהאן—אה, ווי איך האס איהר, די אומווירדיגע ושתי ! צום טויט וועט איהר פער'משפט'ן די קעניגין !... און אפילו דיזע שטראף איז פאר איהר צו קליין פאר די בעליידיגונג וואס זי האט מיר פערורזאכט, פאר מיינע געסט !....

אין פאלאץ איז געווארען אן אנגעשטרענגטע שטילקייט. איינינע דיענער האבען געבראכט א פארמעט, א פעדער און טינט און דאס איבערגעגעבען דעם הויפט־מיניסטער.

ממוכן האט גענומען שרייבען אויף דע ספארמעט און יעדער קריץ מיט דער פעדער, האט זיך געהערט איבער'ן גאנצען צימער.. ווען ער האט געענדיגט שרייבען, האט ממוכן דעם פארמעט צוגעטראגען צום קעניג.

— לייען וואס דו האסט געשריעבען !—האט אחשורוש איהם בעפעהלען.

ממוכן האט זיך אויסגעגלייכט און אויפהויבענדיג דעם פארמעט, האט ער אנגעפאנגען צו לעזען.

— "איך, דער קעניג אחשורוש, פון פרס, מדי און פון אנדערע לענדער, וועלכער הערשט מיט אן אומבעגרענעצטע מאכט איבער פיעלע פעלקער, טהו בעפעהלען, און בעפאלמעכטיגען מיינע געטרייע דינער, זיי זאלען ארונטערנעמען די קרוין פון מיין קעניגין ושתי, זי זאל ארונטערגעזעצט ווערען פון איהר טראהן, און גלייך געבראכט ווערען פאר מיינע זיעבען מיניסטארען צום משפט, פאר איהר פערברעכען געגען מיר. דער משפט זאל זיין אן ענדגילטיגער און זאל קיינמאל נישט קענען צוריקגערופען ווערען".

אחשורוש האט ארויפגעלעגט זיין חתימה מיט זיין זיעגעל. און ער האט איבערגעגעבען דעם פאפיער צו המן, און זיך אפגערופען צו אלעמען :

— נעהמט מיט איינינע בעוואפענטע וועכטער און ברייננט גלייך ושתי'ן און זאל זי גע'משפט ווערען פון מיינע זיעבען מיניסטארען, אלס איינפאכע זינדיגע פרוי, וועלכע האט ווידערגעשפעניגט דעם בעפעהל פון קעניג.

המן האט גענומען דעם פארמעט מיט ציטערנדע הענט... ער האט זיך דערמאהנט, וואס ושתי האט צו איהם געטהאן, פריהער ווען זי איז איז כעס געוואָרען אויף איהם און א ציטער איז דורך זיין קערפער, ווען ער וועט איהר דערלאנגען דעם קעניג'ס בריעף, קען זי נאך ווערען אזוי אויפגעבראכט אויף איהם, אז זי קען נאך כאפען א מעסער און איהם דערשטעכען.

— מיין פריינד, חרבונה !—האט זיך המן צו איהם אפגערופען, ווען זיי זיינען ארוים פון אחשורוש'ס פאלאץ—טהו מיר די געפעליגקייט דיזען מאל, נעהם פון מיר דעם פארמעט... און גיעב איהם איבער אין די הענט פון ושתי, ווייל איך האב מורא, אז ווען איך וועל דאס טהאן, וועט זי מאכען א סוף פון מיין לעבען.

— אה, און פאר מיין לעבען אר טדיך נישט !—האט כרבונה זיך אפגערופען מיט א שמייכעל—דו המן האסט זיך דאך בעריהמט, אז די קעניגין בערעטה זיך מיט דיר און אז דו האסט אויף איהר א גרויסען איינפלוס.

— אט טאקע צוליעב דעם, ציטערט אין מיר מיין הערץ !—האט המן אויס־

גערופען—ווייל זי איז מיט מיר פריהער געווען אזוי בעפריינדעט, וועט זי יעצט ארויסווייזען מעהר חוצפה געגען מיר, און זי קען נאך מיר ווידער אמאל ווארפען מיט עפּעס אין קאפּ.

— דער קעניג האט דאך געהייסען מיטנעהמען עטליכע בעוואפענטע וועכטער !—האט זיך זתר צו איהם אפּגערופען—ווען דאך זיין בעשיצט פון איהר. מיר וועלען צוזאמען מיט די וועכטער אריינקומען און דאן וועט זי שוין זעהן, אז מיר זיינען ערנסט און זי וועט נישט וואגען דיך שלעכטעס צו טהאן.

המן האט מיטגענומען איניגע וועכטער און זיי אנגעזאגט אריינצוקומען אין ושתי׳ס פּאלאץ מיט בלויזע שווערדען. מיט דעם פּארמעט אין האנט איז המן אריינגעקומען אין פּאלאץ אין די בעגלייטונג פון די איבעריגע שרים און די וועכטער.

ושתי האט רוהיג און געמיטליך פערבראכט מיט איהרע געסט... זי האט געמיינט ,אז אחשורוש האט זיך ארומגעזעהען, אז ער האט זיך בענארישט און ער וועט איהר מעהר נישט בעלעסטיגען. זי האט זיך גענומען בעריהמען פאר די הארינטעם פון פּרס און מדי, וואס פאר א גרויס איינפלוס זי האט אויף דעם קעניג.

— אחשורוש גיט נאך אלע מיינע פערלאנגען.—האט זי געזאגט—ער האט מיך אזוי ליעב, אז ער וואלט אפילו אויפגעבען זיין קרוין פאר מיר !

— און פאר וואס זאל דער קעניג דיך נישט ליעב האבען ? !—האט איינע פון איהרע געסט זיך אפּגערופען—ביזטו דען נישט די שעהנסטע צווישען אלע פרויען פון פּרס און מדי ?

— פון פּרס און מדי ?!—האט א צווייטע געזוכט איהר א חנפה צו טהאן— מיר דוכט זיך, אז אין דער גאנצער וועלט איז נישטא אזא וואונדערבארע שעהנהייט, ווי די קעניגין ושתי !...

—און דא נישט לאנג, האט דער קעניג געשיקט מיך רופען... ער האט זיך געוואלט אויספיינען פאר די איבעריגע קעניגען. זיינע געסט און זיי ציינען, אז ער האט די שעהנסטע קעניגין, אבער איך האב איהם נישט געפאלגט !—האט ושתי געזאגט מיט א שמייכעל—איך האב איהם געענטפערט, אז איך בין יעצט פערנומען מיט מיינע געסט, און איך קען יעצט נישט קומען !

— אה, גנעדיגע קעניגין—האט זיך נאך איינע אפּגערופען—צוליעב אונז האסטו דעם קעניג נישט געדארפט ענטזאגען... מיר וואלטען צוגעווארט... מיר וואלטען דאך אלע זעהר נייגיעריג געווען צו הערען וואס די מלכים האבען גערעדט פון דיין שעהנקייט און ווי אזוי זיי האבען דיך אויפגענומען !

— איך וואלט אפשר שוין יע געגאנגען, אבער איך האב געוואלט אנטהאן מיין שעהנסטע קלייד, און אחשורוש האט געוואלט אז... איך זאל אנטהאן אן אנדער קלייד !....

— אה, מעכטיגע קעניגין, איך גלויב, אז דאס וואלט אויך נישט געדארפט זיין קיין אפּהאלט ! די מענער האבען זיך זייערע קאפּריזען און מיר פרויען דארפען אפּטמאל זיי נאכגעבען, אויב מיר ווילען זיי זאלען אונז נאכגעבען—האט די פרוי פון ממוכן זיך צו איהר אפּגערופען—עס לוינט זיך נישט צוליעב אזא קלייניגקייט איינצורייסען מיט דעם קעניג, ער זאל נאכהער קענען זאגען, אז די קעניגין האט זיך ענטזאגט איהם צו פאלגען !...

— און דו גלויבסט, אז א פרוי דארף פאלגען איהר מאן, אפילו ווען ער איז שכור און פערלאנגט אומעגליכע זאכען....

— איך וויים נאר, אז איך וואלט נישט געוואגט ווידערצושפעניגען מיין מאן, האטש ער איז בלויז דעם קעניג'ס מיניסטער. אבער ווען דער קעניג אלייז פערלאנגט עפעס פון דער קעניגין, דארף זי אהן צווייפעל איהם גלייך פאלגען.

— לויט ווי איך פערשטעה דיך—האט ושתי זיך אפגערופען—איז נישטא א זאך וואס דו וואלסט פאר דיין מאן נישט געטהאן, אויב ער וואלט עס נאר פון דיר פערלאנגט.

— געוויס ! איך וואלט געטהאן אלעס אבי איהם נאר צופריעדענצושטעלען.

— אויב אזוי זאג מיר, ווען דיין מאן וואלט זיך פלוצלונג פערגלוסט צו צייגען דיין שעהנקייט פאר זייטע פריינד, און וואלט פון דיר פערלאנגט, דו זאלסט פאר זיי ערשיינען אין גאנצען אהן קליידער, וואלסטו דאן אויך זיין פערלאנג אויסגעפאלגט ?...

—המ... אבער... דאס איז דאך אן אומעגליכע זאך— האט ממוכן'ס פרוי געזאגט—מיין מאן וואלט דאך נישט געוואלט, אז זיינע פריינד זאלען מיר זעהן אין אזא צושטאנד... אויב ער האט מיך ליעב, וואלט ער געוויס נישט געוואלט מיך אויסזעצען צו אזא שאנדע....

— אבער וואס וואלסטו געטהאן, ווען דיין מאן איז א שכור'ען צו־שטאנד און פאדערט פון דיר אזא זאך ?—האט ושתי געפרעגט.

—דאן וואלט איך געווארט ביז וואנען ער וועט זיך אויסניכטערען! איך בין זיכער, אז אין א ניכטערען צושטאנד, וואלט ער געמוזט צוגעבען, אז איך בין געווען גערעכט, וואס איך האב איהם ניט געפאלגט !

— און איך זאג דיר ווירדיגע קעניגין, אז ווען מיין מאן זאל פון מיר פער־לאנגען אין א שכור'ען צושטאנד צו ערשיינען פאר זיינע פריינד אין מיינע נא־טירליכע קליידער, וואלט איך איהם געפאלגט.... זאל ער זיך נאכהער שעהמען און נישט איך—איך וואלט דאך געהאט א גוטען אויסרייד, אז כ'האב געטאן דעם ווילען פון מיין מאן ! וואס וואלט מיר געארט ? זאלען אויך אנדערע מענער בע־וואונדערען מיין שעהנקייט !

— יעצט קען איך אייך זאגען, מיינע געסט !—האט ושתי אויסגערופען—אז דער קעניג האט זיך אנגע'שכור'ט און געשיקט מיך רופען איך זאל ערשיינען פאר די איבעריגע קעניגען אהן מיינע קליידער, בלויז מיט דער קרוין אויף מיין קאפ !

— וואס ? !—האבען אלע אויסגערופען דערנעהענטערענדיג זיך צו ושתי'ן.—און וואס האט די קעניגין געענטפערט ?

— איך האב דעם קעניג גוט אנגעזידעלט און איהם דורך זיינע זיעבעי־הארען אנגעזאגט, אז ער זאל זיך אויסניכטערען פון דעם וויין ! ושתי קען בעהויפטען נישט צו פאלגען איהר מאן, אפילו ווען ער איז א קעניג—האט זי מיט שטאלץ געזאגט....

— דאס אבער קען נאך דעם קעניג אריינברענגען אין כעס.—האט ממוכן'ס פרוי א זאג געטהאן.

— וואס ארט מיר, אויב ער וועט זיין אין כעס ! ווען ער וועט מיר אריינ־ברענגען אין כעס, וועט איהם נאך שטארקער פערדריסען. צו פערלאנגען אזא

זאך פון מיר, דארפען האבען נענוג חוצפה... ווען איך האב געוואלט בעשטראַ־פען די אידישע מיידלעך, וועלכע האבען פאר מיר געזינדיגט, האב איך זיי גע־צוואונגען צו ערשיינען פאר המן׳ען אין זייערע נאטירליכע קליידער, און יעצט זאָל דער קעניג פערלאנגען פון מיר אזא זאך! האב איך דען געגען איהם גע־זינדיגט! ניין! איך וועל דערצו קיינמאָל נישט צושטימען אפילו ווען אחשורוש זאָל אליין קומען צו מיר און פאלען צו מיינע פיס, איך זאָל איהם פאָלגען, וועל איך דאס נישט טהאן!

די אלע געסט האבען אַנגעווענדעט זייערע בליקען אויף דער טיהר, וואס האט זיך פלוצלונג אויפגעעפענט. ושתי האט אויך אומגעדרעהט איהר קאָפּ און זי האט דערזעהן המן מיט די אנדערע שלוחים פון קעניג אריינקומענדיג אין דעם גאסט צימער. איידער זיי האבען זיך געמאָלדען.

איהר כעס האט גענומען ברענען און כאפענדיג א פלאש וויין, וואס איז געשטאנען אויפן טיש, נישט ווייט פון איהר, האט זי גלייך א שליידער געטהאן אויף המן׳ען.

המן האט זיך פלינק א נייג געטאן אַן א זייט און די פלאש האט געטראָפען אייעם פון די וועכטער, וועלכער איז געווען היטער המן אין בויך.

דער וועכטער האט זיך א קארטשע געטהאן פון יסורים, אבער ער האט זיך באלד אויפגעשטעלט.

ווען ושתי האט דערזעהען די בעוואפענטע וועכטער, בעגלייטענדיג די זיעבען שרים, איז זי נאָך מעהר אויפגערעגט געווארען....

— אחשורוש מיינט, אז איך וועל זיך דערשרעקען און וועל איהם פאָלגען! —האָט ושתי אויסגעשריען. —אבער יין! איך וועל נישט געהן!

— מיר זיינען געקומען דורכפיהרען דעם קעניג׳ס בעפעהל! —האט המן פאַרנאנדערגעוויקעלט דעם פּארמעט און אַנגעהויבען פאַרצולייענען מיט א הויכע שטימע.

א ציטער האט אַנגענומען אלע פרויען, ושתי׳ס געסט, ווען זיי האבען גע־הערט, וואס המן האט נאר וואס פאַרגעלייענט.

— נעהמט ארונטער פון איהר די קרוין! —האט חרבונה זיך אפגערופען צו די וועכטער.

די וועכטער זיינען צוגעגאנגען צו ושתי׳ן מיט זייערע בלויזע שווערדען.

ושתי האט גענומען שליידערען וואס עס איז איהר געקומען צום האנט.

— איך וועל זיך נאָך מיט אייך אלעמען אפּרעכענען —האט זי געשטורעמט און נישט געוואלט דערלאָזען די וועכטער זאָלען צו איהר צוקומען.

— כל זמן זי טראָגט די קרוין אויף איהר קאָפּ, זיינען אונזערע לעבענס אין גרויס סכנה! —האט המן זיך אפּגערופען שטילערהייט צו חרבונה׳ן, ווען ער האט בעמערקט, אז אויך די בעוואפענטע וועכטער האבען מורא צוצוגעהן גאנץ נאָהענט צו דער קעניגין.

— אין נאָמען פון דעם קעניג בעפעהל איך אייך ארונטערצונעהמען די קרוין פון דער קעניגינ׳ס קאָפּ! —האָט חרבינה אויסגערופען מיט א שטימע פון בעפעהל.

די וועכטער זיינען האסטיג צוגעגאנגען צו ושתי׳ן און גענומען ארונ־טערריסען די קרוין פון איהר קאָפּ. ושתי האט זיך געוועהרט, זי האט געשריען,

געבריקעט און געגראבעלט אבער ענדליך האבען זיי ארונטערגענומען איהר קרוין.

— יעצט—האט המן אויסגערופען מיט א פערלייכטערונג—איז שוין ושתי אוים קעניגין און דעריבער זאל זי גלייך ארעסטירט ווערען און פארגעבראכט ווערען פאר'ן קעניג, כדי זי זאל קענען גע'משפט ווערען פאר איהר פערברעכען.

די בעוואפענטע וועכטער האבען ושתי'ן אנגענומען און איהר ארויסגעפיהרט.... ושתי האט זיך שוין מעהר נישט געווערט, אבער האבען זיך געשאטען קללות אויף דעם חשבון פון דעם קעניג, המן, חרבונה'ן און די איבעריגע שרים.

איינציגווייז האבען זיך די איבעריגע פרויען, ושתי'ס געסט גענומען ארויסרוקען זיך פון איהר פאלאץ. זיי האבען זיך יעצט גענומען שרעקען פאר זייערע אייגענע לעבענס....

ושתי'ס קאמער מיידלאך און דינסטען, וועלכע האבען צוגעזעהן ווי זייער קעניגין ווערט ארעסטירט, זיינען א ווייל געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער, ווי פערגליווערטע. זיי האבען זיך געוואונדערט, וואס דא האט פלוצלונג פאסירט. און ווען ושתי האט זיך שוין מעהר נישט געזעהן, האבען זיי זיך גענומען אנקוקען איינע דער צווייטער און געקוועטשט מיט זייערע פלייצעס.

— ושתי איז שוין אוים קעניגין!—האט א הויף דאמע זיך אפגערופען צו די איבעריגע.—ווי עס ווייזט אוים, וועט א צווייטע פערנעהמען איהר פלאץ.

— מען קען נאך נישט וויסען,—האט אן אנדערע געזאגט.—מעגליך, אז דער קעניג וועט נאך חרטה האבען אויף זיין גזרה און איהר צוריק קרוינען אלס זיין קעניגין.

— עס פאסירט זעהר זעלטען, אז א קעניג זאל צוריקנעהמען זיין ארונטערגעזעצטע קעניגין.

— אויב דער קעניג וועט איהר בעשטראפען,—האט זי זיכער איהר שטראף פארדיענט—זי איז צו אונז אלעמען געווען זעהר שלעכט!

— און איהר רשעות וואס זי האט ארויסגעוויזען צו די אומשולדיגע אידישע מיידלאך—האט די הויפט קאמער מיידעל זיך אבגערופען—איז אויך געווען זעהר גרויזאם און שרעקליך. מיין הארץ האט אין מיר געבלוטיגט צוצוקוקען דעם גרויסען צער, וואס זי האט צו זיי פעראורזאכט.

— מיר איז אין גאנצען געווען אומפערשטענדליך, פארוואס ושתי האט פריהער געהייסען המן'ען איינלאדען די שעהנע אידישע מיידלאך און נאכהער האט זי זיי געצוואונגען צו ארבייטען, אום שבת און צו עסען חזיר, און ווען זיי האבען איהר נישט געפאלגט, האט זי זיי אזוי שענדליך בעשטראפט.

— יעצט קען איך אייך אלעמען ערקלעהרען די אורזאכע—האט די ערשטע הויף דאמע זיך אפגערופען—איך האב זיך צוגעהערט, ווען זי האט זיך מיט המן'ען בעראטהען. ושתי האט געהערט, אז צווישען די אידישע מיידלער געפינען זיך זעהר שעהנע און מורא האבענדיג, אז דער קעניג זאל זיי נישט איינלאדען צו זיין מאהלצייט צו אונטערהאלטען זיינע געסט, און אויסגעפינען, אז עס זיינען פאראן שעהנערע מיידלעך פון איהר, האט זי לויט המן'ס עצה איינגעלאדען די מיידלאך צו זיך און געפונען א סיבה זיי צו פערשפארען אין געפענגנים...

— איך בין זיכער, אז דער אידישער גאט רעכענט זיך מיט איהר אפ דער־

פאר—האט א צווייטע הויף דאמע זיך אפגערופען—מען זאגט, אז דער אידישער גאט, בעווייזט גרויסע וואונדער, און די אלע וועלכע פאנגען זיך אן מיט די אידען, בעקומען א שלעכטען סוף.

— ווען איך וואלט געוואוסט, אז ושתי וועט שוין מעהר קיין קעניגין נים זיין, וואלט איך גלייך בעפוילען צו בעפרייען די מיידלאך פון געפענגנים—האט די ערשטע דאמע געזאגט.

— מיר קענען קיינמאל נישט זיין זיכער, אויב זי זאל זיך אומקעהרען. דאן וואלטען מיר אלע געווען פערלארענע!

---

פון ושתי'ס פאלאץ ביז דער פאלאץ פון אחשורוש'ן איז נישט געווען קיין גרויסער מרחק. מען האט געדארפט דורכגעהן דעם הויף און אן אלעע, וואס איז געווען געפלאנצט מיט פאלמען פון ביידע זייטען.

ושתי איז געגאנגען פאראיים מיט א געהויבענעם קאפ, מיט שטאלץ און זעלבסטווירדע. נעבען איהר זיינען געווען די וועכטער מיט בלויזע שווערדען און הינטער איהר זיינען נאכגעגאנגען די זיבען שרים.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גארטען, האט חרבונה זיך אפגערופען צו המן'ען:

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דער קעניג וועט זיין צופרידען, ווען מיר וועלען ושתי'ן נישט דורכפיהרען דורך דעם גארטען, וואו זיינע געסט געפינען זיך!

— איך גלויב, אז דו ביזט גערעכט!—האט המן צוגעגעבען.—מיר וועלען איהר מוזען פיהרען ארום... זאלען די מלכים נאך אלץ ווארטען מיט אומגעדולד.

מען האט ושתי'ן אריינגעפיהרט אין פאלאץ. איהרע בליקען האבען זיך באגעגענט מיט די בליקען פון בגתן'ען, וועלכער איז געשטאנען ווי א סטאטוע אין זיינע אויגען האט זי בעמערקט א פייער פון האס און נקמה, וואס ער האט געטראגען אויף דעם קעניג. זי האט צו איהם א וואונק געטהאן... איהר האט זיך געדוכט, אז באלד וועט בגתן א שפרונג טהאן פון זיין פלאץ און ארויפפאלען אויף אחשורוש'ן און איהם מיט זיין שווערד דערשטעכען... דאן וועט זי פאר אלעמען אויסרופען, אז בגתן איז דער קעניג... זי וועט איהם אנטהאן אחשורוש'ס קרוין און זיך זעצען צוזאמען מיט איהם אויפ'ן טראהן... זי זעהט אבער, אז בגתן שטעהט ווי א צוגעשמידעטער צו זיין פלאץ... ער ציטערט פאר זיין לעבען.

ושתי איז מיט דער זעלבער שטאלצקייט צוגעגאנגען צום קעניג, וועלכער איז געזעסען אויף דעם טהראן א פער'צארנ'טער, מיט א פאר'כמורעטעם פנים.. ער האט זיך אפילו אויף איהר נישט געוואלט אומקוקען.

— משפט איהר און פיהרט איהר אוועק פון מיינע אויגען! — האט אחשורוש זיך געווענדעט צו די זיבען מיניסטארען.

— ביז ווי לאנג וועסטו שכור'ן!—האט ושתי אויסגערופען און פון איהרע אויגען האבען פונקען פייער געשפריצט—האסטו פארגעסען די צייט, ווען דו ביזט פאר מיינע פיס געלעגען... דו ביזט דאן געווען בלויז מיין פאטער'ס פערד אויפזעהער און איך בין געווען א פרינצעסין.... מיין פאטער, זיידע און עלטער־זיידע זיינען געווען קעניגען! און דו מיט דיין פארגרעבטקייט ווי וואגסטו פון מיר אזא שענדליכע זאך צו פערלאנגען. ווען דו וועסט זיך אויסניכטערען וועסטו

זיך ארומזעהן צו וואס פאר א שאנדע די האסט געוואלט מיר און זיך זעלבסט אויסזעצען !

אחשורוש'עס בלוט האט איהם גענומען נאך מעהר אויפזיעדען, ווען ער האט דערהערט, ווי זי ווארפט איהם אויף, דאס ער איז געווען איהר פאטער'ס פערד אויפזעהער.

— פיהרט איהר אוועק פון מיינע אויגען !—האט ער א געשריי געטהאן.

די וועכטער האבען גלייך אווועקגעפיהרט ושתי'ן אן א זייט.

די זיבען מיניסטארען האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און אפגעטראטען אן א זייט, און זיך גענומען בעראטהען וואס פאר א שטראף זיי זאלען אויף ושתי'ן ארויפלעגען.

— איך וואלט פארגעשלאגען מען זאל איהר אין גאנצען דערווייטערען פון דעם פאלאץ—האט דער מיניסטער תרשיש זיך אפגערופען—זאל זי פערליערען די מלוכה און דאן וועט זי ליידען איהר גאנצען לעבען דערפאר !

—און וואס וועסטו טהאן, ווען דער קעניג וועט זיך ארומזעהען, אז קיין שעהנערע פון ושתי'ן וועט ער נישט קענען קריגען, און ער וועט איהר צוריק־רופען ? וועט זי דען אונז שווייגען ?!— האט ער זיך אפגערופען.

— דער קעניג האט דאך גע'חתמ'עט אז וואס אונזער משפט זאל נישט זיין, וועט ער נישט קענען צוריקגערופען ווערען !

— דאך וועלען אונזערע לעבענס שטענדיג זיין אין געפאהר, כל זמן ושתי וועט לעבען—האט אדמתא געזאגט.—קיינער וועט דעם קעניג נישט קענען זאגען קיין דעה, אויב ער וועט חרטה האבען און צוריקרופען ושתי'ן. און זי וועט איהר גאנצען צארן אויסגיסען אויף אונז.

— מיין עצה איז !—האט ממוכן געזאגט—מען זאל ושתי'ן פער'משפט'ן צום טויט פאר דיזען פערברעכען. און מיר וועלען קענען אריינשרייבען אין די גענזין ביכער פון פרס און מדי, אז די פרוי מוז פאלגען דעם מאן. און די קעניגי'ן, וועלכע האט ווידערגעשפעניגט דעם קעניג'ס בעפעהל איז בעשטראפט געווא־רען מיט'ן טויט.... דאמיט וועלען מיר טהאן גערעכטיגקייט צום קעניג און צו אונז זעלבסט.

— גוט!—האבען די איבעריגע מיניסטארען צוגעשטימט—ושתי וועט מו־זען געטויטעט ווערען.

ממוכן האט דעם משפט אויפגעשריעבען אויף פארמעט און עס צוגע־טראגען צום קעניג ער זאל ארויפלעגען זיין חתימה אויף דעם.

— וואס איז אייער משפט ?—האט אחשורוש געפרעגט מיט א שכור'ליכע שטימע.

— אונזער משפט איז,—האט ממוכן אויסגערופען—אז ושתי האט פער־דיענט דעם טויט, ווייל ישט איין פארברעכען איז זי בעגאנגען געגען דעם קעניג, נור צוויי: זי האט נישט אויסגעפאלגט זיין בעפעהל און דערצו נאך בעליידיגט זיין מאיעסטעט.

אחשורוש האט ארויפגעלעגט זיין חתימה און אויסגערופען :

—זאל דער משפט גלייך דורכגעפיהרט ווערען !

די וועכטער האבען גענומען ארויספיהרען ושתי'ן פון פאלאץ.

אין קעניגליכען הויף איז שוין אלעס געווען געגרייט, און ווען ושתי האט

געזעהן, אז מען געהט טאקע דורכפיהרען דעם משפט, האט זי זיך גענומען ראנגלען און וועהרען.

המן איז אויך ארויס אין הויף און האט אויסגערופען מיט פרייד.

— דו וועסט שוין מיר מעהר נישט וואַרפען קיין וואזעס אין קאפ !... אה. ווען מיין זרש וואלט נאר געזעהן דיין סוף, וואלט זי זיך פון דיר געקענט אראפגעהמען א מוסר !...

אין א ווייל ארום, דאט מען געמאלדען דעם קעניג אחשורוש, אז דער משפט איז דורכגעפיהרט געווארען.

— יעצט וועל איך זיך ווידער קענען בעווייזען פאר מיינע געסט !—האט אחשורוש אויסגערופען און זיך אויפגעהויבען פון זיין טהראָן, און אין דער בעגלייטונג פון זיינע לייבוועכטער איז ער אריין אין גארטען.

די קעניגע זיינען די גאנצע צייט געזעסען מיט גרויס אומגעדולד. זיי האבען געהערט, אז ושתי וויל נישט אויספאָלגען אחשורוש'עס בעפעהל... זיי האבען בעמערקט ווי גרויס אחשורוש'עס צאָרן איז געווען... און זיי האבען געהאפט, אז ער וועט איהר צווינגען צו ערשיינען פאר זיי ווי ער האט פארשפראָכען. באלד אָבער האבען זיי זיך דערוואוסט, אז די קעניגין ושתי איז פעַר'משפט געוואַרען צום טויט. און צווישען זיי איז ענטשטאנען א קריעג, ווער פון זיי האט פערלאָרען דעם אינזעל, דער קעניג פון יון אָדער דער קעניג פון קיפערן.

— איך האב געזאגט, אז ווען מיר וועט געלינגען איבערצורייִדען דעם קעניג, ער זאל צושטימען צו ברייִנגען די קעניגין פאר אונז—האט דער גריכישער קעניג זיך אָפּגערופען—בין איך דען נישט געווען ערפאָלגרייך ? אחשורוש האט דאך צוגעשטימט און דעריבער דארפסטו מיר איבערגעבען דיין אינזעל.

— ניין !—האט דער קעניג פון קיפערן געענטפערט.—וויבאלד, אז די קעניגין האט פאר אונז נישט ערשיינט, האסטו פערלאָרען און דו דארפסט מיר אָפּגעבען דיין אינזעל.

אזוי האבען זיך די שכור'ע מלכים געאמפערט צווישען זיך, ביז וואנען אחשורוש איז אריינגעקומען.

די מלכים האָבען אָנגעפיהלט זייערע בעכערס  וויין און האבען אויסגערופען :

— מיר טרינקען לכבוד דעם קעניג אחשורוש, וועלכער האט בעוויזען, אז דער מאן בלייבט הערשער איבער דער פרוי.

---

זעהר שנעל איז די נייעס פערשפּרייט געווארען אין גאנץ  שושן.  וואס אחשורוש האט געטהאן צו ושתי'ן. א שטילע פרייד האט געהערט צווישען אלע אידען פון שטאָדט,  גרויס אָבער  איז די שמחה  געווען צווישען די עלטערען וועמענס טעכטער זיינען געווען אין ושתי'ס געפענגנים. זייער האפנונג איז גרויס געווען, אז יעצט וועלען זייערע טעכטער בעפרייט ווערען.

גלייך זיינען די עלטערען אוועק צום פאלאַץ פון דער קעניגין און גענומען ווארטען נעבען טויער. די וועכטער אָבער האבען זיי פערטריבען.

— חרבונה וועט אונז העלפען !—האט זיך א פאטער אָפּגערופען—ער איז אונזערער א פריינד.

— אבער ווי אזוי קען מען צו איהם יעצט צוקומען ?—האט א צווייטער געפרעגט מיט זארג.

— אט קומט אן המן !— האט אימיצער אויסגערופען—לאמיר זיך ווענדען צו איהם !

— ניין ! המן איז אונזער שונא, לאמיר זיך אפילו אויף איהם נישט אומ־קוקען. ער האט פעראורזאכט אונזערע צרות !

מיט שטאלצע טריט און א געהויבענעם קאפ איז המן צוגעגאנגען צו דעם טויער פון פאלאץ. א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען, ווען ער האט דערזעהען אלע עלטערען פון די מיידלעך... ער איז געווען זיכער, אז אט באלד וועלען זיך אלע אידען צו איהם א לאז טהאן און בעטען זיין הילף. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט בעמערקט, ווי אלע האבען אומגעדרעהט זייערע קעפ און אפילו איהם נישט געשאנקען מיט א בליק.

— איהר זייט געוויס געקומען זעהן אייב אייערע טעכטער זיינען באפרייט געווארען ? — האט המן זיך צו זיי אפגערופען מיט א שמייכעל, — יעצט ווענדעט זיך דאס אן מיר ! ווען איך זאל נאר וועלען קענען אייערע טעכטער נאך היינט באפרייט ווערען.

קיינער האט איהם נישט געענטפערט און דאס האט המן׳ען שטארק אריינ־געבראכט אין כעס.

— דורך מיר איז די קעניגין ושתי געהאנגען געווארען, און אויב איהר וועט מיר גוט דערצארענען וועלען אלע אייערע טעכטער געהאנגען ווערען.

— דו ביזט א פאלשער און א בעטריגער ! — האט עמיאל אויסגעשריען.
— דו זוכסט נאר אינז שלעכטס צו טהאן.

— דו דארפסט נישט פארגעסען אז איך האב בעגלייט דיין טאכטער צום געפענגניס ! — האט המן זיך א רייץ געטהאן מיט איהם.

— דו וועסט דערפאר בעצאהלען, דו רשע ! — האט זיך נאך א פאטער אפגערופען דריקענדיג זיין פויסט. — דו וועסט נישט טארען אריינקומען אין דער אידישער גאס !

— איך שרעק זיך נישט, — האט המן אויסגערופען, — אט וועל איך באלד געהן בעזוכען אייערע טעכטער !

— און איך וועל גלייך געהן אנזאגען זרש׳ן, דיין פרוי, — האט עמיאל זיך אפגערופען.

— המן האט זיך שוין אויפגעהערט צו שרעקען אפילו פון זיין אייגענער ווייב זרש ! — האט ער זיך פאנאנדערגעלאכט. — און ווייל דו האסט מיר גע־סטראשעט וועט דיין טאכטער, בת שוע, זיין די ערשטע מיט וועלכער איך וועל פארברייגגען.

— אט קומט אן חרבונה ! — האבען זיך דערהערט שטימען. אלע האבען זיך אומגעקוקט און געווארט מיט גרויס אומגעדולד אויף חרבונה׳ן. יעדער האט געוואלט פאר איהם אויסגיסען זיין הארץ.

די אידען זיינען איהם אנטקעגען געגאנגען.

— אומזיסט איז אייער שמחה ! — האט המן זיך אפגערופען, — חרבונה קען גארנישט טהאן פאר אייך ! נישט אמת, מיין פריינד ?! — האט ער זיך געווענדעט צו חרבונה׳ן.

— דו האסט גערארפט האבען אביסעל מעהר שכל, המן, און נישט חוזק מאכען פון די וועמען דו האסט אזוי געמיין בעהאנדעלט.

— די פארפלוכטע אידען האבען קיין בעסערע האנדלונג פון מיר נישט פארדיענט. דאס איז נאך גארנישט, איך וועל זיי נאך ווייזען ווער המן איז, און וואס ער קען טהאן! איך וועל פאר דעם קעניג פאר׳מסר׳ן אז די אידישע מיידלעך וועמען ושתי האט איינגעשפארט אין געפענגניש האבען פארזינדיגט נישט נאר געגען דער קעניגין, נאר אויך געגען קעניג, און דאן וועט נאך זייער שטראף פארגרעסערט ווערען.

צווישען די אידען איז געווארען א בעוועגונג... מען האט גענומען שרייען... די מוטערס האבען זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט ווען זיי האבען דערהערט המן׳ס לעצטע רייד.

— בערוהיגט זיך! — האט חרבונה זיך אפגערופען צו די פארצווייפעלטע עלטערען, — איך קעהר זיך נאר וואס אום פון קעניג. איך האב איהם דער־צעהלט ווי אזוי ושתי האט פארשפארט פיעלע אידישע טעכטער אהן קיין סיבה און זי האט זיי געפייניגט. איך האב איהם געבעטען ער זאל מיר געבען די ער־לויבנים ארויסצולאזען פריי אייערע טעכטער. דער קעניג האט מיר די ערלויב־נים געגעבען.ווארט דא צו בלויז א קליינע ווייל, און אייערע טעכטער וועלען מיט אייך געהן אהיים.

המן איז געבליבען שטעהן א דערשלאגענער; אויף דעם האט ער זיך גאר נישט געריכט!... חרבונה זאל איהם פערלויפען דעם וועג און ארויסקריגען ביי אחשורוש׳ן אן ערלויבנים צו בעפרייען די מיידלאך! ער וועט זיך נאך ווען עס איז מיט איהם אפרעכענען.

די שמחה פון די אידישע עלטערען איז געווען זעהר גרויס. אלע האבען חרבונה׳ן געוואלט קושען פאר דער גרויסער טובה וואס ער האט מיט זיי געטהאן.

חרבונה איז אריין אין ושתי׳ס פאלאץ און ווייזענדיג די וועכטער פון גע־פענגנים דעם קעניג׳ס אונטערשריפט צו בעפרייען די אידישע מיידלעך, האבען זיי פאר איהם געעפענט די טיהרען פון געפענגנים.

ווען חרבונה איז אריין אינווייניג האט ער געטראפען די אידישע מיידלאך זיצענדיג פארוויינטע און פארטרויערטע.

— איך בין צו אייך געקומען מיט א פרעהליכע בשורה!—האט חרבונה זיך צו זיי אפגערופען—איך האב געקראגען אן ערלויבנים פון דעם קעניג אחשורוש, אייך אלעמען צו בעפרייען.

א שטראם פון פרייד האט פלוצלונג אנגעפיהלט דעם טונקעלען צימער פון געפענגנים. די מיידלאך האבען זיך אויסגעשטעלט און אנגעקוקט חרבונה׳ן ווי זיי וואלטען זיך נישט געגלויבט אויף דיזען פלוצלונגען גליק.

— יע, אייער גאט האט זיך אפגערעכענט מיט ושתי׳ן!—האט חרבונה ווייטער געזאגט.—זי איז שוין טויט!

ושתי איז טויט!—האבען אלע מיט אן אטהעם פון פערלייכטערונג אויסגע־רופען.

— דער קעניג האט איהר פריהער ארונטערגעזעצט פון איהר טראהן און נאכהער איז זי צום טויט פער׳משפט געווארען, ווייל זי האט איהם נישט געוואלט פאלגען... אבער די אלע איינצעלהייטען וועט איהר זיך שוין באלד דערוויסען פון

אייערע עלטערען, וועלכע וואַרטען אויף אייך נעבען טויער פון פּאלאץ.... יעצט זייט איהר פריי! איך האָף, אז פון יעצט אָן וועט איהר זיך שוין מעהר נישט לאָזען פערפיהרען פון המן, וועלכער האט זיך געוואָלט פארשטעלען אלס אייע־פריינד! איהר דארפט אלע דאנקען אייער גאָט, וואס ער האט בעצאָהלט ושתי'ן ווי זי האט פערדיענט און איהר זייט דורכדעם בעפרייט געווארען. און ווער ווייס אויב אייערע לעבענס זיינען אין סכנה נישט געווען.

אין א ווייַלע ארום זיינען שוין די אידישע מיידלאך געקושט און געהאלזט געווארען פון זייערע עלטערען. טרעהרען פון פרייד האבען זיך אין זייערע אויגען בעוויזען, ווען זיי זיינען געגאנגען אהיים דורך די גאסען פון שושן.

יעדער פאטער און מוטער האט אין זיין הויז געמאכט א באַהלצייט, דאנקענדיג גאט פאר דעם גרויסען חסד, וואס ער האט מיט זיי געטהאן און זיי צוריקגעקעהרט זייערע טעכטער.

## זעקסטער קאפּיטעל

## א קעניגין ווערט געזוכט.

איייניגע טעג זיינען פאַריבער און אחשורוש האָט זיך גענומען אויסניכטערען פון זיין שכרות... ער האט זיך גענומען דערמאַהנען וועגען ושתי'ן. ווי אזוי זי האט איהם נישט געוואָלט פאָלגען און וועגען איהר שטראָף, וואס זי האט בעקומען, און אויף זיין הארצען איז איהם געווארען גאנץ אומעטיג. זיין גאנצע שמחה איז איהם צושטערט געווארען.... ער איז געלעגען אין זיין בעט און האט אפילו מעהר קיין חשק ניט געהאט ארויסצוגעהן צו זיינע געסט, די מלכים, וועלכע זיינען געווען שטארק ענטטוישט, וואס זיי האבען נישט געזעהען די שעהנע ושתי'ן אין איהרע נאטירליכע קליידער.

א וואָלקען איז געווען פארצויגען איבער די פּנים'ער פון אלע שרים פון פּאלאץ... יעדער האט מורא געהאט, אז אָט באלד, באלד וועט אויסברעכען א גרויסער שטורם און זיי אלעמען פערניכטען.

די קעניגע, די געסט פון אחשורוש, זיינען אויך אומרוהיג געווארען. זיי האבען זיך צווישען זיך דורכגערעדט אין דער שטיל:

— די בעסטע זאך וואָלט געווען פאר אונז, ווען מיר קעהרען זיך אום צו אונזערע לענדער. אחשורוש קען נאך אויסלאָזען זיין צארן אויף אונז... ער וועט זאָגען, אז מיר זיינען שולדיג אין דעם טויט פון זיין קעניגין.

— יע, וואס לענגער מיר פערבלייבען דאָ, אלץ גרעסער ווערט דער געפאהר... מיר זיינען אלע יעצט אונטערטהעניג און געפינענדיג זיך גאנץ נאהענט צו איהם, קען ער נאך פיליכט, ארויפלייגען גרעסערע צינזען אויף אונז.—האט דער גריכישער קעניג געזאגט.

אחשורוש'עס געסט האבען געווארט נאך א טאג און מיט אן אויסרייד, אז זיי איילען זיך אהיים, צו זייערע לענדער, האבען זיי [illegible]

א גאנצען טאָג איז אחשורוש נישט ארויס פון בעט. די מוזיק שפּיעלער זיינען איינגעשטילט געווארען. די הויף נארען האבען אויפגעהערט צו וויזען זייערע "קונצען". די געסט זיינען זיך צוגאנגען.

די זיעבען מיניסטארען זיינען אריינגעקומען צו אחשורוש'ן אין שלאפצימער

איהם צו באגריסען, אבער דער קעניג האט זיי ניט געענטפערט... א קליינע ווײלע זיינען זיי געשטאנען נעבען זיין בעט און געשוויגען... א שרעק איז אויף אלעמען אנגעפאלען... זיי האבען פערשטאנען, אז דעם קעניג טהוט שטארק באנג וואס ושתי איז געטײט געווארען... און ווער ווייסט וואס ער קען נאך טהאן צו זיי, זיינע מיניסטארען, וועלכע האבען איהם געראטהען זי צו פאר׳משפט׳ן צום טויט.

די שטילקייט איז מעהר אנגעצויגען געווארען. אחשורוש האט זיינע מי־ניסטארען נישט געשאנקען אפילו קיין בליק.

— מיין האר קעניג !—האט ממוכן זיך געפאסט מוטה, און אונטערבראכען די שווידערליכע שטילקייט פון אחשורוש׳ס שלאף־צימער — דער קעניג שיינט ניט צו זיין מיט אלעמען, זאלען פילייכט די רופאים אריינקומען ?

— ניין !—האט אחשורוש בייז א זאג געטהאן—די רופאים דארפען יעצט צו מיר נישט אריינגעהן, אבער איהר קענט אלע פון דאנען ארויסגעהן !!

די זיבען מיניסטארען האבען זיך פערנייגט, און שווייגענדיג האבען זיי פארלאזען דעם קעניג׳ס צימער. זיי זיינען אריין אין גארטען. די טישען און די שטוהלען זיינען געווען ליידיג. אבער די שפורען פון דעם גרויסארטיגען מאהל־צייט, זיינען נאך פארבליבען ליידיגע קריגלעך וויין, זיינען געווען צוואווארפען די בעכער, גאלדענע און זילבערנע זיינען געשטאנען נישט אין גאנצען אויסגעליי־דיגט.

ארום דעם טיש, וואו זיי זיינען געזעסען דורך דער צייט פון מאהל־צייט האבען זיי זיך אנידערגעזעצט.

— מיר מוזען זיך בעראטהען וואס צו טהאן !—האט מרס זיך אפגערופען

— מיר האט אבער דאס הארץ געזאגט, אז מיר זאלען נישט זיין צו שטרענג מיט אונזער משפט איבער ושתי׳ן.... איך האב געוואוסט, אז דער קעניג וועט נאכהער חרטה האבען און עס וועט זיין צו שפעט !

— האבען מיר דען אנדערש געקענט האנדלען ?—האט תרשיש איהם געענטפערט—ווען מיר וואלטען ושתי׳ן פער׳משפט בלויז צו זיצען אין געפענג־ניס, וואלט זי דאך באלד בעפרייט געווארען און דאן וואלט זי אז אונז אלעמען נקמה גענומען.

— און ווען מיר בעפרייען איהר אין גאנצען וואלט דער קעניג געווים אויף אונז אין כעס געווארען, ער וואלט געזאגט, אז מיר גרינגשעצען זיין כבוד, און מיר בעשטראפען נישט ושתי׳ן, ווען זי האט איהם בעליידיגט אזוי שטארק !— האט שתר אויסגערופען.

— יעצט איז נישט די צייט צו טראכטען, וואס וואלט געווען !—האט ממוכן געזאגט — מיר דארפען יעצט טראכטען פון דעם, וואס וועט זיין. דער קעניג איז זעהר בייז... און וואס ווייטער, קען נאך ערגער זיין... זיין בענקשאפט נאך ושתי׳ן וועט פערשטארקט ווערען, און דעריבער דארפען מיר זוכען מיטלען ווי אזוי אפצוּוואוּענדען זיינע געדאנקען פון ושתי׳ן... ווען עס וואלט געווען מעג־ליך איפצוזוכען א מיידעל, וועלכע זאל זיין אזוי שעהן ווי ושתי, דאן וואלט דער קעניג גאנץ צופריעדען געווען און ער וואלט אז ושתי׳ן פערגעסען !

— דאס גלויב איך דארף נישט זיין קיין שווערע אויפגאבע !—האט מרס געזאגט—אין דער מדינה פון אחשורוש׳ן זיינען פאראן פיעל שעהנע מיידלער,

און ווען מיר וועלען שטארק זוכען וועלען מיר קענען געפינען איינע וועלכע איז שעהנער און אינגער פון ושתי׳ן!

— דאס איז זעהר א גוטע עצה! — האט תרשיש אויסגערופען — אפילו ווען עס זאל אונז נישט געלינגען צו געפינען אזוי שנעל א פרוי, וועלכע זאל זיך קענען פערגלייכען אין שעהנקייט צו ושתי׳ן, וועט עס דערוויילע בערוהיגען דעם קעניג; ער וועט זיין פארנומען אין אויסקלייבען א קעניגין פון די אלע מיידלער, וועלכע וועלען פארגעבראכט ווערען פאר איהם און ער וועט אפווענדען זיינע מחשבות פון ושתי׳ן.

אויף מארגען זיינען די זיעבען מיניסטארען ווידער אריינגעקומען בעזוכען דעם קעניג אין זיין צימער, און האבען איהם נאך אלץ געטראפען אין שלעכטע שטימונג.

— פריעדען צו דעם קעניג! — האבען זיי זיך פערנייגט.

— ווי אזוי קען זיין פריעדען צו מיר! — האט אחשרוש אויסגערופען מיט א פארכמורעטען פנים — ווען מיין קעניגין איז טויט... יא, איהר אלע זייט שולדיג אין ושתי׳ס טויט! אה, וואס פאר א זעלטענע שעהנהייט זי איז געווען! ווי בריליאנטען האבען איהרע אויגען געלויכטען. און איהר שמייכעל האט אין מיר אריינגעגעבען אזוי פיעל לעבען און פרייד... און יעצט איז זי שוין מעהר ניטא!

— האבען מיר דען אנדערש געקענט האנדלען גנעדיגער קעניג! — האט ממוכן זיך אפגערופען — די קעניגין ושתי האט נישט געוואלט אויספאלגען דעם בעפעהל פון זיין מאיעסטעט. און ווען זי וואלט דערפאר נישט בעשטראפט געווארען, וואלט זי דערפון געדרונגען, אז זי בעזיצט מעהר מאכט, ווי דער קעניג אליין און דאן ווער ווייס אויב זי וואלט נאך נישט געטהאן פיעל ערגערע זאכען געגען דעם קעניג!

— ווען איך נעהם זיך יעצט בעטראכטען, זעה איך אז איך בין געווען אומגערעכט צו פערלאנגען אזא זאך פון דער קעניגין... איך בין געווען בערוישט פון דעם וויין און איך האב זיך נישט ארומגעזעהן, אז איך פערלאנג פון איהר אן אונמעגליכע זאך!

— אבער נישט נאר צוליעב דעם, וואס די קעניגין האט נישט אויסגעפאלגט דעם קעניג׳ס בעפעהל האבען מיר איהר פער׳משפט צום טויט! — האט ממוכן ווידער געזאגט — זי האט דעם טויט פארדיענט צוליעב דער גרויסער בעליידיגונג און די זידעל ווערטער, וואס ושתי האט גענוצט קעגען זיין מאיעסטעט. אבער יעצט מיין האר קעניג, דארפסטו זיך נישט זארגען.. .דיין מדינה איז גרויס און די שעהנע פרויען אין דיינע לענדער זיינען פאראן זעהר פיעל, מיין עצה דעריבער איז, אז דער קעניג זאל בעשטימען בעאמטע אין יעדער שטאדט, וועלכע וועלען צונויפזאמלען די שעהנסטע מיידלער און דערנאך זאלען זיי געבראכט ווערען אין דער הויפט שטאדט שושן אונטער דעם אויפזיכט פון דעם קעניג׳ס סרים, הגי, און יענע מיידעל וועלכע וועט געפעלען ווערען דעם קעניג, זאל געקרוינט ווערען אנשטאט ושתי׳ן.

— דיין עצה געפעהלט מיר זעהר! — האט אחשורוש אויסגערופען — אבער איך צווייפעל אויב עס וועט מיר געלינגען צו געפינען צווישען אלע שעהנע מיידלער אוינע וועלכע זאל קענען פערנעהמען ושתי׳ס פלאץ.

— דאס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט. אז נישט נאר וועט דער קעניג

געפינען איינע, וועלכע איז שעהנער פון ושתי׳ן, נאר אויך איינע וועלכע וועט בעזיצען אויך אנדערע מעלות וואס ושתי האט נישט געהאט.

— גוט, איך נעהם אן אויך דיזע עצה פון דיר, און איך וועל זעהן אויב דו וועסט זיין ערפאלגרייך אין דיין אונטערנעהמונג! — האט אחשרוש געזאגט און איהם דערלאנגט זיין זיגעל־רינג.

ממוכן האט גענומען דעם זיגעל־רינג און זיך פארנייגט פאר׳ן קעניג, און האט מיט די איבעריגע מיינסטארען פערלאזען זיין צימער.

---

אין א קורצער צייט ארום איז אין יעדער שטאדט פון פרס און מדי בעוואוסט געווארען, אז שעהנע מיידלעך ווערען געזוכט פון וועמען דער קעניג אחשורוש וועט אויסקלייבען א קעניגין.

דעם קעניג׳ס בעאמטע וועלכע זיינען בעשטימט געווארען אין יעדער שטאדט בעזונדער צונויפצוזאמלען די שעהנע מיידלעך און זיי ברענגען צופיהרען אין שושן אונטער דער אויפזיכט פון הגי׳ן, זיינען בעלאגערט געווארען פון פיעלע יונגע מיידלעך, וועלכע האבען זיך געהאלטען פאר זעהר שעהנע. יעדע האט געזוכט צו געפעלען דעם בעאמטען, זיי האבען אנגעטהאן זייערע שעהנסטע קליידער און געשטאנען פיעלע טעג ארום דעם בעאמטענס הויז.

דער בעאמטער פלעגט ארויסגעהן און בעטראכטען די אלע מיידלעך און אויסקלייבען עטליכע פון זיי. די גליקליכע פלעגען אריינגעפיהרט ווערען אינעווייניג און זיי זיינען פערהאלטען געווארען ביז וואנען דער בעאמטער האט אויסגעקליעבען גענוג מיידלעך אפצושיקען אין שושן.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין דער הויפט שטאדט, פלעגען די מיידלאך פריהער פארגעבראכט ווערען פאר ממוכן און די איבעריגע מיניסטארען. זיי פלעגען אורטהיילען וועלכע פון זיי זיינען די שעהנסטע, און זי אויסקלייבען און זיי איבערגעבען צו הגי׳ן, דעם אויפזעהער איבער די פרויען. און די איבעריגע פלעגט מען צוריקשיקען צו זייערע היימען.

ווען המן האט זיך דערוואוסט, אז פערשיעדענע שעהנע מיידלאך ווערען געבראכט צו ממוכן און די איבעריגע מיניסטארען, זיי זאלען בעשטימען וועלכע זיינען ווערט פארגעפיהרט צו ווערען פאר דעם קעניג, האט איהם שטארק פערדראסען פאר וואס מען בעראטה זיך אויך נישט מיט איהם... ווער נאך, ווי ער, איז אזא מבין אויף שעהנע מיידלאך! ער איז דעריבער גלייך אוועק צו ממוכן און זיך אפגערופען:

— מיין הארר, ווען די קעניגין ושתי האט געוואלט איינלאדען די שעהנסטע מיידלעך פון שטאדט צו איהר פאלאץ, האט זי מיר אויסגעקליעבען פאר דעם, וועיל זי האט געוואוסט, אז אויף המן׳ען קען מען זיך פערלאזען! ער וויים וואו א שעהנע מיידעל געפינט זיך... און זי האט געוואוסט, אז איך בין א גרויסער מבין אויף שעהנע יונגע מיידלעך. דעריבער וואלט איך דיר געבעטען מיין הארר. דו זאלסט מיר בעשטימען פאר דיין געהילף, איך וועל דיר העלפען אויסקלייבען די שעהנסטע מיידלעך, און דו מעגסט זיין זיכער, אז דעם קעניג וועט מיין געשמאק געפעהלען ווערען.

ממוכן האט בעטראכט המן׳ען מיט א שמייכעל און צו איהם געזאגט:

— איך האב געהערט פון אלעס וואס דו האסט געטהאן צו די אידישע

שעהנע מיידלעך פון שושן. איך ווייס, אז דו האסט זיי פערנארט אין ושתי׳ס פּאלאץ, און דאָרטען זיינען זיי פון דער גרויזאמער ושתי׳ן געפּייניגט געווארען. און יעצט, זינט איך האב בעקאנט געמאכט אין שושן אין נאמען פון דעם קעניג, אז די שעהנע מיידלעך פון שטאָדט זאלען זיך קומען מעלדען צו מיר, איז שוין א היבשע צייט פאַריבער, און דורך דער צייט איז נאָך קיין איין איינציגע אידישע מיידעל געקומען מעלדען... און ווען איך האב אויסגעפארשט די אורזאכע, האט מיר חרבונה ערקלעהרט, אז די אידישע שעהנע מיידלעך האבען געהאט די ביטערע ערפאהרונג פון דיר און פון ושתי׳ן. יעצט איילען זיי זיך נישט צו קומען... און דיר איז דאָך בעוואוסט המן, אז די אידישע מיידלעך זיינען די שעהנסטע פון שושן. איך טהו אלעס וואָס מעגליך צו געווינען זייער צוטרויען, און יעצט ווען איך זאל דיר בעשטימען פאר מיין געהילף, וועט קיינע פון די אידישע מיידלעך נישט וועלען קומען!

— דו מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען!—האט המן זיך אָפּגערופען—ווען דו וועסט מיר בעשטימען פאר דיין געהילף, וועל איך שוין זעהן, אז אלע אידישע מיידלעך וועלען זיך קומען מעלדען. איך קען דיר פיעל בעהילפיג זיין!

— ניין!—האט ממוכן אויסגערופען—איך דארף נישט דיין הילף, איך וועל זיין אימשטאנד אויסצוקומען אָהן דיר.

המן איז אוועק פון ממוכן׳ס הויז אַ אויפגערעגטער און אַ ענטטוישטער. ער האט אין זיין הארצען געטראגען א גרויסע שנאה אויף ממוכן און נאכמעהר איז זיין האס גרוים געווען אויף חרבונה׳ן, וועלכער האט ארויסגעקראגען די ערלויבניס פון דעם קעניג צו בעפרייען די אידישע טעכטער... ווען זיי וואלטען בעפרייט געוואָרען דורך זיין האנד, וואָלטען זיי דאָך אלע צוריקגעקראגען זייער צוטרוי צו איהם, אויסער דעם איז המן אויפגעבראכט געווארען אויף חרבונה פאר וואָס ער האט פאר אלעמען דערצעהלט, אז ער האָט די אידישע מיידלעך ארייננענארט אין ושתי׳ס פּאלאץ...

— איך וועל נאָך ממוכן ווייזען, אז דער קעניג וועט זיך רעכענען מיט מיין מיינונג!—האט ביי זיך המן געטראכט—ווען ער איז אוועק צו זיך אהיים.

— פאר וואס ביזטו היינט אזוי אויפגערעגט, המן?—האט איהם זיין פרוי זרש געפרעגט, ווען ער איז אריין צו זיך אין הויז.

— איך בין ארומגערינגעלט פון פיעלע שונאים! — האָט המן זיך גענומען בעקלאָגען פאר זיין פרוי—די קעניגין ושתי איז געווען מיין איינציגע גוטע פריינדין פון דעם פּאלאץ און יעצט, אז זי איז טויט, פיהל איך זיך פערלאָזען און איבעריג אין דעם קעניגליכען פּאלאץ.

— עס איז פארשטענדליך המן, אז יעצט, ווען אחשורוש איז געבליבען אהן א קעניגין האבען זיינע זיבען שרים גאָרנישט צו טהאן, אָבער עס וועט לאנג נישט נעהמען און דער קעניג וועט אויסקלייבען א מלכה, דאן וועסטו ווידער זיין וויכטיג אין די אויגען פון דעם קעניג און זיינע שרים.

— איך האב זיך געוואלט בעטהייליגען אין העלפען ממוכן אויסצוקלייבען די שעהנסטע מיידלעך, אָבער ער וויל מיך נישט דערלאָזען... פארשטעהסטו, זרש, ממוכן וויל, אז דער קעניג זאל איהם בלויז בעלוינען... ער וויל נישט האבען קיין שותפים....

— אָבער דערפאר דארפסטו זיין צופריעדען, וואס דער קעניג האט דיר

בעשטימט פאר דעם הויפט פון די זיבעצן שרים, וועלכע פלעגען געהן איינלאדען די קעניגין; און אפילו ווען ער האט בעפויהלען ארונטערצונעהמען די קרוין פון ושתי'ן, האט ער דיר עס געהייסען טהאן.

— איך צווייפעל נישט, אז איך האב געפונען חן אין דעם קעניג'ס אויגען! — האט המן געזאגט — און דאריבער וואלט איך טאקע געוואלט צייגען דעם קעניג מיינע מבינות אין אויסקלייבען פאר איהם א מלכה!

— אזוי לאנג ווי ממוכן האט צו זאגען וועלכע שעהנע מיידעל אויסצוקלייבען, וועסטו גאר נישט האבען דערפון, אפילו ווען דו וועסט איהם בעהילפיג זיין.

— אה ווי איך ווינש, אז דעם קעניג זאל נישט געפעהלען קיין איינציגע מיידעל, וועלכע ממוכן וועט פאר איהם אויסקלייבען, דאן וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאן! — האט המן אויסגערופען.

— ווען דער קעניג זאל נישט געפינען קיין פאסענדע קעניגין, וועלכע זאל קענען פארנעמען ושתי'ס פלאץ — האט זרש געזאגט — האב איך מורא אז דו וועסט זיך צוריק דארפען נעהמען צו דיין שער! איך זעה נישט איין פאר וואס דו זאלסט ווינשען דאס דער קעניג זאל צווישען אלע שעהנע מיידלעך נישט קענען פאר זיך אויסקלייבען א מלכה!

— דו האסט נאר מורא, אז איך זאל זיך נישט דארפען אומקעהרען צום שער! ווען איך וועל זעהן, אז דער קעניג קען נישט געפינען קיין שעהנע פרוי פאר זיין קעניגין, וועל איך איהם פארשלאגען, אז ער זאל דיר נעהמען פאר זיין קעניגין! — האט המן געזאגט מיט א סארקאסטישען שמייכעל.

— ווי איך זעה, בין איך דיר שוין אויך נישט געפעלען! — האט זרש אויסגערופען מיט כעס, — די וואלסט נאר געוואלט זיין א מבין איבער שעהנע מיידלעך! און איך קען דיר זאגען, המן, אז איידער איך האב דיך דערקענט, און איידער איך האב דיר געבוירען צעהן זיהן און צוויי טעכטער, וואלט זיך דער קעניג אויך נישט געדארפט מיט מיר שעהמען!

— אמת, — האט המן זיך גע'חכמ'עט — ווען דו וואלסט יעצט געווען מיט דרייסיג יאהר אינגעל און געהאט אן אנדער פנים וואלסטו פיליכט געקענט זיין איינע פון די דינסטען פון דעם קעניג'ס קעבס־ווייבער!

זרש איז אזוי אויפגעבראכט געווארען פון המן'ס לעצטע בעמערקונג, אז זי האט זיך א לאז געטהאן צו איהם... המן אבער איז געווען פלינקער, און ער האט זיך א דרעה געטהאן צום טיהר און גלייך פארלאזען דאס הויז.

— איך וועל נאך איהר ווייזען, וואס המן קען! — האט ער ביי זיך געטראכט, ווען ער איז אוועקגעגאנגען צו דעם פאלאץ פון קעניג. — זי וועט שוין וויסען ווי מיר טייער צו האלטען!

ער איז צוגעקומען צו דעם הויז, וואו די שעהנע מיידלאך ווערען געהאלטען אונטער דעם אויפזיכט פון הגי'ן

א היבשע ווייל איז המן געשטאנען אין הויף, וואו דאס הויז פון הגי'ן איז געווען און ער האט פערדיסען זיין קאפ צו די פענסטער. פיליכט וועט ער קענען דערזעהן איינעגע שעהנע מיידלעך. אבער ווען ער האט אין די פענסטער קיינעם נישט בעמערקט, האט ער זיך געפאסט מוטה און האט זיך געמאלדען צו הגי'ן.

הגי, דער אויפזעהער פון די פרויען, איז צו המן'ען ארויס און איהם געפרעגט וואס ער פערלאנגט.

— זאג מיר מיין פריינד !—האט זיך המן צו איהם אפגערופען—איז פאראן צווישען אט די אלע מיידלעך איינע וועלכע געפעהלט דעם קעניג, אז ער זאל איינוויליגען איהר צו קרוינען אויף ושתי׳ם פּלאץ ?

— דערווייל ווייזט אוים איז נאך קיינע פון דעם דעם קעניג נישט געפעלען געווארען ! — האט הגי איהם גענעטפערט, — צוועלף מאנאטען געדויערט איידער א מיידעל קען פארגעשטעלט ווערען פאר דעם קעניג. זיי ווערען אויפגעהאלטען אין דעם פּאלאץ און ווערען בעהאנדעלט מיט פערשיעדענע איילען און פּארפיומען. און כאטש פיעלע האבען שוין געקראגען די פולע בעהאנדלונגען און זיינען פארגעשטעלט געווארען פאר דעם קעניג, דאך האט נאך ביז יעצט קיינע נישט געפונען חן אין די אויגען פון קעניג ! איך האב מורא, המן, אז די גאנצע ארבייט פון ממוכן איז אומזיסט... אין דער גאנצער קעניגרייך פון פרס און מדי געפינט זיך נישט אזא מיידעל, וועלכע זאל קענען פערנעהמען ושתי׳ם פּלאץ... יעדעס מאל ווען איך פיהר פערביי א מיידעל פאר דעם קעניג, בעמערק איך ווי זיין פנים ווערט אנגעכמורעט... ער ווערט בייז, דאן פערשטעה איך שוין, אז יענע מיידעל מוז וואס שנעלער ארויסגעהן פון פּאלאץ.

— ווי פיעל מיידלעך, אז ערד האט שוין דער קעניג פארבראקירט !—האט המן איהם געפרעגט.

— זעהר פיעל ! איך געדענק שוין אפילו נישט זייער צאהל !—האט הגי איהם געענטפערט—און ווי איך זעה, זיינען די נייע מיידלעך, וואס קומען צו מיט יעדען טאג, אויך נישט שעהנער פאר די פריהעריגע.

— וועסטו מיר פיעלייכט טהאן די געפעליגקייט, הגי, און מיר ערלויבען אריינצוגעהן אין דעם הויז פון די פרויען, איך וויל בעטראכטען די איבעריגע מיידלעך, וועלכע דארפען נאך פארגעבראכט ווערען פאר דעם קעניג !

— ניין, המן, דאס איז אומעגליך !—האט הגי איהם געענטפערט—עס איז געגען געזעץ, אז א פרעמדער מאנספערשוין זאל ערלויבט ווערען אריינצוגעהן אין דער הויז, וואו די מיידלעך ווערען אויפגעהאלטען.

— איך וויל דיר ענטדעקען א סוד !—האט המן געזאגט—און איך בין זיכער, אז מיר ביידע וועלען דערפון א סך געניסען. איך האב אין זינען איין מיידעל, וועלכע געפינט זיך אין שושן, און צו וועלכער, מיר דוכט זיך, איז קיין גלייכען נישטא אין דער גאנצער קעניגרייך פון אחשורוש.... און יעצט ווען איך וועל בעטראכטען די איבערגעבליעבענע שעהנע מיידלעך, וועלכע וועלען נאך דארפען פארגעבראכט ווערען פאר דעם קעניג, וועל איך קענען אורטהיילען, אויב עס לוינט זיך צו זאגען דעם קעניג וועגען יענער מיידעל, וועמען איך האב אין זינען.

— און אויב זי איז לויט דיין מיינונג זעהר א שעהנע, פארוואס האט זי זיך נישט געמעלדען צוזאמען מיט די איבעריגע שעהנע.

— דאס איז דערווייל א סוד, וואס איך קען דיר נישט ענטדעקען !—האט המן אויסגערופען—אבער איך קען דיר פערזיכערען הגי, אז דו וועסט חרטה נישט האבען, ווען דו וועסט מיר דיזע געפעליגקייט טהאן.

— גוט, איך וועל דיר ערלויבען אריינצוגעהן אין הויז. אבער דו מוזט מיר פערשפרעכען, אז מיט קיינעם פון זיי נישט אריינצוגעהן אין געשפרעך. און זוי ווייט מעגליך זיך האלטען פון דער ווייטען.

— איך דאנק דיר זעהר, הגי!—האט המן אויסגערופען מיט צופריעדענהייט,—זאג מיר אבער געפינט זיך יעצט צווישען די מיידלאך אויך אידישע?

— ניין! יעצט איז קיין איינציגע אידישע מיידעל נישטא צווישען זיי.—האט הגי געענטפערט.

— און זיינען דען פריהער געווען אידישע מיידלעך, וועלכע זיינען פארגעבראכט געוואַרען פאר דעם קעניג?—האט המן ווייטער געפרעגט.

— יע, פיעלע אידישע מיידלאך זיינען דורך מיר אויסגעשטאטעט געווארען און פאַרגעשטעלט געווארען פאר דעם קעניג, אַבער כאַטש זיי זיינען אלע זעהר שעהנע געווען, איז דאך קיינע פון זיי דעם קעניג נישט געפעלען געווארען.

— וויבאלד אז יעצט געפינט זיך נישט צווישען זיי קיין אידישע מיידעל, וועל איך אפילו נישט דארפען פערשטעלען מיין פנים!—האט המן געזאגט און איז נאַכגעגאנגען הגי'ן.

המן האט באטראכט די שעהנע מיידלעך, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטאטעט אין קאַלירדייכע קליידער. זייערע פנים'ער זיינען געווען אויסגעשמידט מיט שמינקע און פערשיעדענע דופטענדע איילען.

הגי האט יעדער מיידעל גערופען ביי איהר נאמען און זי איז פערבייגעגאנגען המן'ען.

המן האט זיך גוט צוגעקוקט, ער האט בעטראכט יעדע בעזונדער מיט גרויס איפמערקזאמקייט און ווען ער איז פארטיג געוואַרען, האַט ער א וואונק געטהאַן צו הגי'ן און איז מיט איהם ארויס פון הויז.

— יעצט בין איך איבערצייגט נאַך מעהר ווי פריהער אז יענע מיידעל וועגען וועלכער איך האב מיט דיר גערעדט, וועט אויסנעהמען ביי דעם קעניג, מעהר ווי אַט די אלע, וועלכע איך האב נאַר וואס בעטראכט—האט המן צו איהם געזאגט—און אויב דו ווילסט מיר טהאן די געפעליגקייט, ווען דו וועסט פארברענגען אַט די אלע מיידלעך פאר דעם קעניג, און אויב קיינע פון זיי וועט איהם ניט געפעלען ווערען, זאַלסטו ביי איהם בעטען ערלויבנים פאר מיר צו קומען און ריידען מיט איהם... פערשטעהסטו, מיר, זינט ושתי איז טויט האב איך קיין געלעגענהייט נישט געהאט מיט דעם קעניג צו ריידען, ממילא וויל מיר צו קיין זאך נישט דערלאַזען... אַבער איך ווייס פון א מיידעל, וועלכע איז פיעל שעהנער פון ושתי'ן, דו קענסט זיך אויף מיר פערלאַזען, הגי! און ווען איך וועל זיך מיט דעם קעניג דורכריידען, וועט יענע מיידעל געבראכט ווערען פאר דעם קעניג און איך בין זיכער, אז דער קעניג וועט איהר קרוינען, אנשטאט ושתי'ן... דאן וועט דער קעניג זיין שטארק צופריעדען און ער וועט טהאַן גוטעס מיט מיר, און פערזיכער דיך הגי, אז איך וועל אז דיר נישט פערגעסען און איך וועל דיר אַפטהאַן א טובה!

— איך וועל אויך דיזען פערלאנג ערפילען!—האט הגי זיך צו איהם אָפּגערופען—אין איינ:נע טעג ארום וועל איך ווידער פארברייגנען די מיידלעך פאר דעם קעניג, און ווען איך וועל בעמערקען, אז קיינע פון זיי, איז איהם נישט געפעהלען, וועל איך איהם דאן זאגען וועגען דיר. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דער קעניג וועט דיר הייסען קומען.

— און איך וועל דיר אמאל אַפּטהאַן א טובה! — האַט המן געזאגט און איז אוועק א צופריעדענער פון הגי'ן.

אין איינינע טעג ארום האט הגי אויסגעקליעבען די שעהנסטע מיידלעך און זיי פארגעברכאט פאר אחשורוש'ן. יעדע פון די מיידלאך זיינען שוין געווען אונטער הגי'ס אויפזיכט פאר צוועלף מאנאטען. זיי זיינען געשפייזט געווארען לויט די שפייזען וואס זיינען בעשטימט געווארען פון הגי'ן. די דיקליכע פון זיי האבען געקראגען אזעלכע שפייז וואס זאל זיי מאגער מאכען דורך דער גאנצען צייט, און די אויסגעצערטע האבען געקראגען אזעלכע שפייז פון וואס זיי האבען צוגענומען געוויכט.

יענעם טאג איז אחשורוש געווען זעהר אויפגעלעגט, און ער האט דעריבער בעטראכט יעדע פון די מיידלאך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.... ער האט געהייסען פאר זיי אלעמען ברענגען וויין. און נאכהער האט ער זיי געבעטען זיי זאלען טאנצען פאר איהם.

איינע פון די מיידלעך, וועלכע איז איהם אממעהרסטען געפעהלען געווארען, האט אחשורוש צוגערופען צו זיך. מיט גרויס קנאה האבען די איבעריגע מיידלאך געקוקט אויף דער גליקליכער. זיי האבען זייערע בליקען נישט ארונטערגענומען פון דעם קעניג... זיי האבען בעמערקט דעם פריינדליכען פנים וואס אחשורוש צייגט יענער ארוים און אין יעדער'ס הארץ האט זיך אנגעצונדען א פייער פון אייפערזוכט. לאנג אבער האט דאס פייער נישט געברענט. עס איז באלד אויסגעלאשען געווארען, ווען די איבעריגע מיידלעך האבען בעמערקט ווי דער קעניג פאנגט אן צו גענעצען און צייגט ארוים אנדערע סימנים פון גלייכגילטיגקייט צו יענער גליקליכער. הגי האט באלד פערשטאנען, אז די גנזעלשאפט פון אלע מיידלעך הויבען אן צו פאלען דעם קעניג צו לאסט, און ער האט דעריבער גלייך געהייסען די מיידלעך פערלאזען דעם פאלאץ.

ווי די מיידלאך זיינען ארויסגעפיהרט געווארען ביי די הויף דאמען, איז הגי צוגעגאנגען עטוואס נעהענטער צו אחשורוש'ן און זיך פערנייגט פאר איהם.

— וואס איז דיין פערלאנג, הגי — האט אחשורוש איהם געפרעגט — זעהסטו דען נישט, אז פון אלע מיידלעך, וועלכע דו האסט ביז איצט פארבייגעפיהרט איז נישטא קיין איינציגע וועלכע זאל זיך קענען פערגלייכען אין שעהנקייט מיט ושתי'ן! און ווען איך האב שוין אויסגעקליעבען איין מיידעל פון די וועלכע דו האסט פאר מיר היינט פארבייגעפיהרט, האט זי בלויז בעדארפט עפענען איהר מויל און א שמייכעל טהאן, און זי האט גלייך ביי מיר פערלארען דעם גאנצען חן...

— מיין האר קעניג! —האט הגי זיך אפגערופען— איך ווייס אויך, אז צווישען אלע מיידלעך וועלכע קומען אן טעגליך אונטער מיין אויפזיכט, איז שווער צו געפינען איינע וועלכע זאל קענען פארנעהמען ושתי'ס פלאץ... אבער מיט איינינע טעג צוריק האב איך זיך געזעהן מיט המן'ען און ער האט מיר געבעטען איבערצוגעבען דעם האר קעניג, אז ער ווייס פון א מיידעל, וועלכע וואהנט אין שושן, און וועלכע איז לויט זיין מיינונג פיעל שעהנער פון ושתי'ן.

— פיעל שעהנער פון ושתי'ן! —האט אחשורוש א ביטערען שמייכעל געטהאן— ושתי האט צו איהר קיין גלייכען ניט געהאט און וועט נישט האבען!

— אויב עס וועט פאר דעם קעניג ניט זיין א צו גרויסער לאסט, האט המן געבעטען איך זאל ביי זיין מאיעסטעט קריגען ערלויבנים פאר איהם צו ערשיינען פאר דעם קעניג און זיך מיט איהם וועגען דעם דורכרעדען.

— זאָל ער קומען! — האָט אחשורוש געענטפערט — איך וועל הערען וואָס ער האָט צו זאָגען.

— און פאַר ווען זאָל המן'ס בעזוך בעשטימט ווערען?—האָט הגי גע־פרעגט.

— זאָל ער אפילו היינט קומען!

הגי האָט זיך פערניייגט און פערלאָזען דעם פּאַלאַץ.

המן האָט אין דרויסען געוואַרט אויף הגי'ן און ווען ער האָט איהם דערזעהן ארויסקומענדיג פון אחשורוש'עס פּאַלאַץ, איז ער גלייך צו איהם צוגעגאַנגען.

— נו, מיין פריינד,—האָט זיך המן צו איהם געווענדעט, האָסטו אַן מיר נישט פערגעסען, און דערמאָהנט מיר פאַר דעם קעניג?

— הגי פערגעסט קיינמאָל נישט זיינע פריינד!—האָט הגי המן'ען געענט־פערט—איך האָב מיט דעם קעניג גערעדט און איך האָב געקראָגען די גוטיגע ערלויבעניש.... דו קענסט קומען אפילו היינט איהם זעהען!

— אפילו היינט!—האָבען המן'ס אויגען אויפגעלויכטען—אַה, איך וועל דיר דיין חסד קיין מאָל נישט פערגעסען, איך וועל גלייך לויפען אהיים, אומצובייטען מיינע בגדים, און איך וועל זיך באַלד צוריקקעהרען און זיך מעלדען פאַר דעם קעניג.

מיט שנעלע טריט איז המן אוועק אהיים. ער איז געוועזען העכסט גליקליך, וואָס ער וועט האָבען אַ געלעגענהייט זיך היינט צו זעהן מיט דעם קעניג און מיט איהם ריידען.

— ברענג מיר גיכער מיינע נייע בגדים!—האָט המן אַ זאָג געטהאָן צו זרש'ן ווי ער האָט נאָר אויפגעעפענט די טהיר פון זיין הויז.

— וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ יום טוב ביי דיר?!—האָט זרש זיך אַ קרים געטהאָן — דו געהסט פּיליכט אַ קוק טהאָן די שעהנע מיידלעך!... נישקשה, פאַר זיי דאַרפסטו זיך נישט אויספּוצען!

אַן אַנדערש מאָל וואָלט המן איהר נישט פערשוויגען, אָבער יעצט איז איהם אויפ'ן הארצען געוועזען גאַנץ פרעהליך, ער איז צוגעגאַנגען צו זרש'ן און איהר ארומגענומען:

— איך האָב פאַר דיר אַ גוטע בשורה! דער קעניג האָט מיר איינגעלאַדען צו זיך, ער וויל זיך מיט מיר האַלטען אַן עצה... דו האָסט גאָר קיין בעגריעף נישט, מיין טהייערע זרש, וואָס דאָס מיינט פאַר מיך... איך טראָג זיך ארום מיט אַ פּלאַן, אַז ווען דאָס זאָל מיר געלינגען דורכצופיהרען, וועל איך ווערען אחשורוש'עס הויפּט מיניסטער!

— וואָס פאַר אַ פּלאַן אַ שטייגער האָסטו?—איז שוין זרש נייגיעריג גע־וואָרען.

— איך קען דיר יעצט נישט זאָגען וועגען דעם, זרש!—האָט המן געענט־פערט—פריהער וועל איך ריידען מיט דעם קעניג און ווען איך וועל זעהען אַז עס האַלט שוין ביים וועג, וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען.

— וואָס?...—האָט זרש זיך ארויסגעריסען פון המן'ס הענט—סודות פער־באָרגען?!

— איך וועל זיך זעלבסט אויך נישט געטרויען!—האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל—און איך קען דאָך דיר שוין, דו וועסט זיך נישט ווילענדיג ארויסריי־

דען פאר וועמען עס איז און דאס וועט גלייך צופויקט ווערען איבער דעם גאנצען שטאדט און פון מיינע אלע פלענער וועט זיך גארנישט אויסלאזען.... האב גערולד, זרש ! מיט דער צייט וועסטו פון אלעם וויסען !

— ווען איך וואלט דיר נישט געקומען צו הילף מיט ראטה און טהאט, וואלסטו נאך ביז יעצט געווען א בעדער און שעהרער—האט זרש אויסגערופען.

—דו האלסט זיך פאר א גרויסען חכם... פונדעסטוועגען וועט דיר גאר נישט שאדען אויב דו וועסט זיך מיט מיר האלטען א עצה, ווענען וואס דו פלאנעוועסט צו טהאן... דיין ווייב'ס מח איז נאך נישט אויסגעדארט... צעהן זיהן און צוויי טעכטער האב איך דיר געבארען, און ביי דיר איז עס נאך אלעם נישט אנגעלעגט.

—זעהסטו, ווען איינע פון דיינע טעכטער וואס דו האסט מיר געבארען, וואלט געווען אזא שעהנע, אז דער קעניג וואלט איהר געוואלט נעהמען פאר זיין קעניגין, וואלסטו זיך דאן געקענט איבערנעהמען. אבער יעצט אז ביידע טעכטער זיינען וויט פון שעהנהייטען... יע, זיינען ביידע געראטהען אין דער מאמען !—האט המן  א שמייכעל געטהאן—דארף איך זוכען אנדערע פלענער ווי אזוי איך זאל דערהויבען ווערען ביי דעם קעניג, איז טאקע א סך גלייבער, אז דו זאלסט באלד נישט וויסען פון אלע מיינע פלענער...

— איך זאג דיר א פריהער, אז דו וועסט נאך חרטה האבען פארוואס דו האסט זיך מיט מיר נישט בעראטהען—האט זרש אויסגערופען.

— דו האסט נישט וואס צו זארגען, זרש !—האט המן אויסגערופען א פרעהליכער—עס איז נאך מעגליך, אז גאר אין גיכען וועסטו פון אלעם וויסען, דערווייל גיב מיר מיינע נייע בגדים, איך וויל נישט קומען צו שפעט צום קעניג !

זרש האט געבראכט די בגדים און המן האט זיך איבערגעטהאן און איז גלייך אוועק צו אחשורוש'ן אין פאלאץ.

ער איז צוגעקומען צו דעם טויער פון פאלאץ, און ער האט געבעטען די דינער צו מעלדען אחשורוש'ן אז המןווארט אין דרויסען.

א ווייל שפעטער זיינען די דינער ארויסגעקומען און געזאגט המן'ען, אז דער קעניג הייסט איהם ארייגקומען. המן האט זיך אויסגעגלייכט און איז אריין גלייך צום קעניג, און זיך א נייג געטהאן מיט זיין פנים צו דער ערד.

—קום צו עטוואס נעהענטער, המן !—האט אחשורוש צו איהם געזאגט—דו ביזט געווען דער יעניגער, וועלכער פלעגט ברענגען מיין שליחות צו דער קעניגין ושתי, און צוריק... און יעצט זיינען שוין איניגע יאהר פאראיבער, און איך האב זיך מיט דיר נישט בענוצט... איך וויים, אז עס איז נישט דיין שולד, וואס מיין ליעבע ושתי איז פער'משפט געווארען צום טויט. דו האסט צו איהר געוויס נישט געטראגען קיין שנאה... ווי איך האב געהערט האט זי זיך מיר דיר בעראטהען וועגען פיעלע זאכען.

— יע, מיין האר קעניג, איך בין אימער צו געווען גענרייט צו דינען זיין מאיעסטעט, דעם קעניג און דער קעניגין, מיט מיין לייב און לעבען.

— און דו האסט פאר איהר איינגעלאדען אלע שעהנע מיידלעך פון שושן !

—האט אחשורוש אויסגערופען—זאג מיר המן, דו מוזט דאך געווים וויסען די אורזאכע פאר וואס ושתי האט געזוכט צו בעשטראפען אלע שהענע מיידלעך פון שושן !... פערלייקען פון מיר גארנישט און זאג מיר דעם גאנצען אמת.

— דאס איז געוועז צוליעב ושתי'ס גרויסער ליעבע צו דעם קעניג !—האט המן געזאגט—ווען ושתי האט אויסגעפונען, אז דער קעניג פלאנעוועט צו מאכען א מאהלצייט, האט זי מורא געהאט טאמער וועלען די שעהנסטע מיידלעך פון שטאדט איינגעלאדען ווערען צו דעם מאהלצייט און דאן וועט פיעלייכט דער קעניג דערזעהן איינע וועלכע איז שעהנער פון איהר... יע, דאס האט זי גע־טהאן צוליעב איהר גרויס אייפערזוכט אויף דעם קעניג !

— יעצט בין איך נאך מעהר ווי אימער איבערצייגט, אז ושתי האט מיך ליעב געהאט ! און איך האב זיך אזוי בענארישט... אזא וואונדערשעהנע קעניגין ווי ושתי איז געוועז ! און זי, די ארימע, האט נאך געדענקט, אז עס וועט זיך געפינען איינע א שעהנערע פון איהר ?

— אבער מיין האר קעניג, דאס איז דאך שוין פערפאלען ! עס איז דאך אומעגליך איהר צוריק צו מאכען לעבעדיג ! און איך האב די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען איינער, וועלכע זאל זיין ווירדיג צו טראגען ושתי'ס קרוין.

— און דו ביזט געבליבען ביים טראכטען !—האט אחשורוש געזאגט.

— אה, ניין, מעכטיגער קעניג !—האט המן א שמייכעל געטהאן—צוליעב דעם בין איך דאס יעצט געקומען... איך ווייס פון א מיידעל, וועלכע געפינט זיך אין שושן, וואס צו איהר שעהנקייט איז קיין גלייכען נישטא... איך בין זיכער, אז זי שטייגט אריבער אין שעהנקייט אפילו ושתי'ן.

— און ווער איז זי ?—האט אחשורוש איהם געפרעגט—איז זי דען נישט געקומען זיך מעלדען צו ממוכן ?

— ניין, מיין האר קעניג, זי איז נישט געקומען צו ממוכן, ווייל ווי גרויס איהר שעהנקייט איז, איז נאך גרעסער איהר בעשיידענהייט... און אין דער צייט, ווען אלע מיידלעך רייסען זיך צו געהן צו ממוכן'ען און זיי שעצען זיך גליקליך ווען מען פיהרט זיי אפ אין דעם הויז פון פרויען, אונטער הגי'ס אויפזיכט, זיצט יענע זעלטענע שעהנהייט אין דער היים. און דאס איז די אורזאכע וואס קיינער האט פון איהר ביז יעצט נישט געהערט.

— אבער ביזטו זיכער, אז זי איז שעהנער פון די אלע וועלכע זיינען פאר־געבראכט געווארען פאר מיר ביז יעצט.

— אה, גרויסער קעניג, דיין קנעכט המן איז א מבין אוי שעהנקייט און איך בין זיכער, אז זי וועט זיין מאיעסטעט געפעהלען ווערען... און ער וועט א'ז איהר געפינען א טרויסט נאך ושתי'ן.

— אויב אזוי זאל זי קומען צו הגיף'ן, און איך וועל זעהן אויב מען קען לעגען געוויכט אויף דיינע רייד, המן—האט אחשורוש זיך אפגערופען.

— אבער איך צווייפעל, אויב זי וועט וועלען קומען !—האט המן געזאגט.

— וואס מיינסטו, המן,—האט איהם אחשורוש אנגעקוקט מיט ערשטיינונג—וועט זי דען נישט וועלען קומען, ווען זי וועט וויסען, אז זי האט א מעגליכקייט צו ווערען מיין קעניגין ! ! דו קענסט איהר אליין איינלאדען אין מיין נאמען !

— צוליעב דעם וואס די קעניגין ושתי האט געפייניגט די שעהנע מיידלעך פון שושן, וועלכע זיינען צו איהר געקומען דורך מיין איינלאדונג, וועט זי יעצט מורא האבען אנצונעהמען מיין איינלאדונג !—האט המן געזאגט—און דעריבער איז מיין עצה, אז דער קעניג זאל ארויסגעבען א בעפעהל, אז אלע יונגע מייד־

לער פון שושן מוזען אין א בעשטימטע צייט ארויסגעהן אין גאס, און ווען זי וועט ארויסקומען, וועט זי צוגענומען ווערען צו הגי'ן. דעם אויפזעהער פון די פרויען.

— דו מיינסט, אז איך זאל צווינגען די מיידלעך זיך צו קומען מעלדען צו ממוכן ?—האט אחשורוש א שמייכעל געטהאן—ניין, המן א געצוואונגענע קעניגין וועל איך נישט נעהמען, סיידען... איך זאל זיין זיכער, אז זי שטייגט אריבער אין שעהנקייט אפילו ושתי'ן !

— אויב מיין האר קעניג וועט נישט צוגעבען, אז יענע מיידעל וועגען וועמען איך רייד יעצט, איז נישט שעהנער פון ושתי'ן, בין איך געגרייט צו בעצאהלען מיט מיין קאפ !—האט המן זיך פערנייגט.

— ווער איז זי דאס אט די זעלטענע שעהנהייט,—און ווי איז איהר נאמען.

— זי הייסט אסתר, זי איז א יתומה און זי ווערט ערצויגען ביי איינעם א רייכען מאן פון שושן מיט'ן נאמען מרדכי, אלס זיין אייגענע טאכטער... און זאלען אזוי די געטער פון פרס מיר צושיקען זייערע ברכות ווי איך האב נאך ביז יעצט קיין שעהנערע נישט געזעהן...

— גוט,—האט אחשורוש זיך אפגערופען—איך וועל זעהן אויב מען קען זיך אויף דיינע רייד פערלאזען! איך וועל ארויסגעבען א בעפעהל, אז אלע מיידלעך פון שטאדט זאלען זיך בעווייזען אויף דער הויפט גאס פון שושן, און אויף וועמען עס וועט אנגעצייגט ווערען, אז זי איז שעהן גענוג וועט געבראכט ווערען צו הגי'ן.

אויף מארגען איז בעקאנט געווארען איבער דער גאנצער שטאדט, אז אלע מיידלעך מוזען ארויסגעהן אויף דער הויפט גאס פון שושן.

יענעם טאג האט המן זיך ארומגעדרעהט נישט ווייט פון מרדכי'ס הויז... ער האט מיט גרויס נייגיעריגקייט נאכגעקוקט אויב אסתר וועט ארויס פון איהר הויז אין דער בעשטימטער צייט.... אבער ווען עס איז שוין גאנץ טונקעל געווארען און אסתר איז פון איהר הויז נישט ארויסגעגאנגען, איז המן מיט א פערביטערט הארץ אוועק אהיים...

— וואס איז מיט דיר, המן ?—האט איהם זרש באגעגענט מיט נייגיערגיע בליקען—נעכטען ביזטו געקומען א פרעהליכער, פול מיט לעבענסלוסט און יעצט ביזטו געקומען מיט א זויערען פנים ! ווי עס ווייזט אויס, איז פון דיין פלאן גארנישט געווארען.... און רעכט אויף דיר ! ווען דו וואלסט מיר דערצעהלט וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא, וואלט איך דיר פיליכט געקענט מיט עפעס בעהילפיג זיין !

— איך בין שטארק ענטוישט געווארען !—האט המן זיך אפגערופען צו זרש'ן מיט אן אומעטיגער שטימע—אז דער קעניג האט שוין יע מיין עצה אנגענומען שטעהט עפעס אנדערש אין מיין וועג.

— אבער זאג דאך מיר, המן, וואס פאר אן עצה האסטו געגעבען דעם קעניג ?

— דו ווייסט דאך, אז ביז יעצט איז נאך נישט געפונען געווארען א מיידעל, וועלכע זאל זיין פאסיג צו פערנעהמען ושתי'ס פלאץ. איך בין אוועק צום קעניג און האב איהם דערצעהלט וועגען אסתר'ן. איך האב איהם פערזיכערט מיט מיין לעבען, אז אסתר איז שעהנער פאר ושתי'ן, און וויסענדיג, אז עס וועט

זיין שווער ארויסצוקריגען אסתר'ן ווייל זינט די שעהנע מיידלעך פערזאמלען זיך, כדי צוגענומען צו ווערען אין קעניגס פאלאץ, בעווייזט זיך אסתר נישט אין גאס. האב איך געראטהען דעם קעניג, אז ער זאל דורך א בעפעהל צווינגען אלע מיידלעך פון שושן ארויסצוגעהן אין גאס... איך האב געמיינט, אז אסתר וועט דאן געוויס ארויסגעהן, או אידן וואלט שוין געזעהן דאס זי זאל געבראכט ווערען צו הגי'ן. אבער צו מיין גרויסע ענטטוישונג, איז הייגט אסתר אויך נישט ארויס־געגאנגען פון איהר הויז... און יעצט שרעקט מיר מיין הארץ, אז אויב מיר וועט נישט געלינגען צו ברייגגען אסתר'ן פאר'ן קעניג, וועל איך שטארק בעשטראפט ווערען, ווייל איך האב ערב געווען מיט מיין לעבען.

— און פארוואס זאלסטו אליין צו איהר אין הויז נישט אריינגעהן? — האט איהם זרש געפרעגט — ווען דו וועסט איהר דערצעהלען דעם געשפרעך, וואס דו האסט געהאט מיט דעם קעניג וועגען איהר, וועט זי דיך דאנקבאר זיין און וועט געוויס געהן.

— פערשטעהסטו מיר זרש! — האט המן זיך אפגערופען — ווען ושתי האט מיר געשיקט איינלאדען די שעהנע אידישע טעכטער פון שושן, בין איך ביי אסתר'ן צוויי מאל געווען און זי האט זיך צו מיר ניט געוואלט צוהערען, און דערצו האט זי אויסגעפונען, אז איך האב די אידישע מיידלעך אפגענארט, וועט זי דען יעצט זיך וועלען צוהערען צו מיר!

— אבער דעם קעניג'ס בעפעהל לויטעט דאך, אז אלע מיידלעך מוזען ארויסגעהן אויף דער הויפט גאס, פאר וואס זאלסטו ניט אריינשיקען אין מרדכי'ס הויז, צוויי בעאמטע, און זיי זאלען צווינגען אסתר'ן ארויס צו קומען.

— דו ביזט גערעכט, זרש! — האט המן אויסגערופען און זיין פנים האט געשטראהלט — יעצט זעה איך, אז דו ביזט א חכמה, פון היינט מאל אן וועל איך פאר דיר קיינע סודות נישט האבען, אזוי וועל איך טאקע מארגען טהאן, ווען איך וועל זעהן, אז אסתר מיידט אוים ארויסצוגעהן אין גאס, וועל איך שיקען צוויי בעאמטע, וועלכע וועלען איהר דערמאהנען אין דעם קעניגס בעפעהל...

---

ווען דעם קעניג'ס בעפעהל איז בעקאנט געווארען אין שושן איז פאר אלע יונגע מיידלאך געווארען א שמחה... אפילו די אידישע שעהנע מיידלאך, וועלכע האבען שטארק געליטען פון ושתי'ן, זיינען געווען זעהר צופריעדען... זינט יענער צייט זיינען שוין איניגע יאהר פאריבער און זיי האבען שוין אן דעם פער־געסען. אבער פיעלע עלטערען זיינען יעצט מעהר פארזיכטיג געווען און זיי האבען ניט דערלאזען, אז זייערע טעכטער זאלען זיך מעלדען צו ממוכן. יעצט אבער, אז דער קעניג האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, האבען זיי שוין קיין אנדער ברירה נישט געהאט, ווי צו לאזען זייערע טעכטער. און טאקע דעם ערשטען טאג פון בע־פעהל, האבען זיך די זעלבע מיידלעך אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע קליידער ארויסגעשפאצירט אויף דער הויפט גאס פון שושן. איניגע פון זיי זיינען גע־בעטען געווארען זיך צו מעלדען צו ממוכן און זיי זיינען דארטען פערהאלטען גע־ווארען ביז וואנען זיי זיינען אפגעפיהרט געווארען צו הגי'ן, אחשורוש סרים.

יענעם טאג ווען מרדכי איז געקומען אהיים פון שוהל האט ער בעמערקט ווי זיין פרוי איז זעהר אויפגערעגט.

— וואס האט פאסירט, קציעה? — האט ער זיך צו איהר אפגערופען.

— דו מאכסט זיך גאר ניט וויסענדיג! — האט קציעה אויסגערופען — האסטו דען נישט געהערט דעם קעניג'ס בעפעהל?

— נו, און וואס אויב איך האב יע געהערט!

— ווייסטו דאך געוויס, אז די וועלכע וועלען דיזען בעפעהל נישט אויספאלגען וועלען בעשטראפט ווערען. און איך בין שוין מיעד געווארען איינ'טענה'ן מיט אסתר'ן דאס זי זאל אנטהאן איהרע יום טוב'דיגע קליידער און ארויסשפאציערען אין גאס צוזאמען מיט די איבעריגע מיידלעך פון שושן. אבער זי האט זיך איינגעשפארט און וויל בשום אופן ניט פערלאזען דאס הויז.

— און איך גלויב, אז אסתר איז גערעכט! —האט מרדכי זיך אפגערופען— ווי עס ווייזט אויס, האסטו שוין פערגעסען וואס עס האט פאסירט מיט אייניגע יאהר צוריק.... דאן האסטו אויך נאר געוואלט, אז אסתר זאל געהן. און ווען זי וואלט דיר געפאלגט, וואלט זי חרטה געהאט איהר גאנצען לעבען.

— וואס פאר א גלייכעניש! — האט קציעה אויסגערופען — ושתי, די מרשעת, האט געפלאנעוועט צו טהאן שלעכטעס בלויז צו די אידישע מיידלאך. אבער דער בעפעהל פון קעניג איז דאך פאר אלעמען.... און אויך יעדער ווייס דאך דעם צוועק פון דיזען בעפעהל, דער קעניג זוכט א נייע מלכה... די מיידלאך וועלכע געפינען שוין זיך אין פאלאץ אונטער הגי'ס אויפזיכט שעצען זיך גליקליך און אפילו, אויב זיי ווערען נישט געפעהלען דעם קעניג, גיסט מען זיי גאלד אין האלז.... מען גיבט נאך אלע זייערע פערלאנגען, זיי קריגען די שעהנסטע קליידער און די טייערסטע מתנות. האסטו דען געהערט, אז א מיידעל זאל דארטען פערהאלטען ווערען געגען איהר ווילען.... יעצט שטעל זיך פאר וואס פאר א גליק עס וועט טרעפען יענע מיידעל, וועלכע וועט געפעלען ווערען דעם קעניג? ! זי וועט דאך ווערען די קעניגין... און אסתר, אז גאט האט איהר געשאנקען מיט אזא שעהנעם פנים, אז יעדער איינער זאגט מיר, אז אזא שעהנע ווי אסתר איז נישט צו געפינען.... שעהמט זי זיך גאר... וואו איז דאס געהערט געווארען, אז א מיידעל זאל זיך שעהמען מיט איהר שעהנקייט!

— עס איז שוין צייט, אז דו זאלסט אסתר'ן בעסער פערשטעהען, קציעה,— האט זיך מרדכי צו איהר אפגערופען — זי איז א בעשיידענע אידישע מיידעל, וועלכע יאגט זיך ניט נאך קיין כבוד, און טראגט זיך נישט ארום מיט חלומות צו ווערען א קעניגין אדער א פרינצעסין, אויב זי וויל נישט ארויסגעהן אין גאס אויף א שפאציער כדי נישט צוציהען די אויפמערקזאמקייט פון דעם קעניג'ס בעאמטע, האבען מיר קיין רעכט נישט איהר דערצו צו צווינגען... און דו האסט נאך ווייניגער רעכט צו זיין אויף איהר אין כעס דערפאר!

— פערגעס אבער נישט, מרדכי, אז מיר קענען נאך בעשטראפט ווערען פאר נישט אויספאלגען דעם בעפעהל פון דעם קעניג!

— דו מיינסט געוויס, אז די בעאמטע וויסען פון יעדער מיידעל פון שטאדט... וועלכע געהט ארוים אין גאס און וועלכע עס פערבלייבען אין דער היים.

— עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אז זיי וויסען פון יעדער שעהנער מיידעל! —האט קציעה אויסגערופען—און א חוץ דעם וועלען זיך שוין געפינען מענשען, וועלכע וועלען דערצעהלען די בעאמטע, אז אסתר בעווייזט זיך נישט אין דרויסען.

— וועלען מיר דאן זארגען, אויב מען וועט קומען פון אונז פערלאנגען

אסתר זאָל ארוים פון הויז, וועט זי דאָס טהאָן, איך וועל שוין געפינען א תירוץ פאר וואס זי איז ביז יעצט נישט ארויסגעגאנגען.

קציעה איז גלייך אריין אין אסתר'ס צימער און זיך צו איהר אפּגערופען.

— זעהסטו שוין, אסתר, אז איך בין גערעכט. אפילו דיין מוטער גיט צו, אז דו האָסט דיזען מאָל געדארפט מיך פאָלגען, ווייל אזוי איז דאך דער בע־פעהל פון קעניג. פאָלג מיר, מיין קינד, טהו זיך אָן און געה ארוים אין גאס.

— איך בין יעצט נישט אויפגעלעגט, מוטער, — האָט אסתר זיך אפּגערו־פען—פארנאכט מעגליך, וועל איך ארויסגעהן.

ווען זיי האבען זיך געזעצט עסען, האט מרדכי גענומען דערצעהלען ווי אזוי די הויפּט גאס פון שושן איז פול געווען מיט מיידלער.

— עפּעס האט זיך גערוכט, אז א גרויסער יום טוב ווערט געפייערט איבער דער גאנצער שטאָדט—האט ער געזאגט—אלע זיינען געווען אויסגעפּוצט אין זייערע שעהנסטע קליידער און די טהייערסטע צירונג....

— אלע אויסער אסתר !—האט קציעה אויסגערופען מיט פערדרוס.

— און דעריבער טאקע מעגען מיר מיט אסתר'ן שטאָלצירען !—האָט מרדכי געזאגט—זי איז אין גאנצען אנדערש פון די אנדערע מיידלאך ! לאָמיר זיך נישט נארען ! איז דען פאראן א מעגליכקייט אז א אידישע מיידעל זאָל אויסגעקליבען ווערען קעניגין !

— אויב צווישען די פערסישע מיידלעך איז נישטאָ קיין איין איינציגע וועלכע זאָל געפעהלען דעם קעניג, איז דאך מעגליך, אז צווישען די אידישע זאָל זיך אזא יע געפינען ! און א חוץ דעם, זאג איך דען, אז אסתר זאָל ארויס־געהן, ווייל איך האף, אז זי וועט ווערען די קעניגין ! איך בין נאך גאר נישט אזא נאר, ווי דו האלסט מיך, מרדכי, איך זאג מעהר נישט, אז עס איז כדאי פאר יעדער מיידעל אויספּרובירען איהר מזל און אפילו ווען זי וועט בלויז צוגענומען ווערען אויף א קורצע צייט אונטער דעם אויפזיכט פון הגי'ן, וועט זי דערצו אויך גאר נישט דערלעגען, די שעהנע קליידער, די קאָסטבארע מתנות וועלכע איהר אלע מאָהל צוניץ קומען.

— אָבער איך האָב נישט קיין חשק צו אָט די אלע זאכען !—האָט זיך אסתר אפּגערופען — איך דארף נישט קיין צירונג, און איך וועל נישט זיין איבע־ריגס צופריעדען, ווען מען זאָל מיך אוועקנעמען צו הגי'ן.

— איך בין אויך איינשטימיג מיט דיר !—האָט מרדכי זיך אפּגערופען—עס איז גלייכער, אז דו בלייבסט אין דער היים !

— וואס ? !...—איז שוין קציעה איז כעס געווארען—האָסטו דען מי־פריהער נישט צוגעגעבען, אז איך בין גערעכט.

— ניין ! איך האב בלויז געזאגט, אז ווען מען וועט זיך דערוויסען, אז אסתר פאָלגט נישט אוים דעם בעפעהל פון קעניג, און מען וועט קומען פון אונז פאָדערען, וועלען מיר דאן זעהן, אז זי זאָל ארויסגעהן פון הויז.

— אָבער איך האב מורא, אז דאן וועט שוין זיין צו שפּעט !—האָט קציעה געזאגט א בעזארגטע—ביז דאן וועט שוין דער קעניג מעגליך האבען אויסגעקליבען א מלכה פאר זיך.

—אויב יע, וועט דאך געווים נישט זיין וואָס מורא צו האָבען!—האָט אסתר אויסגערופען—דאן וועט דאך דער בעפעהל מעהר נישט גילטיג זיין.

— יע, אבער פאר מיר וועט עס זיין זעהר א גרויסע ענטטוישונג !—האט קציעה געזאגט—אזא שעהנע מיידעל ווי דו ביזט, טאר אזא זעלטענע געלעגענ־הייט נישט לאזען פערבייגעהען. ווער נאר אין שושן קען זיך צו דיר פערגלייכען אין שעהנקייט !

— אין דיינע אויגען, מוטער קוק איך אויס צו זיין די שעהנסטע, אבער ווען דו וואלסט דורך אנדערע אויגען געקוקט וואלסטו געזעהן ,אז אין שושן געפינען זיך א סך שעהנערע פון מיר.

מעהר האט קיינער נישט גערעדט. מרדכי, קציעה און אסתר האבען פארט־געזעצט צו עסען זייער מאהלצייט. א שטילקייט האט געהערשט אין צימער. אין איידער זיי זיינען פארטיג געווארען מיט'ן עסען, האבען זיי דערהערט טריט נעבען זייער טיהר, און באלד נאכדעם האט זיך די טיהר געעפענט און צוויי בע־אמטע זיינען אריינגעקומען.

אסתר איז בלאס געווארען. און מרדכי האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז די בעאמטע ענטקעגען געגאנגען.

— אונז האט מען איבערגעגעבען, אז אין דיין הויז געפינט זיך א מיידעל, וועלכע פאלגט נישט דעם קעניג'ס בעפעהל.

— המ.... יע,—האט מרדכי זיך פערענטפערט—נעכטען האט זיך מיין טאכטער נישט געפיהלט אמבעסטען, און היינט האט זי זיך שוין טאקע געקליבען ארויסצוגעהען.... יע, מיינע הארען, זי וועט באלד ארויסגעהען.

— אויב דו ווילסט אויסמיידען א שווערע שטראף, זאלסטו זעהן, אז זי זאל גלייך צוקומען אויף דער הויפט גאס פון שושן, וואו אלע מיידלעך פערזאמלען זיך.

— געוויס וועט זי צוקומען !—האט קציעה אויסגערופען—יעצט פיהלט זי זיך א סך בעסער.

די צוויי בעאמטע האבען פערלאזען מרדכי'ס הויז און קציעה'ס פנים האט גענומען שטראהלען פון פרייד.

— וואס האב איך דיר געזאגט !—האט זי זיך געווענדעט צו מרדכי'ן—איך האב געוואוסט, אז מען וועט אהער קומען ! נישקשה, אלע ווייסען, אז דו ביזט די שעהנסטע מיידעל פון שטאדט, און דיין אבוועזענהייט האט זיך שטארק געפיהלט צווישען די איבעריגע מיידלעך. יעצט, מיין קינד, טהו אן דיין שעהנסטע קלייד און געה גלייך ארויס.

— יע, אסתר דו האסט דאך נישט קיין אנדער ברירה !—האט מרדכי צוגע־געבען—לאמיר האפען, אז אלעס וועט זיך אויסלאזען צום בעסטען.

אסתר האט זיך שנעל איבערגעטהאן און האט באלד אוועקגעשפאצירט צו דער הויפט גאס פון שושן.

די גאס איז געווען פול מיט פערשידענע מענשען, וועלכע זיינען געקומען אנקוקען די שעהנע מיידלעך פון שטאדט וואס האבען דורכגעמארשירט אין זייערע שעהנסטע קליידער.

ממוכן איז געזעסען אויף זיין פערד, און ער האט בעטראכט יעדע איינע בעזונדער מיט פארשענדע בליקען. עטליכע בעאמטע זיינען געשטאנען נישט ווייט פון איהם און געווארט אויף זיין באפעהל.

ווען א מיידעל איז ממוכן'ען געפעלען געווארען, פלעגט ער א וואונס

טהאָן צו זיינע בעאַמטע און אָנצייגען אויף איהר מיט זיין פינגער. דאן פלעגען די בעאַמטע צוגעהן צו יענער מיידעל און איהר הייסען זי זאָל זיי נאכגעהן.

ווען א היבשע צאָהל פלעגען זיך צונויפזאַמלען, דאן פלעגט מען זיי אָבפיהרען צו הגי'ן און ער האָט אויסגעקליבען די שעהנערע פון זיי, וועמען ער האָט אָפּגעשטעלט אין דעם הויז פון פרויען.

המן האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרעהט איבער דער הויפט־גאַס און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף אסתר'ס אַרויסקומען. ער האָט געוואָלט אז אסתר זאָל אוועקגענומען ווערען צו הגי'ן דורך איהם און נישט דורך ממוכן... דער קעניג האָט דאָך איהם בעפאָלמעכטיגט דאָס צו טהאָן.

המן האָט די גאַנצע צייט אָנגעווענדעט זיינע בליקען אויף דער ריכטונג פון וואַנען אסתר האָט געדאַרפט אָנקומען, און ווען ער האָט איהר באַמערקט פון ווייטען האָט ער צוגערופען דיזעלבע צוויי בעאַמטע וועמען ער האָט פריהער געשיקט צו מרדכי'ן אין הויז און ער האָט זיי געהייסען גלייך צוגעהן צו אסתר'ן און איהר איינלאַדען צו קומען צו הגי'ן.

ווען ממוכן האָט עס בעמערקט, איז ער גלייך צוגעריטען צו המן'ען און איהם געפרעגט מיט כעס:

— וואָס בעדייטעט דאָס? ווער האָט דיר די ערלויבניש געגעבען צו בעפעהלען די בעאַמטע, און ווער איז יענע מיידעל?

— זי איז א זעלטענע שעהנהייט וועלכע איך, און נישט קיין אַנדערער, האָט ענטדעקט! — האָט המן איהם געענטפערט מיט שטאָלץ.

— און פאַרוואָס האָסטו מיר נישט אויפמערקזאַם געמאַכט וועגען איהר פריהער? — האָט ממוכן איהם געפרעגט.

— האָסטו דען מיר נישט לאַנג צוריק געזאָגט, אז דו דאַרפסט נישט מיין הילף און אז דו ביזט אימשטאַנד אויסצוקומען אָהן מיר!...

— אָבער ווי אַזוי וואַגסטו עס צו טהאָן אַזא זאַך אָהן מיין וויסען! — האָט ממוכן א געשריי געטהאָן.

— איך האָב די ערלויבניש פון דעם קעניג אויף דעם! — האָט המן איהם געלאַסען געענטפערט, — איך האָב איהם פערשפּראָכען אז איך וועל יענע שעהנע מיידעל קריגען און איך האָב מיין פאַרשפּרעכען געהאַלטען.

— און די מיינסט געוויס, אז פון אַלע שעהנע מיידלעך וועלכע ווערען פאַר איהם געבראַכט יעדען טאָג, וועט ער אויסקלייבען די וועלכע דו האָסט אויסערוועהלט, — האָט ממוכן געזאָגט מיט א ביטערען שמייכעל, — איך זאָג דיר, המן, אז דער קעניג וועט זיך אויף איהר אפילו נישט וועלען אומקוקען.

— ווי עס ווייזט אויס, האָסטו יענע מיידעל נישט גוט בעטראַכט, — האָט המן געזאָגט, — ווען די וואָלסט איהר געזעהן עטוואָס נעהנטער, וואָלסטו זיכער געענדערט דיין מיינונג.

ממוכן האָט זיך באַלד פון איהם אָפּגעקעהרט. זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט.

— זאָל נאָר דער קעניג צוריקווייזען אויך זיין מיידעל, וועט ער זיך שוין מיט איהם אָפּרעכענען פאַר זיין חוצפה, — האָט ער זיך געטראַכט.

אסתר איז געבראַכט געוואָרען צו הגי'ן, און ווי ער האָט איהר נאָר דערזעהן, האָט ער איהר גלייך צוגענומען אין דעם הויז פון פרויען. און אַנשטאָט

צו לאזען איהר ווארטען ביז איהר רייהע וועט קומען, האט הגי גלייך געהייסען ברייננען די פארשידענע שמעקענדע אוילען, זי זאל זיך מיט זיי אויסשמירען. ער האט בעשטימט פאר איהר זיבען דינסטען וועלכע זאלען איהר בעדיענען, העלפען אנטהאן איהרע קליידער, צוקאמען איהרע האר און טהאן אלעס וואס זי וועט פארלאנגען.

אסתר איז געווען ווי צוטומעלט. זי האט באמערקט ווי די איבריגע מיידלעך קוקען אויף איהר מיט אייפערזיכטיגע אויגען... זי האט געזעהן ווי הגי טהוט אלעס אין זיין מעגליכקייט איהר צופרידענצושטעלען... ער שענקט צו איהר מעהר אויפמערקזאמקייט ווי צו אירגענד וועלכע אנדער מיידעל... ער האט פאר איהר אויסגעקליבען דעם שעהנסטען צימער, איהר געבראכט די טהייערסטע ציערונג... דאס אלעס האט איהר געמאכט פיהלען זעהר אונבאקוועם... און ווען הגי האט איהר געפרעגט אויב זי פערלאנגט עפעס, האט זי איהם גלייך געענט־פערט אז זי פארלאנגט גארנישט.

המן האט זיך געפיהלט זעהר וויכטיג... ער איז ארויפגעקומען צו הגי'ן איינינגע מאל א טאג און זיך נאכגעפרעגט אויף אסתר'ן:

— ווי דענקסטו, מיין פריינד, זי וועט געפעלען ווערען דעם קעניג?

— איך צווייפעל נישט אין דעם, המן! — האט הגי זיך אפגערופען מיט א פרעהליכען פנים, — איך האב נאך אזא שעהנע ווי אסתר נישט געזעהן. איך טהו אלעס וואס איז מעגליך צו מאכען איהר נאך שעהנער און מעהר צוציהענד און ווען די צייט וועט קומען און זי וועט דארפען ערשיינען פאר דעם קעניג זאל זי איהם געפעלען... אבער איך מוז צוגעבען, המן, אז איך קען איהר בשום אופן נישט פארשטעהן, אסתר פערלאנגט נישט קיין מתנות... בשום אופן קען איך ביי איהר נישט פועל'ן אז זי זאל אנטהאן די פראכטפאלע קליידער אדער די ציערונג. איהרע דינסטען בעריכטען מיר, אז זי דערלאזט נישט זיי זאלען איהר שמירען מיט די שמעקענדע פארפיומען און אוילען... זי נעהמט אויך נישט די נאהר־האפטע שפייזען וואס איך האב פאר איהר בעשטימט... זינט זי געפינט זיך דא פערלאנגט זי פאר איהרע מאלצייטען בלויז גרינסען... זי האט נאך קיין פלייש נישט פערזוכט זינט זי געפינט זיך אונטער מיין אויפזיכט. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך האב מורא זי זאל נישט אויסגעצעהרט ווערען אין זי וועט נישט קענען ערשיינען פאר דעם קעניג צו דער בעשטימטער צייט.

— פיעלייכט איז זי נישט צוגעוואוינט צו דיזע שפייזען! — האט המן געזאגט, — דאריבער וואלט איך דיר געראטהען זיך צו זעהן מיט מרדכי'ן, אסתר'ס ערציהער. ער קומט אהער יעדען טאג און ער געפינט זיך נעבען טויער פון פאלאץ. מעגליך אז ער וועט דיר צושטעלען די שפייז וואס זי גלייכט.

— וועסטו מיר טהאן די געפעליגקייט, המן, און זיך מיט איהם דורכריידען וועגען דעם. איך בין זעהר פארנומען יעצט.

— צום בעדויערען וועל איך דיר דיזע געפעליגקייט נישט קענען טהאן!

— האט המן איהם געענטפערט — מרדכי טאר נישט וויסען אז איך האב א האנד אין דעם וואס אסתר איז אהער געבראכט געווארען... און איך טהו אלעס מעג־ליכעס איהם אויסצומיידען... איך קום אפילו אהער דורך אן אנדער אריינגאנג, כדי ער זאל נישט באמערקען אז איך האב א צוטריט צו דעם הויז פון די פרויען... דיר וועט עס לאנג נישט דויערען און דו קענסט זיך מיט איהם זעהן.

הגי האט זיך געזעהן מיט מרדכי'ן און ער האט זיך פאר איהם באקלאגט וועגען דעם וואס אסתר עסט נישט אלעס וואס מען ברייננט איהר.

— דאס איז ווייל די שפייזען זיינען נישט צוגעגרייט לויט ווי מיין רע־ליגיאן פאדערט, — האט מרדכי איהם געענטפערט, — אויב דו וועסט מיר ערלויבען וועל איך יעדען טאג ברייננען פאר איהר די שפייזען וואס זי האט ליעב.

— איך וועל דיר נאך דאנקבאר זיין דערפאר! — האט איהם הגי געענט־פערט, — אבער דיר וועט נישט זיין ערלויבט אליין איהר איבערצוגעבען די שפייז, ווייל דער פארזאג פון דעם קעניג איז נישט צוצולאזען קיין מאן נעבען די מיידלעך וועלכע דארפען פארגעשטעלט ווערען פאר דעם קעניג.

— דאן גיב איבער אסתר'ן אין מיין נאמען אז איך וועל איהר ברייננען שפייז וואס וועט צוגעגרייט ווערען אין מיין הויז, — האט מרדכי געזאגט, — און זי וועט שיקען אימיצען איבערצונעהמען די שפייז פון מיר.

זינט יענעם טאג פלעגט מרדכי צובריינגען שפייז פאר אסתר'ן וואס זיין פרוי קציעה האט צוגעגרייט און דאס איבערגעגעבען צו איינער פון אסתר'ס דינסטען.

ביסלעכווייז האט זיך אסתר גענומען צוגעוואוינען צו איהר אומגעבונג. זי פלעגט מיט די איבריגע מיידלעך ארויסשפאצירען אין דעם פראכטפאלען גארטען וואס האט געהערט צו ושתי'ן... זי פלעגט בעטראכטען די וואונדערשעהנע בלומען און אפטמאל אויך אריינגעהן אין א געשפרעך מיט די איבריגע מיידלער.

— דו דארפסט זיך דאך פיהלען די גליקליכסטע פון אונז אלעמען, — האט א מיידעל זיך אפגערופען צו אסתר'ן מיט גרויס קנאה, — דו ביזט שעהנער פון אונז אלעמען, און לויט די בעהאנדלונגען וואס דו קריגסט פון הגי'ן, שיינט אז דו האסט בעסערע אויסזיכטען אויסגעקליבען צו ווערען די קעניגין.

— אבער איך בין נישט איבריג נייגעריג פאר דיזען כבוד, — האט איהר אסתר געענטפערט מיט א שמייכעל, — און א חוץ דעם ווייס איך אז דער קעניג וועט זיך אויף מיר נישט וועלען אומקוקען... שעהנערע פון מיר האט דער קעניג אוועקגעשיקט.

— דו ביזט צופיעל בעשיידען אסתר, — האט א צווייטע מיידעל זיך צו איהר געווענדעט, — ווען איך וואלט באזעסען דיין שעהנקייט, וואלט איך אנ־דערש געהאנדעלט... איך וואלט שוין אזא נאר נישט געווען און נישט אנגעטהאן די שעהנע קליידער וואס ווערט אריינגעבראכט צו דיר יעדען טאג... יעדע פון אונז נעהמט אן וויפיעל מתנות וואס זי קען נאר קריגען, און דו, האט מען מיר דערצעהלט, האסט נאך קיין איינציגע מתנה נישט געוואלט אננעהמען.

— פארוואס זאל זי יעצט נעהמען די מתנות! — האט א דריטע מיידעל אויסגערופען, — עס וועט שוין לאנג נישט דויערען און אלעס וועט געהערען צו איהר... יא, זי וועט טראגען ושתי'ס קרוין!

— איך ווייס נישט פאר וואס מען האלט נאך אונז דא! — האט נאך א מיידעל א זאג געטהאן, — יעצט דיכט זיך איז שוין מעהר קיין האפנונג פאר קיינעם פון אונז נישטא...

— און וואס דערלעגסטו דערצו אז מען פערהאלט דיך אביסעל לייננער, — האט די ערשטע מיידעל א זאג געטהאן, — דערווייל קריגסטו מתנות און אלעס וואס דו פערלאנגסט.

— וועט אבער דאן די ענטטוישונג נאך גרעסער זיין.

— בלויז איין קעניגין וועט דאך דער קעניג אויסקלייבען, און אפילו ווען אסתר וואלט נישט אנגעקומען אהער וואלטען אויך אונזערע שאנסען געווען גאנץ קליין, ווייל איך האב געהערט ווי הגי האט געזאגט, אז צווישען די פריהערדיגע מיידלעך זיינען געווען א סך שעהנערע פון אונז.

— נישט אלע מאל קען א מיידעל מיט א שעהנעם פנים געפינען חן אין דעם קעניג'ס אויגען, — האט די צווייטע מיידעל זיך אפגערופען, — א מיידעל מיט רייץ און צויבער קען פיעלייכט דעם קעניג מעהר געפעלען ווערען ווי אן אויסערגעוועהנליכער שעהנער פנים.

— און דו מיינסט געוויס אז דו בעזיצט עס אזא צויבער! — האט איינע פון די מיידלעך איהר א שטאך געגעבען, — קיינער פון אונז קען נישט אפלייקענען אז א חוץ איהר שעהנקייט בעזיצט אסתר אויך א וואונדערבארען רייץ און צויבער.

— ווען אסתר וואלט געהאט אביסעל מעהר שכל און אויסגעקליבען די שעהנסטע קלייד און זיך אנגעטהאן מיט די ציערונג וואס מען ברייננגט איהר, דאן וואלט זי געוויס געקענט צוציהען דעם קעניג'ס אויפמערקזאמקייט, — האט זיך איינע אפגערופען, ווען אסתר איז אוועק צוריק צו איהר צימער.

— און ווען דו וואלסט געוואוסט וואס עס איז בעסער פאר אונז אלעמען, וואלסטו אזוי אפט נישט גערעדט מיט אסתר'ן וועגען איהרע קליידער... איז דען פאר אונז נישט בעסער ווען זי וועט ערשיינען פאר דעם קעניג אין אן איינפאכע קלייד ?!...

— ווארום זאלען מיר זיך נארען, אסתר אין איהר איינפאכע קלייד, קוקט אוים א סך שעהנער פון אונז אלעמען אפילו ווען מיר פוצען זיך אוים אין אונזערע טהייערסטע קליידער.

---

אלע הכנות זיינען געמאכט געווארען פאר אסתר'ס ערשיינען בעפאר דעם קעניג אחשורוש. הגי איז פאר די לעצטע עטליכע טעג געווען פארנומען. ער האט אסתר'ן אנגעזאגט ווי אזוי זי זאל זיך אויפפיהרען ווען זי וועט פארגעבראכט ווערען פאר אחשורוש'ן.

— גלייך ווי דו וועסט דערזעהן דעם קעניג, זאלסטו זיך פארנייגען צוויי מאל פאר איהם, דיין שמייכעל פון דיינע ליפען זאלסטו טראגען די גאנצע צייט וואס דער קעניג וועט מיט דיר פארברייננגען... און איין זאך דארפסטו וויסען, אז וואס דער קעניג רעדט ארוים פון מויל דארף ערפילט ווערען.

הגי האט באמערקט אז אסתר האט קיין חשק נישט צו געהן צו דעם קעניג, און ער האט געמיינט, אז דאס איז צוליעב דעם וואס זי שעהמט זיך. ער האט איהר דאריבער פארשפראכען מיטצושיקען מיט איהר נאך אנדערע מיידלעך, וועלכע געפינען זיך דא פאר דעם זעלבען צוועק. ער האט דורך איהרע דינסטען אריינגעשיקט אין אסתר'ס צימער פארשידענע שעהנע קליידער, אבער לויט ווי די דינסטען האבען איהם איבערגעגעבען האט אסתר קיינע פון די קליידער ניט אנגעמאסטען. דאס האט הגי'ן שטארק בעזארגט און ער האט זיך בעקלאגט פאר המן'ען וועגען דעם.

— איך האב מורא אז אונזער גאנצע מיה וועט זיין אומזיסט, — האט ער

זיך אפגערופען צו המן'ען א טאג פאר דעם וואס איז בעשטימט געווארען פאר אסתר'ן אויפגענומען צו ווערען ביי אחשורוש'ן, — איך קען בשום אופן ביי איהר נישט פועל'ן זי זאל אנטהאן א נייע קלייד. זי דערלאזט נישט אז די דינסטען זאלען איהר שמירען מיט די איילען און פארפיומען... און איך האב מורא אז מארגען וועל איך האבען פיעל שוועריגקייטען איידער עס וועט מיר געלינגען איהר איבערצורעדען זי זאל אנטהאן די שעהנע קלייד וואס איך האב באשטעלט ספעציעל פאר איהר.

— וועגען דעם דארפסטו זיך נישט זארגען, הגי, כאטש אסתר איז צום אנפאנג נישט געווען אזוי נייגעריג צו געהן צו דעם קעניג, וועט זי טהאן אלעם מעגליכעם צו געפעלען דעם קעניג.

— ווען דו וואלסט געוואוסט ווי גלייכגילטיג אסתר איז צו אלעס, וואלסטו אליין אויך ניט געווען איבעריג זיכער, — האט הגי געזאגט, — מיין הארץ שרעקט מיך אז אויך פון אסתר'ן וועט זיך גארנישט אויסלאזען...

— דאס וואלט פאר מיר געווען זעהר א שווערער קלאפ, — האט המן זיך אפגערופען, — איך לעג אלע מיינע האפנונגען אויף דעם, אז דער קעניג זאל איהר אויסערוועהלען... יא, דאן וואלט איך זיך געקענט שעצען גליקליך. אבער ווען אסתר וועט דעם קעניג נישט געפעלען ווערען, וועט אלעס זיין פאר מיר פארלארען... ממוכן וועט זיך מיט מיר אפרעכענען און איך וועל נישט קענען ווייזען מיינע אויגען פאר זרש'ן.

— דו ביזט דאך א קלוגער מאן, המן, אדרבא גיב מיר אן עצה ווי אזוי צו ווירקען אויף אסתר'ן אז זי זאל טהאן אלעס וואס איז גוט פאר איהר. מיר דיכט זיך, אז דו קענסט אסתר'ן שוין פון היבשע עטליכע יאהר, פיעלייכט וועסטו אויף איהר קענען ווירקען... דאן וועל איך שוין מאכען אז דו זאלסט זיך מיט איהר זעהן און ריידען מיט איהר.

— איך האב מורא אז דאס וועט נאך ערגער מאכען די לאגע! — האט המן געזאגט, — איך ווייס אז דו ביזט מיין בעסטער פריינד, הגי, און פאר דיר קען איך דאך דעם אמת דערצעהלען... זינט איך האב אסתר'ן דערזעהן צום ערשטען מאל, האב איך איהר ליעב געקראגען. איך האב געטהאן אלעס מעגליכעס צו בעפעסטיגען מיין פריינדשאפט צו איהר. און ווען דער קעניג האט מיך דערהויבען צו זיין א בעאמטער, האב איך געקראגען מעהר מוטה און האב געמאכט איינינע פארזוכען אריינצוגעהן אין מרדכי'ס הויז... אבער מרדכי, וועלכער וויל אלעמען איינריידען אז ער איז איהר פעטער, איז מיר שטענדיג געשטאנען אין מיין וועג.

— וואס? איז דען מרדכי נישט איהר אמת'ער פעטער? — האט איהם הגי געפרעגט.

— איך צווייפעל אין דעם! — האט המן געענטפערט, — איך ביז זיכער אז אסתר שטאמט נישט פון די אידען. דאס האט מרדכי איהר געווים אוועקגענומען פון איינעם פון די בבלים און איהר ערצויגען אלס זיין אייגען קינד... און אויב דער קעניג וועט מיר פרעגען פון וואנען זי שטאמט, וועל איך איהם געווים נישט זאגען אז זי שטאמט פון די אידען. די איינציגע צרה איז, וואס אסתר איז אזוי געטריי און איבערגעבען צו דעם איד מרדכי, אז זי וועט טהאן אלעס וואס ער וועט איהר הייסען. שטעל זיך פאר, ווען נישט מיין זרש, וואלט

איך זיך גאנץ ווינציג געשראקען פאר מרדכי'ן און אסתר וואלט שוין לאנג געווען מיינע...

— מיר גלויבט זיך קוים אויב דו וואלסט ווען עס איז געקענט אריינקריגען אסתר'ן פאר זיך ! — האט הגי א שמייכעל געטהאן.

— דו זאלסט וויסען זיין, מיין פריינד, אז עס איז נישטא א זאך וואס איך זאל נישט קענען דערגרייכען... פון דעסטוועגען זעהסטו דאך, אז איך בין צופרידען צו זאגען דעם קעניג וועגען איהר... מיך קימערט נישט אויב איך וועל מיין געלעגענהייט אויף אייביג פארלירען, אבי איך זאל דעם קעניג קענען צו־פרידענשטעלען... איצט פארשטעהסטו פאר וואס עס איז נישט ראטהזאם פאר מיר יעצט מיט איהר צו ריידען...

דער טאג איז געקומען און אסתר האט געדארפט ערשיינען פאר דעם קעניג אחשורוש. הגי האט מיט גרוים אומגעדולד געווארט אויף איהר, ווען זי וועט ארויסגעהן פון איהר צימער. די איבריגע מיידלעך וועלכע האבען דעם זעל־בען טאג געדארפט ערשיינען זיינען שוין געווען אויסגעפוצט אין די שעהנסטע קליידער, זיי זיינען געווען בעהאנגען מיט גאלד און בריליאנטען.

הגי האט אריינגעשיקט איינע פון די דינסטען אנצוזאגען אסתר'ן אז די צייט איז געקומען.

אסתר איז באלד ארויסגעקומען, און הגי איז געווארען ערשיטערט ווען ער האט דערזעהן אסתר'ן אין דער זעלבער קלייד אין וועלכער זי איז צו איהם געקומען.

— עס וועט אונמעגליך זיין פאר דיר צו ערשיינען אין דיזע איינפאכע קלייד פאר דעם קעניג ! — האט הגי אויסגערופען, — איך בעט דיר, טהו אן יענע קלייד וואס איך האב פאר דיר בעשטעלט. די צייט איז קורץ... דער קעניג ערווארט אונז שוין...

— איך וועל געהן אין דעם קלייד, — האט אסתר טרוקען געענטפערט.

הגי האט גלייך פארשטאנען אז זיינע רייד וועלען זיין אומזיסט. ער האט דאריבער מיט גרוים פארביטערונג זיך אפגערופען :

— מיר געהען צו דעם קעניג !

צווישען די איבריגע מיידלעך איז געווארען א קליינע באוועגונג... זיי האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען... יעדע פון זיי איז ביי זיך אין הארצען געווען צופריעדען וואס אסתר וועט אזוי ערשיינען פאר דעם קעניג. זיי זיינען געווען זיכער אז דער קעניג וועט זיך אויף איהר אפילו נישט אומקוקען... דאס וועט דאריבער פארגרעסערען זייערע שאנסען.

הגי'ס צארן האט געברענט אויף אסתר'ן. ער האט אזוי פיעל מיהל געלעגט, ער האט געטהאן אלעס וואס איז נאר פאר איהם געווען מעגליך כדי זי זאל געפעלען ווערען דעם קעניג און יעצט ווייזט אויס אז אלעס איז געווען אומזיסט.

מיט א קלאפענדע הארץ איז המן געשטאנען און געווארט נעבען פאלאץ פון קעניג אחשורוש. באלד וועלען די מיידלעך און אסתר אנקומען... פון ווייטען באמערקט ער ווי ממוכן און די איבריגע מיניסטארען דערנעהנטערען זיך צום פאלאץ... ווען ממוכן זאל זיעגען און דער קעניג וועט אויסערוועהלען איינע פון די מיידלעך וועלכע זיינען געבראכט געווארען דורך איהם, דאן וועט אלעס

זיין פארלארען פאר איהם... ער ווייס אז ממוכן וועט זיך מיט איהם אפרעכענען און ער וועט זעהן איהם אין גאנצען צו דערווייטערען פון פאלאץ.

ווען ממוכן איז צוגעקומען צום טויער, האט המן זיך א נייג געטהאן פאר איהם. אבער ממוכן האט איהם נישט געענטפערט, און ער איז גלייך אריין אינעוויייניג.

אחשורוש איז געזעסען אויף זיין טראהן ווען מען האט איהם געמאלדען אז הגי און די מיידלעךווארטען. ער האט זיי באלד געהייסען אריינגעהן.

הגי איז אריין א פריהער און זיך פארנייגט פאר דעם קעניג. באלד נאך איהם זיינען אריינגעקומען די מיידלעך און אסתר. יעדע פון זיי האט זיך פאר־נייגט און באלד זיך אוועקגעזעצט אויף דער ברייטער זאפא.

דער שר המשקים האט געבראכט וויין און אריינגעגאסען א פולען בעכער. אחשורוש האט פארזוכט דעם וויין, אבער ער האט נישט אויסגעטרונקען דעם גאנצען בעכער ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האט אוועקגעשטעלט דעם וויין און ער האט גענומען בעטראכטען די מיידלעך.

הגי האט א ווי‍אונק געטהאן צו איינער פון די מיידלעך, און יענע האט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען נאהענט צו דעם קעניג פארנייגענדיג זיך ביז׳ן בארען.

אחשורוש האט איהר באגריסט מיט א שמייכעל און איהר געבעטען זיך אוועקזעצען נעבען איהם... ער האט צו איהר איסגערעדט עטליכע ווערטער, און באלד אומגעדרעהט זיין קאפ, און אנדערע געדאנקען האבען איהם פארנומען. ער האט ווידער גענומען טראכטען וועגען ושתי׳ן וואס פאר אן איינדרוק איהר בעזוך פלעגט אויף איהם אלע מאל מאכען. אן אנגענעהמע ווארעמקייט פלעגט איהם דורכנעהמען ווען זי פלעגט אנווענדען איהרע שעהנע אויגען אויף איהם... איהר שטימע האט אזוי ליעבליך און זיס געקלונגען אין זיינע אויערען...

הגי האט זיינע אויגען פון קעניג נישט ארונטערגענומען. ער קוקט נאך יעדע באוועגונג וואס ער מאכט. און ווען ער באמערקט אז דער קעניג איז פאר־זונקען אין זיינע מחשבות, געהט ער לאנגזאם צו צו יענער מיידעל, און מיט א ווי‍אונק געהט זי ארונטער פון איהר פלאץ. א צווייטע מיידעל איז געבראכט גע־ווארען. אחשורוש האט געווארפען א בליק אויף איהר און אפילו קייןווארט צו איהר נישט איסגערעדט.

הגי האט גענומען באמערקען א כמארע אויף דעם קעניג׳ס פנים. זיין הארץ האט איהם געשראקען ער זאל ווידער נישט אריינפאלען אין א מרה שחורה... ווייל דאן וועט די סכנה זיין גרויס... ער האט א קוק געטהאן אויף אסתר׳ן... עפעס האט איהם א דריק געטהאן ביים הארצען... אלעס וואלט יעצט אנדערש געווען ווען זי וואלט איהם געפאלגט... אבער ווי אזוי וועט ער איהר גאר קענען פארשטעלען... דער קעניג וועט זיך געוויס געפינען בעליידיגט און ער וועט נאך איהם בעשולדיגען אין נאכלעסיגקייט... ער האט באמערקט ווי שעהן אסתר קוקט אויס... איהרע באקען זיינען רויט... איהרע אויגען גלאנצען ווי ליכטיגע שטערען... אבער איהר קלייד איז אזוי איינפאך... ער איז זיכער, אז דער קעניג וועט איהר אפילו מיט קיין בליק נישט שענקען... דאך האט ער געפאסט מוטה און איז צוגעגאנגען צו אסתר׳ן וועלכע איז געזעסען די לעצטע.

אסתר האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ און איז נאכגעגאנגען הגי׳ן.

זי איז צוגעקומען גאנץ נאָהענט צו דעם טראָהן און האָט זיך פארנייגט...
אחשורוש האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און איז זעהר ענטציקט געוואָרען פון
איהר שעהנקייט. ער האָט גלייך אויסגעשרעקט זיין גאָלדענע רוט צו איהר, און
איהר געבעטען זיך זעצען נעבען איהם.

הגי האָט באַמערקט די פּלוצלינגע ענדערונג אויף דעם קעניג׳ס פּנים...
ער זעהט ווי זיין פנים האָט גענומען שטראַהלען פון פרייד ווען ער בעטראַכט
אסתר׳ן, ווי ער האָט זיך אין גאנצען אומגעדרעהט צו איהר זייט, און א ברייד־
טער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויף זיין פנים... ער זעהט דאָך אז טראָץ איהר
איינפאַכער קלייד געפעלט אסתר דעם קעניג מעהר ווי די איבריגע מיידלעך
וועלכע זיינען פאר איהם ביז יעצט געבראַכט געוואָרען.

גלייך האָט אחשורוש געגעבען א באַפעהל אז הגי זאָל ארויספיהרען פון
פּאַלאַץ אלע איבריגע מיידלעך.

הגי האָט אזוי געטהאָן. ער האָט זיך פערנייגט פאר׳ן קעניג און האָט א
וואונק געטהאָן צו די מיידלעך וועלכע האָבען געקוקט אויף אסתר׳ן מיט אויגען
פול מיט קנאה... זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און ענטווישטע
מיט פארביטערטע הערצער האָבען זיי נאָכגעפאָלגט הגי׳ן.

ווען המן האָט באַמערקט הגי׳ן צוריקקעהרענדיג זיך פון פּאַלאַץ מיט די
מיידלעך, איז ער שנעל איהם אנטקעגען געקומען.

— נו, מיין פריינד, — האָט ער איהם געפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט.

— דו זעהסט דאָך אז אסתר איז פארבליבען מיט דעם קעניג! — האָט הגי
געזאָגט צו המן׳ען.

— זי געפעלט איהם, — האָט המן געריבען די הענד פון פרייד.

— יא, המן, דער קעניג איז פּשוט בעצויבערט געוואָרען פון אסתר׳ס
שעהנקייט. זיין מרה שחורה איז פון איהם אין גאנצען פערשוואונדען ווען ער
האָט איהר דערזעהן... אבי איך האָב זיך געשראָקען אז צוליעב איהר איינפאַכער
קליידונג וועט זיך דער קעניג אויף איהר אפילו נישט וועלען אומקוקען.

— איך מוז גלייך לויפען אנזאָגען זרש׳ן, — האָט המן אויסגערופען מיט
בעגייסטערונג, — זי האָט פון מיר די גאנצע צייט געשפּאָט און געזאָגט אז איך
בין א לא יצלח און אז דער קעניג וועט מיר נאָך בעשטראָפען פארוואס איך האָב
זיך ארייגגעמישט.

— ניין, המן, איך זיך נישט צו געהן איצט צו זרש׳ן, — האָט איהם הגי
געענטפערט, — מעגליך אז דער קעניג וועט דיך נאָך וועלען זעהן.

— דו ביזט גערעכט, מיין פריינד! — האָט המן אויסגערופען, — יעצט
האָף איך וועט ממוכן׳ס צאָרן פון מיר ארונטער. איך וועל איך נאָך צייגען
אז המן בעזיצט מעהר שכל פון איהם.

---

אחשורוש האָט זיינע אויגען נישט געקענט אָנזעטיגען מיט אסתר׳ס שעהנ־
קייט... ער רעדט זיך מיט איהר פאנאנדער און איהר שטימע קלינגט אזוי אנ־
גענעהם צו זיינע אויערען.

— ווי איז דיין נאָמען? — האָט אחשורוש איהר געפרעגט.

— אסתר איז מיין נאָמען, — האָט זי איהם געענטפערט.

— אסתר! — האָט אחשורוש אויסגערופען און זיך גענומען דערמאַהנען וואו ער האָט דיזען נאַמען געהערט פריהער.

— דיין נאַמען איז מיר בעקאַנט, — האָט אחשורוש געזאָגט, — אָבער איך געדענק נישט פון וועמען איך האָב עס געהערט.

א בעשיידענער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף אסתר׳ס ליפּען.

אחשורוש האָט פאָרטגעזעצט:

— אסתר, דו וועסט מיט מיר עסען היינט מיטאָג, ווייל דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגען.

אסתר האָט זיך פערנייגט און אחשורוש האָט פּלוצלינג אויסגערופען:

— יעצט האָב איך זיך דערמאַהנט פון וועמען איך האָב געהערט דער־מאַהנענדיג דיין נאַמען. יאָ, המן, ער האָט מיר טאַקע וועגען דיר געזאָגט.

— וואו איז המן? — האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון זיינע לייב־וועכטער, — געה זוך איהם אויף, זאָל ער באַלד צו מיר קומען.

דער לייב־וועכטער איז אַרויס פון פּאַלאַץ און ער האָט גלייך באַמערקט המן׳ען שטעהענדיג נעבען דעם טויער.

— המן! — האָט ער אויסגערופען, — דער קעניג וויל דיך זעהן!

— דער קעניג! — האָט המן מיט פרייד א זאָג געטהאָן, און איז שנעל אַריין אין פּאַלאַץ.

ער איז נעהענטער צוגעקומען צו דעם טהראָן און זיך פערנייגט פאַר דעם קעניג.

— המן, זאָג מיר, איז אסתר די יעניגע וועגען וועלכער דו האָסט מיר דער־צעהלט.

— יע, מיין האַר קעניג! איך האָב די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דעם, אַז זי איז מעהר פּאַסענד צו טראָגען די קרוין פון אַלע אַנ־דערע מיידלעך פון דעם קעניג׳ס מלוכה.

— דאַן המן, מוז איך דיר בעגריסען פאַר דיין גוטען געשמאַק וואָס דו בעז־ויזעסט! — האָט אחשורוש זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל.

— איך בין העכסט גליקליך, אַז איך האָב מיט עפּעס געקענט דיענען מיין האַר קעניג! — האָט המן זיך פערנייגט — ממוכן, דעם קעניג׳ס הויפּט מיניסטער האָט אַנדערש געדענקט, ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעהמען מיין עצה און געלויבט זיינען די געטער פון פרס, וואָס מיר איז געלונגען צו ריידען מיט זיין מאַיעסטעט דעם קעניג...

— איך האָב שוין לאַנג איינגעזעהן, אַז דו האָסט מעהר שכל ווי ממוכן! — האָט אחשורוש געזאָגט — און מיט דיין יעצטיגען טהאָט, האָסטו מיר נאָך מעהר איבערצייגט... פון היינט אָן און ווייטער וועסטו אַריינגערעכענט ווערען פאַר איינעם פון מיינע מיניסטאָרען!

המן׳ס פּנים האָט גענומען שטראַהלען פון גרויס פרייד. ער האָט זיך אויף אַזאַ פּלוצלונגער דערהויבונג פון דעם קעניג נישט געריכט... ער האָט זיך ווידער א נייג געטהאָן און געזאָגט:

— איך דאַנק דעם מעכטיגען קעניג פאַר דעם חסד וואָס ער טהוט מיט זיין קנעכט...

— יעצט קענסטו געהן, המן !—האט אחשורוש געזאגט—און מארגען וועס־טו זיך בעטייליגען אין דער זיצונג פון מיינע מיניסטארען.

א פרעהליכער און לוסטיגער האט המן פערלאזען דעם פאלאץ און בליץ שנעל איז ער געלאפען אהיים אנצוזאגען וועגען זיין גרויסען גליק. צו זיין פרוי זרש, און צו זיינע קינדער..

ווען ער איז צוגעקומען צו זיין הויז, האט ער בעשלאסען זיך צו בעהערשען און נישט ארויסצייגען גלייך, אז עפעס אויסערגעוועהנליכעס האט מיט איהם פאסירט. ער איז אריין ווי זיין שטייגער איז אין הויז און זרש האט איהם באגע־גענט מיט א זויערע מינע :

— איך קען שוין מעהר נישט דולדען דיין אויפפיהרונג המן. דו האסט גאר נישט וואס צו טהאן דעם גאנצען טאג, דו לויפסט ארום נאר צו קוקען אויף די שעהנע מיידלאך, און מיר דארפען אלע אויף דיר ווארטען מיט'ן עסען, אבער איך האב בעשלאסען מעהר קיין נאר נישט צו זיין, און אויב דו קומסט נישט צו דער צייט, וועלען מיר עסען אהן דיר... די קינדער הונגערען און איהם ליעגט גאר אין זינען די שעהנע מיידלעך, וועלכע געפינען זיך אין דער הויז פון פרויען... מיין נישט המן, אז מען האט מיר נישט דערצעהלט, אז דעם גאנצען טאג דרעה־סטו זיך ארום הגי'ן... א, ווי מקנא דו ביזט איהם זיין אמט...

— קען א טויבער האבען פערגעניגען פון שעהנע מוזיק !—האט המן גע־לאכט—אזוי קען הגי אפשאצען דעם טייערען אמט, וואס עס איז אריינגעפאלען אין זיין חלק, און פארוואס זאל איך איהם נישט מקנא זיין ! די שעהנסטע מיידלעך פון פרס געפינען זיך אונטער זיין אויפזיכט !

— המן !—האט זרש אויסגערופען מיט גרוים כעס—פון היינט אן וועל איך דיר נישט ארויסלאזען פון הויז ! דו האסט אלץ איינס נישט וואס צו טהאן אין דעם קעניג'ס פאלאץ און אזוי לאנג ווי דער קעניג וועט נישט האבען אויסדער־וועהלט א מלכה, וועל איך נישט דערלאזען אז דו זאלסט זיך גאנצענע טעג ארומ־דרעהען ארום הגי'ס הויז, פאר די פרויען.

— מיין ליעבע, געטרייע זרש !—האט המן געמאכט א פערזוך איהר ארומ־צונעהמען—דו ווערסט דאך אזוי נישט טהאן צו דיין מאן, וועלכער איז דעם קע־ניג'ס מיניסטער.

— גענוג שוין צו שפאסען !—האט זרש איהם פון זיך אפגעשטויסען—איך שווער ביי די געטער, אז מעהר וועל איך נישט דערלאזען דו זאלסט פער־שווינדען פון דער היים דעם גאנצען טאג !

— יעצט, מיין טייערע, אויב דו ווערסט זיך עטוואס בערוהיגען, וועל איך דיר דערצעהלען אזעלכע נייעס, וואס וועט דיר דערפרעהען דיין הארץ און וועט אין גאנצען ענדערען דיין מיינונג וועגען דיין מאן המן !

זרש האט איהם אנגעקוקט מיט פארשענדע בליקען און זי האט אומגעדול־דיג אויסגערופען :

— נו, זאג מיר, המן, וואס האט פאסירט, וואס מאכט דיר היינט אזוי פרעהליך ?

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, זרש, דער קעניג האט מיר באשטימט פאר זיין מיניסטער !

— וואס רעדסטו, המן ? !—האט זרש נאך אלץ נישט געקענט בעשליסען אויב המן שפּאסט אדער ער איז ערנסט.

— ביי די געטער פון פּרס שווער איך דיר, זרש, אז אלעס וואס איך דערצעהל דיר איז ריכטיג. איך מוז אבער צוגעבען, אז א סך האב איך דיר צו פערדאנקען, מיט דיין עצה האסטו פערשנעלערט מיין זיעג איבער ממוכן.

—וואס ? !—האט זרש אויסגערופען—דער קעניג איז פעראינטערעסירט אין אסתר'ן ? !

— אסתר האט מיט איהר שעהנקייט בעצויבערט דעם קעניג !—האט המן אויסגערופען און זיין פּנים האט געשטראהלט פון פרייד—און איצט איז שוין זיכער, אז אסתר וועט אויסערוועהלט ווערען א.ב די קעניגין.... אחשורוש האט מיר געשיקט רופען און האט מיר בעגריסט פאר מיין גוטען געשמאק, וואס איך האב ארויסגעוויזען ווען איך האב איהם דערצעהלט וועגען אסתר'ן. און פאר איהר אין די אויגען, האט ער צוגעגעבען, אז איך בין קליגער פון ממוכן. און מיר גלייך בעשטימט צו זיין איינער פון זיינע מיניסטארען. יע, זרש, מארגען וועל איך זיך דארפען בעטייליגען אין דער זיצונג פון די מיניסטארען.

— אַה, המן ! —איז זרש איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און איהם גענומען קושען...—דו ביזט געווארען דעם קעניג'ס מיניסטער ! ווי גליקליך איך בין ! איך האב אלע מאל געזאגט אז מיין מאן המן, וועט נאך ווען עס איז זיין א גרויסער מאן און יעצט ווערען מיינע ווערטער פערווירקליכט !

— דו ועסט נאך זעהן, מיין טייערע זרש !—האט המן מיט שטאלץ געזאגט—אז נאך גאר אין גיכען וועל איך פערנעהמען ממוכן'ס פּלאץ... יע, איך וועל נאך ווערען דעם קעניג'ס הויפּט מיניסטער.

—איך צווייפעל נישט אין דיינע רייד, המן, קום שנעלער אריין אין עס צימער, וואו אונזערע קינדער געפינען זיך, איך וויל זיי גלייך דערצעהלען וועגען דעם גרויסען גליק, וואס אונז האט געטראפען.

המנ'ס גאנצע הויז האט אנגענומען א יום-טוב'דיגען אויסזעהן. ער האט פאר זיינע זיהן און טעכטער ווידערהאלט וועגען זיין גרויסקייט.

—ווארט נאך מיינע קינדער !—האט המן אויסגערופען — עס וועט לאנג נישט געדויערען און איהר אלע וועט ווערען חשוב'ע בעאמטע אין קעניג'ס הויף!

— זאג מיר מיין טייערער מאן—האט זרש זיך צו איהם אפּגערופען—דאס איז שוין מעהר נישט קיין סוד און איך וועל דאס קענען דערצעהלען פאר אלע מיינע שכנות און בעקאנטע.

— געווים !—האט המן אויסגערופען—דער קעניג וועט דאך זיין ווארט נישט בייטען ! דו מעגסט עס נאך היינט פאר אלעמען דערצעהלען זאלען זיי אונז אלע מקנא זיין... דו קענסט זיך פאַרשטעלען וויפיעל מתנות איך וועל נאך ארייננקריגען ווען דער קעניג וועט פייערען זיין חתונה מיט אסתר'ן...

— איהר הערט, קינדער !—האט זרש אויסגערופען—איהר קענט פאר אלעמען דערצעהלען וועגען דער גדויסקייט פון אייער פאַטער... זאל די גאנצע שטאדט שושן וויסען וואס פאר א וויכטיגען פאַטער איהר האט ! זאל אייך יעדער איינער פון אייערע פריינד מקנא זיין !

## זיבעטער קאפיטעל

# אסתר ווערט קעניגין

יענעם טאג האט אחשורוש צום ערשטען מאל, אין פיער יאהר, געגעסען זיין מאהלצייט אין דער געזעלשאפט פון א פרוי. זיינע אויגען האבען געשיינט פון גליק, ווען ער האט א קוק געטהאן, אויף דער וואונדערשעהנער אסתר... ער האט אין זיין הארצען גענומען פערגלייכען איהר שעהנקייט מיט ושתי׳ס, און ער איז געקומען צום בעשלוס, אז המן איז טאקע גערעכט: אסתר איז פיעל שעהנער פון ושתי׳ן. די גאנצע צייט האט זיך אזא טייערער אוצר געפונען אין זיין לאנד און ער האט נישט געוואוסט!

אחשורוש איז געזעסען נעבען טיש און געגעסען מיט גרויס אפעטיט. אסתר איז געזעסען פונקט ענטקעגען דעם קעניג. זי האט געפיהלט זיינע דורכדרינגענדע בליקען אויף איהר און דאס האט איהר עטוואס אונבעקוועם געמאכט.... איהר פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט און דאס האט איהר שעהנקייט שטארק פערגרעסערט. זי איז געווען פול מיט חן און מיט צויבער. וואס מעהר אחשורויש האט אויף איהר געקוקט אלץ מעהר האט ער זיך געוואונדערט ווי אזוי ער האט פערערכענט ושתי׳ן פאר די שעהנסטע פרוי אין זיין לאנד...

— אסתר!—האט זיך אחשורוש צו איהר אפגערופען—ווי איך האב דיך דערזעהן, האסטו שוין געפונען חן אין מיינע אויגען. די געטער האבען דיך בעשאנקען מיט אלעם; דו ביזט שעהן, בעשיידען און קלוג... צו דיר בעלאנגט דיר קרוין פון ושתי. און דו קענסט נאך מעהר פון מיר פערלאנגען!

א בעשיידענער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף אסתר׳ס ליפען. זי האט געווארפען א ליעבליכען בליק אויף אחשורוש׳ן און זיך א נייג געטהאן:

— איך וויים נישט פארוואס דיין דינסט האט געפונען חן אין דיינע אויגען, אה, מעכטיגער קעניג!...

— ווייל דו האסט מיין הארץ געוואונען, אסתר!—האט אחשורוש זיך אפגערופען—איך וועל נאך היינט לאזען בעקאנט מאכען אין אלע שטעדט פון מיין קעניגרייך, אז דו, אסתר, ווערסט ווערען די קעניגין אנשטאדט ושתי׳ן. יע, דאס גאנצע לאנד, וועט יובעלען און זיך פרעהען, מיט דער וואונדערבארער שעהנער קעניגין, וואס וועט פערנעהמען ושתי׳ס פלאץ.

א לייכטער ציטער איז דורכגעגאנגען אסתר׳ס קערפער... זי זעהט ווי ערנסט דער קעניג איז... איז דאס מעגליך, אז זי וועט געקרוינט ווערען אלס קעניגין אנשטאט ושתי׳ן! זי די יתומה, וועט ווערען קעניגין איבער דעם גאנצען לאנד... א אידישע קעניגין! זי וועט זוכען צו בעשיצען איהרע ברידער און קומען צו זייער הילף, ווען זיי וועלען זיך נויטיגען אין איהר שטיצע... אבער דאס וועט דאך מיינען, אז זי וועט זיין אפגעזונדערט פון איהר ליעבען אנקעל מרדכי, וועלכער איז צו איהר ווי אן אייגענער פאטער געווען. זי האט דאך איהם אזוי ליעב. זי קען זיך גארנישט פארשטעלען, אז עס וועט פאר איהר מעגליך זיין צו פערלאזען מרדכי׳ס הויז... זי וויים, אז יעדע אנדערע מיידעל וואלט זיך געשעצט העכסט גליקליך צו הערען פון דעם קעניג אזעלכע רייד... אבער דאך שרעקט איהר דאס הארץ... זי וואלט געווען א סך מעהר צופריעדען, ווען ער לאזט איהר צוריקגעהן צו איהר אנקעל... זי וויל נישט זיין אפגעפרעמדעט פון איהר אייגענער

משפחה, פון איהר פאלק! אסתר דערמאנט זיך, אז מרדכי האט איהר אנגע־זאגט, דאס דערווייליגע זאל זי דעם קעניג נישט זאגען פון וואנען זי שטאמט... מעגליך, אז ווען אחשורוש, וועט נישט וויסען, ווער זי איז און פון וואס פאר א פאלק זי שטאמט, וועט ער איהר נישט וועלען נעהמען פאר זיין פרוי, און דאן וועט זי זיך קענען אומקעהרען צו מרדכי'ן און קציעה'ן...

— וועגען וואס טראכסטו יעצט, מיין ליעבע אסתר? !—האט אחשורוש איהר געפרעגט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען—דו האסט מעהר וועגען גאר־נישט וואס צו זארגען... דו ברויכסט נאר אויסשפרעכען דיין וואונש און דיין פערלאנג וועט גלייך ערפילט ווערען!

— מיין שטארקער וואונש און פערלאנג איז, אז דער קעניג זאל זיין געזונט און גליקליך!—האט אסתר געענטפערט און איהר פנים איז נאך רויטער גע־ווארען.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף אחשורוש'עס ליפען, ווען ער האט גע־הערט פון אסתר'ן דיזע ווערטער.

— יע, אסתר—האט ער זיך אפגערופען—איך וועל זיין זעהר גליקליך ווען דו וועסט מיין קעניגין זיין, ווייל איין בליק פון דיינע שעהנע אויגען האט די מעגליכקייט צו פערטרייבען פון מיר אלע מיינע טרויעריגע געדאנקען און בייזע מחשבות...

---

בליץ שנעל איז די נייעס פערשפרייט געווארען אין דער הויפטשטאדט, שושן, אז אסתר'ן האט דער קעניג אויסדערוועהלט צו פערנעהמען ושתי'ס פלאץ.

קציעה, מרדכי'ס ווייב, איז דאן געוועזען אין גאס און ווען דיזע בשורה האט דערגרייכט איהרע אויערען, איז צו איהר גליק קיין גרענעץ ניט געוועזען... זי האט גענומען שטעלען שנעלע טריט אהיים, אנצוזאגען מרדכי'ן דערפון. אבער זי איז עטליכע מאל אפגעשטעלט געווארען אויף דער גאס, פון איהרע שכנות.

— אה, קציעה, איך ווינש דיר גליק!—האט איהר א שכנה אפגעשטעלט—דיין אסתר וועט דאך ווערען די קעניגין! איך האב גלייך געוואוסט, אז אזוי וועט געשעהן. איז דען פאראן א שעהנערע פון דיין אסתר'ן.. איך האב דא נישט לאנג געזאגט צו מיין מאן, אז ווען דער קעניג וועט נאר דערזעהן אסתר'ן, וועט ער שוין מעהר נישט וועלען זוכען קיין אנדערע!

— איך דאנק דיר!—האט קציעה איהר געענטפערט און שוין געוואלט געהן אבער באלד איז א צווייטע שכנה צוגעקומען און איהר בעגריסט:

— פון טיעפסטען הארצען גראטוליר איך דיר, קציעה, עס וועט דאך זיין א כבוד פאר אונזער גאנצען פאלק. א קלייניגקייט, א אידישע קעניגין... און נאך אזא ווי דיין אסתר, מיר מעגען דאך אלע שטאלצירען מיט איהר...

— כל זמן עס איז נאך נישט געוועזען די חתונה, קען מען נאך נישט וויסען!—האט קציעה נאך אלץ נישט געקענט זיך פארשטעלען דעם גרויסען גליק, וואס איז איהר פלוצלונג ענטקעגען געקומען. זי זעהט דאך, ווי גרויס די קנאה פון אלע אידישע פרויען פון שושן איז... פיעלע פון די מוטערס וועמענס טעכטער זיינען גע־פייניגט געווארען דורך ושתי'ן, האבען איהר בעגריסט... און זי פערשטעהט ווי יעדע איינע פיהלט זיך... זיינען דען זייערע טעכטער אויך נישט פארגעבראכט

געווארען פאר דעם קעניג! אבער ער האט זיך אויף זיי אפילו נישט געוואלט אומקוקען! און פון אלעמען איז גאר אסתר, וועלכע האט אין גאנצען קיין חשק נישט געהאט צו געהן, אויסגעקליעבען געווארען צו טראגען ושתי'ס קרוין... קציעה האט געזוכט אויסצומיידען די איבעריגע פרויען, וועלכע האבען געמאכט א פערזוך איהר אפצושטעלען, און איז שנעל אריין אין הויז און אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע:

— מרדכי, האסטו שוין געהערט, די פרעהליכע נייעס?

מרדכי האט איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג און א קוועטש געטהאן מיט זיינע פלייצעס.

— אויב אזוי מעגסטו וויסען, אז אונזער אסתר איז אויסגעקליעבען געווארען ביי אחשורוש'ן צו פערנעהמען ושתי'ס פלאץ.

—ווער האט עס דיר געזאגט?—האט מרדכי געפרעגט און זיין פנים איז בלאס געווארען.

— ווער האט מיר געזאגט!!—האט קציעה אויסגערופען — די גאנצע שטאדט קלינגט מיט דעם און דו פרעגסט מיר, ווער האט מיר געזאגט?! איך בין קוים דערגאנגען אהיים, אלע פרויען מיינע שכנות און בעקאנטע, האבען מיר ארומגערינגעלט און האבען מיר איינפאך נישט אפגעלאזען... קענסטו זיך פארשטעלען אזא גליק!... וויפיעל שעהנע מיידלעך עס זיינען פאר דעם קעניג פארגעבראכט געווארען און קיינע פון זיי איז דעם קעניג נישט געפעלען געווארען. נור אסתר! אונזער אסתר וועט זיין די קעניגין פון פרס און מדי!... יעצט זעהסטו שוין מרדכי ווער עס איז געווען גערעכט... די גאנצע צייט האב איך צו דיר גע'טענה'ט: שיק אסתר'ן ארויס, זאל זי שפאציערען צוזאמען מיט די איבעריגע מיידלעך... אבער דו ביזט געווען איינגע'עקשנ'ט... דו האסט מיך נישט געוואלט פאלגען.

— איך זעה נישט איין, קציעה, וואס די שמחה איז אזוי גרויס ביי דיר!

— וואס?!—האט קציעה אויסגערופען מיט ערשטוינונג—דו ביזט נאך נישט צופריעדען?!—האסטו דען אסתר'ן נישט ליעב ווי זי וואלט געוועזן דיין אן אייגענע טאכטער!

— טאקע דעריבער, בין איך נישט איבעריגס צופריעדען!—האט מרדכי מיט אן אומעטיגער שטימע געזאגט—איך קען אסתר'ס נאטור און איך וויים, אז זי וועט זיך נישט פיהלען גליקליך אין פאלאץ.

—וואס רעדסטו?! קען דען געמאלט זיין א גרעסערען גליק פאר א מיידעל, ווי צו ווערען געקרוינט די קעניגין פון אזא מעכטיגער מלוכה?! זעהסטו, ווען דו זאגסט מיר, אז אסתר וואלט זיך נישט געפיהלט גליקליך צו זיין אין פאלאץ אלס א קאמער מיידעל אדער א הויף דאמע, וואלט איך דיר נאך געקענט פארשטעהען, אבער א קעניגין! ניין, מרדכי, אזוי נאריש איז אסתר נישט!

— און דו מיינסט, אז אסתר ווערט שוין זיכער א קעניגין?—האט מרדכי זיך צו איהר אפגערופען—איך גלויב נאך נישט אויב אסתר וועט דערצו דערלאזען.

— וואס מיינסטו?—האט קציעה איהם אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג—אסתר וועט נאך נישט וועלען! וואס הייסט זי וועט נישט וועלען: וועט זי דען געהן געגען דעם קעניג'ס ווילען.

— דאס האב איך שוין לאנג בעזארגט !—האט מרדכי געענטפערט—איך האב אסתר'ן אנגעזאגט, אז אין פאל זי וועט געבראכט ווערען פאר דעם קעניג און זי וועט איהם געפעהלען ווערען, איז אויב זי וועט וועלען, אז דער קעניג זאל איהר ציריקשיקען אהיים, זאל זידעם קעניג ניט זאגען פון וואנען זי שטאמט... זי קען איהם זאגען, אז זי איז א יתומה און איז אויפגעהאדעוועט געווארען פון איהר קינדהייט און זי וויים ניט פון וואנען זי שטאמט. פארשטעהסט, ווען דער קעניג וועט פון איהר נישט קענען דערגעהן וועגען איהר אפשטאמונג, וועט ער מיט איהר געווים נישט הייראטען ! ווייל עם פאסט דאך נישט פאר א קעניג צו נעהמען א קעניגין איינע וועמענס אפשטאמונג איז צו איהם נישט בע־וואוסט... פיעלייכט שטאמט זי פון זעהר א נידעריגע משפחה ? און יעצט קען דאך זיין, אז אסתר האט איהם ניט אויסגעזאגט פון וואנען זי שטאמט און פון דעם אלעם וועט זיך גארנישט אויסלאזען !

— ווי אזוי האסטו איהר געקענט אנזאגען אזא זאך ?—איז קציעה אומר־היג געווארען—אבער דאך, איך גלויב נישט, אז אסתר וועט באגעהן אזא נא־רישקייט און פערביילאזען אזא גרויסען גליק.

— דאס וועלען מיר זעהן, אויב דער קעניג וועט טאקע מיט איהר חתונה האבען, איז א סימן, אז אסתר איז צופריעדען דערפון און האט איהם אויסגע־זאגט פון וואנען זי שטאמט, אבער ווען דו וועסט זעהן, אז אסתר קומט צוריק וועסטו שוין וויסען די אורזאכע.

— אויב דאס וואלט אזוי פאסירט וואלט איך דיר קיינמאל נישט מוחל גע־ווען, מרדכי !—האט קציעה אויסגערופען—די גאנצע שטאדט איז אונז מקנא און דו ווינשסט אז פון דעם אלעם זאל זיך גארנישט אויסלאזען.

אין א קורצע וויילע זיינען אין מרדכי'ס הויז אנגעקומען פיעלע אידען מיט זייערע פרויען און טעכטער צו בעגריסען מרדכי'ן און צו דערזעלבער צייט בעטען, אז מרדכי זאל זיך זעהן משתדל זיין, אז די קעניגין אסתר זאל זייערע טעכטער אריינגעהמען צו זיך אין פאלאץ, אלם איהרע קאמערמיידלער.

— מיין טאכטער האט פון שטענדיג אן זעהר ליעב געהאט אסתר'ן, זי פלעגט נישט אויפהערען צו ריידען פון איהר—האט איין פאטער זיך אפגערופען צו מרדכי'ן—און איך בין זיכער, אז ווען דו זאלסט נאר דערמאהנען מיין טאכ־טער'ם נאמען פאר אסתר'ן, וועט זי איהר גלייך איינלאדען צו זיך אין פאלאץ.

— און מיין טאכטער האט מיר דערצעהלט אז נישט איינמאל האט זי צוגע־רעדט אסתר'ן, דאס זי זאל ארויסגעהן און זיך בעווייזען פאר די הארעז, וועלכע האבען צו טהאן מיט אויסקלייבען א קעניגין פאר דעם קעניג, און ווי עס ווייזט אויס, האט זי איהר טאקע געפאלגט... יעצט וועט זיך מיין טאכטער שעצען גליק־ליך, אויב זי וועט קענען זיין מיט אסתר'ן און איהר בעדינען.

—עס איז נאך אין גאנצען צו פריה צו ריידען וועגען דעם — האט מרדכי זיי אלעמען געענטפערט—עס איז נאך גאר נישט זיכער אויב מיין אסתר וועט טאקע זיין די קעניגין !

— מיין מאן דענקט, אז כל זמן עס איז נאך נישט געווען די חתונה, קען מען נאך נישט זאגען בעשטימט—האט קציעה זיך אפגערופען.

— אבער דער קעניג האט דאך שוין בעקאנט געמאכט איבער דער גאנצער

שטאדט !—האט א שכנה אויסגערופען—איז עס דען מעגליך, אז א קעניג זאל ביטען זיין ווארט ?...

— אלעס איז מעגליך ביי גאט!—האט מרדכי געזאגט און א שטילען זיפץ געטהאן.

— זאלען מיר שוין אלע זיין אזוי זיכער מיט ישועות, ווי זיכער עס איז, אז מיין אסתר וועט ווערען קעניגין !—האט קציעה מיט שטאלץ געזאגט—נא־וואס דען, איך וואלט אייך אלעמען ראטהען דערווייליגע צוצוואוארטען, מיר וועלען שוין וויסען ווען אסתר וועט נאכהער פערלאנגען פאר איהרע קאמער־מיידלער. פארוואס זאלען מיר זיך אין דעם מישען...

— אבער קציעה זאל דיר גאט געבען געזונט—דו ועסט דאך מיר נישט ענטזאגען צו טהאן דיזע טובה... ווען דו וואלסט נאר געוואוסט, וואס פאר א טאכטער איך האב... אזא דימענט נישט נאר פאסט פאר איהר צו זיין די קא־מערמיידעל פון דער קעניגין... זי פאסט אפילו... איך וויס.... זי איז דאך אזא זעלטענע שעהנהייט... עס איז מעהר נישט וואס מיר האבען קיין מזל נישט... יע, קציעה, צו אלעס דארף מען האבען מזל... איך זאג נישט חלילה, אז דיין אסתר איז פלוצלונג אזוי אויפגעריכט געווארען נאר דורך מזל... אה, ניין, א הוץ מזל איז אסתר טאקע די שעהנסטע אין שטאדט... אבער ווען זי וואלט קיין מזל נישט געהאט... וואלט זיך אפשר אויסגעלאזען אנדערש, וואלט זי פיעלייכט נישט פארגעשטעלט געווארען פאר דעם קעניג.

— און מיר דוכט זיך, אז אויך דיין טאכטער איז געבראכט געווארען אונ־טער הגי'ס אויפזיכט

— נו, יע, אז עס איז קיין מזל נישטא, קען גאר נישט העלפען !—האט יענע א זיפץ געטהאן—דו קענסט זיך פארשטעלען ווי שטארק אונזערע הערצער האבען געקלאפט, ווען מיר האבען זיך דערוואוסט אז אין א בעוואוסטען טאג וועט זי פארגעשטעלט ווערען פאר דעם קעניג... מיר האבען שוין אונזערע אויגען אויסגעקוקט... אבער אז עס איז פארט נישטא קיין מזל... מאכט זיך, אז מען ברייגגט מיין טאכטער צוזאמען מיט נאך עטליכע מיידלעך, וועלכע זיינען געווען אזעלכע פערזעהענישען, אז ווי נאר דער קעניג האט זיי בעמערקט, איז ער שטארק אין כעס געווארען און געהייסען אלעמען אוועקנעהמען פון זיינע אויגען... און צוליעב זיי האט מיין טאכטער אויך געמוזט ליידען... ער האט איהר אפילו גאר נישט ביי [illegible]!

— און מיר דוכט זיך, אז עס האט גראדע געדארפט זיין פערקעהרט—האט זיך נאך א שכנה אריינגעמישט—אויב דיין טאכטער איז טאקע אזא פארשוין, האט זי געדארפט דעם קעניג נאך מעהר געפעהלען ווערען, ווען ער האט איהר פערגליכען מיט די איבעריגע.

— זאג איך דאך, אז צוליעב דעם, וואס ער איז אויפגעבראכט געווארען אויף די מיאוס'ע האט ער אפילו מיין טאכטער נישט בעמערקט... דאס בעווייזט, אז זי האט קיין מזל נישט ! און דו קציעה — האט זי זיך צו איהר געווענדעט—דו וועסט מיר דעריבער טאקע נישט אפזאגען און ביי דער ערשטער געלעגענ־הייט וועסטו ריידען מיט אסתר'ן וועגען מיין טאכטער.

— דאס וועל איך שוין זעהן שפעטער, — האט קציעה געענטפערט מיט אן איינגעהאלטענעם כעס — דערווייל האב איך וועגען אנדערע זאכען צו טראכטען.

דער טאָג פון דעם קעניג'ס חתונה מיט אסתר'ן איז בעשטימט געווארען. איבער'ן גאנצען לאנד האט דער קעניג ארויסגעשיקט שלוחים צו ערקלעהרען יענעם טאָג פאר א גרויסען יום טוב. ער האט אויך בעפוילען, אז אין יעדער שטאָדט וואו דיעזע נייעס וועט בעוואוסט ווערען, זאל געפייערט ווערען דורך א גרויסאַרטיגען מאָהלצייט, וואס זאל אָנגערופען ווערען דער "מאָהלצייט פון אסתר". אויך האָט דער קעניג געלאָזט וויסען דורך זיינע שלוחים, אז צוליעב זיין גרויסער שמחה וועט ער דיזען יאָהר בעפרייען אלע זיינע אונטערטאנען פון צינזען. גרויס פרייד און בעגייסטערונג האט ארומגענומען אלע אונטערטאנען פון אחשורוש'עס מדינות.

די שמחה אין שושן איז געווען אונגעהויער גרויס... די גאסען זיינען אָנגעפיהלט געווארען מיט מענשען, וועלכע זיינען נייגיעריג געווען צו הערען עפּעס נייעס פון פּאלאַץ.

נאָך גרעסער איז די פרייד געווען אין דער אידישער גאס פון שושן... יעדער איינער האט זיך געפיהלט ווי א מחותן צו אחשורוש'עס חתונה... א קלייניגקייט, א אידישע קעניגין.

המן וועלכער האט ליעב געהאט ארייצורוקען זיין נאָז און זיך צוהערען צו אלעס, וואס ווערט גערעדט און געטהאן אין דער אידישער גאס, איז געווארען שטארק אויפגעבראכט געגען די אידען. ער האט נישט געקענט פערלייד{ען}, ווי די אידען נעהמען זיך איבער דאמיט, וואס אסתר איז א אידישע מיידעל, און איז דאריבער צוגעגאנגען צו עטליכע אידען וועלכע זיינען געשטאנען אין א גרופּע און גערעדט מיט גרויס בעגייסטערונג, וואס פאר א טייערע אידישע טאָכטער אסתר איז.

— ביי אייך קומט אויס, אז אסתר איז א אידישע טאָכטער!—האט המן זיי ארייגעלאכט אין פּנים מיט א ציניש געלעכטער — און וואָס וועט איהר זאָגען אויף דעם, ווען איך וועל אייך דערצעהלען, אז אסתר האט פערלייקענט איהר אָפּשטאמונג פאר דעם קעניג! יע, אין מיין אנוועזענהייט, האט דער קעניג איהר געפרעגט פון וואנען זי שטאמט, און זי האט איהם געענטפערט, אז זי ווייס נישט... זי איז א יתומה—האט זי געזאגט און איז אויפגעהאָדעוועט געווארען ביי מרדכי'ן און לויט איהרע רייד קען זיין, אז זי איז אזא אידישע טאָכטער, ווי זי איז א פּערסישע אדער א באבילאָנישע!

— עס איז נישט אמת!—האט איין איד אויסגערופען מיט ענטריסטונג—אסתר איז א שטאָלצע אידישע טאָכטער און זי וועט איהר אָפּשטאמונג נישט פערלייקענען!

— מיר קענען אסתר זעהר גוט און דעריבער גלויבען מיר דיר נישט!—האט א צווייטער איד אויסגערופען.

— און איך שווער אייך ביי דער קרוין פון אונזער קעניג און ביי די געטער פון פּרס, אז דאס וואס איך האב אייך נאר וואס דערצעהלט איז ריכטיג!—האט המן אויסגערופען מיט א שמייכעל, זעהענדיג וואס פאר א טיעפען איינדרוק זיינע ווערטער האבען אויף די אידען געמאכט—זעהט איהר דען נישט אז דער קעניג האט אייך, אידען בעזונדער אפילו נישט דערמאָנט... און שטעלט זיך פאָר, ווען דער קעניג וואלט געוואוסט, אז אסתר שטאמט פון אידען, וואלט דען דער קעניג נישט געשיקט ספּעציעלע מתנות פאר אייערע שוהלען!

די אידען זיינען געבליבען שטעהן, ווי געלעהמטע. יעצט זעהען זיי טאקע, אז המן איז גערעכט! דער קעניג ווייס ניט, אז אסתר, זייער אסתר שטאמט פון אידען... אסתר האט פערלייקענט איהר אפשטאמונג...

המן איז געווען צופריעדען וואס איהם איז געלונגען צו ענטטוישען די אידען... ער האט באמערקט די גרויסע ענדערונג אין זייערע פנים'ער און איהם האט עס גרוים הנאה געטהאן. ער האט געווארפען אויף זיי בליקען פון פער־אכטונג און איז פון זיי שנעל אוועקגעגאנגען.

— עס איז אונמעגליך! — האט א איד זיך אפגערופען צו די איבריגע, — דאס זוכט המן צוצושטערען אונזער שמחה. ער איז אלע מאל געווען אונזער שונא! איך גלויב נישט אז אסתר זאל פארלייקענען איהר אפשטאמונג!

— אבער פארוואס האט טאקע אחשורוש די אידען בעזונדער נישט דער־מאהנט?... און אפילו צו אונזערע שוהלען גארנישט געשיקט.

— מעגליך אז דער קעניג האט איהר אפילו נישט געפרעגט פון וואנען זי שטאמט... ער איז אין איהר אזוי פארליעבט אז ער האט פארגעסען איהר צו פרעגען וועגען דעם. יעדענפאלס ווייסען מיר דאך אלע אז המן איז א גרויסער ליגנער און מיר דארפען זיינע רייד נישט נעהמען ערנסט.

— דער איינציגער פארדרוס איז, אז צוליעב אסתר'ן איז המן אזוי אויפ־געריכט געווארען... א קלייניגקייט, ער איז געווארען אחשורוש'ס מיניסטער.

— פון א בעדער און א שערער צו דעם פלאץ פון מיניסטער! דאס איז זעהר א גרויסער שפרונג... יעצט האט המן א גרויסען איינפלוס איבער'ן קעניג און איך גלויב אז עס וואלט פאר אונז אלעמען געווען א סך מעהר ראטהזאם איהם מעהר נישט צו דערצארענען.

— כל זמן מיר האבען א אידישע קעניגין דארפען מיר פאר קיינעם קיין מורא נישט האבען! — האט נאך איינער אויסגערופען מיט שטאלץ, — ווען אסתר זאל נאר וועלען ווערט המן ווידער אוים מיניסטער.

— אבער אויב עס זאל זיין אמת אז אסתר האט פארלייקענט איהר אפ־שטאמונג וואלט עס פאר אלע אידען געווען זעהר א שטארקער קלאפ... פון איהר וואלטען זיך די איבריגע אידישע טעכטער פון לאנד אפגעלערנט אז זיי דארפען זיך שעהמען מיט אידישקייט... נישט גענוג וואס זיי ענדערען זייערע אידישע נעמען אויף פערסישע וועלען זיי יעצט אין גאנצען וועלען פארלייקענען אז זיי זיינען אידישע טעכטער.

— איך בין זעהר נייגעריג צו הערען וואס מרדכי האט וועגען דעם צו זאגען. — האט א הויכער דארער איד זיך אפגערופען, — איך וועל זיך פאר איהם ניט שעהמען און איהם פרעגען נאך היינט אין שוהל.

— מיר וועלען איהם טאקע איבערגעבען וואס המן האט אונז דערצעהלט און זעהן וואס פאר א ווירקונג דאס וועט אויף איהם מאכען.

אין אבענד ווען אלע אידען פון מרדכי'ס נאכבארשאפט האבען זיך פער־זאמעלט אין שוהל, האבען די אידען נאכ'ן דאווענען ארומגערינגעלט מרדכי'ן און איהם באגריסט.

— מארגען דארף פארקומען די חתונה און די קרוינונג פון אסתר'ן, — האט אימיצער צו איהם א זאג געטהאן, — און דערווייל האט נאך די אידישע געמיינדע פון שושן גארנישט געהערט פון קעניג.

— וואס מיינסטו? — האט מרדכי איהם אנגעקוקט פערוואונדערט, — איז עס דען נישט בעקאנט געווארען פאר אלעמען גלייך איבער'ן גאנצען לאנד? זיינען דען נישט די אידען פטור פון צו צאהלען צינזען גלייך מיט די איבריגע פעלקער פון לאנד?

— איך מיין, — האט דער איד געענטפערט — אויב אסתר איז אזוי שטארק געפעלען אחשורוש'ן, האט ער געדארפט מאכען בעזונדערע הנחות פאר דעם פאלק פון וועמען זי שטאמט.

— המ... — האט נאך איינער זיך אפגערופען, — פארוואס זאלען מיר דארפען ריידען צוויי־דייטיגע רייד! המן האט אונז איבערגעגעבען אז אסתר האט פאר דעם קעניג פארלייקענט איהר אפשטאמונג. ער האט אונז דערצעהלט, אז אין זיין אנוועזענהייט האט דער קעניג געפרעגט אסתר'ן פון וואנען זי שטאמט און זי האט איהם געענטפערט אז זי וויים נישט... ווייל זי איז אויפגעבראכט געווארען אלס יתומה.

— אזוי האט זי דעם קעניג געענטפערט? ! — האט מרדכי אויסגערופען, און זיינע אויגען האבען גענומען שטראהלען פון פרייד, — זאל זי זיין גע־בענשט פאר דעם...

— מרדכי! איז ביי דיר רעכט אז אסתר זאל זיך שעהמען מיט איהר פאלק! ווען זי האט דערגרייכט צו אזא גדולה דארף זי דען פארדעקען פון קעניג אז זי שטאמט פון אידען?

— מיין פריינד! — האט מרדכי איהם געענטפערט, — אסתר האט בלויז געפאלגט מיין פארזאג, איך האב איהר אזוי געהייסען זאגען דעם קעניג.

די אידען וועלכע זיינען געשטאנען נעבען מרדכי'ן האבען געקוועטשט מיט די פלייצעס. זיי האבען ניט געקענט פארשטעהן פארוואס מרדכי זאל אזוי אנזאגען אסתר'ן. יעצט איז נאך פאר אלעמען די זאך מעהר קשה'דיג געווארען.

---

די חתונה פון אחשורוש'ן און אסתר'ן איז געפייערט געווארען מיט'ן גרעסטען גלאנץ און פראכט... הונדערטע געסט, פארשידענע קעניגע, פרינצען און וויכטיגע פערזענליכקייטען האבען זיך בעטייליגט אין אחשוריש'ס שמחה.

גלייך נאכדעם ווי די חתונה איז פארגעקומען איז אסתר געקרוינט געווארען פאר דער קעניגין פון פרס און מדי. דאס גאנצע פאלק האט געיובעלט... מען האט געטרונקען און זיך געלאזט וואויל־געהן ווייל עס איז ווירקליך געווען א פרייד ביי אלעמען צו זעהן אסתר'ן אלס זייער נייע קעניגין.

צווישען די פיעלע חשוב'ע אידען וועלכע זיינען איינגעלאדען געווארען מיט אנדערע גרויסע פערזענליכקייטען האט זיך אויך געפונען מרדכי, אסתר'ס אנקעל.

מרדכי האט נישט געזוכט קיין בעזונדערע אנערקענונג. און ער האט אפילו קיינעם פון דעם קעניג'ס בעאמטע נישט געזאגט אז ער איז אסתר'ס אנקעל. די איינציגע זאך וואס ער האט פערלאנגט איז געווען מען זאל איהם ערלויבען צו זיצען נעבען דעם טויער פון דעם קעניג'ס פאלאץ...

ווען מען האט איהם געפרעגט פארוואס ער וויל זיצען נעבען דעם טויער פון פאלאץ, האט מרדכי זיי ערקלעהרט, אזוי ווי די קעניגין, אסתר, האט זיך ערצויגען ביי איהם אין הויז און עס איז מעגליך אז זי וועט פון איהם עפעס פערלאנגען, וויל ער נישט זיין ווייט פון איהר.

די בעאמטע האבען מרדכי'ן ערלויבט צו זיצען נעבען דעם טויער, און איין פרים פון קעניג, מיט'ן נאמען התך, האט געקראגען ערלויבנים אוועקצושטעלען א שטוהל פאר מרדכי'ן.

— מיין האר! — האט התך זיך אפגערופען צו מרדכי'ן, — דו וועסט דאך זיין מיעד אפצושטעהן אזא לאנגע צייט אויף דיינע פיס, און דאריבער האב איך דיר געבראכט א שטוהל דו זאלסט נישט דארפען שטעהן.

— איך דאנק דיר זעהר, מיין פריינד, — האט מרדכי איהם געזאגט, — איך וועל דיין חסד קיינמאל נישט פארגעסען. זאג מיר דאך, ווי איז דיין נאמען און אין וואס באשטעהט דיין אמט?

— מיין נאמען איז התך, און דער קעניג האט מיר יעצט בעשטימט צו זיין איינער פון די זיבען שלוחים וועלכע דארפען קומען איינלאדען די קעניגין. איך פארנעהם דאס יעצט דעם פלאץ פון המן'ען.

— געלויבט איז גאט, וואס דו און נישט המן, וועסט דארפען קומען רופען אסתר'ן, — האט מרדכי געזאגט מיט צופרידענהייט.

— יא, איך וויים אז המן איז דיר נישט קיין פריינד! — האט התך זיך אפגערופען, — ער איז שטארק נישט צופרידען וואס דו, מיין האר, געפינסט זיך דא ביי דעם טויער יעדען טאג, און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז איך האב בדעה צו ברייגגען א שטוהל פאר דיר, איז ער אויף מיר שטארק בייז געווארען און מיר געזוכט צו שטערען. אבער ווי עס ווייזט אוים, האט ער מורא געהאט איך זאל וועגען דעם נישט דערצעהלען דער קעניגין, האט ער מיר נישט גע־שטערט.

— אויב אזוי, מיין פריינד, — האט מרדכי צו איהם געזאגט, — וועל איך פון דיר פערלאנגען א בקשה. איך וועל אנשרייבען עטליכע ווערטער און דו זאלסט עס איבערגעבען דער קעניגין.

— איך וועל דיין בקשה ערפילען מיט'ן גרעסטען פארגעניגען! — האט התך געזאגט.

מרדכי האט געשריבען צו אסתר'ן א בריעף אין וועלכען ער האט איהר געראטהען אז זי זאל אנשטעלען התך'ן אלס איהר ספעציעלען שליח. צווישען אנדערע זאכען האט ער איהר געשריבען פאלגענדעס:

"אויף התך'ן וועסטו זיך קענען פארלאזען. ער שיינט צו זיין זעהר אן עהרליכער מאן, און דורך איהם וועסטו מיר קענען איבערגעבען אלעס וואס מיט דיר האט פאסירט, און איך וועל אויך קענען דיר איבערגעבען דורך איהם אלעם וואס עס וועט נויטיג זיין".

זינט דאן איז התך בעשטימט געווארען פון אסתר'ן אלם פערטרויעטער שליח און יעדען טאג פלעגט ער ברייגגען א גרוס צו מרדכי'ן פון אסתר'ן און צו אסתר'ן פון מרדכי'ן.

## אכטער קאפיטעל

# די פארשווערונג פון בגתן און תרש

אין דער צייט ווען אלע בעאמטע זיינען געווען העכסט צופרידען מיט דעם וואס ענדליך האט דער קעניג אויסגעקליבען א מלכה, האט בגתן, אחשורוש'ם הויפט־לייבוועכטער די גאנצע צייט געברענט מיט כעס.

זינט ושתי'ס טויט, האט בגתן נישט אויפגעהערט פלאנעווען נקמה צו נעהמען אן אחשורוש'ן... ער האט געוואוסט אז עס איז אן אונמעגליכע זאך פאר איהם אליין דאס דורכצופיהרען. דאריבער האט ער געזוכט אריינצוקריגען זיין פריינד תרש'ן אין דער פארשווערונג.

תרש, וועלכער איז פריהער געווען ושתי'ס קוטשער און דערנאך דורך בגתן'ס שתדלנות געווארען א לייבוועכטער, איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט בגתן'עז. ער פלעגט זיין דער טרעגער פון די סודות שליחות צווישען איהם און ושתי'ן. תרש האט געוואוסט אז ושתי האט ליעב בגתן'עז, ער האט אויך געוואוסט פון פיעלע פלענער מיט וואס ושתי און בגתן פלעגען זיך ארומטראגען.

ווען דער משפט איבער ושתי'ן איז ארויסגעגעבען געווארען, האט בגתן געזוכט איבערצורעדען תרש'ן ער זאל איהם העלפען בעפאלען דעם קעניג, אבער תרש האט דערצו נישט צוגעשטימט.

— דער קעניג ווערט אזוי שטארק בעוואכט, און איידער מיר וועלען מאכען דעם פערזוך וועלען מיר שוין ביידע ליגען טויטע, — האט איהם דאן תרש אפּגערעדט דערפון, — דו ווייסט ושתי'ן גארנישט קענען העלפען און מיר ביידע וועלען אויך אונזערע לעבענס פארלירען. ניין, ניין, מיין פריינד, איצט איז נאך נישט געקומען די צייט!

— דו ביזט גערעכט, מיין פריינד, יעצט איז נאך נישט געקומען די צייט. אבער ווי אזוי קען מען ראטעווען ושתי'ן פון אחשורוש'עס הענט? קענסטו מיר פיעלייכט געבען אן עצה? — האט בגתן דאן זיך צו איהם געווענדעט מיט גרויס פארצווייפלונג, — האסטו דען א בעגריף וואס ושתי מיינט צו מיר?... יעצט קען איך דיר דאך דערצעהלען אז ווען ושתי איז געווען א פרינצעסין האט זי מיך ליעב געהאט, איך בין דאך פון איהר משפחה, און מיין ליעבע צו איהר איז אויך זעהר גרויס געווען... דאן איז נאך אחשורוש געווען דער אויפזעהער פון איהר פאטער'ס פערד... מיר ביידע פלעגען פון איהם אפשפאטען און אפלאכען... ווער האט זיך געקענט ריכטען אז עס וועט זיך אזוי אויסלאזען... אחשורוש איז געווארען קעניג, ושתי איז געצוואונגען געווארען צו ווערען זיין פרוי, און איך האב געדארפט זיך גליקליך שעצען אז אחשורוש האט מיר פאר זיין לייבוועכטער געמאכט... און יעצט? אה, תרש, ווי קען איך העלפען ושתי'ן?

— ווען עס וואלט נאר מעגליך געווען צוצוקומען צו איהר!... דאן וואלט איך איהר געראטהען זי זאל פאלען צו אחשורוש'ס פיס און בעטען ער זאל איהר מוחל זיין... דאס איז די איינציגע זאך וואס קען איהר ראטעווען.

— דאס איז אונמעגליך! — האט בגתן געזאגט מיט פארצווייפלונג, — איין פאלשען טריט פון מיר, וועט אויך מיין לעבען קאסטען.

נאכדעם ווי מען האט דעם משפט דורכגעפיהרט, און ושתי איז הינגעריכטעט געווארען, האט בגתן געשווארען פאר תרש'ן אז ער וועט נישט רוהען ביז וואנען ער וועט אחשורוש'ן טויטען.

— איך וועל פאר ושתי'ס פארגאסענע בלוט נקמה נעהמען, — האט בגתן זיך אפגערופען צו תרש'ן... — און ווען דאס וועט מיר געלינגען, דאן וועלען מיר ביידע גליקליך זיין, איך וועל פערכאפען דעם טראהן און דו וועסט זיין מיין משנה למלך.

אזוי זיינען אוועק עטליכע יאהר ביז וואנען מען האט אנגעפאנגען צו

זוכען א קעניגין פאר אחשורוש׳ן. און כאטש בגתן איז געווארען דער הויפט פון דעם קעניג׳ס לייבוועכטער וועלכע היטען דעם אריינגאנג צו אחשורוש׳עס פאלאץ, האט ער דאך איינגעזעהן אז עס וועט פאר איהם זיין גאנץ שווער דורכ־צופיהרען זיין פלאן. ווען אחשורוש זיצט אויף דעם טראהן איז ער ארומגערינ־געלט מיט פיעלע בעוואפענטע העלדען, וועלכע בעגלייטען איהם וואוהין ער געהט... און בגתן מוז שטעהן שטענדיג אויף זיין פלאץ, און ווי נאר ער זאל זיך א ריהר טהאן וועט דער חשד פאלען אויף איהם.

בגתן׳ס שנאה און כעס איז צוריק אויפגעפלאקערט געווארען ווען אחשורוש האט געקרוינט אסתר׳ן אנשטאט ושתי׳ן. ער האט געהערט ווי ער לויבט אסתר׳ן און זאגט, אז זי איז פיעל שעהנער פון ושתי׳ן. זיין בלוט האט אין איהם אויפ־געקאכט.

יענעם אבענד האט ער מיט תרש׳ן ווידער גענומען ריידען וועגען זיין נקמה־פלאן.

— נישט נאר וואלט איך געטויטעט דעם קעניג! — האט בגתן געזאגט שטילערהייט צו תרש׳ן, — נאר איך האב אויך א פערלאנג צו טהאן צו זיין נייער קעניגין אזוי ווי עס איז געטהאן געווארען צו ושתי׳ן.

— זעהסטו, — האט תרש געזאגט מיט א שמייכעל, — איך האב צו אסתר׳ן גארנישט. און ווען דו וועסט ווערען קעניג און וועסט נישט וועלען מאכען אסתר׳ן פאר דיין קעניגין זאלסטו איהר איבערגעבען אין מיינע הענד...

— אפגעמאכט! — האט בגתן אויסגערופען, — נישט נאר וועסטו ווערען מיין שני למלך, נאר דו וועסט קענען טהאן מיט אחשורוש׳ס קעניגין וואס דו וועסט ווינשען... מיר דארפען נאר אויסארבייטען א גוטען פלאן... אח, ווען מיר וואלטען געקענט אריינגעהמען המן׳ען אין אונזער פארשווערונג... דאן וואלט ער אונז געקענט ראטהען וואס צו טהאן... ושתי האט איהם געהאלטען פאר זעהר א קלוגען...

— און איך וואלט המן׳ען אזא זאך קיינמאל נישט אנגעטרויעט, — האט תרש געזאגט — ער וואלט אונז גלייך פעראטהען. סיידען מיר וואלטען איהם געקענט פארזיכערען אז ער וואלט געווארען קעניג.

— נו, יעצט אז ער איז דערהויבען געווארען צו זיין אחשורוש׳ס מיניסטער דארפען מיר וועגען איהם פארגעסען. און א חוץ דעם האלט איך אז ער האט א שטיקעל שולד אין ושתי׳ס טויט.

— איך בין נישט זיכער אויב המן איז שולדיג אין ושתי׳ס טויט, אבער איין זאך ווייס איך, אז דער קעניג האט איהם דערהויבען צוליעב דעם וואס ער האט איהם געראטהען צו מאכען אסתר׳ן פאר זיין קעניגין.

— און איך מעג דיר יעצט זאגען, אז ווי איך האב פארשטאנען פון ושתי׳ס רייד, איז המן געווען שטארק פארליעבט אין א מיידעל מיט׳ן נאמען אסתר, און איך בין זיכער, אז דאס איז דיזעלבע אסתר, — האט בגתן זיך אפגערופען.

— אויב אזוי וואלט געווען זעהר גרינג פאר אונז צו קריגען המן׳ס צוטרוי, — האט תרש געזאגט, — אויב ער האט טאקע אסתר׳ן ליעב וואלט ער דאך זיכער געוואלט פטור ווערען פון דעם קעניג.

— ניין, המן איז א צו גרויסער פייגלינג, און בפרט יעצט ווען דער קעניג האט איהם בעלוינט. מיר טארען איהם נישט אנפערטרויען אונזער סוד.

— אבער ווי עס ווייזט אויס וועלען מיר מוזען בלייבען ביי אונזערע פּלע־נער! — האָט תרש זיך אָפּגערופען, — עטליכע יאָהר זיינען פאַראיבער און מיר האָבען מיט קיין איינציגען שריט זיך נישט דערנעהטערט צו אונזער ציעל.

---

איין פריהמאָרגען ווען בגתן און תרש האָבען געדאַרפט געהן אומבייטען די אנדערע בעאַמטע, האָבען זיי זיך ביידע בעגעגענט ביי דעם טויער פון פּאַלאַץ און האָבען ווידער אָנגעהויבען צו ריידען אין דער שטיל וועגען זייערע פּלענער.

— רייד נישט אַזוי הויך, — האָט תרש זיך אָפּגערופען צו בגתן'ען, — דאַרטען נישט ווייט זיצט דער איד מרדכי און ער קען נאָך דערהערען.

— אויב אַזוי, לאָמיר ריידען אויף אונזער באַבילאָנישע שפּראַך. ער פאַר־שטעהט דאָך געוויס נישט דיזע שפּראַך און מיר וועלען קענען ריידען אונגע־שטערט.

מרדכי וועלכער איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, איז שטאַרק פעראינטערעסירט געוואָרען וואָס פאַר א סודות די צוויי בעאַמטע פון דעם קעניג האָבען צווישען זיך. ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען און זיך גענומען צוהערען.

א שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען ווען ער האָט דערהערט אַז זיי ריידען באַבילאָניש כדי ער זאָל נישט פאַרשטעהן. די באַבילאָנישע שפּראַך קען ער ריידען א סך בעסער אפילו ווי די פּערסישע. ער איז געבליבען זיצען בעוועגלאָז אויף זיין פּלאַץ און מיט גרוים אויפמערקזאַמקייט זיך גענומען צוהערען צו זייער געשפּרעך אין דער באַבילאָנישער שפּראַך:

— איך האָב א פּלאַן, — האָט ער געהערט ווי בגתן רופט זיך אָפּ צו תרש'ן, — דער פּלאַן איז מיר אַרויפגעקומען אויף מיין זינען נאָר־וואָס ווי איך האָב פון ווייטען באַמערקט דעם שר המשקים.

— און וואָס איז דיין פּלאַן? — איז תרש אומגעדולדיג געוואָרען.

— מיין פּלאַן איז, אַז מיר ביידע זאָלען מאָרגען אין־דער־פריה אָפּוואַרטען נעבען דעם צימער פון דעם שר המשקים, און ווי ער וועט זיך באַווייזען ביים טיהר וועלען מיר ביידע אויף איהם אַרויפפאַלען און פאַרשטאָפּען זיין מויל ער זאָל נישט קענען שרייען. מיר וועלען איהם בינדען ער זאָל זיך נישט קענען ריהרען פון אָרט. נאָכהער וועל איך צוריקגעהן צו מיין פּאָסטען און מעלדען דעם קעניג אַז דער שר המשקים איז פּלוצים קראַנק געוואָרען, און דו, תרש, וועסט דערווייל אָנפילען זיין בעכער מיט וויין. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אַז דער קעניג וועט דערצו צושטימען, דאַן וועסטו אַריינטהאָן א טויטליכען סם אין דעם וויין און דערלאַנגען דעם קעניג. און ווי נאָר ער וועט אויסטרינקען וועט ער פאַלען טויט... און אין גרויסען טומעל וועל איך זיין טויטען קערפּער אַרונ־טערשליידערען פון טראָהן און אָנטהאָן זיין קרוין און דו וועסט אויסשרייען: ”לאַנג לעבען זאָל דער קעניג בגתן!"...

— דאָס איז א וואונדערבאַרע עצה! — האָט תרש אויסגערופען, און זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט פון פרייד. — אַזוי וועט עס טאַקע געשעהן. איך וועל דאַן שוין דעם טויטליכען סם צוגרייטען. אָבער געדענק וואָס איך האָב מיט דיר אָפּגעמאַכט, אסתר וועט בעלאַנגען צו מיר!

— געוויס! — האָט בגתן געענטפערט, — דו וועסט ווערען מיין משנה

למלך און טהאן מיט אסתר׳ן וואס דו ווילסט... דו ווייסט דאך, אז איך טראג א האס אויף אסתר׳ן און איך וועל איהר זיכער נישט וועלען מאכען פאר מיין קעניגין.

— איך בין געגרייט, — האט תרש געזאגט, — און דו וועסט צוגרייטען די שטריק מיט וואס מיר וועלען דעם שר המשקים בינדען... איך קען זיך פאר־שטעלען ווי ער וועט זיך דערשרעקען ווען ער וועט זעהן אז מיר בעפאלען איהם פלוצלינג... ער וועט מיינען אז מיר וועלען איהם טויטען.

— יא! מיין פריינד, מארגען אין דיזער צייט וועט שוין זיין נאך אלעמען... איך וועל טראגען אחשורוש׳ס קרוין און זיין קערפער וועל איך הייסען ארויס־שלייערען אין דרויסען... בלויז דאן וועט מיין הירשט נאך נקמה איינגעשטילט ווערען.

— יעצט דארפען מיר געהן צו אונזערע פאסטענס, — האט תרש זיך אפגערופען, — דו געה פריהער און נאכהער וועל איך אונטערקומען.

ווען בגתן און תרש זיינען שוין אוועק פון דעם טויער פון פאלאץ, האט זיך מרדכי אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און ער איז גלייך אוועק צו זיך אהיים. דארטען האט ער אנגעשריבען אין א בריעף אלעס וואס ער האט געהערט ביי דעם טויער און צוגעגעבען: ״אסתר, דו מוזט גלייך געהן צום קעניג און איהם איבערגעבען וועגען דעם גרויסען געפאהר וואס דראהעט איהם״.

מרדכי האט פאר׳חתמ׳עט דעם בריעף און איז צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ. ער האט געווארט אויף התך׳ן.

באלד איז התך צוגעקומען און איבערגעגעבען מרדכי׳ן א גערוס פון אסתר׳ן.

— מיין פריינד, — האט מרדכי זיך אפגערופען צו התך׳ן, — איך האב זעהר א וויכטיגען בריעף פאר אסתר׳ן. נעהם דעם בריעף און גיב עס גלייך איבער אסתר׳ן. זעה אז זי זאל עס גלייך לעזען און דו ברייננ מיר א תשובה.

התך האט גענומען דעם בריעף און איז אוועק צו דער קעניגין אין פאלאץ.

אסתר איז געווען פארנומען. אבער ווען מען האט איהר איבערגעגעבען אז התך קומט נאך וואס פון מרדכי׳ן האט זי איהם געהייסען גלייך אריינקומען.

התך איז אריינגעקומען, זיך פארנייגט, און גלייך איהר איבערגעגעבען מרדכי׳ס בריעף.

אסתר האט דאן גלייך איבערגעלייענט דעם בריעף, און איהר פנים איז בלאס געווארען פון שרעק.

— געה זאג מרדכי׳ן, — האט אסתר זיך אפגערופען צו התך׳ן, — אז איך וועל גלייך טהאן וואס ער ראטה מיר.

התך איז ארויסגעגאנגען און אסתר האט צוגערופען איהרע קאמער־מיידלעך און זיי געהייסען שנעל ברייננען איהרע קעניגליכע קליידער.

באלד האבען די קאמער־מיידלעך געבראכט אסתר׳ס שעהנע קליידער און איהר געהאלפען זיך אנטהאן.

אסתר איז אין דער בעגלייטונג פון איהרע קאמער־מיידלעך אוועק צו אחשורוש׳ן.

גראדע איז ער דאן געווען פערנומען מיט זיינע מיניסטארען. אבער ווי נאר מען האט איהם געמאלדען אז די קעניגין איז געקומען, האט ער גלייך זיינע מיניסטארען אוועקגעשיקט און געהייסען אסתר׳ן אריינקומען.

אסתר האָט זיך פאַרנייגט פאַר'ן קעניג און אחשורוש האָט אויסגעשטרעקט זיין גאָלדענע רוט.

אסתר האָט אָנגעריהרט די רוט, און זי האָט זיך געזעצט נעבען קעניג.

— מיין קעניג, איך האָב דיר זעהר א וויכטיגע זאַך צו זאָגען, — האָט אסתר אויסגערופען מיט א נידעריגער שטימע.

אחשורוש האָט א וואונק געטהאָן צו אלע זיינע לייבוועכטער און דיענער און זיי זיינען גלייך אַרויס פון צימער.

— אָה, מיין האַר קעניג! דיין לעבען איז אין גרויס געפאַהר! — האָט אסתר אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען.

אחשורוש האָט איהר אָנגעקוקט מיט שרעק.

— וואָס האָט פּאַסירט, מיין טהייערע אסתר! — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען, אָננעהמענדיג איהר האַנט.

אסתר האָט איבערגעגעבען אלעס וואָס מרדכי האָט איהר געשריבען וועגען בגתן און תרש, וועגען זייער פּלאַן ווי צו פאַרנעהמען דעם שר המשקים'ס פּלאַץ און וועגען דעם טויטליכען סם... אלע איינצעלהייטען האָט זי איהם דערצעהלט, און פאַרענדיגט: "דאָס האָט געהערט דער איד מרדכי, ער פאַרשטעהט פיעלע שפּראַכען און זיי האָבען געמיינט אז ער וועט זייער שפּראַך נישט פאַרשטעהן, דאַריבער האָבען זיי זיך נישט געהיט פאַר איהם".

— איך דאַנק דיר, אסתר! — האָט אחשורוש איהר געקושט, — איך וועל שוין זיין דערצו געגרייט און איך וועל די זאַך אויספאָרשען, און אויב עס איז ריכטיג, וועלען די צוויי פעררעטהער בעקומען זייער שטראָף.

ווי אסתר האָט פאַרלאָזען דעם קעניג, האָט ער גלייך צוגערופען זיינע געטרייעסטע דיענער און איבערגעגעבענע העלדען און ער האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך וויל איהר זאָלט האַלטען אייערע אויגען אויף בגתן און תרש... זיי ביידע זאָלען נישט אריינגעלאָזען ווערען אינעווייניג אָהן מיין ערלויבניס.

יענעם טאָג האָט דער קעניג מעהר קיין וויין נישט געטרונקען. ווען זיין שר המשקים האָט איהם געבראַכט וויין, האָט ער געמאַכט ווי ער טרינקט, אָבער ער האָט בלויז דאָס צוגעריהרט צו זיינע ליפּען.

אויף מאָרגען אין־דער־פריה האָבען זיך בגתן און תרש ווידער באַגעגענט נעבען דעם טויער... שטיל אָהן רייד זיינען זיי אריין אינעווייניג אין הויף און צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו דער שר המשקים האָט זיך געפונען.

אריינצוקומען אינעווייניג וואו דער שר המשקים פלעגט מישען די געטראַנקען פאַר דעם קעניג איז געווען פאַרבאָטען, דאַריבער האָט תרש זיך אוועקגעשטעלט נעבען פענסטער און ער האָט דעם שר המשקים אַרויסגערופען פון זיין וואָהנונג.

דער שר המשקים האָט געמיינט אז דער קעניג האָט נאָך איהם געשיקט און איז גלייך אַרויסגעקומען.

בגתן איז געלעגען בעהאַלטען אין א טונקעלען פּלאַץ פון קאָרידאָר.

תרש איז דעם שר המשקים אנטקעגען געקומען און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך האָב פאַר דיר זעהר א וויכטיגע שליחות פון דעם קעניג. אויב קיינער געפינט זיך ניט דאָ נישט וועל איך דיר זאָגען.

— דו קענסט מיר זאָגען, — האָט דער שר המשקים אויסגערופען, — דו

ווייסט דאָך אַז אינעווייניג טאָר זיך קיין שום מענש נישט געפינען, א חוץ מיר.

פלוצלונג האָט בגתן פון הינטען זיך א וואָרף געטהאָן אויף דעם שר המשקים און גלייך גענומען פארשטאָפען זיין מויל.

דער שר המשקים האָט זיך גענומען ראנגלען, אָבער תרש איז גלייך געקומען בגתן'ען צו הילף און זייביידען האָבען איהם געבונדען הענט און פיס.

— אויב דו וועסט וויסען ווי צו שווייגען וועט דיר קיין שלעכטס נישט געשעהן, — האָט בגתן זיך צו איהם אָפּגערופען, פארשטאָפענדיג זיין מויל מיט א טוך.

בגתן און תרש האָבען דעם געבונדענעם שר המשקים אריינגעטראָגען אין זיין צימער, און זיי האָבען זיך גלייך גענומען צומישען דעם געטראַנק.

תרש האָט אריינגעשאָטען דעם טויטליכען סם אין דער פלאַש וויין, און אויך אין אחשורוש'ס בעכער, און ער האָט געזאָגט צו בגתן'ען: "דו געה גלייך אוועק אין פּאַלאַץ און גיב איבער דעם קעניג אַז דער שר המשקים איז פלוצלינג קראַנק געוואָרען, און ער האָט מיך געבעטען צו פארנעהמען זיין פּלאַץ. איך וועל שוין זיין גרייט".

בגתן האָט צורעכט געמאכט זיינע קליידער און ער איז אריין אין פּאַלאַץ און זיך געשטעלט אויף זיין פּאָסטען. ער האָט געבעטען מען זאָל פאר איהם קריגען ערלויבניש פון דעם קעניג ער זאָל קענען אריינקומען אינעווייניג, ווייל ער וויל דעם קעניג עפּעס זאָגען.

אחשורוש האָט איהם די ערלויבניש געגעבען און בגתן איז אריינגעקומען און זיך פארנייגט.

— מיין האר קעניג, — האָט ער אויסגערופען, — ווען איך און תרש זיינען פארבייגעגאַנגען די וואָהנונג פון דעם שר המשקים, האָט ער דורך זיין פענסטער צוגערופען תרש'ן און איהם געזאָגט, אַז ער איז פלוצלינג קראַנק געוואָרען און עס וועט פאר איהם נישט זיין מעגליך היינט צו טהאָן זיין פליכט און ברייגנען דעם וויין פאר דעם קעניג ווי זיין שטייגער איז. יעצט בין איך געקומען פרעגען דעם קעניג אויב ער וועט נישט האָבען דאגעגען אַז תרש זאָל פארנעהמען בלויז אויף היינטיגען טאָג דעם פּלאַץ פון שר המשקים.

— פאר וואָס זאָל איך זיין דאגעגען? — האָט אחשורוש א שמייכעל געטהאָן, — תרש איז מיר געטריי און איבערגעבען אזוי ווי דו, און דאריבער קענסטו איהם איבערגעבען אין מיין נאָמען אַז ער מעג מיר היינט ברייגנען דעם וויין...

בגתן האָט זיך ווידער פארנייגט און איז גלייך ארויסגעגאַנגען און מיט שנעלע טריט געלאָפען אָנזאָגען תרש'ן.

— אח, תרש! געלויבט זיינען די געטער! זיי פיהרען אונז אויף דעם ריכטיגען וועג. אחשורוש איז געווען זעהר צופרידען וואָס דו פארנעהמסט היינט דעם פּלאַץ פון דעם שר המשקים! שנעלער ברייגג דעם וויין פאר דעם קעניג... שטאַרק זיך מיין פריינד, פארליר נישט דיין מוט! געדענק וואָס דאָס מיינט פאר אונז ביידען! דערמאָהן זיך אַן אסתר'ן... יאָ, זי וועט זיין דיינע!

בגתן האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף דעם פּאָסטען און תרש איז אריינגעקומען מיט א טאַץ אויף וואָס עס איז געשטאַנען א פלאַש רויטער וויין מיט דעם קעניג'ס גאָלדענעם בעכער.

תרש איז נעהענטער צוגעקומען צום טראָהן און האָט זיך א נייג געטהאָן.

— דו ביזט ווילקאָממען אלס מיין נייער שר המשקים! — האָט אחשורוש אויסגערופען מיט א שמייכעל, — איך זעה אז דו ווייסט ווי צו טהאָן דיין ארבייט ווי א געניטער שר המשקים. איך מוז בעדאַנקען אויך בגתן׳ען ווייל ער האָט דיך רעקאָממענדירט צו מיר.

— רופט איהם אריין! — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע לייבוועכטער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים טיהר פון אינעוויינינג.

באַלד איז בגתן אריינגעקומען.

— דו קענסט צוקומען גאַנץ נאָהענט, בגתן!... איך האָב נאָר וואָס געטראַכט וועגען דיר און תרש׳ן... איהר האָט ביידע פאַרדיענט דערהויבען צו ווערען צו העכערע עמטער. ביידע זייט איהר מיר זעהר געטריי און איך האָב בעשלאָססען אייך אָנצוטהאָן א גרויסען כבוד... איהר וועט צוזאַמען מיט מיר טרינקען פון דעם וויין... יא, פון דעם זעלבען בעכער וועט איהר טרינקען... און זאָלען מיינע איבריגע קנעכט וויסען אז דער קעניג ווייס וואָס פאַר א כבוד אָנצוטהאָן זיינע געטרייע דיענער!...

— מיין האַר קעניג! — האָט בגתן אויסגערופען און זיין פּנים האָט זיך געביטען קאָלירען, — מיר האָבען זיכער אזא כבוד נישט פאַרדיענט.

תרש׳עם הענט האָבען אָנגעהויבען ציטערען און דער טאָץ מיט דעם וויין־בעכער האָבען זיך גענומען טרייסלען.

— פיל אָן דעם בעכער מיט וויין! — האָט אחשורוש זיך אָפּגערופען צו תרש׳ן, — איך וועל טרינקען א פריהער און דערנאָך וועל איך אייך מכבד זיין פון דעם זעלבען בעכער.

בגתן האָט געוואָרפען א בליק אויף תרש׳ן און תרש האָט גלייך אָנגעפילט דעם בעכער מיט וויין און דערלאַנגט דעם קעניג.

אחשורוש האָט דעם בעכער גענומען אין האַנד און האָט געמאַכט א פאַרזוך איהם צוצוטראָגען צו זיינע ליפּען... אָבער ער האָט זיך אָפּגערופען:

— איך האָב בעשלאָססען אייך ביידען אָנצוטהאָן א פיעל גרעסערען כבוד... איהר וועט ביידע טרינקען פון דעם וויין איידער איך וועל טרינקען... דאָס איז א כבוד וואָס קיינער פון מיינע דיענער האָט נאָך ביז איצט נישט געקראָגען.

— אָה, ניין, מיין האַר קעניג! ווי אזוי וועלען מיר קענען טהאָן אזא זאַך און טרינקען פון דעם וויין איידער דער קעניג האָט געטרונקען... עס איז נאָך נישט געפונען געוואָרען אזא מאָן אין אַלע מדינות פון דעם קעניג וועלכער זאָל ווערטה זיין צו האָבען אזא כבוד פון דעם קעניג.

— דו און תרש האָבען עס אָבער פאַרדיענט! — האָט אחשורוש אויסגערופען, דערלאַנגענדיג בגתן׳ען דעם בעכער, — דו דאַרפסט נישט זיין ביי זיך געפאַלען, טרינק פון דעם וויין...

בגתן האָט מיט ציטערנדע הענד גענומען דעם בעכער און איהם א ווייַלע געהאַלטען. זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

— פאַר וואָס טרינקסטו נישט?! — האָט אחשורוש איהם געפרעגט.

— אה, מעכטיגער קעניג! זאָל תרש טרינקען פריהער! ער האָט דיזען כבוד פאַרדיענט מעהר ווי איך!

— ניין, ניין! זאָל בגתן טרינקען! — האָט תרש אויסגערופען, און ער האָט גענומען נאָך מעהר ציטערען.

— איך האָב דיזען גרויסען כבוד נישט פאַרדיענט! — האָט בגתן אויסגערופען מיט אַ ציטערנדע שטימע, — נישט שטענדיג בין איך געווען אַזוי געטריי דעם קעניג ווי יעצט... יאָ, עס איז געווען אַ צייט ווען איך בין שטאַרק אייפערזיכטיג געווען אויף דעם קעניג... אָה, ניין! איך האָב אַזאַ כבוד נישט פאַרדיענט... איך האָב ליעב געהאַט די קעניגין ושתי... איך האָב פיעלע מאָל אין מיין הארצען געזינדיגט געגען זיין מאַיעסטעט! אָבער מיין פריינד תרש, ער איז ריין פון זינד, ער פאַרדיענט צו האָבען דעם כבוד און צו טרינקען פריהער פון דעם קעניג׳ס וויין.

— לויט זיינע רייד, איז ער גערעכט! — האָט אחשורוש זיך געווענדעט צו תרש׳ן, — דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שלעכטע געדאַנקען וועגען מיר, און דאַריבער האָסטו פאַרדיענט דיזען כבוד צו טרינקען דער ערשטער פון מיין וויין.

— אָה, גנעדיגער קעניג! איך האָב אויך זעהר פיעל געזינדיגט געגען קעניג, איך בין געווען דער פערמיטלער צווישען בגתן׳ען און ושתי׳ן, איך האָב זייערע ליעבעס צעטעלעך געפיהרט פון איינעם צום צווייטען. יאָ, איך האָב אַ סך געהאָלפען בגתן׳ען אין זיין ליעבע צו ושתי׳ן, דאַריבער האָב איך געוויס אַזאַ כבוד נישט פאַרדיענט.

פּלוצלינג האָט זיך די טיהר פון צימער אויפגעעפענט און עטליכע פון אחשורוש׳ס העלדען האָבען אויף זייערע הענד אַריינגעטראָגען דעם געבונדענעם שר המשקים.

ווען בגתן און תרש האָבען דערזעהן דעם שר המשקים האָבען זיך ביידע שנעל אַ לאָז געטהאָן צום טיהר... זיי זיינען אָבער דאָרטען גלייך פאַרהאַלטען געוואָרען... די לייבוועכטער האָבען זיי געבונדען לויט דעם קעניג׳ס באַפעהל און זיי צוגעפיהרט צום טראָהן.

מען האָט גלייך אַרויסגענומען די טוך פון שר המשקים׳ס מויל און איהם אויפגעבונדען.

— אָה, מיין האַר קעניג! — איז דער שר המשקים געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דעם באָדען, — געלויבט זיינען די געטער פון פּרס... קיין שלעכטעס איז דעם קעניג נישט געשעהן.

דער שר המשקים האָט דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און ער האָט פאַרענדיגט:

— אָה, ווי שלעכט און ביטער איך האָב געפיהלט ווען איך האָב געהערט וועגען זייער שוידערליכען פּלאַן... איך האָב געוואוסט, אַז אַט באַלד, באַלד וועלען זיי מאַכען אַ סוף צו דעם קעניג׳ס לעבען... איך האָב זיך אָבער פון מיין פּלאַץ נישט געקענט ריהרען... אָה, די געטער האָבען בעשיצט דעם קעניג.

— מיין ליעבע און געטרייע קעניגין אסתר זי האָט מיין לעבען גערעטעט!

— האָט אחשורוש זיך אָפּגערופען, — זי איז צו מיר געקומען און מיך געוואָרנט וועגען דער פאַרשווערונג... און יעצט האָב איך זיך דורך דעם דערוואוּסט פון נאָך אַ זאַך פון גרויס וויכטיגקייט... איך האָב זיך דערוואוסט פון דיזע צוויי פערדעטהער אַז ושתי איז מיר די גאַנצע צייט געווען אונגעטריי... יעצט וועט מיר

שוין מעהר מיין געוויסען נישט פּלאגען, אז פיעלייכט האב איך בעגאנגען אן אומרעכט געגען ושתי׳ן... יא, זי האט דעם טויט פערדיענט, און דיזע פערדעטער וועלען יעצט ביידע געהן צו איהר... נאר איידער זיי געהן בעזוכען ושתי׳ן, וועלען זיי זיך אנ׳שכור׳ן מיט דעם טהייערען וויין וואס תרש האט נאר וואס פאר מיר געבראכט... יא, זיי מוזען טרינקען פון דעם וויין... — האט אחשורוש אויסגערופען.

באלד זיינען צוגעקומען צוויי דיענער און צוגעטראגען דעם בעכער וויין צו בגתן׳ען.

בגתן האט פארמאכט זיין מויל און נישט געוואלט טרינקען. אבער די צוויי דיענער האבען זיין מויל אויפגעעפענט און מיט געוואלד אריינגעגאסען דעם וויין אין זיין מויל. דיזעלבע זאך האבען זיי געטהאן צו תרש׳ן.

ביידע האבען זיך גענומען ווארפען אין קאנוואולסיען... זיי האבען גענומען שרייען און זיך קארטשען פון יסורים.

— זאל מען זיי ביידע אויפהיינגען אויף א בוים נעבען פּאלאץ! — האט אחשורוש באפוילען, — און זאלען אלע וויסען וואס עס ווערט געטהאן צו פערעטהער.

מען האט בגתן׳ן און תרש׳ן ארויסגעפיהרט פון פּאלאץ און זיי ביידע אויפ־געהאנגען אויף א בוים.

יענעם אבענד האט אחשורוש געמאכט א מאלצייט און איינגעלאדען זיין קעניגין אסתר.

— דו האסט מיין לעבען גערעטעט, מיין ליעבע אסתר! — האט איהר אחשורוש געקושט, — איך בין דער גליקליכסטער קעניג וואס דו ביזט מיין קעניגין... זאג דאך מיר, אסתר, ווי אזוי האסטו זיך פון דעם אלעם דערוואוסט?

— איך האב דיר שוין גלייך געזאגט, אז דער איד מרדכי וועלכער זיצט אין דעם טויער פון דיין פּאלאץ, האט געהערט וועגען דער גאנצער פארשווערונג און ער האט מיר וועגען דעם געשיקט אנזאגען און איך האב קיין רגע נישט פארלארען און געלאזט מיין האר וויסען פון דעם.

— זאל דאס אלעס פארשריבען ווערען אין די צייט־ביכער! — האט אחשורוש זיך אפּגערופען צו דעם שרייבער וועלכער פארצייכענט אין די ביכער אלע פּאסירונגען פון טאג.

דער שרייבער האט געבראכט די ביכער און דארט גענומען אריינשרייבען די גאנצע פּאסירונג.

— און שרייב דארטען צו, אז מיין געטרייע קעניגין אסתר האט גערא־טעוועט דעם קעניג׳ס לעבען.

— ניין! — האט אסתר אויסגערופען מיט א שמייכעל, — דאס וועט זיין דאס איינציגע מאל וואס איך וועל דיך ווידערשפּרעכען, מיין האר קעניג, אבער זאל דער שרייבער אריינשרייבען אין די ביכער אז דער איד מרדכי, וועלכער זיצט אין דעם טויער פון דעם קעניגליכען פּאלאץ, האט דעם קעניג געראטעוועט פון טויט!

— שרייב ווי די קעניגין הייסט דיר! — האט אחשורוש געזאגט, און א גליקליכער שמייכעל האט זיך צושפּיעלט איבער זיין פּנים.

דער שרייבער האָט אזוי געטהאָן... ער האָט אריינגעשריבען אין צייט־בוך וואָס אסתר האָט איהם געהייסען.

## ניינטער קאַפּיטעל

# המן ווערט דערהויבען

זעהר ווענ‍יג האָט מען אין שושן גערעדט וועגען די צוויי פאַררעטער, בגתן און תרש און ווי אזוי מרדכי האָט געראטעוועט דעם קעניג׳ס לעבען. שטאָלץ און זיכער זיינען איצט די אידען געווען. זיי האָבען געפיהלט, אז זייער מצב אונטער אחשורוש׳עס הערשאַפט איז שטארק באַפעסטיגט... יע, צוויי פעס־טונגען פאַרמאָגען זיי איצט געגען זייערע שונאים, מרדכי און אסתר, און וואָס וועט אחשורוש נישט טאָן צוליב זיי?

אויך המן האָט פיל שטאָלצירט מיט דעם, וואָס דער קעניג פאַררעכענט איינגאַנצען אויף זיין חשבון דאָס, וואָס אסתר איז געוואָרען זיין קעניגין.

— ווען נישט איך, וואו וואָלט איצט אחשורוש געווען? — האָט המן זיך אָפּגערופען צו זיין פרוי זרש׳ן און צו זיינע קינדער בעת זיי זיינען געזעסען ביים טיש און געטרונקען וויין. — בגתן און תרש האָבען איהם געוואָלט פאַר־סמ׳ען, אָבער איז געקומען אסתר... די זעלבע אסתר, וועמען איך האָב גע־בראַכט צום קעניג, און איהם פון טויט געראטעוועט.

— פאַרוואָס זאָגסטו דאָס נישט צו דעם קעניג! — האָט זרש זיך צו איהם אָפּגערופען. — זאָל ער וויסען, אז ער האָט דיר צו באַדאַנקען פאַר זיין לעבען.

— וואָס דען, ער וויים דאָס נישט? — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל, דו האָסט געדאַרפט זעהן מיט וואָס פאַר א דאַנקבאַרע אויגען ער האָט אויף מיר געקוקט, בעת ער האָט געלויבט אסתר׳ן פאַר איהר איבערגעבענהייט.

— דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג! — האָט זרש אויסגערופען. — דו דאַרפסט זעהן איבערצוצייגען אחשורוש׳ן, אז דו ביזט דער איינציגער אחוץ אסתר׳ן, וועלכער פאַרדינט דעם קעניג׳ס אנערקענונג... ווייל אויב דו וועסט אויפהערען צו ריידען וועגען דעם, קען דאָך נאָך זיין, אז מרדכי, דער איד, זאָל דערמאָנט ווערען צום גוטען... און דאָס טאָרסטו נישט דערלאָזען...

— וועגען דעם, זרש, דאַרפסטו גאָרנישט זאָרגען! — האָט המן גע־שמייכעלט. — דער קעניג האָט שוין לאַנג פאַרגעסען אין מרדכי׳ן. אמת, אין די ביכער זיינען פאַרשריבען געוואָרען, אז דעם קעניג׳ס לעבען איז געראטעוועט געוואָרען דורך דעם אידען מרדכי, אָבער ביז איצט האָט דער קעניג אפילו זיין נאָמען מעהר נישט דערמאָנט.

— דערפאַר טאַקע זאָג איך, אז דו זאָלסט יעדען טאָג דערמאָנען אחשורוש׳ן וועגען דעם, און זאָגען איהם ווי גליקליך דו ביזט, ווען דו טראַכסט, אז דו האָסט א חלק אין ראטעווען דעם קעניג פון א זיכערען טויט.

— איך וועל דיר פאָלגען, זרש! — האָט המן אויסגערופען. — איך וואָלט זעהר געוואָלט שטייגען... איך בין נישט צופרידען דערמיט וואָס אחשורוש האָט מיך געמאַכט פאַר זיין מיניסטער, ממוכן איז נאָך אַלץ זיין הויפּט־מיניס־טער און דו ווייסט דאָך ווי שטארק איך קען איהם נישט ליידען... יעדעס מאָל

ווען ער קען נאר, זאגט ער א שטעכווערטעל אויף מיין חשבון... יא, איך האב זעהר א גרויסען חשק צו פארנעמען ממוכנ׳ס פלאץ, און איהם זאל דער קעניג איינגאנצען ארונטערזעצען פון זיין גדולה.

— דאס דארף דיר נישט זיין גאנץ שווער דורכצופיהרען, מיין ליבער המן!

— האט איהם זרש א קוש געטאן. — איז דען פאראן איינער צווישען אלע באאמטע פון קעניג, וועלכער זאל זיין אזוי קלוג ווי דו... זארג נישט, דער קעניג ווייס, אז צו דיין חכמה איז קיין גלייכען נישטא.

המן האט זעהר ליב געהאט צו הערען פון זרש׳ן אזעלכע חניפה רייד... זעלטען פלעגט איהם אויסקומען צו הערען פון איהר א גוטעןווארט, אבער לעצטענס האט זיך זרש איינגאנצען געענדערט. המן האט זיך געפיהלט מעהר תקיפ׳ער און זעהר וויכטיג אין הויז. זיינע זיהן און טעכטער האבען שטאלצירט מיט זייער פאטער און געזוכט עס ארויסצוצייגען פאר אלע זייערע באקאנטע. איבערהויפט האבען המנ׳ס צוויי עלטערע זיהן, פרשנדתא און דלפון געזוכט זיך אויסצופיינען צווישען זייערע באקאנטע אידישע שכנים. המנ׳ס זיהן האבען גענומען נאכגעהן אין די פוסטריט פון זייער פאטער. זיי האבען אויך געוואוסט, אז די אידישע מיידלעך זיינען די שעהנסטע אין שטאדט אין דעריבער האבען זיי געזוכט זיך צו געפינען אין זייער געזעלשאפט, און נישט איינמאל פלעגען זיי באלעסטיגען די אידישע מיידלעך מיט זייערע ליבעס־ערקלערונגען.

די אידישע פאטערס אבער, זיינען געווען נישט איבעריג צופרידען פון די אפטע באזוכען פון המנ׳ס זיהן. זיי האבען זיך געפרעהט, אז המן האט זיי שוין אויפגעהערט צו באלעסטיגען, און איצט קומט גאר אויף זיי א נייע אנשיקעניש — המנ׳ס זיהן! וועגען דעם האבען די אידען נישט איינמאל גערעדט צווישען זיך.

— ווי אזוי ווערט מען פטור פון זיי? — האט זיך איין איך אפגערופען

— ווען איך קום אהיים, אזוי געפין איך איינעם פון המנ׳ס זיהן שטעהענדיג נעבען מיין הויז. מיינע טעכטער האבען מורא ארויסצוגעהן אין דרויסען צוליב דעם. נישט איינמאל האב איך זיך ביי איהם געבעטען ער זאל אויפהערען צו באלעסטיגען מיין טאכטער, אבער עס העלפט נישט... מיין פרוי איז אויך שטארק פארצווייפעלט. איך האב שוין געהאט ביי זיך אפגעמאכט איך זאל איהם פארזאגען פון מיין הויז, זאגט מיר אבער מיין פלונית׳טע, אז מיר טארען זיך איצט נישט אנפאנגען מיט המנ׳ס א זוהן. המן איז דאך געווארען אחשורוש׳עס א מיניסטער, און ער קען אונז נאך שלעכטס טאן.

— איך האב אויך א סך געליטען פון המנ׳ס צוויי עלטערע זיהן, — האט א צווייטער איך זיך אפגערופען. — איך האב זיך ביי זיי געבעטען מיט גוטען זיי זאלען מיינע טעכטער צורוהלאזען, אבער עס האט נישט געהאלפען. זיי פלעגען קומען יעדען טאג און שטעהן אונטער דעם פענסטער און רופען מיינע טעכטער. ביז איך איינמאל צו זיי צוגעגאנגען און...

—וואס, דו האסט געשלאגען המנ׳ס זיהן?! — האט דער ערשטער איך איהם אונטערבראכען.

— ניין, איך האב זיי דוקא נישט געשלאגען, איך האב זיך צו זיי אפגערופען:

— זאָגט מיר, וואָס פאַרלאַנגט איהר?

— מיר זיינען געקומען פאַרברייינגען מיט דיינע טעכטער, — האָבען זיי מיר געענטפערט. — דיינע טעכטער זיינען די שעהנסטע פון שטאָדט.

— און ווער זייט איהר? — האָב איך זיך ניש וויסענדיג געמאַכט.

— ווער מיר זיינען?! — האָבען מיר ביידע אַנגעקוקט מיט ערשטוי־נונג, — ווייסטו דען נישט, אז מיר זיינען המנ'ס זיהן!!

— המן? המן! — האָב איך גענומען קנייטשען דעם שטערען, — לאָמיר זיך דערמאָנען ווער איז אָט דער המן?

איך האָב באַמערקט ווי דאָס בלוט האָט א זעץ געטאָן אין זייערע פּנים'ער.

— וואָס דו האָסט נישט געהערט פון המן דעם זוהן פון המדתא, דער אגגי?! ער איז דאָך...

— אָה, יע! — האָב איך זיי פאַרכאַפּט, — איצט האָב איך זיך דער־מאָנט, דאָס איז געווים דער המן, וואָס איז געוועזן א בעדער אין אונזער באָד... ריכטיג, נישט איינמאָל האָט ער מיר געשאָרען!.... איצט ווייס איך שוין ווע־איהר זייט, איהר זייט די זיהן פון המן דעם בעדער!

מיינע טעכטער, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען פענסטער און זיך צוגע־הערט צו מיין געשפּרעך מיט זיי האָבען אויסגעשאָסען אין א געלעכטער און די פּנים'ער פון המנ'ס ביידע זיהן האָבען זיך געביטען קאָלירען... זיי האָבען געקריצט מיט די צייהן, געדריקט זייערע פויסטען און זיי האָבען זיך גלייך אָפּגעטראָגען. זינט דאַן זיינען שוין עטליכע וואָכען אַוועק און מעהר באַווייזען זיי זיך נישט אפילו אין דער זעלבער גאַס... יע, דער איינציגער מיטעל ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון זיי. אָה, האָבען זיי פיינט ווען מען דערמאָנט זיי, אז זייער פאָטער איז געוועזן א בעדער!

— לאָמיר טאַקע אָפּמאַכען צווישען זיך, אז ווי נאָר המנ'ס זיהן וועלען זיך באַווייזען אין אונזערע גאַסען, וועט יעדער איינער זיי באַגריסען אלס די זיהן פון דעם בעדער!

— ניין, — האָט זיך נאָך א איד אָפּגערופען, — אומזיסט דאַרפען מיר זיי דאָך נישט באַליידיגען, אָבער ווען זיי וועלען זוכען אונזערע טעכטער צו באַלעסטיגען, דאַן קענען מיר זיך דערמיט באַנוצען, אָבער אויך נישט צו אָפט, וויל מיר קענען נאָך דערמיט אויפרייצען המנ'ען אויף אונז. און מיר ווייסען דאָך, אז קיין גאַנץ גוטער פריינד איז המן אונז קיינמאָל נישט געוועזן! און איצט, אז ער האָט געקראָגען אַזוי פיל מאַכט, וועט ער אונז געווים נישט שיינקען!

— לויט דיינע רייד קומט אויס, אז מיר דאַרפען זיך בויגען פאַר המנ'ען און זיינע זיהן! — האָט זיך אַן עלטערער איד אָפּגערופען. — מיר זיינען נישט מחוייב צו באַליידיגען המנ'ס זיהן ווען זיי לאָזען אונז צורוה, אָבער ווען זיי קומען צו אונז אומגעבעטען און ווילען נישט אָפּטרעטען פון אונזערע היי־זער, מעגען מיר אַנווענדען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרטרייבען זיי. ווינציג האָבען זיך פילע פון אונזערע טעכטער אַנגעליטען פון המנ'ען אַליין... נישקשה קיי־נער פון אונז האָט נאָך נישט פאַרגעסען, ווי אַזוי ער האָט פאַרנאַרט די אידיש'ע מיידלעך צו ושתי'ן... ניין, מיר טאָרען נישט אַרויסצייגען, אז מיר האָבען

מורא פאר המנ׳ען... ווען איינער פון המנ׳ס זיהן וואלט געקומען באלעסטיגען מיין טאכטער, וואלט איך איהם מיט שטעקענס פון מיין הויז פארטריבען!

— געה פאנג זיך אן מיט המנ׳ס צעהן בנים! — האט נאך איינער א זאג געטאן. — ווען דו ווערסט זיי ציינען א שטעקען וועלען זיי דיין הויז מיט שטיינער פארוואַרפען. ווינציג היזק האבען זיי פאראורזאכט אונזער שוהל. ווען זיי זיינען גאנץ יונג געוועז.... דער איינציגער מיטעל איז צו ריידען מיט זיי גאנץ געלאסען און זיי דערמאנען, אז המן האט דיר אמאל ארומגעוואשען אדער ארומגעשארען... ווען זיי וועלען דערהערען אזעלכע דבורים, וועלען זיי שוין ווייכען פון דיין הויז.

---

ווען פרשנדתא און דלפון זיינען צום ערשטען מאל באליידיגט געווארען פון דעם אידען, וועלכער האט זייער פאטער גערופען בעדער, האבען זיי בעת מעשה געברענט פון כעס. זיי האבען גערעכענט זיך נוקם צו זיין אן איהם... באלד אבער האבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז ווען זיי וועלען דערצעהלען זייער פאטער וועגען דעם וועט פאר זיי ווייטער זיין אונמעגליך אריינצוקומען אין דער אידישער נאכבארשאפט. און זיי האבען באשלאסען דערוויל צו פאר־שוויינען און ארונטערשלינגען דיזע באליידיגונג.

— ווען נישט צוליב זיינע צוויי שעהנע טעכטער, וואלט איך שוין דיזע פארפלוכטע אידען געוויזען מיין מאכט! — האט פרשנדתא זיך אפגערופען צו זיין ברודער דלפון. — ער וואלט געזעהן, אז המנ׳ס א זוהן באליידיגט מען נים.

— האסטו געהערט דעם געלעכטער פון זיינע טעכטער? — האט דלפון געזאגט. — זיי האבען זיך אונטערגעהערט אלעס וואס זייער פאטער האט צו אונז געזאגט. מיר וואלט נישט געארט ווען ער זאגט אונז דאס אין דער שטיל, אבער ער האט געשריען אזוי הויך, אז יעדער פארבייגעהער האט געקענט הע־רען. איצט וועל איך זיך שעהמען די אויגען צו ווייזען אין יענעם געגענד.

— דו ביזט א נאר, דלפון! וואס האסטו זיך וואס צו שעהמען? איז נים אונזער פאטער דער מיניסטער פון אחשורוש׳ן? זעהסטו דען נישט, ווי יעדער איינער איז אונז מקנא! מיר דארפען געווים ביי זיך נישט זיין געפאלען, ווען א איד האט געוואלט פון אונז חוזק מאכען... עס זיינען פאראן גענוג שעהנע מיידלעך אין שושן צווישען די אידען און מיר דארפען זעהן, אז קיין זאך זאל אין אונזער וועג נישט שטעהן.

איייניגע טעג האבען די צוויי ברידער זיך נישט באוויזען אין די אידישע גאסען פון שושן, מעהר האבען זיי זיך נישט געקענט באהערשען און זיי האבען גענומען ווידער אפשטאטען באזוכען אין דער אידישער גאס.

— דו זעהסט יענע הויז, וואס שטעהט ביי דער ענד פון גאס? — האט זיך דלפון אפגערופען צו זיין ברודער, — דארטען געפינט זיך א זעלטען שעהנע מיידעל.

— פון וואנען ווייסטו עס? — האט איהם פרשנדתא געפרעגט.

—מיר האט ויזתא דערצעהלט, — האט דלפון געענטפערט. — ער האט זיך פאר מיר באריהמט, אז ער האט מיט יענער מיידעל א היבשע צייט פאר־בראכט און זי האט איהם איינגעלאדען ווידער צו קומען.

— און דו גלויבסט עס איהם? — האט פרשנדתא געזאגט. — דו קענסט

נישט ויזתא׳ן, ער איז דאָך אזא באַריהמער. איך בין זיכער, אז ער איז אפילו נאָהענט נישט צוגעקומען צו איהר הויז... ער האָט איהר פיליכט פון וויטען באַמערקט און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי זי רעדט צו איהם און הייסט איהם קומען א צווייטען מאָל...

— איך האָב איהם אויך נישט געגלויבט, אָבער ער האָט זיך געשוואָרען ביי די געטער פון פרס, אז ער האָט מיט איהר גערעדט.

— אלעס הייסט גערעדט! — האָט פרשנדתא געלאַכט. — זי האָט איהם וואַרשיינליך גוט אויסגעזידעלט און איהם פאַרטריבען פון זיך. וואָס רעז, וועט זיך דאָס אויף איהם אומקוקען, אויף אזא קאַרליק און אזא פאַר־זעהעניש.

— פונדעסטוועגען וואָלט נישט געשאַדט ווען מיר געהען אהין אריבער זאָגען, אז מיר זוכען אונזער אינגסטען ברודער, פיליכט האָט זי איהם געזעהן. און זעהען זיך מיט איהר... מיר וועלען שוין געפינען אן אויסרייד. מיר וועלע, דאַן הערען וואָס זי זאָגט, אין דער זעלבער צייט וועלען מיר זוכען מיט איהר צו פאַרברייגגען.

א היבשע ווייַלע האָבען זיך המנ׳ס צוויי עלטערע זיהן ארומגעדרעהט ארום דער הויז ביז וואַנען זיי האָבען באַמערקט א יונגע מיידעל ארויסקומענדיג.

— זי איז ווירקליך זעהר שעהן! — האָט דלפון זיך אָפּגערופען צו זיין ברודער. — איצט איז אונזער געלעגענהייט צוצוקומען צו איהר.

— גוט, לאָמיר צוגעהן! — האָט פרשנדתא איהם געענטפערט, — אָבער לאָז מיר פריהער אָנפאַנגען צו ריידען צו איהר, ווייל איך ווייס בעסער ווי אזוי צו פאַרפיהרען א שמועס מיט א שעהנער מיידעל.

— דו האָסט שוין פיל ערפאַהרונג, מיין ברודער! — האָט דלפון גע־שמייכעלט. — נישט איין מיידעל האָט דיך שוין פון זיך פאַריאָגט.

— דו וועסט באַלד זעהן ווי אזוי מען פאַריאָגט מיך! — האָט פרשנדתא מיט שטאָלץ געזאָגט. — ווי שעהן א מיידעל זאָל נישט זיין טו איך איהר א גרויס כבוד ווען איך רייד צו איהר.

— דערוויל ווייס איך, אז יעדעס אידישע מיידעל מיט וועמען דו האָסט געמאַכט א פאַרזוך אריינצוגעהן אין א געשפּרעך, איז דיר שטאַרק מוחל דיזען כבוד וואָס דו געהסט איהר אָנטאָן און איז דיר משלח אזוי שנעל ווי מעגליך!

— אויב אזוי וועסטו באַלד בייטען דיין מיינונג, דלפון — האָט פרשנדתא זיך אָפּגערופען און איז גלייך געגאַנגען דער מיידעל אנטקעגען.

— ענטשולדיג מיר, דו שעהנע, דופטענדענדע בלום פון שושן! — האָט ער זיך העפליך א נויג געטאָן. — וועסטו מיר פיליכט קענען זאָגען, אויב דו האָסט געזעהן מיין ברודער!

— דיין ברודער! און ווער ביזטו? — האָט איהם די שעהנע מיידעל אָנגעקוקט.

— איך?! מיר וואונדערט זיך וואָס דו ווייסט נישט ווער איך בין?! איך בין דאָך דער זוהן פון קעניג׳ס מיניסטער, המן.

— אָה, המנ׳ס זוהן... יע, איצט ווייס איך! ער איז דאָך געווען מיין פאָטער׳ס שערער!... ווער קען דאָס נישט המנ׳ען דעם בעדער?! אָבער צום באַדויערען מוז איך דיר זאָגען, אז איך ווייס גאָרנישט וועגען דיין ברודער.

— מיין אינגערער ברודער, ויזתא! — האט פרשנדתא גענומען שטאמלען און דאס בלוט האט איהם א זעץ געטאן אין פנים. — ער האט מיר געזאגט, אז ער פארברייננט מיט דיר... און איצט בין איך איהם געקומען זוכען...

— איך האב מיט דיין ברודער קיינמאל נישט גערעדט, — האט זיך דאס מיידעל אפגעקעהרט פון איהם און איז איהר וועג געגאנגען.

דלפון איז צוגעגאנגען צו זיין ברודער און איהם אריינגעלאכט אין פנים:

— ווי עס ווייזט אויס, וועל איך שוין מיין מיינונג נישט בייטען.

— וואס לאכסטו! — האט פרשנדתא זיך צו איהם אפגערופען. — זעהסטו נישט ווי אלע אידען באליידיגען אונזער פאטער. דאס איז דאך שוין דאס צווייטע מאל, ווי מען רעדט פון אונזער פאטער אלס א בעדער. דאס וואס ער איז איצט געווארען אחשורוש'עס מיניסטער, דאס דערמאנט קיינער ניט. מען מאכט דאך חוזק פון איהם, "ער איז געוועזן מיין פאטער'ס שערער!"

— ווי עס ווייזט אויס, איז ביי אלע אידען אן אפגעמאכטע זאך! — האט דלפון זיך אפגערופען. — זיי ווילען פון אונז פטור ווערען... אבער, ניין, איך וועל זיך מאכען נישט וויסענדיג און זעהן פארברייננען מיט די שעהנע מיידער! איך ווייס פון איין מיידעל, וועלכע איז זעהר צופרידען, ווען איך קום צו צו איהר.

— ניין, איך גלויב, אז מיר דארפען דערצעהלען אונזער פאטער וועגען דעם. זאל זיי דאס נישט פארשוויגען ווערען.

— אבער דערווייל וועט אונזער פאטער מעגליך אונז פארבאטען צו געהן צו פארברייננען מיט די אידישע מיידלעך, — האט דלפון מיט זארג געזאגט.

— און אז דו געהסט שוין יע, טא וואס האסטו פון זיי? — האט פרשנדתא זיך אפגערופען. — מעהר ווי באליידיגונג קריגען מיר פון זיי נישט!

— ווער הייסט דיר זיך נעהמען צום הארצען, — האט דלפון געלאכט. — מיר ארט נישט אויב זיי זאגען, אז מיין פאטער איז אמאל געוועזן א בעדער, אבי די מיידעל איז א שעהנע. אלע ווייסען דאך, אז אונזער פאטער איז איצט זעהר חשוב ביים קעניג!

— און אין מיר ברענט דער כעס אויף די פארפלוכטע אידען, וועלכע וואגען צו ריידען אזוי וועגען מיין פאטער! איך וואלט אז זיי אלעמען געוואלט זעהן א נקמה! — האט פרשנדתא אויסגערופען מיט אויפרעגונג, — ניין, איך וועל זיי דאס נישט שענקען. איך וועל אלעס דערצעהלען דעם פאטער... איך האב איהם איינמאל געהערט ווי ער האט גערעדט צו אונזער מוטער און איהר געזאגט, אז ער האסט אלע אידען פון שושן! און אויב ער וועט זיך צו זיי נעהמען וועט ער זיי קענען גוט אנלערנען.

— און איך וואלט דיך געראטהען מיר זאלען פריהער דערצעהלען אונזער מוטער און הערען וואס זי האט צו זאגען. זי וועט אונז זאגען אויב מיר זאלען דערצעהלען דעם פאטער וועגען דער בעליידיגונג... ווייל נאך אלעמען קענען מיר פאר זיך אליין ערגער מאכען... אויב מיר האבען נאך א קליינע געלעגענהייט אמאל צו פארברייננען מיט א שעהנער מיידעל, וועלען מיר עס זיכער פארלירען.

— דו ווייסט וואס איך דענק? — האט פרשנדתא אויסגערופען, — דאס וואס די אידען ריידען מיט אזא גרינגשעצונג וועגען אונזער פאטער, איז עס פיעלייכט צוליעב דעם וואס נישט אלע ווייסען וועגען זיין גרויסקייט, מעגליך

אז פיעלע ווייסען נאך נישט אז אונזער פאטער איז יעצט איינער פון דעם קעניג'ס מיניסטארען, דאריבער וואלט נישט געשאדעט ווען מיר מאכען די זאך מעהר בעקאנט.

— דו רעדסט נארישקייטען, מיין ברודער, — האט דלפון געזאגט, — ווער ווייסט דען נישט, אין שושן, אז אונזער פאטער איז אויסגעקליבען געווארען פאר אחשורוש'ס מיניסטער? איך וועל דיר זאגען וואס די אורזאכע איז. אלע אידען פון שושן ווייסען אז דער קעניג האט איהם דערהויבען צוליעב אסתר'ן און אזוי ווי אסתר שטאמט פון אידען, דאריבער האבען זיי פאר איהם קיין מורא נישט.

— אבער דער פאטער האט זיי שוין נישט איינמאל געלאזט וויסען, אז אסתר לייקענט דאס זי שטאמט פון אידען! דארפען זיי שוין, דוכט זיך, נישט איבערנעהמען זיך מיט דער קעניגין.

— און טאקע צוליעב דעם וועט נישט אנקומען גאנץ שווער זיך מיט זיי אפצורעכענען, — האט דלפון צוגעגעבען, — נאר מיר וועלען נאך אפווארטען און זעהן וואס ווייטער וועט זיין איידער מיר וועלען מיט דעם פאטער ריידען וועגען דעם.

— דו האסט מיר פריהער געזאגט, אז דו ווייסט פון א מיידעל וועלכע איז זעהר צופרידען אז דו קומסט צו איהר, — האט פרשנדתא זיך אפגערופען, — זאג מיר, ווער זי איז און וואו וואהנט זי?

— דו ביזט נייגעריג צו וויסען, — האט דלפון געשמייכעלט, — האסטו דען ווען עס איז מיר געזאגט ווער דיינע מיידלעך זיינען?

— איך וויים אליין ווער זי איז, — האט פרשנדתא א וואונק געטהאן מיט אן אויג, — זי איז עדה, די טאכטער פון דעם שמיעד, וועלכער וואהנט נישט ווייט פון אונז.

— ווער האט עס דיר געזאגט?

— איך האב דיר איינמאל געזעהן ריידענדיג מיט איהר.

— יא, איך בין זיך מודה אז זי איז דאס מיידעל, — האט דלפון געזאגט, — זי איז גאנץ שעהן און איז געווען גאנץ צופרידען מיט מיר צו פארברייננגען.

— פונדעסטוועגען בין איך זיכער אז ווען דו וועסט צוקומען א צווייטען מאל וועט זי זיך מאכען אז זי ווייסט נישט ווער דו ביזט. און דערנאך וועט זי א קנייטש טהאן מיט איהר שטערען און זיך דערמאנען, אז "המן איז געווען א בעדער".

— וועגען דעם בין איך אויך נישט בעזארגט! — האט דלפון איהם גע־ענטפערט, — ווייל עדה האט מיר געזאגט, אז איך דארף שטאלצירען צו האבען אזא פאטער וועלכער איז א מיניסטער ביי אחשורוש'ן.

— און דעם צווייטען מאל וועט זי דיר זאגען אז דו דארפסט שטאלצירען מיט דיין פאטער ווייל ער איז פון א בעדער געווארען א מיניסטער.

— עדה איז נישט אזוי ווי די אנדערע אידישע מיידלעך! — האט דלפון געזאגט, — איהר פאטער איז א איד און איהר מוטער איז א פערסישע פרוי.

— פון וואנען ווייסטו עס אלעס? — האט פרשנדתא איהם געפרעגט מיט א שטיקעל קנאה.

— זי האט מיר אליין אלעס דערצעהלט, — האט דלפון געזאגט, — און

דאריבער טאקע וואהנט זי נישט אין דער אידישער נאכבארשאפט פון שושן! ווייל די אידען האבען אויף איהר פאטער זעהר קרום געקוקט... יעצט זעהסטו שוין מיין ברודער אז כאטש זי איז אזוי שעהן ווי די איבריגע אידישע טעכטער איז זי דאך אין גאנצען אנדערש פון זיי... זי האט א גרויסען חשק צו ווערען דער קעניגינ׳ס א קאמער־מיידעל אדער דינסט, און איך האב איהר פארשפראכען אין דעם באהילפיג צו זיין.

— דו וועסט איהר באהילפיג זיין? — האט פרשנדתא געלאכט, — און זי, די נארישע מיידעל גלויבט עס דיר?!... אויב עס וועט געלינגען אונזער פאטער ארייינצונעהמען איינעם פון זיינע זיהן אין פאלאץ, וועל איך דאס זיין דער יעניגער און נישט דו. טא ווי אזוי קענסטו זיך גאר באריהמען פאר איהר אז דו וועסט איהר העלפען אין דעם!

— און איך בין זיכער אז דער פאטער וועט זעהן אז, אייניגע פון אונז זאלען אריינקומען אין פאלאץ. איך האב איהם נישט איינמאל געהערט ריידען פון דעם. עס וועט איהם נישט שווער אנקומען צו קריגען פאר עטליכע פון אונז באשעפטיגונג אין פאלאץ.

—אויב דו וועסט מיר צוזאגען פארצושטעלען פאר איהר, וועל איך דיר נישט שטערען, — האט פרשנדתא געזאגט, — מעגליך אז זי האט אויך א שוועסטער.

— דאס ווייס איך נישט, אבער זי איז זעהר פריינדליך, און אויב דו ווילסט, קענסטו מיט מיר יעצט אהין צוגעהן. איך וועל דיך פארשטעלען פאר איהר. אויב דו וועסט מיר פארשפרעכען דערוויל דעם פאטער נישט דערצעהלען וועגען דער בעליידיגונג וואס עס איז אונזביידען אויסגעקומען אויסצושטעהן פון די אנ־דערע אידישע מיידלעך.

פרשנדתא האט איהם פארשפראכען און זיי זיינען ביידע אוועק צו דער קוזניע. דארטען האבען זיי געטראפען ירוחם דעם שמיעד ביי זיין ארבייט, און זיי האבען איהם באגריסט.

— איהר זייט אימער ווילקאמען אין מיין הויז, איהר זיהן פון המן — האט ירוחם זיך צו זיי אפגערופען.

— איז דיין טאכטער צו הויז? — האט איהם דלפון געפרעגט.

— יא, זי געפינט זיך אין הויז! — האט ירוחם געענטפערט, — איהר קענט ביידע אריינקומען.

— נו, יעצט זעהסטו שוין ווי פריינדליך ער איז צו מיר, — האט דלפון זיך אפגערופען, — און זיין טאכטער איז נאך מעהר פריינדליכער צו מיר.

זיי זיינען אריין צום שמיעד אין הויז און דארטען האבען זיי געטראפען עדה׳ן מיט איהר מוטער, די פרסית.

ביידע ברידער זיינען גאנץ ווארעם אויפגענומען געווארען פון דער פרסית.

דלפון האט פארגעשטעלט פרשנדתא׳ן פאר עדה׳ן און זי האט מיט זיי פארבראכט א היבשע צייט.

ווען זיי האבען פארלאזען איהר הויז, האט זיך פרשנדתא אפגערופען צו דלפון:

— מערקווירדיג, דאכט זיך זי וואהנט נישט ווייט פון אונזער נאכבאר־שאפט, און איך האב איהר געוויס פיעלע מאל געזעהן, אבער זי איז קיינמאל

נישט געווען אזוי צוציהענד שעהן ווי יעצט. זי איז דאךווירקליך א זעלטענע שעהנהייט. זי האט גאר קיין עהנליכקייט צו איהר מוטער.

— און זי איז געווען אזוי פריינדליך צו אונז, נישט אזוי ווי די איבריגע אידישע טעכטער.

— ווי איך פארשטעה, — האט זיך דלפון אפגערופען צו זיין ברודער, — פיהלט זיך עדה גאנץ איינזאם. די אידען פון שושן האבען מיט איהר פאטער נישט קיין מגע ומשא, און דאריבער לעבען זיי אפגעזונדערט פון זיי.

פרשנדתא האט יענע נאכט נישט געקענט רוהיג שלאפען. פאר זיינע אויגען האט פארבייגעשוועבט די שעהנע געשטאלט פון עדה'ן. ער האט זיך נישט געקענט מוחל זיין פארוואס ער האט זיך מיט איהר נישט געזעהן פאר זיין ברודער.

אויף מארגען גאנץ פריה האט פרשנדתא גענומען זיין פערד און איז אוועקגעריטען צום שמיעד.

— איך וואלט וועלען דו זאלסט אויסשמידען נייע פאדקאוועס פאר מיין פערד, — האט ער זיך געווענדעט צו ירוחם'ן און אריינגעפיהרט זיין פערד צו איהם אין קוזניע.

אין דער צייט וואס דער שמיעד איז געווען פארנומען מיט זיין ארבייט, האט פרשנדתא פערברענגט מיט עדה'ן... ער האט איהר דערצעהלט פון זיין פאטער'ס גרויסקייט, ווי אזוי דער קעניג בעראטה זיך נור מיט איהם.

— ווען נישט מיין פאטער, וואלט אחשורוש ביז יעצט פארבליבען אהן א מלכה, — האט פרשנדתא געזאגט, — סיידען ער וואלט דיך דערזעהן!

— פאר וואס זאלסטו פון מיר אפשפאטען, — האט עדה זיך אפגערופען און איהר פנים איז רויט געווארען.

— איך מאך ניט קיין שפאס! — איז פרשנדתא געווארען דרייסטער, — דאן, מיט עטליכע יאהר צוריק, ווען די שעהנע מיידלעך פלעגען זיך פערזאמלען אין פאלאץ אונטער הגי'ס אויפזיכט, ביזטו נאך צו יונג געווען, אבער ווען עס וואלט יעצט פאסירט אזא זאך, וואלסטו זיכער געווען פון די ערשטע אויסגעקליבען צו ווערען פאר דעם קעניג.

עדה'ס מוטער, די פרסית, האט שטארק אנגעקוואלען ווען זי האט געזעהן וואס פאר א כבוד המן'ס זיהן פארשאפען איהר טאכטער... זי האט שוין גע־טרוימט וועגען דעם אז איינער פון המן'ס זיהן זאל הייראטען מיט איהר טאכ־טער... א קלייניגקייט א מיניסטער'ס א זוהן... זי האט געזוכט מיט אלע איהרע מעגליכקייטען צו ווירקען אויף איהר מאן ער זאל זיין זעהר פריינדליך צו זיי.

— דו ווייסט נישט וואס דאס מיינט פאר אונזער טאכטער, — פלעגט זי מיט איהם איינ'טענה'ן, — ווען זי זאל הייראטען מיט המן'ס א זוהן, וואלט שוין גענומען א סוף צו אונזער ארימקייט.

— אלע מיינע יאהרען קען איך זיך נישט מוחל זיין וואס איך האב חתונה געהאט מיט א פרסית, — האט ירוחם געזאגט, — און יעצט ווילסטו איך זאל מיין טאכטער איבערגעבען אין די הענד פון א פרסי!

— זעהסטו דען נישט אז דיינע אייגענע ברידער האבען זיך פון דיר אפ־געזונדערט. זיי קוקען זיך אפילו נישט אום אויף דיר!

— דאס איז דאך אויך מיין שולד! — האט ירוחם א זיפץ געטהאן, —

זיינען דען נישט געווען קיין מיידלער צווישען מיינע ברידער אז איך האב געדארפט דיר אויסקלייבען פאר מיין ווייב?

— אבער איך זאג דיר, אז ווען אימיצער פון המן׳ס זיהן וועט קומען בעזוכען אונזער טאכטער, זאלסטו זיין פריינדליך צו איהם, — האט זי זיך צו איהם אפגערופען, — דו קענסט נישט בעהויפטען זיך איינצורייסען מיט המן׳ס משפחה.

— איך וועל זיין צו זיי פריינדליך אזוי לאנג ביז זיי וועלען מיין טאכטער צורוה לאזען! — האט ירוחם געזאגט.

— וואס מיינסטו, זיי וועלען קומען פארברייגנען מיט דיר אדער מיט מיר? אויב זיי וועלען שוין יא קומען, וועלען זיי דאך וועלען פארברייגנען מיט עדה׳ן.

עס האט לאנג נישט געדויערט און די פרסית האט געווירקט אויף ירוחם׳ן ער זאל נישט זיין דאגעגען.

ירוחם האט געזעהן אז דורך דעם קען ער קריגען מעהר ארבייט, און דאריבער ווען פרשנדתא און דלפון זיינען געקומען באזוכען זיין טאכטער, איז ער געווען גאנץ פריינדליך צו זיי, און יעצט אז פרשנדתא איז געקומען און איהם געבראכט ארבייט, איז ער געווען העכסט צופרידען.

נישט איבריג צופרידען מיט זייער באזוך איז געווען עדה אליין. נישט דלפון און נישט פרשנדתא האבען אויף איהר א גוטען איינדרוק געמאכט. זי האט נישט געגליכען זייערע פוסטע באריהמערייען... זייערע נארישע רייד האבען געגרילצט אין איהרע אויערען... דערצו זייער העסליכען אויסזעהן האט זיי נאך מעהר אפשטויסענד געמאכט אין איהרע אויגען. זי האט אבער זיי גע־דולדעט צוליעב איהר מוטער, וועלכע האט איהר אנגעזאגט צו זיין גאנץ פריינד־ליך צו המן׳ס זיהן.

עדה, די איינציגע טאכטער פון ירוחם האט זיך געפיהלט נישט איבריגס גליקליך אין איהר היים. דער גרויסער אונטערשיעד צווישען איהר פאטער און מוטער, אין כאראקטער און גלויבען, האט צושפליטערט איהר לעבען... זי האט נישט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט און צו וועמען זי געהערט. דער פאטער האט געזוכט איהר צו ערציהען אלס א אידישע טאכטער, אבער איהר מוטער האט איהר געזוכט אפצואווענדען אין גאנצען פון אידישקייט. זי האט געוואלט אז זי זאל דיענען צו די געטער פון פרס און זיך אסימילירען מיט די איבריגע פערסיער. דאריבער האט זי געזעהן אז זי זאל זיך חבר׳ן מיט די פער־סישע טעכטער און איז געווען העכסט צופריעדען צו לעבען אפגעזונדערט פון די אידען... זי האט געהיט די טריט פון איהר טאכטער, און ווען א אידישער יונגערמאן פלעגט ווען עס איז קומען צו ירוחם׳ן אין הויז, פלעגט זי שוין זעהן אז עדה זאל פארבלייבען אין איהר צימער.

די איינציגע צייט וואס זי האט ניט געהאט קיין שליטה איבער עדה׳ן זיינען געווען די אידישע ימים טובים. דאן פלעגט ירוחם מיטנעהמען זיין טאכ־טער אין שוהל, און כאטש ער האט אויך דארטען זיך געפיהלט איינזאם, פלעגט יענע צייט פאר איהם פאררעכענט ווערען אלס די גליקליכסטע.

ווען אלע אידען פון שושן האבען זיך משמח געווען דאס וואס אסתר איז געווארען די קעניגין, האט זיך ירוחם אויך שטארק באטייליגט אין דער שמחה.

— אז דער קעניג האט געמענט חתונה האבען מיט א פרוי וועלכע שטאמט

פון א צווייטער פאלק — פלעגט ער זאגען האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס, — מעג איך דאך געווים עס טהאן. אבער אייז זאך קענט איהר זיכער זיין, אז פאר מיין טאכטער וועל איך זוכען א מאן צווישען מיינע אייגענע.

עדה'ס פנים פלעגט באדעקט ווערען מיט רויטקייט ווען זי האט געהערט איהר פאטער ריידען פאר די עטליכע אידען וועלכע האבען זיך נישט דער־ווייטערט ווי די איבריגע. עס איז געווען ביי אזא געלעגענהייט ווען איהרע בליקען האבען זיך באגעגענט מיט די בליקען פון דעם יונגען שמעון, דער זוהן פון גדליה'ן, וועלכער האט זיך צוזאמען מיט זיין פאטער אפגעשטעלט ריידען מיט ירוחם'ן ווען זיי זיינען פון שוהל ארויסגעגאנגען.

שמעון האט באמערקט די שעהנע עדה וועלכע איז געשטאנען נעבען איהר פאטער. די רויטקייט האט איהר נאך א באזונדערען חן צוגעגעבען, און האט פון איהר זיינע בליקען נישט געקענט אוועקנעהמען. ער איז געשטאנען ווי בע־צויבערענד, און נאכדעם ווי זיי האבען זיך פאנאנדערגעשיידט האט שמעון נישט איינמאל אומגעדרעהט זיין קאפ און איהר נאכגעקוקט. נישט ווילענדיג האט עדה אויך א דרעה געטהאן איהר קאפ און זייערע בליקען האבען זיך א צווייטען מאל באגעגענט.

זינט דאן האט עדה נישט אויפגעהערט צו טרוימען פון דעם יונגען שמעון. איהר האט געצויגען אהין אין שוהל. און מיט גרוים אונגעדולד האט זי געווארט אויף דעם קומענדען יום טוב, ווען איהר פאטער וועט איהר נאך אמאל מיטנעהמען אין שוהל. דאן וועט זי פיעלייכט איהם א צווייטען מאל זעהן.

עדה האט אבער נישט געדארפט ווארטען אזוי לאנג. איינמאל ווען זי איז געזעסען אין איהר צימער און ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, האט זי איהם באמערקט. איהר הארץ האט דאן גענומען שטארק קלאפען. שמעון געפינט זיך אין דרויסען... ער איז געווים געקומען צו איהר... זי האט גלייך זיך צוריק־געצויגען פון פענסטער... וי האט נישט געוואלט ער זאל איהר באמערקען... זי איז געווען זיכער אז ער וועט אין הויז אריינקומען... אבער ווי גרוים איז איהר ענטטוישונג געווען ווען זי האט א היבשע ווייל געווארט און ער איז נישט אריינגעקומען צו איהר.

— אפשר האט זי געמאכט א טעות. ער איז גאר צו איהר נישט געקומען...

— האט עדה ביי זיך געטראכט, — אבער אויב נישט צוליעב איהר, טא צוליעב וועמען איז ער אהער געקומען ? !...

עדה האט זיך געפאסט מוטה און האט געפרעגט איהר מוטער אויב אימיצער האט זיך אויף איהר געפרעגט.

— אה, יעצט פארשטעה איך, ס'איז ביי איךביידען געווען אן אפגעמאכטע זאך ! — האט זיך די מוטער אפגערופען, — ניין, מיין טאכטער, איך וועל נישט דערלאזען אז צו דיר זאלען קומען יונגע לייט וועמעס עלטערען האבען זיך פון דיין פאטער דערווייטערט.

— דו פארשטעהסט נישט, מוטער ! — האט עדה אויסגערופען, און די טרעהרען האבען איהר געשטיקט אין האלז, — שמעון'ס פאטער איז געווען זעהר פריינדליך צו מיין פאטער.

— איך האב שוין פארשפראכען איינעם פון המן'ס זיהן דיך אפצוגעבען פאר א פרוי, און אויב דו וועסט האבען שכל וועסטו זיך צו מיר צוהערען... דו

וועסט זיך דאך דארפען שעצען גליקליך אז א זוהן פון אחשורוש׳ס מיניסטער איז וויליג דיך צו נעהמען פאר זיין פרוי.

— אבער מוטער! — האט עדה אויסגערופען, — איך האב קיינעם פון המן׳ס זיהן נישט ליעב!

— דו וועסט זיך מוזען צוהערען צו מיר! — האט זי אויף איהר אנגע־שריען, — און ווען דלפון וועט אהער קומען דיך צו בעזוכען, זאלסטו איהם פריינדליך אויפנעהמען.

עדה האט געוואוסט אז מעהר קיין רייד וועט נישט העלפען און זי האט דאריבער בעשלאסען דערוויייל מעהר צו איהר מוטער נישט ריידען וועגען דעם... זי איז געווען זיכער אז איהר פאטער וועט איהר קומען צו הילף. און ווען ביידע זיהן פון המן האבען איהר בעזוכט, האט זי זיך בעמיהט צו זיין אזוי פריינדליך צו זיי ווי מעגליך... און יעצט, אז המן׳ס עלטסטער זוהן, פרשנדתא, איז אליין געקומען מיט אן אויסרייד, האט איהר מוטער געזעהן אז זי זאל איהם זעהר גוט אויפנעהמען. ווען זי האט געהערט אז פרשנדתא בעווארפט איהר טאכטער מיט קאמפלימענטען, האט זי בעשלאסען זיי איבערצולאזען אליין... זי האט זיך אפגערופען צו איהר טאכטער אז זי דארף ערגעץ־וואו געהן, און האט גלייך פארלאזען דאס הויז.

זעהר דאנקבאר איז פרשנדתא געווען צו עדה׳ס מוטער וואס זי האט איהם אליין איבערגעלאזען מיט איהר שעהנער טאכטער. ער האט נאר געוואונשען אז ירוחם דער שמיעד זאל אזוי שנעל נישט פארטיג ווערען מיט זיין פערד.

עדה האט זיך געפיהלט זעהר אומבאקוועם ווען פרשנדתא איז מיט איהר פארבליבען אליין. זי האט אבער געוואוסט, אז זי וועט דארפען פארזיכטיג זיין איהם נישט צו בעליידיגען.

— דו ביזט דאך אזוי שעהן, עדה! — האט זיך פרשנדתא עטוואס נעהנטער צוגערוקט צו איהר — דיינע אויגען זיינען ווי בריליאנטען וואס זיינען איינ־געפאסט אין אסתר׳ס קרוין.

— דיין ברודער האט מיר אויך אזוי געזאגט, — האט עדה זיך צו איהם אפגערופען מיט א שמייכעל, — ווי עס ווייזט אויס, האט איהר ביידע אפגע־מאכט וואס צו זאגען צו מיר.

— איך בין אבער ערנסט אין מיינע רייד! — האט פרשנדתא געזאגט, — איך מיין יעדעס ווארט וואס איך זאג... איך האב דיר פריהער געזאגט, אז ווען דער קעניג וואלט דיך דערזעהן . . .

— איך בעט דיר, — האט זי איהם אונטערבראכען — רייד מיט מיר וועגען אנדערע זאכען... דיין ברודער האט מיר פיעלע זאכען צו דערצעהלען ווען ער קומט אהער.

— וויייל מיין ברודער האט דיך נישט ליעב! — האט פרשנדתא אויסגע־רופען, — איך אבער בין אין דיר זעהר שטארק פארליעבט, און ווען דו וועסט נאר צושטימען וועל איך מיט דיר הייראטען!

— יעצט אבער ווייס איך שוין גארנישט וועמען פון אייך צו גלויבען! — האט עדה אויסגערופען.

— אויב דו ווילסט מיר נישט גלויבען, וועל איך דיר אויסזאגען א סוד. אז דלפון איז קיינמאל נישט געווען ערנסט מיט דיר...

— דאָס גלויבט זיך מיר קוים ! — האָט עדה געשמייכעלט, — איך וועל פריהער מוזען הערען פון זיין אייגען מויל.

— אָבער איך זאָג דיר, אז ער איז גאָר פאַרליעבט אין א פּערסישע מיידעל, און מיט דיר פלעגט ער קומען בלויז צו פאַרוויילען... דו ביזט דאָך א שעהנע מיידעל... אָבער איך האָב פון דיר די גאַנצע נאַכט געטראַכט . . . און דו זעהסט דאָך אז איך בין גלייך אין דער פריה געקומען צו דיר.

— און איך האָב געמיינט אז דו ביזט געקומען צו מיין פאָטער מיט דיין פערד.

— נו, פאַרשטעהסטו מיך, דאָס איז בלויז אן אויסרייד. אין אמת'ן בין איך גאָר געקומען צו דיר.

— דאָך גלויב איך אז עס איז נישט זעהר פיין פון דיין זייט, אזוי צו בעהאַנדלען אן אייגענעם ברודער. — האָט עדה איהם פאַרגעוואָרפען, — ערשט נעכטען האָט דיך דיין ברודער פאַר מיר פאַרגעשטעלט, און היינט ביזטו שוין געקומען און ווילסט מיר פון איהם אוועקנעהמען.

— ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס פאַר א שלעכטער יונג מיין ברודער איז, וואָלסטו אפילו וועגען איהם נישט געוואָלט טראַכטען ! — האָט פרשנדתא זיך אָפּגערופען, — ווען ער געהט פון דיר אוועק, לאַכט ער זיך אויס פון דיר... קענסטו דען נים פאַרשטעהן פאַרוואָס ער האָט מיך פאַר דיר פאַרגעשטעלט ? ער האָט אָבער געמאַכט א טעות... איך האָב זיך אין דיר פאַרליעבט מיט אן אמת, און אויב דו וועסט צושטימען וועט מיר נישט שווער אנקומען צו קריגען מיין פאָטער'ס הסכמה...

— נו, אויב דו האָסט שוין דיין ברודער'ס הסכמה וועט דיר שוין נישט שווער אנקומען, — האָט עדה געזאָגט מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל, — אָבער דאָך איידער איך שטים איין אָנצונעהמען דיין פאָרשלאַג וועל איך מוזען הערען וואָס דיין ברודער דלפון האָט צו זאָגען.

— פאַרגעס נישט אז גאָר אין גיכען וועל איך קריגען אן אמט אין אחשורוש'ס הויף ! — האָט פרשנדתא געזאָגט, — און דאַן וועל איך נאָך קענען דערהויבען ווערען צו זיין א מיניסטער אזוי ווי מיין פאָטער.

— דיין ברודער האָט מיר אויך אזוי געזאָגט, אז זיין פאָטער וועט איהם אין גיכען אריינבריינגען אין פּאַלאַץ !

— ער איז א ליגנער, — האָט פרשנדתא אויסגערופען, — ווייסטו דען נישט אז איך בין דער עלטסטער און דער פאָטער וועט פריהער מיך דערהויבען צו אן אמט.

— דיינע רייד האָבען מיר אין גאַנצען צוטומעלט, — האָט עדה געזאָגט — איך ווייס נישט וועער פון אייך ביידען זאָגט דעם אמת. דאַריבער וואָלט איך פון דיר פאַרלאַנגען דו זאָלסט מיר געבען עטליכע טעג צייט זיך צו באַזינען און ווען איך וועל זעהן אז דו האָסט רעכט וועל איך ערשט דאַן וויסען ווי אזוי צו האַנדלען.

פרשנדתא איז ארויס פון הויז, און עדה האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זי האָט געפיהלט אז יעצט ווען ביידע ברידער וועלען זיך איבער איהר צוקריגען און אָנריידען שלעכטס איינער אויף דעם צווייטען, וועט זי זיך קענען פון ביידען ארויסדרעהען. איהר מוטער וועט שוין זעהען אז קיינער פון זיי איז נישט פּאַסיג פאַר איהר און וועט מעגליך איהר צורוה לאָזען.

ירוחם דעם שמיער איז די גאנצע זאך געווען אויפפאלענד. ער האט באַמערקט ווי זיין פרוי האט איבערגעלאזען פרשנדתא איינעם אליין מיט עדה׳ן. ער האט פארשטאנען וואס איהרע כוונות זיינען און ער האט ביי זיך אפגעמאכט נישט צו דערלאזען אזא זאך.

ווי פרשנדתא איז אוועק איז ער אריין אין הויז און געטראפען זיין טאכטער פארוויינט.

— וואס איז, עדה, פארוואס האסטו געוויינט? — האט ער זיך צו איהר אפגערופען.

— איך האב נישט געוויינט, — האט זי געזוכט צו פארלייקענען.

— אבער איך זעה אז דו ביזט נישט ווי פריהער, זאג מיר, וואס האט המן׳ס זוהן מיט דיר גערעדט.

— אה, פאטער! ווען דו וואלסט געוואוסט ווי שטארק איך האס איהם... איך האסביידען, וואלסטו פון מיר נישט פערלאנגט איך זאל זיי אזוי פריינדליך אויפנעהמען!...

— פערלאנג איך דען דאס פון דיר, מיין טאכטער? — האט ירוחם זיך אפגערופען, — איך וואלט זיי שוין לאנג פון הויז פאריאגט, ווען נישט דיין מוטער. דערצו קריג איך גאנץ אפט פון זיי א פארדינסטעל... מיר האט נישט געוארט אז זיי פלעגען אריינקומען אין הויז, אבער דיין מוטער האט קיין רעכט נישט געהאט דיך איבערצולאזען אליין מיט איהם אין הויז... המן׳ס בנים האבען א שם... זיי געהען אין די פוס־טריט פון זייער פאטער... אבער זאג מיר, וואס האט ער מיט דיר גערעדט?

— ער האט מיר דערצעהלט וואס פאר א שארלאטאן און אויסוואורף זיין ברודער דלפון איז, און אז ווען ער געהט אוועק פון מיר לאכט ער און שפאט אפ פון אונז אלעמען.

— דו וועסט עס טאקע דערצעהלען דיין מוטער! — האט ירוחם זיך אפגערופען, — זאל זי וויסען ווער המן׳ס זיהן זיינען. זי וויל זיך איינריידען אז דלפון איז אין דיר פארליעבט... אבער זארג נישט, מיין טאכטער, זי וועט נישט אויספיהרען... איך וועל נישט דערלאזען אז אימיצער פון המן׳ס זיהן זאל דיר שלעכטעס טהאן.

— איך האב פאר זיי קיין מורא נישט! — האט עדה געזאגט — זיי ביידע וועלען זיך צווישען זיך אזוי צוקריגען און צואמפערען אז דערווייל וועלען ווי מיך צורוה לאזען.

— איך וויים נישט, מיין טאכטער, פארוואס דו זוכסט נישט צו שליסען פריינדשאפט צווישען די אידישע מיידלעך און יונגע לייט פון שושן. אמת, אויף מיר טראגען די אידען א שטיקעל שנאה צוליעב דיין מוטער, אבער דו ביזט דאך געווים נישט שולדיג... ניין, דו דארפסט נישט זיין אפגעזונדערט.

— פאטער, דו קענסט שמעון׳ען, גדליה׳ס זוהן? — האט זיך עדה פלוצים אפגערופען.

— גדליה׳ן קען איך זעהר גוט. ער איז איינער פון מיינע וויניגע פריינד צווישען די אידען. דו געדענקסט דאך אז אלע יום טוב נאכדעם ווי מיר געהן ארוים פון שוהל רעדט ער מיט מיר!...

— זיין זוהן, שמעון, איז מיט עטליכע טעג צוריק דא געווען מיר צו בעזוכען.

— שמעון איז צו דיר געקומען און דו האסט עס פון מיר געוואלט האלטען פארבארגען? — האט ירוחם געזאגט מיט א צופרידענעם שמייכעל, — זעהר א וואוילער יונג איז אט דער שמעון... און זיין פאטער איז איינער פון די פיינסטע בעלי בתים פון שושן... דערצעהל דאך מיר, מיין טאכטער, צוליעב וואס ער איז צו דיר געקומען און וואס ער האט מיט דיר גערעדט?

— ער האט צו מיר גארנישט גערעדט — האט ערה מיט אטרויעריגער שטימע געזאגט.

— איך פארשטעה נישט!

— די מוטער האט איהם צו מיר נישט אריינגעלאזען!

— וואס האט זי צו איהם... זי קען דאך איהם אפילו נישט!..

— איך האב איהם דורך מיין פענסטער געזעהן. איך האב אויף איהם געווארט, איך בין געווען זיכער אז דאס איז ער צו מיר געקומען... און ווען איך האב איהם נישט געזעהן, האב איך דער מוטער געפרעגט, אבער זי האט מיר חושד געווען אז דאס האב איך איהם אהער איינגעלאדען... איך פארזיכער דיר, פאטער, אז איך האב נאך צו איהם קיין איינציגען ווארט נישט ארויסגערעדט... איך בין זיך פאר דיר מודה, אז זינט איך האב איהם צום ערשטען מאל דערזעהן האב איך פון איהם זעהר פיעל געטראכט... אבער איך האב ניט געוואוסט אז איך ליג איהם אויך אין זינען... עס איז פאר מיר געווען זעהר אן אנגענעהמע איבערראשונג צו זעהן אז ער קומט צו מיר אויף א באזוך... יעצט אבער בין איך שוין זיכער אז ער וועט מעהר קיינמאל צו מיר נישט קומען... די מוטער האט איהם געווים פארטריבען.

— דיין מוטער וועט מוזען ענדערען איהרע וועגען! — האט ירוחם אויסגערופען מיט כעס, — אז נישט וועט זי ערגער מאכען.

— פאטער, דו דארפסט נישט פארגעסען אז זי איז מיין מוטער! — האט ערה זיך אפגערופען, — איך וויל נישט אז דו זאלסט איהר שלעכטעס טהאן.

— ביז יעצט האט זי געהערשט אין מיין הויז, זי האט איהר ווילען ארויפגעצוואונגען אויף מיר, איך האב זיך ווי א נארישער פערד געלאזט פון איהר פיהרען, אבער מעהר נישט! . . .

ווען ערה'ס מוטער האט זיך צוריקגעקערט אין הויז, האט זי גלייך געפרעגט איהר טאכטער, וועגען וואס פרשנדתא האט מיט איהר גערעדט.

— ער האט מיט מיר גערעדט וועגען זיין ברודער, דלפון. ער זאגט אז אזא נידערטרעכטיגער יונג ווי דלפון איז גארנישטא און ווען דלפון קומט צו מיר, קומט ער בלויז חוזק צו מאכען פון מיר.

— עס איז נישט ריכטיג! ער איז א ליגנער! — האט די מוטער אויסגערופען — דלפון איז אין דיר שטארק פארליעבט.

— אבער פרשנדתא זאגט מיר, אז דלפון ליעבט א פערסישע מיידעל, און צו מיר קומט ער בלויז פארוויילען! איך זאג דיר מוטער, אז איך גלויב יעדעס ווארט וואס פרשנדתא האט מיר געזאגט. איך וויל מעהר דלפון'ס פנים נישט אנקוקען!

— איך וועל אליין ריידען מיט דלפון! — האט די מוטער געזאגט — איך

וועל פון איהם אויסגעפינען אויב דאס וואס זיין עלטערער ברודער האט וועגען איהם געזעדט איז ריכטיג, ווייל איך האב שוין פארשפראכען דלפון'ען דיך אפּ־צוגעבען פאר זיין פרוי.

—וואס הייסט דו האסט פארשפראכען? — האט ירוחם דער שמיעד אויפ־געשפרונגען פון זיין פלאץ — און מיט מיר האסטו זיך גארנישט בעראטען?!

— דיין ארבייט איז אין קוזניע, און דו דארפסט זיך נישט מישען איז מיינע עסקים.

— און איך זאג דיר, אז מיין טאכטער וועט מיט קיינעם פון המן'ס זיהן נישט הייראטען — האט ער אויסגערופען מיט כעס.

— פארגעס אבער נישט ירוחם — האט זי שוין עטוואס ווייכער געזאגט, דערשרעקענדיג זיך פאר איהר מאנ'ס צארן — אז זיי זיינען די זיהן פון דעם קעניג'ס מיניסטער!

— אפילו ווען זיי זאלען זיין די זיהן פון דעם קעניג אליין, וועל איך נישט דערלאזען אז מיין איינציגע טאכטער זאל הייראטען מיט א פרסי!

— און מיט קיין אידען וועט זי געוויס נישט הייראטען! — האט זי אויפ־געהויבען איהר שטימע.

— זינט ווען זיינען דאס די אידען אזוי נידעריג אין דיינע אויגען? — האט ירוחם אויסגערופען — האסטו דען פילע מאל אליין נישט געזאגט אז דער ערגסטער איד איז ביי דיר א סך טייערער ווי דער בעסטער פרסי...

— אבער איצט, אז איך זעה ווי אזוי דיינע ברידער באהאנדלען דיך נאכ־דעם ווי דו האסט מיט מיר געהייראט, האב איך זיי אלעמען פיינט געקראגען און איך וועל זעהן אנווענדען אלע מיינע כחות און נישט דערלאזען, אז עדה זאל הייראטען מיט א אידען.

— און איך זאג דיר, אז ווען דו וועסט נישט צורוה לאזען עדה'ן און לאזען איהר אליין אויסקלייבען א מאן פאר זיך, וועל איך דיר פון מיין הויז פארטריבען.

ווען דער קריעג צווישען ירוחם'ן און זיין פרוי איז שארפער געווארען, האט זיך עדה אריינגעמישט און געמאכט שלום. ירוחם האט שטענדיג ליעב געהאט רוהיגקייט און שלום און דעריבער האט לאנג נישט גענומען און צווישען מאן און פרוי האט געהערשט שלום. זיין פרוי האט זיך געטאן איהריגע און ער האט זיך ווייטער באשעפטיגט אין קוזניע.

עדה האט אבער זיך דערוויילע געפיהלט מעהר אונאפּהענגיג... זי האט גע־וואוסט, אז איהר פאטער איז שטענדיג מיט איהר און ער וועט נישט דערלאזען, אז די מוטער זאל איהר צווינגען צו טאן א זאך געגען איהר ווילען... און ווען איהר מוטער האט ווידער אמאל גענומען ריידען וועגען המן'ס זיהן, האט זי איהר געלאזט ריידען...

---

שמעון איז געווען גדליה'ס איינאיינציגער זוהן. גדליה איז פאררעכענט גע־ווארען פאר איינעם פון די חשוב'סטע בעלי בתים פון שושן. ער איז געווען א סוחר און האט פארמאגט א היבשען פארמעגען. דערצו איז גדליה געווען א איד מיט א ווייכער הארץ א א גרויסער בעל רחמים. איהם האט זעהר באנג געטאן ווען ער פלעגט באמערקען ווי די אידען פון שוהל האלטען זיך גאנץ אפּגעזונדערט פון

ירוחם דעם שמיער צוליעב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ פּערסישע פרוי. ער האָט נישט געקענט צוזעהן די איינזאַמקייט אין וועלכע ירוחם געפינט זיך בעת ער קומט יום טוב אין שוהל מיט זיין טאָכטער. דעריבער פלעגט ער צו דער גרויסער באַוואונדערונג פון אַלעמען, צוקומען צו ירוחם'ען און באַגריסען איהם מיט אַ ברייטען "גוט יום טוב" און מיט איהם פאַרברייננגען אַ היבשע ווײַלע אין ריידען.

דאָס האָט ירוחם'ן זעהר פיעל כבוד און פאַרגעניגען פאַרשאַפט. אויף גדליה'ן קוקענדיג, האָבען שוין אויך אַנדערע אָנגעפאַנגען צו ריידען מיט ירוחם'ן און דאָס האָט איהם אַ סך ערמוטהיגט און ער האָט אָנגעפאַנגען מיטצונעמען זיין טאָכטער יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אויף יום טוב אין שוהל געהן. און דאָס איז געווען ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון שוהל, ווען שמעון גדליה'ס זוהן האָט באַמערקט עדה'ן. איהר שעהנקייט האָט איהם אַזוי באַצויבערט אַז ער האָט פון איהר די גאַנצע צייט זיינע אויגען נישט אַרונטערגענומען... וואָס מעהר ער האָט אויף איהר געקוקט, אַלץ מעהר חנ'עוודיג און רייצענד איז זי צו איהם געוואָרען... ער האָט געהאַט גרויס חשק מיט איהר אַריינצוגעהן אין אַ געשפּרעך. אָבער דאָס האָט ער נישט געקענט טאָן צוליעב זיין פאָטער.

ווען זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעטיילט האָט שמעון נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון יענער שעהנער מיידעל... ער האָט גענומען שטעלען פראַגען זיין פאָטער, ווער ירוחם איז און וואו ער וואוינט.

גדליה האָט אַלץ דערציילט זיין זוהן און דאָס האָט נאָך שמעון'ען אַלץ מעהר אַהין געצויגען... ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען פון איהר טאָג און נאַכט, ביז וואַנען ער האָט באַשלאָסען אַהין אַליין אַוועקצוגעהן און זיך מיט איהר דורכריידען. און איינמאָל איז ער אַוועק צו ירוחם'ס הויז. אַ קליינע ווײַלע איז ער געשטאַנען נעבען אַריינגאַנג פון הויז דערנאָך האָט ער זיך געפאַסט מוטה און אָנגעקלאַפּט אין טיהר.

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט ער דערהערט די שטימע פון אַ פּערסישע פרוי, און באַלד האָט ער אויך איהר פּנים דערזעהן.

— איז די טאָכטער פון ירוחם אין הויז? — האָט ער געפרעגט און זיין פּנים איז רויט געוואָרען.

— מיין טאָכטער?! צו וואָס דאַרפסטו מיין טאָכטער? — האָט זי איהם געפרעגט מיט אַ טרוקענעם קול.

—איך האָב... — האָט ער געשטאַמעלט — איך האָב איהר נישט לאַנג צוריק באַגעגענט, ווען מיר זיינען פון שוהל אַרויס, איך האָב דאַן קיין געלעגענהייט נישט געהאַט מיט איהר צו ריידען, בין איך דאָס איצט געקומען...

— אומזיסט האָסטו זיך באַמיהט! — האָט עדה'ס מוטער אויסגערופען מיט אַ בייזע שטימע — איך וועל נישט דערלאָזען אידישע יונגעלייט זאָלען קומען באַזוכען מיין טאָכטער!

שמעון האָט איהר אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט גרויס ערשטוינונג. ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז גלייך אַוועק. בעת מעשה האָט איהם שוין איינגאַנצען פאַרדראָסען אויף דעם וואָס ער האָט זיך נאַריש געמאַכט...

— ווען אימיצער פון זיינע פריינד זאָל עס וויסען! — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וויפיל שפּאַס זיי וואָלטען דערפון געהאַט. ער האָט ביי זיך שוין

געהאט באשלאָסען ארויסצושלאָגען דעם שמיעד'ס טאָכטער פון זיינע געדאַנ־קען... אָבער ווי אויף להכעיס, האָט איהר שעהנער פנים שטענדיג געשוועבט פאר זיינע אויגען... איהם האָט שטארק געצויגען צו איהר. עס האָט זיך איהם גע־וואָלט בלויז נאָך איין מאָל א קוק טהאָן אויף איהר... מעגליך ווען ער וועט איהר צום צווייטען מאָל דערזעהן וועט ער אינגאנצען אויפהערען פון איהר צו טראַכ־טען... דאָך אָבער האָט ער מעהר קיין מוטה נישט געהאט, אפילו פארבייצוגעהן איהר הויז. ער האָט בלויז מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף דעם יום טוב וואָס עס דאַרף באלד אָנקומען... דאן ווען ער איהר נאָכאמאָל זעהן.

איינמאָל האָט שמעון באמערקט ירוחם דעם שמיעד זיך ארומדרעהענדיג ארום זייער הויז. ער איז שנעל צו איהם ארויסגעקומען.

— איך בין זעהר צופרידען דיך צו זעהן, ירוחם — האָט זיך שמעון אָב־גערופען — איך האָב א סך געטראַכט פון דיר און פון דיין טאָכטער.

— איך האָב מיט דיר צו ריידען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך — האָט ירוחם זיך צו איהם אָפּגערופען — איך בין שוין דאָ עטליכע מאָל געווען. איך פלעג זיך ארומדרעהען ארום דיין פאָטער'ס הויז מיט דער האָפנונג, טאָמער וועסטו מיר דערזעהן און וועסט ארויסקומען.

— און פארוואָס ביזטו נישט אריין אין הויז ? — האָט שמעון איהם נייגעריג געפרעגט.

— ווייל איך ווייס ווי שלעכט מיין פרוי האָט דיך באהאנדעלט. זי האָט דיך אפילו אין מיין הויז נישט אריינגעלאָזט און דערצו, פארשטעה איך, האָט זי דיך שטארק באליידיגט.

— דו דארפסט זיך גישט נעמען צום הארצען, מיין פריינט — האָט שמעון זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — בעת מעשה האָב איך טאקע שלעכט גע־פיהלט, אָבער ווען א פאָר טעג זיינען פאַראיבער האָב איך אָן דעם אינגאנצען פארגעסען. קום דאָך אריין אין מיין פאָטער'ס הויז, דו וועסט זיין א גאנץ אָנגע־לעגטער גאסט ביי אונז אלעמען.

— ניין, שמעון, איך קען איצט צו דיין פאָטער אין הויז נישט אריינקומען, איך האָב מיט א כיון אויסגעמיטען זיך צו באגעגענען מיט דיין פאָטער, וועמען איך שעץ און פארעהר זעהר פיעל. אָבער דאָס וואָס איך וויל מיט דיר ריידען באלאנגט עס בלויז צו דיר, און פיליכט וואָלטען מיינע רייד, אין דיין פאָטער'ס געגענוואַרט, דיך געבראַכט אין א פארלעגענהייט. דעריבער אויב דו ווילסט ווע־לען מיר זיך פון דאנען עטוואָס דערווייטערען און מיר וועלען קענען ריידען אונ־געשטערט.

ירוחם און שמעון זיינען אוועקגעגאנגען אין א זייטיגער געסעל.

— דו וועסט מיר ענטשולדיגען שמעון. אויב איך וועל דיר פרעגען וואָס האָט דיר באוואויגען דאן צו קומען באזוכען מיין טאָכטער עדה'ן ?

שמעון'ס פנים איז רויט געוואָרען, אָבער ער האָט איהם גלייך געענטפערט :

— ווען איך האָב דיין טאָכטער צום ערשטען מאָל דערזעהן, ווען איך און מיין פאָטער האָבען איך ביידען באגלייט, האָט זי געפונען חן אין מיינע אוי־גען... איך האָב פון איהר זעהר פיעל געטראַכט, ביז וואנען איך האָב באשלאָסען

איהר צו קומען באזוכען. אבער צו מיין גרוים באדויערען האט מיר איהר מוטער פון איהר הויז פאריאגט.

— דו קענסט זיך נישט פארשטעלען וואר פאר אן עגמת נפש איך און מיין טאכטער האבען דערפון געהאט ווען מיר האבען זיך דערוואוסט וואס עס האט פאסירט — האט ירוחם זיך אפגערופען — איך בין גענוג געשטראפט געווארען וואס איך האב גענומען א פערסישע פרוי פאר מיין ווייב... אבער דו דארפסט וויסען זיין, אז זי האט ביי מיר גאר קיין דעה נישט. עס איז מעהר נישט געווען איהר גליק וואס איך בין דערביי נישט געווען... איצט זאג מיר דאך, שמעון, וואס האט זי צו דיר געזאגט ווען דו ביזט אריין צו מיר אין הויז.

—זי האט מיר געזאגט, דאס זי וועט נישט דערלאזען אז "אידישע יונגעלייט זאלען קומען באזוכען איהר טאכטער".

— דו דארפסט דאך פארשטעהן פארוואס זי האט אזוי גערעדט מיט פאר־ביטערונג — האט ירוחם געזאגט — זי זעהט דאך ווי אזוי מיינע ברידער באַ־האנדלען מיך, ווי זיי זיינען פון מיר אפגעזונדערט, אזוי ווי איך וואלט געווען א מצורע! האבען דען פילע פון די גרויסע אידען פון אמאל נישט געהייראט מיט נישט־אידישע טעכטער...? אויב איך בין באגאנגען אן עולה, בין איך דאס גאר באגאנגען געגען זיך זעלבסט... ווייל ווער ווי איך קאן וויסען דעם גרויסען אונטערשייד וואס ליגט צווישען די פערסישע פרויען און די אידישע... איך שילט דעם טאג פון אונזער חתונה. ווייל זינט איך האב מיט איהר געהייראט האב איך פון קיין איינאיינציגען גוטען טאג נישט געוואוסט.

— איך האב דאך דיר געזאגט, מיין פריינט, אז איך טראג קיין האס נישט צו איהר צוליעב דעם. עס פארדריסט מיר בלויז וואס איך האב קיין געלעגענהייט נישט געהאט זיך צו זעהן מיט דיין טאכטער.

— וועגען דעם בין איך דאס טאקע צו דיר געקומען ! — האט ירוחם אויס־גערופען — איך וויל דיר פרעגען, אויב מיין טאכטער האט נאך נישט פארלארען איהר חן אין דיינע אויגען....

— איך בין זיך מודה, אז זינט דאן האב איך פון דיין טאכטער נאך מעהר גענומען טראכטען... יא, איך האב איהר בלויז איינמאל דערזעהן, אבער מיר דוכט זיך אז כל זמן איך וועל לעבען וועט איהר געשטאלט פון מיינע געדאנקען נישט ארויס...

— איצט מעג איך דיר זאגען, שמעון, אז מיין טאכטער האט פון דיר אויך זעהר פיעל געטראכט... און ווען זי האט דיר דורכ'ן פענסטער דערזעהן, איז זי געבסט גליקליך געווען, ווייל זי האט געמיינט אז דו האסט זיך אן איהר דער־מאנט... אבער ווי גרויס איז איהר ענטוישונג געווען ווען דו ביזט צו איהר נישט געקומען. זי האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלען אז דאס האט איהר מוטער דיר צו איהר נישט צוגעלאזען. זינט דאן איז מיין טאכטער שטארק פאר־טרויערט... זי וואלט דיר זעהר געוואלט זעהן און זיך אנטשולדיגען פאר דיר פאר איהר מוטער'ס שלעכטער באהאנדלונג.

— טראכט דען דיין טאכטער אויך פון מיר ? ! — האט שמעון אויסגערופען און זיינע אויגען האבען געלויכטען פון גליק.

— געוויס ! זי האט אויך פון דיר נישט אויפגעהערט צו טראכטען, זינט זי

האט דיר צום ערשטען מאל דערזעהן. און איצט בין איך צו דיר געקומען דיר פרעגען, אויב דו ווילסט זיך מיט איהר זעהן, וועל איך באשטימען א פלאץ פאר אייך ביידען זיך צו טרעפען. אבער אויב דיין הארץ האט זיך צו מיין טאכטער אינגאנצען אפגעקיהלט דאן בין איך בלויז צו דיר געקומען אויסדריקען מיין באדויערען און די באדויערונג פון מיין טאכטער, פאר דער באלײדיגונג וואס מיין פרוי און איהר מוטער האט דיר פאראורזאכט.

— איך פיהל זיך איצט א סך גליקליכער ווי פריהער — האט שמעון זיך אפגערופען צו ירוחם'ן — איצט, אז איך וויים אז דיין טאכטער איז נישט געווען מיט דער זעלבער דעה פון איהר מוטער מיך פון דיין הויז צו דערווייטערען. איך בין זעהר נייגעריג דיין טאכטער צו זעהן און מיט איהר צו ריידען, איך האב זי זעהר ליעב און האף אז זי האט דיזעלבע געפיהלען צו מיר...

— אבער פיליכט וועט דיין פאטער זיין דאגעגען! — האט ירוחם אויסגערופען מיט עטוואס שרעק.

— מיין פאטער איז דאך זעהר פריינדליך צו דיר, — האט שמעון געענטפערט, — פארוואס זאל ער זיין דאגעגען? ער האט אליין שטארק געלויבט דיין טאכטער אין מיינע אויגען.

— וואס האט ער וועגען מיין עדה'ן געזאגט? — איז ירוחם נייגעריג געווארען — ער האט דאך איהר בלויז איינציגע מאל געזעהן מיט מיר.

ער האט מיר געזאגט אז א חוץ איהר שעהנקייט באזיצט דיין טאכטער די גוטע אידישע מידה פון צניעות...

— דיינע ווערטער מאכען מיך גליקליך, שמעון! — האט ירוחם אויסגערופען מיט פרייד — איצט, אז אויך דיין פאטער האט א גוטע מיינונג פון מיין טאכטער, בין איך זעהר צופרידען און אויב דו ווילסט וועסטו זיך קענען טרעפען נאך היינט מיט עדה'ן אין מיין קוזיניע. זי וועט דארטען אויף דיר ווארטען.

— אבער...

— דו האסט ניט וואס מורא צו האבען פאר מיין פרוי. זי קומט אין קוזיניע זעהר זעלטען אריין, און אפילו ווען זי וועט דיר דערזעהן האסטו אויך נישט וואס צו זיין באזארגט וועגען דעם. זי וועט שוין איצט גאנץ אנדערש מיט דיר ריידען.

— אפגעמאכט! — האט שמעון זיך אפגערופען מיט פרייד — היינט אין אווענט וועל איך צו דיר צוקומען. איך דאנק דיר זעהר ירוחם, דיין איצטיגער באזוך האט אין מיר אריינגעגעבען פיל לעבען און מוטה.

ירוחם האט זיך געזעגענט מיט שמעון'ען און איז גלייך אוועק צו זיך אהיים אנצוזאגען זיין טאכטער, וואס ער האט היינט אויפגעטהאן.

---

עדה'ס מוטער האט שטארק פארדראסען, דאס וואס פרשנדתא האט אנגערעדט אזוי פיעל שלעכטס אויף זיין ברודער דלפון פאר איהר טאכטער. זי איז געווען אזוי זיכער, אז דלפון וועט געפינען חן אין עדה'ס אויגען און עס וועט לאנג נישט נעהמען און ער וועט מיט איהר חתונה האבען... זי האט שוין פון לאנג געזוכט די פריינדשאפט פון זרש'ן, המן'ס ווייב. אבער זרש האט זיך פון איהר דערווייטערט... זרש האט נישט געהאט קיין איבעריגע ליעבשאפט פאר

פערסישע פרויען, וועלכע האבען חתונה געהאט מיט אידישע מענער... זי פלעגט שטענדיג זאגען, אז ווען א פערסישער מאן נעהמט א אידישע פרוי, וועלען די קינדער בלייבען פערסער, אבער ווען א פערסישע פרוי נעהמט א אידישען מאן, דאן וועט דער גאנצער דור אויפוואקסען אידען.

וואס מעהר זרש האט אויף ירוחם'ס פרוי געקוקט מיט קרומע אויגען, אלץ שטארקער איז געווארען ביי איהר דער פארלאנג נעהענטער צוצוקומען צו איהר. און ווען זי האט געזעהן, אז דלפון, זרש'ס צווייטער זוהן, קומט גאנץ אפט באזוכען איהר טאכטער, האט אין איהר הארצען זיך די האפענונג פארשטארקט, אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און דלפון וועט חתונה האבען מיט איהר טאכטער. זי האט דלפון'ען פארליבט פאר עדה'ן, זי פלעגט אויסרעכענען די פיעלע מעלות, וואס ער באזיצט... און דעריבער האט זי זיך שטארק צום הארצען גענומען, ווען איהר טאכטער האט דערצעהלט, וואס פרשנדתא האט אויף דלפו'ען אנגערעדט... איהר האט שוין שטארק בארדראסען, וואס זי האט איהם איבערגעלאזען אליין מיט איהר. אין אמת'ן ארט איהר נישט, ווען איהר טאכטער זאל חתונה האבען מיט פרשנדתא'ן. עס וועט נאך זיין א סך בעסער פאר איהר. איז ער דען ניט המן'ס ערשט־געבוירענער? אבער זי ווייסט, אז דלפון איז שעהנער פון איהם און עדה האט זיך שוין צו איהם צוגעוואוינט... זי האט מיט גרויס אומגעדולד אפגעווארט ווען דלפון וועט קומען און דאן איהם איבערגעבען די רייד פון זיין ברודער. יענעם טאג אבער איז ווידער אמאל געקומען פרשנדתא צו פארברייגגען מיט עדה'ן.

— וואו איז דיין ברודער, דלפון? — האט עדה'ס מוטער איהם געפרעגט ביי דער טיר.

— המ... מיין ברודער דלפון... ער האט זיך ארומגעזעהן אז... איך מיין. ער האט א פערסישע מיידעל. מיט וועלכער ער פארברייגגט און מעגליך ער וועט מיט איהר חתונה האבען...

— אבער איך פארשטעה דאס נישט, פארוואס ער האט אזוי פלוצלינג אויפגעהערט צו קומען? האט איהם דען מיין טאכטער מיט עפעס באליידיגט?

— דלפון האט קיינמאל נישט געליעבט עדה'ן. ער האט בלויז געזוכט צו פארווייַלען מיט איהר... אבער יעצט, אז ער ווייסט, אז דיין טאכטער האט מיך ליעב, וויל ער שוין גארנישט קומען!

— האט דיר דען מיין טאכטער געזאגט, אז זי האט דיך ליעב? — האט עדה'ס מוטער איהם געפרעגט און באהערשט איהר צארן.

— דערווייַלע נאך נישט! אבער איך האף, אז אינגיכען וועל איך פון איהר דיעזע רייד הערען!

— מיין טאכטער האט מיר געזאגט, אז זי וויל דיך נישט זעהן, כל זמן זי וועט נישט אויסגעפינען די ריכטיגע אורזאכע, פארוואס דלפון האט אויפגעהערט צו קומען צו איהר.

פרשנדא'ס פנים האט זיך געביטען קאלירען.

— זי וועט אבער מעהר קיינמאל מיט איהם נישט קענען רעדען, — האט ער אויסגערופען. — ווייל דלפון וועט מעהר אהער נישט קומען!

— דאן קענסטו אויך מעהר נישט רעדען צו מיין טאכטער! — האט זי אויסגערופען מיט ענטשלאסענהייט.

פרשנדתא איז אוועק מיט א פארביטערט האַרץ. ער האָט געמיינט, אז מיט דעם, וואָס ער האָט זיין ברודער אזוי ערנידעריגט אין איהרע אויגען, וועט זי איהם יעצט מעהר ליעב האָבען. ער וועט דעריבער מוזען זעהן, אז דלפון זאָל טאקע מעהר צו איהר נישט קומען, האָט ער באשלאָסען, ווען ער איז אהיימגע־גאנגען.

— דו ווייסט ווענען איך האָב נאר וואָס געזעהן? — האָט זיך פרשנדתא אָפּגערופען צו דלפון'ען. — איך האָב געזעהן עדה'ן!

— און דו האָסט מיט איהר גערעדט?

— געוויס האָב איך מיט איהר גערעדט! און איך מוז דיר זאָגען, אז מיר פארדריסט שוין, וואָס דו האָסט מיך פאר איהר פאַרגעשטעלט... איך האָב נישט געקענט הערען די באליידיגענדע ווערטער, וואָס האָבען זיך געשאָטען פון איהר מויל אויף דיין חשבון! אלס דיין ברודער, האָט עס מיר שטארק וועה געטהאָן און איך האָב געזוכט דיך צו פארטיידיגען. דאן האָט זי, ווי די איבעריגע אידישע טעכטער, מיר דערמאָנט אָן דעם, אז אונזער פאָטער איז געווען א בעדער!

— ס'איז אונמעגליך! — האָט דלפון אויסגערופען, — די צארטע איידעלע עדה וועט אזעלכע רייד פון איהר מויל נישט ארויסלאָזען... איך וועל אהין ארי־בערגעהן און אויסגעפינען אויב דיינע ווערטער זיינען ריכטיג!

— און איך זאָג דיר, אז דו וועסט מעהר צו איהר נישט געהן! — האָט פרשנדתא אויסגערופען, — אויב דיך ארט נישט, וואָס זי האָט דיך באליידיגט, דארפסטו דאָך האָבען גענוג שטאָלץ און נישט געהן צו איהר פאר די באליידי־גענדע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט אויף דעם חשבון פון אונזער פאָטער.

— אָבער איך גלויב דיר נישט! כל זמן איך וועל אליין נישט הערען פון איהר מויל, וועל איך נישט אויפהערען צו קומען צו איהר און דו וועסט נישט קענען זי מיאוס מאַכען אין מיינע אויגען. איך געה טאקע גלייך אהין אריבער!

— און איך זאָג דיר, אז דו וועסט נישט געהן אהין! — האָט פרשנדתא איהם צוגעהאלטען. — איך בין דיין עלטערער ברודער און איך וועל נישט דערלאָזען דו זאָלסט דיין שטאָלץ, דעם שטאָלץ פון המן'ס א זוהן, פארבויגען!

דלפון האָט זיך גענומען ראנגלען מיט זיין ברודער. זיי האָבען זיך גענומען שטארק אמפּערען און קריגען, ביז וואנען זרש האָט עס דערהערט.

ביי זרש'ן איז קיין נאָווינע נישט געווען צו הערען א קריגעריי צווישען איהרע בנים... ווען המן איז אין דער היים נישט געווען, פלעגט גאנץ אָפט מרע־פען, אז די ברידער פלעגען זיך צוקריגען צווישען זיך און צעשלאָגען ביז בלוט... דאָך אָבער ווען זי האָט דערהערט, אז פרשנדתא און דלפון רייסען זיך, איז זי שנעל אריינגעלאָפען אין צימער. זי האָט געוואוסט, אז איהרע ביידע עלטערע זיהן זיינען די לעצטע צייט געווען גאנץ פריינדליך צווישען זיך און יעצט הערט זי ווי זיי רופען זיך איינער דעם צווייטען די שענדליכסטע נעמען.

— וואָס האָט פאסירט? — האָט זרש זיך צעשריען מיט א קוויטשעדיגער שטימע. — פארוואָס שלאָגט איהר זיך?

— ער איז נישט מיין הערשער! — האָט דלפון אויסגערופען — און ער וועט מיר קיין דעה נישט זאָגען, וואָס איך האָב צו טהאָן!

— איך בין עלטער פון איהם, און איך וויים, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פאר איהם... איך זאָג, אז ער זאָל אהין נישט געהן!

— אבער איך פארשטעה נישט וועגען וואס עס האנדעלט זיך ! — האט זרש אויסגערופען.

— עס האנדעלט זיך וועגען דעם אידישען שמיער'ס טאכטער ! — האט פרשנדתא געענטפערט.

— אה, וועגען די אידישע טעכטער ? ! — האט זרש אויסגערופען און דאס בלוט האט א זעץ געטהאן אין איהר פנים. — איהר פאנגט שוין אן, מיינע זיהן, צו געהן אין די זעלבע וועגען פון אייער פאטער ! וויפיעל מאל האב איך אייך אנגעזאגט, איהר זאלט וויכען פון די פארפלוכטע אידישע מיידלעך ! ? ווייל זיי זיינען שלאנגען ! עס האט מיר גענוג געזונט געקאסט ביז וואנען איך האב המן'ען ערוויטערט פון זיי... ער פלעגט דאך טאג און נאכט ליגען ביי זיי... יעצט איז ער מיר זעהר דאנקבאר. ער ווייסט, אז ער וואלט קיינמאל נישט דער־גרייכט צו אזא גרויסען אמט ביי דעם קעניג, אויב זיינע געדאנקען וואלטען גע־ווען פארנומען מיט די שעהנע אידישע מיידלעך !

— את דאס טאקע זאג איך דאך דלפון'ען ! — האט פרשנדתא זיך אפגע־רופען מיט א פרומער מינע. — איך וויל נישט ער זאל געהן אהין צו יענעם מיידעל !

— דו ווילסט נישט איך זאל אהין געהן, ווייל דו ווילסט זי פון מיר אוועק־נעהמען ! — האט דלפון זיך אפגערופען מיט פארביטערונג. — איך ווייס, אז זי איז דיר געפעלען ! מיינסטו איך ווייס נישט צוליעב וואס דו האסט דיין פערד געפיהרט צום שמיער ? ניין ! איך וועל נישט דערלאזען דו זאלסט זי פון מיר אוועקנעהמען !

— און איך וועל אייך ביידען נישט לאזען געהן אהין ! — האט זרש א געשריי געטהאן. — ווינציג פערסישע מיידלעך זיינען פאראן אין שושן ? ! פארוואס זאל זיך אייך געלוסטען די אידישע ? !

— אה, מוטער ! ווען דו וואלסט געוואוסט וואס פאר א וואונדערבאר מיי־דעל עדה איז ! זי איז שעהן ווי די קעניגין און איז אזוי ליעבליך ! — האט דלפון זיך אפגערופען. — איך האב זי ליעב געקראגען און איך מוז זי געהן בא־זוכען !

— אויב אזוי, וועל איך שוין דער מוטער אלעס דערצעהלען, — האט פרשנדתא אויסגערופען. — איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, אז מיר האבען ביידע באזוכט אייניגע אידישע שעהנע מיידלעך אין דער אידישער גאס. אבער ווען איך האב געהערט, אז די מיידלעך און זייערע עלטערען האבען באליידיגט אונזער פאטער, האב איך גענומען פון זיי וויכען.

— זיי האבען באליידיגט המן'ען ? ! — האט זיך א פייערעל אנגעצונדען אין זרש'ס אויגען. — זאג נאר מיר, וואס האבען זיי געזאגט וועגען דיין פאטער? איך וועל זייערע אויגען אויסשטעכען, די פארפלוכטע אידען !

— זיי האבען אונז גלייך דערמאנט, אז אונזער פאטער איז געווען א בע־דער ! איינער האט אונז געזאגט, אז המן האט איהם געשווירען און א צווייטער — אז ער האט איהם געוואשען. איך האב גלייך געזאגט צו דלפון'ען, מיר זאלען מעהר אהין נישט געהן, ווייל, ווי איך פארשטעה, האבען אלע ביי זיך אפגעמאכט אזוי צו אונז צו רעדען... פריהער מאכען זיי זיך, אז זיי וויסען ניט ווער מיר זיינען און ווען מיר זאגען זיי, אז מיר זיינען די זיהן פון המן'ען רופען זיי זיך

אפּ: "אַה, יעצט ווייסען מיר, איהר זיינט די זיהן פון המן דעם בעדער! ער האָט מיך געשווירען"!

— פאַרוואָס האָסטו מיר גלייך דאָס נישט דערצעהלט? — האָט זרש איהם פאַרגעוואָרפען. — המן וואָלט זיך דאַך מיט זיי אַלעמען אָפּגערעכענט.

— איך האָב דיר טאַקע גלייך געוואָלט דערצעהלען! — האָט פּרשנדתא אויסגערופען, — אָבער דלפון האָט מיר נישט דערלאָזען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען אַ אידיש מיידעל, וועלכע האָט אַ פּערסישע מוטער און זי איז איינגאַנצען אַנדערש פון די איבעריגע. זי וועט קיינעם נישט באַליידיגען. ביז איך צוזאַמען מיט איהם אַהין אַוועק... און איך האָב געזעהן, אַז דאָס מיידעל איז טאַקע זעהר שעהן. און איהרע עלטערען זיינען אויך געווען זעהר פריינדליך צו אונז... אָבער דאָ גראָדע האָב איך געדאַרפט האָבען צו דעם שמיעד וועגען מיין פערד, האָב איך דאָס מיידעל צום צווייטען מאָל געזעהן און מיט איהר גערעדט. זאָג איך דיר, מוטער, ווען דו וואָלסט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט אויף דלפון'ען! זי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַן אויסוואָורף און זי האָסט איהם ווי דעם טויט.

— עס איז אַ ליגען! זי האָט עס אויף מיר קיינמאָל נישט געזאָגט! — האָט דלפון אויסגעשריען.

— ווען זי וואָלט איהם אַליין באַליידיגט, וואָלט איך זיך אַזוי צום האַרצען נישט גענומען. און איך וואָלט איהם געלאָזט געהן אַהין, זאָל זי זיך גוט אויסלאַכען פון איהם... אָבער דערצו האָב איך געהערט ווי זי זאָגט די זעלבע זאַך וועגען אונזער פאָטער, וואָס די אַנדערע אידישע מיידלעך האָבען געזאָגט.

— וואָס האָט זי געזאָגט? — האָט זרש אויסגערופען.

— ווען זי האָט גערעדט וועגען דלפון'ען, ווי פאַרגרעבט ער איז און וואָס פאַר אַ שלעכטער יונג ער איז, האָט זי באַמערקט: "וואָס קען מען ערוואַרטען פון אַ זוהן פון אַ בעדער? ער איז אַזוי ווי זיין פאָטער"!

— אַזוי האָט זי געזאָגט וועגען מיין מאַן?! — האָט זרש געקריצט מיט די צייהן, — וואַרט, איך וועל זיי נאָך אַלעמען אַנלערנען! איך וועל שוין זעהן, אַז דער שמיעד זאָל זיך אין דיזער נאַכבאַרשאַפט מעהר נישט געפינען!

— גלויב איהם נישט מוטער! — האָט זיך דלפון אָפּגערופען, — איך זאָג דיר אַז עדה האָט קיין שלעכטען וואָרט נישט גערעדט וועגען אונזער פאָטער... אמת, די אַנדערע אידישע מיידלעך און זייערע עלטערען האָבען נישט איינמאָל אונזער פאָטער בעליידיגט ווען מיר פלעגען קומען פאַרברייננגען מיט זיי, אָבער פאַרגעס נישט אַז עדה'ס מוטער איז אַליין אַ פּרסית און זי איז זעהר צופרידען געווען פון מיינע בעזוכען, טאַ פאַרוואָס זאָל זי מיר בעליידיגען?!

— און איהר ביידע האָט געהערט ווי מען בעליידיגט אייער פאָטער און האָט די גאַנצע צייט מיר אָדער דעם פאָטער ניט דערצעהלט? — האָט זיך זרש אָפּגערופען, — און בפרט נאָך יעצט ווען אייער פאָטער איז דערהויבען געוואָרען אַלס אחשורוש'ס מיניסטער!

אין אָבענד ווען המן האָט זיך צוריקגעקעהרט פון פּאַלאַץ, האָט איהם זרש גלייך איבערגעגעבען וואָס איהרע זיהן האָבען דערצעהלט.

המן האָט געברענט פון כעס, ער האָט געדריקט מיט זיינע פויסטען און גע־קריצט מיט די צייהן.

— זיי האָבען גאָר קיין באַגריף ניט מיט וועמען זיי פאַנגען זיך אָן! —

האט ער א זעץ געטהאן מיט זיין פויסט איבער'ן טיש — ווען איך זאל נאר וועלען קען איך פון זיי אלעמען מאכען שטויב און אש... איך וועל זיי צייגען... זיי וועלען מיך רופען בעדער?

— ווען דו וואלסט פערלאנגט פון קעניג, וואלט ער דיר ערלויבט זיך אפצורעכענען מיט די אידען! — האט זרש זיך אפגערופען, — איך ווייס דאך ווי דאנקבאר ער איז צו דיר וואס דו האסט געקראגען אסתר'ן פאר איהם!

— און ווען דו וואלסט געוואוסט ווי די קעניגין אליין האלט פון מיר! — האט המן זיך גענומען בערימען — איך געפין זיך שטענדיג אין פאלאץ ווען אסתר קומט בעזוכען דעם קעניג, און איך בין דער איינציגער פון אלע מיניס־טארען צו וועמען אסתר רעדט... און יעצט מעגסטו וויסען, אז דער קעניג אליין טהוט נישט קיין זאך איידער ער בעראטה זיך מיט מיר... ממוכן זעהט אלעס צו און זיין קנאה ווערט גרעסער מיט יעדען טאג... איך גלויב אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און אחשורוש וועט מיך בעשטימען פאר דעם הויפט־מיניסטער אנשטאט ממוכן...

— אה, המן, ווען דאס וואלט געווען אמת, וואלט איך דאך געווען די גליקליכסטע פרוי פון פרס און מדי! — האט זרש אויסגערופען, — און דאן וואלטען אלע איינוואוהנער פון שושן געוואוסט וואס פאר א כבוד דיר אפצור־געבען. קיינער פון די אידען וואלט נישט געוואגט צו ריידען אזוי צו דיינע זיהן... און דער קעניג וואלט דיר נאכגעגעבען אלע פארלאנגען... מיר וואלטען זיך אפגערעכענט מיט אונזערע שונאים אויף רעכטס און אויף לינקס.

— די ערשטע זאך וואס איך וואלט געטהאן! — האט המן זיך אפגערופען, — איז אויסצוראטען אלע אידען פון שושן... איך האב זיי אלעמען פיינט... געוועהנליך, א חוץ די שעהנע אידישע טעכטער!

— די אידישע שעהנע טעכטער זיינען דאך די וועלכע בעליידיגען דיך אם מעהרסטען! — האט זרש'ן פארדראסען וואס המן רעדט אזוי וועגען די אידישע מיידלעך, — עס איז שוין צייט, המן, דו זאלסט זיך אויפהערען לע־בערליך צו מאכען... דו ווייסט דאך אז איך האב נישט איבריג ליעב אזעלכע שפאסען... דיינע זיהן, ווי עס ווייזט אויס, האבען אנגעפאנגען צו געהן אין דיינע וועגען און זיי געהען פארברייננגען נאר צו די אידישע מיידלאך.

— אבער פארגעס נישט, זרש, אז איך האב גארנישט דערלעגט צו דעם, ווען איך וואלט נישט אריינגעקומען אין דער אידישער גאס, און זיך געזעהן מיט די אידישע טעכטער, וואלט איך דען געוואוסט וועגען אסתר'ן?!... יא, מיין גאנצע גרויסקייט און כבוד וואס איך קריג פון דעם קעניג, האב איך צו בעדאנקען אסתר'ן!...

— האסטו געזעהן צו ערקלעהרען דעם קעניג, אז דאס וואס אסתר האט געראטעוועט זיין לעבען דארף ער דיר דאנקבאר זיין?—האט זרש אויסגערופען מיט א מילדע שטימע, — דו דארפסט, המן, וועגען דעם אזוי פיעל ריידען אז דער קעניג זאל גאר אליין אנדערש נישט טראכטען.

— דו מעגסט זיך אויף מיר פארלאזען, זרש, נישט איינמאל האב איך דעם קעניג וועגען דעם אנגעדייטעט... די איינציגע צרה איז וואס דער פארפלוכטער מרדכי זיצט יעדען טאג ביי דעם טויער פון פאלאץ, און איך האב נאר מורא, אז אחשורוש זאל אקארשט איהם נישט באמערקען, און נעהמען נאכפרעגען אויף

איהם, דאן וועט ער זיך דאך דערוויסען אז ער האט ווירקליך געראטעוועט זיין לעבען. דאס וועט פאר מיר זיכער נישט טויגען.

— קענסטו דען ניט זעהן אז מען זאל איהם פון דארטען דערווייטערען ?
— האט זרש איהם געפרעגט.

— דערצו דארף איך האבען דעם קעניג׳ס ערלויבניס ! — האט המן גע־ענטפערט, — און כל זמן איך בין נישט געווארען זיין הויפט־מיניסטער וועל איך איהם דאמיט נישט בעלעסטיגען... אבער די צייט איז נישט ווייט, זרש ! איך וועל דיר יעצט זאגען א זאך וואס וועט דיר שטארק דערפרעהען.

— וואס איז דאס ? — איז זרש אומגעדולדיג געווארען.

— ביי דער לעצטער זיצונג פון אלע זיינע מיניסטארען האט אחשורוש צוריקגעשליידערט אלע עצות און פארשלאגען פון ממוכן און אלע מיינע עצות האט ער אנגענומען... דאס אליין וואלט שוין געווען א גוטער סימן אז איך ווער אין זיינע אויגען מעהר חשוב ווי ממוכן... אבער דערצו האט דער קעניג מיר אליין איינגעלאדען צו קומען מארגען אין־דער־פריה אין פאלאץ, ווייל ער וויל זיך מיט מיר וועגען א וויכטיגען ענין דורכריידען... דו האסט געדארפט באמערקען ממוכן׳ס פנים ווען ער האט אזעלכע ווערטער געהערט פון דעם קעניג אחשורוש.

— האב איך דען נישט שטענדיג געזאגט, — האט זרש אנגעקוואלען פון נחת — אז איך האב דעם קליגסטען און בעסטען מאן פון גאנץ שושן ! יעצט וועלען מיר דאס אלע פרויען מקנא זיין... א קלייניגקייט צו זיין די פרוי פון אחשורוש׳ס הויפט־מיניסטער !

— ביי דיר, זרש, איז עס נישט אויף זעהר לאנג אנגעלעגט, — האט המן איהר פארגעוווארפען, — ווען דו ווערסט אין כעס איז ביי דיר רעכט צו בע־ליידיגען מיך, המן דעם מיניסטער, אזוי ווי דו האסט בעליידיגט המן דעם בעדער... דו ווייסט נישט ווי אפצושאצען דיין מאן׳ס דערגרייכונגען... און איך צווייפעל נישט, אז ווען א איד וואלט צו דיר געקומען און דערצעהלט אז איך קום פארברייגען מיט זיין טאכטער, וואלסטו אפילו יעצט אויף מיר דיין צארן אויסגעגאסען... און פון דיין מויל וואלט זיך געשאטען קללות אויף דיין מאן, וועלכער איז אזא חשוב ביים קעניג !

— דו דארפסט אבער נישט פארגעסען, המן, אז יעצט דארפסטו דיין שטאלץ אפהיטען נאך מעהר ווי פריהער, פאסט דען פאר אחשורוש׳ס א מי־ניסטער זיך ארומצודרעהען ארום די אידישע מיידלעך... פארגעס נישט, אז דו ביזט א פאטער פון צעהן זיהן און צוויי טעכטער !... און בפרט ווען דו אליין ווייסט אז די אידען מאכען חוזק פון דיר !

— דאס וואס זיי מאכען חוזק וועט זיי נישט געשאנקען ווערען ! — האט המן אויסגערופען, — זיי וועלען פאר אלץ טהייער בעצאהלען... אבער דאך האסטו קיין רעכט נישט אריינצומישען זיך אין מיינע עסקים !... ווען איך וואלט זיך דאן צו דיר צוגעהערט און נישט געגאנגען צו מרדכי׳ם הויז, וואלט איך דען געקענט קריגען אסתר׳ן פאר אחשורוש׳ס קעניגין ? !...

— און דו אליין, האסטו מיר דען נישט געזאגט, אז דו האסט פיינט מרדכי׳ן און אלע אידען ? — האט זרש געזוכט זיך צו פארענטפערען. — איז

דען נישט בעסער אז דו ווייכסט פון זיי, ביז וואנען דו וועסט קענען אויספיהרען דיין נקמה וואס דו פלאנעוועסט אויף זיי...

— און ביי די געטער פון פרס, שווער איך, זרש, אז ווען איך וועל אנ־פאנגען מיין נקמה אין זיי, וועט פון זיי אלעמען קיין שריד ופליט נישט בלייבען אין שושן און אין די געגענדען ארום.

— נו, זעהסטו שוין אז איך בין גערעכט, המן! — האט זרש אויסגערופען.

— אזעלכע נארישקייטען דארף דיר מעהר אין זינען נישט ליגען... דו דארפסט בעסער זעהן אז דיינע זיהן זאלען אויפהערען צו האבען צו טהאן מיט אידישע מיידלעך.

— וועגען דעם דארפסטו אויך גארנישט זארגען! — האט המן זיך אפגע־רופען, — איך טראג זיך ארום מיט א פלאן וואס מיר וועלען גאר אין גיכען פטור ווערען פון אלע אידען פון שושן... עס וועט שוין מעהר נישט זיין ווער עס זאל מיר אויפווארפען אז איך בין געווען א בעדער און א שערער ביי די אידען.

— יענעם טאג וועט ביי מיר דער גרעסטער יום טוב זיין! — האט זרש אויסגערופען מיט פרייד.

אויף מארגען איז המן אויפגעשטאנען גאנץ פריה און איז אוועק צום פא־לאץ. ביי דעם טויער האט ער נאך פון וויטען באמערקט מרדכי׳ן זיצענדיג. המן האט זיך אבער נישט געמאכט זעהענדיג און איז גלייך אריין אינוויניג, אין הויף. ער איז געווען אנגעפילט מיט שטאלץ און האפנונג און איז מיט גרויס אומגעדולד ארומגעשפאצירט אין הויף הין און צוריק. יעדער ווייליע האט ער אויף די זון ארויפגעקוקט. ענדליך האט ער זיך דערווארט, מען האט איהם גע־לאזט וויסען אז דער קעניג וויל איהם זעהן. ער איז אריינגעקומען אין פאלאץ און זיך פארנייגט פאר דעם קעניג.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף אחשורוש׳עס פנים. ער האט א וואונק געטאן צו המן׳ען ער זאל זיך צו־זעצען נעבען איהם.

המן האט אזוי געטאן.

— דו ווייסט, המן, אז איך האב שוין לאנג, זעהר לאנג, געטראכט פון דיר... און וואס מעהר איך טראכט, אלץ מעהר בין איך איבערציינגט, אז דו האסט פארדינט דערהויבען צו ווערען העכער פון אלע מיינע שרים... איך זעה, אז די געטער האבען דיך געבענשט מיט חכמה און פארשטאנד... דו האסט מיר גליקליך געמאכט, דורכדעם וואס דורך דיר האב איך געקראגען אזא וואונדער־בארע שעהנע קעניגין ווי אסתר המלכה איז... און ווען איך דערמאן זיך אז אסתר האט מיין לעבען געראטעוועט, ווערט נאך מיין דאנקבארקייט צו דיר גרע־סער... איך בין זיכער אז ווען ושתי וואלט געווען מיין קעניגין וואלט זי מיר נישט איבערגעגעבען וועגען דער פארשווערונג פון בגתן און תרש...

— זי אליין וואלט זיי נאך איין דעם געהאלפען! — האט המן צוגעגע־בען — האט זי דען נישט געפיהרט א ליבע מיט בגתן׳ען די גאנצע צייט וואס זי איז קעניגין געווען. מיין האר קעניג האט דאך אלץ אליין געהערט פון בגתן׳ען ווען ער האט זיך מודה געווען... יע, דער קעניג מעג זיך שעצען גליק־ליך וואס ער איז פטור געווארען פון אזא גיפטיגער שלאנג ווי ושתי איז געווען, אין צייט. און געלויבט זיינען די געטער, וואס זיי האבען אין מיר א געראנס

אריינגעגעבען איך זאל קריגען פאר דעם האר קעניג א קעניגין, וועלכע איז שעהנער, איידעלער און געטרייער פון ושתי'ן... יעדעס מאל ווען איך דערמאן זיך אז די זעלבע קעניגין, וועלכע איז דורך מיר צום קעניג געבראכט געווארען, האט דעם קעניג פון א זיכערען טויט געראטעוועט, דאן ווער איך אנגעפילט מיט שטאלץ און גליק... איך דאנק צו די געטער, וואס זיי האבען מיר געפונען ווירדיג גענוג דורך מיר צו פארהיטען אונזער קעניג און לאנד פון א גרויסען אומגליק... אה, דער סם, וואס בגתן און תרש האבען אריינגעטאן איז דעם קעניג'ס וויין, איז געוועזן זעהר שטארק, אז ווען מען זאל דערפון בלויז א קליין ביסעל נעהמען אין מויל, וואלט מען דעם לעבען פארלארען.

א שוידער איז דורכגעגאנגען אחשורוש'עס קערפער ווען ער האט דערפון געגומען טראכטען. וויפיל האט געפעלט און ער וואלט שוין לאנג געווען טויט!

— ווען נישט מיין געטרייע אסתר, מיט איהר געשיקטקייט און געטרייהיט, וואלט פיליכט יעצט בגתן געזעסען אויף מיין טראהן, און זי אסתר וואלט געצוואונגען געווארען זיין קעניגין צו ווערען... יע, המן דו האסט פארדינט ביי מיר דערהויבען צו ווערען! פון היינט אן ווערסטו ביי מיר גרעסער פון אלע מיינע שרים, דו ווערסט מיין הויפט מיניסטער און אויך מיין משנה למלך.

המן איז געפאלען מיט דעם פנים צו דעם באדען.

— מיין האר קעניג, איך וועל דיר זיין געטריי מיט מיין גאנצען לייב און לעבען! — האט ער אויסגערופען און זיינע אויגען האבען פון גליק געשיינט.

אחשורוש האט אויסגעשטרעקט זיין גאלדענע רוט צו המן'ען און ער האט זיך אויפגעשטעלט און זי אנגעריהרט.

— אויף דער היינטיגער זיצונג פון מיינע מיניסטארען, ווערסטו פארנעמען דעם ערשטען פלאץ. ממוכן וועט שוין מעהר מיין הויפט מיניסטער נישט זיין! דו ווערסט פארנעמען זיין פלאץ. יע, איהם וועל איך אין גאנצען ארונטערזעצען פון זיין אמט, ווייל די גאנצע צייט וואס ער איז געווען מיין הויפט מיניסטער האב איך נאך פון איהם קיין איינציגע גוטע עצה נישט געהערט.

— און איצט מעג עס דער ווירדיגער קעניג וויםען, אז ממוכן האט מיר זעהר פיעל געשטערט, ווען איך האב געוואלט ברייגען אסתר'ן צו הגי'ן. ער האט מיר גאנץ איינפאך נישט געוואלט צולאזען. אבער טראץ זיין געגנערשאפט, האב איך באגליקט און מיר איז געלונגען צו קריגען די וועלכע איך בין געווען זיכער וועט זיך פאסען צו זיין די קעניגין בעסער פון אלע אנדערע מיידלעך.

— און דערפאר וועל איך ממוכן אינגאנצען דערווייטערען פון פאלאץ!— האט אחשורוש אויסגערופען —און דאס וועט נאך היינט געשעהן. איך ווען איז זיין געגענווארט דיר איבערגעבען זיין אמט און דערצו נאך גרעסער מאכען דיין אמט... דו ווערסט ווערען דער צווייטער צו מיר.

דערהערענדיג אזעלכע ווערטער פון דעם קעניג'ס מויל, האט המן אליין נישט געוואוסט צי ער חלום'ט עס וועגען דעם, אדער עס איז טאקע אין דער ווירקליכקייט. ער האט זיך אויף אזא גליק נאך קיינמאל נישט געריכט...

— איצט המן, אז דו ביזט דערהויבען געווארען צו דער העכסטער שטופע אין מיין קעניגרייך, קענסטו פון מיר אלץ פארלאנגען און איך וועל דיין פארלאנג ערפיהלען!

—אויב דער קעניג איז צופרידען זאל ער באקאנט מאכען וועגען מיין

גרויסקייט איבער דעם גאנצען לאנד — האט המן געזאגט — און זאל א באפעהל ארויסגעגעבען ווערען אז די אלע וועלכע דערזעהען מיר, זאלען זיך פארנייגען פאר מיר...

— דאס וועל איך גלייך ערפיהלען, — האט אחשורוש זיך אפגערופען — איבער גאנץ פרת און מדי וועט באקאנט ווערען, אז דאס איז געוועזן דער רצון פון דעם קעניג דאס המן זאל דערהויבען ווערען העכער פון אלע מיינע שרים, און אז יעדער איינער, וועלכער וועט דיר דערזעהן זאל זיך פארנייגען פאר דיר.

באלד איז אין דער הויפט שטאדט שושן, באוואוסט געווארען וועגען המנ'ס דערגרייכונג...

מיט א פלאמענדען פנים און שיינענדע אויגען פון גליק איז זרש ארומגע־לאפען צווישען איהרע פריינד און בעקאנטע און זיי איבערגעגעבען פון איהר מאנ'ס גרויסקייט.

ווען אלע איהרע זיהן און טעכטער זיינען אין הויז געקומען, האט זרש יע־דען באזונדער געהאלזט און געקושט.

— איצט זעהט איהר שוין, מיינע קינדער, וואס פאר א וואונדערבארען פא־טער איהר האט ? ! — האט זי זיך צו זיי אפגערופען—איהר קענט איצט אוועק־געהן אין דער אידישער גאס און פאר אלע אידען דערצעהלען די גרויסקייט פון אייער פאטער... האבען מיר זיך דאס ווען עס איז געקענט פארשטעלען, אז המן זאל ווערען נישט נאר דעם קעניג'ס הויפט מיניסטער, נאר אויך זיין משנה־למלך !... יע, אחשורוש האט דאך ארויסגעגעבען א באפעהל, אז אלע איינוואוי־נער פון שטאדט, עס מאכט נישט אויב ער איז א באאמטער ביי דעם קעניג אדער נישט, וועט מוזען אייער פאטער אפגעבען גרויס כבוד און ווען מען וועט איהם דערזעהן, וועט מען זיך צו איהם מוזען פארנויגען, אזוי ווי מען טהוט עס פאר דעם קעניג זעלבסט.

אה, ווי איך וואלט שוין וועלען זעהן ווי די אידען, וועמען איך פארהאס אזוי שטארק, וועלען זיך בויגען און נייגען פאר מיין מאן... זיי וועלען שוין מעהר נישט וואגען דערמאנען איהם, אז ער איז אמאל געוועזן זייער בעדער. איצט וועט המן קענען טאן מיט זיינע שונאים וואס נאר ער וועט וועלען... יע, געהט מיינע קינדער און פארשפרייט די נייעס צווישען די אידען. ווייל כאטש אלע פון שטאדט ווייסען שוין דערפון, זיינען דאך די אידען די לעצטע צו ווי־סען אזעלכע נייעס וואס איז זיי נישט שטארק צום הארצען!...

— מיר וועלען ווארטען ביז וואנען אונזער פאטער וועט זיך צוריקקערען פון פאלאץ, — האט פרשנדתא געזאגט — איך בין שוין זעהר אומגעדולדיג איהם צו זעהן.

ער וועט זיך היינט פארזאמען ביז שפעט ביי דעם קעניג, — האט זרש גע־זאגט — ווייל דער קעניג וועט זיכער לכבוד איהם מאכען א מאלצייט און איהם פארהאלטען, געהט איצט ,מיינע זיהן.

המנ'ס צעהן בנים האבען זיך ארויסגעלאזען איבער דער אידישער גאס. זיי האבען זיך צעשפרייט, יעדער אין א באזונדער געגענט. דלפון אבער איז גע־גאנגען אנזאגען די פרעהליכע בשורה צו עדה'ן, דעם שמיעד'ס טאכטער.

ווען ער איז אריין אין ירוחם'ס הויז, איז איהם עדה'ס מוטער אנטקעגען געגאנגען.

— וואו איז עדה? — האט ער איהר געפרעגט מיט א לויכטענדען פנים.

— עדה? ! — האט זי איבערגעפרעגט און גענומען שטאמלען. איך ע... איך ווייס נישט! זי איז נאר וואס ארויסגעגאנגען...

— ווען איך אויף איהר צו־ווארטען, — האט ער געזאגט א פרעהליכער...

— איך צווייפעל אויב זי וועט דיר היינט קענען זעהן, — האט עדה'ס מו־טער זיך צו איהם אפגערופען.

— איז עס דען אמת, וואס מיין ברודער האט מיר דערצעהלט? — האט דלפון אויסגערופען — עדה האט מיך באליידיגט!

— וואס האט דיר דיין ברודער דערצעהלט? — איז זי אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ.

— ער האט מיר געזאגט, אז עדה האט מיר געמאכט ווי די שטויב און דער־צו האט זי נאך באליידיגט מיין פאטער.

— און דו האסט איהם געגלויבט?

— ווען איך וואלט איהם געגלויבט, וואלט איך דען אהער געקומען? — האט דלפון מיט שטאלץ געזאגט — אבער לויט זיינע רייד קומט אויס, אז עדה וויל מיר אינגאנצען אויסמיידען.

— דאס איז ריכטיג, אבער אין דעם איז דיין ברודער אינגאנצען שולדיג! יע, פרשנדתא איז דא נישט לאנג צוריק געקומען און ער האט פאר מיין טאכ־טער אויף דיר אלדאס בייז אנגערעדט... עס פארשטעהט זיך אז ווען אז אייגע־נער ברודער זאגט איהר אז דאס וואס דו קומסט איהר באזוכען, איז עס ווייל דו ווילסט חוזק מאכען פון איהר!

— מיין ברודער איז א באטריגער און א ליגנער! — האט דלפון אויסגע־רופען — צו מיר איז ער געקומען און אנגערעדט אויף עדה'ן און צו עדה'ן איז ער געקומען און אנגערעדט אויף מיר. איצט וויל איך איהר זעהן און ערקלערען.

— איך ווייס נישט אויב דאס וועט שוין איצט העלפען! — האט זי אויס־גערופען — עס איז שוין צו שפעט... א חוץ דעם איז איהר פאטער שטארק דאגעגען.

— אבער ווען איך וועל דיר אנזאגען די בשורה אז מיין פאטער איז היינט דערהויבען געווארען ביים קעניג אלס זיין הויפט מיניסטער און משנה למלך! דאס גלויב איך וועט שוין אלץ גרינגער מאכען, — האט דלפון געזאגט מיט א שמייכעל.

— וואס? — האט די פרסית אויסגערופען! דיין פאטער איז געווארען הויפט מיניסטער צו אהשורוש'ן? !

—און מיר וואונדערט זיך אז דו האסט נאך דערפון נישט געהערט. גאנץ שושן קלינגט דערפון! אין דער אידישער גאס האט מען דערפון נישט אויפגע־הערט צו ריידען. יא, נישט נאר איז ער געווארען הויפט מיניסטער, נאר ער איז אויך געווארען דער צווייטער צום קעניג! דו ווייסט וואס דאס מיינט? יע, עס מיינט אז מיין פאטער וועט קענען טהאן אלץ וואס איהם וועט זיך פארגלוסטען.

— ווי אזוי איז דאס גאר מעגליך? — איז די פרסית אויסער זיך געווא־רען— אזא דערהויבונג!

— אויב דו גלויבסט מיר נאך נישט, קענסטו ארויס אין גאס און דו וועסט הערען פון אנדערע די זעלבע נייעס. דו דארפסט נישט פארגעסען אז מיין פא־

טער איז דער קליגסטער מאַן פון אחשורוש'עס מלוכה און ער האָט שוין פילעס אויפגעטאָן פאַר דעם קעניג, וועלכער טהוט קיין זאַך נישט איידער ער באַראַט זיך מיט איהם... און דעריבער איז קיין וואונדער נישט וואָס ער האָט איהם דערהויבען צו זיין דער משנה למלך.

— איך גלויב דיר, דלפון, — איז די פּרסית צוטומעלט געוואָרען, — אַט וואַרט דאָ אויף און איך וועל געהן אויפזוכען מיין טאָכטער. איך בין זיכער אַז זי וועט העכסט צופרידען זיין צו הערען די פרעהליכע נייעס! און ווען איך וועל איהר זאָגען אַז דאָס וואָס פּרשנדתא האָט אויף דיר אָנגערעדט איז אַ ליגען, וועט אויך איהר צאָרן ארונטערגעהן.

— איך נעהם זיך דאָמיט נישט איבער וואָס מיין פאָטער איז אַזוי גרויס געוואָרען ביי דעם קעניג... איך האָב שוין עדה'ן פון לאַנג ליעב געהאַט... און פאַרשטעהסטו מיר, ווען עדה וואָלט אויך געהאַט אַן אידישע מוטער, וואָלט דאָן אנדערש געווען. איצט, אַז זי איז דאָך כמעט אַליין אַ פּרסית, און דערצו איז זי נאָך אַזאַ זעלטענע שעהנהייט, וועט שוין מיין פאָטער זיכער נישט זיין דאַגעגען...

— אַט געה איך איהר באַלד ברייגנען! — האָט עדה'ס מוטער אויסגערופען — דו וואַרט נאָר צו אַ קליינע ווײַלע. איך וועל איהר אַלץ דערצעהלען און זי וועט זיין גאַנץ צופרידען זיך מיט דיר צו זעהן.

זי איז שנעל ארויס פון הויז און אריין אין קוזניע. ווי גרויס איז איהר איבעראַשונג געוואָרען ווען זי האָט דאָרטען דערזעהן שמעון'ען, דעם זעלבען יונגען מאַן וואָס זי האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פון איהר הויז פאַריאָגט, פאַרברייגנענדיג מיט עדה'ן. ווען ירוחם האָט איהר דערזעהן האָט ער איהר מיט אַ שטילע אָבער בייזע שטימע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביזטו געקומען אַהער? איז נאָך נישט גענוג וואָס דו האָסט באַליידיגט דעם זוהן פון מיין בעסטען פריינט און איהם פון מיין הויז פאַריאָגט... געה שנעל ארויס פון דאַנען!

—אָבער, האָסטו גאַרנישט געהערט פון המן'ען, אַז דער קעניג האָט איהם געמאַכט פאַר זיין משנה למלך און הויפּט־מיניסטער?

— איז וואָס איז דיין שמחה אַזוי גרויס?! — האָט ירוחם אויסגערופען— מיר, אידען, האָבען זיך נישט וואָס צו פרעהען. אַזאַ שונא ישראל ווי המן איז, וואָלט פאַר אונז אַלעמען געווען אַ סך בעסער ווען ער קריגט נישט קיין הערשאַפט...

— אָבער — האָט איהם זיין פרוי אָוועקגערופען אָן אַ זייט — דו ווייסט נישט וואָס דאָס קאָן מיינען פאַר אונז! דלפון איז איצט דאָ אין אונזער הויז. דו ווייסט דאָך אַז ער האָט שוין פון לאַנג ליעב אונזער טאָכטער און איצט וועלען מיר זיך דאָך דאַרפען שעצען גליקליך זיך צו פאַרבינדען מיט המן'ס משפּחה!

— שלאָג זיך ארויס פון דיינע געדאַנקען אַזעלכע נאַרישקייטען — האָט ירוחם זיך צו איהר אָפּגערופען — עדה וועט מיט המן'ס אַ זוהן נישט הייראַטען..

— דיר שטעהט נאָך נישט אָן?! — האָט זי זיך אַ קרים געטאָן — ירוחם דעם שמיעד פּאַסט נישט צו ווערען המן'ס מחותן! וואָס מיינסטו איך וועל אַזאַ גליק אַזוי שנעל פון מיינע הענט ארויסלאָזען!

דאָס אַמפּערען צווישען מאַן און ווייב איז שטאַרקער געוואָרען... און עס

האט דערגרייכט די אויערען פון ערה'ן, וועלכע איז געזעסען מיט שמעון'ן איז א ווינקעל פון דער קוזיניע און געמיטליך פארבראכט מיט איהם.

עדה'ס הארץ האט א צאפעל געטאן ווען זי האט דערהערט איהר מוטער'ס שטימע.. איז זי אהער געקומען אינגאנצען איהר בליק צוצושטערען, האט זי זיך געטראכט. איהר פנים איז באדעקט געווארען מיט א רויטקייט. זי האט א קוק געטאן אויף שמעון'ען און געוואונשען, אז ער זאל גאר נישט פארדעכטיגען... זי איז געווען אזוי גליקליך מיט איהם צו ריידען און פארברייננגען... ער איז דאך אזוי ליעבליך און קלוג... זי האט געפיהלט אז מיט יעדער רגע ווערט זי אלץ שטארקער צוגעצויגען צו איהם... זיין שטימע קלינגט אזוי אנגענעהם אין איהרע אויערען... ער דערצעהלט איהר ווי אזוי זי האט איהם באצויבערט מיט דעם ערשטען בליק וואס זי האט איהם געגעבען... און זינט דאן האט ער פון איהר נים אויפגעהערט צו טראכטען... ביז וואנען ער האט באשלאסען צו קומען איהר באזוכען... און ווי גרויס איז זיין ענטוישונג געווארען, ווען איהר מוטער האט איהם נישט אריינגעלאזען... אבער איצט איז ער ווידער גליקליך... ער קען זיצען און אנקוקען און זיינע אויגען ווערען נישט אנגעזעטיגט מיט איהר שעהנקייט...

שמעון'ס ווערטער האבען ווי בארוישט עדה'ן... זי וואלט דא מיט איהם אזוי פארבליבען אויף אייביג... זיינע רייד זיינען ווי באלזאם צו איהר נשמה... אבער דא דערהערט זי פלוצלונג די שטימע פון איהר מוטער... זי האט זעהר נים געוואלט אז שמעון זאל ווידער קיין אומאנגענעהמעס נישט האבען. זי האט דעריבער מיט איהם אנגעפאנגען צו ריידען גאנץ הויך און לאכען כדי צוצוציהען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט.

ירוחם'ס כעס איז געוואקסען מיט יעדער רגע, ווען ער האט געזעהן אז זיין ווייב הויבט אויף איהר שטימע...

— אויב דו וועסט באלד נישט פארלאזען די קוזיניע! — האט ער אויסגעשריען — וועסטו ערגער מאכען!

די פרסית האט זיך שטארק דערשראקען פאר איהר מאנ'ס צארן... זי האט געוואוסט אז זי קען אלץ ביי איהם פועל'ן איידער ער ווערט אין כעס, אבער אזוי שנעל ווי ער ווערט אין כעס, דאן איז פאר איהר גלייכער זיך אפצוטראגען... דאך ווען זי האט זיך דערמאנט אז אין הויז האט זי איבערגעלאזען דלפון'ען, דעם זוהן פון דעם געווארענעם משנה למלך, האט זי זעהר נישט געוואלט איהם איצט ענטוישען. זי האט דעריבער געביטען דעם טאן פון איהר שטימע.

— איך בעט דיר, ירוחם — האט זי געזאגט מיט א מילדע שטימע, — אויב דו גלויבסט מיר נישט וואס איך האב דיר דערצעהלט, קענסטו ארויס אין גאס, וועסטו הערען וואס אלע ריידען וועגען המן'ען...

ווער זאגט דיר, אז איך האב נישט געהערט! — האט ירוחם אויסגערופען! — איך וויים אז דער קעניג האט המן'ען דערהויבען צו דעם העכסטען אמט, אבער דאס האט גאר נישט צו טאן מיט מיר און עדה'ן. זי איז א אידישע טאכטער און וועט חתונה האבען מיט איינעם פון מיין פאלק!

— דאך וואלט איך דיר געבעטען, ירוחם, איצט נישט אנצופאנגען זיך מיט איינעם פון המן'ס זיהן... דלפון ווארט איצט אין הויז און איך האב איהם פארשפראכען צו ברייננגען עדה'ן און ווען ער וועט דערזעהן אז עדה קומט נישט וועט ער פארשטעהן אז דו ביזט אין דעם שולדיג און ער קען דאך אונז פיעל

שאַדען טאָן... פאַרגעס נישט, אז דו ציסט דיין פּרנסה פון המן'ס משפחה און פון די איבעריגע פּרסים אין אונזער נאָכבאַרשאַפט... זעהר זעלטען ווען אַ איד קומט צו דיר שמיעדען אַ פערד... ווילסטו זיך דען איינרייסען מיט דיינע קונ־דען ?! בפרט איצט, אין אַ צייט וואָס איין וואָרט פון המן'ען קען דיר אינגאַנצען אומברייגגען !

— איך בין נישט פון די שרעקעדיגע — האָט ירוחם איהר געענטפערט— און אַ חוץ דעם בין איך זיכער, אז המן אליין וועט זיך שטאַרק נישט נעמען צום האַרצען אויב איך וועל זיין זוהן מיין טאָכטער נישט געבען פאַר אַ פרוי... און זרש וועט דאָך געווים זיין צופרידען דערפון.

— אָבער דו דאַרפסט וויסען, אז איצט, ווען המן איז אַזוי גרויס געוואָרען ביי דעם קעניג, וועלען דאָך אויך זיינע זיהן ווערען חשוב אין דער מלוכה... אחשורוש וועט זיי געוויס מאַכען פאַר הויכע באַאמטע, וועט דען דלפון נישט נעמען קיין נקמה אָן אונז ?!

— וועגען דעם דאַרפסטו זיך נישט שרעקען, — האָט ירוחם געזאָגט — איך וועל אויף זיך נעמען דעם גאַנצען שולד... איך וועל איהם זאָגען, אז דו האָסט שטאַרק געוואָלט און איך האָב נישט דערלאָזען, און אויב ער וועט וועלען נעמען נקמה, וועט ער דיר אויסלאָזען !

מיט וואַקלענדע טריט איז די פּרסית צוריק אריין אין הויז און זי האָט באַמערקט ווי דלפון צייגט ארויס סמנים פון אונגעדולדיגקייט.

— וואו איז דיין טאָכטער ? — איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ.

די פּרסית איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטע. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— וואו איז ערה ? — האָט דלפון ווידערהאָלט זיין פראַגע, — איך מוז איהר זעהן.

—דו מוזט מיר ענטשולדיגען, מיין האר, — האָט די פּרסית הכנעה'דיג געזאָגט, — אָבער איך בין אין דעם אין גאַנצען ניט שולדיג. זי וויל דיך נישט זעהן.

— איך וויל מיט איהר בלויז עטליכע ווערטער ריידען, און אויב זי וועט צו מיר אויך נישט וועלען זיך צוהערען, וועל איך זעהן אַז מיין ברודער זאָל קומען און אין מיין נעגאַנצוואָרט אַפּלייקענען דאָס וואָס ער האָט וועגען מיר גערעדט... איך וויים אַז ער האָט עס געטהאָן אוים אייפערזוכט...

— דו ווייסט דאָך דלפון אַז דו האָסט שוין פון לאַנג געפונען חן אין מיינע אויגען.. און איך האָב פיעלע מאָל געזוכט צו ווירקען אויף מיין טאָכטער זי זאָל דיר ארויסווייזען מעהר פריינדשאַפט ווי אירגענד וועלכען אַנדער יונגען מאַן. אָבער דיין ברודער איז געקומען און געמאַכט צונישט אַלע בעמיהונגען.. און איך קען דיר זאָגען, דלפון, אַז אויב ער האָט געמיינט אַז דורך דעם וואָס ער וועט דיך ערנידריגען וועט ער דערהויבען ווערען האָט ער געמאַכט אַ טעות. אויף איהם איז זי נאָך מעהר אויפגעבראַכט.

— איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל איהר דערזעהן און מיט איהר ריידען וועט זי מיך פאַרשטעהן... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואו געפינט זי זיך יעצט...

— המ.. עה... איך ווייס נישט ! — האָט זי געגומען שטאַמלען.

— איך בין זיכער אז דו זוכסט צו פארבארגען פון מיר וואו עדה געפינט זיך... אבער מיך קען מען נישט נארען איך מוז זי היינט זעהן.

—ווארט ביז מארגען, איך וועל זיך מיט מיין טאכטער דורכריידען און איך בין זיכער אז אלעס וועט זיך אויסלאזען צום בעסטען. — האט די פרסית זיך אפגערופען, — דערווייל געה אהיים און בערוהיג זיך...

— ביז מארגען קען זיך פיעל ענדערען! — האט דלפון געזאגט מיט א פארביטערטע שטימע — נעכטען האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלען אז מיין פאטער זאל דערהויבען ווערען צום ראנג פון א משנה למלך... און היינט ווייסען שוין אלע ווער מיין פאטער איז... און מארגען, ווייס איך דען וואס דער מארגען וועט פאר מיר ברייגנען... איך בין געוועזן זיכער אז דו וועסט עס האלטען פאר א גרויסען כבוד דאס וואס איך פערלאנג דיין טאכטער פאר א פרוי, און יעצט קומט אויס, אז דו ביזט נאך דערפון אומצופרידען.

— ביי די געטער פון פרס שווער איך דיר, דלפון, אז איך בין אין דעם גארנישט שולדיג, — האט זי אויסגערופען, — א חוץ דיין ברודער איז אין דעם שולדיג איהר אידישער פאטער. ער וויל נישט אז אונזער טאכטער זאל חתונה האבען מיט איינעם וועלכער איז נישט קיין איד.

דאס בלוט האט דלפון'ען א זעץ געטהאן אין פנים.

— יעצט זעה איך אז זי איז אין דעם ניט שולדיג! איהר פאטער איז דאגעגען! זאג מיר, ווייס שוין דיין מאן וואס עס האט פאסירט מיט מיין פאטער?

די פרסית האט א שאקעל געטהאן מיט איהר קאפ אויף יא.

— און ער האט זיין מיינונג נאך נישט געענדערט, נאכדעם ווי ער האט זיך דערוואוסט אז מיין פאטער איז דערהויבען געווארען צו זיין אחשורוש'ס הויפט־מיניסטער און משנה למלך?!...

— ניין! דאס האט אויף איהם דעם מינדעסטען איינדרוק נישט געמאכט!

— האט די פרסית קאלטבלוטיג געענטפערט, — איך האב מיט איהם גערעדט און פרובירט ווירקען אויף איהם, אבער עס איז געווען אומזיסט... ער האט זיך נישט אונטערגעגעבען.

— דאן וועל איך אליין מיט איהם ריידען! — האט דלפון אויסגערופען מיט שטאלץ, — ער מעג וויסען אז איך בין היינט נישט דערזעלבער וואס איך בין געוועזן נעכטען. איך וועל יעצט אריינגעהן צו איהם אין קוזניע און זיך מיט איהם דורכריידען.

— איך בעט דיך, דלפון, טהו עס נישט יעצט, ווארט ביז מארגען, אדער אם ווייניגסטען ביז אין אבענד.

— ניין, אין אבענד וועל איך קיין מעגליכקייט נישט האבען דא צו זיין... מיין פאטער וועט דאך צוריקקעהרען פון פאלאץ... און מארגען? מארגען קען אלעס אנדערש ווערען... איך מוז יעצט זיך מיט איהם זעהן.

— געה נישט יעצט, איך בעט דיך! — האט זי איהם אנגענומען פאר'ן האנד, — דו וועסט נאך מעגליך ערגער מאכען.

דלפון איז ארויס פון הויז. עפעס איז איהם די גאנצע זאך אויסגעקומען פארדעכטיג... פארוואס וויל זי נישט ער זאל זיך זעהן היינט מיט עדה'ן אדער מיט ירוחם'ן. מעגליך אז זיין עלטערער ברודער פרשנדתא געפינט זיך ביי ירוחם'ן אין קוזניע און זי האט מורא עס זאל צווישען זיין קיין קריעג נישט

אויסברעכען... ער וועט מוזען אריין... ווען ער איז צוגעקומען נאהענט צו דער קוזניע האט איהם גענומען ציהען אהין... ער האט גלייך אויפגעעפענט די טיהר און איז אריין אין קוזניע.

ער האט זיך פריינדליך באגריסט מיט ירוחם'ן.

— וואו איז דיין טאכטער? — האט ער איהם גלייך געפרעגט.

און איידער ירוחם האט באוויזען איהם צו ענטפערען האט ער איהר באַמערקט זיצענדיג מיט א אידישען יונגען מאן.

זיין צארן האט אין איהם גענומען ברענען.. .ער האט זיך עטוואס דערנעהנטערט. ער האט געזעהן מיט וואס פאר אן אינטימע פריינדליכקייט זיי ביידע זיצען.

ירוחם האט זיך איהם געשטעלט אין מיטען וועג.

— דיין טאכטער געהערט צו מיר, — האט ער אויסגערופען.

עדה און שמעון האבען דערהערט זיין שטימע און זיינען ביידע געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט.

— איך בעט דיך, דלפון, פארלאז יעצט מיין קוזניע, — האט ירוחם זיך צו איהם אפגערופען, — דו זעהסט דאך, אז מיין טאכטער האט אויסגעקליבען א צווייטען.

— אזוי בעהאנדעלסטו דעם זוהן פון אחשורוש'ס משנה למלך! — האט דלפון אויסגערופען, — ווי עס ווייזט אויס, ווילסטו נישט וויסען פון דער היינטיגער גרויסער פאסירונג!...

— איך ווייס, דלפון, — האט ירוחם געזאגט מיט א מילדע שטימע, — איך ווייס אז דיין פאטער איז יעצט דערהויבען געווארען און דאריבער איז פאר דיר נישט פאסיג צו ווערען ירוחם דעם שמיד'ס איידעם... און מיין עצה וואלט געווען צו דיר, אז דו זאלסט איהר אין גאנצען פארגעסען.

— דיין טאכטער איז מיר שוין פון לאנג געפעלען! — האט דלפון געזאגט, — זי איז אנדערש פון די איבריגע אידישע טעכטער... איהר מוטער איז דאך א פרסית... און יעצט אפילו ווען מיין יחוס איז גרויס געווארען, האב איך מיין מיינונג נישט געביטען... לאז מיר צו, איך וויל מיט עדה'ן ריידען...

דלפון איז צוגעקומען נאהענט צו עדה'ן און שמעון'ען, וועלכע זיינען געשטאנען עטוואס איבערראשט פון זיין פלוצלינגען בעזוך.

— עדה! — האט ער אויסגערופען, — האסטו דען גענומען מיין ברודער'ס ווערטער ערנסט! דו האסט אלעס געגלויבט וואס ער האט אויף מיר אנגערעדט?

— נישט דיין ברודער און נישט דיר האב איך ווען עס איז ערנסט גענומען, — האט עדה איהם טרוקען געענטפערט. — איך האב דיינע בעזוכען געדולדעט צוליעב מיין מוטער, און יעצט בעט איך דיר, לאז מיך צו־רוה.

— און דו ווילסט מיר אומבייטען אויף איהם! — האט דלפון אויסגערופען אנצייגענדיג מיט זיין פינגער אויף שמעון'ען.

עדה האט א קוק געטהאן אויף שמעון'ען און זיך נעהנטער צו איהם צוגערוקט.

שמעון האט אויף דלפון'ען געווארפען בליקען פול מיט פעראכטונג, און האט ארומגענומען עדה'ן, וועלכע האט זיך צו איהם גענומען טוליענען.

— ווער איז ער דאָס אָט דער נידריגסטער פון אַלע בעשעפּענישען, — האָט דלפון זיך אַ קרים געטהאָן און געדריקט זיינע פויסטען.
— און אין מיינע אויגען ביזטו אַזוי נידריג ווי דער וואָרעם, — האָט איהם שמעון געענטפערט.
— אָט אַזוי רעדסטו עס צו דעם זוהן פון משנה למלך! — האָט דלפון געקריצט מיט זיינע ציינער פון כעס.
— דיין פאָטער איז מעגליך דערהויבען געוואָרען, — האָט שמעון איהם געענטפערט, — אָבער דו ביזט די זעלבע נידריגע בעשעפּעניש ווי פריהער, ווען דיין פאָטער איז געוועזן . . .
שמעון האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט. ער האָט געוואוסט אַז יעצט איז זיכער נישט די צייט צו בעליידיגען המן׳ען.
— ווען מיין פאָטער איז געוועזן — — — וואָס? — האָט דלפון ווידערהאָלט זיינע ווערטער.
— ווען דיין פאָטער איז געוועזן בלויז מיניסטער צו דעם קעניג.
— דו פייגלינג! דו האָסט מורא איך זאָל דיר דיינע ביינער נישט צוברעכען, דאַריבער היטסטו דיין צונג . . .
— אויב דו ווילסט וועל איך זיך נאָך מיט דיר פאַרמעסטען אין גבורה, — האָט שמעון אויך זיין פויסט אַ דריק געטהאָן, — איך וועל דיר באַלד ווייזען ווער עס איז אַ פייגלינג.
— איך וועל דיר באַלד אַזוי צושלאָגען, אַז קיין איינציגער גאַנצער גליעד וועט אין דיר נישט פאַרבלייבען, — האָט דלפון אַ שטשירע געטהאָן מיט זיינע ציינער.
— דאָס וועלען מיר באַלד זעהן! — האָט שמעון אויסגערופען, און זיך אַ לאָז געטהאָן צו דלפון׳ען.
עדה האָט איהם אָפּגעהאַלטען און זיך צו איהם אָפּגערופען:
— איך בעט דיך, שמעון, נעהם נישט אין אַכט זיינע רייד!
— דו זוכסט שוץ פון אַ פרוי! — האָט דלפון זיך אָפּגערופען, — קום נאָר ארויס אין דרויסען און איך וועל דיר ווייזען וואָס איך קען! דו וועסט שוין פאַרשפּאַרען אַ צווייטען מאָל אהער צו קומען.
— איך וואָרען דיר דו זאָלסט זיך בעסער פון דאַנען אָפּטראָגען איידער עס איז צו שפּעט! — האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן.
— ווער ביזטו דו זאָלסט עס אַזוי ריידען צו מיר! — האָט דלפון אויסגעשריען, — דו ביזט דאָך בלויז אַ פאַרפלוכטער איד, און אַ פייגלינג.
שמעון׳ס גערולד האָט געפּלאַצט. ער האָט זיך לייכט ארויסגעדרעהט פון עדה׳ס הענט וועלכע האָט איהם פּרובירט צוריקהאַלטען, און זיך אַ לאָז געטהאָן צו דלפון׳ען.
— קום נאָר ארויס אין דרויסען! — האָט דלפון נישט אויפגעהערט צו שטורמען, איך וועל דיר ציינען ווער איך בין, דו וועסט שוין אהיים נישט קענען געהן, מען וועט דיר דאַרפען אהין פיהרען!
— קום ארויס אין דרויסען! — האָט שמעון אויסגערופען, — איך וועל דיר ציינען ווי אַזוי צו בעליידיגען מיין פאָלק!...
— יאָ, איך ווידערהאָל נאָך אַמאָל, אַז אַלע אידען זיינען פאַרפלוכטע און

נידריגע ברואים, — האט דלפון מיט צארן געזאגט, — איהר זייט אלע פייגלינגע און ברייגנט קיין נוצען נישט אונזער לאנד.

— וועגען דער ריכטיגקייט פון דיינע ווערטער וועסטו זיך באלד איבערצייגען אין דרויסען! — האט שמעון פארביסען זיינע ליפען פון כעס.

— דלפון, איך בעט דיך, געה זיך דיר צוריק אהיים, — האט זיך ירוחם אריינגעמישט.

— דו האסט מורא אז איך וועל דיין צוקינפטיגען איידעם גוט אנברעכען די ביינער! — האט דלפון געשריען.

— ניין, איך האב מורא אז ער זאל דיר נישט מאכען פאר א קאליקע! — איז שוין ירוחם אין כעס געווארען, — אויב אזוי, שמעון, ערלויב איך דיר ארויסצוגעהן אין דרויסען!

שמעון איז צוגעגאנגען צום טיהר... דלפון איז איהם נאכגעגאנגען מיט געדריקטע פויסטען. עדה האט געציטערט.

— פאטער פאר וואס דערלאזטו עס זאל קומען צו א קאמף! — האט עדה איהם פארגעווארפען.

— ווען דאס וואס דלפון האט געזאגט וואלט בלויז געווען א פערזענליכע בעליידיגונג, וואלט איך שמעון'ען פיעלייכט אפגעהאלטען, אבער ווען דלפון בעליידיגט אלע אידען, און רופט זיי פארפלוכטע און פייגלינגע, דאן האב איך שוין קיין רעכט נישט זיך אריינצומישען.

עדה און איהר פאטער זיינען אויך ארויס פון קוכניע. איהר הארץ האט גענומען שטארק קלאפען. זי האט זיך זעהר געשראקען פאר שמעון'ען, ער זאל חלילה נישט צו'הרג'עט ווערען פון המן'ס זוהן. זי האט זיך אנגעהאלטען אן איהר פאטער זי זאל נישט אומפאלען.

שמעון האט דערזעהן עדה'ן און ער האט זיך אנגענומען מיט מעהר מוטה און כח...

דלפון איז געשטאנען די גאנצע צייט געגרייט מיט זיינע געדריקטע פויסטען און ווען ער האט באמערקט אז שמעון האט א קוק געטהאן אויף עדה'ן האט ער איהם מיט'ן גאנצען כח א זעץ געטהאן מיט זיין פויסט אין פנים.

דער פלוצלינגער קלאפ האט שמעון'ען עטוואס צוטומעלט. ער האט זיך אז עפעס אנגעכאפט ער זאל נישט אומפאלען. פון זיין נאז האט אנגעהויבען רינען בלוט.

עדה איז שיער ניט אומגעפאלען פון שרעק. זי איז צוגעלאפען צו שמעון'ען און גענומען פארהאלטען זיין בלוט.

— נו, יעצט פיהלסטו שוין דעם טעם פון מיין פויסט! — האט דלפון זיך אפגערופען מיט שטאלץ, — צו אזא שוואכלינג ווי דו ביזט, האב איך זיך אפילו נישט געדארפט אנשטרענגען.

שמעון האט צערטליך אפגעשטופט פון זיך עדה'ן און גלייך האט ער זיך א לאז געטהאן אויף דלפון'ען און איהם שנעל אריינגעפאהרען מיט זיין פויסט אויך אין פנים, אז דלפון האט דערזעהן דעם זיבעטען הימעל. ער האט זיך א וויילע א וואקעל געטהאן און איז אומגעפאלען. באלד אבער האט זיך דלפון אויפגעשטעלט און זיך ווידער פארמאסטען אויף שמעון'ען מיט זיינע פויסטען.

שמעון האט אויך נישט געשוויגען. דער קאמף האט זיך גוט צופלאקערט...

א ווײַלע האָט אויסגעקוקט אַז דלפון האָט די אויבערהאַנד און אַז אַט באַלד, באַלד מאַכט ער אַ תל פון שמעון'ען, און עדה איז געוואָרען שטאַרק אומרוהיג. באַלד אָבער האָט עדה באַמערקט ווי שמעון קריגט די אויבערהאַנד, ער ליגט איבער דלפון'ען און איז איהם מכבד מיט שטאַרקע קלעפּ.

דלפון האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים. ער האָט זיך געבריקעט, געביסען, אָבער ער האָט באַלד אײַנגעזעהן אַז שמעון איז שטאַרקער פון איהם. ער האָט זיך גענומען רײַסען און זיך געוואָלט באַפרײַען פון שמעון'ס הענט, אָבער דלפון איז געווען מאַכטלאָז.

— לאָז מיר אָפּ! — האָט זיך שוין דלפון גענומען בעטען בײַ איהם.

— ווער איז אַ פּייגלינג! — האָט שמעון איהם געפרעגט, האַלטענדיג צוגעדריקט דלפון'ס בײדע הענד.

— לאָז מיר אָפּ! אוי! אוי! — האָט שוין דלפון געקרעכצט, — איך בעט דיך לאָז מיך אָפּ!...

— ווּעסטו דען וואַגען נאָך אַמאָל צו בעליידיגען מײַן פאָלק? — האָט שמעון איהם נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

דלפון האָט אָנגעגורט אַלע זײַנע כחות און געמאַכט אַ לעצטען פאַרזוך אַרויסצורײַסען זיך פון שמעון'ס אײַנגעקלאַמערטע הענד, אָבער אָהן ערפאָלג.

— דו ווּעסט אַזוי לאַנג ליגען ביז וואַנען דו ווּעסט זיך ענטשולדיגען פאַר דײַן בעליידיגונג.

— מײַן פאָטער איז דעם קעניג'ס הויפּט־מיניסטער! — האָט דלפון געזאָגט,

— אויב דו ווּעסט מיר ניט אָפּלאָזען ווּעסטו ערגער מאַכען... פאַרגעס נישט, אַז ער איז אויך אחשורוש'ס משנה למלך...

— איך האָב שוין גאָרנישט פאַרגעסען! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען.

— פריהער האָסטו מיך אָנגערופען פּייגלינג און מיך באַשולדיגט אַז איך זוך שוץ פון אַ פרוי און אַז איך בין אַ נידריגע בריאה... יעצט זוכסטו זיך צו בעשיצען מיט דעם וואָס דײַן פאָטער איז אַזוי דערהויבען געוואָרען... ווער איז דער שוואַכלינג און פּייגלינג?!...

דלפון האָט איהם גענומען בייסען און גראַבלען. אָבער שמעון האָט איהם זײַנע הענד פאַרדרעהט אויף הינטען אַז ער האָט זיך שוין מעהר נישט געקענט ריהרען פון אָרט...

דלפון האָט געפיהלט אַז ער האָט שוין מעהר קיין כח נישט, האָט ער ווידער אויסגערופען:

— לאָז מיך אָפּ, איך ציה צוריק מײַנע ווערטער!

עדה איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט און געבעטען שמעון'ען ער זאָל איהם פרײַ לאָזען.

שמעון האָט איהם אָפּגעלאָזען... א ווײַלע איז דלפון געבליבען ליגען אויף דעם באָדען און באַלד האָט ער זיך אויפגעשטעלט... ער האָט אָפּגעטרייסעלט פון זיך די שטויב און זיך אויסגעגלייכט... זײַן פנים איז געווען צוקײַלט און צובײַלט... ער האָט געהאַלטען זײַנע אויגען אַרונטערגעלאָזען. ער האָט זיך געשעהמט אַרומצוקוקען... ער האָט גענומען געהן, און ווען ער איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקעל וועג, האָט ער אומגעקעהרט זײַן קאָפּ און אויפהויבענדיג זײַן האַנד, האָט ער מיט אַ פאַרקרימטען פנים אויסגעשריען:

— ווארט, דו פארפלוכטער איד! דאס וועט דיר נאך נישט געשאנקען ווערען!

שמעון האט געמאכט א באוועגונג ווי ער וואלט זיך גענומען נאכיאגען נאך איהם, און דלפון האט גענומען שטעלען פיס. ער איז געלאפען אהן אן אטהעם, ער האט אפילו מורא געהאט זיך ארומצוקוקען אויב שמעון יאגט איהם טאקע נאך... ווען ער איז צוגעקומען נאהענט צו זיין הויז האט ער זיך אפגעשטעלט, און ווען ער האט קיינעם נישט באמערקט, האט ער זיך דארטען צוגעזעצט און אפגערוהט. נאכהער האט ער זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צום ברונעם, אנגעשעפט וואסער און ארומגעוואשען זיין פנים... איהם האט זיך זעהר נישט געוואלט אז זיין מוטער זאל באמערקען אז עפעס איז מיט איהם געשעהן... זי האט דאך איהם אנגעזאגט, אז ער זאל מעהר אהין נישט געהן... אויך האט ער נישט געוואלט אז זיין עלטערער ברודער, פרשנדתא, זאל דערפון וויסען... זיין כעס אויף זיין ברודער איז דאך נישט איינגעשטילט געווארען... ער איז זיכער אז אין גאנצען איז שולדיג אין דעם פרשנדתא... ווען ער וואלט אויף איהם נישט אנגערעדט פאר עדה'ן, וואלט דערצו נישט געקומען... ער האט זיך גענומען ארומטאפען און ער האט געפיהלט אז יעדער גליעד טהוט איהם וועה... וואס פאר א שטארקע האנד ער האט, אט דער איד! א, ווען פרשנדתא וואלט אריינגעקראגען אזעלכע קלעפ פון איהם ווי ער, וואלט איהם שטארק הנאה געטהאן. ער האט נאך אלץ ביי זיך נישט געקענט בעשליסען אריינצוגעהן אין הויז... ער איז געזעסען אין דרויסען און זיך אפגערוהט.

אין א ווייලע ארום האט ער באמערקט ווי פרשנדתא קומט אן. זיינע אויגען האבען געלויכטען פון פרייד, און זיין פנים האט געשטראהלט.

— וואו ביזטו געווען, דלפון! — האט ער אויסגערופען, ווען ער האט זיין ברודער פון ווייטען דערזעהן, — אה, האסטו געדארפט זעהן ווי אלע אידען האבען זיך דערשראקען ווען איך האב זיי גענומען דערצעהלען וועגען דער גרויסקייט פון אונזער פאטער! קיינער פון זיי האט שוין נישט געוואגט מיר צו דערמאהנען אז המן איז אמאל ביי זיי געווען א בעדער, אפילו די מיידלעך, האבען אויף מיר געווארפען חן'עוודיגע בליקען... און פאר וואס נישט? זיי האבען זיך ארומגעזעהן אז אונזער פאטער האט געקראגען כמעט אזוי פיעל מאכט ווי אחשורוש אליין... אבער וואס ביזטו אזוי אומעטיג? — האט ער נעפרעגט דלפון'ען, — ווער האט עס דיך אזוי צושלאגען? זעה, דיינע אויגען זיינען אונטערגעהאקט און דיין נאז איז געשוואלען... זאג מיר, דלפון, וואס האט מיט דיר פאסירט?

— איך מוז דיר זאגען דעם אמת, פרשנדתא, האט דלפון זיך אפגערופען, — ווען איך האב דערהערט די פרעהליכע נייעס וועגען אונזער פאטער, בין איך געווען אזוי פרעהליך און בערוישט פון גליק אז איך האב נישט געוואוסט וואס איך טהו. איך בין שנעל געלאפען צו עדה'ן. איך האב געוואלט זיין דער ערשטער איהר אנצוזאגען די פרעהליכע נייעס... האב איך אבער פון גרויס אימפעט אן עפעס זיך פארטשעפעט אויפ'ן וועג און אזוי אומגעפאלען אז איך האב זיך שטארק צוקלאפט... דאס ווייזט אויס, האבען מיר די געטער אנגעוואונקען איך זאל צו עדה'ן מעהר נישט געהן.

— דו ביזט גערעכט, עס איז געווים א צייכען פון די געטער אז דו ביזט נישט פאר עדה'ן און זי איז נישט פאר דיר.

— יא, איך גלויב אז דאס איז געווען דאס לעצטע מאָל, — האט דלפון זיך אָפּגערופען, ארומטאפענדיג זיינע צוואוויטאגטע גליעדער, — איך האָב בעשלאָסען איהר מעהר נישט צו זעהן. אָבער דאך בעט איך דיר, מיין ברודער, נישט צו דערצעהלען צו אונזער מוטער, אז דאס האָב איך זיך צושלאגען געהענדיג אויפ'ן וועג צו דעם שמיד'ס טאכטער.

— יעצט, דלפון, אז דו האָסט ביי זיך בעשלאָסען מעהר אהין נישט צו געהן, — האט פרשנדתא אויסגערופען, — וועט דאך דיר געווים נישט פארדריסען ווען איך וועל מאכען א פארזוך זיך מיט איהר צו זעהן... פארשטעהסטו מיך, איך האָב עדה'ן גאנץ ליעב געקראָגען, אָבער כל זמן דו ביזט אין איהר פאראינטערעסירט געווען, האָב איך נישט געוואָלט צו איהר געהן.

— אָבער דו האָסט דאך מיר געזאגט, אז זי האט מיך בעליידיגט און אויך אונזער פאטער! — האט דלפון געזוכט צו פארבארגען זיין צארן...

— דאס האָב איך אויך געטהאן אויס קנאה! — האט פרשנדתא געענטפערט, — איך בין זיך מודה יעצט, ווען דו ביזט שוין מעהר אין איהר נישט פעראינטערעסירט, אז עדה האט קיין איינציגען שלעכטען ווארט נישט גערעדט אויף דיר, אָדער אויף אונזער פאטער.

— אויב אזוי, איז טאקע מיין עצה אז דו זאָלסט טאקע אהין גלייך געהן... דו וועסט איהר יעצט זיכער געפינען ביי איהר פאטער אין קוזניע... אין דיזער צייט געפינט זי זיך שטענדיג דארטען, אויב דו וועסט זיך נאר צואיילען, ווייל נאכהער וועט זי פיעלייכט פון דארטען אוועקגעהן... איך בין זיכער, אז זי וועט דיר יעצט זעהר פיין אויפנעהמען... זי האט געווים געהערט פון אונזער פאטער'ס גרויסקייט... איהר פאטער וועט אויך גאר נישט האבען דאגעגען... דו זעהסט דאך, אז איך וויל דיר ארויסהעלפען.

פרשנדתא האט נישט געגלויבט זיינע אויערען... זיין ברודער זאָל איהם אזוי לייכט איבערגעבען עדה'ן... יעצט וועט ער דאך נישט האבען קיינע שטע־רונגען...

— וועסטו מיר פארשפרעכען אז דו וועסט דער מוטער נישט דערצעהלען אז דאס בין איך יעצט אהין אוועק?

— געווים! אויב דו וועסט נישט דערצעהלען וועגען מיר, וועל איך אויך וועגען דיר נישט דערצעהלען! — האט דלפון איהם געענטפערט.

— אויב אזוי געה איך גלייך אהין! — האט פרשנדתא אויסגערופען א פרעהליכער, — איך וועל זיך לאנג נישט פארזאמען, ווייל איך וויל זיין אין הויז איידער דער פאטער קומט אן. די מוטער וועט ווארשיינליך אויך מאכען א גרויסארטיגען מאָלצייט לכבוד זיין דערהויבונג.

— איך וועל אויף דיר ווארטען דא אין דרויסען! — האט דלפון זיך אָפּגערופען, און זיך קוים אנידערגעזעצט אויפ'ן גראז אונטער א בוים זיך אויס־צורוהען, און ווארטען ביז זיינע ווייטאגען וועלען פאראיבערגעהן.

ער האט געזעהן ווי זיין ברודער דערווייטערט זיך, און ער האט געגומען טראכטען ווי אזוי דער אידישער יונגער מאן וועט איהם אזוי מכבד זיין! רעכט אויף איהם! ער האט דאס פארדיענט... ער האט מיט גרויס אומגעדולד געווארט

ביז פרשנדתא וועט זיך צוריקקעהרען, ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען ווי ער האט אויסגעמאכט.

ווען די איבריגע ברידער האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים און דלפון'ן געפרעגט פאר וואס ער געהט נישט אריין אין הויז, האט ער זיי געענטפערט אז ער ווארט דאס אויף פרשנדתא'ן וועלכער דארף באלד אנקומען.

לאנג האט דלפון נישט געדארפט ווארטען. פון וויטען האט ער באמערקט זיין עלטערען ברודער אנקומענדיג מיט וואקלענדע טריט... ער האט באלד פארשטאנען אז זיין ברודער האט אויך געקראגען דיזעלבע מפלה וואס ער... ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איהם אנטקעגען געגאנגען.

— נו, פרשנדתא, — האט ער קוים איינגעהאלטען זיין שמייכעל, — האסטו איהר געזעהן?... אבער וואס זעה איך?... דו ביזט צובלוטיגט... יא, א פאר צייהנער האט אימיצער דיר אויסגעהאקט... דיין פנים איז געשוואלען... אפשר האסטו זיך אויך אויפ'ן וועג אן עפעס פארטשעפעט און אומגעפאלען.

— אוי ביזטו א געטרייער ברודער! . . . — האט פרשנדתא אויסגערופען קארטשענדיג זיך פון יסורים, — ווען דו וואלסט מיר געזאגט דעם אמת, וואלט איך דאך עפעס מיט זיך מיטגענומען.. .מיט לייזיגע הענד האב איך זיך געגען איהם נישט געקענט שטעלען קעמפען... בפרט אין א פרעמדען פלאץ... אבער איך וועל איהם נאך ניט שענקען... דו האסט זיך געשעהמט מיר אויסצוזאגען אז ער האט דיך געשלאגען... ווען איך וואלט עס געוואוסט, וואלט איך גאר אנדערש מיט איהם געקעמפט!... און איך וואלט זיך מיט איהם אפגערעכענט פאר די קלעפ וואס ער האט מיר פאראורזאכט.

— אבער דו מוזט צוגעבען, פרשנדתא, אז דו ביזט אין דעם מעהר שולדיג ווי איך. ווען דו וואלסט אויף מיר פאר איהר נישט אנגערעדט, וואלט דער אידישער יונגערמאן גאר ביי איהר נישט געווען.

— אבער מיר טארען איהם ניט שענקען, — האט פרשנדתא אויסגערופען מיט גרויס שנאה, — ער מוז געטויטעט ווערען!

— צו דעם וועלען מיר מוזען קריגען אונזער פאטער'ס ערלויבניס, — האט דלפון געזאגט, — ווען שמעון, — אזוי האב איך געהערט רופט מען איהם, — וועט געפונען ווערען א טויטער, וועט דער חשד פאלען אויף אונז... איך צווייפעל נישט אז עדה אליין וועט זיין אן עדות געגען אונז... דאריבער וועלען מיר דארפען אויסקלעהרען אויף איהם א בלבול אז ער האט שרעקליך בעליידיגט אונזער פאטער, און דאן ווען מיר וועלען קריגען פון איהם די ערלויבניס וועלען מיר פון שמעון'ען נעהמען נקמה.

— מיר וועלען יעצט אבער דארפען אלעס טהאן צוזאמען, מיין ברודער, איך האב געגען דיר געזינדיגט און דו געגען מיר, און יעצט האבען מיר זיך אויסגעגלייכט, און פון היינט אן וועלען מיר זיין נאך ענגער צוגעבונדען איינער צום צווייטען... מיר דארפען ביידע פארגעסען אן דער מיידעל... אונזער נקמה דארף זיין שטארקער פון אונזער ליעבע צו איהר.

— כל זמן שמעון וועט לעבען, איז זי דאך אלץ איינם פארלארען צו אונז ביידען! — האט דלפון צוגעגעבען, — דאריבער בין איך איינשטימיג מיט דיר... איך וועל טהאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען, אבער זאג מיר, וואס איז דארטען פארגעקומען ווען דו ביזט אריינגעקומען אין קוזניע.

— ווען איך בין אריינגעקומען אין קוזניע, האָב איך ירוחם'ן דאַרטען נישט געטראָפען. איך קוק זיך ארום, איך זעה ערה זיצט מיט א יונגען מאן... מיין צאָרן האָט אין מיר געברענט... איך בין גלייך צוגעגאנגען צו זיי. פלוצלינג האט זיך דער יונגער מאן אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און מיך אנגעקוקט מיט בייזע בליקען.

— וואָס פערלאנגסטו? — האָט ער מיך געפרעגט מיט א בייזער שטימע.

— איך בין זעהר אויפגערעגט געוואָרען פון דעם אידען'ס חוצפּה, און איהם געזאָגט:

"ווייסטו צו וועמען דו רעדסט? !"

— ער האָט מיר אריינגעלאכט אין פּנים און זיך צו מיר אָפּגערופען: אויב דו וועסט פון דאנען שנעל ניט ארויס וועסטו כאַפּען דיזעלבע מפּלה וואָס דיין ברודער האָט געכאַפּט.

— איך האָב ניט פארשטאנען וואָס ער מיינט, און מיין כעס איז נאָך גרעסער געוואָרען... איך האָב אויפגעהויבען מיין האנד און איהם געוואָלט דער־לאַנגען, אָבער איידער איך האָב דאָס באוויזען צו טהאָן, איז ער מיר אריינגע־פאָהרען מיט זיין קולאַק אין די צייהנער... איך האָב זיך גענומען ראנגלען מיט איהם, און ער האָט מיך אומגעוואָרפען און גענומען דערלאנגען, עס האָט מיך נישט געקימערט אזוי די קלעפּ ווי די חרפּה פאר ערה'ן... זי איז געשטאנען פון וויטען און שטארק הנאה געהאט דערפון... יאָ... איך האָב באמערקט א גליק־ליכען שמייכעל אויף איהר פּנים... אה, מיין ברודער, ווי איך האָב פריהער ליעב געהאט ערה'ן אזוי האָב איך אָנגעהויבען איהר יעצט צו האסען.

און ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט און פארלאָזען די קוזניע, האָט צו מיינע אויערען דערגרייכט איהר געלעכטער. אָה, נקמה! איך וועל נקמה נעהמען אן שמעון'ען.

— דערווייל דאַרף קיינער דערפון נישט וויסען. פארוואָס זאָל צושטערט ווערען היינט אונזער גרויסע שמחה, — האָט דלפון אָנגענומען זיין ברודער פאר'ן האנד, — קום, דו וועסט זיך ארומוואשען און אויסרוהען... דו זעהסט, איך האָב שוין בעסער אויסגעמאכט ווי דו, אויף מיר איז שוין גארנישט צו דערקענען, און דו וועסט זיך מוזען בענוצען מיט מיין פרידערדיגען תירוץ. אז דו ביזט פון גרוים אימפּעט אומגעפאלען און זיך צושלאָגען... און אויב דו וועסט האַלטען דיין מויל צוגעמאכט וועט מען אויך גלייך נישט באמערקען אז צוויי צייהנער פעהלען דיר.

דלפון האָט געהאָלפען פרשנדתא'ן זיך ארומוואשען, און ער האָט איהם אויך דערצעהלט וועגען זיין אייגענעם קאַמף מיט שמעון'ען.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אז ער איז א געזונטער יונג! — האָט ער צוגעגעבען, — און איך האָב אימער געמיינט אז די אידען זיינען פייגלינגע און שוואכלינגע...

— מיר וועלען איהם מוזען אָנלערנען! — האָט פרשנדתא זיך גענומען ארומוואשען, — אויב עס וועט פאר אונז נישט זיין מעגליך איהם צו טויטען, וועל איך זעהן ארויסצוהאקען אן אויג פון איהם, זאָל ער בלינד זיין אויף איין אויג, דאָס וועט בלייבען א שאנדע פאר איהם אויף שטענדיג. און די איבריגע אידען וועלען וויסען אז זיי דארפען מורא האבען פאר המן'ס זיהן!

— און איך גלויב, אז מיר דארפען אויסגעפינען וואו דיזער שמעון וואהנט, און בייגאכט אונטערצינדען זיין הויז, זאל ער און זיין משפחה פארברענט ווערען.

— דאס וועט אויך זיין פאר אונז א גרויסע ריזיקע צו טהאן אזא דעם פאטער׳ס וויסען, — האט דלפון געזאגט, — אבער מיר מעגעןביידע זיכער זיין, אז ווען מיר ווילען דעם פאטער זאגען אז מיר האבען געהערט ווי ער האט איהם בעליידיגט, דאן וועט ער זיך שוין מיט איהם אפרעכענען. ער וועט איהם קענען ארייגשפארען אין געפענגניס אויף עטליכע יאהר, אדער אפשר אין גאנצען אומברייגגען. אבער וואס מיר זאלען נישט טהאן, קיינער דארף נישט וויסען אז דאס איז צוליעב דעם שמיד׳ס טאכטער.

## צעהנטער קאפיטעל

# המנ׳ס שנאה

גרויס איז געווען די שמחה אין המנ׳ס הויז יענעם אווענט. המן האט זיך צוריקגעקעהרט פון קעניג׳ס פאלאץ רייטענדיג אויף א פערד אין דער באגלייטונג פון הויכע בעאמטע. זיין פנים האט געלויכטען פון גליק, ווען ער האט באמערקט, אז יעדער פארבייגעהער נייגט זיך פאר איהם און גיט איהם אזוי פיעל כבוד ווי דעם קעניג.

זרש איז איהם אנטקעגען ארויסגעקומען און איהם מיט א פרעהליכען פנים באגריסט. דערנאך זיינען ארויסגעקומען המנ׳ס צעהן זיהן און זיינע צוויי טעכטער און ארומגערינגעלט זייער פאטער. די טעכטער זיינען איהם געפאלען אויפ׳ן האלז און איהם געקושט. באלד זיינען אלע אריינגעקומען אין הויז און זרש האט שוין געהאט צוגעגרייט א טייערען מאלצייט. פיעלע געסט, המנ׳ס פריינט און קרובים, זיינען געווען און מיט זעהר א געהויבענער שטימונג און באזונדערער פרעהליכקייט האט מען פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט.

המן האט פאר אלעמען דערצעהלט וועגען זיין גרויסקייט:

— דער קעניג אחשורוש האלט אזוי שטארק פון מיר, אז ער טהוט נישט קיין איין זאך, איידער ער בעראטה זיך מיט מיטר. יעצט בין איך פארערכענט אלס זיין צווייטע האנט און עס איז אין גאנצען לאנד נישטא א מאן, וועלכער זאל האבען דערגרייכט אזא אמט ווי איך. איך האב בלויז געדארפט זאגען אייןווארט צום קעניג און ממוכן, מיין פריהערדיגער שונא, איז איגגאנצען דערוויי־טערט געווארען פון פאלאץ, — האט המן געזאגט מיט שטאלץ. — און איך האב נישט געקענט איינהאלטען מיין שמייכעל, ווען איך האב פארבייגעריטען דעם פאלאץ און האב באמערקט צווישען אלע, וועלכע האבען זיך פאר מיר פארנייגט. אויך ממוכנ׳ען. זיין פנים איז געווען בלאס און דורכגעדרונגען מיט קנאה. איך האב געקענט זעהן מיט וואס פאר א יסורים דאס בויגען זיך פאר מיר איז איהם אנגעקומען... איך האב געמוזט לאכען, ווען איך האב דערזעהן חרבונה׳ן פאר־נייגענדיג זיך דריי מאל פאר מיר. ער האט זיך אימער געהאלטען, אז ער איז קליגער פון מיר!

— חרבונה קליגער פון דיר?! — האט זיך זרש פאנאנדערגעלאכט. — אפילו אין דער צייט, ווען איהר האט ביידע געהאלטען דעם זעלבען אמט צו

געהן רופען די קעניגין ושתי, ביזטו געווען העכער פון איהם. ווער האט עס איהם איינגערעדט, אז ער איז געווען קליגער פון דיר?

— פארשטעהסטו זרש, ער פלעגט שטענדיג אריינקומען אין מרדכי'ס הויז און אז איך פלעג דארט מאכען א פארזוך צו קומען, פלעגט ער פון מיר אפ־שפאטען. ער האט געווים געמיינט, אז איך קום דאס צוליעב אסתר'ן, ווייל איך האב פארגעניגען צו קוקען אויף א שעהן מיידעל.

— דאס צייגט טאקע וואס פאר א נאר חרבונה איז, — האט זרש זיך אפ־גערופען. — ער האט אפילו נישט געקענט באגרייפען דאן, אז דו ביזט געווען אויסען עפעס אנדערש.

— געווים! — האט המן אויסגערופען מיט א שמייכעל — שוין דאן אפילו ווען ושתי איז נאך געווען די קעניגין, האב איך שוין אין אסתר'ן געזעהן גרויסע מעגליכקייטען... איך האב געוואוסט, אז דורך איהר וועל איך דערהויבען ווערען. איך האב נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון איהר אלס א פאסענדע קעניגין... איך האב פאראויס געוואוסט, אז ושתי וועט לאנג קיין קעניגין נישט זיין... איך האב אפילו פארשטאנען, אז צווישען ושתי'ן און בגתנ'ען קומט פאר א געהיימע ליעבע. און אזוי האב איך דאס אלעס אויסגעארבייט אין מיינע געדאנקען, ביז וואנען אלעס איז פארווירקליכט געווארען... אחשורוש איז גליקליך, אסתר איז גליקליך און איך בין דער גליקליכסטער!

— איך האב זיך אלץ געשראקען, אז אסתר זאל זיך נישט אנגעבען אלס אידישע טאכטער! — האט זרש זיך אפגערופען צו המנ'ען. — אבער דו קענסט זיך פארשטעלען ווי גליקליך איך בין געווען, ווען איך האב אויסגעפונען, אז אסתר האט פארלייקענט איהר אפשטאמונג...

— דאס איז אויך געווען מיין פלאן! — האט המן געזאגט. — איך האב זעהר נישט געוואלט, אז מרדכי, וועמען איך האב נישט איבעריג ליעב, זאל האבען א צוטריט אין פאלאץ... דו ווייסט דאך ווי ליעב איך האב אלע אידען פון שושן, און בפרט מרדכי'ן... בין איך אוועק צו אסתר'ן און גענומען מיט איהר זיך דורכרעדען וועגען איהר אפשטאמונג. איך האב איהר געזאגט, אז זי זאל נישט מיינען, אז צוליעב דעם, וואס מרדכי און קציעה האבען זי ערצויגען, אז זי שטאמט פון אידען... עס איז גאנץ מעגליך, אז זי שטאמט פון אן אנדער פאלק. און אזוי ווי איך האב איהר געזאגט אזוי האט זי געטהאן; ווען אחשורוש האט איהר געפרעגט פון וואנען זי שטאמט האט זי איהם געענטפערט, אז זי ווייסט נישט!

— אבער דאך דערצעהלט מען מיר, אז מרדכי קומט יעדען טאג צו די טויערען פון פאלאץ. דארטען בלייבט ער זיצען כמעט דעם גאנצען טאג, — האט זרש זיך א קרים געטהאן. — אויב עס איז נאר מעגליך פאר דיר איהם פון דאר־טען צו דערווייטערען, וואלסטו עס געדארפט טהאן!

— כא, כא, כא! — האט זיך המן פאנאנדערגעלאכט. — איין ווארט פון מיר און איך קען איהם מאכען ווי די שטויב צוגלייך. וואס פאר א ווערדע קען ביי מיר האבען איהם צו דערווייטערען פון די טויערען פון פאלאץ?...

המן האט א טראכט געטהאן, ווי ער וואלט זיך געוואלט אן עפעס דערמאנענ.

— יע... איך ווייס נישט אויב דאס האט זיך מיר אזוי אויסגעדאכט, אדער עס האט טאקע אזוי פאסירט.

— וואס ? — איז זרש נייגעריג געווארען.

— ווען איך האב היינט פארבייגעריטען דעם פאלאץ און יעדער איינער וועלכער האט מיך געזעהן, איז געפאלען אויף זיינע קניה און זיך פאר מיר פארנייגט, דאכט זיך מיר, אז מרדכי האט זיך פון זיין ארט נישט גערירט. איך ווייס נישט, צי ער האט מיך נישט געזעהן, אדער זיך געמאכט נישט זעהענדיג... אבער ער האט זיך פאר מיר נישט פארנייגט.

— פאר דעם אליין האט ער שוין פארדיענט דעם טויט! — האט זרש אויסגערופען. — איז דען דאס נישט דעם קעניג׳ס פארזאג, אז יעדער איינער, וועלכער וועט דיך דערזעהן, זאל זיך פאר דיר קניהען און בוקען ?

— געוויס! דאס איז באלד געווארען א קעניגליכער געזעץ! אבער ווי איך פארשטעה, האט זיך מרדכי נישט זעהענדיג געמאכט. איך וועל פרובירען מארגען א צווייטען מאל פארביירייטען איהם. איך וועל עס טהאן מעהר ווי איין מאל, ער זאל קיין תירוץ נישט האבען, אז ער האט מיך נישט באמערקט... אה, זעהר א שעדליך און מיאוס פאלק איז דאס אידישע פאלק! דו ווייסט וואס איך האב נאך באמערקט ? אז אין דער צייט, וואס יעדער איינער פון שושן איז ארויסגעקומען צו זעהן מיין גרויסקייט און זיך פאר מיר פארנייגען, איז, ווען איך האב פארבייגעריטען די אידישע נאכבארשאפט, זיינען אלע אידען פלוצלונג ווי פארשוואונדען געווארען... פון ווייטען האב איך געקענט זעהן פיעלע אידען שטעהענדיג און רעדענדיג צווישען זיך און ווען איך האב זיך דערנעהענטערט, זיינען זיי אלע ווי איינגעזונקען געווארען! יע, זיי זוכען אן אנדער וועג ווי אזוי זיך פאר מיר נישט צו בוקען!

— און דערפאר וואלט איך דוקא פארבייגעריטען די אידישע נאכבארשאפט עטליכע מאל א טאג! — האט זרש מיט כעס אויסגערופען. — ביז וואנען דו וואלסט באמערקט ווער עס וואגט עובר צו זיין דעם קעניג׳ס באפעהל און איהם באשטראפט מיט דעם טויט. דאס וואלט געווען אן אנזאג פאר די איבעריגע און וואלסט געזעהן וויפיעל כבוד זיי וואלטען דיר אנגעטהאן.

— איך און מיינע ברידער האבען זיך היינט צעשפרייט איבער דער אידישער גאס צו דערצעהלען די אידען וועגען דיין גרויסקייט, פאטער! — האט פרשנדתא געזאגט, פארשטעלענדיג מיט זיין האנט דאס מויל, כדי מען זאל נישט באמערקען, אז צוויי צייהנער זיינען ביי איהם אויסגעהאקט. — און מיר האבען באמערקט ווי שטארק אומצופרידען די אידען זיינען געווען צו הערען אזעלכע נייעס!

— דיינע זיהן האבען מיר נישט לאנג צוריק דערצעהלט, — האט זרש זיך אפגערופען, — אז פיעלע פון די אידען פלעגען דיך באליידיגען. יע, ווען זיי פלעגען זיך פארשטעלען, און זאגען אז זיי זיינען די זיהן פון המן, פלעגט מען זיי איבערפרעגען: "די זיהן פון המן דעם בערער" ?

— ווייסטו ווער זיי זיינען ? — האט המן זיך אפגערופען צו פרשנדתא׳ן.

— זאג מיר ווער זיי זיינען און איך וועל זיי גלייך מאכען צו שטויב.

— איך געדענק נישט ווער עס איז געווען, אבער א סך האבען צו אונז אזוי גערעדט און אויך דלפון האט עס געהערט פון פיעלע.

— דאס וועט קיינעם נישט געשאנקען ווערען! איך וועל אלע אידען אויסראטען! ווי די שעפסען וועל איך זיי אויסקוילענען! — האט המן א קלאפ גע-

טהאָן מיט זיין פויסט איבער׳ן טיש. — איך וועל די פארפלוכטע אידען צייגען ווי צו האָבען דרך ארץ פאר מיר!

— וואָס דו דארפסט טהאָן, — האָט זרש זיך געווענדט צו המנ׳ען, — איז פריהער באשטראָפען מרדכי׳ן. ער איז דאָך דער הויפּט און חשוב׳סטער ביי זיי אַלעמען. און ווען זיי וועלען זעהן דיין נקמה אָן מרדכי׳ן, וועלען זיי שוין ציטערען פאר דיר און וועלען דיר אָפּגעבען גרויס כבוד.

— מרדכי אליין איז ביי מיר גארנישט! — האָט המן געזאָגט מיט גלייכגילטיגקייט אין זיין שטימע. — דאָס גאנצע אידישע פאָלק, וואָס געפינט זיך אין שושן און אין דעם אומגעגענד, וועל איך פארניכטען. זייער׳ פרויען, זייערע קליינע קינדער און זייערע אַלטע מענער, אז קיין זכר זאָל פון זיי נישט איבערבלייבען... וואָס פאר א נוצען האָבען מיר פון זיי? וואָס ווייטער ווערען זיי רייכער און מעכטיגער אין אונזער לאנד! יע, טויט צו זיי אַלעמען! אבער פריהער וועל איך זיך איבערצייגען, אויב מרדכי וויל זיך טאקע צו מיר נישט בוקען... ערשט דאַן וועל איך איהם צייגען, וואָס איך קען טהאָן!

— פּאָטער! — האָט זיך דלפון אָפּגערופען. — איך האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט! ווען איך בין נישט לאנג צוריק געווען אין דער אידישער נאכבארשאפט, האָב איך זיך צוזאמענגעטראָפען מיט א יונגען אידישען מאַן און ער האָט אָנגעפאנגען מיך צו באַליידיגען. אָבער דאָס האָט מיך אזוי נישט געאַרט, נאָר ווי ער האָט אָנגעהויבען צו מאכען באַליידיגענדע באמערקונגען אויף וועגען דיר. האָב איך מיין כעס מעהר נישט געקענט באהערשען און האָב איהם אזוי גוט אָנגעבראָכען די ביינער, אז ער האָט זיך ביי מיר געגומען בעטען איך זאָל איהם אָפּלאָזען... בעת מעשה האָב איך איהם אָפּגעלאָזען, אָבער נאכהער האָט מיך שטארק פארדראָסען פארוואָס איך האָב איהם נאָך מעהר נישט צעשלאָגען, ווייל ווי נאָר ער האָט זיך דערווייטערט פון מיר, האָט ער ווידער אָנגעהויבען מיך צו באַליידיגען.

— און ווייסטו ווער ער איז און וואו ער געפינט זיך? — האָט המן איהם געפרעגט.

— איך ווייס נאָר, אז זיין נאָמען איז שמעון! — האָט דלפון זיך אָפּגערופען — אָבער איך וועל איהם שוין געוויס געפינען, ווען איך וועל איהם דארפען.

— דו ווארט נאָר ווען אלע אידען וועלען זיין אין מיין האנט און דאַן וועל איך דיר לאָזען טהאָן מיט איהם ווי דיר וועט געפעלען, — האָט המן געזאָגט מיט א שמייכעל.

פּרשנדתא האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף זיין אינגערען ברודער דלפון און ער האָט קוים געקענט באהערשען זיין געלעכטער.

שפּעטער אין אָוונט, ווען די ברידער זיינען געגאנגען שלאָפען, האָט זיך פּרשנדתא געווענדט צו דלפונ׳ען לאכענדיג:

— דיינע פויסטען מוזען דיך שטארק וועה טהאָן פון די קלעפּ, וואָס דו האָסט געגעבען שמעונ׳ען... ווי אזוי האָסטו געקענט זאָגען אזא ליגען דעם פאָטער און דערצו ארויסצייגען אזא ערנסטען פּנים?

— וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל איהם דערצעהלען דעם אמת, ווי אזוי דער אידישער יונגערמאַן האָט אונז ביידען אזוי צעשלאָגען? מיר האָבען דאָך

עפעס אפגעמאכט צווישען זיך? און יעצט וועט פאר אונז נישט שווער זיין דורכ־צופיהרען אונזער נקמה־פּלאן אויף שמעון'ען.

---

אויף מארגען האט המן זיך ארויפגעזעצט אויף זיין טייערען פערד און האט גענומען לאנגזאם רייטען דורך די גאסען פון שושן. ער האט געהאט גרויס פאר־געניגען צו זעהן ווי אלע פארבייגעהער, וועלכע דערזעהען איהם, קניהען און בויגען זיך פאר איהם. ער האט מיט א כיון אויסגעזוכט צו געהן צום פּאלאץ דורך א וויטערען וועג, כדי וואס מעהר מענשען זאלען זיך פאר איהם פארנייגען... ער האט אויך באמערקט, אז אייניגע אידען, וועלכע האבען איהם דערזעהן, האבען געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען, אבער ער האט שנעל א טרייב געטהאן זיין פערד און זיי זיינען געצוואונגען געווען זיך פאר איהם צו פארנייגען. אמת, זיי האבען נישט געקניהט, ווי די אנדערע איינוואוינער פון שושן טהוען, אבער דאך האבען זיי זיך פאר איהם פארנייגט. יעצט וועט ער זעהן ווי אזוי מרדכי וועט האנדלען, האט ער זיך געטראכט, ווען ער האט זיך דערנעהענטערט צום פּאלאץ.

ווי המן האט צוגעריטען נישט ווייט פון פּאלאץ, אזוי גלייך זיינען אלע בעאמטע און אלע וועכטער געפאלען אויף די קניה און זיך געבוקט מיט'ן פּנים צו דער ערד פאר המנ'ען, וועלכער איז געזעסען אויף זיין פערד מיט א פארדי־סענעם קאפּ... ער האט פארבייגעריטען דעם טויער פון פּאלאץ, וואו מרדכי איז געזעסען, און געווארפען זיינע בליקען אויף מרדכי'ס זייט. אבער ער זעהט, אז מרדכי מאכט זיך ווי ער באמערקט איהם נישט. המן האט זיך נישט געפּוילט און זיך אומגעקעהרט און ווידער פארבייגעריטען מרדכי'ן. די אלע אנדערע, וועלכע האבען איהם דערזעהן, האבען זיך ווידער אמאל פאר איהם פארנייגט. מרדכי איז אבער געבליבען נעבען טויער ווי פארטיעפט אין זיינע געדאנקען...

המן האט שוין געזוכט צוצוציהען זיין אויפמערקזאמקייט. ער האט עפּעס א זאג געטהאן גאנץ הויך צו איינעם פון די בעאמטע, וועלכער איז געשטאנען נישט ווייט פון מרדכי'ן. אבער מרדכי האט זיך נישט הערענדיג געמאכט. המן איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהם. מרדכי איז געזעסען, זיינע אויגען ארונ־טערגעלאזען צום באדען און זיך נישט גערירט פון ארט.

המן האט א הוסט געטהאן און פון מרדכי'ן זיינע אויגען נישט ארונטער־גענומען. אבער עס האט נישט געהאלפען.

מעהר האט שוין המן דאס נישט געקענט אריבערטראגען. ער האט צוגערו־פען איינעם פון די בעאמטע און צו איהם געזאגט:

— האסטו באמערקט ווי מרדכי טהוט נישט דעם קעניג'ס פארזאג? — האט ער איהם א פרעג געטהאן.

— יע, מיין גנעדיגער האר! — האט זיך דער בעאמטער פארנייגט. מיר האבען שוין דאס איבערגערעדט צווישען זיך. עס איז פאר אונז אלעמען א וואונ־דער...

— געה יעצט צו צו איהם און פרעג איהם! — האט המן זיך אפגערופען.
— פרעג איהם, אויב ער האט געהערט וועגען דעם קעניג'ס באפעהל?
— דער בעאמטער האט זיך א נייג געטהאן און איז צוגעגאנגען צו מרדכי'ן.

— האָסטו דען נישט געהערט דעם קעניג׳ס באַפעהל? — האָט ער מרדכי׳ן געפרעגט.
— וועלכען באַפעהל? — האָט מרדכי איהם אנגעקוקט.
— דעם באַפעהל צו עהרען זיין הויפּט מיניסטער, המן, און זיך פאַר איהם בייגען צו יעדער צייט, וואָס מען דערזעהט איהם.
— יע, וועגען דעם האָב איך געהערט! — האָט מרדכי זיך אָפּגערופען געלאַסען.
— און פאַרוואָס בוקסטו זיך נישט צו איהם, ווי אַלע טהוען דאָס?
— דעם קעניג׳ס באַפעהל איז זיך צו בוקען צו המנ׳ען, ווען מען וועט איהם דערזעהן, אָבער איך זעה איהם קיינמאָל נישט!
— אָט איז ער דאָך, המן, נישט ווייט פון דיר! — האָט דער בעאַמטער אויסגערופען.
— ניין, איך זעה איהם נישט! — האָט מרדכי איהם געענטפערט און אפילו זיינע אויגען נישט אויפגעהויבען.
— גיב נאָר אַ קוק, וועסטו איהם דערזעהן! — האָט איהם דער בעאַמטער געזאָגט.
— עס געהט מיר אין לעבען אויף איהם צו קוקען! — האָט מרדכי אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.
— דו ווייסט דאָך, מרדכי, אַז איך בין דיין פריינט? — האָט דער בעאַמטער זיך צו איהם אָפּגערופען. — און דעריבער וואָלט איך דיר געראַטען דו זאָלסט אויף איהם יע אַ קוק טהאָן און זיך פאַרנייגען, ווייל המן איז יעצט דער מעכטיגסטער מאַן פון אַלע אחשורוש׳ס מדינות, אויסער דעם קעניג!
— איך טהו זיך פאַרנייגען בלויז צו דעם אַלמעכטיגען, צו דעם באַשעפער פון דער וועלט. און אין אונזער תורה איז פאַרבאָטען זיך צו בוקען צו אַנדערע געטער, אָדער אפילו צו מענשען, וועלכע טראָגען זיך אַרום מיט די געשטאַלטען פון זייערע געטער.
המן איז די גאַנצע צייט, וואָס דער בעאַמטער האָט צו מרדכי׳ן גערעדט, געשטאַנען עטוואָס פון דער ווייטען און צוגעקוקט. ער איז געוועזען זיכער, אַז אָט־אָט וועט מרדכי זיך אויפשטעלען פון זיין פּלאַץ און זיך פאַר איהם פאַרנייגען... ווי גרויס איז זיין צאָרן געוואָרען, ווען ער האָט באַמערקט, אַז מרדכי קוקט זיך אויף איהם נישט אום.
— איך האָב צו איהם גערעדט, מיין מעכטיגער האַר! — האָט זיך דער בעאַמטער פאַרנייגט צו המנ׳ען ביז דעם באָדען. — אָבער ער וויל זיך צו מיינע רייד נישט צוהערען.
— אַזאַ חוצפה פון אַ אידען! — האָט המן נעקריצט מיט די צייהן. — איך וועל איהם שוין אַנלערנען! איך וועל איהם צעטרעטען אַזוי ווי אַ וואָרים. ווייסט ער דען נישט, אַז ווען איך זאָל זאָגען איין וואָרט, וועט ער באַלד אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים און עס וועט פון איהם קיין געדעכעניש נישט בלייבען?
אַ שטאַרקער צאָרן און האַס האָט געברויזט אין המנ׳ס האַרצען, ווען ער איז יענעם טאָג אין פּאַלאַץ אריינגעקומען. ער ווייסט, אַז ווען ער זאָל פאַרלאַנגען פון דעם קעניג וועט ער איהם ערלויבען צו טהאָן מיט מרדכי׳ן וואָס איהם געפעלט. יע, אַזוי וועט ער טהאָן! ער וועט בעטען פון דעם קעניג ערלויבעניש

אויפצוהענגען מרדכי׳ן... וועט ער זיך נישט דארפן אויפרעגן יעדן מאָל, ווען ער רייט פאַרביי די טויערן פון פּאַלאַץ.

ווען ער איז אריין אין פּאַלאַץ, האָט מען איהם געלאָזט וויסען, אז אחשורוש איז יעצט פאַרנומען מיט דער קעניגין. ער האָט זיך באַלד ארומגעזעהן, אז היינט איז נישט די ריכטיגע צייט דערצו... דעם גאַנצען טאָג האָט ער זיך ארומגעדרעהט איבער׳ן פּאַלאַץ. ער האָט געוואוסט, אז אחשורוש וויל נישט ליידען, ווען מען שטערט איהם אין דער צייט, ווען ער פאַרברייינגט מיט דער מלכה. ער האָט דער־ריבער דאָס אָפּגעלייגט אויף א צווייטען מאָל.

ארויסרייטענדיג פון דעם הויף פון פּאַלאַץ, האָט המן באַמערקט מרדכי׳ן נאָך אַלץ זיצענדיג ביים טויער. ער האָט געמאַכט א גערויש מיט זיין פערד. אַלע וועכטער האָבען איהם באַלד דערזעהן און זיך פאַרנייגט פאַר איהם, אבער מרדכי האָט איהם אפילו נישט באַשאַנקען מיט א בליק. המן איז אזוי אויפגעבראַכט גע־וואָרען אויף מרדכי׳ן, אז ער האָט שוין געוואָלט אויף איהם ארויפרייטען מיט זיין פערד און איהם צעטרעטען אויף טויט. אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער וועט בעסער וואַרטען... עס וועט שוין לאַנג נישט נעהמען און ער וועט זעהן נקמה נישט נאָר אין מרדכי׳ן, נאָר אויך אין אַלע אידען.

ער האָט שנעל אוועקגעריטען אהיים און דערצעהלט זרש׳ן וועגען דער חוצפּה פון מרדכי׳ן.

— איך האָב פריהער געמיינט, אז ער האָט מיך נישט באַמערקט. איך האָב געקלעהרט, אפשר איז ער אזוי שטאַרק פאַרטיעפט אין זיינע געדאַנקען, אז ער הערט און זעהט גאָרנישט ארום זיך. האָב איך שוין צו איהם צוגעשיקט א בעאַמ־טען, וועלכער זאָל ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם קעניג׳ס באַפעהל. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויף מיר אפילו א קוק טהאָן. איך זאָג דיר, זרש, אז דאָס האָט מיך אזוי אויפגערעגט, אז איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך טהו דעם גאַנצען טאָג...

— ביזטו דאָך גאָר א נאַר, מיין ליעבער המן! — האָט זרש איהם ארומגענ־נומען און א קוש געטהאָן. — פאַרוואָס זאָלסטו זיך אומזיסט אויפרעגען? מען בעט דעם קעניג ער זאָל דיר ערלויבען צו טהאָן מיט מרדכי׳ן אַלץ, וואָס דו ווינשסט און דו וועסט שוין וויסען, וואָס צו טהאָן מיט איהם! זאָל ער נאָר אי־בערגעגעבען ווערען אין דיינע הענט!

— אזוי האָב איך טאַקע גערעכענט צו טהאָן! — האָט המן געזאָגט. — איך בין אריין מיט דעם געדאַנק צו בעטען ערלויבעניש פון אחשורוש׳ן אויפצוהענגען מרדחי׳ן...

— זעהר א גוטער פּלאַן! אויפהענגען איהם אויף א גאַנץ הויכען בוים, אז אַלע אידען פון שושן זאָלען דאָס קענען צוזעהן, — האָט זרש געזאָגט און איהרע באַקען האָבען געפלאַמט. — מיך וואונדערט אויף דיר, המן, אז דו האָסט גלייך דאָס נישט געטהאָן! פאַרוואָס זאָלסטו האָבען אומזיסטע הארצוועהטאָג אויף אַז איבעריגען טאָג?

— איך האָב עס היינט נישט געקענט טהאָן! — האָט המן זיך אָפּגערופען. אסתר איז היינט געווען ביים קעניג כמעט דעם גאַנצען טאָג.

— און וואָס איז, אז אסתר איז געווען?! זי האָט דאָך געוויס דיר א סך דאַנקבאַר צו זיין! און דו אַליין האָסט דאָך מיר געזאָגט, אז די קעניגין, אסתר,

האלט אויך זעהר פיעל פון דיר? איך בין זיכער, אז דו האסט אפילו אין איהר געגענוואַרט געקענט פארלאנגען פון דעם קעניג אזא קלייניגקייט, ווי אויפהענ־גען א אידען!

— איך וואלט באגאנגען א גרויסע נארישקייט דאס צו פארלאנגען אין איהר נעגענוואַרט! — האט המן געזאגט. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דער קעניג וואלט אויך דאן מיין פארלאנג ערפילט, אבער דו דארפסט נישט פארגעסען, אז מרדכי האט ערצויגען אסתר׳ן און אפילו ווען זי האט פארלייקענט איהר אפשטאמונג פון קעניג, וועט זי דאך נישט וועלען ליידען. ווען זי וועט הערען, ווי איך בעט פון דעם קעניג, ער זאל מיר ערלויבען אויפצוהענגען מרדכי׳ן. זי וואלט זיך דאן געווים אריינגעמישט און דער קעניג וואלט מיין פארלאנג געמוזט ענטזאגען.

— דאס ביזטו גערעכט! — האט זרש אויסגערופען. — ווי איך האב גע־הערט, איז אסתר געווען שטארק צוגעבונדען צו מרדכי׳ן און איך האב מורא, אז איידער דער קעניג וועט דיר געבען ערלויבעניש, וועט ער וועלען פרעגען אסתר׳ן, אויב זי איז נישט דאגעגען... און דאן וועט דיין גאנצער פלאן צעשטערט ווערען.

המנ׳ס פנים איז באדעקט געווארען מיט אן אומעט.

— אויב איך זאל נישט קענער פטור ווערען פון דעם פארהאסטען אידען, וועט מיר קיין זאך נישט איינגעהן!

— ווארט! איך האב א גוטע עצה! — האבען זרש׳ס אויגען אויפגעלויכ־טען, — און איך בין זיכער, אז אויב דו וועסט מיך פאלגען, וועלען מיר זיך אלע שעצען גליקליך.

— וואס איז דיין עצה? — האט זיך המן אפגערופען מיט א לייכטען שמייכעל פון בטול. — איך זאל דארפען אנקומען צו אן עצה פון א פרוי!

— דו וועסט זיך באלד ארומזעהן, אז דיין פרוי קען דיר אויך אמאל ארויס־העלפען מיט אן עצה... יע, דו וועסט זיך איבערצייגען, אז זרש׳ס קאפ האט אויך נאך נישט אויסגעדראַרט.

— נו, זאג מיר שוין דיין עצה! — איז המן אומגעדולדיג געווארען.

— קום מיט מיר אריין אין צווייטען צימער, איך וויל נישט, אז אימיצער פון אונזערע בנים זאלען עם דערהערען! — האט זרש געזאגט. — דו ווייסט דאך, אז זיי זיינען נישט זעהר אפגעהיט מיט זייער צונג... און זיי קענען נאך מיין גאנצען פלאן צונישט מאכען.

המן און זרש זיינען אריין אין א צווייטען צימער און ווען זיי האבען זיךביידע אנידערגעזעצט, האט זרש זיך אפגערופען:

— מיר ווייסען דאך, אז די בעסטע זאך וואלט געווען פאר אונז, ווען מיר ווערען פטור פון אלע אידען פון שושן?

— נישט נאר פון שושן, אפילו אויך פון אנדערע שטעדט, — האט המן צוגעגעבען.

— געווים, פון אלע אידען, וועלכע זיינען צושפרייט איבער אלע מדינות פון דעם קעניג אחשורוש, — האט זרש געזאגט. — און אזא ערלויבעניש פון קעניג וועט דיר נישט שווער אנקומען. דו דארפסט איהם בלויז איבערצייגען, אז

די אידען ברייננען נישט קיין נוצען צו אונזער לאנד און עס איז נישט כדאי צו האבען אזעלכע בירגער.

— נישט נאר ברייננען זיי קיין נוצען נישט, — האט המן געזאגט, — נאר איך וועל דעם קעניג אויך קענען באווייזען ווי שעדליך זיי זיינען.

— דאן איז דאך געוויס גוט! — האט זרש זיך אפגערופען. — אויב דו וועסט קענען איבערצייגען דעם קעניג, אז די אידען ברייננען שאדען אונזער לאנד און אז עס וואלט געווען ווינשענסווערטה מען זאל זיי אלעמען, פון קליין ביז גרויס, אויסראטען, דאן וועט ער דיר נישט נאר ערלויבען צו טהאן מיט זיי, וואס דו ווילסט, נאר ער וועט דיר אויך דאנקבאר זיין... און ווען ער וועט צו־שטימען צו דיינע רייד, זאלסטו פון איהם פארלאנגען, אז ער זאל ארויפלייגען זיין חתימה און ארויסגעבען אזא באפעהל, אז אלע אידען דארפען געטויטעט ווערען און אזוי ווי מרדכי איז דאך אויך א איד, וועט ער שוין במילא אריינגע־רעכענט ווערען און אפילו אסתר וועט איהם שוין נישט קענען ראטעווען, ווייל עס איז דאך באוואוסט, אז ווען דער קעניג לאזט ארויס א באפעהל, וואס איז גע'חסמ'עט מיט זיין זיעגעל־רינג, קען עס שוין קיינער ניט צוריקרופען.

— געוויס נישט! — האט המן אויסגערופען מיט א שטראהלענדען פנים.
— אפילו דער קעניג אליין זאל נאכהער חרטה האבען און וועלען עס צוריקרופען, וועט ער דאס נישט קענען טהאן!

— און וויבאלד, אז מרדכי וועט אלצאיינס פאר'משפט ווערען צו שטאר־בען מיט אלע אידען, — האט זרש ווייטער געזאגט, — וועט דיר גאנץ לייכט אנקומען צו קריגען ערלויבעניש איהם באלד אויפצוהענגען.

— יעצט זעה איך, זרש, אז דו ביזט א חכמה! — האט המן זי ארומגענו־מען. — דיין עצה געפעלט מיר זעהר.

— איך וואוין שוין מיט דיר אזוי פיעל יאהרען, — האט זרש געזאגט מיט א שמייכעל, — און דו ביזט דאך געוויס גאנץ קלוג, אז נישט וואלסטו דאך יעצט נישט געווען אחשורוש'ס הויפט מיניסטער און זיין משנה למלך, האב איך אויך עפעס געגאסען פון דיין קלוגשאפט.

— ווען איך זאל קענען אויספועל'ן ביים קעניג ארויסצוגעבען אזא גזרה, אויסצושלאכטען אלע אידען, וואלט עס געווען זעהר אנגעלייגט ביי אלע פערסי־שע בירגער. עס איז דאך באוואוסט, אז די אידען זיינען אזוי רייך און זייער האב און גוטס וועט קענען צעטיילט ווערען צווישען די פערסיער.

— און איך וואלט וועלען צונעהמען מרדכי'ס הויז! — האט זרש זיך אפ־גערופען. — איך בין דארט קיינמאל נישט געווען, אבער איך האב געהערט, אז ער האט זעהר א פיין הויז.

— וועט דיר דען פעהלען א הויז? — האט המן געלאכט.

— איך וויל דאס נישט פאר מיר אליין! — האט זרש געענטפערט, — איך וויל אפגעבען זיין הויז צו איינער פון אונזערע טעכטער, נאכדעם ווי זיי וועלען חתונה האבען.

— דאס וועסטו קענען גאנץ לייכט באווייזען! — האט המן געזאגט. — און פאר דיר, מיין פרוי, ווייל דו האסט מיר געגעבען אזא גוטע עצה, וועל איך לאזען באלד בויען א הויז, וואס וועט קענען אנגערופען ווערען א פאלאץ... קיין

געלר פעהלט מיך נישט, איך ווייס, אז דאס הויז, אין וועלכע מיר וואוינען, איז נישט גרויס גענוג און עס איז נישט לויט מיין שטאנד.

זינט דאן פלעגט המן אויפשטעהן זעהר פריה, און ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פלאץ וואו מרדכי איז געזעסען, האט ער זיך אפגעשטעלט... ער האט געווארפען בייזע דורכדרינגענדע בליקען אויף מרדכי'ן... אבער מרדכי איז געבליבען זיצען אויף זיין פלאץ און נישט אויפגעהויבען זיינע אויגען...

— דו פארפלוכטער איד! — האט זיך שוין המן מעהר נישט געקענט באהערשען — דו מיינסט אז איך פארשטעה נישט אז דו מאכסט זיך נישט זעהענדיג... דו ווייסט אז איך בין איצט אחשורוש'עס משנה למלך! און דו. שקלאף, ווייסט אויך אז דער קעניג האט באפוילען מען זאל זיך צו מיר בוקען!...

מרדכי איז געזעסען אויף זיין פלאץ און האט געשוויגען. ער האט זיך פון ארט נישט גערירט... דאס האט נאך המן'ס צארן נאך שטארקער געמאכט.

—ווארט, דו נידעריגע באשעפעניש! — איז המן נעהענטער צו איהם צוגעקומען און איהם אריינגעשפיגען אין פנים — דו וועסט נאך ביי מיר הענגען! ווען איך זאל וועלען קענסטו נאך היינט ביי מיר הענגען, אבער אויב שוין יא נעמען נקמה וועל איך זיך נוקם זיין אן אלע אידען, וועלכע פארמיאוס'ן אונזער לאנד!

המן האט נאך אמאל א שפיי געטאן אויף מרדכי'ן און איז באלד אוועק.

מרדכי'ן האט שטארק פארדראסען די באליידיגונג וואס ער האט נאר וואס געהאט פון המן. ער האט געזוכט ווי ווייט מעגליך איהם אויסצומיידען. ער האט באשטימט זיך צו זעהן מיט התך'ן גאנץ פריה, אידער המן קומט אין פאלאץ, אבער ער האט געזעהן, אז המן זוכט מיט א כיון צו קומען. ער וויל איהם צווינגען, אז ער זאל זיך פאר איהם בוקען... ער וויל זעהר פארמיידען א צוזאמענשטויס מיט המן דעם רשע, אבער ער זעהט דאך אז המן זוכט זיך צו טשעפען צו איהם...

ווען התך איז צו איהם צוגעקומען און איהם געבראכט א גערוס פון אסתר'ן האט ער זיך צו איהם אפגערופען:

— מיר פארדריסט זעהר צו בייטען די צייט אזוי אפט, אבער איך האב זיך ארומגעזעהן, אז עס איז פאר מיר נישט גוט צו קומען דא גאנץ פריה. איך וועל בעסער קומען אין אווענט, און דו וועסט מיר דאן איבערגעבען אלץ וואס אסתר האט דיר צו זאגען.

מרדכי האט אסתר'ן נישט געוואלט זאגען וועגען די אונאנגענעהמליכקייט וואס המן פארשאפט איהם. ערשטענס האט ער איהר נישט געוואלט מצער זיין און צווייטענס, האט ער געדענקט אז אסתר וועט איהם ראטהען זיך יא צו בוקען צו המן'ען, און דאס, ווייס ער, וועט מאר איהם אוממעגליך זיין... ער קען ביי זיך נישט פועל'ן צו טאן אזא זאך... ער ווייסט נישט, אויב ער האנדעלט ריכטיג, אבער דאך פיהלט ער ביי זיך אז עס איז פאר איהם אוממעגליך זיך צו בויגען פאר המן'ען... און אזוי לאנג ווי ער וועט עס קענען פארמיידען וועט ער דאס טאן. ער האט אנגעפאנגען צו קומען צום פאלאץ אין אווענט און ווארטען אין טויער אויף התך'ן. עס האט אבער לאנג נישט גענומען און המן האט זיך יענומען באווייזען אויך אין אווענט...

מרדכי האט אין גאנצען געוואלט אויפהערען צו קומען צום פאלאץ, אבער ער האט געוואוסט, **אז אסתר וועט זיין שטארק באזארגט** דערפון. זי וועט מיי־

נעז, אז ער איז קראנק געווארעז, אדער אז עפּעס האט פּאסירט מיט איהם... יע, ער מוז זיך באווייזען יעדען טאג. דערווייל האט ער נאך נישט עובר געווען דעם קעניג'ס פּארזאג... ער האט המן'ען נישט געזעהן... ריכטיג, ער האט איהם געהערט... ער האט געהערט המן'ס זידלווערטער, אבער אזוי לאנג ווי ער האט זיינע אויגען נישט אויפגעהויבען, קען ער נאך אלץ באהויפּטען אז ער האט איהם נישט געזעהן און דעריבער דארף ער זיך נישט פארנייגען פאר איהם...

ווען מרדכי האט זיך צוריקגעקערט אהיים, האט ער אין זיין הויז געטראפען עטליכע אידען, די גבאים פון שוהל. ער האט גלייך פארשטאנען פון זייערע פּנים'ער אז עפּעס איז נישט גלאט.

— וואס האט פּאסירט? — האט ער זיך אפּגערופען צו זיי.

— מיר זיינען געקומען זיך מיט דיר צו בעראטען וואס צו טאן, — האט דער ערשטער גבאי געזאגט — אויף דער אידישער גאס איז היינט געווען א גרויסער געשלעג.

— ווער האט זיך געשלאגען? — האט מרדכי געפרעגט.

— ווער זאל זיך שלאגען — האט דערצווייטער גבאי אויסגערופען! — המן'ס צעהן בנים זיינען אריין געקומען אין דער אידישער גאס און האבען זיך גענומען טשעפּען צו יעדען איינעם. געוויינליך האט יעדער געוואוסט, אז איצט איז נישט די צייט צו פארמעסטען כחות מיט המן'ס זיהן און יעדער האט זיי פארשוויגען... אבער ווען זיי האבען דערזעהן שמעון'ען, גדליה'ס זוהן, זיינען זיי איהם אלע פלוצלונג באפאלען און זיי האבען איהם גענומען מערדערליך שלאגען... אמת, זיי האבען זיך אויך נישט גענארט. שמעון האט אייניגע פון זיי גאנץ גוט צוקיילט און צובייזלט, אבער דאך זיינען זיי געווען צעהן געגען איינעם און ווען אייניגע אידען פון דער נאכבארשאפט וואלטען איהם ניט געראטעוועט פון זייערע הענט, וואלטען זיי איהם זיכער געטויטעט! איצט זיינען מיר געקומען זיך צו בעראטען וואס מיר קענען טאן... ווי עס ווייזט אוים איז המן'ס שנאה אויף אונז זעהר גרויס... און ער קען נאך אונז אלעמען א סך שלעכטעס טאן!

— לויט ווי איך האב געהערט איז המן שטארק אין כעס וואס מיר זוכען איהם אויסצומיידען ווי ווייט מעגליך זיך נישט צו בוקען צו איהם.

— די ערשטע טעג, ווען ער פלעגט פלוצלונג אנקומען מיט זיין פערד אין אונזער נאכבארשאפט, פלעגט יעדער וועלכער האט איהם דערזעהן, זיך יע פארנייגען, אבער איצט טראגט ער אויף זיין הארצען א געשטאלט פון א פערזישען אפגאט, און יעדעס מאל וואס מען בוקט זיך צו איהם, איז מען עובר אויף דעם ערשטען געבאט פון די עשרת הדברות — האט דער דריטער גבאי געזאגט.

— דער איינציגער מיטעל איז צו זעהן איהם אינגאנצען אויסצומיידען— האט מרדכי זיך אפגערופען.

— אבער ווי אזוי קענען מיר דאס טאן? — האט דער ערשטער גבאי געפרעגט — המן קומט אן גאנץ פלוצלונג און איידער מיר האבען צייט זיך ארומצוקוקען, איז ער שוין נעבען אונז... עס איז נאך נישט פאראיבער איין טאג וואס המן זאל נים פארביירייטען אונזערע וואהנונגען צוויי אדער דריי מאל! די ערשטע צייט, ווען מיר פלעגען איהם דערזעהן פלעגען מיר אריינלויפען אין

אונזערע הייזער, אבער איצט קומט ער אַן אזוי פּלוצלונג, אַז עס איז געווארען אונמעגליך פאר אונז איהם אויסצומיידען.

— מען זאָגט, אַז המן'ס צאָרן איז נאָך שטארקער געווארען צוליב דעם וואס דו אַנערקענסט נישט זיין גרויסקייט. — האט זיך קציעה, מרדכי'ס ווייב, אריינגעמישט — איך וואָלט דיר געראטען מרדכי, זיך אונטערצוגעבען... נאָכ־אַלעמען זעהסטו דאָך אַליין, אַז המן איז איצט דער גרעסטער מאַן פון דער מלוכה.

— איך גלויב אויך אַז דיין פרוי האט רעכט, — האט זיך דער ערשטער גבאי צו איהם אָפּגערופען — ווייל צו המן'ס שלעכטסקייט איז קיין גרעניץ נישטאָ... קיינער פון אונז איז נישט זיכער מיט דעם לעבען!...

— מען דערציילט, אַז אַלע זיינע זיהן האט המן געגעבען עמטער אין פּאַ־לאַץ, און איצט, ווער וועט זיי אָפּהאַלטען אונז צו טאָן שלעכטעס?

— לאָמיר האָפען צו גאָט, אַז ער וועט אונז נישט פארלאָזען — האט מרדכי זיך אָפּגערופען — ער וועט זיין חסד פון אונז נישט אָפּטאָן...

— מיר זיינען געקומען דיר בעטען דו זאָלסט אונז זעהן צו באשיצען פון המן'ס זיהן.

— וואס קען איך טאָן? — האט מרדכי זיך אָפּגערופען — דער איינציגער וועג איז וואס ווינציגער זיך צו באווייזען אין גאַס...

— פיליכט איז פאר דיר מעגליך צו ריידען מיט אסתר'ן. זי קען זעהר פיעל פאר אונז אויפטאָן — האט דער צווייטער גבאי זיך אָפּגערופען.

— דערווייל איז דאָך נאָך נישטאָ קיין סכנה! — צי וואס זאָל איך איהר אומזיסט באַלעסטיגען — האט מרדכי געזאָגט — איך ווייס ווי שטארק באַ־זארגט אסתר וועט זיין ווען זי וועט אויסגעפינען וועגען אַט די אַלע קלייניג־קייטען. דעם אמת זאָגענדיג וואָלט איך אינגאַנצען אויפגעהערט צו קומען אין דעם טויער פון פּאַלאַץ, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז אסתר וועט צוליב דעם נישט זיין אומרוהיג... פונדעסטוועגען זעה איך אויסצומארקירען זיך צו המן'ען נישט צו בוקען... גאַנץ איינפאַך, איך קוק נישט אויף איהם אפילו ווען ער קומט גאַנץ נאָהענט צו מיר. ער האט שוין איינינע מאָל געזוכט צו ציהען מיין אויפמערקזאמקייט... און ער האט א פאר מאָל מיר אין פּנים געשפּיגען, אָבער איך זעה איהם נישט, און ער קען נישט זאָגען, אַז איך בין עובר דעם פארבאָט פון דעם קעניג... יע, די בעסטע זאַך איז איהם נישט צו זעהן, און אין פאַל אַז ער קומט אַן פּלוצלונג, זאָלט איהר אייערע אויגען אַרונטערלאָזען צום באָדען. דאַן וועט המן צו אייך גאַרנישט קענען טאָן.

— מיר וועלען טאקע אַנזאָגען די איבעריגע אידען, וועלכע זיינען שטארק פארצווייפעלט צוליב דעם געשטאַלט פון אָפּגאָט וואס המן טראָגט אויפ'ן האַר־צען, ווי אזוי זיי זאָלען זיך נוהג זיין — האָבען די גבאים באַשלאָסען ווען זיי האָבען פארלאָזען מרדכי'ס הויז.

עטליכע וואָכען זיינען פאראיבער און המן האט נאָך אַלץ נישט געהאט קיין געלעגענהייט צו ריידען מיט אחשורוש'ן וועגען דעם פּלאַן וואס זרש זיין פרוי, האט איהם געגעבען. ער האט זיך נאָך עטליכע מאָל באראטען מיט זיינע גוטע פריינד און זיינע זיהן ווי אזוי צו ריידען צו אחשורוש'ן וועגען דעם.

— איהר ווייסט נישט וואס פאר א גליק עס וואָלט פאר אונז אַלעמען גע־ווען — האט המן געזאָגט צו זיינע פריינט, ווען זיי האָבען זיך פארזאמעלט אין

זיין הויז — די רייכטום פון אלע אידען איז ניט אפצושאצען. און ווען מיר זאל געלינגען ארויסצוקריגען דעם קעניג׳ס הסכמה זיי אויסצוראטען, וואלט זיך שוין קיינער פון אייך נישט געגארט.

— איך האב שוין באשטעלט מרדכי׳ס הויז מיט זיין גאנצען פארמעגען פאר מיין טאכטער, — האט זרש זיך אפגערופען מיט א שמייכעל.

— יע, מרדכי איז זעהר רייך! — האט זיך איינער פון די פארזאמעלטע אפגערופען.

— וואו וועסטו געפינען אן ארימען אידען? — האט א צווייטער א זאג געטאן — דער ארימסטער פון זיי האט א סך געלט און וואס שנעלער מיר וועלען פון זיי פטור ווערען אלץ בעסער וועט זיין פאר אונז אלעמען.

— איך זעה נישט איין המן, פארוואס דו קלערסט אזוי לאנג? — האט זרש זיך אפגערופען — דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז דער קעניג וועט טאן אלץ וואס דו וועסט פון איהם פארלאנגען...

— איך ווארט ביז וואנען איך וועל קענען אויסטראכטען א גענוגענדע אורזאכע פאר וואס דער קעניג זאל ארויסגעבען א באפעהל אומצוברייגגען דאס גאנצע אידישע פאלק.

— אן אורזאכע! — האט זרש געלאכט — וועגען דעם דארפסטו לאנג נישט טראכטען! איך קען גלייך געפינען א גוטע אורזאכע און נישט נאר איינע נאר עטליכע.

— וואס פאר אן אורזאכע קען איך אנגעבען? — האט המן געפרעגט.

— איז דען דאס נישט א גענוגענדע אורזאכע, וואס זיי פאלגען נישט אוים דעם קעניג׳ס באפעהל?

— יע, אבער עס איז נישט גענוג אז דער קעניג זאל איינשטימען צו פארניכטען א גאנצען פאלק צוליב דעם.

— דען פארוואס זאלסטו נישט צוגעבען, אז נישט נאר טוען די אידען נישט דעם באפעהל פון אחשורוש׳ן, נאר זיי שילטען דערצו דעם קעניג... איך בין זיכער, אז ווען ער וועט דאס דערהערען וועסטו שוין קיין שוועריגקייטען נישט האבען.

— דו ביזט גערעכט. איך וועל טאקע אזוי טאן... איך וועל שוין וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט דעם קעניג.

ביז שפעט אין דער נאכט האט המן און זיינע פריינט פארבראכט. יעדער איז געווען זיכער, אז המן וועט זיין ערפאלגרייך אין זיין אונטערנעמונג.

עלפטער קאפיטעל

## די שרעקליכע גזרה

אויף מארגען, גלייך ווי המן איז אוועק אין פאלאץ, איז ער אריין אין דעם טראהן צימער.

אחשורוש האט אויסגעשטרעקט זיין גאלדענע רוט צו איהם און המן האט זיך איינגעבויגען און זי צוגערוקט צו זיין מויל.

— וואס הערט זיך, המן, אין מיינע אלע מדינות? — האט אחשורוש איהם א פרעג געטאן — זיינען די בירגער פון פרס און מדי צופרידען מיט מיין רעגירונג?

— שלום און רוהיגקייט הערשט איבער׳ן לאנד, מעכטיגער קעניג! —האט זיך המן פארנייגט — די פארשידענע פעלקער זיינען גאנץ צופרידען. זיי טוען דיין ווילען מיט צופרידענהייט. זיי פרעהען זיך אין די טעג פון אונזערע יום־טובים און טאג ווי נאכט זיינען זייערע מיילער פול מיט לויב־געזאנג פאר דעם קעניג און זיין קעניגרייך... בלויז איין פאלק איז פאראן אין דיין מדינה וואס איז נישט צופרידענשטעלענד.

— ווערט דאס פאלק דען נישט באהאנדעלט אזוי גוט ווי די איבעריגע? — האט אחשורוש איהם געפרעגט.

— זיי ווערען באהאנדעלט נאך בעסער ווי די אנדערע פעלקער! — האט המן אויסגערופען — און דעריבער איז דאך טאקע דער פארדרוס שטארקער. זיי זיינען צוזייט און צושפרייט צווישען אלע פעלקער, דאך זיינען זיי איינגאנצען אפגעזונדערט. זיי טוען אלץ פארקערט וואס מיר טוען. אונזערע ימים טובים און רוהע טעג זיינען וואכענדיגע און ארבייטסטעג פאר זיי און די טעג וועז מיר ארבייטען, קלייבען זיי אוים צו מאכען זייערע ימים טובים. און ווען דער קעניג פארלאנגט, אז יעדער זאל טאן א באשטימטע ארבייט פאר דער מלוכה, זיינען זיי די ערשטע זיך דערפון ארויסצודרעהען... זיי האבען א תירוץ: ״היינט איז ביי אונז שבת״, ״היינט איז ביי אונז יום טוב״ און מיר טארען נישט אר־ביימען. אויסער דעם איז יעדער איינער וועלכער באלאנגט צו יענעם ווערט־לאזען פאלק א בעל גאוה... זיי האלטען זיך העכער אפילו פון אונז, די פרסים. עס פאסט נישט פאר זיי זיך מיט אונז משדך צו זיין... זיי שרייען אז זיי זיינען דאס אויסדערוועהלטע פאלק פון גאט... ייער רעליגיע און זייערע געזעצען זיינען אינגאנצען אנדערש ווי אונזערע און א חוץ דעם וואס זיי ערפילען נישט דעם קעניג׳ס באפעהלען, פיהרען זיי איבער אויך די אנדערע פעלקער, ווייל, מיין האר קעניג, עס איז זעהר גרינג צו ווירקען אויף א צווייטען צום שלעכטען... די אנ־דערע פעלקער וועלכע זיינען געטרייע בירגער קענען נאך זיך פון זיי אפלער־נען צו טאן שלעכטעס און דאן וועט דארפען קאסטען גענוג מיה און געלט זיי צוריק ארויסצופיהרען אויף דעם ריכטיגען וועג... און צו דעם אלעמען זיי־נען זיי נאך גרויסע שווינדלער. זיי זיינען רייך געווארען אין אונזער לאנד, ווייל זיי ווייסען ווי ארויסצונארען דאס געלד פון די ארימע פערסער.

— האט דען דאס פאלק גארנישט אויפגעטאן פאר אונזער מלוכה? — האט אחשורוש איהם געפרעגט.

— נישט נאר האבען זיי גארנישט אויפגעטאן, נאר איך בין זיכער, אז זיי האבען פאראורזאכט א סך שאדען צו אונזער לאנד, דאמיט אליין וואס זיי וויר־קען צום שלעכטען אויף זייערע שכנים... און אויב מיטלען זאל גלייך נישט אנ־גענומען ווערען, וועט נאכהער זיין צו שפעט...

— און ווער איז דאס פאלק? — איז שוין אחשורוש עפעס נייגעריג גע־ווארען.

— זיי זיינען א וואנדערענדעס פאלק און זיי זיינען געקומען צו אונזער לאנד פון בבל... דארטען אין בבל זיינען זיי מיט יאהרען צוריק געוועזן פאר־שקלאפט און דא אין אונזער לאנד האבען זיי געקראגען אלע פריוויליגיעס. און זיי נעמען נאך מעהר פרייהייטען ווי די איבעריגע נאציאנען. זיי נעמען זיך די פרייהייט נישט צו פאלגען דעם קעניג׳ס באפעהלען. זיי נעמען זיך די פרייהיי־

טען צו באליידיגען דעם קעניג׳ס חשוב׳ע באאמטע... און מיר האט מען דער־צעהלט, אז זיי זיינען נישט געטריי דעם קעניג, און אין פאל פון א מלחמה וועלען זיי זיך געווים באהעפטען מיט אונזערע שונאים!

— פון וואנען דריינגסטו אז זיי וועלען דאס אזוי טאן? — האט אחשורוש איהם געפרעגט.

— ווייל זיי זיינען שונאים דעם קעניג און אלע זיינע באאמטע.

— פארוואס זאלען זיי מיר זיין שונאים? — האט אחשורוש געפרעגט— האב איך זיי דען שלעכטעס געטאן.

— וואס זיי וואלטען געוואלט איז ארויפצווינגען אויף אונז זייערע מנהגים און ימים טובים און וויבאלד, אז מיר פייערען אנדערע טעג זיינען זיי אונז שונאים. איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב דעם קעניג נישט געוואלט מצער זיין, אבער מען האט מיר איבערגעגעבען, אז זיי דערמאנען דעם נאמען פון קעניג צום שלעכטען! און אויף אזעלכע קען מען אלעס גלויבען.

— אויב דו ווייסט אויסגעפינען ווער עס האט געוואנט צו טהאן אזא זאך, ׳גיב איך דיר דאס פולע רעכט יענעם צו באשטראפען! — האט אחשורוש אויסגערופען.

— אויב מען זאל זיי באשטראפען, האבען זיי אלע פארדיענט באשטראפט צו ווערען, ווייל פון קליין ביז גרויס זיינען זיי פארדארבען. און מיין הארץ ציטערט אין מיר זיי זאלען אויך זייערע שכנים נישט פארדארבען.

— אויב אזוי, דארף מען זעהן זיי ארויסצוטרייבען פון מיין לאנד! — האט אחשורוש זיך אפגערופען.

— דאס וואלט נישט געווען ראטהזאם, מיין האר קעניג! — האט המן געזאגט און צו זיין שמחה איז קיין גרעניץ נישט געווען. — מיר זאלען דיעזעס פאלק פארטרייבען פון אונזער לאנד, וועלען זיי ערשטענס אוועקטראגען אזוי פיעל געלד אין א צווייטער מדינה און א חוץ דעם וועלען זיי געווים זוכען אויפצורייצען אויף אונז אנדערע פעלקער און צוזאמען מיט זייערע פאראייניגטע כחות וועלען זיי קומען מלחמה האלטען מיט אונז. און זיי וועלען דאמיט צעשטערען דעם שלום פון אונזער לאנד!

— און וואס איז דיין עצה מען זאל טהאן צו יענעם ווידערשפעניגען פאלק? — האט אחשורוש המנ׳ען געפרעגט.

— איך גלויב, אז עס לוינט זיך נישט פאר דעם קעניג זיי איבערצולאזען אין לאנד, און ארויסטרייבען זיי וועט נאך ערגער זיין. דעריבער איז מיין עצה, אויב דעם קעניג וועט עס געפעלען, זאל ארייגעשריבען ווערען אין די געזעצען פון פרס און מדי, זיי אלעמען צו פארטיליגען, פון קליין ביז גרויס. און זייער רייכטום זאל צעראבירט און צעטיילט ווערען צווישען פאלק, וואס וועט דורכפיהרען דיעזע גזרה פון דעם קעניג.

— אבער דורכצופיהרען דיעזען געזעץ וועט דארפען קאסטען פיעל געלט? — האט אחשורוש זיך אפגערופען.

— אה, ניין, מעכטיגער קעניג! דאס פערסישע פאלק אליין וועט קענען דורכפיהרען דעם קעניג׳ס באפעהל. יעדער פון אונז וועט זיין צופרידען צו טהאן אזא זאך, ווייל קיינער האט דיעזעס פאלק נישט ליעב און איך וועל נאך צושטעלען צעהן טויזענט שטיקער זילבער צו די אוצרות פון דעם קעניג.

— איך זעה, המן, אין דיר א געטרייען מאן... דו זוכסט נאר די טובה פון מיין מלוכה. דעריבער וועל איך אויך אננעהמען דיזע עצה פון דיר!

המן האט זיך פארנייגט פאר דעם קעניג.

אחשורוש האט אראפּגענומען פון זיין פינגער דעם זיעגעל־רינג און ער האט עם איבערגעגעבען צו המנ'ען דעם זוהן פון המדתא דער אגגי.

— נעהם דיזען זיעגעל־רינג! — האט אחשורוש זיך אפּגערופען. — דער־מיט וועסטו קענען טהאן מיט דעם פאלק אלעס, וואס דו ווינשסט. און דאס, וואס דו זאגסט, אז דו ווילסט אריינברייגגען אין מיין אוצר צעהן טויזענט שטיקער זילבער, גיב איך דיר דאס אויך אוועק, דו קענסט דאס זילבער צונעהמען פאר זיך, ווייל איך זעה דאך, אז דו ביזט נאר אויסען צו טהאן דאס בעסטע פאר מיין רעגיערונג.

המנ'ס פנים האט אויפגעלויכטען. דער קעניג גיט איהם דעם זיעגעל־רינג... יעצט וועט ער האבען די מאכט צו טהאן מיט מרדכי'ן און מיט אלע אידען אלץ, וואס ער וויל. אויף אזא זיעג האט ער זיך גארנישט געריכט. ער האט זיך גאר־נישט געקענט פארשטעלען, אז איהם וועט אנקומען אזוי גרינג איבערצורייד־ען דעם קעניג.

ער האט גענומען דעם זיעגעל־רינג פון קעניג'ס האנט און ער האט זיך ווידער פארנייגט פאר דעם קעניג מיט דעם פנים ביז צום באדען.

— ביז דעם לעצטען טאג פון מיין לעבען וועל איך דעם גנעדיגען קעניג דינען מיט מיין גאנצען הארצען! — האט המן אויסגערופען. — טאג און נאכט וועל איך נאר טראכטען, ווי אזוי צו באפעסטיגען די מלוכה, ווי אזוי צו מאכען דעם קעניג'ס נאמען באליעבט ביי אלע זיינע איינוואוינער. און אזוי ווי איך האב געבראכט גליק צו דעם קעניג דורכדעם, וואס איך האב פאר איהם אויס־דערוועהלט אסתר'ן פאר זיין קעניגין, אזוי וועל איך זוכען צופרידענצושטעלען דעם קעניג אין אלע מיינע אונטערנעהמונגען.

מיט אחשורוש'ס זיעגעל־רינג אין זיין האנט איז המן ארוים פון קעניג'ס פּאלאץ. זיינע אויגען האבען געלויכטען פון גליק. ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און האט א היבשע ווייל געקוקט אויף דעם זיעגעל־רינג... עפּעס האט זיך איהם געדאכט, אז ער חלומ'ט נאר... באלד אבער האט ער באמערקט מרדכי'ן זיצענדיג און זיין שנאה צו איהם איז געוואָרען אזוי גרויס, אז ער האט געוואוסט, אז דאס איז שוין נישט קיין חלום. ער האט זיך מעהר נישט געוואלט אפּשטעלען נעבען מרדכי'ן. עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און ער וועט פון איהם פּטור ווערען... אה, וואס וועט זרש און זיינע קינדער דערצו זאגען, ווען זיי וועלען דערזעהן אחשורוש'ס זיעגעל־רינג אין זיינע הענט און ווי גרויס וועט זיין די איבערראשונג צווישען אלע זיינע פריינט... ווי שטארק זייער קנאה וועט זיין... א קלייניגקייט, ער קען יעצט טהאן וואס ער וויל! ער קען ארויסגעבען וועלכען געזעץ איהם וועט געפעלען.

המן האט שנעל געטריבען זיין פערד. ער איז געוועזען זעהר אומגעדולדיג. ער האט שוין געוואלט זעהן וואס פאר אן איינדרוק דאס וועט מאכען אויף זרש'ן און אויף זיין גאנצער משפחה.

ער האט צוגעריטען צו זיין הויז און ווי נאר ער האט די טיר געעפענט, איז איהם זרש אנטקעגען געקומען.

— גיב נאָר א קוק, זרש ! — האָט המן אויסגערופען מיט א שטראַהלענדע פּנים, צייגענדיג איהר אחשורוש'ס זיעגעל־רינג.

— דאָס איז דאָך דעם קעניג'ס זיעגעל־רינג ? ! — האָט זרש אויסגערופען מיט פריידי. — ווי אזוי האָסטו עס באַקומען, המן ?

— קענסטו דען באַגרייפען, וואָס דאָס מיינט ? — האָט המן זיך אָפּגערופען, באַטראַכטענדיג נאָכאַמאָל דעם רינג. — דאָס מיינט, אז דער קעניג האָט אין מיינע הענט איבערגעגעבען די גאַנצע מאַכט... איך קען ארויסגעבען וואָס פאַר א געזעץ איך זאָל נאָר וועלען. ווי נאָר איך לייג ארויף דיזען זיגעל, ווערט עס א געזעץ און עס קען קיינמאָל נישט צוריקגערופען ווערען.

— און ווי אזוי האָסטו דיזען רינג פון דעם קעניג געקראָגען ? — האָט זרש נאָך אַלץ צו זיך נישט געקענט קומען פון איבערראַשונג.

— דאָס דאַרף איך דיר באַדאַנקען, מיין טייער ווייב ! — האָט איהר המן ארומגענומען. — איך האָב געטהאָן ווי דו האָסט מיר געראַטהען. איך האָב אחשורוש'ן איבערגעגעבען אַלעס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך האָב אויסגערעכענט אַלע חסרונות פון דעם אידישען פאָלק... איך האָב איהם געזאָגט ווי משונה'דיג אַנדערש זיי זיינען פון אַלע אַנדערע פעלקער און אז זיי פאָלגען נישט אויס דעם קעניג'ס געזעצען, איבערהויפּט האָב איך איהם אויפגעוויזען, אז זיי זיינען אונזערע שונאים און אז עס איז נישט כדאי זיי צו לאָזען אין אונזער מדינה.

— האָסטו איהם אויך איבערגעגעבען, אז זיי רעדען בייזעס וועגען קעניג און שילטען איהם ? — האָט זרש איהם געפרעגט.

— דאָס האָב איך איבערגעלאָזען צום לעצטען, — האָט המן געענטפערט.
— ער האָט געוואָלט, אז מען זאָל זיי פאַרטרייבען פון אונזער לאַנד, האָב איך זייער פאַרבּרעכען געמאַכט נאָך שטאַרקער און איהם געזאָגט, אז אויב מען זאָל זיי ארויסטרייבען פון אונזער לאַנד, וועלען זיי זיך נאָכהער באַהעפטען מיט דעם קעניג'ס שונאים און וועלען פאַראורזאַכען פאַר אונז פיעלע צרות... און דאַן האָט ער ביי מיר געפרעגט אן עצה ,וואָס צו טהאָן.

— און וואָס האָסטו איהם געראַטהען ? — איז זרש אומגעדולדיג געוואָרען.

— וואָס דענקסטו האָב איך איהם געראַטהען ? — האָט המן מיט א שטאָלצען שמייכעל געזאָגט. — איך האָב איהם געראַטהען, ער זאָל ארויסגעבען א באַפעהל צו פאַרניכטען אַלעמען, פון קליין ביז גרויס, אין איין טאָג. און דערצו האָב איך פאַר אחשורוש'ן פאַרגעשלאָגען צעהן טויזענט שטיקער זילבער.

— אָה, המן ! — האָט זיך זרש אָפּגערופען עטוואָס צעטומעלט. — אזוי פיעל געלט ? וואו ועסטו עס נעהמען ? איך בין זיכער, אז דו וואָלסט ביים קעניג געקענט פועל'ן ער זאָל ערפילען דיין פערלאַנג און עס זאָל דיר גאַרנישט קאָסטען.

— זאָרג נישט, זרש ! איך האָב געוואוסט, וואָס איך טהו... ערשטענס, וואָלט איך איהם דאָך מיין געלט נישט געגעבען... איך האָב געמיינט פון דעם געלט, וואָס מען וועט צעראַבּירען פון אַלע אידען, זאָל געהן א גרויסער טייל אין דעם אוצר פון דער מלוכה. אָבער וויסטו, וואָס דער קעניג האָט מיר געזאָגט ? ער האָט מיר איבערגעגעבען דעם זיעגעל־רינג און מיר געזאָגט, אז ער גיט איבער דאָס פאָלק אין מיינע הענט צו טהאָן, וואָס איך פאַרשטעה און אזוי ווי איך טהו עס אַלעס פאַר דער טובה פון זיין קעניגרייך. האָט ער מיר דערפאַר געהייסען

נעהמען פאר זיך די צעהן טויזענט שטיקער זילבער. דו פארשטעהסט יעצט, זרש, ווי איך האב געקראגען ערלויבעניש דורכצופיהרען מיין שטארקסטען וואונש און פארלאנג און איך וועל נאך דערפאר קריגען א באלוינונג פון צעהן טויזענט שטיקער זילבער. יעצט זעהסטו שוין ווער פון אונזביידען איז קלוג ?

— איך בין אויך אזוי קלוג ווי דו, ווייל איך האב דאך אויך א חלק אין דעם ! — האט זרש געזאגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט.

— דו פארשטעהסט מיך ווייטער נישט ! — האט המן איהר געענטפערט. — איך האב נישט געמאכט קיין פארגלייכעניש צווישען מיר און דיר, ווען איך האב דיר געזאגט, ווער פון אונז ביידען איז קלוג, האב איך געמיינט : איך צי דער קעניג ! ווייל דו זעהסט דאך, אז ער דיינקט, אז דאס וואס איך וויל טויטען אלע אידען, מיין איך דאס נישט פאר מיין אייגענער טובה, נאר פאר דער טובה פון זיין קעניגרייך, און דערפאר וויל ער מיר נאך גאנץ גוט באלוינען !

— געוויס ביזטו קליגער פון דעם קעניג ! — האט זרש זיך אפגערופען. — ער אליין ווייסט דאס אויך און דערפאר טהוט ער קיין איינציגע זאך נישט כל זמן ער באראטה זיך נישט מיט דיר. אבער זאג מיר, המן, איז דעם קעניג גאר־נישט איינגעפאלען, אז דאס אידישע פאלק האט עפעס א שייכות מיט איהר און דאס וועט מעגליך איהר נישט זיין צום הארצען ?

— ערשטענס ווייסט גארנישט דער קעניג, אז זי האט א שייכות מיט די אידען. האב איך דיר דען דערצעהלט, אז זי האט דעם קעניג גארנישט גע־זאגט וועגען איהר אפשטאמונג. און צווייטענס קען איך דיר יעצט זאגען, אז דער קעניג אחשורוש האט מיר געגעבען די ערלויבעניש צו פארניכטען א גאנץ פאלק און ער ווייסט אפילו נישט, וועגען וועלכען פאלק עס האנדעלט זיך.

— איך פארשטעה נישט, המן ! האסטו איהם דען נישט געזאגט, אז די אידען זיינען דאס אונגעווינשטע פאלק ? — האט איהם זרש געפרעגט.

— זעהסטו שוין ווי קלוג איך בין, זרש ? ! — האט המן מיט שטאלץ גע־זאגט, — ווען איך וואלט איהם דערמאנט זייער נאמען, וואלט ער, מעגליך, זיך געקווייקעלט... געוויס האט ער דאך אויך פיעלעס געהערט פון די אידען און דאן וואלט מיר נישט אזוי גרינג געקענט אנקומען ארויסצובאקומען אן ערלויבעניש צו פארניכטען דאס גאנצע פאלק. ער וואלט דאך געוואלט מאכען פריהער אן אויספארשונג וועגען די נוצען און דעם שאדען, וואס די אידען ברייינגען אונזער לאנד און, מעגליך, אז ער וואלט זיך אויך באראטהען וועגען דעם מיט אסתר'ן און דאן וואלט פיליכט גארנישט געווארען פון מיין פלאן... אבער המן איז נישט קיין נאר ! דער קעניג פרעגט מיך, וועגען וואס פאר א פאלק איך רעד. זאג איך איהם, אז זיי זיינען צוזעעט און צושפרייט צווישען אלע פעלקער פון אונזער מדינה און זיי זיינען געווען פארשקלאפט אין בבל און ווען זיי זיינען אנגעקומען צו אונז אין לאנד און געקראגען אלע פרייהייטען, זיינען זיי נאך ערגער געווא־רען. פארשטעהסטו, זרש, איך האב אויסגעמארקירט די גאנצע צייט נישט צו דערמאנען דעם נאמען פון די אידען... און אפילו יעצט, נאכדעם ווי אחשורוש האט מיר איבערגעגעבען די קראפט צו טהאן מיט זיי וואס איך וויל, ווייסט ער נישט ווער דאס פאלק איז.

— און איך ווייס נישט, אויב דאס איז געווען אינגאנצען קלוג פון דיין זייט נישט צו דערמאנען קיין נאמען. עס איז דאך מעגליך, אז ווען אחשורוש זאל

זיך דערוויסען, אז דו האסט ארויסגעגעבען א גזרה אין זיין נאמען צו פאר־ניכטען אלע אידען, וועט ער גלייך די גזרה צוריקציהען און דו וועסט בלייבען צום נאר.

— דו דארפסט אבער נישט פארגעסען, זרש, אז דער געזעץ איז פרס לוי־טעט: ווען א באפעהל איז גע'חתמ'עט געווארען מיט דעם קעניג'ס זיעגעל־רינג, בלייבט עס א געזעץ פאר שטענדיג און אפילו דער קעניג אליין קען איהם נישט צוריקציהען. יעצט האב איך דען וואס צו זארגען? איך קען ארויסגעבען וואס פאר א באפעהל איך וויל מיט דיעזען זיעגעל־רינג און דאס וועט אזוי דורכגע־פיהרט ווערען.

— אבער ווען אסתר זאל זיך דערוויסען? — האט זרש איהם געפרעגט.

— אסתר וועט שוין אויך גארנישט קענען העלפען דערצו! אזוי ווי איך האב געפלאנעוועט, אזוי וועט עס זיין! איך וועל אויסשלאכטען אלע פארפלוכ־טע אידען, פון קליין ביז גרויס, זייערע פרויען, זייערע קליינע קינדער, אלטע לייט, אלעמען! קיין געדעכענים וועט פון זיי ניט איבערבלייבען! אה, ווי זיס מיין נקמה איז און ווי גליקליך איך פיהל זיך, אז איך האב געקראגען די מאכט דורכצופיהרען מיין לאנג־געפלאנטע נקמה... מיט דיעזען רינג וועט אלעס גע־טהאן ווערען. יעצט איז פאר מיר בלויז פארבליבען צו באשטימען א טאג, ווען צו פארניכטען דאס פארהאסטע פאלק. און דאס וועל איז זיך בעראטהען מיט אלע מיינע גוטע פריינט.

— וואס איז דער אונטערשיעד, וואס פאר א טאג דו זאלסט באשטימען? — האט זרש געזאגט. — וואס פריהער אלץ בעסער!

— וועגען דעם דארף איך זעהר פארזיכטיג זיין! איך דארף האבען גענוג צייט אנצוזאגען אין אלע מדינות פון אחשורוש'ן, אז דער און דער טאג איז באַ־שטימט געווארען אויסצו'הרג'ענען אלע אידען. אונזער רעגיערונג איז גרויס און איידער עס וועט בעוואוסט ווערען איבער'ן גאנצען לאנד, וועט געווים געדויע־רען עטליכע מאנאטען און א חוץ דעם דארפסטו וויסען זיין, אז עס זיינען פאראן מאנאטען, וואס זיינען מזל'דיג צו די אידען און דעריבער וועלען מיר זיך מוזען גוט איבערלייגען און איבערטראכטען, וועלכען טאג און מאנאט צו באשטימען פאר דער פארניכטונג פון דעם אידישען פאלק.

— דו ווייסט, המן — האט זרש זיך אפגערופען — אז אונזער איינגסטער זוהן ויזתא ווייס פון אלע אידישע ימים טובים, פון זייערע מזל'דיגע מאנאטען און טעג, ווייל ער האט ביז ניט לאנג געהאט פיעלע אידישע חברים און ער האט זיך פון זיי דערוואוסט וועגען אלעם וואס קומט פאר... איך גלויב, אז פון איהם וועסטו קענען דערגעהן וועלכע טעג זיינען מזל'דיגע און וועלכע ניט.

— אויף זיין וויסען קען איך מיך ניט פארלאזען... — האט המן געזאגט מיט א שמייכעל — איך דארף זעהר פארזיכטיג זיין... ווייל כאטש עס זיינען געווען צייטען, ווען מיינע אור־עלטערען, די עמלקים, האבען געהאט די אויבער־האנט איבער ישראל, האבען דאך די אידען פאלשטענדיג זיי באזיגט, ווייל די עמלקים האבען ניט געוואוסט ווי אויסצונוצען די גינסטיגע צייט זיך מיט זיי אפצורעכענען... יע, איך האב נאך בירושה פון מיינע עלטערען, אז ניט יעדער מאנאט איז גינסטיג פאר זיי. און ווען מען זאל וויסען אויף זיכער וועלכער מא־

נאט און טאָג איז פאר זיי ניט מזל׳דיג, וועט מיר גאנץ לייכט אנקומען דורכ־צופיהרען מיין פּלאַן זיי אין גאנצען אומצובריינגען...

— איך פארשטעהע דיך ניט, המן — האָט זרש א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס — האָסטו דען ניט געקראָגען פון קעניג די פולע מאכט צו טהאָן וואָס דו ווילסט מיט דעם אידישען פאָלק?

— געוויס! ער האָט דאָך מיר איבערגעגעבען דעם זיגעל־רינג.

— און ווען דו וועסט ארויסגעבען א געזעץ צו פארניכטען אלע אידען און חתמ׳ענען דעם געזעץ מיט דעם קעניג׳ס חתימה, וועט מען דאָס דען קענען צו־ריקרופען?

האָב איך דיר שוין פריהער געזאָגט, אז אפילו דער קעניג אליין וועט גאר־ניט קענען טהאָן, דער געזעץ וועט דארפען דורכגעפיהרט ווערען!

— אויב אזוי, טאָ פארוואָס דארפסטו זאָרגען און זוכען א טאָג, וואָס איז ניט מזל׳דיג פאר די אידען... וועלכען טאָג ־ן וועסט באשטימען, וועט שוין פאר זיי ניט מזל׳דיג זיין!

— פארשטעהסטו מיך, זרש! — האָט המן געזאָגט — ווענען די פאר־פלוכטע אידען בין איך שוין ניט באזאָרגט. זיי וועלען שוין פון מיינע הענט קיין לעבעדיגע ניט ארויסקומען! און וועלכען טאָג איך זאָל באשטימען זיי אויסצו׳הרג׳ענען וועט עס דורכגעפיהרט ווערען, די איינציגע זאך וואָס איך זאָרג איז, אז אויב די גזרה, וואָס איך וועל ארויסגעבען אויסצוקוילענען אלע אידען פון אחשורוש׳עס מדינה זאָל אויספאלען אויף א טאָג, וואָס איז מזל׳דיג צו זיי, קען ער ווערען שלים־מזל׳דיג פאר מיר!... איך מוז זיך באוואָרענען גע־גען אלעם; דעריבער האָב איך באשלאָסען צו וואַרפען פורים (גורלות) אויף וועלכען מאָנאט און טאָג דער פור (גורל) וועט פאלען, יענער טאָג וועט בא־שטימט ווערען פאר דער אידישער שחיטה. און דורכדעם וועל איך וויסען, אז פאר מיר וועט יענער טאָג זיין מעהר מזל׳דיג!

— דאָס וועסטו זיך דארפען בעראטהען מיט אונזערע זיהן און גוטע פריינד — האָט זרש געזאָגט — אָבער דעם געזעץ מוזטו נאָך היינט ארויסגע־בען, ווייל איך האָב מורא, אז דער קעניג זאָל נאָך פון דיר ניט צוריקנעהמען דעם רינג, איידער דו האָסט באוויזען ארויסצוגעבען דיזע גזרה.

— געוויס וועל איך דיזע גזרה נאָך היינט מאכען פאר א געזעץ. ווי נאָר איך באשטים דעם טאָג אויסצוקוילענען די אידען, וועל איך ארויפליינען אחשורוש׳עס חתימה און דאָס ווערט גלייך א געזעץ, וואָס וועט אונמעגליך זיין צוריקגערופען צו ווערען; און דעריבער וועל איך באלד שיקען אונזערע קינדער איינצולאדען אלע מיינע גוטע פריינד איך זאָל זיך מיט זיי קענען בעראטהען וועגען דעם, אָבער וואו זיינען דאָס יעצט מיינע זיהן?

— אונזערע זיהן האָבען זיך אריבערגעכאפּט היינט אין דער פריה אויף דער אידישער גאס, און זיי האָבען אייניגע פון זיי גוט אנגעבראָכען די ביינער... אָבער צוליב דעם וואָס זיי זיינען ניט געווען אלע צוזאמען, האָבען די אידישע יונגע לייט געהאַט די חוצפה זיך געגענשטעלען זיי און האָבען צובלוטיגט דלפון׳ען ארידי׳ן.

— זאָלען זיי מעהר ניט קומען אין דער אידישער גאס! — האָט המן

געזאגט — עס וועט שוין לאנג ניט דויערן און א סוף וועט נעהמען צו אלע אידען... זאלען זיי האבען געדולד און ווען דער באשטימטער טאג וועט קומען, וועט יעדער פון מיינע זיהן קענען טויטען וויפיעל אידען ער וועט נאר וועלען! און איך וועל שוין זעהן, אז זיי זאלען אויסקוילענען די רייכסטע פון זיי, ווייל אין דער גזרת וועל איך אריינשרייבען, אז יעדער פערסער, וועלכער וועט טויטען א אידען, וועט קענען צונעהמען דעם אידען'ס פארמעגען פאר זיך.

---

אין אווענט האבען זיך צונויפגעקליבען אלע זיהן פון המן'ען און זיינע גוטע פריינד און מען האט זיך אנגעהויבען בעראטהען וועלכער חודש וואלט געווען ניט מזל'דיג פאר די אידען.

— לאמיר אנפאנגען פון דעם אידישען ערשטען חדש ניסן — האט המן פארגעשלאגען — פארוואס זאל טאקע אט דער מאנאט ניט זיין גוט פאר אזא גזרה?

— דיזער מאנאט וועט זיין פאר זיי צו מזל'דיג! — האט איינער פון המן'ס פריינד זיך אפגערופען — אין יענעם מאנאט זיינען זייערע אור־עלטערען אויס־געלייזט געווארען פון מצרים און זיי פייערען נאך ביז היינטיגען טאג אין דיזען מאנאט דעם יום טוב פון זייער באפרייאונג.

— אויב אזוי זאל זיין דער צווייטער מאנאט אייר! — האט המן געזאגט.

— אייר איז אויך צו מזל'דיג פאר די אידען, אין דעם מאנאט אייר, וואס איז געווען דער צווייטער מאנאט וואס די אידען זיינען ארויס פון מצרים, האט זיי זייער גאט ארונטערגעשיקט דעם מן אלס שפייז פון הימעל.

— נו, זאל זיין דער דריטער מאנאט סיון!

— אין דעם מאנאט סיון האבען זיי געקראגען זייער תורה אויף דעם בארג סיני, און עס וועט געוויס ניט זיין מזל'דיג זיך אנצופאנגען מיט זיי אין אזא מאנאט.

— און וואס האט פאסירט עפעס גוטעס אין תמוז? — האט המן געפרעגט.

— אין תמוז האט גראדע פאסירט א גרויסע צרה — האט המן'ס פריינד, וועלכער האט געהאט א ידיעה פון אלע אידישע ימים טובים געזאגט — אין תמוז זיינען צובראכען געווארען די מויערען פון ירושלים דורך נבוכדנצר'ס חילות.

— איז דאך גוט! תמוז וועט זיין ווידער אמאל פאר זיי א שלים־מזל'די־גער מאנאט! — האט המן אויסגערופען.

— האבען זיי אבער באשטימט דעם זיבעצעהנטען טאג אין תמוז פאר א תענית, און זיי פארזאמלען זיך אין זייערע שולען און זיינען מתפלל צו זייער גאט ער זאל זיי העלפען. ניין, דיזער מאנאט איז אויך ניט מסוגל דערצו.

— און דער פינפטער מאנאט אב?

— אין יענעם טאג איז חרוב געווארען זייער בית המקדש, און א צווייטע צרה אין דעם זעלבען מאנאט וועט פילייכט ניט גילטען, אחוץ דעם פאסטען זיי דאך אויך דעם נייניטען טאג אין אב!

— און וואס איז מיט דעם מאנאט אלול? — האט המן געפרעגט — דוכט זיך מיר, אז זיי האבען אין דיזען מאנאט גאר קיין יום טוב ניט.

— האָב איך געהערט די אידען דערצעהלענדיג, אז אין דעם זעקסטען מאָנאט אלול איז משה ארויף אויף דעם באַרג סיני צו נעהמען די לעצטע צוויי לוחות אויף וואָס עס איז אנגעשריבען געווען די עשרת הדברות.

— און אין דעם זיבעטען מאָנאט תשרי?

— תשרי איז שוין גאַר צו מזל'דיג ..אַר די אידען! ערשטענס, פייערען זיי דאַן זייער נייעם יאָהר און אויף דעם צעהנטען טאָג פון דיזען מאָנאט איז ביי זיי א יום טוב, יום כפור, ווען זייער גאָט איז זיי מוחל אלע זינד, און נאָכדעם האָבען זיי נאָך א יום טוב אין דעם זעלבען מאָנאט, מיט'ן נאָמען, סוכות!

— דערפאַר האָבען זיי, דוכט זיך, גאַר קיין יום טוב ניט אין דעם אכטען מאָנאט חשון. יע, דאָס וועט זיין דער בעסטער מאָנאט צו באַשטימען די גזרה!

— איך האָב געהערט, אז אין דעם מאָנאט חשון — האָט זיך ויזתא אָפּ־גערופען — איז דער מבול אַרונטערגעקומען אויף דער ערד און נח און זיינע ויהן זיינען געבליבען לעבען.

— עס איז ריכטיג! — האָט המן'ס פריינד זיך אָפּגערופען — אין דעם מאָנאַט וואָס דער אידישער גאָט האָט זיך דערמאָהנט אַז נח'ן און איהם געראַ־טעוועט פון מבול, קען ער זיך נאָך אויך דערמאָהנען אַז די אידען און זיי ראַ־טעווען פון דער גזרה!

— פאַר דעם האָב איך קיין מורא ניט! — האָט המן אויסגערופען מיט שטאָלץ — ווען איך וועל באַשטימען די גזרה און חתמ'ענען מיט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג, וועט שוין אפילו דער אידישער גאָט ניט קענען ראַטעווען זיי פון טויט, איבערהויפּט וויל איך עס זאָל זיין מזל'דיג פאַר מיר! איז אויב עס איז ריכטיג, אַז אין דיזען מאָנאַט קען זיך געפינען א זכות אויף די אידען צוליעב דעם מבול, אַרט מיר ניט, אַז איך וועל די גזרה אַרויסגעבען אויף דעם נייַנטען מאָנאַט כסלו!

— וואַרט, לאָמיר א טראַכט טהאָן! — האָט המן'ס א צווייטער פריינד זיך אָפּגערופען — וואָס האָט פּאַסירט אין חדש כסלו?

— איך ווייס — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופען — אין דיזען מאָנאַט איז דער בית המקדש פאַרטיג געוואָרען.

— נו, וועט מען די אידען אויסשלאַכטען אין מאָנאַט שבט.

— מיר דוכט זיך, אז אין שבט האָבען די אידען אויך א יום טוב — האָט ויזתא זיך אָפּגערופען.

— וועגען דעם ווייס איך שוין ניט — האָט זיך המן'ס צווייטער גוטער פריינד אָפּגערופען — וואָס פאַר א יום טוב פייערען די אידען אין שבט.

— דעם פופצעהנטען טאָג אין שבט פייערען די אידען א יום טוב וואָס זיי רופען עס אַן ניי יאָהר פאַר די בוימער און פלאַנצונגען.

— פון וואַנען ווייסטו אַט דאָס אַלעס, מיין זוהן? — האָט המן איהם געפרעגט שמייכלענדיג — דו שיינסט צו וויסען אלע אידישע ימים טובים!

— איך האָב געהאַט פיעלע פריינד פון די אידישע קינדער און זיי פלעגען מיר דערצעהלען פון אַלעם! — האָט ויזתא געענטפערט.

— אויב אזוי בלייבען דאָך גאַר מעהר ניט איבער קיין שלים־מזל'דיגע מאָנאַטען פאַר די אידען — האָט המן געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— בלויז נאך איין מאנאט איז פארבליבען, און דאס איז דער צוועלפטער מאנאט אדר! און איך בין זיכער, אז אין דעם מאנאט האט גארניט פאסירט פאר די אידען, וואס זאל זיין פאר זיי מזל'דיג! — האט דער ערשטער פריינד אויסגערופען — דעריבער וואלט איך ראטהען, אז די גזרה זאל באשטימט ווערען אויף דעם מאנאט אדר.

— און דו, ויזתא, ביזט אויך זיכער, אז אין דעם צוועלפטען מאנאט איז ביי די אידען קיין יום טוב ניטא? — האט המן זיך צו איהם געווענדעט.

— ניין! דאס איז דער איינציגער מאנאט, גלויב איך, וואס די אידען האבען גארניט צו פייערען.

— גוט! זאל זיין דער מאנאט אדר! — האט המן א קלאפ געטהאן מיט זיין האנד איבער'ן טיש, — דיזער מאנאט וועט מאכען א סוף צו אונזערע פארהאסטע אידען!

— יעצט דארפסטו באשטימען וועלכען טאג אין מאנאט די שחיטה אויף אלע אידען זאל דורכגעפיהרט ווערען.

— דעם טאג וועל איך באשטימען דורך א פור (גורל) — האט המן געענטפערט — און דאס וועל איך טאקע גלייך טהאן.

המן האט געווארפען גורל און עס איז אויסגעפאלען אויף דעם דרייצעהנטען טאג.

— ווי גלויבסטו, וועט איין טאג זיין גענוג אויסצו'הרג'ענען אלע אידען?

— האט זרש געפרעגט המן'ען.

— איך וועל שוין זעהן, אז עס זאל גענוג זיין! עס איז דאך פארבליבען באלד א גאנץ יאהר, וועל איך זעהן, אז די אלע פערסער זאלען זיין גוט צוגעגרייט, און ווען דער באשטימטער טאג וועט קומען, זאלען אלע אידען אויסגעשלאכטעט ווערען, אז עס זאל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען.

המן האט זיך גלייך אוועקגעזעצט און אויפגעשריבען די גזרה אויף א גרויסען פארמענט און נאכדעם ווי ער איז פארטיג געווארען האט ער דאס פארגעלייענט פאר זרש'ן און פאר די איבעריגע, וועלכע האבען זיך געפונען אין זיין הויז.

"אין דעם נאמען פון דעם קעניג אחשורוש ווערען אלע געטרייע און איבערגעגעבענע בירגער פון פרס און מדי אויפגעפאדערט צו זיין געגרייט אין דעם דרייצעהנטען טאג פון דעם צוועלפטען מאנאט, צו פארניכטען, אויסצוראטען און אויסצושלאכטען אלע אידישע איינוואוינער פון פרס און מדי. יעדער איינער האט א רעכט צו טויטען וויפיעל אידען ער וועט נאר וועלען און צונעהמען זייער האב און גוטס פאר זיך! קיינער פון די אידען זאל ניט געשאנעוועט ווערען, יונג און אלט, פרויען און קינדער זאלען אויסגעשאכטען ווערען אין דיזען טאג. און ווער פון די בירגער עס וועט ארויסווייזען מעהר פליים אין דיזער ארבייט וועט מעהר באלוינט ווערען... ווייל דאס אידישע פאלק איז פאררעכענט פאר דעם גרעסטען שונא פון אונזער לאנד, און דאריבער איז עס דער ווילען פון קעניג פטור צו ווערען פון זיי אין איין טאג! דיזער באפעהל ווערט באלד א געזעץ און אלע דארפען זיין צוגעגרייט צו דיזען טאג. און אויב עס וועט זיך

געפינען איינער פון אן אנדער פאלק, וועלכער וועט וועלען באשיצען די אידען, וועט ער אויך באקומען די זעלבע שטראף."

המן האט געענדיגט לייענען און א קוק געטהאן אויף זרש'ן און זיינע גוטע פריינד.

— זעהר גוט! — האט זרש אויסגערופען.

— אויסגעצייכענט! — האט אימיצער פון המן'ס פריינד צוגעגעבען — דו האסט עס אזוי דייטליך ארויסגעבראכט אין שריפט, אז עס וועט ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט זיין, אז אלע אידען דארפען פארטיליגט ווערען פון אונזער לאנד.

— און יעצט וועל איך ארויפלייגען די חתימה פון דעם קעניג'ס זיגעל־רינג — האט המן געזאגט, און אנגעווארעמט דעם טריוואקס און עס צוגעדריקט מיט אחשורוש'ס זיגעל־רינג.

המן האט געהייסען אלעמען אנפילען די כוסות און מען האט געטרינקען פאר דעם נייעם געזעץ, אויסצושלאכטען אלע אידען, וואס איז נאר וואס אריין אין קראפט!

ביז שפעט אין דער נאכט האט מען אין המן'ס הויז גע'שכור'ט און געהור־ליעט און ווי נאר עס האט אנגעהויבען צו טאגען האט מען געשיקט רופען פיעלע פון די בריעף־שרייבער און זיי געהייסען שנעל איבערשרייבען פון דעם פארמעט און ארויפלייגענדיג דעם קעניג'ס חתימה אויף אלע בריעף האט ער זיי איבער־געגעבען צו שנעלע לויפער זיי זאלען וואס גיכער לויפען פון שטאדט צו שטאדט און איבערגעבען די גובערנאטארען און אנדערע הויכע בעאמטע פון אחשורוש'ן וועגען דער נייער גזרה וואס איז געווארען א געזעץ.

אין דער זעלבער צייט האט המן געהייסען אויפהיינגען אויף די ווענט פון דער שטאדט שושן די געשריבענע נייע גזרה און איין פארמעט איז אנגע־קלאפט געווארען ביי דעם ארייננאנג פון דער אידישער גאס.

גלייך ווי המן איז פארטיג געווארען מיט חתמ'ענען אלע פארמעטען האט ער זיך אומגעקעהרט צו אחשורוש'ען אין פאלאץ.

— מעכטיגער קעניג, גרויסער הערשער איבער צאהלרייכע מדינות! — האט המן אויסגערופען פארנייגענדיג זיך פאר איהם — איך קעהר אום מיט דאנק דעם זיגעל רינג. דיין פארלאנג איז געטהאן געווארען. דער געזעץ צו פאר־ניכטען דעם אונגעווינשטען פאלק איז ארויסגעגעבען און גע'חתמ'עט געווארען.

— אויף וועלכער צייט האסטו עס באשטימט דורכצופיהרען? — האט אחשורוש איהם געפרעגט צונעהמענדיג פון איהם דעם זיגעל־רינג.

— אויף דעם דרייצעהנטען טאג פון דעם צוועלפטען מאנאט פון יאהר. יענער טאג וועט דארפען פארצייכענט ווערען אלס דער גליקליכסטער טאג פאר אלע בירגער פון פרס און מדי, וואס איז אונז געלונגען פטור צו ווערען פון אזא שלעכטען, אומווירדיגען נוצלאזען פאלק.

—— און דערווייל לאמיר זיך שוין טאקע משמח זיין — האט אחשורוש אויסגערופען און געהייסען דעם שר המשקים אנפילען די בעכער מיט וויין...

## צוועלפטער קאפיטעל

# דער טרויער

עס איז געווען דער דרייצעהנטער טאג פון חודש ניסן. א פאר טעג פאר פסח. אלע אידען פון שושן זיינען געווען פארנומען מיט'ן צוגרייטען פאר דעם גרויסען יום טוב פסח. אין יעדען הויז איז שוין געווען צוגעגרייט די מצה, און די פסח'דיגע כלים. אין אבענד האט מען שוין מבער חמץ געווען, און ווען עס איז געקומען ערב פסח זיינען אלע אידען אוועק אין דער גרויסער שוהל פון שושן, דארט אין דעם שוהל־הויף צו פארברענען דעם חמץ און אין דערזעלבער צייט צו בעזארגען די ארימע פון שטאדט מיט שפייז אויף פסח.

מרדכי און קציעה זיינען געווען נאך מעהר פארנומען ווי די איבריגע. זיי האבען געדארפט צוגרייטען מצה אויך פאר אסתר'ן, אזוי האבען זיי זיך נוהג געווען פאר די לעצטע פינף יאהר זינט אסתר איז געווארען די קעניגין. זי האט געבעטען איהר אנקעל ער זאל איהר בעזארגען מיט אלעם וואס עס איז נויטיג פאר פסח.

קציעה האט געהאט גרויס פארגעניגען ווען זי האט געבאקען די מצות פאר אסתר'ן, און נישט איינמאל האט זי געוועדעט צו איהרע שבנות וועגען דעם.

—עס איז שוין דער פינפטער יאהר! — האט קציעה געזאגט מיט שמאליץ, כאטש זי האט דערביי א זיפץ געטהאן, — יא, פינף יאהר אז אסתר פראוועט פסח פאר זיך אין פאלאץ! זי פעהלט אונז זעהר ביי דעם סדר! און אויך זי, אסתר, די קעניגין איבער אזוי פיעל מדינות, בין איך זיכער, פיהלט זיך גאנץ איינזאם אין פאלאץ דורך די טעג פון פסח. וויפיעל גליק און פארגעניגען עס וואלט איהר פארשאפט ווען זי וואלט געקענט פארברייגגען דעם פסח אין אונזער הויז?!...

— איך פארשטעה נישט, קציעה! — האט זיך א שכנה צו איהר אפגערו־פען, — אויב דאס מיינט אזוי פיעל גליק צו דער קעניגין, וועט דען דער קעניג האבען דאגעגען ווען אסתר וועט קומען בעזוכען איהר אנקעל? דער קעניג האט דאך איהר אזוי ליעב און ער וועט געווים זיין העכסט צופריעדען ווען זי וועט איהם זאגען אז זי וויל פארברייגגען א שטיקעל צייט מיט איהר אנקעל!...

— דאס איז אונמעגליך! — האט קציעה זיך אפגערופען. — ווי אזוי וועט די קעניגין קענען טהאן אזא זאך?!... די גאנצע שטאדט וועט דאך פול זיין!... ניין, עס פאסט נישט פאר א קעניגין צו פארברייגגען אויסער איהר פאלאץ... און דאריבער גרייט איך אלעס צו פאר איהר...

— אבער פאר איין אבענד, צום סדר, האט זי דאך געקענט קומען! — האט די שכנה ווייטער געזאגט.

— פאר איין אבענד לוינט זיך נישט. פארשטעהסטו, דער קעניג ווייס אפילו נישט אויב זי שטאמט פון אידען. — האט קציעה געזאגט.

— דאס איז מיר אומפארשטענדליך! — האט די שכנה געזאגט. — פארוואס האט אסתר מורא געהאט צו זאגען דעם קעניג גלייך אז זי שטאמט פון אידען... איך בין זיכער אז דעם קעניג'ס ליעבע צו איהר וואלט אויף א האר נישט אפגעשוואכט געווארען... וואס פאר אן אונטערשיעד איז דאס צום קעניג פון וואס פאר א פאלק אסתר שטאמט...

— דאָס האָט איהר מרדכי אנגעזאָגט אז זי זאָל דעם קעניג נישט זאָגען איהר אָפּשטאַמונג! — האָט קציעה געזאָגט — און איך מוז זיך מודה זיין, אז נישט איינמאָל האָב איך שוין מיט מרדכי'ן געהאַט אן איבעררייד דערפאַר, אָבער דו דאַרפסט פאַרשטעהן, אז מרדכי האָט עס געטהאָן מיט אן אנדער צוועק... ער, אזוי ווי אסתר אליין, האָט קיין שטאַרקען חשק נישט געהאַט זי זאָל ווערען קעניגין... נו, האָט ער געדענקט, אז אויב אסתר וועט זאָגען אז זי ווייסט נישט פון וואַנען זי שטאַמט, וועט דער קעניג פיעלייכט איהר צו אונז צוריקשיקען, ווייל דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען, אז אסתר שטאַמט פון זעהר א געהויבענער משפחה...

— אָבער פריהער אָדער שפּעטער וועט זיך דער קעניג דערוויסען איהר אָפּשטאַמונג! — האָט די שכנה ווייטער געזאָגט, — וואָלט דען נישט געווען בעסער אז זי זאָל זאָגען דעם קעניג וועגען דעם, און דאַן וועט פאַר אלע אידען זיין א סך בעסער... וואָלט דען פאַר אונז אלעמען נישט געווען דער יום טוב א סך פרעהליכער ווען מיר וואָלטען געוואוסט אז די קעניגין אסתר געפינט זיך צווישען אונז און פייערט צוזאַמען מיט אונז דעם יום טוב פּסח?

— עס וועט שוין מסתמא לאַנג נישט נעהמען און אסתר וועט קריגען א געלעגענהייט צו דערצעהלען דעם קעניג וועגען איהר אָפּשטאַמונג, דאַן וועל איך און מרדכי קענען איהר בעזוכען אין פּאַלאַץ צו יעדער צייט! — האָט קציעה געזאָגט.

— און דורך וועמען שיקט איהר די אלע נויטיגע זאַכען, די מצה און וויין?

— האָט איהר די שכנה ווייטער געפרעגט.

— איך ערוואַרט אז באַלד זאָל טאַקע אָנקומען אסתר'ס שליח, התך, מיט נאָך איניגע פון אסתר'ס דיענער און זיי וועלען אלעס נעהמען צו אסתר'ן... גלויבט מיר, ווען איך וואָלט יעצט געקענט איהר זעהן און געבען איהר איין איינציגען קוש, וואָלט איך די גליקליכסטע געווען...

— עס איז שוין לאַנג אז איהר האָט אסתר'ן נישט געזעהן?

— איך קען זאָגען, אז כמעט די גאַנצע פינף יאָהר... געוועהנליך ווען די קעניגין פאָהרט דורך מיט דעם קעניג איבער'ן שטאָדט און ווען אלע קומען ארויס זי זעהן, געה איך אויך מיט מרדכי'ן, אָבער דאָס הייסט ביי מיר נישט קיין זעהן!... ערשטענס טראָגט זי דאַן א שלייער איבער איהר פּנים, און א חוץ דעם, איידער מען בעוויזט א קוק צו טהאָן אויף איהר פאַרשווינדעט זי מיט דעם קעניג אויגענבליקליך.

— איך בין שוין פאַרטיג מיט דעם גאַנצען פּסח, — בעריהמט זיך די שכנה, — אויב דו ווילסט, קציעה, וועל איך דיר העלפען צוצוגרייטען אלעס פאַר דער קעניגין.

— איך דאַנק דיר, אָבער איך בין שוין אויך פאַרטיג, איך ערוואַרטע אז התך זאָל באַלד אָנקומען. ער קומט יעדען יאָהר גאַנץ פריה, נאָך איידער מרדכי קעהרט זיך אום פון שוהל.

— ער וועט מסתמא צו־וואַרטען ביז וואַנען מרדכי וועט קומען!

— צו וואָס זאָל ער וואַרטען. מרדכי זעהט זיך דאָך מיט איהם יעדען טאָג... דורך איהם רעדט ער זיך דורך מיט אסתר'ן. יאַ, התך איז זעהר א וואוילער מאַן, ער האָט ליעב די אידען און וויים אלעס וואָס עס קומט פאָר ביי אונז... ווען נישט

התד וואלט טאקע געוועז זעהר שווער פאר אונז. אסתר דערצעהלט מרדכי׳ן דורך איהם יעדען ווארט וואס דער קעניג רעדט צו איהר, און דורך התד׳ן קען מרדכי פרעגען אסתר׳ן וואס זי וויל. ער ווייס אז ביי איהם וועט בלייבען דער סוד פאר־זיגעלט... אה, מיר דוכט זיך אז ער קומט אן! — האט קציעה אויסגערופען, א קוק טהוענדיג אין פענסטער.

— איך וועל בעסער יעצט געהן! — האט די שכנה געזאגט, און איז ארויס פון קציעה׳ס הויז.

באלד איז אריינגעקומען התד. די דיענער זיינען געבליבען שטעהן אין דרויסען נעבען טהיר.

קציעה האט איהם פריינדליך באגריסט און איהם געפרעגט וואס די קע־ניגין מאכט.

— פריעדען איז צו איהר! — האט התך געענטפערט. — די קעניגין האט געשיקט פאר דיר א מתנה אויף יום טוב.

התך האט ארויסגענומען א קליינעם פעקעל מיט ציערונג און דאס איבער־געגעבען צו קציעה׳ן.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף קציעה׳ס ליפען, ווען זי האט דעם פעקעל פאנאנדער געעפענט און דארטען געפונען גאלדענע רינגען און אנדערע טהייערע ציערונג איינגעפאסט מיט קאסטבארע שטיינער.

— גיב איבער דער קעניגין מיין העכסטען דאנק פאר דער מתנה! — האט זי אויסגערופען און טרעהרען פון פרייד האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

— איך וועל טהאן דעם פארלאנג פון מיין הארענטע! — האט התך גע־ענטפערט.

— ווען האט זי דאס דיר געגעבען? — האט קציעה איהם געפרעגט.

— לעצטע נאכט, ווייל זי ווייס דאך אז איך קום אהער יעדען יאהר גאנץ פריה.

— און דו האסט נאך איהר הייגט נישט געזעהן? — האט זי איהם ווידער געפרעגט.

— געוויס נישט! — האט התך געענטפערט, — עס איז אזוי פריה אז די גאנצע שטאדט שלאפט נאך.

— איך האב גאר פארגעסען אז עס איז אזוי פריה! ריכטיג, מרדכי האט זיך נאך אפילו נישט אומגעקעהרט פון שוהל.

התך האט אריינגערופען די דיענער און זיי האבען גענומען די פעקלעך מיט מצה און די אנדערע פסח׳דיגע שפייז וואס קציעה האט צוגעגרייט פאר אסתר׳ן, און זיי זיינען ארויס פון הויז.

קציעה האט נישט געקענט אנזעטיגען איהרע אויגען מיט די טהייערע ציע־רונג. זי האט די רינגען אויף איהרע פינגער ארויפגעטהאן און אנגעטהאן דעם האלזבאנד. איהר האט שוין פארדראסען פאר וואס איהר שכנה איז שוין אוועק פון הויז. זי וועט איהר מוזען ציינען אט די אלע טהייערע זאכען. און נישט ארונטערנעהמענדיג די ציערונג איז זי שנעל אוועק צו דער שכנה וועלכע איז א ווייל פריהער געוועז אין איהר הויז.

די שכנה איז איהר אנטקעגענגעקומען.

— דו ווילסט זעהן וואס מיין אסתר, די קעניגין, האט מיר געשיקט אלס מתנה פאר יום טוב! — האט זי אויסגערופען און געצייגט איהרע ציערונג.

מיט ברייטע אויגען און נישט מיט ווינציג קנאה האט די שכנה בעטראכט קציעה'ס שעהנע ציערונג.

— אָה, עס איז דאך וואונדערבאר! זיי דארפען קאסטען אז אוצר מיט געלד! — האט די שכנה אויסגערופען. — איך האב נאך אזעלכע טהייערע ציערונג אין מיין גאנצען לעבען נישט געזעהן! בלויז א קעניגין קען בעהויפּטען אזעלכע צו קריגען... און ווי שעהן עס פּאסט זיך פאר דיר, קציעה! ווארט נאר צו א ווייל'ע, איך וועל אויפוועקען מיין טאכטער, איך וויל אז זי זאל עס אויך זעהן און בעוואונדערען.

— אָה, דו דארפסט איהר נישט וועקען צוליעב דעם! — האט קציעה געזאגט מיט א שמייכעל, — זי וועט אריינקומען שפּעטער צו מיר וועל איך איהר צייגען . . .

— וואס וועט מרדכי זאגען ווען ער וועט דערזעהן די ציערונג אויף איהר?

— האט קציעה א טראכט געטהאָן, און אן אנגענעהמער געפיהל איז דורך איהר קערפּער, — ער וועט זיך געוויס פיהלען גליקליך צו וויסען אז זי ליגט אסתר'ן אין זינען... און ווען ער וועט אויף איהר באמערקען די ציערונג וועט ער זעהן ווי שעהן דאס פּאסט פאר איהר.

קציעה איז געווארען אזוי אומגעדולדיג... זי האט שוין געוואלט אז מרדכי זאל קומען... זי וועט איהם איבערראשען דאמיט... ער וועט עס בעטראכטען אויף איהר. יא, זי וויים אפילו וואס ער וועט צו איהר זאגען: ער וועט זאגען אז היינט בייננאכט צום סדר וועט זי טאקע שיינען ווי אן אמת'ע מלכה... יא, זי וועט איהם געהן באגעגנען, — האט זי בעשלאסען — זי וועט עס איהם צייגען אין גאס... זאלען אויך אנדערע זעהן די ציערונג.

קציעה האט לאנג נישט געטראכט און געגאנגען אין דער ריכטונג פון וואנען מרדכי דארף אנקומען... פון גאנץ ווייט האט זי איהם דערזעהן... גרויס איז געוועזן איהר פרייד, איהר הארץ האט גענומען שטארק קלאפּען... זי האט געפיהלט איהר ציערונג אויפ'ן האלז... באלד וועט מרדכי דערזעהן... ער וועט עס גלייך באמערקען אויף איהר... זי האט פארשנעלערט איהרע טריט, אבער פאר־וואס געהט מרדכי אזוי לאנגזאם... עס דוכט זיך איהר אז זיינע פים וואקלען זיך... א שמייכעל בעווייזט זיך אויף איהרע ליפּען... מסתמא איז געוועזן אין שוהל א פדיון הבן, האט מען גענומען צו ביסלעך ווייז.

ווען קציעה איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו מרדכי'ן, איז זי געבליבען שטעהן א פארגליווערטע... זי האט באמערקט מרדכי'ס קליידער זיינען צוריסען... אויף זיין קאפּ איז געוועזן שטויב און זיינע אויגען זיינען רויט געווען פון וויינען.

— מרדכי! — האט זי אויסגערופען א פארציטערטע, — וואס האט פּאַ־סירט? אַ, גאָט, האָט עפּעס מיט דיר געטראפען?... מרדכי!!...

— אן אומגליק האט פּאסירט... מיר זיינען אלע פארלארען! מיר זיינען אלע פארלארען! — האט מרדכי אויסגעבראכען אין א יאמערליכען געוויין.

— אבער זאג דאך מיר, מרדכי, וואס איז געשעהן? — איז קציעה טויט בלאס געווארען — וואס פאר אן אומגליק האט פּאסירט?!... — א גזרה! א

שוידערליכע גזרה אויף אלע אידען, אח, מיר זיינען פערלארען! — האט מרדכי נישט אויפגעהערט צו יאמערען!

מיט צושראקענע אויגען און מיט טרייסלענדע הענט האט קציעה אנגענו־מען מרדכי'ן פאר'ן האנט: — איך בעט דיר, מרדכי בערוהיג זיך... וואס רעד־סטו?! וואס פאר אן אומגליק האט פאסירט?... א איך בעט דיר זאג מיר!

מרדכי האט געריסען די האר פון זיין קאפ און געשריען מיט א ביטערען געוויין:

— איך האב אן אומגליק געבראכט אויף מיין גאנצען פאלק. איך בין אין דעם שולדיג! אח, בארמהערציגער גאט! וואס וועט יעצט פון אונז זיין?! אזא שרעקליכע גזרה!! "צו פערניכטען, אויסצוראטען און אויסצושלאכטען אלע אידישע איינוואהנער פון פרס און מדי"...

— וואס רעדסטו, מרדכי ווער וועט עס וואגען אזוי צו טאהן?!

— קום! איך וועל דיר צייגען די גזרה פון דעם קעניג אחשורוש! — האט מרדכי טרויעריג געזאגט און מיט קציעה'ן קוים זיך צוגעשלעפט צום אריינגאנג פון דער אידישער גאס...

— זעהסטו! — האט מרדכי אנגעצייגט אויף דעם פארמעט וואס איז געווען צוגעקלאפט צום וואנט. קציעה האט געקוקט און געקוועטשט מיט די פלייצעס. — דו ווייסט דאך אז איך קען נישט לייענען קיין פערסיש! — האט זי זיך אפגערופען — לייען דו פאר מיר!

מרדכי האט געמאכט א פערזוך צו לייענען אבער די טרעהרען האבען איהם געשטיקט. באלד האט זיך א היבשער עולם פערזאמעלט אין יללות און געשרייען האבען זיך געטראגען איבער דער גאנצער אידישער גאס!

— דער אומגליק איז פיעל גרעסער ווי מיר קענען זיך פארשטעלען! — האט א גבאי אויסגערופען מיט א הייזעריגע וויינענדיגע שטימע — דער קעניג האט זיין חתימה דערצו געלעגט, און ווער וועט עס קענען צוריקציהען!

— וועה איז אונז, מיר זיינען אלע פערלארען, אונזערע פרויען און קליינע אומשולדיגע קינדער וועלען אויסגעשלאכטעט ווערען.

דערהערענדיג אט די אלע יאמערליכע געשרייען און געוויינען האט קציעה גלייך אויסגעבראכען אין א געוויין . . . און ווען זי האט זיך אביסעל בע־רוהיגט, האט זי זיך ווידער געווענדעט צו מרדכי'ן ער זאל איהר ערקלערען וואס אין פארמעט איז געשריבען און פארוואס עס איז פאר די אידען מעהר קיין האפנונג נישט פערבליבען.

— המן האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אין נאמען פון קעניג און דער בע־פעהל איז גע'חתמ'ט מיט אחשורוש'עס זיעגעל רינג — האט מרדכי קוים ארויס־געוערדט און זיך ווידער פאנגאדערגעכליפעט —אז דעם דרייצעהנטען טאג פון חודש אדר זאלען אלע אידען, פון קליין ביז גרויס אויסגעשלאכטעט ווערען. אלע, אהן אויסנאהמע, מענער, פרויען, קליינע קינדער און אלטע לייט און זייער פארמעגען זאל געהערען צו די וועלכע וועלען זיך בעטייליגען אין דער הריגה. אז, אחשורוש שטעמפעלט דעם אידען אלס דעם גרעסטען שונא פון זיין פיינד און דעריבער איז עס דעם קעניג'ס ווילען פטור צו ווערען פון אונז אלע־מען אין איין טאג!

— אבער וואס האבען מיר געזינדיגט געגען קעניג אז ער זאל אויף אונז אזוי בייז זיין ? — האט קציעה טרויעריג געפרעגט.

— המן האט אויף אונז א בלבול געמאכט ! — דער קעניג האט איהם גע־גלויבט און דעריבער האט ער ארויסגעגעבען דיעזע שרעקליכע גזרה...

— ווערען מיר בעוויזען דעם קעניג אונזער אומשולד ! — האט קציעה געזוכט מרדכי'ן צו טרייסטען. און ווען ער וועט זעהן אז דאס איז בלויז א בלבול וועט ער צוריקציהען זיין גזרה !

— ניין, קציעה, איך האב מורא אז עס איז שוין פערפאלען ! — האט מרדכי מיט יאוש געשאקעלט זיין קאפ — א בעפעהל וואס עס איז גע'חתמ'עט מיט דעם קעניג'ס זיגעל קען אפילו אחשורוש אליין נישט מבטל מאכען.

— ווען אסתר וועט איהם בעטען וועט ער דאס טאהן פאר איהר ! האט קציעה ווייטער געזאגט :

— עס איז דאך אבער אזא געזעץ אין לאנד אז ווען דער קעניג לייגט צו זיין חתימה צו א בעפעהל ווערט עס גלייך א געזעץ און קיינער קען עס נישט צוריקרופען. טא ווי אזוי וועט אסתר אונז קענען העלפען ! אה ניין ! פאר אונז איז קיין הילף נישטא, זאל נאר אונזער גאט זיך מרחם זיין — האט מרדכי ווידער גענומען יאמערען.

בליץ שנעל האט זיך די טרויעריגע נייעס פערשפרייט איבער דער גאנצער שטאדט, און יעדער פלאץ וואו די אידען האבען געוואהנט האט באלד אויסגע־בראכען א יאמערליכער געוויין... די קולות און געשרייען האבען דערגרייכט די הימלען.

פערשטערט איז פאר די אידען געווען זייער יום טוב פסח. אין אווענד האט געזאלט פארקומען דער סדר... און יעצט איז זייער שמחה אין טרויער פער־וואנדעלט געווארען... יעדעס הארץ האט געוועהטאגט... די אויגען זיינען רויט געווארען פון וויינען . . . איז שוין דאס דער לעצטער פסח פאר זיי אלעמען ? אט ערשט א טאג בעפאר, זיינען אלע אזוי פרעהליך און גליקליך געווען... די הכנות צום גרויסען יום טוב זיינען געמאכט געווארען מיט אזוי פיעל לוסטיג־קייט און ערוואַרטונגען און יעצט ? א טרויער איז אויסגעגאסען געווארען אין יעדען פלאץ וואו די אידען האבען זיך געפונען... מרדכי איז שוין צו זיך אין הויז נישט אריינגעקומען. ער האט זיינע קליידער אויף זיך צוריסען, ער האט אנגעגורט א זאק און געשאטען אש אויף זיין קאפ. ער איז געגאנגען איבער די גאסען פון שטאדט און געוויינט און געשריען. ער האט גערופען אלע אידען מען זאל גלייך געהן מתפלל זיין צו גאט, פיליכט וועט ער זיך דערבארעמען אויף זיין פאלק און צושטערען המן'ס שלעכטע גזרה.

קציעה איז איהם נאכגעגאנגען און צוזאמען מיט די איבעריגע פרויען האט זי געקלאגט און געוויינט...

די פערסיער און אנדערע איינוואהנער פון שטאדט האבען געמאכט חוזק און אפגעלאכט פון די אידען וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו ליארעמען און שרייען.

אין די אידישע גאסען האבען זיך אויך המן'ס צעהן זיהן ארומגעדרעהט... ווען זיי האבען בעמערקט די יאמערנדע אידען, האבען זיי זיך געקייכט פון גע־לעכטער . . . זיי האבען זיך מיט יעדען פערבייגעהענדען געצייצט.

— בלויז עלף מאנאטען זיינען פאר דיר פערבליבען צו לעבען — האבען זיי בעגריסט יעדען איינעם.

— לאמיר אוועקגעהן צו דער וואוינונג פון גדליה'ן. איך וואלט וועלן יעצט זעהן שמעון'ען . . . — האט פרשנדתא זיך אפגערופען צו דלפון'ען — דו ווייסט דאך אז איך וועל אויף זיך נעהמען זיין הויז. יע, איך וועל אויסשלאכטען שמעון'ס גאנצע משפחה און צונעהמען זייער פערמעגען.

— וואס וועט געטהאן ווערען צו עדה'ן? — האט דלפון איהם געפרעגט

— איך בין זיך מודה אז איך האב איר נאך ליעב, און יעצט, ווען שמעון וועט שוין מיר מעהר נישט שטעהן אין וועג. . .

— אבער פערגעס נישט דלפון, אז עדה שטאמט דאך אויך פון די אידען, און דעריבער וועט זי דאך געווים געטויטעט ווערען אין דעם בעשטימטען טאג!

— ווען מיר זאלען וועלען קען מען איהר ראטעווען. . . נאך אלמען איז דאך איהר מוטער א פרסית... אידען דארפען געטויטעט ווערען, ווען פאטער און מוטער זיינען געוועזען אידען... אבער אין עדה'ס פאל, גילט נישט דער געזעץ... וועלען מיר דען טויטען איהר מוטער?

— ניין, איהר מוטער נישט! — האט פרשנדתא אויסגערופען אבער ווי באלד אז איהר פאטער וועט געטויטעט ווערען וועט מען אויך איהר דארפען טויטען!

— ניין! זי בעלאנגט צו איהר מוטער! — האט דלפון אויסגערופען — און איך וועל איהר ראטעווען אויב זי וועט צושטימען מיט מיר חתונה צו האבען!

— און וואס וועסטו טאהן ווען זי וועט פון דיר פערלאנגען צו ראטעווען אויך איהר פאטער? — ווייסטו דען נישט אז דער געזעץ לויטעט אז ווער עס וועט זוכען צו בעשיצען א אידען, זאל אויך בעקומען דעם זעלבען פסק! — האט פרשנדתא איהם געפרעגט.

— וועל איך ירוחם'ן דעם שמיער טאקע נישט ראטעווען, סיידען ער וועט וועלען אננעהמען די פערסישע אמונה און פערלאזען זיין אידישקייט! — האט דלפון געענטפערט — איך בין זיכער מיין ברודער אז יעצט וועסטו מיר געווים נישט שטערען!

— מיין ליעבע צו עדה'ן איז אינגאנצען פערשוואונדען, נאך דער בעליידיגונג וואס איך האב אין איהר הויז ערליטען. . . און אויב דו פיהלסט נאך ליעבע צו איהר, מעגסטו רוהיג זיין אז איך וועל אין דיין וועג נישט שטעהן. איך האב אבער מורא אז אונזער פאטער וועט דיר זעהר פיעל שטערען. . . פערשטעהסטו, ווי וועט עס אויסקומען פאר אונזער לאנד? וואס וועלען מענשען זאגען?... המן האט ארויסגעגעבען א גזרה צו פערניכטען אלע אידען און דא קומט המן'ס זוהן און הייראט מיט אן אידישע טאכטער!

— אבער אלע ווייסען דאך אז עדה'ס מוטער איז א פרסית!

— דאך וועסטו נישט אפלייקענען אז זי איז ערצויגען געווארען ווי אן אידישע טאכטער! איהר מוטער האט אויף איהר גאר א קליינע ווירקונג געהאט!

— ווען אבער זי וועט קומען אונטער מיין איינפלוס וועט זי שנעל פערגעסען אז איהר פאטער איז געוועזען א איד — האט דלפון געזאגט — זי וועט ווערען א גוטע פרסית. . . און איהר פאטער? צו איהם וועט מען טאהן אזוי ווי מען וועט טהאן צו אלע אידען דעם דרייצעהנטען אדר! דאן וועט דאך ירוחם'ס וויר־.

קונג אין גאנצען אפגעווישט ווערען ! און ווען דער פאטער וועט וויסען אז עדה האט אנגענומען אונזער גלויבען, וועט ער געוויס נישט זיין דאגעגען !

דלפון האט קיין צייט נישט פערלארען און איבערלאזענדיג פרשנדתא׳ן מיט די איבעריגע ברידער איז ער אוועק צו ירוחם׳ן דעם שמיעד.

ווען ער אז אריינגעקומען אין קוזניע, האט ער געטראפען ירוחם׳ן זיצענדיג פערטרויערט . . . זיינע אויגען זיינען געוועזן אנגעפילט מיט טרעהרען.

— דו ביזט געקומען זיך מיט מיר אפצורעכענען ! — האט ירוחם זיך אפגערופען ווען ער האט דלפון׳ען דערזעהן — יעצט זיינען מיר אלע אין דיינע הענט !

— איך בין געקומען העלפען ! — האט דלפון געזאגט. איך בין געקומען ראטעווען זיין טאכטער !

— דו ווילסט העלפען עדה׳ן ? — האט ירוחם דער שמיעד זיך אפגערופען און איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. — ביזטו דען נישט אין כעס אויף איהר.

— ניין ! מיין כעס איז פון מיר ארונטער — און אויב זי וועט זיך וועלען צו מיר צוהערען וועל איך איהר קענען העלפען !

— אה, מיין טאכטער וועט געראטעוועט ווערען פון טויט ! — האט ירוחם אויסגערופען — זי וועט נישט געטויטעט ווערען, דו מיינסט עס ערנסט ?

— געוויס בין איך יעצט ערנסט ! — דאס וואס זי האט א פערסישע מוטער, דעריבער וועט זיין פאר מיר מעגליך צו ראטעווען איהר צוזאמען מיט איהר מוטער !

— אבער נישט עדה׳ס פאטער ! — האט ירוחם קוים ארויסגערעדט !

— דאס וועלען מיר זעהן שפעטער, אבער איך קען דיר נישט פערשפרעכען, סיידען דו וועסט וועלען אויספאלגען מיין עצה. . . אבער וועגען דעם וועלען מיר נאך ריידען ! וואו איז דיין טאכטער.

— זי איז אין הויז מיט איהר מוטער ! — האט ירוחם געענטפערט.

דלפון איז גלייך ארויף אין הויז. עדה׳ס מוטער האט זיך שטארק דערפרעהט מיט איהם. זי האט שנעל אפגעווישט די טרעהרען פון איהרע אויגען.

— אה, קום אריין, דלפון ! — האט זי ברייט די טיהר פאנאנדערגעעפענט — דו ביזט א ווילקאמער גאסט אין מיין הויז !

— וואו איז עדה ? — האט ער גלייך געפרעגט.

— זי איז אין איהר צימער — אט באלד וועט זי ארויסקומען ! זי האט איהם זיך געהייסען זעצען.

— דיר איז דאך שוין מסתמא בעוואוסט וואס פאר א גורל עס ערווארטעט אלע אידען ! — האט דלפון זיך צו איהר אפגערופען ווען ער האט זיך אנידערגעזעצט. דו ביזט דאך א פרסית און צו דיר קען איך גאנץ אפען ריידען. . . מיר די פערסער האבען זיך געגוג אנגעליטען פון די אידען, און ווען מיין פאטער האט געקראגען די ערלויבנים פון דעם קעניג אויסצושלאכטען אלע אידען פון פרס און מדי, האב איך גלייך א טראכט געטאהן פון דיין טאכטער עדה׳ן.

— זאלען די געטער פון פרס דיר בעלוינען פאר דיין גוטהערציגקייט ! — האט די פרסית אויסגערופען און איהר פנים האט אויסגעלויכטען — איך ביז

זיך מודה אז איך בין שטארק בעזארגט געווען וועגן ערה'ן... מיך האט זעהר מורא געהאט אז זי זאל נישט ליידען צוליעב די זינד פון איהר פאטער!

— ווען איך זאל איהר נישט העלפען וועט זי זיכער פערדרעכענט ווערען אלס א אידישע טאכטער און זי וועט צוזאמען מיט די איבעריגע מוזען בעצאה־לען מיט איהר לעבען... זעהסטו, דו נישט! כאטש דו ביזט פערהייראט צו א אידען, וועט קיינער נישט וואגען דיר צו טויטען! אבער עדה'ן און איהר פא־טער וועגען דעם וואלט קיינער נישט געצווייפעלט אז...

— און דו וועסט מיין גאנצע משפחה ראטעווען? — האט די פרסית גע־פרעגט און טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען!

— דאס וועגדט זיך ווי עדה וועט האנדלען מיט מיר? — האט דלפון געענטפערט — דאס בין איך טאקע יעצט געקומען זיך מיט איהר דורכצור־ריידען... דו ווייסט דאך געווים ווי שלעכט זי האט מיר בעהאנדעלט דא נישט לאנג ווען זי האט מיר אומגעביטען אויף דעם פייגלינג שמעון...

— אבער יעצט וועט זי אין גאנצען אנדערש האנדלען געגען דיר! — האט די פרסית זיך אפגערופען, —ווארט דא צו א ווייליע און איך וועל אריין אין איהר צימער און איהר אריינשיקען צו דיר.

ווען זי איז אריין צו עדה'ן האט זי איהר געטראפען ליגענדיג אין בעט און וויינען.

— מיין טאכטער! שטעה אויף! — האט זי זיך צו איהר אפגערופען, — הער אויף וויינען, די געטער פון פרס זיינען דיר געקומען צו הילף... איך האב פאר דיר א גוטע בשורה.

עדה איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ און מיט שטראהלענדע אויגען אויסגערופען:

— האט דער קעניג דען מבטל געמאכט די שרעקליכע גזרה געגען די אידען?

— וואס פאלט דיר איין, מיין טאכטער! דו ווייסט דאך אז דאס איז אן אונמעגליכע זאך! אבער יעצט האסטו א געלעגענהייט צו ראטעווען דיין לעבען.

— איך פארשטעה דיך נישט, מוטער! בין איך דען נישט קיין אידישע טאכטער? איז דען די גזרה נישט חל אויך אויף מיר?...

— ווען דיין מוטער וואלט אויך געווען א אידישע, דאן וואלט שוין פאר דיר גאר קיין האפנונג נישט געווען. אבער יעצט, צוליעב מיר, און אויך צוליעב המן'ס זוהן, וועט מעגליך זיין צו ראטעווען דיין לעבען!

— וואס מיינסטו, מוטער?

— דו ווייסט אז המן'ס זוהן, דלפון,ווארט אויף דיר... יא, ער בעזיצט אן איידעלע הארץ... דו האסט איהם טאקע באליידיגט, אבער פון דעסטוועגען ווען ער האט אויסגעפונען אז דיין לעבען איז אין געפאהר, איז ער געקומען דיר אנבאטען זיין הילף!

— אין די הילף פון המן'ס זוהן נויטיג איך זיך נישט, — האט עדה גע־ענטפערט, — איך בין א אידישע טאכטער און וואס עס וועט געשעהן מיט אלע אידען, וועט אויך מיט מיר געשעהן.

— דו פארשטעהסט ניט עדה, דלפון וויל דיך נעהמען פאר זיין פרוי, און דורכדעם וועסטו ראטעווען נישט נאר זיך זעלבסט, נאר מעגליך אויף דיין פאטער,

— אָה, מוטער, לאָז מיך צורוה! — האָט ערה זיך פאַנאַנדערגעוויינט, — איך וועל צו דלפון'ען נישט געהן.

— דו וועסט יאָ געהן! — האָט די פּרסית אַ געשריי געטהאָן, — פאַרגעס נישט אַז דיין פאָטער קען דיר יעצט מעהר קיין דעה ניט זאָגען... און דו טהו וואָס איך זאָג דיר. שנעלער, וואַש זיך אָרום און געה אַרויס צו דלפון'ען און אויב דו וועסט מיר יעצט נישט פאָלגען וועסטו ערגער מאַכען. איך זוך דאָך יעצט דיין טובה...

זי האָט איהר אַנגענומען ביי דער האַנד און איהר געצוואונגען זיך צוצור־איילען.

ערה האָט זיך אַרומגעוואַשען און צוזאַמען מיט איהר מוטער אַריין אין צימער וואו דלפון איז געזעסען.

—דו מוזט אונז ענטשולדיגען וואָס מיר האָבען זיך עטוואָס פאַרזאַמט, — האָט די פּרסית מיט אַ שמייכעל געזאָגט, — איך וועל אייך דאָ איבערלאָזען אַליין ווייל איך דאַרף ערגעץ־וואו געהן.

די פּרסית איז אַרויס פון צימער און איבערגעלאָזען דלפון'ען מיט איהר טאָכטער. זי איז אַרונטער אין קוזיניע צו איהר מאַן.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם גליק וואָס איז מיר אין הויז געקומען, — האָט זי זיך אָפּגערופען צו ירוחם'ן — המן'ס זוהן וויל דאָך ראַטעווען מיין טאָכ־טער. יאָ, דלפון וועט מיט איהר חתונה האָבען, און דאַן וועט זי שוין זיין געזי־בערט. אומזיסט האָב איך געטרויערט.

— ערה וועט אָבער מיט המן'ס זוהן נישט חתונה האָבען! — האָט ירוחם געזאָגט, — ווייסטו דען נישט אַז ערה איז פאַר'קנס'ט צו שמעון'ען.

— צו שמעון'ען! — האָט זיך די פּרסית פאַנאַנדערגעלאַכט, — וואו וועט שמעון זיין אין עלף מאָנאַטען אַרום!

— ער וועט זיין וואו איך וועל זיין, — האָט ירוחם געענטפערט.

— און ווייסטו וואו דו וועסט דאַן זיין אויב דו וועסט זיך נישט וועלען צוהערען צו מיין עצה!...

— איך וועל זיין דאָרט, וואו דו וועסט זיין!

— פאַרגעסט נישט, ירוחם, אַז אחשורוש'ס גזרה איז אַרויסגעגעבען גע־וואָרען אויף אידען און נישט אויף פּערסיער, און דו ביזט נאָך אַלץ אַ איד, כאָטש דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ פּערסישער פרוי! אָבער איך בין אַלץ פאַררע־בענט פאַר אַ פּערסערין. און יעצט קען איך דיר זאָגען, אַז מיך וועט נישט קימערען אויב דו וועסט איינשטימען צי נישט, איך וועל זעהן ראַטעווען מיין טאָכטער... יאָ, זי וועט הייראַטען מיט דלפון'ען... איצט האָב איך די אויבערהאַנד איבער דיר.

— דו וועסט הערען וואָס ערה וועט דיר זאָגען! — האָט ירוחם איהר געענטפערט.

— איך האָב שוין אויך פון איהר געהערט, אָבער עס וועט איהר גאָרנישט העלפען, זי וועט פון יעצט אָן טהאָן אַלעס וואָס איך וועל איהר זאָגען! איך וועל אַזאַ גלענצענדע געלעגענהייט נישט דורכלאָזען. זי וועט הייראַטען מיט דלפון'ען. אויב נישט וועט זי פאַרשפּילען אויף איהר לעבען ווי אַלע אַנדערע אידישע מיידלעך.

ווען די פּרסית איז צוריק אריין אין הויז, האָט זי שוין דאָרט קיינעם נישט געטראָפֿען, נישט איהר טאָכטער און נישט דלפון'ען... איהר הארץ האָט א צאַפּעל געטהאָן פאר פרייד... זיי זיינען ביידע ארויס אויף א שפּאציר, — האָט זי גע־טראכט. — עס האָט דלפון'ען לאנג נישט גענומען צוריק צו געווינען איהר הארץ. וואָס דען, אזא נאר וועט זי זיין? זי וועט נישט דורכלאָזען אזא געלעגענהייט צו ראטעווען איהר לעבען.

א גליקליכע איז זי ארויס אין גאס, זי האָט זעהר געגאַרט צו זעהן ווי איהר טאָכטער שפּאצירט מיט המן'ס זוהן. אח, ווּעלען איהר די אידישע מיידלעך מקנא זיין.

זי איז אזוי אָפּגעגאנגען א שטיקעל וועג, און פון וויטען האָט זי באמערקט ווי דלפון שטעהט א פארטראכטער.

— וואו איז עדה? — האָט זי מיט שרעק א טראכט געטהאָן, און איז שנעל צוגעגאנגען צו דלפון'ען.

— וואו איז דאָס מיין טאָכטער? איך האָב געמיינט אז איהר שפּאצירט צוזאמען! — האָט די פּרסית זיך אָפּגערופען.

דלפון האָט מיט כעס און מיט א בייזען בליק אומגעדרעהט זיין קאָפּ.

— זאָג מיר וואָס האָט צווישען אייך ביידען פּאסירט? — האָט די פּרסית גענומען זיך בעטען ביי איהם.

— זי האָט מיר געזאָגט אז זי וועט בעסער שטארבען מיט שמעון'ען איידער צו לעבען צוזאמען מיט מיר! יעצט וועט זי שוין חרטה האָבען. און דיר וויל איך אָנזאָגען, אז אויב דיין איינען לעבען איז דיר טהייער, זאָלסטו אפילו נישט טראכטען פון בעשיצען דיין טאָכטער, ווייל דו זעהסט דאָך אז זי איז אין גאנצען א אידישע. דעם קעניג'ס געזעץ לויטעט, אז דער וואָס וועט זוכען צו בעשיצען א אידען זאָל אליין אויך בעקומען דיזעלבע שטראָף... און דאריבער איז מיין עצה, אז ווען דער דרייצעהנטער טאָג פון צוועלפטען מאָנאט וועט אָנקומען זאָלסטו מיט א פּאָר טעג פריהער אין גאנצען פארלאָזען דיין הויז, ווייל נאכהער וועט זיין צו שפּעט... אונזערע ברידער וועלען דיך נישט פרעגען אויב דו ביזט א פּרסית אָדער א אידישע... זיי וועלען אלע מיטגלידער פון יעדען אידישען הויז אויסשלאכטען.

— אָבער ווייסטו פּיעלייכט וואוהין מיין טאָכטער איז אוועק? — האָבען זיך טרעהרען געשטעלט אין איהרע אויגען.

— געוויס ווייס איך! זי איז אוועק צו איהר אידישען געליעבטען, צו שמעון'ען! — האָט דלפון זיך א קרים געטהאָן.

— וואַרט, איך וועל איהר צוריקברייינגען פון דאָרט! — האָט די פּרסית אויסגערופען. — דו דאַרפסט איהר אין גאנצען נישט בעשולדיגען, זי איז נאָך אזוי יונג און זי האָט געטהאָן אן איבערגעאיילטען שריט.

— אָבער זי האָט מיר דיזען מאָל נאָך שטארקער בעליידיגט ווי פריהער!

— האָט דלפון געזאָגט קריצענדיג מיט זיינע ציינער. — סיידען זי וועט צו מיר צוקומען און בעטען איך זאָל איהר מוחל זיין. אויב נישט, וועל איך צו איהר קיינמאָל נישט קומען און מיך וועט אויך נישט קימערען אויב זי וועט האָבען דעם זעלבען סוף וואָס אלע אנדערע אידישע מיידלעך וועלען האָבען.

— איך וועל איהר צו דיר ברייננען! — האט די פרסית געזאגט און איז מיט שנעלע טריט אוועק צו דער ריכטונג פון שמעון׳ס הויז.

---

א היבשע ווײלע איז מרדכי געגאנגען איבער די גאסען פון שושן אנגעגורט מיט א זאק און געוויינט... נאך איהם זיינען פיעלע אידען נאכגעגאנגען... זיי זיינען אריינגעקומען אין שוהל און האבען גענומען אויסגיסען זייערע הערצער פאר דעם בעשעפער.

די הארצרייסענדע געוויינען און געשרייען פון די פרויען און קינדער האבען אפגעהילכט אין די גאסען... די מוטערס האבען געדריקט די קליינע קינדער צו זיך און גע׳טענה׳ט:

— א, גאט! אויב מיר האבען געגען דיר פארזינדיגט, פארוואס אבער קומט אונזערע קליינע אומשולדיגע קינדער בעשטראפט צו ווערען... המן דער רשע וויל דאך אויסשלאכטען אלעמען, אפילו די עופה׳לעך! אה, ווי שרעקליך!

— מרדכי! מרדכי! — האבען פיעלע זיך צו איהם געווענדעט מיט תחנונים, — דו קענסט נאך אונז ראטעווען... געה צו דער קעניגין! זי וועט שוין פאר אונז משתדל זיין פאר דעם קעניג!...

— אונזער לאגע איז טרויעריג, אז אפילו דער קעניג אליין וועט אונז שוין נישט קענען העלפען! גאט איז דער איינציגער וועלכער וועט אונז קענען העלפען אויב מיר וועלען ווערטה זיין... אבער דאך וועל איך אוועקגעהן אין פאלאץ... זאל אסתר אויך וויסען פון אונזער גרויסען אומגליק... איך קען מיט אזא הלבשה נישט צוקומען נאהענט צום פאלאץ, אבער איך וועל פארט געהן... איך וועל וויינען און יאמערען, פיעלייכט וועט אסתר מיך דערהערען...

מרדכי האט זיך אוועקגעלאזען צום פאלאץ... ער איז פארבייגעגאנגען אסתר׳ס פאלאץ אנגעטהאן מיט דעם זאק און אש אויף זיין קאפ און האט נישט אויפגעהערט צו יאמערען און קלאגען אויף דעם גרויסען פאלקס אומגליק.

מרדכי׳ס געוויינען און געשרייען האבען צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אסתר׳ס קאמערמיידלעך, וועלכע זיינען בעת מעשה געווען אין פאדערשטע צימער פון דער קעניגין׳ס פאלאץ. און ווען זיי האבען ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער איז זייער ערשטוינונג נאך גרעסער געווארען.

— עס איז דאך מרדכי צו וועמען די קעניגין שיקט א באגריסונג יעדען טאג! — האט איין קאמערמיידעל אויסגערופען.

— אה, ווי הארצרייסענד זיינע געוויינען זיינען! געוויס האט אן אומגליק פאסירט אין זיין משפחה, מעגליך אז זיין פרוי איז געשטארבען! — האט א צווייטע געזאגט.

— לאמיר געהן אנזאגען דער קעניגין! — האט א דריטע געזאגט, — פיעלייכט וועט זי איהם קענען העלפען.

— זי מוז נאך געוויס שלאפען! ווי אזוי זאלען מיר איהר וועקען?

— אה, ניין, די קעניגין איז שוין לאנג אויפגעשטאנען. איך האב געזעהן אז התך און איינעגע דיענער האבען געבראכט עטליכע פעקלעך פאר דער קעניגין... און זי איז געווען העכסט צופרידען.

אן עלטערע קאמערמיידעל איז אריינגעקומען אין צימער און גלייך האבען זיך די אנדערע צו איהר געווענדעט:

— זעהסטו וואס דארטען קומט פאר! — האט מען איהר אנגעצייגט אויפ'ן פענסטער.

יענע האט א קוק געטהאן דורכ'ן פענסטער און אויסגערופען:

— דאס איז דאך מרדכי! . . .

— יא, מיר ווייסען אז דאס איז מרדכי! — האבען די אנדערע געענטפערט.

— לאמיר אנזאגען דער קעניגין וועגען דעם! — האט די עלטערע קאמער־מיידעל געזאגט, — פארוואס האט איהר דאס גלייך נישט געטהאן.

— ווייל מיר האבען געמיינט אז די קעניגין איז נאך אין איהר שלאף־צימער.

— אה, ניין, די קעניגין האט היינט איהר פריהשטיק פריהער פון אלע טעג געגעסען. זי האט געהייסען ברענגען נייע כלים און די כלים וואס מען האט פריהער בענוצט האט זי געהייסען ארויסטראגען פון דער קיך. יא, די קעניגין איז שוין פון לאנג וואך.

— און ווער וועט עס איהר געהן אנזאגען?

— לאמיר אלע אריינגעהן!

די קאמערמיידלעך זיינען צוגעקומען צו דעם צימער וואו אסתר איז געווען, און די עלטעסטע איז אריין אינעווייניג.

— גנעדיגע קעניגין, — האט זי זיך פארנייגט, — אין דרויסען, נעבען דעם פאלאץ געהט ארום מרדכי און שרייט זעהר יאמערליך.

—וואס?! — האט אסתר אויסגערופען, און איהר פנים איז בלאס געווארען פון שרעק, — האט עפעס מיט איהם פאסירט?

— מיר ווייסען גארנישט! דורכ'ן פענסטער אבער קען מען איהם זעהן!

אסתר האט גלייך א קוק געטהאן דורכ'ן פענסטער און דערזעהן איהר אנקעל ארומשפרייזענדיג הין און צוריק אנגעטהאן א זאק אויף זיינע לענדען... זיינע האר צושויבערט און פול מיט אש.

אסתר'ן האט אנגעהויבען צו ווארפען אין היץ און אין קעלט ווען זי האט מרדכי'ן אין אזא שרעקליכען צושטאנד דערזעהן. זי האט זיך געלאזט לויפען. באלד אבער האט זי זיך אפגעשטעלט. איהר קאפ האט אנגעהויבען דרעהען און פאר די אויגען שווינדלען.

די קאמערמיידלעך האבען זיך שטארק דערשראקען און האבען איהר צוגע־האלטען זי זאל נישט אומפאלען.

— אה, עפעס שרעקליכעס האט מיט איהם פאסירט! — האט אסתר אויס־גערופען, — שנעלער שיקט אריין התך'ן צו מיר.

התך איז באלד אריינגעקומען און די קאמערמיילעדך האבען פארלאזען די קעניגין אויף א קליינע ווילע.

— שנעלער, התך, נעהם קליידער און ברינג זיי צו מרדכי'ן זאל ער זיי אנטהאן און אריינקומען אין הויף פון פאלאץ און איך וועל דאן זיך קענען זעהן מיט איהם.

התך האט ארונטערגעבראכט די קליידער און זיך אפגערופען צו מרדכי'ן:

— מיין פריינד! איך זעה אז עפעס שרעקליכעס האט מיט דיר פאסירט. בייט איבער דיינע קליידער און קום אריין אין הויף, וועט די קעניגין האבען א געלעגענהייט מיט דיר צו ריידען.

— אה, גרוים איז מיין אומגליק... שרעקליך איז אונזער בראך... — האט מרדכי נישט אויפגעהערט צו יאמערען, און נישט געגומען די קליידער פון התך'ן.

— ער נעהמט נישט די קליידער... זיין הארץ איז זעהר פארביטערט, ער הערט נישט אויף צו וויינען, — איז התך צוריקגעקומען.

— אה, איך מוז געהן צו איהם! — האט אסתר אויסגערופען מיט שרעק.

— אבער גנעדיגע קעניגין, עס איז דאך אונמעגליך פאר דער קעניגין צו ערשיינען אין מיטען גאס! — האט התך זיך אפגערופען.

— דאן געה נאך אמאל ארונטער און דערגעה פון איהם אלעם וואס האט פאסירט! — האט אסתר אויסגערופען — זאג איהם אין מיין נאמען, אז ער מעג דיר אלעם דערצעהלען, פיעלייכט וועל איך איהם מיט עפעס קענען העלפען.

התך איז נאך אמאל ארונטערגעקומען צו מרדכי'ן און האט זיך צו איהם אפגערופען:

— די קעניגין איז שטארק ערשיטערט געווארען פון דעם... זי האט דיך דורכ'ן פענסטער באמערקט. דו ווייסט דאך אז עס איז אונמעגליך פאר איהר ארונטערצוגעהן אין מיטען גאס... דאריבער האט זי מיך געשיקט דיך בעטען דו זאלסט מיר אלעס דערצעהלען וואס עס האט פאסירט... דו קענסט מיר אנפערטרויען אלעס וואס דו ווייסט.

מרדכי האט זיך בעמיהט צו בערוהיגען און ער האט אויסגערופען:

— האסטו דען נישט געהערט וואס המן האט צו אונז אלעמען געטהאן?

— ניין, איך ווייס פון גארנישט! — האט התך איהם געענטפערט, — היינט גאנץ פריה בין איך אין דיין הויז געווען, און דיין פרוי האט מיר איבער־געגעבען די פסח'דיגע שפייז פאר דער קעניגין און זי האט מיר גארנישט געזאגט.

— אה, קציעה האט נאך דאן אליין נישט געוואוסט פון דעם גרויסען אומ־גליק וואס שוועבט איבער אונזער גאנצען פאלק! — האט מרדכי זיך ווידער פאנאנדערגעוויינט. — די שוידערליכע גזרה איז דא נישט לאנג פארעפענט־ליכט געווארען.

— אבער זאג דאך מיר וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא? — האט התך איהם ווייטער געפרעגט. — געוויס וועט מען געפינען א מיטעל. די קעניגין וועט דאך נישט דערלאזען אז עפעס שלעכטעס זאל פאסירען צו איהרע נאהענטע.

— איך האב מורא אז עס איז שוין פאר אונז קיין הילף נישטא! המן האט אונז אלעמען פאראומגליקט... די גזרה איז גע'חתמ'עט געווארען מיט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג!

התך איז מיט מרדכי'ן אפגעטראטען אן א זייט פון גאס, און מיט א שוואכע און ציטערנדע שטימע האט מרדכי איהם איבערגעגעבען אלעס וואס האט פאסירט.

ער האט איהם דערצעהלט ווי אזוי המן האט ארויסגעקראגען דעם קעניג'ס הסכמה אויסצוראטען אלע אידען, ווי אזוי עס האט המן'ען געלונגען צו מאכען א שרעקליכען בלבול אויף די אידען און איבערצייגען דעם קעניג אז אלע אידען זיינען דעם קעניג'ס גרעסטע שונאים... ער האט איהם אויך דערצעהלט וועגען צעהן טויזענד שטיקער זילבער וואס המן האט אנגעבאטען דעם קעניג אז ער זאל איהם ערלויבען אויסצושלאכטען אלע אידען... און וועגען אלע בריעף און פארמעטען וואס המן האט צושיקט דורך די שנעלע לויפער איבער'ן גאנצען לאנד.

— און אט איז איינער פון די בריעף וואס המן האט ארויסגעשיקט... ער איז אריינגעפאלען צו מיר אין די הענד... צייג דאס צו אסתר'ן און זאל זי אליין זעהן אין וואס פאר א סכנה מיר א גאנץ געפינען זיך... אפשר וועט זי קענען געפינען א מיטעל ווי אזוי אונז אלעמען צו ראטעווען!

התך האט באלד איבערגעגעבען אסתר'ן אלעס וואס מרדכי האט איהם דערצעהלט... און איהר געצייגט דעם בריעף וואס המן האט ארויסגעשיקט מיט אחשורוש'ס חתימה.

ווען אסתר האט עס דערהערט און דערזעהענדיג דעם בריעף איז זי פון גרויס שרעק אין חלשות געפאלען. א היבשע ווייל האט געדויערט איידער די קאמערמיידלעך און איהרע דינסטען האבען איהר דערמינטערט.

ווען זי איז צו זיך געקומען, האט זי ארויסגעשיקט די קאמערמיידלעך פון איהר צימער און זיך אנגערופען צו התך'ן:

— געה גיב איבער מרדכי'ן ווי שטארק ערשיטערט איך בין געווארען צו הערען דיזע טרויעריגע בשורה, און איך וויים נאך נישט ווי אזוי איך וועל קענען בעהילפיג זיין אין דער זאך... איך וועל דארפען זעהר פארזיכטיג זיין, ווייל אלע ווייסען דאך אז יעדער איינער, צי א מאן אדער א פרוי, וועלכער קומט צום קעניג נישט איינגעלאדענערהייט, קען בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט, אויב דער קעניג זאל צו יענעם פערזאן נישט אויסשטרעקען די גאלדענע רוט, און דו מעגסט עס אויך וויסען, אז עס איז שוין באלד דרייסיג טעג זינט דער קעניג האט מיך צו זיך נישט איינגעלאדען... ווער וויים אויב זיין ליעבע צו מיר איז שוין נישט אפגעקיהלט געווארען, און ווען איך זאל אזוי אריינקומען צום קעניג און ער זאל זיך אויף מיר נישט וועלען אומקוקען, דאן בין איך א פארלארענע... אבער נישט פאר מיין לעבען בין איך בעזארגט, איך האב מורא אז דורך דעם וועל איך נאך ערגער מאכען פאר אלעמען.

התך האט מרדכי'ן איבערגעגעבען אסתר'ס רייד.

— וואס מיינט אסתר, אז ווייל זי איז די קעניגין וועט זי זיך קענען ראטעווען פון דער גזרה?! — האט מרדכי אויסגערופען, — אפילו ווען עס זאל פאר איהר פארקומען די גרעסטע סכנה, דארף זי זעהן עפעס צו טהאן... ווייל אויב זי וועט שווייגען אין אזא צייט, ווען דאס גאנצע אידישע פאלק איז געדראהט פארניכטעט צו ווערען, וועט גאט אונז צושיקען זיין ישועה פון אן אנדער פלאץ און זי וועט דערפון נאכהער מעהר ליידען. און ווער וויים אויב דאס וואס זי איז געווארען די קעניגין האט עס גאט נישט געטהאן צוליעב דעם אז זי זאל ארויסהעלפען איהרע ברידער אין אזא שרעקליכער צייט?!

התך האט דערצעהלט אסתר'ן וואס מרדכי האט געזאגט, און אסתר האט זיך אנגערופען:

— ווי איך זעה, האט מיך מיין אנקעל מיספארשטאנען. זאג איהם אז ווען עס וועט טונקעל ווערען, זאל ער צוקומען עטוואס נעהנטער צום פאלאץ פון דעם הינטערשטען אריינגאנג, און זאג אן אויך די וועכטער פון פאלאץ, אז זיי זאלען איהם נישט שטערען, און איך וועל ארויסקומען און צו איהם ריידען... איך האף אז אין דער טונקעלהייט וועט מען מיך נישט באמערקען.

התך איז ווידער ארויסגעקומען צו מרדכי'ן און איבערגעגעבען וואס אסתר האט איהם אנגעזאגט.

מרדכי האָט פאַרשפּראָכען צו זיין אין אָבענד אויף דעם בעשטימטען פּלאַץ.
ווען עס האָט אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען, האָט די קעניגין פאַרדעקט איהר פּנים מיט א דיקען שלייער און איז אַרוים דורך די הינטערשטע טרעפּ. די קאַמערמיידלעך האָט זי געהייסען שטעהן פון ווייטען. זיי זאָלען אַכטונג געבען אַז זי זאָל נישט געשטערט ווערען. זי האָט שוין געטראָפען מרדכי'ן וואַרטענדיג.

— אַה, מיין ליעבער אָנקעל! — איז אסתר איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז.
— גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויף אונז אַלעמען אויסגעגאָסען.
— עס איז מיין אייגענע שולד, אסתר! — האָבען איהם די טרעהרען געשטיקט אין האַלז, — איך האָב געוואָלט וויסען אַז המן וועט זוכען זיך נוקם צו זיין נישט נאָר אַן מיר, נאָר אויך אין אַלע אידען. ער איז פּלוצלינג אַזוי דערהויבען געוואָרען ביי דעם קעניג.

— אָבער וואָס מיר איז אונמעגליך צו פאַרשטעהן! — האָט אסתר זיך אָפּגערופען מיט א טרויעריגער שטימע — ווי אַזוי המן האָט געקענט פועל'ן ביי דעם קעניג ער זאָל איהם געבען זיין הסכמה צו אַזא זאַך! ווייס דען נישט אחשורוש אַז דו, וועלכער האָסט איהם פון א זיכערען טויט געראַטעוועט, ביזט דאָך איינער פון די אידען . . .

— המן האָט שוין געוואוסט אין וואָס פאַר א צייט צו ריידען מיט דעם קעניג! — האָט מרדכי געזאָגט, — ער האָט עס זיכער דורכגעפיהרט ביי א גלעזעל וויין. אָבער ווי עס זאָל נישט האָבען געשעהן, די זאַך איז דאָך פאַרפאַלען, דו ווייסט דאָך אַז דעם קעניג'ס א באַפעהל וואָס איז גע'חתמ'עט מיט זיין זיגעל־רינג, קען ניט צוריקגערופען ווערען. און יעצט דאַרפען מיר זיך בעראַטהען וואָס צו טהאָן.

— דו ווייסט דאָך, אָנקעל, אַז איך וועל מיין לעבען אָפּגעבען צו ראַטעווען מיין פאָלק. דאָך אָבער קען איך ביי זיך ניט בעשליסען גלייך צו קומען צום קעניג און זאָגען ווער איך בין און בעטען רחמנות אויף מיין פאָלק... ווער ווייסט אויב דאָס זאָל איהם נאָך נישט מעהר אויפרייצען און אַנשטאַט אויף איהם צו ווירקען צום גוטען, זאָל גאָר אַרויסקומען א רעה און אַלע האָפנונגען זאָלען פאַרשווינדען. ווייל איך ווייס נישט פאַר וואָס אַזוי פיעל טעג זיינען פאַראיבער און איך האָב נאָך פון קעניג קיין איינלאַדונג נישט בעקומען... איז עס מעגליך אַז ער איז אויף מיר אין כעס? . . .

— פאַר וואָס זאָל ער זיין אויף דיר אין כעס? — האָט מרדכי איהר געענטפערט, — עס איז דאָך בעוואוסט, אַז דער קעניג האָט המן'ען דערהויבען צום העכסטען אַמט ווייל ער האָט נושא חן געווען ביי איהם צוליעב דעם וואָס דורך איהם האָט אחשורוש געקראָגען דיך פאַר זיין קעניגין... ניין, דער קעניג האָט דיך נאָך אַלץ אַזוי ליעב ווי פריהער און דאָס וואָס דו ביזט שוין דרייסיג טעג נישט איינגעלאַדען געוואָרען, איז עס בלויז א צופאַל.

— ווען איך זאָל וויסען אַז דעם קעניג'ס ליעבע צו מיר איז נאָך נישט אָפּגעקיהלט געוואָרען, וואָלט איך שוין געקענט א סך אויפטהאָן! — האָט אסתר געזאָגט.

— אויך דאָן וועט גענוג שווער זיין צו קענען דורכפיהרען אַז דער קעניג זאָל מבטל מאַכען די טרויעריגע גזרה! — האָט מרדכי געזאָגט.

— די ערשטע זאך וואס איך וועל דארפען טהאן, איז צו זעהן צו פאר־מיאוס'ען המן'ען אין אחשורוש'ס אויגען, — האט אסתר געזאגט. — און דאס וועל איך גאנץ גרינג קענען דורכפיהרען... דו געדענקסט דאך געוויס, אז המן פלעגט זוכען יעדע געלעגענהייט מיט מיר צו ריידען נאך אין דער צייט ווען ושתי איז געווען די קעניגין... וויפיעל מאל האסטו איהם פון הויז פאריאגט... יא, איך ווייס אז ווען איך זאל איהם נאר עטוואס ערמוטיגען, וועט ער געוויס דענקען אז איך האלט זעהר שטארק פון איהם... און איך וועל שוין זעהן אז אחשורוש זאל קריגען א פארדאכט אז המן זוכט מיך צו באלעסטיגען מיט זיינע ליעבעס־ערקלעהרונגען... דאן בין איך זיכער, אז אחשורוש וועט המן'ען פיינט קריגען, און די איבריגע וועט שוין גאר גרינג זיין.

דיין עצה געפעלט מיר! — האט מרדכי געזאגט, — צום ערשטען זאל זיך ענטוויקלען א שנאה צו המן'ען און נאכהער וועסטו גאנץ לייכט קענען איבערצייגען דעם קעניג אז המן דער רשע, וויל דורך א בלבול אומברייננגען אז אומשולדיגעס פאלק וואס איז געטריי דעם קעניג און דעם לאנד וואו זיי געפינען זיך.

— אזוי וועל איך טהאן! — האט אסתר געענטפערט. — דו געה און פארזאמעל אלע אידען פון שושן אין די שוהלען און זאלען זיי פאסטען דריי טעג און דריי נעכט, און זאלען אלע מתפלל זיין צו אונזער פאטער אין הימעל, און איך און מיינע קאמערמיידלעך וועלען אויך פאסטען, און נאכדעם וועל איך קומען צום קעניג נישט געבעטענערהייד און זאל זיין וואס וועט זיין, אויב איך בין פארלארען!... און דאן וועט אפשר דורך מיין טויט קומען די ישועה אויף די אידען!...

— געה און טהו ווי דו האסט געזאגט, מיין קינד, און אונזער גאט, דער גאט פון אונזערע עלטערען זאל מיט דיר זיין און באגליקען דיינע וועג, — האט מרדכי געזאגט, — איך וועל דערוויל געהן צונויפזאמלען אלע אידען. און מיר וועלען אויסגיסען אונזערע פארביטערטע הערצער פאר דעם בורא... מיר וועלען פאסטען און מתפלל זיין צו גאט, פיעלייכט וועט ער אונזערע תפלות פאר־נעהמען און אונז שיקען א רפואה צו דער שרעקליכער מכה.

מרדכי האט זיך דערוויטערט פון פאלאץ, און אסתר איז צוריקגעגאנגען צו זיך אין צימער און זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט.

צוועלפטער קאפיטעל

## המן ווארפט אן אויג אויף אסתר'ן

ווען מרדכי האט פארלאזען אסתר'ן, האט ער זיך געפיהלט עטוואס גרינגער. ער האט געוואוסט אז די סכנה איז נאך זעהר גרויס, און אויב עפעס זאל פאסי־רען מיט אסתר'ן וועט שוין דאן מעהר קיין האפנונג נישט זיין... יא, אסתר איז די איינציגע וועלכע וועט פיעלייכט קענען ראטעווען די אידען פון דער גרויזא־מער שחיטה.

מרדכי האט פארזאמעלט אלע אידען אין די שוהלען. און ער איז געגאנגען פון שוהל צו שוהל און זיי איבערגעגעבען אסתר'ס רייד.

— אסתר איז די איינציגע דורך וועמען גאט קען אונז שיקען א הילף, און

דאריבער לאָמיר פאַסטען דריי טעג און מתפלל זיין צו דעם באַשעפער פון דער וועלט כדי אסתר זאָל געפינען חן אין די אויגען פון אחשורוש און זי זאָל ביי איהם קענען פועל'ן צונישט צו מאַכען די גזרה וואָס המן האָט אַרויסגעגעבען אויף אונז אַלעמען.

א גרויס געוויין און יאָמער האָט אויסגעבראָכען צווישען אַלע אידען. מרדכי האָט אויך ביטערליך געוויינט.

"היינט איז אונזער גרויסער יום טוב פסח... יעדער איד פון שושן האָט שוין אַלעס צוגעגרייט צו פייערען אונזער שעהנעם יום טוב מיט גרויס פּראַכט און איצט ווילען מיר גאָר דיעזען יום טוב דאַרפען פערברייינגען אין פאַסטען און אין גרויס טרויער... זאָל אונז גאָט מוחל זיין..."

דער געוויין און יאָמער האָט זיך פאַרגרעסערט. אייניגע פרויען האָבען גע־חלש'ט. מען האָט זיי קוים אָפּגעמינטערט. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט א כליפּען און א קרעכצען.

מרדכי האָט אָנגעפאַנגען צו זאָגען א תפלה און אַלע אידען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

פּלוצלינג האָט זיך געעפענט די טיהר פון שוהל און די פּרסית, ירוחם'ס ווייב, איז אריין אינעווייניג.

א ווייל איז זי געבליבען שטעהן ווי פאַרווירט... זי האָט זיך גענומען אַרומ־קוקען פון אַלע זייטען. באַלד האָט זי באַמערקט איהר מאַן, ירוחם דעם שמיד, וועלכער איז אויך געשטאַנען מיט א געבראָכענע האַרץ און געוויינט. זי איז שנעל צו איהם צוגעלאָפען און אויף א הויכען קול אויסגערופען:

— וואו איז מיין טאַכטער, עדה!

ירוחם האָט איהר נישט געענטפערט, און האָט ווייטער מתפלל געווען.

אַלע אידען וועלכע זיינען געווען פערזאַמעלט אין שוהל, זיינען אויפגע־בראַכט געוואָרען אויף דער חוצפה פון דער פּרסית, וועלכע האָט געוואַגט אריינ־צוגעהן צווישען די מענער מיט אזא שטורעם און זיי שטערען אין מיטען פון זייערע תפלות... ווען דאָס וואָלט געטראָפען אין אַן אַנדער צייט וואָלט מען איהר גלייך פון דאָרטען אַרויסגעשליידערט, אָבער איצט ווען אַלעמענס הערצער זיינען געווען בעטריעבט און אַנגעווייטאָגט, האָט קיינער צו איהר קיין אויפ־מערקזאַמקייט נישט געשיינקט.

— וואו איז מיין טאָכטער?! — האָט זיך איהר שטימע נאָך העכער אָפּגעהילכט איבער דער שוהל.

די מתפללים זיינען אַנטשוויגען געוואָרען. אַלע האָבען יעצט אַנגעווענדעט זייערע אויגען צו דער ריכטונג וואו די פּרסית איז געשטאַנען.

— איך וועל פון דאַנען נישט אוועקגעהן ביז וואַנען דו וועסט מיר זאָגען וואו עדה איז! — האָט די פּרסית א שלעפּ געטהאַן ירוחם'ן פאַר זיין בגד.

— איך ווייס נישט! — האָט ירוחם געענטפערט, און באַפרייט זיין בגד פון דער פּרסית האַנד.

— דו ווייסט שוין גאָר גוט וואו זי איז! זי איז מיין טאָכטער, און דו האָסט מעהר קיין רעכט נישט צו איהר, נישט דו און נישט קיינער פון דיינע אידען... אָה, איהר שלעכטע מענשען... ווייסט איהר דען נישט אז אייערע טעג זיינען געצעהלטע!... איהר מיינט אודאי אז אייער גאָט וועט אייך העלפען!

ניין !... המן׳ס גזרה וועט שוין בלייבען... דעם דרייצעהנטען טאג אין אדר וועט איהר אלע אויסגעקוילעט ווערען... און איצט ווילט איהר אויך אריינציהען מיין טאכטער צו אייך !... איהר ווילט זי זאל אויך געטויטעט ווערען !... אבער ניין !... מיין טאכטער איז נישט קיין אידישע... זי איז א פרסית ווי איך... איהר פאטער האט גאר קיין דעה נישט איבער איהר... ער איז שוין אזוי גוט ווי טויט... אויב איהר וועט מיר נישט ארויסגעבען מיין טאכטער וועל איך באלד צונויפרופען אלע זיהן פון המן און זיי וועלען אריינפאלען דא ביי אייך אין שוהל און אנמאבען דא א חורבן...

די אידען זיינען נאך אלץ געבליבען שטעהן ווי געפלעפטע... זיי האבען נאך צו זיך נישט געקענט קומען פון דער חוצפה פון דער פרסית.

באלד איז פון צווישען עולם ארויסגעקומען שמעון, גדליה׳ס זוהן, ער האט זיך דערנעהנטערט צו דער פרסית.

— וואס איז דיין פארלאנג ? — האט ער זיך צו איהר געווענדעט.

— איך בין געקומען געפינען מיין טאכטער עדה׳ן, — האט די פרסית אויסגערופען אין דער הויף — עדה בעלאנגט נישט דא צווישען אייך... איהר זייט אלע פארורטהיילט ווי טויטע און מיין עדה וועט לעבען !...

— עדה איז מיין כלה און אין אייניגע טעג ארום וועט זי ווערען מיין פרוי ! — האט שמעון איהר טרוקען געענטפערט.

— דיין פרוי !! — האט זיך די פרסית מיט נאך א גרעסערער חוצפה פאנאנדערגעלאכט, — ווי לאנג דענקסטו האסטו נאך צו לעבען ? !... מעהר ווי עלף מאנאטען איז פאר קיינעם פון אייך נישט פארבליבען, און דו, אויב דו וועסט זיך ווידער אנפאנגען מיט המן׳ס א זוהן וועסטו אפילו נישט איבערלעבען דיזען מאנאט.

— עדה וועט זיך שוין מעהר צו דיר נישט צוריקקעהרען ! — האט שמעון געזאגט, — און אפילו ווען אלע צעהן זיהן פון המן זאלען קומען, וועלען זיי איהר נישט קענען ארויסקריגען.

— זי געפינט זיך דא און איך וועל איהר פון דאנען אוועקנעהמען ! — האט זי זיך צושריען מיט א קוויטשענדיגער שטימע, — מיין טאכטער וועט מיט דיר נישט הייראטהען ! ניין, איך וועל שוין מעהר נישט דערלאזען אז מיין מאן זאל מיר זאגען א דעה. איך וועל שוין לאנג פון איהם נישט ליידען ! פון יעצט אן בין איך די הערשערין אין מיין הויז און ווען איך זאג אז עדה וועט הייראטען מיט דלפון׳ען, המן׳ס צווייטען זוהן, וועט זי טהאן ווי איך באפעהל.

ירוחם וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען א דערשלאגענער, א פארקלעמטער, האט דערהערענדיג זיין פרוי׳ס לעצטע ווערטער און איהרע קולות, פלוצלונג ווי פון שלאף ערוואכט. דאס בלוט האט איהם א זעץ געטהאן אין פנים, פון זיינע אויגען האבען פונקען פייער געשפריצט, די מוסקולען פון זיין קערפער האבען זיך פון גרוים אויפרעגונג באוועגט. ער האט מיט לאנגזאמע טריט זיך דערנעהנטערט צו דעם פלאץ וואו זיין פרוי איז געשטאנען און געזאגט מיט פארביטערונג :

— דו ביזט יעצט די הערשערין אין מיין הויז ! דו אומווירדיגע פרוי ! ווי אזוי וואגסטו צו פארשוועכען דיזען הייליגען פלאץ. שנעל פארלאז דעם פלאץ.

— און דו מיינסט אז איך האב זיך פאר דיר דערשראקען, — האט זיך

די פרסית א קרים געטהאן, — דו ווייסט דאך, אז ווען איך זאג נאר איין ווארט צו המן'ס זיהן, וועלען זיי דיך מאכען ווי די שטויב צוגלייך... איך וועל זיי באלד געהן רופען... אבער איך וועל פון דאנען נישט אפטרעטען ביז וואנען איך וועל קריגען מיין טאכטער.

— זי איז נישט מעהר דיין טאכטער! — האט ירוחם א געשריי געטהאן מיט כעס, — דו ביזט נישט ווערטה צו האבען אזא טאכטער ווי עדה! זי איז א אידישע טאכטער און איך בין גליקליך וואס זי האט אויסערוועהלט א אידישען מאן! מיר דאנקען און לויבען גאט וואס מיר זיינען נישט קיין פערסיער, וועל־כע דורשטען נאך מענשליכע בלוט ווי די ווילדע חיות! און אויב איך האב נעזינדיגט געגען גאט און חתונה געהאט מיט א פרסית וועלכע איז אזא ארורה, בין איך שוין לאנג פאר מיינע זינד אפגעקומען! און פון יעצט אן און ווייטער וויל איך דיך נישט קענען! געה צו המן'ס זיהן זיי וועלען זיך מיט דיר טיילען אונזער האב און גוטס אין עלף מאנאטען ארום!... אבער אין מיין הויז זאלסטו מעהר ניט וואגען אריינצוקומען! ווארים ווי נאר דו וועסט אריבערטרעטען מיין שוועל וועל איך דיר אזוי צושלאגען אז מען וועט דיר דארפען פון דארטען ארויספיהרען.

— כא, כא, כא! — האט זיך די פרסית פאנאנדערגעליכט מיט א חוצפה'דיגען געלעכטער, — ווער ביזטו דו זאלסט צו מיר אזעלכע ווערטער ריידען... דו ביזט דאך א טויטער הונט... וואס האסטו געמיינט, אז איך וועל מיט דיר וואוינען אין איין הויז און ווארטען ביז מיינע ברידער, די פרסים וועלען אנפאנגען אויסקוילען אלע אידען, און על פי טעות מיר אויך פאררעכענען פאר איינע פון אייך!... אה, ניין!... איך בין נישט אזא נאר!... איך פארלאנג בלויז מיין טאכטער און איך וועל זיך מיט איהר אויפהאלטען צווישען די פער־סיער ביז וואנען מיר וועלען פטור ווערען פון דיר און פון אלע אידען, ערשט דאן וועל איך זיך צוריקקעהרען צו מיין הויז.

— כל זמן איך לעב נאך וועסטו עדה'ן נישט קריגען... איך וועל זעהן אז מארגען נאך וועט זי הייראטען מיט שמעון'ען.

— און איך וועל דיר צייגען אז מארגען וועט עדה הייראטען מיט דלפון'ען, — האט די פרסית ווידער אויפגעהויבען איהר שטימע, — און פון דאנען וועל איך נישט אפטרעטען ביז וואנען עדה וועט צוריקגעקעהרט ווערען צו מיר.

— דו בעסער פארלאז דיזען מקום קדוש און שטער נישט די אידען פון זייערע תפלות צו גאט.

— א סך וועט אייך אייער גאט העלפען! אומזיסט זיינען אייערע טרעה־רען. קיינער וועט אייך שוין נישט העלפען... א גזרה וואס איז גע'חתם'עט מיט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג וועט מוזען דורכגעפיהרט ווערען און אפילו אייער גאט, ווי שטארק ער זאל נישט זיין, וועט אייך נישט קענען העלפען.

— זי איז געקומען לעסטערען אונזער גאט! — האט מרדכי זיך שוין מעהר נישט געקענט באהערשען, — לאמיר איהר פון דאנען ארויסטרייבען.

די אידען זיינען געשטאנען בלאסע, צושראקענע, און קיינער האט זיך נישט געריהרט פון ארט... עפעס האט מען מורא געהאט פאר איהר.

ווען די פרסית האט באמערקט די מורא אויף די פנים'ער פון די מתפללים, האט זי נאך געקראגען מעהר חוצפה און זי האט אויסגערופען:

— איהר שוואכלינגע און פייגלינגע! אויב איך וועל באלד נישט קריגן מיין טאכטער וועל איך זעהן אז מען זאל אנפאנגען די שחיטה אויף אייך נאך היינט! המן וועט זיין צופרידען פטור צו ווערען פון זיינע שונאים וואס פריהער.

ירוחם'ס געדולד האט שוין געפלאצט. ער איז צוגעגאנגען צו דער פרסית, איהר א נעהם געטהאן מיט זיינע גרויסע געזונטע הענט און איהר א שלעפ געטהאן צום טיהר...

די פרסית האט זיך געוועהרט, זי האט געשריען, זיך געצאפעלט און געשאלטען.

ירוחם אבער האט איהר ארויסגעשליידערט פון שוהל. און ווען זי האט געמאכט א צווייטען פארזוך אהין אריינצוגעהן, איז ירוחם, מיט געדריקטע פויסטען, איהר אנטקעגען געקומען.

די פרסית האט זיך שטארק דערשראקען פאר ירוחם'ס צארן. זי האט זיך אומגעקעהרט און גענומען לויפען, קוקענדיג יעדע ווייל'ע אויף הינטען אויב איהר מאן לויפט איהר נישט נאך. פון איהר מויל האבען זיך געשאטען קללות אויף איהר מאן און אויף אלע אידען פון שושן.

יענע נאכט האט אסתר ניט געקענט שלאפען. מרדכי'ס טרויעריגער פנים און זיינע צושראקענע אויגען מיט די יאוש'דיגע בליקען, זיינען פון איהרע געדאנקען נישט ארויס! א, וואס פאר א שנעלע ענדערונג עס איז אין איהר בעליעבטען אנקעל פארגעקומען... זי האט גענומען טראכטען פון דער גזרה וואס אחשורוש האט ארויסגעגעבען און א ציטער איז דורך איהר קערפער... ווי אזוי איז עס גאר מעגליך פאר דעם קעניג ארויסצוגעבען אזא שרעקליכע גזרה געגען א גאנץ פאלק... און וואס וועט זיין אז איהר וועט נישט געלינגען צו פועל'ן ביים קעניג, ער זאל עפעס טאהן מבטל צו זיין די גזרה... אבער וואס קען ער יעצט טהאן? דער געזעץ וועט דאך נישט דערלאזען צוריקצוציהען די דאזיגע גזרה, וואו דעם קעניג'ס חתימה איז געלעגט געווארען... ווי אזוי דען וועלען איהרע ברידער קענען געהאלפען ווערן?...

שווער איז אסתר'ן געווען צו בעגרייפען, ווי אזוי דער קעניג זאל זיך לאזען איבעררעדען פון המן'ען און געבען זיין הסכמה צו אזא גרויזאמע גזרה... דוכט זיך איהר, אז ער בעזיצט א גוטע און ווייכע הארץ... ניט אנדערש אז המן האט איהם געטראפען אין א צייט ווען ער איז עטוואס פון וויין בערוישט געווארען. יא, די ערשטע זאך וואס זי וועט דארפען טהאן איז צו פאר'מיאוס'ן המן'ען אין אחשורוש'עס אויגען... און ערשט דאן וועט זי איהם קענען איבער־ציייגען, ווי פאלש המן איז און אז ער האט געמאכט א בלבול אויף די אידען...

באלד האט אסתר גענומען טראכטען, וואס וועט שוין זיין אז אחשורוש וועט זיך איבערצייגען אז המן איז פאלש געווען... וואס פאר א ישועה קען קומען צו די אידען, ווען דער קעניג אליין וועט אפילו נישט האבען די מעגליכ־קייט צוריקצוציהען זיין גזרה... דיזער געדאנק האט איהר נאך מעהר בע־אומרוהיגט... געדוכט האט זיך איהר, אז עס איז ניטא קיין אויסוועג... דאס אידישע פאלק פון אחשורוש'עס מדינות איז פערלוירען.

פלוצלונג איז אסתר'ן אריינגעפאלען א געדאנק: אויב עס וועט אונמעג־ליך זיין פאר דעם קעניג מבטל צו מאכען זיין גזרה, וועט ער דאך קענען, ווען ער זאל נאר וועלען, ארויסגעבען א צווייטע גזרה, אז די אידען האבען א רעכט

זיך צו פארטיידיגען און אז מען זאל זיי ארויסגעבען אזוי פיעל געוועהר וויפיעל זיי וועלען נאר פערלאנגען... און דאן וועט שוין דער חשק אויסצושלאכטען די אידען ביי פיעלע פערסיער ממילא אפגעשוואכט ווערען... ווייל ווען זיי וועלען אויסגעפינען, אז די אידען האבען ערלויבנים זיך צו פארטיידיגען, וועלען פיעלע פרסים מורא האבען זיך אנצופאנגען מיט זיי.

דיעזער גליקליכער געדאנק האט אסתר'ן ערמונטערט און ערמוטיגט... יעצט דארף זי בלויז זעהן, אז המן זאל פערלירען זיין חן אין די אויגען פון דעם קעניג, און דאס איבריגע וועט איהר שוין זיין ניט שווער דורכצופיהרען... זי וועט מוזען זיך זעהן מיט המן'ען — האט זי בעשלאסען, און זיך קוים דער־ווארט אויפ'ן פריהמארגען.

ווען אסתר איז אויפגעשטאנען און איהרע קאמערמיידלאך האבען איהר געהאלפען אנטאהן, האבען די דיענסטען איהר געבראכט דעם פריהשטיק.

— היינט וועל איך נישט עסען ביז ביינאכט! — האט די קעניגין זיי געזאגט — איך וועל היינט פאסטען. יא, דריי טעג וועל איך פאסטען... איך האב זעהר פיעל צו בעטען ביי גאט... וועט איהר אויך אלע מיטפאסטען מיט מיר?

די קאמערמיידלאך און דיענסטען האבען זיך פארנייגט און געענטפערט:

— געוויס וועלען מיר אלע מיטפאסטען, און זאל דער גאט פון אונזער קעניגין ערפילען אלע איהרע פערלאנגען.

— איז חרבונה שוין היינט געוועזן? — האט אסתר זיי געפרעגט.

— ניין, ער איז נאך נישט געוועזן! — האט די הויפט פון די דיענסטען געענטפערט, — ער קומט קיינמאל נישט אזוי פריה.

— ווען חרבונה וועט אנקומען אין פאלאץ און זיך נאכפרעגען אויף מיין געזונט, זאלט איהר איהם איבערגעבען אין מיין נאמען, אז איך וויל איהם זעהן, און ער זאל צוואווארטען, און יעצט קענט איהר געהן!

אסתר האט געוואלט בלייבען אליין. זי האט געטראכט וועגען פארשידענע פלענער, ווי אזוי זי וועט קענען ארייננארען המן'ען אז ער זאל האנדלען אזוי, אז דעם קעניג'ס פריינדשאפט צו איהם זאל פערוואנדעלט ווערען אין פיינד־שאפט. זי האט ביי זיך באשלאסען, אז חרבונה וועט איהר אין דעם קענען א סך ארויסהעלפען. זי וויים, אז חרבונה איז נאך אלץ פערבליבען דער־זעלבער פריינד צו מרדכי'ן... און ער איז זיכער המן'ען קיין גוטער פריינד ניט... יא, פאר איהם קען זי אלעס דערצעהלען... עס וועט בלייבען א בערזינעלטער סוד אין זיין הארצען.

חרבונה איז נאך אלץ געוועזן איינער פון די זיבען שרים, וועלכע פלעגען דארפען איינלאדען די מלכה ווען דער קעניג האט געוואלט, דאס זי זאל איהם באזוכען. המן'ס פלאץ האט אחשורוש איבערגעגעבען צו ממוכן'ען, און ווייל אזא אמט איז געוועזן א סך נידעריגער ווי צו זיין דעם קעניג'ס מי־ניסטער, איז ממוכן געוועזן שטארק אין כעס אויף המן'ען וואס צוליעב איהם האט אחשורוש פריהער איהם געוואלט איינגאנצען דערווייטערען פון פאלאץ און נאכהער איהם געגעבען דיעזען אמט.

חרבונה האט אויך קיין גרויס ליעבשאפט נישט געהאט צו המן'ען. ער

האט נישט געקענט פארליידען זיין גאוה און ער האט נישט געקענט פערשטען וואס ער האט אזוי נושא חן געווען ביי דעם קעניג.

כאטש עס פלעגען פיעלע טעג אוועקגעהן און אחשורוש האט נישט גע־שיקט די זיבען שרים איינצולאדען די קעניגין, איז אבער געווען חרבונה'ס פליכט צו ברענגען א געדוס יעדען טאג פון אסתר'ן צום קעניג, און אויב זי האט עפעס פערלאנגט פלעגט זי זאגען חרבונה'ן און ער פלעגט עס איבערגעבען דעם קעניג.

ווען חרבונה איז אנגעקומען אויך יענעם פריהמארגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, האבען איהם די קאמערמיידלאך געזאגט, אז די קעניגין וויל איהם זעהן. אין דערזעלבער צייט האט מען אנגעזאגט אסתר'ן, אז חרבונה ווארט אין פאדערצימער. אסתר האט איהם געהייסען אריינקומען.

באלד איז חרבונה אריינגעקומען און זיך פארנייגט פאר דער קעניגין.

— זעץ זיך, חרבונה! — האט אסתר איהם אנגעוויזען אויף א שטוהל וואס איז געשטאנען נעבען איהר — איך האב מיט דיר צו רעדען וועגען א וויכטיגען ענין...

חרבונה האט זיך געזעצט און די קאמער־מיידלעך האבען פארלאזען דעם צימער.

— האסטו געהערט וועגען דער שרעקליכען גזרה וואס איז ארויסגעגעבען געווארען ביי דעם קעניג אויף אלע אידען פון זיין לאנד?

— יא, מיין הארינטע! — האט חרבונה געזאגט מיט אן אומעטיגער שטימע — איך ווייס פון אלעס... עס איז זעהר שלעכט ווען אזא מאן ווי המן האט פלוצלונג אריינגעקראגען אזוי פיעל מאכט... זיין שנאה צו די אידען איז אלע מאל געווען זעהר גרויס... און יעצט נוצט ער אויס זיין מאכט און זיין גרויסען איינפלוס וואס ער האט אויף דעם קעניג, צו נעהמען נקמה פון מרדכי'ן און פון אלע אידען.

— האסטו געזעהן מרדכי'ן זינט דאן? — האט אסתר איהם געפרעגט.

— יא, איך האב איהם געזעהן. מיין הארץ האט געבלוטיגט צוצוזעהן זיינע אנגסטען און ליידען... איך האב איהם געוואלט טרייסטען, אבער איך האב נישט געוואלט אז המן זאל זיך דערוויסען, דאס איך בין נאך אלץ זיין פריינד, ווייל אויב איך וועל פילייכט האבען א מעגליכקייט איהם צו העלפען, וועט זיין בעסער אז המן זאל מיר יעצט נישט זעהן מיט איהם.

— וועגען דעם וויל איך טאקע מיט דיר ריידען, חרבונה! — האט אסתר צו איהם געזאגט — צו המן'ס רשעות איז דאך קיין גרענעץ נישטא... וויפיעל צער ער האט פאראורזאכט די אידען מיט עטליכע יאהר צוריק, ווען ער האט אריינגענארט זייערע טעכטער אין ושתי'ס פאלאץ... און יעצט האט ער ארויס־געגעבען אזא גזרה... ער האט אפילו קיין רחמנות נישט געהאט אויף די אומשולדיגע קינדער, אויף די שוואכע פרויען און אלטע לייט. ער האט פער־דיענט צו בעקומען די ערגסטע שטראף, און איך האף אז מרדכי וועט זוכה זיין צו זעהן נקמה אן דיעזען פארדארבענעם מענשען. איך האף אז דיר וועט נישט זיין צו שווער פאר מיר עפעס צו טאהן.

— איך בין גרייט צו דיענען די קעניגין! — האט חרבונה געזאגט.

— דו געדענקסט דאך געוויס, חרבונה, ווי המן פלעגט זוכען אלערליי

אויסריידען צו קומען צו מיין פעטער'ס הויז, כדי זיך מיט מיר צו זעהן און צו רעדען...

— געוויס געדענק איך! — האט חרבונה געזאגט — און יעצט מעג איך דער קעניגין ענטדעקען נאך א זאך...

— וואס איז דאס? — איז אסתר נייגעריג געווארען.

— אין דער צייט ווען ער האט אריינגענארט די אידישע מיידלאך צו ושתי'ן האט ער, אין א שכור'ן צושטאנד, זיך בעריהמט פאר מיר און פאר די איבעריגע שרים, אז ושתי האט איהם פארשפראכען צו בעלוינען פאר זיין ארבייט און ווען איהם וועט געלינגען אויך אריינצונארען אסתר'ן וועט ער מיט איהר קענען טאהן וואס ער וועט וועלען... און ער איז דאן זעהר גליקליך געוועזען און גערעדט גאנץ אפען, אז ער וועט מיין הארינטע צונעהמען פאר זיך.

— איך דאנק דיר זעהר, חרבונה, — האט אסתר זיך אפגערופען, — דאס וואס דו האסט מיר נאר וואס דערצעהלט וועט א סך מיר ארויסהעלפען צו מיין פלאן... איך וועל איינלאדען המן'ען צו זיך, אזוי ווי ושתי האט עס געטאהן, און דו קענסט מיר אין דעם באהילפיג זיין.

— איך וועל זיך שעצען גליקליך אויב איך וועל מיט עפעס קענען דיענען די קעניגין! — האט חרבונה געזאגט.

— דו וועסט דארפען זאגען המן'ען, אז איך האלט זעהר פיעל פון איהם, און נישט איינמאל דערמאהן איך זיין נאמען צום גוטען. או דעם צווייטען מאל ווען דו וועסט מיט איהם רעדען זאלסטו איהם זאגען, אז איך לאד איהם איין צו זיך...

— דאס וועט איהם נאך שטאלצער מאכען! — האט חרבונה געזאגט מיט א שמייכעל.

— איך גלויב, אז דו וועסט שוין וויסען ווי אזוי צו רעדען צו איהם, עס זאל איהם מאכען צו גלויבען, אז איך בין שטארק פאראינטערעסירט אין איהם —— האט אסתר געזאגט — און אויב דו וועסט נאך איהם היינט זעהן, מעגסטו איהם זאגען, אז ער זאל מיר אפשטאטען א בעזוך אפילו היינט.

חרבונה האט פערשפראכען אסתר'ן צו טאהן איהר וואונש, און ער איז גלייך צוגעגאנגען צום פאלאץ פון אחשורוש אפצוגעבען א בעריכט דעם קעניג וועגען אסתר'ס וואוילשטאנד.

---

פערלאזענדיג דעם קעניג'ס פאלאץ, האט חרבונה בעמערקט המן'ען. ער האט זיך גלייך פארנייגט פאר איהם עטליכע מאל, אז עס זאל המן'ען גוט צופרידענשטעלען.

— מיין הער, המן — האט חרבונה זיך צו איהם אפגערופען. — איז עס מעגליך פאר דיין קנעכט צו רעדען א פאר ווערטער.

המן איז ארונטער פון זיין פערד און האט געזאגט:

— אויב דו האסט מיר וויכטיגעס צו זאגען, מעגסטו עס גלייך טאהן!

— איך קום נאר וואס פון דער קעניגין! — האט חרבונה געזאגט.

— פון דער קעניגין! — האט המן אויסגערופען — האט זי מיט דיר גערעדט וועגען מיר?

— איך מוז זיך מודה זיין, אז עס איז שוין לאנג ווי איך זוך א געלע־

גענהייט צו רעדען מיט מיין האר וועגען דעם, אָבער מיר איז ניט אויסגעקומען... יעדעס מאָל וואָס איך קום צו דער קעניגין איז איהר ערשטע פראגע: "וואָס מאכט דער קעניג און המן?" זי האָט נאָך קיין מאָל נישט פארפעהלט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון המן...

א גליקליכע פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער המן'ס פנים, ווען ער האָט דערהערט חרבונה'ס רייד... די קעניגין אסתר טראכט אויך פון איהם... אין איהם האָבען זיך גענומען אויפוואכען די אמאָליגע געפיהלען וואָס ער האָט געהאט צו אסתר'ן איידער זי איז געוואָרען קעניגין. ער האָט זיך דערמאָנט ווי גליקליך ער איז געווען ווען איהם פלעגט געלינגען אויסצורעדען עטליכע ווערטער מיט דער שעהנער אסתר... אָבער דער פארפלוכטער מרדכי פלעגט איהם שטענדיג שטעהן אין וועג... יעצט אָבער, זינט זי איז קעניגין געוואָרען, האָט ער נאָך קיין מאָל קיין געלעגענהייט נישט געהאט צו רעדען מיט אסתר'ן אליין... איהם האָט זיך די גאנצע צייט געדוכט, אז די קעניגין קען איהם נישט דולדען און ער האָט דעריבער געזוכט אויסצומיידען זיך מיט איהר צו בעגעגענען... יעצט איז ער טאקע געווען איבעראשט צו הערען פון חרבונה'ן, אז די קעניגין האָט איהם גוט אין זינען.

— האָט זי אויך היינט גערעדט וועגען מיר? — האָט המן איהם געפרעגט.

— יא, מיין האר. זי האָט מיר געזאָגט אז זי גלויבט, אז המן איז דער קלינגסטער מאַן אין לאנד, און זי וואָלט פיעלע מאָל זיך געוואָלט מיט איהם בעראטען, אָבער ער וויכט פון איהר פאלאץ... און זי האָט מיר געבעטען אויב איך וועל מיין האר זעהן זאָל איך איהם איינלאדען, אין איהר נאָמען, אויף א בעזוך...

— די קעניגין האָט מיך איינגעלאדען! — האָט המן אויסגערופען מיט בעגייסטערונג און מיט שטראהלענדיגע אויגען — ווען דענקסטע וואָלט געווען בעסער פאר מיר איהר צו זעהן?

— אפילו היינט! — האָט חרבונה געענטפערט.

— היינט?!

— יא, זי האָט מיך געזאָגט, אז אויב איך וועל דיך זעהן זאָל איך דיך הייסען איהר בעזוכען, און אויב מעגליך נאָך היינט.

— אָ, איך וועל זיין העכסט גליקליך איהר צו בעזוכען! — האָט המן אויסגערופען מיט פרייד — איך וועל נאָך היינט זיין ביי איהר. אָבער זאָג מיר, חרבונה, גלויבסטו נישט אז איך זאָל דעם קעניג וועגען דעם זאָגען. איך בין זיכער אז אויך ער וועט זיין צופרידען אויסציגעפינען, אז די קעניגין ווייס ווי מיר אָפצושאַצען.

— מיר דוכט זיך אז די קעניגין וויל, דאָס דיינע בעזוכען זאָלען זיין בסוד! — האָט חרבונה צו איהם א שמייכעל געטאָהן.

זעהר אומגעדולדיג איז המן יענעם טאָג געווען אין אחשורוש'עס פאלאץ... איהם האָט געצויגען צו דעם פאלאץ פון דער קעניגין. ער האָט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דער שעהנער קעניגין... איהם וואָלט גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאלען אז אסתר האלט אזוי פיעל פון איהם... זי וויל איהם זעהן... און דער קעניג זאָל דערפון נישט וויסען... א לייכטער ציטער איז דורך זיין קערפּער... ער האָט געהאט פארגעניגען בלויז פון דעם געדאנק:

די קעניגין האט איהם ליעב! ווען דאס וואלט אזוי געווען, ווער וואלט זיך דאס צו איהם געקענט גלייכען? דער קעניג האט איהם דערהויבען צו דעם העכסטען אמט... די קעניגין האט איהם ליעב... פון אלע זיינע שונאים וועט ער אין גיכען פטור ווערען... האט ער דען נישט דערגרייכט דעם העכסטען גליק אין זיין לעבען... יעצט פעהלט איהם בלויז איין זאך — די קרוין...
עס איז דאך ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט, אז ער, המן, וואלט זיך בעסער געפאסט צו זיין א קעניג איבער אזוי פיעל מדינות, איידער אחשורוש, וועלכער האט נישט געגוג שכל צו רעגירען אזא אונגעהויער גרויסע מלוכה... זאל ער נאר אויסגעפינען אז די קעניגין האט איהם ליעב, וועט שוין לאנג נישט געחמען און ער וועט פטור ווערען פון אחשורוש'ען צוזאמען מיט זיין אייגענער ווייב, זרש. יא, ער וועט איהר ווייזען וואס ער קען אויפטהאן!... דאן וועט שוין מעהר קיין מרדכי נישט זיין, וועלכער זאל קענען מסר'ן דעם קעניג...

ווי נאר המן איז פארטיג געווארען מיט זיין ארבייט אין פאלאץ פון אחשורוש, איז ער גלייך אוועק צו אסתר'ס פאלאץ.

ווען ער איז דארטען צוגעקומען, האט ער די קאמער־מיידלעך געהייסען מעלדען דער קעניגין, אז המן איז דא.

אסתר האט איהם גלייך געהייסען אריינקומען.

מיט א קלאפענדיג הארץ פון פרייד איז המן אריינגעקומען צו אסתר'ן און זיך פאר איהר פארנייגט...

אסתר האט איהם אויסגעשטרעקט איהר האנט און המן האט איהר ווייסע צארטע האנט צוגעטראגען צו איהרע ליפען...

א סקרוך איז דורכגעלאפען אסתר'ס קערפער ווען המן האט אנגערירט איהר האנט, אבער זי האט זיך באהערשט און געזעהן אז ער זאל אויף איהר גארנישט באמערקען.

— איך האב שוין פון לאנג געזוכט א געלעגענהייט דיך צו באדאנקען — האט אסתר צו איהם זיך צוגערופען מיט א שמייכעל — אבער ווי עס ווייזט אויס, האסטו מיך די גאנצע צייט געזוכט אויסצומיידען.

— אה, ווירדיגע קעניגין! איך בין נישט ווערט די שטויב וואס איז אונטער דיינע פיס... איך האב געמיינט, אז די קעניגין האט מיך גאר אין זינען נישט.

—ווי אזוי האסטו גאר געקענט דענקען אזוי? — האט אסתר ווידער געשמייכעלט — דו ווייסט דאך, אז בלויז דיר האב איך צו פארדאנקען פאר אלעס... ווען נישט דו וואלט איך דען יעצט געטראגען די קרוין?

— איך דערמאן זיך נאך יעצט וואס פאר א שווערינקייטען איך האב געהאט צו מאכען דיך ארויסצוקומען אויף א שפאציר צוזאמען מיט די איבעריגע מיידלעך פון שטאדט. די ווירדיגע קעניגין האט זעהר קיין חשק נישט געהאט דאן ארויסצוקומען... זי איז נאך גאנץ יונג געווען און צו בעשיידען... אבער איך האב נישט אויפגעגעבען ביז וואנען איך האב אויסגעפיהרט.

— איך האב קיין מאל נישט געגלויבט, אז איך האב די מינדסטע גע־לעגענהייט צו ווערען די קעניגין פון אחשורוש'ן. זיינען דען נישט געווען שעהנערע פון מיר איבער'ן גאנצען לאנד?!

— א, ניין, גנעדיגע קעניגין! המן איז א מבין אויף שעהנקייט! שוין

דעם ערשטען מאָל וואָס איך האָב דיר דערזעהן האָב איך בעשלאָסען, אז דיר פּאַסט צו טראַגען די קרוין. און אפילו ווען ושתי האָט געלעבט, האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דיר אלס מעגליכע קעניגין פון אחשורוש׳ן.

— עס איז געווען זעהר גנעדיג פון דיר, המן, צו האָבען אזא געהויבענע מיינונג פון מיר! — האָט אסתר געזאָגט — איך ווייס אז עס איז געווען א צייט וואָס איך האָב אזוי נישט אָפּגעשאַצט דיין גנאָדע... אָבער דו מעגסט מיך גלויבען, המן, אז עס איז נישט געווען מיין שולד... איך בין נאָך דאַן גאַנץ יונג געווען... און דערצו ווייסטו דאָך אין וואָס פאַר א הויז איך בין דערצויגען געוואָרען...

— איך ווייס! איך האָב זיך פון שטענדיג אָן געוואונדערט ווי דו קומסט צו...

— מיר אליין איז אויך געווען גאַנץ שווער דאָס צו פערשטעהן — האָט אסתר געזאָגט — און דעריבער בין איך טאַקע נאָך מעהר דאַנקבאַר צו דיר, וואָס דו האָסט מיך פון יענעם הויז אוועקגענומען... איך בין זיך מודה, אז די ערשטע צייט האָב איך נאָך געפיהלט עפּעס א צוגעבונדענקייט צו זיי, אָבער וואָס ווייטער בין איך אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון זיי, אז מיך אַרט נישט, אויב איך וועל קיינעם פון זיי מעהר נישט זעהן...

אסתר׳ס לעצטע ווערטער האָבען המן׳ען נאָך מעהר דערפרעהט. יעצט איז ער זיכער, אז אסתר וועט זיך נישט נעהמען צום הארצען דאָס וואָס ער און דער קעניג האָבען ארויסגעגעבען די גזרה צו פערניכטען אלע אידען... פון איהרע רייד פאַרשטעהט ער. אז זי וועט נאָך זיין העכסט צופרידען, ווען קיינער וועט ניט איבערבלייבען איהר צו דערמאָהנען פון איהרע אמאָליגע יאָהרען, אין דעם הויז פון דעם פאַרפלוכטען מרדכי׳ן.

— איך גלויב, אז די קעניגין האָט געוויס געהערט פון דעם קעניג׳ס נייע גזרה! — האָט המן זיך אָפּגערופען נאָך א קליינער פּויזע.

— וועגען וואָס פאַר א גזרה? — האָט זיך אסתר נישט וויסענדיג געמאַכט.

— אָט וועגען דער נייער גזרה צו פאַרניכטען אלע אידען פון זיין לאַנד, ווייל, ווי ער האָט אויסגעפונען, זיינען זיי אלע שלעכטע און אומגעטרייע בירגער.

— איך גלויב אז דער קעניג ווייס וואָס ער טהוט! — האָט אסתר אויסגערופען און זיך קוים בעהערשט זי זאָל נישט אויסברעכען אין א געוויין — איך אליין האָב צווישען זיי מיין גאַנצען יוגענד פאַרבראַכט און דאָך איז ביי מיר אין הארצען קיין ברעקעל מיטלייד פאַר זיי נישטאָ...

— יעצט איז ביי מיר קיין ספק נישט, אז די קעניגין האָט קיינמאָל קיין פערבינדונג נישט געהאַט מיט די אידען... איך צווייפעל נישט אז אָט דער איד מרדכי האָט דיך, ווען דו ביזט נאָך גאָר יונג געווען, אוועקגערויבט פון דיין פאָטער׳ס משפּחה, וואָס איז געוויס געווען פון דער קעניגליכער משפּחה פון בבל.

— און איך בין אויך זיכער אין דעם! — האָט אסתר געזאָגט — און ווען איך טראַכט נאָך פון דעם, ווערט מיין דאַנקבאַרקייט צו דיר פערדאָפּעלט: דו האָסט מיך באַפרייט פון יענער סביבה און דערצו נאָך האָסטו פאַראורזאַכט איך זאָל ווערען די קעניגין פון לאַנד.

— יעצט מעג איך דיר זאגען דעם גאנצען אמת, גנעדיגע קעניגין! — האט המן אויסגערופען — איך האב געזעהן אז דער קעניג זאל אזא גזרה ארויסגעבען. דער קעניג אליין האט גאר א קליינעם בעגריעף פון די פערשידענע בירגער פון זיין לאנד... וועלכע ברענגען נוצען און וועלכע טוען אן שאדען... איך האב פאר איהם אויסגערעכענט אלע חסרונות פון דעם אידישען פאלק און די גאר ווינציג מעלות און איך בין געקומען צום בעשלוס, אז עס איז נישט כדאי צו האבען אזא פאלק ווי דאס אידישע צווישען אונז, און דעריבער האב איך צוגערעדט דעם קעניג אז ער זאל ארויסגעבען א גזרה צו פארניכטען אלע אידען, פון קליין ביז גרוים... איך האב זיין צושטימונג געקראגען אהן שוועריגקייטען. דער קעניג האט מיר איבערגעגעבען זיין זיעגעל רינג און ער האט מיר געהייסען טאהן וואס איך פערלאנג.

— דער קעניג האט דיר איבערגעגעבען זיין זיעגעל־רינג! — האט אסתר אויסגערופען מיט א געמאכטער ערשטוינונג — דאס צייגט וואס פאר א שטאר־קען צוטרוי ער האט צו דיר... ווייסטו דען נישט, אז מיט זיין זיעגעל־רינג האט ער דיר אנגעטרויט אלעס, — זיין קרוין, און אפילו מיך! וואס וואלט דער קעניג געטאהן ווען דו גיסט אין זיין נאמען ארוים אן ערקלעהרונג, אז אחשורוש גיט דיר איבער די קרוין, ווען צו דיעזער ערקלעהרונג וואלט געווען צוגעלעגט דעם קעניג׳ס חתימה, דאן וואלט עס געווארען גלייך א געזעץ, און דו וואלסט געקיניגט אנשטאט אחשורוש׳ן.

— איך האב בעת מעשה וועגען דעם נישט געטראכט! — האט המן געזאגט מיט ערנסט — אוי אפילו מיין זרש׳ן איז אזא זאך אויף די געדאנקען נישט געקומען.

— עס פארשטעהט זיך, אז זרש׳ן וואלט אזא זאך אין גאנצען צום האר־צען נישט געווען! — האט אסתר א שמייכעל געטאהן — ווייל וואס וואלט זי געטאהן, ווען צוזאמען מיט דער קרוין, נעהמסטו אויך צו אחשורוש׳עס קעניגין!

המן האט זיך הארציג פאנאנדערגעלאכט.

— אהן ספק אז דאס איז געווען זרש׳ס כונה, וואס זי האט מיר נישט געראטהען צו טאהן אזא זאך... — ווייל זי וואלט געוואוסט, אז די קעניגין... המ... אבער וואס רייד איך! — האט המן זיך פארכאפט — איך וואלט דאך קיינמאל נישט געטאהן אזא זאך... צו פארראטען דעם קעניג וועלכער איז מיין בעסטער פריינד!...

— געוויס האט דער קעניג געוואוסט אז ער קען דיר געטרויען! — האט אסתר געזאגט — אז נים וואלט ער זיך אין גאנצען נישט איבערגעגעבען אין דיינע הענט... און טאקע דערפאר האט דער קעניג דיך איבערגעגעבען די מאכט צו טאהן מיט דעם אידישען פאלק וואס דו ווילסט, ווייל ער האט גע־וואוסט, אז דו זאגסט איהם אז זיי זיינען די שונאים פון זיין מלוכה, ווייס ער אז דאס איז ריכטיג!

— איך מוז דיר זאגען דעם אמת! — האט המן א שמייכעל געטהאן, — אז ווען איך האב פאר איהם געזאגט וועגען א פאלק וואס איז שלעכט, האב איך אפילו צו איהם נישט דערמאנט אז דאס זיינען די אידען... איך בין זיכער אז אפילו יעצט, דעם צווייטען טאג נאך דעם, ווייס דער קעניג נישט, אז די

גזרה אויף וואס זיין חתימה איז ארויפגעלעגט געווארן איז אויסצוראטען אלע אידען.

— איז דאס מעגליך, אז דער קעניג זאל דיר נישט האבען געפרעגט וואס פאר א פאלק דאס איז וואס האט פארדיענט פארניכטעט צו ווערען.

— דער קעניג האט מיר טאקע יא געפרעגט, אבער איך האב שוין גע־וואוסט ווי אויסצומיידען צו דערמאהנען דעם נאמען פון די אידען.

— און פאר וואס האסטו עס געטאהן? — האט אסתר געפרעגט.

— ווייל איך האב מורא געהאט, אז צוליעב דעם וואס ער האט פיעל מאל געהערט רעדענדיג וועגען די אידען, וועט ער פילייכט צעגערען צו געבען זיין צושטימונג... און א חוץ דעם גלויב איך, אז דער קעניג ווייס אז מרדכי איז א איד!

— וואלט ער מיט איהם פיעלייכט געמאכט אן אויסנאהמע, און ער וואלט אלע איינס דיר זיין הסכמה געגעבען!

— אבער מרדכי איז מיין ערגסטער שונא! — איז שוין המן דרייסטער געווארען — און מיין הויפט צוועק איז געווען פטור צו ווערען פון איהם! יעצט, אז די גזרה איז שוין ארויסגעגעבען געווארען, איז דאך שוין אלץ איינס פארפאלען!

— איך זעה איין, המן, אז דו ביזט זעהר קלוג, און איך וועל דיר קיינמאל נישט מוחל זיין, וואס דו האסט מיר אזא לאנגע צייט אויסגעמיטען... איך וואלט פון דיר פיעלעס געקענט לערנען, און דערצו וואלסטו מיר געגעבען די ריכטיגע עצות, ווען איך האב זיך אזוי שטארק גענויטיגט אין זיי.

— אה, ווירדיגע קעניגין! — האט המן אויסגערופען — דיינע רייד מאכען מיר נאך שטאלצער... און איך האב געמיינט, אז די קעניגין וועט אויף מיר זיין אין כעס פאר אלעס וואס איך האב געטאהן.

— וואס געהט עס מיר אן! — האט אסתר א קוועטש געטאהן מיט די פלייצעס — זינט איך ביז געווארען קעניגין זיינען די אידען צו מיר גארנישט און מיך ארט אפילו נישט וואס עס וועט פאסירען מיט מרדכי'ן. און דו, המן, דארפסט ניט צעגערען צו בעזוכען מיר. דו דארפסט וויסען זיין, אז צו יעדער צייט ביזטו ווילקאמען אין מיין פאלאץ.

— איך בין העכסט גליקליך צו הערען אזעלכע רייד פון דער ווירדיגער קעניגין! — האט המן זיך אויפגעשטעלט און פערנייגט — די קורצע צייט וואס איך האב דא פערבראכט וועל איך קיין מאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען. עס וועט זיין א קוואל פון וואנען איך וועל שעפען מיין צוקינפטיגען גליק און פארגעניגען.

— און איך בין אויך גאנץ צופרידען וואס דו ביזט צו מיר געקומען! — האט אסתר געזאגט צו המן'ען — איך האף אז פון היינט אן וועסטו מיר גאנץ אפט באזוכען... דו מוזט דאך וויסען, אז איך פיהל זיך גאנץ עלענד די לעצטע צייט. דער קעניג, ווי עס ווייזט אויס, איז שטארק פערנומען און עס איז שוין א היבשע צייט וואס איך בין נישט איינגעלאדען געווארען צו איהם...

— איך וועל מארגען דא זיין! — האט המן אויסגערופען מיט פרייד.

— ניין, נישט מארגען! — האט אסתר געענטפערט, — ווארט נאך צו א פאר טעג, און פיעלייכט וועסטו ווארטען ביז וואנען איך וועל דיר שיקען

אז איינלאדונג... דו פערשטעהסט דאך, עס וועט דאך נישט זיין שעהן פאר דעם קעניג ווען ער וועט זיך דערוויסען אז דו בעזוכסט מיך אזוי אפט.

— איך קען פארזיכערען דער קעניגין, אז דער קעניג וועט גארנישט וויסען וועגען דעם יעצטיגען באזוך... ווער וועט עס איהם וואגען צו דערצעהלען, און אז מירביידע וועלען איהם נישט דערצעהלען וועט ער קיינמאל דערפון נישט וויסען.

— גו, געה שוין יעצט, המן, — האט אסתר איהם געזאגט, און סוים דערוואָרט ער זאל שוין זיין פון דער צווייטער זייט טיהר.

ווען המן איז ארויסגעגאנגען, האט זי זיך געפיהלט א סך לייכטער... זיין אנוועזענהייט האט אויף איהר זעהר שלעכט געווירקט... זי וואונדערט זיך אליין ווי אזוי זי האט געקראגען אזוי פיעל מוטה און כח צו ריידען צו איהם אזוי... ווען המן וואלט נאך א קליינע ווילע פארבליבען אין איהר צימער וואלט זי פון גרויס איבעל גע׳חלש׳ט... אבער זי איז דאך צופרידען וואס ער איז יעצט צו איהר געקומען. זי האט פון איהם פיעלע זאכען דערגאנגען, און די וויכטיגסטע פון אלע איז דאס וואס זי האט פון איהם אויסגעפונען אז ווען דער קעניג האט צוגעשטימט און המן׳ען איבערגעגעבען זיין זיגעל־רינג, האט ער נישט געוואוסט אז עס האנדעלט זיך וועגען דעם אידישען פאלק... יעצט וועט זי שוין וויסען וואס צו טהאן.

א גליקליכער און צופרידענער איז המן ארויס פון אסתר׳ס פאלאץ... איהם האט זיך גאר קיינמאל נישט גע׳חלום׳ט אז די קעניגין זאל האבען וועגען איהם אזא געהויבענע מיינונג... פון איהרע רייד האט ער געקענט דערקענען אז זי האט איהם ליעב... זי האט איהם נישט איינמאל אנגעדייטעט אז ער איז דער קליגסטער מאן פון דער גאנצער מלוכה... און דאס וואס זי האט איהם אנגעוואונקען אז ער האט מיט אחשורוש׳עס זיגעל־רינג געקענט אלעס אריינקריגען, אפילו איהר... איז דען דאס נישט א גוטער באווייז אז זי האט איהם ליעב... אה, ווען ער וואלט טאקע דאן געהאט מעהר שכל, וואלט ער דאך יעצט געזעסען אויף דעם טראהן אנשטאט אחשורוש׳ן, און דאן וואלט ער דאך אלץ איינס געקענט טהאן מיט די אידען וואס ער וואלט געוואלט... יא, ער האט זיך בענארישט... איהם איז גארניט איינגעפאלען אזא געדאנק, און זרש האט זיכער גארנישט געוואלט אז דאס זאל פאסירען... ווייל דאס וואלט דאך געמאכט אז זי זאל איהם אין גאנ־צען פארלירען...

המן האט זיך געזעצט אויפ׳ן פערד און גענומען רייטען אהיים... ער האט ביי זיך בעשלאסען גארנישט צו דערצעהלען זרש׳ן וועגען זיין באזוך צו אסתר׳ן... ווייל זי קען נאך אין א מאמענט פון אייפערזוכט לאזען וויסען דעם קעניג וועגען דעם, און דאן וועט אלעס זיין פארלארען פאר איהם... דאך האט ער געפיהלט אז ער מוז קומען אהיים... זיין גליק איז אזוי גרויס... זאלען אלע באמערקען זיין פרעהליכקייט און זאלען זיי זעהן ווי גליקליך ער איז.

פלוצלינג האבען זיך זיינע בליקען אנגעשטויסען מיט די בליקען פון מרדכי׳ן, וועלכער איז געזעסען נעבען דעם טויער פון אחשורוש׳עס פאלאץ...

זיין צארן האט אין איהם אנגעהויבען ברענען ווען ער האט באמערקט ווי מרדכי ריהרט זיך נישט פון ארט...

— אזא פארפלוכטער איד! — האט ער זיך געטראכט, — אפילו ווען די שווערד ליגט איהם אויפ׳ן האלז, וועט ער זיך נישט אונטערגעבען... אבער איך

וועל איהם צייגען... — האט ער גערדיקט זיין פויסט. און ווען ער איז נעהנטער צוגעקומען צוו מרדכי'ן האט ער אויף איהם א שפיי געטהאן.

— ווען ער זאל נאר וויסען וואס אסתר דיינקט פון מיר, — האט המן ביי זיך געטראכט. ווען ער האט זיך דערוואוסט פון מרדכי'ן, — יא, ווען ער זאל וויסען וואס פאר א מיינונג אסתר האט פון מיר, און ווי גלייכגילטיג זי איז צו מרדכי'ן, וואלט ער גלייך אויף אן ארט געשטארבען.

המן'ען האט זיך שטארק געוואלט אז מרדכי זאל וויסען דאס ער בעזוכט אסתר'ן, און ער האט שוין ביי זיך געהאט בעשלאסען צו בעטען חרבונה'ן ער זאל מרדכי'ן דערצעהלען וועגען דעם.

המן האט געשיקט איינעם פון דעם קעניג'ס דיענער צו רופען חרבונה'ן.

ווען חרבונה איז געקומען צו איהם און זיך פארנייגט, האט זיך המן צו איהם אפגערופען:

— איך קום יעצט פון דער קעניגין. איך דארף דאך דיר נישט זאגען ווי צופרידען זי איז געווען מיך צו זעהן...

— איך האב נישט איבערטריבען, מיין הער, ווען איך האב געזאגט אז די קעניגין אסתר האלט דיך פאר דעם קליגסטען מאן אין לאנד.

— יא, עס איז גאנץ ריכטיג! זי האלט זעהר שטארק פון מיר, און עס וועט מיר נישט גאנץ שווער אנקומען צו קריגען אויך איהר הסכמה צו יעדער זאך וואס איך וועל וועלען טהאן, — האט המן מיט שטאלץ געזאגט.

— איך בין זיכער, אז ווען עס וואלט נויטיג געווען פאר מיין הער, המן, צו קריגען אויך איהר צושטימונג אויסצוראטען אלע אידען, וואלט די קעניגין מיט גרויס צופרידענהייט דאס געטהאן.

— וואס דען? — האט המן זיך נאך מעהר גענומען אויספיינען. — אפילו אט דעם מרדכי'ן, איהם האב איך געמיינט וועט מיר נישט אזוי גרינג אנקומען אומצובריינגען, ווייל ער איז דאך געווען איהר ערציהער, האב איך ערשט היינט אויסגעפונען, אז איהר קימערט נישט וואס עס וועט פאסירען מיט מרדכי'ן. דו פארשטעהסט, אזוי איבערגעבען איז זי צו מיר, און יעצט וויל איך דיך פרעגען, חרבונה, אויב דו זעהסט דיך ווען עס איז מיט מרדכי'ן?

— אה, ניין! — האט חרבונה אויסגערופען, — זינט איך האב זיך דער־וואוסט אז מיין הער האט מרדכי'ן פיינט, האב איך אויסגעמיטען איהם צו באגעגענען.

— דאך וואלט איך זעהר געוואלט אז דו זאלסט צו איהם געהן און דערצעה־לען ווי שטארק אסתר, די קעניגין, איז צו מיר איבערגעבען, און אז זי אליין איז אויך געווען גאנץ צופריעדען פון מיין גזרה! זאג איהם, אז די קעניגין הערט נישט אויף צו ריידען פון מיר, און אז זי האט מיר איינגעלאדען איך זאל איהר גאנץ אפט בעזוכען.

— זאל איך דאס מרדכי'ן זאגען? — האט חרבונה אנגעקוקט המן'ען מיט ערשטוינונג.

— יא, געוויס, זאג דאס איהם! דו ווייסט דאך ווי שטארק איך האס איהם און ווען ער וועט פון דיר דערהערען אזעלכע ווערטער וועט עס איהם נאך מעהר קריינקען.

— אויב דאָס איז אַזוי דער פאַרלאַנג פון מיין האַר, וועל איך דאָס מיט פאַרגעניגען טהאָן ! — האָט חרבונה איהם געענטפערט.

— יאָ, טהו עס נאָך היינט, זאָל דאָס איהם פאַראורזאַכען נאָך גרעסערע ליידען !

— איך וועל טהאָן ווי מיין האַר זאָגט מיר ! — האָט זיך חרבונה פאַרנייגט.

— יאָ, איך געה שוין אַריבער צו איהם און אַלעס זאָגען.

המן איז גלייך אַוועקגעריטען אַהיים און חרבונה איז געגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו מרדכי איז געזעסען אַ פאַרטרויערטער פאַרזונקען אין זיינע מחשבות.

— וואָס מאַכסטו מיין פריינד ! — האָט חרבונה זיך אָפּגערופען צו מרדכי׳ן.

מרדכי האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, און צו זיין גרויס בעוואונדערונג דערזעהן חרבונה׳ן.

— איך זיץ און טראַכט, איך צעהל וויפיעל טעג עס איז נאָך פאַרבליבען פאַר מיר און פאַר מיין פאָלק צו לעבען ! — האָט מרדכי איהם טרויעריג געענטפערט.

— דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי פאַרצווייפעלט, מרדכי, — האָט חרבונה איהם גענומען טרייסטען, —אמת, דיין לאַגע איז זעהר אַ ערנסטע, אָבער איך בין זיכער אַז אסתר וועט דיר און אַלע אידען קענען מיט עפּעס בעהילפיג זיין.

— ווייס גאָט אויב עס איז שוין נישט צו שפּעט ! — האָט מרדכי אַ זיפץ געטהאָן, — די לאַגע איז אַזאַ שווערע אַז מיר דוכט זיך שוין דאָס קיין עצה און קיין הילף איז נישטאָ.

— איך קום דאָס יעצט פון המן׳ען, — האָט חרבונה זיך אָפּגערופען, — און איך מוז דיר זאָגען, מרדכי, אַז מיך וואונדערט זעהר פאַרוואָס מען האַלט המן׳ען פאַר אַ חכם. די קעניגין אסתר האָט איהם דורך מיר איינגעלאַדען צו זיך. זי האָט מיר אויך אָנגעזאָגט אַז איך זאָל איהם דערצעהלען ווי שטאַרק זי האַלט פון איהם און אַז זי הערט נישט אויף איהם צו דערמאָנען און לויבען יעדען טאָג... און איך זאָל איהם אויך איינלאַדען צו איהר... איך האָב אַזוי געטהאָן און יעצט איז ער דאָס געגאַנגען פון דער קעניגינ׳ס פּאַלאַץ. ער איז געווען אַזוי גליקליך און צופרידען און מיינט אַז די קעניגין פאַרגעטערט איהם. ער האָט מיך געשיקט רופען און געפרעגט אויב איך זעה זיך מיט דיר, און ווען איך האָב איהם געענטפערט אַז ניין, האָט ער מיר געהייסען געהן און דיר זאָגען ווי שטאַרק אסתר אַכטעט און שעצט איהם. ער גלויבט אַז די קעניגין האָט זיך אין איהם פאַרליעבט און אַז זי איז אויך צופרידען וועגען דער גזרה וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען.

— געלויבט איז גאָט דערפאַר, — האָט מרדכי אויסגערופען מיט אַ פאַר־לייכטערונג, — אסתר טהוט שוין עפּעס... זאָל איהר גאָט בעהילפיג זיין.

— איך בין זיכער אַז המן וועט פריהער אָדער שפּעטער זיין שטראָף בעקו־מען ! — האָט חרבונה געזאָגט, — און דו דאַרפסט דערווייל נישט זיין אַזוי פאַרצווייפעלט.

— די סכנה איז נאָך זעהר גרויס, — האָט מרדכי געזאָגט, — די גזרה וואָס המן האָט אַרויסגעגעבען איז אַזוי שטאַרק אַז אפילו ווען דער קעניג זאָל זי וועלען צוריקציהען וועט ער דאָס נישט קענען. און די פּרסים, די בלוט־דורשטיגע פון

זיי, זיינען שוין אומגעדולדיג. זיי ווארטען שוין אויף דעם טאג ווען זיי וועלען אונז קענען אלעמען פארניכטען און ראבירען אונזער האב און גוטס.

— ביז דאן קען זיך די לאגע אין גאנצען ענדערען, — האט חרבונה געזאגט, — די קעניגין וועט שוין נישט רוהען ביז וואנען זי וועט געפינען א וועג צו העלפען איהר פאלק.

מרדכי האט געדאנקט חרבונה'ן פאר זיינע טרויסט ווערטער, און ער האט איהם געבעטען איבערצוגעבען אסתר'ן אין זיין נאמען, אז אלע אידען, פון קליין ביז גרויס, פאסטען און זיינען מתפלל צו גאט ער זאל געבען אז זי זאל געפינען חן אין די אויגען פון דעם קעניג.

— איך ווייס אז דו קומסט צו איהר יעדען טאג, און איך וועל דייז חסד קיינמאל נישט פארגעסען אויב דו וועסט מיר פון צייט צו צייט איבערגעבען א גרוס פון אסתר'ן, ווייל ווי דו זעהסט, איז פאר מיר יעצט זעהר נישט ראטהזאם צוצוקומען גאנץ נאהענט צו איהר פאלאץ, און שיקען התך'ן צו מיר וויל אסתר נישט, כדי המן זאל איהם נישט באמערקען, וועסטו זיין דער איינציגער דורך וועמען איך וועל קענען עפעס הערען פון דער קעניגין.

— דו מעגסט זיכער זיין אז איך וועל דיין פארלאנג ערפילען. כאטש איך וועל אויך דארפען זיין פארזיכטיג... המן זאל נישט אויסגעפינען דאס איך זעה זיך מיט דיר צו אפט.

* * *

יענע נאכט האט המן ניט געקענט אנטשלאפען ווערען. ער האט נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון אסתר'ן, פון דער וואונדער־שעהנער קעניגין... וויפיעל האט שוין געפעהלט אז ער זאל איהר איינגאנצען בעזיצען. איהרע צערטליכע רייד האבען איהם די גאנצע צייט אין די אויערען געקלונגען... עס איז ביי איהם מעהר קיין צווייפעל נישט אז זי האט איהם אויך ליעב... זי ווייס דאך גאנץ גוט אז אחשורוש איז ווייט פון צו זיין קלוג... נישט אומזיסט האט זי איהם אנגעדייטעט אז ער האט מיט דעם קעניג'ס זיגעל רינג געקענט אויפטהאן א סך מעהר... אבער וואס וועט יעצט העלפען זיין טראכטען. זרש, זיין פרוי, שטעהט איהם אין וועג. ווען ער וואלט געקענט באפרייט ווערען פון זרש'ן וואלט ער שוין געזוכט א וועג ווי אזוי ארויסצונארען דעם זיגעל־רינג פון קעניג און דאן וואלט ער דאמיט געחתם'עט אז אחשורוש גיט איהם איבער דעם טראהן... ער וואלט ארויסגעשיקט איבער אלע לענדער און וואלט זיך ערקלעהרט קעניג, און דאן וואלט שוין אסתר במילא געווארען זיין קעניגין! אבער יעצט טאר ער דערפון נישט טראכטען, ווייל ווען זרש זאל זיך דערפון דערוויסען, וועט ער אלעס פארלירען. אה, ווי אזוי קען ער פון איהר לויז ווערען.

אזעלכע געדאנקען האבען המן'ען באנומען די גאנצע נאכט... נישט איינמאל איז ער ארונטער פון זיין געלעגער און איז צוגעגאנגען צו דעם פלאץ, וואו זרש איז געשלאפען. ער האט געזעהן איהר לאנגע אויסגעצויגענע האלז... איהר ברייטע נאזלעכער... ער האט געגומען מאכען א פארגלייכעניש צו אסתר'ן. און פלוצלונג האט איהם א שטארקער חשק אנגענומען צוצוגעהן צו זרש'ן און אננעמען איהר לאנגע האלז אין זיינע הענט און דריקען איהר אזוי שטארק ביז וואנען עד וועט צו איהר א סוף מאכען.

ווען ער איז צוגעקומען עטוואס נעהענטער צו איהר האט ער זיך גענומען

מעהר שרעקען פאר דיזען געדאנק. וואס וועט ער טאן ווען זי וועט זיך אויפ־באפען און נעמען שרייען. זיינע זיהן וועלען ארייגלויפען. אלע וועלען זיך דאן דערוויסען וועגען זיינע פלענער... ניין, ער אליין וועט עס נישט טאן! אבער ער מוז דאך פון איהר פטור ווערען. עס עקעלט איהם אויף איהר צו קוקען... און ווען די קעניגין וועט זיך דערוויסען, אז זרש איז שוין מעהר נישטא, וועט זי איהם נאך אליין באהילפיג זיין, אז ער זאל קריגען די מלוכה.

זרש'עס כראפען האט דערגרייכט זיינע אויערן. אה, ווי אפשטויסענד זי איז! ווי קומט זי גאר צו איהם. זי איז דאך אזוי העסליך! אמת, ווען ער האט מיט איהר געהייראט, איז ער געווען א גארנישט, א בעדער. אבער איצט, אז ער איז אזוי דערהויבען געווארען. ער, דער משנה למלך זאל האבען אזא פארזעהעניש פאר א ווייב! און טאמער וואלט ער געוואלט א טראכט טאן צו נעמען נאך א ווייב צו איהר, וועט זי איהם דען דערלאזען?! זיין צארן האט אין איהם גענו־מען ברענען אויף זרש'ן. ער מוז מאכען א סוף צו איהר. ער האט צוזאמענגע־דריקט זיינע פויסטען. ער האט אפגעמאסטען מיט זיינע אויגען די לענג פון איהר האלז. ווען ער זאל פלוצלונג ארויפפאלען אויף איהר און נעהמען איהר שטיקען מיט זיינע הענט, וואלט זי אפילו קיין צייט נישט געהאט צו שרייען. ער וואלט שנעל ארויסגעגאנגען פון הויז און אין דער פריה וואלטען די קינ־דער איהר געפונען א טויטע... דאן וואלט ער אפילו געקענט באשולדיגען די אידען. ער וואלט געזאגט, אז זיי האבען געוואלט נקמה נעמען אן איהם און דע־ריבער איז איינער פון זיי ארייגעקומען אין מיטען נאכט און דערשטיקט זיין פרוי... קיינער וואלט זיינע רייד נישט געצווייפעלט. ער וואלט נאך געקענט גע־פינען עדות. אנשטעלען עטליכע מענשען, וועלכע וואלטען געזאגט אז מרדכי האט עס געטאן. ער וואלט שוין וויסען ווי אזוי דאס צו טאן. ער האט געגוג טרייע פריינט, וועלכע וואלטען איהם אין דעם ארויסגעהאלפען.

המן האט פון דער כראפענדער זרש זיינע אויגען נישט ארונטערגעלאזען. ער איז א ווייליע געשטאנען ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ. ער האט ברייט פא־נאנדערגעעפענט זיינע הענט און האט זיך גענומען איבערבייגען איבער זרש'ס בעט.

— המן! — האט זרש אויפגעעפענט איהרע אויגען און זיך שנעל אוועק־געזעצט.

—מיין ליבע זרש — האט איהר המן ארומגענומען און גענומען קושען — עס פארדריסט מיר זעהר שטארק וואס איך האב דיר אויפגעוועקט פון דיין זי־סען שלאף, אבער איך פיל זיך אזוי גליקליך אז איך האב געפיהלט דאס איך מוז זיך מיט דיר טיילען מיין פרייד און גליק.

— אה, און איך האב זיך אזוי דערשראקען, — האט זרש איהם געענט־פערט מיט קושען — פון שלאף האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דו קוקסט מיט אזעלכע שרעקליכע אויגען אויף מיר, ווי דו וואלסט מיר געוואלט שלעכטס טאן.

— דיר שלעכטס טאן! מיין ליבע טייערע זרש, — האט המן איהר נאך שטארקער צו זיך געדריקט — דו ווייסט דאך, אז מיין ליבע צו דיר וואקסט מיט יעדען טאג... ווען איך בין שטילערהייד צו דיר צוגעגאנגען און געזעהן ווי גע־שמאק דו שלאפסט, האב איך געקראגען זעהר א שטארקען פארלאנג דיך ארומ־

צונעמען און דריקען דיר אַט אַזוי שטאַרק צו מיר און באַדעקען מיט קושען דיין שעהנע האַלז...

— האַסטו מיך נאָך טאַקע אויף אַז אמת'ן ליעב? — האָט זרש איהם אַריינעקוקט אין זיינע אויגען.

— ליעב? איך הער נישט אויף צו טראַכטען פון דיר טאָג ווי נאַכט. איך ווייס, אַז דורך דיר האָב איך דערגרייכט צו דעם העכסטען אַמט, וואָס איז נאָר מעגליך...

— אמת, איך האָב דיר פיעל געהאָלפען מיט מיינע עצות, — האָט זרש געשמייכעלט — אָבער דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען, טייערער המן, ווען דו אַליין וואָלסט נישט געווען זעהר קלוג און פעהיג, וואָלטען מיינע עצות דיר גאַנץ ווינציג געהאָלפען. און איצט קענסטו זיך פאַרשטעלען ווי גליקליך איך בין צו וויסען, אַז דו ביזט דער גרעסטער מאַן פון אַלע אחשורוש'עס מדינות.

— יע, אחשורוש איז דער קעניג. ער טראָגט די קרוין, אָבער איך, מיט מיין קלוגשאַפט, הערש איבער'ן לאַנד. קענסטו זיך פאַרשטעלען זרש, וואָס דאָס מיינט צו האָבען אין האַנט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג. ווען וואָלט אחשורוש אַנפּאַרטרויט אַזאַ זאַך, קיינעם נישט. איך בין זיכער, אַז אפילו זיין אייגענע קעניגין וואָלט ער אַזאַ זאַך נישט אַנפּאַרטרויט.

— איך פאַרשטעה נישט המן, — האָט זרש זיך צו איהם אַנגערופען — איז עס מעגליך, אַז דער קעניג וואָלט אַנטזאָגט די קעניגין, ווען זי וואָלט פון איהם פאַרלאַנגט זיין זיעגעל־רינג?

— איך צווייפעל נישט אין דעם! — האָט המן אויסגערופען — פאַרגעס נישט וואָס פאַר אַ קראַפט עס ליגט אין דעם קעניג'ס חתימה. ווייסטו דען נישט, אַז ווען דער, וועלכער באַזיצט דעם זיעגעל־רינג קען אַנשרייבען אַ טויט אור־טייל איבער דעם קעניג אַליין און ווי נאָר די חתימה ווערט אַרויפגעלעגט, אַזוי מוז דער טויט־אורטייל דורכגעפיהרט ווערען... איצט פאַרשטעהסטו שוין פאַר־וואָס דער קעניג וואָלט אַזאַ זאַך נישט אַנפּאַרטרויט אפילו זיין קעניגין. יע, ע־ווייס וועמען ער קען געטרויען, אַז איך וועל איהם נישט פאַרראַטען. ווען דו וואָלסט געוואוסט זרש, אַז האָבענדיג דעם זיגעל־רינג אין האַנט, האָב איך אַנ־שטאַדט אַנצושרייבען די גזרה אויסצושלאַכטען אַלע אידען פון פרס און מדי, געקענט אַנשרייבען אַז דער קעניג גיט מיר איבער די גאַנצע מלוכה און דאַן וואָלט איך דאָך געוואָרען קעניג.

— דו וואָלסט געוואָרען קעניג! — האָט זרש אויסגערופען מיט באַגייסטער־רונג — דאַן וואָלט איך דאָך געוואָרען די קעניגין!

— אַה, מיין ליבע זרש. דו טאָרסט גאָר וועגען דעם אפילו נישט טראַכ־טען. דו ווייסט דאָך ווי געטריי און איבערגעגעבען איך בין צו דעם קעניג.

— איך ווייס. איך זאָג נאָר, אַז המ... ע... מיר איז גאָר אַזאַ זאַך נישט איינגעפאַלען. איך האָב נישט געוואוסט פון אַזאַ מעגליכקייט.

— און איך בין זיך פאַר דיר מודה, זרש, אַז איך האָב דערפון די גאַנצע צייט געוואוסט, אָבער איך האָב נישט געוואָלט ריידען פאַר דיר. איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וואָלסט נישט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און מיר גענומען צוריידען...

— א ציטער געהט דורך מיין לייב ווען איך טראכט פון דעם, — האט זרש געזאגט — קענסטו זיך פארשטעלען וואס דאס וואלט געמיינט פאר אונז אלעמען ?!

— אבער איך האב דאך דיר געזאגט, אז דו טארסט אפילו וועגען אזא זאך נישט טראכטען. און דו מוזט זעהר פארזיכטיג זיין קיינמאל פון דיין מויל קיין ווארט נישט ארויסברייגגען וועגען דעם. דו טארסט אפילו נישט ריידען וועגען דעם צו אונזערע זיהן.

— דו ווייסט דאך, מיין ליבער המן, אז דו קענסט זיך אויף מיר פארלאזען... איך ווייס ווי אזוי צו האלטען מיין צונג...

אזוי האט המן אפגערעדט מיט זרש'ן ביז עס איז טאג געווארען. דערנאך איז ער ארוים פון הויז.

ער האט גענומען טראכטען וועגען דעם וואס עס איז פארגעקומען לעצטע נאכט. וויפיל וואלט געפעלט, אז ער זאל נעמען שטיקען זיין ווייב און זי זאל מאכען אזעלכע געשרייען. א שוידער איז איהם דורכגעגאנגען ווען ער האט דערפון גענומען טראכטען. אלע וואלטען שוין איצט געוואוסט, אז ער, המן, דעם קעניג'ס משנה למלך, האט געמאכט א פארזוך צו דערשטיקען זיין ווייב. ער איז געווען זעהר צופרידען וואס איהם איז איינגעפאלען איהר גלייך ארומצונעמען און ארויסצייגען זיין גרויסע "ליבע" צו איהר... זי האט אפילו איהם נישט פארדעכטיגט. אבער אזוי אנגעהן וועט ער נישט קענען. ער וועט מוזען פון זרש'ן פטור ווערען. זי שטעהט אין זיין וועג. ווען נישט זי, וואלט איהם לאנג נישט גענומען און ער וואלט געקעניגט אנשטאט אחשורוש'ן און אסתר, די קעניגין, וואלט געווים באלאנגט צו איהם.

פונדעסטוועגען האט המן ביי זיך באשלאסען נישט צו מאכען קיין צווייטען פארזוך צו טויטען זרש'ן ביז וואנען ער וועט פריהער נישט זיין זיכער, אז דער קעניג וועט איהם אנפארטרויען זיין זיעגעל־רינג נאך אמאל.

המן האט זיך געזעצט אויף זיין פערד און ער האט גענומען רייטען איבער דער שטאדט. ער האט ליעב געהאט דאס צו טאן יעדען פריהמארגען גאנץ פריה. זיין הארץ פלעגט אנגעפילט ווערען מיט פיעל שטאלץ, ווען ער פלעגט דערזעהן ווי אלע מענשען וועלכע דערזעהען איהם פאלען אויף זייערע קניה און פארנייגען זיך פאר איהם. אה, ווי גוט עס איז צו זיין אזוי מעכטיג און גרוים. זיינע פריינט שעצען און ליבען איהם נאך מעהר. זיינע שונאים האבען פאר איהם מורא.

ער דערמאנט זיך אן מרדכי'ן און זיין פרייד ווערט פארוואנדעלט אין פארביטערונג. די עקשנות און שטאלץ פון דיזען פארפלוכטען אידען האט ער נאך נישט באוויזען צוצוברעכען. אלע קניהען זיך, אלע בוקען זיך פאר איהם, אבער נישט מרדכי. עס איז איינפאך א שאנדע פאר זיינע פריינט, וועלכע האבען איהם שוין נישט איינמאל אנגעצייגט אויף מרדכי'ן. אבער ער וועט זיך דארפען טרייסטען דאמיט וואס ער וועט שוין לאנג נישט דויערען און ער וועט פטור ווערען פון מרדכי'ן און פון זיין גאנצען פאלק.

ער האט פארבייגעריטען דעם קעניג'ס פאלאץ און צו זיין גרוים אויפרעגונג האט ער דערזעהן ווי מרדכי זיצט שוין נעבען דעם טויער פון פאלאץ.

קיינער איז נישט געווען ארום. די וועכטער זיינען געזעסען איינגעווייגט אין געדרעמעלט. און אט קומט המן פנים אל פנים מיט מרדכי'ן. ער קריצט מיט זיי־נע ציינער. ער דריקט זיין פויסט. מרדכי מאכט זיך נישט זעהענדיג.

— וואַרט, דו אומווירדיגער, אומרייינער איד! — האט המן אויסגעשריען. דו וועסט ביי מיר הענגען, דיין קערפּער וועט זיין פאר שפּרייז פאר די פויג־לען פון הימעל!

מרדכי האט איהם גאַרנישט געענטפערט. זיינע ליפּען האבען א תפלה גע־שעפּטשעט צו גאט, און המן'ס אויפגערעגטע שטימע האט אפּגעהילכט אין דער שטילקייט.

— ווען איך זאָל וועלען קען איך דיר דאָך באַלד אויף אָן אָרט טויטען, — האט המן ארויסגעצויגען זיין שווערד — אבער איך וועל וואַרטען ביז וואנען איך וועל דיר קענען אויפהייגען אויף א גאַנץ הויכע תליה. זאָל דיין קערפּער געוואַרפען און געשליידערט ווערען פון ווינט, און זאָלען דיינע פארפלוכטע ברידער עס צוזעהן מיט זייערע אויגען איידער זייער לעצטער טאָג קומט אָן.

זעהר שווער איז געווען פאר המן'ען צו באהערשען זיין כעס, יעדעס מאָל ווען ער האט מרדכי'ן דערזעהן. ער האט שוין נישט איינמאָל געהאט באשלאָסען ביי זיך צו פארטרייבען איהם פון דעם טויער פון פּאַלאַץ, זאָל ער זיך ניט דאַר־פען באגעגענען מיט איהם עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג. אבער ער האט געוואוסט, אז מרדכי האט ערלויבענים פון דעם קעניג, און דעריבער וועט ער מוזען ריי־דען פריהער מיט אחשורוש'ן וועגען דעם. און אויב שוין יא ריידען, וועט זיך שוין בעסער לויענען פאר איהם צו בעטען דעם קעניג, אז ער זאָל איהם ערלוי־בען אויפצוהענגען מרדכי'ן איידער די באשטימטע צייט וועט אָנקומען. ער איז זיכער, אז דער קעניג וועט פון איהם נישט פארמיידען דיזען פארגעניגען. דאך וועט ער דאַרפען עס טאָן אין דער ריכטיגער צייט, כדי דער קעניג זאָל זיך ניט דערמאָנען, אז דאס איז דערזעלבער מרדכי וועלכער האט מיט יאהרען צוריק געראַטעוועט זיין לעבען, ווען ער האט אסתר'ן דערצעהלט וועגען דער פארשווע־רונג וואס בגתן און תרש האבען אויף איהם געמאכט.

המן האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פון וויטען דערזעהן אסתר'ס פּאַלאַץ. זיינע געדאַנקען האבען ווידער גענומען וואנדערען וועגען דער וואונ־דערבאַרער שעהנער קעניגין... זיין הארץ האט איהם גענומען ציהען אהין. ער האט שוין ווידער געהאט פארגעסען אַן מרדכי'ן. ער האט זיך גענומען פאר־שטעלען ווי אסתר איז שוין זיינע... פון זרש'ן איז ער פּטור געוואַרען. זי אליין באלאנגט צו איהם... ער זיצט אויף דעם קעניג'ס טראָהן, די קרוין איז אויף זיין קאָפּ און אסתר לאַסטשעט איהם מיט איהרע שעהנע צאַרטע הענט. זי קושט איהם און ער נעמט איהר ארום... איצט איז דאס אַלץ בלויז א טרוים, אבער אויב ער זאָל נאָר וועלען קען עס גאַנץ שנעל פארווירקליכט ווערען. וועט ער דען האט האבען געגוג מוטה און וואגונגס־קראַפט דאס צו טאן אזא זאך. אבער פארוואס נישט. ווען איהם זאל נאר געלינגען נאך אמאל ארויסצוקריגען דעם קעניג'ס זיגעל־רינג, דאן וועט דאך גאָר קיין סכנה נישט זיין פאר איהם. ער וועט עס מאכען גאַנץ שנעל און איידער אחשורוש וועט זיך ארומזעהן, וועט שוין ווערען באקאַנט איבער'ן גאַנצען לאַנד, אז די מלוכה איז איבערגעגעבען געוואָרען צו המן'ען... און וואס קען איהם אחשורוש דאן טהאָן. ער וועט זיין

צופרידען אויב ער וועט בלייבען לעבען. די פראגע איז בלויז נאר, אויב אחשורוש וועט איהם דאס וועלען אנפארטרויען א צווייטען מאל. אבער פאר וואס נישט? אחשורוש'עס פריינדשאפט און ליבשאפט צו איהם ווערט נאך גרעסער פון טאג צו טאג. האט ער דען נישט באוויליגט צו געבען עמטער צו זיינע צעהן זיהן? זיי וועלען איהם אין דעם ארויסהעלפען. ווען ער וועט קריגען דעם קעניג'ס חתימה און ער וועט עס ארויפלייגען אויף דעם פארמעט, וועט ער גלייך לאזען וויסען זיינע זיהן פון דעם. זיי וועלען האלטען אנדערע פארמעטען מיט דער זעלבער חתימה און ווען די צייט וועט קומען, וועלען זיי עס צייגען די איבעריגע שרים. און דאן וועלען זיי אויסשרייען:

"לאנג לעבען זאל אונזער נייער קעניג המן!"

המן האט א ציטער געטאן פון אזעלכע געדאנקען... ווי אזוי וועט ער דאס קענען פאררעטען דעם קעניג, אין דער צייט ווען ער איז אזוי גוט צו איהם. באלד אבער האט ער זיך אליין פארענטפערט: דאס טהוט ער וויל ער האט ליב אסתר'ן. ווען עס וואלט פאר איהם מעגליך געווען צו קריגען אסתר'ן נישט זייענדיג דער קעניג, וואלט ער פיליכט גארנישט געשטרעבט צו פארכאפען די קרוין. אבער אזוי ווי דאס איז אוממעגליך, וועט ער שוין מוזען פארכאפען אויך די קרוין.

די פרסית, ירוחם דעם שמיד'ס פרוי, איז, נאכדעם ווי זי איז ארויסגעטריבען געווארען פון שוהל, גלייך אוועק צו המן'ס הויז און א היבשע ווייל געשטאנען דארטען נעבען טיהר, ביז וואנען איינע פון המן'ס טעכטער האט איהר דערזעהן.

— וואס איז דיין פארלאנג? — האט זי איהר געפרעגט, — פארוואס שטעהסטו נעבען טיהר?

— איך בין ירוחם דעם שמיעד'ס ווייב! — האט זי אויסגערופען און איך בין אנטלאפען געווארען פון זיין הויז. קענסטו פיליכט פאר מיר קריגען ערלויבנים ביי דיין מוטער, אז איך זאל אריין אין הויז. איך האב זעהר וויכטיגעס מיט איהר צו ריידען.

המן'ס טאכטער האט איהר באטראכט פון אויבען ארונטער און זיך אפגערופען:

— גוט, איך וועל זאגען מיין מוטער, און זי איז גלייך אריין אין הויז. באלד איז ארויסגעקומען דלפון און אויסגערופען:

— איך בעט דיר, דערצעהל גארנישט צו מיין מוטער וועגען דיין טאכטער עדה און מיר. אויב דו וועסט מיר נישט פאלגען, וועסטו ערגער מאכען... מיין מוטער טאר פון גארנישט וויסען.

— אבער איך מוז דאך ראטעווען מיין טאכטער, — האט זי צו דלפון'עז געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען — זיי האבען איהר פון מיר אוועקגענומען און ווען איך זאל איהר גלייך נישט ארויסקריגען פון זייערע הענט וועט זי נאך חתונה האבען מיט שמעון, גדליה'ס זוהן.

— דו קענסט מיין מוטער דערצעהלען אלץ וועגען דיין טאכטער, אבער מיש נישט אריין מיין נאמען. אויב דו וועסט מיך פאלגען, פארזיכער איך דיר,

אז איך און מיינע ברידער וועלען דיר קענען באהילפיג זיין. איך וועל מיט זיי אוועקגעהן צו גדליה'ס הויז און מיט געוואלד ארויסנעמען פון דארטען דיין טאכטער.

— און דו ליעבסט איהר שוין מעהר נישט? — האט די פרסית איהם געפרעגט.

— איך ליב איהר נאך אליץ, כאטש זי האט מיר שוין איינינע מאל באליי־דיגט, — האט דלפון געזאגט — אבער איך באשווער דיר ביי די געטער פון פרס, אז דו זאלסט קיין ווארט נישט דערצעהלען וועגען מיין ליבע צו דיין טאכטער, צו מיין מוטער.

— איך פארשפרעך דיר עס צו טאן! — האט די פרסית אויסגערופען — זאל איך פיללייכט אינגאנצען פון דאנען אוועקגעהן?

— דו קענסט אריינקומען אין אונזער הויז. איך האב געהערט ווי מיין שוועסטער האט דערצעהלט די מוטער, אז דו פארלאנגסט ערלויבעניש אריינצו־קומען און איך האב געזאגט, אז איך וועל דיר הייסען אריינקומען.

די פרסית איז אריין אין המן'ס הויז.

זרש איז איהר אנטקעגען געגאנגען און איהר געפרעגט וואס זי פארלאנגט.

— דו וועסט מיר פארגעבען וואס איך בין געקומען שטערען דיין רוה, מיין הארינטע. אבער דער צארן פון די געטער האט זיך אויף מיר אויסגעגאסען... זיי באשטראפען מיר איצט פאר די זינד וואס איך בין אמאל באגאנגען און חתונה געהאט מיט א אידען.

— אה, דו ביזט דאך דעם שמיעד'ס פרוי — האט זרש זיך געמאכט ווי זי האט זיך דערפון ערשט דערוואוסט.

— יע, צו מיין גרויסען אומגליק בין איך נאך זיין פרוי.

— אבער דו ביסט דאך א פערסישע פרוי, דעריבער האסטו זיך נישט וואס צו שרעקען — האט זרש איהר געוואלט טרייסטען — די גזירה איז נאר אויס־צוקויילענען אלע אידען. אין דעם באשטימטען טאג וועסטו קענען זיין אין מיין הויז און קיין שלעכטעס וועט דיר נישט געשעהן.

— אבער מיין הארינטע! — האט די פרסית אויסגערופען מיט א וויי־נענדיגע שטימע — איך בין באזארגט וועגען מיין טאכטער. די געטער האבען מיר געשאנקען זעהר א שעהנע טאכטער, עדה הייסט זי, אבער מיין מאן האט איהר ערצויגען אין דעם אידישען גייסט.

— מיין עצה וואלט געווען, אז דו זאלסט איהר חתונה מאכען פאר א פער־סיער, — האט זרש איהר געראטען — דאמיט וועט זי זיך קענען ראטעווען פון א זיכערען טויט.

— אט וועגען דעם בין איך טאקע אהער געקומען בעטען הילף, — האט זי געזאגט.

דלפון האט געווארפען אויף איהר א בייזען בליק און די פרסית האט עס באמערקט.

— מיין טאכטער געפינט זיך איצט צווישען די אידען און זיי ווילען איהר נישט ארויסגעבען צו מיר, און ווי עס ווייזט אויס, וועלען זיי איהר חתונה מא־כען מיט א אידען.

— דו מיינסט, אז זיי וועלען איהר צווינגען חתונה צו האבען געגען איהר ווילען? — האט זרש איהר געפרעגט.

— ניין! אבער זיי האבען אזוי פארדרעהט איהר קאפ, אז זי אליין האט זיך גענומען איינריידען דאס זי ליעבט איינעם שמעון'ען, וועלכער איז אן אומ־ווירדיגער יונגערמאן.

— איז דאס דער זעלבער שמעון וועלכער האט זיך געהאט מיט אייך אנ־געפאנגען, — האט זיך זרש געווענדעט צו איהרע זיהן.

— אויב זיין פאטער'ס נאמען איז גדליה איז עס דערזעלבער שמעון, — האט דלפון געזאגט.

— און וואס ווילסטו איך זאל פאר דיר טאן?—האט איהר זרש געפרעגט.

— פיליכט וועט מיין הארינטע קענען בעטען דעם הער המן, און ער וועט זיי צווינגען מיר ארויסצוגעבען מיין טאכטער.

— איך צווייפעל אויב המן וועט עפעס וועלען טאן פאר דיר אין דער איצטיגער צייט... פארשטעהסטו מיר, מיין מאן האט ארויסגעגעבען די גזרה און האט באשטימט א געוויסען טאג אויסצוראטען אלע אידען און עס איז פארשטענדליך, אז ביז וואנען דער טאג וועט אנקומען, וועט ער די אידען צו־רוה לאזען. און אזוי ווי דו אליין האסט צוגעגעבען אז דיין טאכטער איז ער־צויגען געווארען אלס אידישע מיידעל, וועלען מיר אלע איינס גארנישט קענען טאן פאר איהר. ווען זי וואלט חתונה געהאט מיט א פערסיער איידער די גזרה איז ארויסגעגעבען געווארען וואלט זי זיך דאמיט געקענט ראטעווען, אבער איצט האב איך מורא אז דאס וועט שוין איהר אויך נישט העלפען.

— איך מוז אבער ראטעווען מיין טאכטער! — האט די פרסית גענומען זאמערן.

— די איינציגע עצה וואס איך קען דיר געבען, — האט זרש זיך אפגערו־פען — איז אז דיין טאכטער זאל אומבייטען איהר גלויבען. זאל זי אנפאנגען מתפלל צו זיין צו אונזערע געטער און דערצו זאל זי זיך שטעלען ארבייטען אלס דינסט אין א פערסישע הויז, וועט זי דאמיט קענען ראטעווען איהר לעבען.

— אח, מוטער! זאל זי ארבייטען אלס דינסט אין אונזער הויז — האט דלפון אויסגערופען — מיר נויטיגען זיך דאך אין א דינסט.

— דו ביזט גערעכט מיין זוהן. — האט זרש געזאגט מיט א שמייכעל — אויב זי וועט וועלען אומבייטען איהר גלויבען און ווערען א ריכטיגע פערסישע מיידעל, וועל איך איהר ערלויבען צו ארבייטען אין מיין הויז אלס דינסט.

— איך צווייפעל אויב זי וועט עס וועלען טאן — האט די פרסית געזאגט מיט זארג.

— דאן קען איך פאר איהר גארנישט טאן! — האט זרש אויסגערופען.

די פרסית איז געבליבען שטעהן מיט אן ארונטערגעלאזענע קאפ און האט א ווײלע געשוויגען.

— איך ווייס נישט וואס צו טאן מיט זיך זעלבסט — האט זי געזאגט מיט א נידעריגע שטימע — איך קען זיך מעהר נישט צוריקקעהרען צו מיין מאן אין הויז און איך האב נישט וואו צו זיין. ווען איך וואלט אליין געקראגען א

שטעלע ביי א פערסישע משפחה אלס דינסט, וואלט איך זיך זעהר גליקליך געשעצט.

זרש האט איהר נאכאמאל באטראכט און זיך צו איר אפגערופען:

— אויב דו ווילסט קענסטו ווערען מיין דינסט. דו קענסט זיך גלייך שטעלען ארבייטען אין מיין הויז.

— אה, איך דאנק דיר, מיין הארינטע, — האט די פרסית א צופרידענע געזאגט.

זינט יענעם טאג איז די פרסית, ירוחם דעם שמיעד'ס ווייב, געווארען א דינסט אין המן'ס הויז.

דלפון האט פון איהר נאך אמאל ארויסגעקראגען א פארזיכערונג אז זי וועט ניט אריינמישען זיין נאמען. נאכהער האט ער זיך צו איהר אפגערופען:

— זאג מיר אויף ווען איז בעשטימט געווארען די חתונה פון דיין טאכטער מיט שמעון'ן?

— לויט די ווערטער פון מיין מאן, האב איך מורא, אז די חתונה צווישען עדה'ן און שמעון'ען וועט פארקומען נאך היינט ביינאכט, — האט די פרסית אויסגערופען מיט פארצווייפלונג, — און אויב עס וועט באלד גארנישט געטהאן ווערען, האב איך מורא אז עס וועט זיין פארפאלען. מיין טאכטער וועט צו מיר אויף אייביג פארלארען זיין.

— אויב עס וועט דיר געלונגען נישט צו דערלאזען אז די חתונה זאל פארקומען, דאן איז נאך פאראן א מעגליכקייט צו ראטעווען דיין טאכטער, — האט דלפון איהר געזאגט.

— אבער איך בין דאך אזוי הילפלאז, — האט זי איהם געענטפערט, — איך וועל שוין מעהר נישט קענען געהן אהין צו זיי, ווייל ווען מיין מאן וועט מיך דארטען דערזעהן, וועל איך שוין קיין לעבעדיגע פון זיינע הענד נישט אוועקגעהן.

— איך האב א פלאן! — האט זיך דלפון אפגערופען, — מיר וועלען דארפען אויסקלעהרען א חטא אויף שמעון'ען, פאר וואס מיר זאלען האבען א רעכט איהם אריינצושפארען אין תפיסה און דאמיט וועלען מיר צייטווייליג פארמיידען די חתונה, און מעגליך אז מיר וועלען איהם קענען האלטען אין תפיסה ביז דעם טאג פון דער גזרה, און דאן וועלען מיר איהם קענען טויטען.

— דיין פלאן געפעלט מיר זעהר! — האט די פרסית געזאגט, און איהר פנים האט אויפגעלויכטען, — אבער אין וואס פאר א פארברעכען וועסטו איהם קענען בעשולדיגען, אז מען זאל איהם קענען פארהאלטען אזוי לאנג.

— איך וועל זיך בעראטהען מיט מיין עלטערען ברודער פרשנדתא, ער טראגט אויף איהם א שנאה, ער וועט באלד אנקומען פון פאלאץ... דו מעגסט רוהיג זיין אז ער וועט שוין געפינען א מיטעל ווי אזוי צו ארעסטירען שמעון'ען.

אין אבענד ווען אלע זיהן פון המן זיינען געקומען אהיים, האט דלפון אריינגערופען זיין עלטערען ברודער און איהם איבערגעגעבען אלעס וועגען דער פרסית און איהר טאכטער.

— אויב מיר וועלען היינט ניט צושטערען זיינע פלענער, — האט דלפון געזאגט — וועט קיין האפנונג ניט בלייבען פאר עדה'ן.

— מיר קימערט נישט אויב עדה וועט פארטיליגט ווערען צוזאמען מיט די

איבריגע אידען! — האט פרשנדתא געזאגט, — דו ווייסט דאך, אז זינט דאן ווען איך בין צוליעב איהר באליידיגט געווארען, בין איך גלייכגילטיג צו איהר און מיך קימערט אויך נישט וואס מיט איהר וועט פאסירען.

— דאס אבער דארפסטו טהאן צוליעב איהר מוטער, דו ווייסט דאך, אז זי איז א פרסית און זי איז צו אונז אימער געווען גוט, און יעצט איז זי דאך אויך אונזער דינסט, דאריבער איז אונזער פליכט איהר ארויסצוהעלפען, און א חוץ דעם וועט אונז פיעלייכט געלינגען איהר צו באקעהרען צו אונזער אמונה... אבער ווי עס זאל נישט זיין, טארען מיר נישט דערלאזען אז שמעון זאל מיט איהר חתונה האבען. מיר מוזען איהם ציינען, אז מיר האבען די מאכט צו טהאן וואס מיר ווילען. מיר מוזען זעהן איהם נאך היינט אין אבענד צו ארעס־טירען.

— דאס וועסטו קענען זעהר לייכט אויספיהרען! — האט פרשנדתא זיך אפגערופען, — איך וועל שוין געפינען אן אויסרייד און וועל קומען מיט עטליכע פאליציי בעאמטע און איהם ארעסטירען.

— דאס מוז אבער באלד געטהאן ווערען, ווייל אויב מיר וועלען פארזאמען.

— וואו איז ויזתא? — האט פרשנדתא געזאגט, — ער וועט אונז קענען וועט מעגליך זיין אלעס פארפאלען, — האט דלפון געזאגט.

אין דעם ארויסהעלפען.

דלפון האט גלייך אריינגערופען ויזתא'ן און נאכדעם ווי זיי האבען איהם איבערגעגעבען דעם גאנצען פלאן, האט פרשנדתא צו איהם געזאגט:

— דו וועסט דארפען זעהן אריינצוקומען אין דעם הויז פון שמעון'ס פאטער און פאראורזאכען א טומעל, דאן וועט דאך שמעון ארויסגעהן זיך נעהמען שלא־גען מיט דיר, וועל איך און דלפון אנקומען מיט איניגע פאליציי בעאמטע... דו וועסט בעשולדיגען שמעון'ען אז ער האט געשאלטען אונזער פאטער און איז ארויפגעפאלען דיך שלאגען. און דאן וועט עס זיין זעהר גרינג איהם צו ארעסטירען.

— גוט! — האט ויזתא אויסגערופען מיט גרויס פרייד, — איך וועל גלייך אהין אוועקגעהן.

מיט צוויי שטיינער אין זיין קעשענע, איז ויזתא אוועקגעגאנגען אין דער אידישער גאס, אין דער ריכטונג פון שמעון'ס הויז, און נאך איהם זיינען נאכ־געגאנגען פרשנדתא און דלפון מיט איניגע פאליציי בעאמטע. זיי זיינען גע־שטאנען בעהאלטען הינטער די בוימער.

— דערפאר וואס איהר וועט אונז ארויסהעלפען אין דעם, וועט יעדער פון אייך בעקומען א צעהנט חלק פון דעם גאנצען רייכטום פון שמעון'ס משפחה.

— האט דלפון זיך אפגערופען צו די פאליציי בעאמטע — איהר וועט דארפען דערצעהלען אז צוטרעפליך זייט איהר פארבייגעגאנגען און אליין מיט אייערע אויערען געהערט ווי שמעון האט געלעסטערט דעם פערסישען גאט און אויך געשאלטען אונזער פאטער, המן. דאן זאלט איהר איהם אוועקנעהמען אין תפיסה. זיין משפט וועט אפגעלייגט ווערען ביז דעם לעצטען טאג, און איידער זיינע דייך וועלען אויסגעהערט ווערען, וועט ער שוין אלץ איינם דארפען געטייטעט ווערען, אזוי וועט קיינער נישט וויסען אז א בלבול איז אויף איהם געמאכט געווארען.

אין דעם הויז פון גדליה, שמעון׳ס פאטער, זיינען פיעלע אידען, די גוטע פריינד פון דער משפחה זיך צוזאמענגעקומען. כאטש אויפ׳ן הארצען איז אלעמען געווען ביטער און טרויעריג, און יעצט איז נישט געווען קיין פאסענדע צייט צו פראווען א חתונה, האבען דאך אלע געוואוסט, אז די חתונה צווישען שמעון און עדה׳ן, די טאכטער פון ירוחם דעם שמיער, מוז גלייך פארקומען, בדי צו ראטעווען עדה׳ן. דאס זיין געגרייט זיך מקריב צו זיין פאר איהר אידישקייט און פאר איהר ליעבע צו שמעון׳ען האט גערירט אלעמענס הערצער. יעדער האט געוואוסט אז ווען עס וועט געלינגען די פרסית נישט צו דערלאזען אז עדה זאל חתונה האבען מיט שמעון׳ען, דאן וועט איהר נעקסטער שריט זיין אפצו׳שמד׳ן איהר טאכטער אין גאנצען אויף א פערסישע מיידעל, און דאן וועט זי זיין פארפאלען צום אידישען פאלק אויף אייביג.

ווען עס איז בעקאנט געווארען אז דעם שמיעד׳ס טאכטער איז אנטלאפען פון איהר פערסישער מוטער, ווייל זי האט געוואלט איהר חתונה מאכען מיט איינעם פון המן׳ס זיהן, איז עדה געשטיגען אין אלעמענס אויגען... כאטש אין די פריהערדיגע צייטען, פלעגט מען אויף איהר קיקען קרום, און פיעלע האבען נישט געוואלט לײדען ווען דער שמיעד פלעגט איהר ברײנגען אויף יום טוב אין שוהל, יעצט אבער האט זי נושא חן געווען אין אלעמענס אויגען.

— זי בעזיצט אן אמת׳ע אידישע הארץ און נאבעלע נשמה, — האט מען צווישען זיך גערעדט, — אין אזא צייט ווען צו זיין א איד מיינט טויט, איז זי געקומען און עפענטליך ערקלעהרט אז זי איז א אידישע טאכטער.

— עס וואלט פאר איהר זעהר גרינג געווען זיך אפצוראטעווען, בפרט ווען איינער פון המן׳ס זיהן וואלט מיט איהר חתונה געהאט.

— זי ווייסט גאנץ גוט אז ווען זי וועט חתונה האבען מיט שמעון׳ען איז איהר גורל פארזיגעלט... די גזרה וועט אויף איהר אויך חל זיין... יא, זי ברײנגט א קרבן אויף דעם מזבח פון איהר ליעבע צו שמעון׳ען... ביי איהר איז רעכט צו לעבען בלויז איניגע מאנאטען מיט דעם וועמען זי ליעבט און שטארבען אלס אידישע טאכטער, איידער צו לעבען א גליקליך לעבען זייענדיג פארהייראט צו א פערסיער.

— און לאמיר זיך נישט נארען, ביי יעצטיגער צייט איז עס זעהר א גרויסער כבוד פאררעכענט צו ווערען פאר המן׳ס שנור. און ווער ווייס אויב פיעלע פון אונזערע טעכטער וואלטען אזא נסיון געקענט ביישטעהן.

די חתונה פון שמעון׳ען און עדה׳ן איז בעשטימט געווארען אויף דיזען אבענד, און צווישען די געסט איז אויך געווען מרדכי, וועלכער האט געזאלט זיין דער מסדר קדושין.

אלע זיינען געווען אפגעשוואכט פון פאסטען. פון דעסטוועגען האט מען די חתונה נישט געוואלט אפלייגען, ווייל יעדער האט מורא געהאט אז עפעס זאל נישט פאסירען אין עדה זאל מיט געוואלד אוועקגענומען ווערען פון איהר מוטער.

א טרויעריגע שטילקייט האט געהערשט אין גדליה׳ס הויז. די געסט וועלכע האבען זיך געהאט פארזאמעלט צו דער חתונה, האבען מיט פארקלעמטע הערצער און מיט אומעטיגע בליקען געקוקט אויף חתן־כלה. עס איז אויסגעקומען אז נישט צו א חתונה האט מען זיך דא יעצט פארזאמעלט, נאר צו א לויה. די פרויען האבען שטילערהייט געכליפעט.

— אזא יונגע ליעבליכע פּאָר... וועלען אפילו קיין יאהר צוזאמען נישט לעבען און וועלען געקוילעט ווערען.

באלד האָט מען די חופּה געבראכט אין הויז. מען האָט מורא געהאט צו שטעלען די חופּה אין דרויסען אונטער׳ן פרייען הימעל.

מרדכי האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ און מיט שוואכע טריט צו־געגאנגען צו חתן־כלה. ער האָט געזאגט א שטילע תפלה.

די שטילקייט איז געווען אָן אנגעשטרענגטע. די אויגען זיינען געווען צו־שראָקען. די הערצער האבען ביי אלעמען געקלאפּט און נאָך מעהר ביי שמעון׳ען און עדה׳ן. באלד ווערט זייער זיסער חלום פארווירקליכט, זיי וועלען פארבונדען זיין ביז וואנען דער טויט וועט זיי פאנאנדערטיילען.

פּלוצלינג האָט זיך געהערט א בריאזג... א שווידער איז דורכגעלאפען אלע־מענס קערפּערס. יעדער האָט אָנגעפאנגען צו ציטערען. מען איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו די פּלעצער... אפילו ירוחם דער שמיעד, וועלכער האָט ארויסגעצייגט די לעצטע עטליכע טעג זעהר פיעל בראַווקייט, איז אויך גע־בליבען שטעהן א צוטומעלטער און זיך נישט גערירט פון אָרט.

א צווייטער בריאזג האָט זיך געהערט. נאָך א שויב איז צושמעטערט געוואָרען.

שמעון האָט איבערגעלאזען עדה׳ן שטעהענדיג נעבען מרדכי׳ן און אליין איז ער שנעל ארויסגעלאפען אין דרויסען צו זעהן ווער עס איז געקומען שטערען. ער האָט גלייך באמערקט ויזתא׳ן, וועלכער האָט אין זיין האנד געהאלטען א שטיין און זיך געצילעוועט אין א צווייטען פענסטער.

— ווי אזוי וואגסטו צוצושטערען אונזער רוה — איז שמעון צו איהם צוגעלאפען און גענומען ארויסרייסען פון איהם דעם שטיין.

— איך וועל דיר צייגען ווי אזוי צו שילטען מיין פאטער. — האָט ויזתא הויך א געשריי געטהאָן.

באלד זיינען פון זייערע באהעלטענישען ארויסגעשפּרונגען פרשנדתא, דלפון און די פּאָליציי בעאמטע און אנגענומען שמעון׳ען פאר׳ן האנד.

— דו האסט בעליידיגט אונזערע געטער און אונזער האר, המן, — האָט איינער פון די בעאמטע אויסגערופען. — דו ווערסט דערפאר ארעסטירט.

— שמעון האָט זיך גענומען ראנגלען מיט זיי. עס איז געוואָרען א טומעל און גלייך איז עדה ארויסגעלאפען זעהן וואָס דאָ קומט פאָר, און ווען זי האָט דערזעהן איהר חתן אין די הענד פון די פּאָליציי בעאמטע, האָט זי ארויסגעלאזען א געשריי און געפאלען אין חלשות.

באלד זיינען אויך אלע פערזאמעלטע ארויס. ירוחם האָט גענומען מינטערען זיין טאָכטער... און די איבריגע אידען האבען גענומען ארומרינגלען די פּאָליציי מיט המן׳ס זיהן, וועלכע האבען געהאלטען שמעון׳ען גאנץ פעסט אין זייערע הענד.

— באפרייט שמעון׳ען, — האָבען די אידען היסטעריש געשריען, — ער האָט קיין פארברעכען בעגאנגען.

— ער האָט געלעסטערט אונזער גאָט און בעליידיגט המן׳ען, — האָבען די פּאָליציי זיי געענטפערט, — דאריבער וועט ער מוזען איינגעשפּארט ווערען אין תפיסה ביז וואנען מען וועט איהם דערפאר משפּט׳ן...

דער כעס און צארן האט ביי אלעמען געברענט. זיי זיינען נעהנטער צוגעקומען און פארלאנגט פון די בעאמטע זיי זאלען איהם אפלאזען.

— מיר ווייסען אז דאס איז א פארשווערונג פון המן'ס זיהן! מיר פארלאנגען אז מען זאל איהם באפרייען.

— באפרייען!? — האט זיך איינער פון די בעאמטע פאנאנדערגעלאכט.

— מיר ווען איהם באפרייען דעם דרייצעהנטען אדר, כדי מען זאל איהם קענען טויטען צוזאמען מיט די איבריגע אידען.

אייניגע פון די אידען האבען זיך א לאז געטהאן צו די בעאמטע און געוואלט באפרייען שמעון'ען מיט געוואלד, אבער די פאליציי בעאמטע האבען שנעל זייערע שווערדען ארויסגעצויגען און אויסגערופען:

— אויב אימיצער פון אייך וועט וואגען צוצוקומען נעהנטער וועט ער גלייך זיין קאפ פארלירען.

א טויט שרעק איז אנגעפאלען אויף די אידען און זיי האבען זיך אומגעקעהרט פארביטערטע און צושראקענע.

ווען ירוחם האט אפגעמינטערט זיין טאכטער, איז שוין שמעון געווען גאנץ ווייט אוועק מיט די פאליציי בעאמטע.

עדה האט געמאכט א פארזוך נאכצולויפען, אבער מען האט איהר נישט געלאזען.

— דו וועסט איהם גארנישט קענען העלפען, מיין טאכטער! — האט ירוחם זיך אפגערופען, — דיין מוטער האט אין דעם א האנד. זי האט עס אפגעמאכט מיט המן'ס זיהן... מיר זיינען אלע הילפלאז, מיר וועלען גארנישט קענען טהאן... מיר וועלען זיך מוזען בענוצען מיט די איינציגע וואפען וואס איז אונז פארבליבען — תפלה! מיר וועלען וויטער בעטען גאט ער זאל זיך נוקם זיין אן אלע אונזערע שונאים!

— אבער איך קען זיך מעהר נישט אומקעהרען אהיים... — האט עדה געוויינט, — זיי וועלען מיך געוויס פון דארטען אוועקנעהמען און מיך צווינגען צו טהאן זייער ווילען.

— יא, מיין טאכטער! איך ווייס אויך אז מיין הויז איז פאר דיר יעצט קיין פלאץ נישט... דיין מוטער וועט נישט רוהען ביז וואנען זי וועט אויספיהרען אלעס וואס זי וויל, און בפרט יעצט ווען זי געפינט זיך אין המן'ס הויז.

— אבער אין דיזען הויז טאר זיך דיין טאכטער יעצט אויך נישט געפינען!

— האט מרדכי זיך אפגערופען צו ירוחם'ן — דאריבער וואלט איך דיר געראטהען אז זי זאל קומען צו מיר אין הויז... דארטען וועט זי זיין א סך זיכערער... מיין קציעה וועט איהר גוט ציזעהן און קיינער פון די פערסיער וועט אפילו נישט חושד זיין אז זי געפינט זיך אין מיין הויז. און ווען גאט וועט אויף אונז אלעמען רחמנות האבען און די גזרה וועט בטל ווערען, וועלען מיר דאן אויך קריגען גערעכטיגקייט פאר שמעון'ען.

מיט פארקלעמטע הערצער זיינען זיך די געסט צוגאנגען, יעדער צו זיין הויז.

עדה איז אוועק צו מרדכי'ן און נאכדעם ווי ער האט דערצעהלט קציעה'ן וואס עס איז פארגעקומען, האט קציעה ארומגענומען עדה'ן, איהר געהאלזט און געקושט און געזאגט:

— ווי מיין אייגענע טאָכטער וועסטו צו מיר פאררעכענט ווערען. איך האָף צו גאָט, אז ער וועט אויף אונז אלעמען רחמנות האָבען און אונז ראטעווען פון המן'ס הענד... די קעניגין אסתר, וועלכע איז צו מיר אויך פאררעכענט געוואָרען ווי א טאָכטער, שווייגט נישט אין דעם, און עס איז צו האָפען אז גאָט וועט שיקען די ישועה דורך איהרע הענד, און דאַן מעגסטו זיכער זיין אז איך וועל איהר אויך בעטען פון דיינעטוועגען צו פועל'ן ביים קעניג מען זאָל דיין שמעון'ען באפרייען פון געפענגנים. ערשט דאַן וועלען מיר פראַווען דיין חתונה מיט פרייד און גליק.

עדה האָט מיט טרעהרען אין די אויגען געדאנקט קציעה'ן פאר איהרע טרייסט־ווערטער... אָבער אין איהר הארצען האָט זי געהאַט זעהר ווייניג האָפנונגען אויב זי וועט שוין ווען עס איז זיך זעהן מיט איהר חתן שמעון.

---

מיט גרויס פרייד איז דלפון געלאָפען דער ערשטער אהיים אנצוזאָגען דער פרסית די שמחה אז שמעון איז ארעסטירט געוואָרען נאָך איידער איהר טאָכטער האָט מיט איהם חתונה געהאַט.

— און וואו איז מיין טאָכטער? — האָט זי איהם געפרעגט.

— דאָס ווייס איך נישט! — האָט דלפון געענטפערט, — אָבער דו מעגסט זיכער זיין אז זי וועט שוין שמעון'ען נישט הייראַטען! ער איז שוין פארשפּאַרט אין געפענגנים אויף דער שולד אז ער האָט געלעסטערט אונזערע געטער, און איידער דער משפט וועט פאָרקומען, וועט ער אלץ איינס צוזאַמען מיט די איבריגע אידען אומקומען.

— אָבער וואָס וועט פּאַסירען מיט מיין טאָכטער? — האָט זיך די פרסית אלץ נאָך נישט בארוהיגט, — וועסטו זעהן איהר צו בעשיצען?

— דאָס וועל איך קענען טהאָן, סיידען זי זאָל אננעהמען אונזער גלויבען!

— האָט דלפון איהר געענטפערט.

— כל זמן זי וועט זיך געפינען צווישען די אידען, אָדער אין דעם רשות פון מיין מאַן, וועט זי עס קיינמאָל ניט טהאָן, — האָט די פרסית געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען, — אה, ווען אנשטאַט צו נעהמען שמעון'ען וואָלט איהר מיין טאָכטער פון דאָרטען אוועקגענומען וואָלט איך זיך א סך גליקליכער געפיהלט. יעצט אָבער וועט זיך עדה געפינען מיט איהר פאָטער און אונטער זיין השפעה וועט זי אפילו ניט טראַכטען וועגען אננעהמען די פערסישע אמונה.

— מיין מוטער האָט געהאַט צוגעשטימט אז עדה זאָל ארבייטען אלס דינסט אין אונזער הויז. און אויב זי וועט צישטימען דערצו, וועל איך שוין זעהן איהר ארויסצוקריגען פון איהר פאָטערס הויז.

— זי וועט מוזען צושטימען! — האָט די פרסית אויסגערופען, — וואָס דען? וועט דען זיין בעסער פאר איהר אז זי זאָל געטויטעט ווערען צוזאַמען מיט די איבריגע אומווירדיגע אידען... און איך קען דיר פארזיכערען, — האָט זי מיט עטוואָס א נידריגער שטימע געזאָגט, — אז ווען מיין טאָכטער וועט זיך געפינען מיט דיר אין איין הויז, וועט זי דיר אנפאַנגען ליעב צו האָבען, און זי וועט נאָך צושטימען מיט דיר חתונה צו האָבען.

— המ... ליעב צו האָבען... דאָס יאָ... אָבער דו קענסט דאָך נישט ערוואַר־

טען אז איך זאָל מיט דיין טאָכטער חתונה האָבען, — האָט דלפון גענומען שטאַמלען.

— וואָס ?... האָסטו דען איהר מעהר ניט ליעב ?

— אַה, יאָ... דיין טאָכטער איז זעהר א שעהנע, שעהנער פון אַלע אַנדערע פּערסישע מיידלעך. אָבער דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען, אז זי שטאַמט פון א אידישען פאָטער, און ווי אַזוי וועט עס אויסזעהן פאַר המן׳ס א זוהן צו הייראַטען אזא מיידעל !..

— אָבער דו ביזט דאָך געקומען מיך בעטען אז זי זאָל דיין פרוי ווערען ! האָסטו שוין חרטה ?

— איך מוז זיך פאַר דיר מודה זיין, אז איך בין קיינמאָל נישט געווען ערנסט. יאָ... אפשר פריהער איידער מיין פאָטער איז דערהויבען געוואָרען... אָבער יעצט, אז מיין פאָטער איז דער משנה למלך און איך אַליין פאַרנעהם אויך א וויכטיגען אמט אין פּאַלאַץ... איך בין זיך מודה אז איך וואָלט איהר געקענט ליעבען, אָבער... קיינער וואָלט דערפון נישט געטאָרט וויסען..

— און וועסטו איהר נישט ראַטעווען ? — האָט די פּרסית איהם גע־פרעגט מיט א וויינענדיגער שטימע.

— דאָס וועל איך קענען טהאָן פאַר דיר. איך מיט מיינע ברידער וועלען אוועקגעהן צו דיין מאַן אין הויז און פון דאָרטען מיט געוואַלד אוועקנעהמען און איהר איבערגעבען אין דיינע הענד. ביזטו צופריעדען ?

— איך וועל אייך אַלעמען דאַנקבאַר זיין אויב איך וועל דורך אייך צוריק־קריגען מיין טאָכטער.

אויף מאָרגען האָט דלפון געזאָגט דער פּרסית אז ער האָט גוט אויסגע־פאָרשט און אויסגעפונען אז עדה געפינט זיך נישט מעהר מיט איהר פאָטער אין הויז.

— אויב אַזוי געפינט זי זיך אין דעם הויז פון גדליה, שמעון׳ס פאָטער !

— פון דאָרטען וועלען מיר איהר געוויס קענען אוועקנעהמען ! — האָט דלפון געזאָגט, — שמעון איז אין געפענגניס אונטער א שווערע קלאַגע און אויב גדליה וועט נישט וועלען ארויסגעבען דיין טאָכטער, דאַן וועט ער ערגער מאַכען.

דעם זעלבען טאָג איז דלפון געקומען און געלאָזט וויסען דער פּרסית אז עדה געפינט זיך נישט אין דעם הויז פון שמעון׳ס פאָטער.

— איך וועל איהר שוין געפינען ! — האָט די פּרסית אויסגעשריען, — איך וויים אז מיין מאַן בעהאַלט איהר אויס אין הויז, אָבער פאַר מיר וועט ער איהר נישט קענען בעהאַלטען.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

## אסתר, אחשורוש און המן

דריי טעג האָט אסתר געפאַסט און מתפּלל געווען צו גאָט ער זאָל אריינ־געבען א געדאַנק אחשורוש׳ן איהר איינצולאַדען צו זיך... איהר האָט זיך זעהר נישט געוואָלט קומען צו איהם אָהן אן איינלאַדונג, זי האָט נישט געקענט פאַר־

שטעהן פארוואס ער האט אז איהר אין גאנצען פארגעסען. איז עס מעגליך אז ער האט איהר שוין מעהר נישט ליעב... און יעצט ווען זי וועט קומען צו איהם, וועט ער פיעלייכט אין כעס ווערען און ניט אויסשטרעקען זיין גאלדענע רוט... דאן וועט זי דאך איהר לעבען פארשפיעלען... זי וויים אז דאס איז דער געזעץ. אז ווען אימיצער קומט צום קעניג נישט איינגעלאדענערהייט ווערט ער גלייך געטויטעט, סיידען דער קעניג שטרעקט אוים צו איהם זיין גאלדענע רוט... און דאס איז אויך גילטיג פאר דער קעניגין. וואס וועט זיין אז אחשורוש וועט זיין אונצופרידען מיט איהר פלוצלינגען בעזוך און ער וועט נישט דערלאנגען זיין רוט, דאן וועט זי דאך פארשפיעלען איהר לעבען. נישט פאר איהר לעבען איז זי בעזארגט. אבער מיט איהר טויט וואלט אויך פארלארען געגאנגען די לעצטע האפנונג פון אלע אידען פון פרס און מדי. המן דער רשע וואלט דאן אונגעשטערט דורכגעפיהרט די שוידערליכע גזרה... אפשר וואלט געווען בעסער אז זי זאל זיך פריהער לאזען מעלדען צום קעניג? — האט אסתר געטראכט, — דאן וואלט די סכנה נישט געווען אזוי גרוים... אבער וואס וועט זי טהאן אויב ער וועט איהר זאגען, אז ער וועט איהר לאזען וויסען ווען ער וועט איהר וועלען זעהן, דאן וועט זי דאך געוויס קיין געלעגענהייט נישט האבען זיך מיט איהם צו זעהן... זי וועט געהן צו איהם... זי וועט איינשטעלען איהר לעבען און קומען צו איהם אומ־געבעטען.

אסתר האט א קוק געטהאן אין שפיגעל און זי האט צורעכט געמאכט גען איהרע שעהנסטע קעניגליכע קליידער.

די קאמער־מיידלעך האבען איהר אנגעטהאן די קליידער מיט איהרע שעהנ־סטע ציערונג, זיי האבען אויך איהר אנגעטהאן די גאלדענע קרוין אויף איהר קאפ.

אסתר האט א קוק געטהאן אין שפיגעל און זי האט צורעט געמאכט איהרע האר.

מיט גרוים ערשטוינונג האבען די קאמערמיידלעך אנגעקוקט די קעניגין. דאס איז דאס ערשטע מאל וואס די קעניגין נעהמט אזוי פיעל מיה אויסצוקוקען וואס שעהנער.

נאכדעם ווי זי איז געווען פארטיג צו געהן, האט זי זיך געווענדעט צו איהרע קאמערמיידלעך :

— ווי קוק איך אוים אין אייערע אויגען?

— די קעניגין איז אזוי שעהן ווי די זון! — האט איינע געענטפערט.

— מיר האבען שטענדיג באוואונדערט די שעהנקייט פון דער קעניגין, — האט א צווייטע געזאגט, — אבער היינט איז די קעניגין נאך שעהנער ווי אלע מאל.

— דענקט איהר אז איך וועל געפעלען דעם קעניג? — האט אסתר זיי ווידער געפרעגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט.

די קאמערמיידלעך האבען זיך פארנייגט און איהר פארזיכערט דאס זי איז אזוי בעצויבערנד שעהן אז זי וועט דעם קעניג זעהר געפעלען ווערען,

— יעצט וועלען מיר געהן צום קעניג! — האט אסתר אויסגערופען, און אין דער בעגלייטונג פון איהרע קאמערמיידלעך איז זי אוועק צו אחשורוש'ן אין פאלאץ.

ווען די לייבוועכטער האבען דערזעהן די קעניגין, האבען זיי זיך פאר־נייגט פאר איהר און אויפגעעפענט די טיהר.

די קאמערמיידלעך זיינען געבליבען שטעהן נעבען דער טיהר און די קעניגין איז אריין אין דעם צימער וואו אחשורוש איז געזעסען אויף זיין טראהן.

די הויפט לייבוועכטער פון אינעווייניג האבען פאר איהר אויפגעעפענט די טיהר און זי איז געבליבען שטעהן א ווײלע.

פון וויטען, פונקט געגען איבער דער טיהר איז געזעסען אחשורוש פאר־זונקען אין זיינע מחשבות.

אסתר'ן האט זיך געדוכט אז ער דרעמעלט... איהר הארץ האט גענימען שטארק קלאפען... זי האט באמערקט די בליקען פון די לייבוועכטער. זי האט געזעהן זייערע שפיזען.

א טויט שרעק איז איהר באפאלען. וואס וועט זיין אז דער קעניג וועט זיך אפילו אויף איהר נישט וועלען אומקוקען. דאן דארף זי דאך ארויסגעפיהרט ווערען פון די לייבוועכטער און ווערען הינגעריכטעט.

אסתר אבער האט זיך נישט פארלארען... זי איז געבליבען שטעהן גלייך. מיט שטאלץ און זעלבסטווירדע... זי האט געוואוסט אז גאט וועט איהר נישט פארלאזען. זי האט איהרע אויגען נישט ארונטערגענומען פון דעם קעניג.

פלוצלינג האט אחשורוש אויפגעהויבען זיין קאפ און באמערקענדיג אסתר'ן האט ער זיך שנעל א הויב געטהאן פון זיין טראהן און אויסגעשטרעקט צו איהר זיין גאלדענע רוט וואס ער האט געהאלטען אין האנד.

אסתר איז צוגעגאנגען נעהנטער, האט אנגעריהרט דעם קעניג'ס רוט מיט איהרע פינגער.

— אה, מיין ליעבע אסתר! — האט אחשורוש אויסגערופען, — ווי גליקליך איך בין דיר יעצט צו זעהן... איך האב נאר וואס פון דיר געטראכט... ווי וואונדערליך שעהן דו ביזט. קום זעץ זיך אוועק נעבען מיר.

מיט לאנגזאמע טריט איז אסתר צוגעגאנגען צום טראהן און האט זיך פארנייגט פאר דעם קעניג.

אחשורוש איז ארונטער פון טראהן און איהר געהאלפען ארויפשטייגען צוזאמען מיט איהם. ער האט איהר אוועקגעזעצט ביי זיין רעכטער האנד און נאכדעם ווי ער האט איהר א קוש געטהאן האט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ.

— אה, אסתר, עס איז שוין לאנג אז איך האב דיין שעהנעם געשטאלט נישט אנגעקוקט. איך האב דיר נישט געוואלט בעלעסטיגען, און איך האב ביי זיך בעשלאסען אז דו זאלסט זיך אויסרוהען פאר איניגע וואכען. ווייל דעם לעצטען מאל ווען איך האב דיך געזעהן, האסטו צו מיר געשיינט צו זיין זעהר מיעד... זאג מיר, אסתר, ווי פיהלסטו זיך? ביזטו געזונט? איז פריעדען צו דיר?

— יא, מיין האר, קעניג! — האט אסתר אויסגערופען מיט א שמייכעל — פריעדען איז צו מיר. איך בין בלויז געווען באזארגט פון דעם וואס דער קעניג האט מיך אזא לאנגע צייט נישט איינגעלאדען. איך האב שטארק געבייניגט...

איך האָב זיך שוין מעהר נישט געקענט באהערשען און איך בין געקומען אהן אן איינלאַדונג . . .

— דו ווייסט דאָך, אז דו ביזט ווילקאָמען אין מיין פּאַלאַץ צו יעדער צייט ! — האָט אחשורוש אַנגענומען איהר צאַרטע האַנד און זי צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען — ווי שעהן און רייצענד דו ביזט, אסתר ! אַה, ווי גליקליך איך בין אז איך האָב דיך געקראָגען פאַר מיין קעניגין ! גאַנץ אָפט זוך איך צו מאַכען א פאַרגלייכעניש צווישען דיר און מיין אמאָליגע קעניגין ושתי, און איך זעה אז געגען דיר איז זי געווען גאַנץ העסליך, און דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען אז ושתי איז דאָן געווען די שעהנסטע אין מיין לאַנד, אויסער דיר געוועהנליך, דו ביזט נאָך דאָן געווען גאָר א יונג קינד... יאָ, איך האָב זעהר פיעל דאַנקבאַר צו זיין מיין הויפּט־מיניסטער המן, ער האָט דיך געקראָגען פאַר מיר, ער איז זעהר א קלוגער מאַן, אָט דער המן, דער קליגסטער אין מיין גאַנצער מלוכה... און געטריי איז ער מיר אז איך וואָלט איהם אלעס אַנפאַרטרויעט... יאָ, נישט לאַנג צוריק האָב איך איהם אפילו געטרויט מיט מיין זיגעל־רינג.

— מיט דעם קעניג׳ס זיגעל־רינג ! — האָט אסתר אויסגערופען מיט ער־שטוינונג, — נישט יעדער קען זוכה זיין צו אזא זאַך, אָבער איך בעט דיך, מיין האַר, פאַרוואָס האָט המן געברויכט דיין זיגעל־רינג.

— אויסער דעם וואָס המן איז מיר געטריי און איז מיין בעסטער פריינד, איז ער אויך איבערגעגעבען מיט זיין לייב און לעבען צו מיין מלוכה און צו אלע מיינע בירגער, ער זוכט בלויז די טובה פון מיין לאַנד. ער האָט נאָך א לאַנגע אויספאָרשונג אויסגעפונען אז צווישען די פאַרשידענע פעלקער וואָס גע־פינען זיך אין מיין מדינה איז פאַראַן איין פאָלק וואָס ברייננגט שאָדען פאַר מיין גאַנצען לאַנד, און דאָס פאָלק איז א שונא צו מיר און מיין מלוכה, און דאַריבער האָט המן פאַרלאַנגט איך זאָל איהם ערלויבען אומצוברייננגען אָט דאָס פאָלק און דורך דעם פאַרבעסערען די לאַגע פון אלע מיינע בירגער.

— און ווער איז דאָס פאָלק ? — האָט אסתר זיך געמאַכט ווי זי ווייסט גאָרנישט.

— דאָס פאָלק ?... איך געדענק נישט ווי דאָס פאָלק הייסט... אָבער מסתמא ווען המן זאָגט אז עס איז נישט כדאי צו האָבען אזא פאָלק אין אונזער לאַנד, ווייס ער וואָס ער רעדט.

— יאָ, איך האָב אויך געהערט אז המן האָט באַשטימט אויסצושלאַכטען א גאַנץ פאָלק, — האָט אסתר געזאָגט, — אָבער, מיין האַר קעניג, אויב עס איז נישט ווינשענסווערטה צו האָבען אזא פאָלק אין אונזער לאַנד, וואָלט נישט געווען גלייכער אז מען זאָל זיי אין גאַנצען ארויסטרייבען פון לאַנד.

— דיזעלבע זאַך האָב איך טאַקע געפרעגט אויך המן׳ען ! — האָט אחשורוש געזאָגט,—אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אז ווען מיר זאָלען זיי פון אונזער לאַנד ארויסטרייבען, קענען זיי זיך נאָך באַהעפטען מיט אונזערע שונאים און אין פאַל פון א מלחמה וועלען זיי קענען ארויסגעבען דעם שונא פיעלע סודות פון אונ־זער לאַנד.

— אַה, איך פאַרשטעה, — האָט אסתר געזאָגט — המן איז טאַקי זעהר קלוג. ער האָט א גאַנץ ווייטען בליק... און אויב ער זאָגט אז דאָס גאַנצע פאָלק מוז פאַרניכטעט ווערען, ווייס ער געוויס אז דאָס איז פאַר דער טובה פון אונ־זער לאַנד.

— איך בין אזוי זיכער אז וואס המן טהוט איז פאר דעם וואויל און בעסטען פאר אונז אלעמען, אז איך קען זיך אין גאנצען אויף איהם פארלאזען. דורך דעם צייג איך איהם ארויס בלויז א טייל פון מיין דאנקבארקייט וואס ער האט פאראורזאכט אז דו זאלסט זיין מיין קעניגין.

אסתר האט געשוויגען. זי איז געווארען עטוואס צוטומעלט פון דעם קעניג'ס רייד. זיינע ליעבליכע צערטליכע ווערטער האבען איהר הארץ צושמאלצען, אז זי ווייס נישט ווי אזוי זי זאל אנפאנגען מיט איהם צו ריידען וועגען המן'ס גזרה. זאל זי איהם פיעלייכט גלייך זאגען אז דאס פאלק אויף וועמען המן האט גוזר געווען די שרעקליכע גזרה איז דאס אידישע פאלק, פון וואנען מרדכי שטאמט און אויך זי. ניין, דאס טאר זי איהם דערווייל נישט זאגען. מעגליך, אז ווען ער וועט אויסגעפינען אז זי איז א אידישע טאכטער וועט ער אויף איהר אין כעס ווערען און ער וועט אפילו נישט וועלען הערען פון מבטל מאכען די גזרה... ניין, עס איז א צו ריזיקאלישער שריט. זי וועט מוזען ווארטען אויף א צווייטער געלעגענהייט. זאל זי פיעלייכט איהם זאגען דערווייל אז מרדכי, וועלכער האט דעם קעניג'ס לעבען געראטעט איז איינער פון דעם פאלק וועמען המן וויל אומברייגנען... אבער וואס וועט זי טהאן אז ער וועט איהר דאן ענטפערען, דאס ער וועט זעהן אז מרדכי'ן זאל קיין בייז ניט געשעהן... דאן וועט המן דורכפיהרען זיין גזרה אויף אלע אידען און זי וועט זיי גארנישט קענען העלפען.

— וואס ביזטו אזוי פערטראכט, מיין ליעבע אסתר! — האט אחשורוש אנגענומען איהר האנד, — זאג מיר, פעהלט דיר עפעס? זאג מיר, וואס איז דיין פארלאנג און וואס ווינשסטו, אלעס וועט גלייך ערפילט ווערען, אפילו א העלפט פון מיין קעניגרייך ווען דו וועסט פערלאנגען, וועסטו עס אויך קריגען...

— איך דאנק דיר, מיין האר קעניג! — איז אסתר געריהרט געווארען ביז טרעהרען פון אחשורוש'ס גנעדיגע רייד, — מיין פארלאנג איז, אויב איך האב געפונען חן אין די אויגען פון קעניג, און אויב עס וועט נישט זיין צו שווער פאר מיין האר קעניג, וואלט איך איהם איינגעלאדען צו קומען צו דעם מאלצייט וואס איך מאך לכבוד דעם קעניג און המן'ען, היינט אין אבענד.

— און דיין פארלאנג איז אז המן זאל אויך קומען מיט מיר? — האט אחשורוש איהר איבערגעפרעגט.

— יא, אויב מיין האר קעניג וועט נישט האבען דאגעגען. ווייל איך ווייס אז המן איז ביים קעניג פאררעכענט פאר זיין בעסטען פריינד, און א חוץ דעם האב איך אויך זעהר פיעל דאנקבאר צו זיין המן'ען... איך האב שוין לאנג געטראכט צו מאכען א מאלצייט און איינלאדען מיין האר קעניג און זיין בעסטען און געטרייעסטען פריינד.

אחשורוש האט געווארפען זיינע בליקען אויף אסתר'ן. עפעס איז איהם די גאנצע זאך אומפארשטענדליך פארוואס זאל זי פלוצלינג מאכען א מאלצייט און וועלען איינלאדען אויך המן'ען... פיעלייכט איז המן... באלד אבער האט ער פון זיך פארטריבען אזעלכע געדאנקען. ער האט געדארפט בלויז נאך איינמאל א קוק טהאן אויף אסתר'ס שעהנעם פנים, איהרע ליעבליכע מילדע אויגען און איהרע בעשיידענע בליקען, און ער האט געמוזט שמייכלען פון זיך זעלבסט אז אזעלכע שלעכטע געדאנקען קענען איהם גאר ארייגפאלען.

— געווים וועלען מיר קומען! — האט אחשורוש אויסגערופען מיט צו־

פרידענהייט. — דו מעגסט רוהיג זיין, מיין ליעבע אסתר, אז דיין פארלאנג וועט פינקטליך ערפילט ווערען. היינט אין אבענד וועל איך קומען צו דיין מאל־צייט צוזאמען מיט המן׳ען.

— איך דאנק דיר מיין האר קעניג, — האט אסתר געזאגט, און זיך אויפ־געהויבען פון איהר פלאץ...

אחשורוש האט זיך אויך אויפגעשטעלט פון זיין טראהן. ער האט יעצט בעסער געקענט בעטראכטען זיין וואונדער־שעהנע קעניגין.

— אה, אסתר, ווי פרעכטיג דו ביזט!... דו ביזט יעצט נאך שעהנער איז מיינע אויגען ווי דעם ערשטען מאל ווען איך האב דיך דערזעהן.

אסתר׳ס פנים איז באדעקט געווארען מיט א רויטקייט, אין אחשורוש האט איהר ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך און איהר געקושט.

ווען אסתר האט זיך פאר איהם פארנייגט און איז ארויס פון פאלאץ, איז אחשורוש געבליבען זיצען אויף זיין טראהן פארטיעפט אין זיינע געדאנקען.

ער האט אליין גענומען וואונדערען אויף זיך ווי אזוי ער האט איהר פער־נאכלעסיגט. אזא שעהנע וואונדערליכע בלום! דרייסיג טעג זיינען פאראיבער און ער האט איהר נישט איינגעלאדען. וואס האט מיט איהם פאסירט?!... האט זיך דען זיין ליעבע אפגעקיהלט?... אבער דאס איז דאך אונמעגליך... ער פיהלט אז ער האט אסתר׳ן יעצט נאך מעהר ליעב ווי ווען עס איז בעפאר.

אחשורוש האט גענומען טראכטען און זוכען אן אורזאכע פארוואס ער האט אסתר׳ן אזא לאנגע צייט צו זיך נישט איינגעלאדען, און ער איז געקומען צום בעשלוס אז דאס איז געווען צוליעב דעם וואס ער איז די לעצטע צייט געווען אזוי פארנומען. יא, זיין פריינדשאפט צו המן׳ען איז געווארען אזוי שטארק אז ער האט שוין אנגעהויבען צו פערנאכלעסיגען אפילו די קעניגין. נייז, מעהר וועט עס ניט געשעהן. ער וועט זיך שוין זעהן מיט אסתר׳ן יעדען טאג. א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען ווען ער האט געטראכט פון דעם, אז המן׳ן זעהט ער יעדען טאג און די קעניגין אזוי זעלטען. נייז, דאס וועט שיין מעהר נים געשעהן. טאקע המן איז איהם געטריי און איבערגעבען, אבער זיין פריינדשאפט צו איהם טאר ניט פאראורזאכען ער זאל פערנאכלעסיגען זיין שעהנע און וואונדערליכע אסתר׳ן.

אחשורוש האט ווייטער גענומען טראכטען פארוואס האט די קעניגין אויך איינגעלאדען המן׳ען צוזאמען מיט איהם? וואלט דען נישט געווען א סך מעהר אנגענעהם פארביידען ווען זיי זיינען אליין צוזאמען אונגעשטערט. נאך אלעמען ווער איז ער, אט דער המן, אז די קעניגין זאל איהם האלטען אזוי חשוב ווי איהם, דעם קעניג! אפשר האט ער טאקע געמאכט א צו גרויסען ווערט פון המן׳ען. אבער ער איז זיכער אז אסתר האט נישט קיין שלעכטע געדאנקען, זי מיינט אז דורך דעם וואס זי וועט אויך איינלאדען המן׳ען וועט זי איהם מעהר צופרידענ־שטעלען.

ווי שטארק אחשורוש האט זיך באמיהט צו פארטרייבען די נישט־אנגענעה־מע געדאנקען, האט זיך פארט ביי איהם אין הארצען גענומען אריינ׳גנב׳ענען א שטיקעל אייפערזוכט אויף המן׳ען. ער האט אליין אזוי שטארק געליבט המן׳ען פאר איהר... נייז, זי דארף גארנישט פיהלען קיין דאנקבארקייט צו המן׳ען... ער האט געזאגט אסתר׳ן אז המן איז דער קליגסטער מאן אין זיין גאנצער מלוכה, יעצט וואס וועט זי טראכטען פון איהם?

אחשורוש האט צוגערופען איינעם פון זיינע בעאמטע און איהם גלייך געשיקט ער זאל רופען המן'ען.

אין א ווײלע ארום איז שוין המן געשטאנען פאר דעם קעניג. ער האט זיך פאר איהם פארנייגט אין געווארט צו הערען וואס אחשורוש וועט איהם זאגען.

— איך האב פאר דיר זעהר א פרעהליכע נייעס! — האט אחשורוש זיך צו איהם אפגערופען. — זעץ זיך, המן, און איך וועל דיר זאגען.

אביסעל צוטומעלט און צושראקען איז המן געבליבען שטעהן אויף זיין פלאץ. ער האט נישט געקענט ביי זיך בעשליסען, אויב דער קעניג איז ערנסט אדער ער זיכט צו מאכט שפאס פון איהם.. אפשר האט מען איהם איבערגעגעבען אז ער האט באזוכט די קעניגין.

— וואס קוקסטו אזוי אויף מיר מיט צושראקענע אויגען! — האט אחשורוש געזאגט צו איהם מיט א שמייכעל, — פלאגט דיר פיעלייכט דיין געוויסען?

ווען המן האט באמערקט דעם שמייכעל אויף אחשורוש'עס פנים, האט ער זיך גלייך בערוהיגט. ווען דער קעניג וואלט געוואוסט וועגען דעם, וואלט ער אין אזא גוטער שטימונג נישט געווען. ער ווייס אז ווען דער קעניג איז אין אזא שטימונג דאן קען ער ביי איהם אלעס פועל'ן.

— זאלען די ברכות פון אונזערע געטער דערגרייכען מיין האר קעניג! — האט זיך המן אפגערופען און אנידערגעזעצט.

— יעצט וועסטו הערען די גוטע נייעס, — האט אחשרוש געלאסען גע־זאגט. — די קעניגין איז היינט ביי מיר געווען.

— די קעניגין! — האט המן אויסגערופען, — איז פריעדען צו איהר!

— אה, יע, זי איז געזונט און מונטער. זי איז געקומען מיך איינלאדען אויף א מאלצייט וואס זי מאכט היינט.

— דאס איז ווירקליך גוטע נייעס. איך ווייס אז מיין האר קעניג האט ליעב ווען די קעניגין איז לוסטיג און מונטער און ווען זי מאכט א מאלצייט לכבוד דעם קעניג דארף מען דען א בעסערען סימן אז זי איז גליקליך און צופרידען?!

— וואס וועסטו אבער זאגען, המן, ווען איך וועל דיר דערצעהלען, אז אויך דו ביטו איינגעלאדען געווארען צו איהר מאלצייט?

— איך?!... — האט המן אנגעקוקט דעם קעניג מיט פארוואונדערונג, און זיין פנים האבען זיך געביטען אלע קאלירען.

— יא, דו וועסט היינט אין אבענד מוזען קומען צוזאמען מיט מיר צו דעם מאלצייט וואס די קעניגין מאכט לכבוד אונזביידען. זעה, המן, דו זאלסט נישט זיין שפעט.

— עס איז ווירקליך זעהר א גרויסער כבוד פאר מיר, מיין האר קעניג, ווער בין איך אז די קעניגין זאל מיך אויך האבען אין זינען? מיט וואס האב איך ביי דער קעניגין פארדינט אז זי זאל מיר אזא עהרע אנטהאן?

— אזוי ווי איך בין דיר דאנקבאר וואס דו האסט פאר מיר געקראגען די שעהנסטע קעניגין, אזוי איז זי אויך דאנקבאר צו דיר וואס דורך דיר איז זי געקרוינט געווארען פאר קעניגן.

— איך האב קיין ווערטער נישט אויסצודריקען מיין דאנקבארקייט צו דעם קעניג און צו זיין ווירדיגער קעניגין — האט המן געזאגט.

— געה גלייך אהיים און בייט איבער דיינע קליידער און קום אהער אין

אוועגט און מיר וועלען ביידע צוזאמען געהן צו דעם מאלצייט פון דער קעניגין. זעה דו זאלסט זיך נישט פארשפעטיגען.

— איך דאנק מיין האר קעניג! — האט זיך המן אויפגעשטעלט און פארנייגט נאך אמאל. — איך וועל זיין אין צייט.

ווי פייל אויסען בויגען אזוי שנעל איז המן געלאפען אהיים. יעצט איז ער געווען זיכער, אז די קעניגין האט איהם ליעב. זי האט איהם איינגעלאדען צו איהר מאלצייט צוזאמען מיט דעם קעניג. ווייטער האט המן גענומען טראכטען וועגען ארייןקריגען אחשורוש'ס זיגעל־רינג און דאמיט פארכאפען די מלוכה. ער איז געווען ביי זיך זיכער אז אסתר אליין וואלט איהם נאך אין דעם באהילפיג זיין. אויף זיינע געדאנקען איז איהם ווידער ארויפגעשוואומען זיין העסליכע ווייב, זרש... זי שטעהט אין וועג, זי וועט איהם געוויס שטערען דורכצופיהרען זיינע פלענער. זי איז צו ביטרע. זי וואלט גלייך פארשטאנען אז ווען ער שטייגט ארויף אויפ'ן טראהן, דאן וועט ער פון איהר פטור ווערען אין נעהמען אסתר'ן פאר זיין מלכה.. ווען ער וואלט האבען א גוטען פריינד וועמען ער זאל אנפערטרויען און מיט וועמען ער זאל זיך קענען בעראטהען ווי אזוי אפצוראמען זרש'ן פון וועג, אבער דאס איז דאך אונמעגליך. ער קען קיינעם נישט אנפערטרויען זיינע חלומות וועגען דער קרוין. ער וויים דאך וואס פאר א סוף בגתן אין תרש האבען געהאט. ניין. אזא מחשבה טאר ער צו קיינעם נישט ענטדעקען. ער וועט דארפען זעהן צו קריגען וואס מעהר זרש'עס צוטרויען, ער וועט איהר דארפען זאגען, אז זיין ליעבע צו איהר ווערט שטארקער מיט יעדען טאג... און דאן וועט זי איהם גארנישט חושד זיין.

---

מרדכי האט געוואוסט אז אסתר געהט זיך היינט זעהן מיט דעם קעניג נישט איינגעלאדענערהייט. ער האט פארזאמעלט אלע אידען אין די שוהלען און זיי האבען מתפלל געווע צו גאט פאר אסתר'ן זי זאל געפינען חן אין דעם קעניג'ס אויגען, אין ער זאל איינוויליגען בטל צו מאכען די גזרה.

די אויפרעגונג אין דער וועהטאג פון אלע אידען פון שושן צוליעב דעם בלבול אויף שמעון'ען דורך המן'ס זיהן איז נאך אלץ געווען זעהר גרויס.

שמעון איז ביי אלעמען געווען שטארק באליעבט און זיין פאטער גדליה איז געווען איינער פון די חשוב'סטע מיטגלידער פון דער אידישער קהלה. אלע האבען געוואוסט אז המן'ס זיהן האבען שוין לאנג געזוכט זיך צו טשעפען צו איהם... יעדער געדענקט נאך דעם געשלעג וואס זיי האבע ארויסגערופען און שמעון האט צוויי פון זיי אזוי גוט מכבד געווען. אבער יעצט, אז זיי האבען איינפאר געמאכט א בלבול אויף איהם אז ער האט בעליידיגט המן'ן און די געטער פון פרס, איז שוין פאראן גאנץ ווינציג האפנונג אז מען וועט איהם באפרייען... בעת דעם משפט וועט מען גיכער גלויבען די רייד פון המן'ס זיהן, און דאן איז שמעון א פארלארענער, קיינער וועט איהם נישט קענען העלפען.

צווישען די וועלכע זיינען געקומען אין דער שוהל מתפלל צו זיין, איז אויך געווען גדליה, שמעון'ס פאטער. ער איז געווען שטארק פארטרויערט און צוקלעמט...

מרדכי און פיעלע אנדערע אידען האבען איהם ארומגערינגעלט און געזיכט איהם צו בערוהיגען.

— זאל נאר געלינגען אסתר'ן בטל צו מאכען המן'ס גזרה! — האט

מרדכי זיך צו איהם אפגערופען, — דאן וועט שוין גארנישט זיין אזוי שנער צו ראטעווען דיין זוהן פון דער תפיסה.

— ווער וויים וואס זיי טהוען דארטען איצט מיט איהם, — האט גדליה געזאגט מיט א וויינענדיגער שטימע, — אה, ווי שוידערליך דאס איז! פון אונטער דער חופה האט מען איהם אוועקגענומען. און דאס איז נאך געווען ווינציג, איז היינט געקומען דלפון מיט איניגע פאליציי בעאמטע און האבען געזוכט מיין גאנצע הויז.

— ווען האבען זיי דארטען געזוכט? — האט מרדכי איהם געפרעגט.

— זיי האבען דארטען געזוכט עדה'ן! — האט גדליה טרויעריג גענענט־פערט, — אבער געלויבט איז גאט וואס דיר איז איינגעפאלען איהר צו בע־האלטען אין דיין הויז, ווען זיי וואלטען איהר געפונען וואלטען זיי איהר געווים מיט געוואלד אוועקגענימען צו איהר מוטער און איהר געצוואונגען חתונה צו האבען מיט איינעם פון המן'ס זיהן. דאך שרעקט מיך מיין הארץ זיי זאלען אויך נישט געהן איהר זוכען אין דיין הויז.

— וועגען דעם דארפסטו נישט זארגען, גדליה! — האט מרדכי איהם בערוהיגט, — איך געה באלד אריבער צו דעם טויער פון פאלאץ אויסצוגעפינען וואס אסתר האט גע'פועל'ט ביי דעם קעניג, און איך וועל איבערגעבען צו התך'ן אלעס וואס עס האט נעכטען פאסירט אין דיין הייז, און אויך איהם הייסען איבערגעבען אסתר'ן אז עדה געפינט זיך אין מיין הויז און ער זאל איהר בעטען אין מיין נאמען אריינצונעהמען עדה'ן פאר איהר קאמער־מיידעל... ביי אסתר'ן אין פאלאץ וועט זי זיין גאנץ זיכער און ווען זי וועט זיין מיט אסתר'ן וועט זי שוין קענען אויך עפעס אויפטהאן פאר איהר חתן.

— עס זאל שוין נישט זיין צו שפעט! גאט וויים וואס מען וועט צו איהם דארטען טהאן... זיי קענען דאך איהם גלייך טויטען.

— ניין, אהן א משפט וועט קיינער נישט וואגען איהם שלעכטעס צו טהאן, — האט מרדכי איהם פרובירט בערוהיגען.

— אבער מיר זיינען דאך אלע יעצט געווארען אזוי הפקר. זיי, די פערסיער, ווארטען דאך שיין אויף דעם טאג ווען זיי וועלען אונז קענען אלעמען אויס־קוילענען, דען וואס פאר א ווערדע וועט שמעון דארטען האבען ביי זיי... זיי וועלען איהם געווים פארמוטשען צום טויט.

— פארליר נישט דיין בטחון אין גאט! — האט מרדכי געזאגט, — לאמיר פריהער אלע מתפלל זיין צו דעם באשעפער אז ער זאל אונז שיקען זיין ישועה און ווען מיר וועלען אלע געראטעוועט ווערען פון המן'ס הענט וועט דאך דיין זוהן אויך זיין אריינגערעכענט.

מרדכי האט אנגעפאנגען די תפלה מיט א ציטערנדע שטימע. זיינע אויגען זיינען געווען אנגעפילט מיט טרעהרען. אלע האבען איהם נאכגעזאגט... א ביטערער געוויין האט זיך ארויסגעריסען פון יעדען, מען האט געבעטען דעם פאטער אין הימעל ער זאל זיך מרחם זיין איבער זייערע אימשולדיגע קליינע קינדער או ער זאל זיי שיקען זיין שנעלע הילף.

נאך דער תפלה האט מרדכי זיך אפגערופען צו די מתפללים:

"קיינער פון אייך זאל נישט געהן אהיים ביז וואנען איך וועל זיך צוריק־קעהרען פון פאלאץ... אפשר וועט גאט געבען און איך וועל האבען פרעהליכע

נייעס פאר אייך. דערווייל זעצט פארט אייערע תפלות. פיעלייכט וועט גאט זיך צוהערען צו אייך און וועט מעגליך מאכען אז איך זאל קענען ברייגגען א גוטע בשורה".

א שטילער געוויין האט זיך געהערט אין שוהל. מיט געבראכענע געמיטהער און אנגעווייטאגטע הערצער האבען די אידען פארטגעזעצט זייערע תפלות צו גאט.

מרדכי האט א טרויעריגער פארלאזען די שוהל. א שווערעניש האט איהם געדריקט אויף זיין הארצען. ער איז געגאנגען צום פאלאץ, זיינע קניה האבען זיך געבויגען, זיינע אויגען האבען איהם גענומען שווינדלען. ער האט זיך קוים דערשלעפט ביז דעם טויער פון אסתר'ס פאלאץ. ער האט זיך דארטען אנידער־געזעצט און געווארט ביז וואנען מען וועט איהם באמערקען.

אין א קליינע וויילע ארום איז ארונטערגעקומען התך און מרדכי האט זיך צו איהם אפגערופען:

— געה גיב איבער דער קעניגין אז איך וואלט געוואלט מיט איהר ריידען.

— איך ווייס נישט אויב עס וועט יעצט מעגליך זיין דאס צו טהאן! — האט התך געזאגט. — די קעניגין איז יעצט שטארק פארנומען. זי גרייט זיך צו דעם מאלצייט וואס זי מאכט לכבוד דעם קעניג און המן'ען.

— וואס?! — האט מרדכי איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. — זי מאכט א מאלצייט אין דער יעצטיגער שרעקליכער צייט און זי לאדעט נאך איין אויך אט דעם רשע, המן?...

— מעהר ווייס איך נישט! — האט התך געזאגט. — די קעניגין האט מיר געהייסען דאס דיר איבערגעבען אז זי איז געוועזען ביי דעם קעניג און ער האט איהר זעהרווארעם אויפגענומען און זי האט איהם איינגעלאדען ער זאל קומען צוזאמען מיט המן'ען צו איהר מאלצייט וואס זי וועט מאכען היינט אין אווענט.

— וועסטו מיר טהאן די געפעליגקייט, התך, און זאגען דער קעניגין אז איך מוז איהר אומבעדינגט גלייך זעהן, און אויב עס איז פאר איהר מעגליך וועל איך צוקומען צו דעם הינטערשטען אריינגאנג פון פאלאץ.

אסתר איז ארויסגעגאנגען פון איהר פאלאץ דורך דער הינטער־טהיר, אזוי אז קיינער האט איהר נישט באמערקט.

אין א ווינקעל לעבען די טרעפ האט זי געטראפען מרדכי'ן שטעהענדיג איינגעבויגען. זיין פנים איז געוועזען בלאס. עס איז געוועזען קענטיג אז ער לייטדעט זעהר פיעל.

— אה, מיין ליעבער אנקעל, מרדכי! — האט אסתר אויסגערופען, און איהם גענומען קושען; — געלויבט איז גאט, ער האט מיר געגעבען חן אין די אויגען פון קעניג. איך האב זיך קיינמאל גארנישט געקענט פארשטעלען אז אחשורוש האט מיך נאך אזוי ליעב. ער האט מיך געפרעגט וואס איך פערלאנג און ער האט געזאגט אז אפילו ווען מיין בקשה וועט זיין א העלפט פון זיין קעניגרייך וועט ער מיר אויך געבען.

— און וואס האסטו פון איהם פערלאנגט? — האט מרדכי איהר געפרעגט.

— דו האסט דאך אין אזא מאמענט געקענט אלעס פועל'ן ביי איהם. ווען דו דערצעהלסט איהם אז דו ביזט א אידישע טאכטער און אז דו און דיין פאלק זיינען פאר'משפט געווארען צו שטארבען דעם דרייצעהנטען אדר, וואלט ער שוין געזעהן גלייך עפעס צו טהאן. אויב עס וואלט געוועזען אונמעגליך פאר איהם

צוריקצוציהען די גזרה, וואָלט ער זיך פיעלייכט מיט דיר בעראטהען ווי אזוי צו העלפען דיין פאָלק און דאן וואָלסטו שוין געפונען אן עצה... אָבער ווי איך פארשטעה האָסטו אנשטאט צו ריידען מיט דעם קעניג גלייך אויף דעם הייסען מאָמענט איהם גאָר איינגעלאדען ציאזמען מיט המן'ען אויף דיין מאָלצייט.

— איך האָב זיך גוט אויסגערעכענט, מיין ליעבער אָנקעל, — האָט אסתר צו איהם זיך אָפּגערופען, — איידער איך האָב זיך בעשלאָסען אויף דעם... ווען איך וואָלט גלייך ארויסגעקומען מיט דעם אמת, און איהם געזאָגט אז אָיך בין א אידישע טאָכטער, און אז דאָס פּאָלק אויף וועמען המן האָט ארויסגעגעבען די גזרה, איז דאָס אידישע פּאָלק, ווער ווייס אויב דאָס וואָלט איהם נאָך מעהר נישט אויפגעבראכט, און אפילו ער וואָלט מיר געהאט פארשפּראָכען צו העלפען, ווי וואָלט איך געוועזען זיכער אז ווען המן וועט קומען און זיך מיט איהם דורכ־ריידען, וועט ער איהם ווידער בעאיינפלוסען. דאריבער ווען איך האָב געזעהן אז דער קעניג האָט מיך נאָך אַלץ זעהר ליעב, וועט זיין די בעסטע זאך צו מאכען איהם אייפערזיכטיג אויף המן'ען... זאָל המן פארלירען דעם חן אין זיינע אויגען און דאן וועט שוין זיין נישט זיין שווער צו פּועל'ן ער זאָל צונישט מאכען המן'ס גזרה. איך האָב באמערקט די גרויסע איבערראשונג אין דעם קעניג'ס פּנים ווען ער האָט געהערט אז איך לאד איין אויך המן'ען צו מיין מאָלצייט.

— דו ביזט גערעכט, אסתר! — האָט מרדכי זיך צו איהר אָפּגערופען, — איך גלויב איצט אויך אז דו האָסט בעסער געטהאָן וואָס דו האָסט איהם גלייך נישט געזאָגט וועגען וואָס דו ביזט צו איהם געקומען. כל זמן דער קעניג שעצט אין אכטעט המן'ען, וועט זיין זעהר שווער צו ווירקען ביי איהם ער זאָל צוריק־רופען די גזרה. און איך בין זיכער אז אויב דיר וועט געלינגען צו מאכען דעם קעניג אייפערזיכטיג אויף המן'ען, וועט זיך ביי אחשורוש'ן ענטוויקלען א שנאה צו איהם, און דאן וועט מיט גאָט'ס הילף דיר געלינגען אויפצודעקען אין גאנצען המן'ס פאַלשקייט.

— היינט אין אָוועגט וועט אחשורוש און המן פארברייינגען מיט מיר אויף דעם מאָלצייט, איך וועל ארויסווייזען א פריינדליכקייט צו המן'ען, און זאָל דער קעניג נעהמען טראכטען וועגען דעם און ווען איך וועל וויסען אז דער קעניג קוקט אויף המן'ען מיט חשד, וועל איך דאן ערשט קענען איהם דערצעהלען וואָס המן האָט צו אונז געטהאָן און בעטען ער זאָל מיר העלפען... אָבער איך מוז שוין געהן, אָנקעל, איך דאַרף זעהן אז אלעס איז געגרייט צו דעם מאָלצייט.

— איך בין געקומען מיט דיר ריידען וועגען נאָך א וויכטיגע זאך! — האָט מרדכי זיך אָפּגערופען צו אסתר'ן. ער האָט איהר דערצעהלט אלעס וועגען שמעון'ען אין עדה'ן, און וואָס עס איז פאָרגעקומען בעת זיי זיינען ביידע געשטאַנען אונטער דער חופּה.

— און וואו געפינט זיך עדה? — האָט אסתר איהם געפרעגט, ווען מרדכי האָט געענדיגט דערצעהלען.

— עדה געפינט זיך אין מיין הויז, איך האָב פארשטאַנען אז המן'ס זיהן וועלען איהר קומען זוכען, האָב איך איהר גלייך פון דאָרטען אוועקגענומען און יעצט איז זי אין מיין הויז. המן'ס זיהן האָבען טאקע איהר געזוכט אין גדליה'ס הויז. יעצט איז זי אויך נישט זיכער אין מיין הויז אין דאריבער וואָלט איך דיר געבעטען אויב עס איז מעגליך איהר צוצונעהמען אלס א קאמער־מיידעל.

— דאָס וועל איך מיט צופרידענהייט טהאָן, — האָט אסתר געזאָגט, —

זאָל זי גלייך קומען אהער. אָבער גייז, איך וועל שיקען חתד'ן צו דיר. דו וועסט אָבער מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין אז המן זאָל זיך דערפון נישט דערוויסען. ווייל עס קען נאָך מיר שטערען צו מיינע פּלענער. זעה זי זאָל טראָגען א שלייער אויף איהר פּנים און קיינער וועט איהר נישט דערקענען.

— איך בין זיכער אז דו וועסט אויך עפּעס קענען טהאָן פאַר איהר חתן! — האָט מרדכי געזאָגט ווען ער איז פון איהר אוועקגעגאַנגען.

---

אַלעס איז געווען געגרייט צו דעם מאָלצייט פאַר דעם קעניג און המן'ען.

אסתר האָט געזעהן אז די דינסטען זאָלען קאָכען די בעסטע מאכלים. זי האָט געהייסען ברייננגען די טהייערסטע וויינען. זי האָט אליין אכטונג געגעבען אז אַלעס זאָל זיין אָרדנונג זיין. זי האָט אויך צוגעגרייט די טענצערינס זיי זאָלען קומען טאַנצען און אונטערהאַלטען דעם קעניג מיט זיין משנה למלך.

איינע פון אסתר'ס בעדיענערינס איז אריין אין איהר צימער און איהר אָנגעזאָגט אז התך האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט מיט א יונגע מיידעל.

— זאָל זי גלייך אריינקומען! — האָט אסתר באַפוילען.

א דערשראָקענע און צוטומעלטע איז עדה אריינגעקומען אין אסתר'ס צי־מער און זיך פאַרנייגט פאַר דער קעניגין.

— זעץ זיך, עדה! — האָט אסתר צו איהר זיך אָפּגערופען מיט א צערט־ליכע שטימע.

עדה האָט זיך געזעצט, און אסתר האָט זיך אויך געזעצט נים ווייט פון איהר.

— מיין אָנקעל האָט מיר איבערגעגעבען וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט! — האָט אסתר זיך אָפּגערופען, — אָבער דו מעגסט זיך בערוהיגען, איך וועל זעהן אז קיין שלעכטעס זאָל צו דיר און צו דיין חתן נישט געשעהן.

טרערהרען האָבען זיך באַוויזען אין עדה'ס אויגען. זי איז געווען אזוי גערירהרט פון דער קעניגין'ס מילדע רייד אז זי האָט נים געקענט עפּענען איהר מויל צו בעדאַנקען אסתר'ן.

אסתר האָט אריינגערופען איהר הויפּט קאַמער־מיידעל און איהר אָנגע־זאָגט זי זאָל עדה'ן ווייזען איהרע פליכטען און בעשטימען פאַר איהר א צימער.

— היינט אין אָבענד וועל איך דיך נישט דאַרפען! — האָט די קעניגין זיך אָפּגערופען צו עדה'ן, — דו וועסט זיך אויסרוהען אין דיין צימער, און מאָרגען אין דער פריה זאָלסטו צו מיר אריינקומען און איך וועל דיר זאָגען וואָס צו טהאָן.

---

ווען המן איז אריין אין הויז נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזען אחשורוש'ס פּאַלאַץ, האָט זרש גלייך דערקענט פון זיין פרעהליכען מונטערען פּנים אז עפּעס אויסערגעוועהנליכעס האָט פּאַסירט מיט המן'ען... זי האָט געזעהן דעם גלאַנץ אין זיינע אויגען און זי איז איהם גלייך אַנטקעגענגעקומען און איהם ארומ־גענומען.

—איך דערקען אין דיינע אויגען אז אחשורוש האָט דיר דיין פאַרלאַנג נאָכגעגעבען און געטויטעט דיין גרעסטען שונא, מרדכי! — האָט זרש זיך צו איהם אָפּגערופען.

— ניין! דו האסט נישט געטראָפען! — האָט המן זיך באפרייט פון איהר אומארמונג, — איך האָב נאָך צו איהם אפילו נישט גערעדט וועגען מרדכי׳ן. אָבער דו, זרש, דערמאָנענדיג מרדכי׳ס נאָמען האסטו שוין צושטערט מיין שמחה.

— ווערסטו מיר מוזען ענטשולדיגען, מיין טהייערער המן! — האָט זרש זיך גענומען צו איהם לאסטשען, — איך האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלען אז יעצט קען ביי דיר געמאָלט זיין א גרעסערע שמחה ווי די, אז דיין גרעסטער שונא איז אָפּגעראמט געווארען פון וועג.

— דאָס וואָלט ווירקליך געווען פאר מיר די גרעסטע שמחה, — האָט המן געזאָגט, — איך בין זיך מודה אז ווי גליקליך איך זאָל זיך נישט פיהלען, איז ווען איך באמערק אָט דעם פערהאסטען און פארפלוכטען אידען מרדכי, אזוי ווערט מיר מיין פרייד צושטערט.

— איך פארשטעה דיך נישט, המן! — האָט זרש איהם פאָרגעוואָרפען, — פארוואָס זאָלסטו אומזיסט דארפען ליידען פון איהם... צו יעדער צייט קענסטו בעטען דעם קעניג ער זאָל דיר ערלויבען אומצובריינגען מרדכי׳ן גלייך, און איך בין זיכער, אז אחשורוש וועט דיין פארלאנג נישט ענטזאָגען.

— עס מאכט זיך אלץ קיין געלעגענהייט ניט, — האָט המן זיך פאר־ענטפערט, — יעצט קענסטו הערען די פרעהליכע נייעס, אָבער זאָלען אלע מיינע קינדער אריינקומען און זאָלען זיי אויך הערען וועגען דער גרויסקייט פון זייער פאטער.

— איך געה זיי גלייך אריינרופען, — האָט זרש געזאָגט, — דער אבענד־ברויט איז שוין פארטיג און זיי וועלען אלץ איינס באלד קומען עסען.

זרש איז ארויס, און האָט געהייסען די פרסית, איהר דינסט, זי זאָל אריינ־שיקען אלע איהרע קינדער.

באלד זיינען המן׳ס קינדער אריינגעקומען. פריהער זיינען זיינע טעכטער אריין און זיך צוקושט מיט זייער פאטער, און נאכהער זיינען אנגעקומען די זיהן, איינציגווייז.

— וואו איז פרשנדתא און דלפון? — האָט המן געפרעגט, ווען אלע האָבען זיך געזעצט ארום דעם טיש.

— זיי וועלען געווים באלד אָנקומען! — האָט זרש געזאָגט, — דו ווייסט דאָך אז ד טאָכטער פון אונזער דינסט געפינט זיך נאָך אלץ ערגעץ־וואו ביי די אידען, און דאָס זיינען זיי ביידע אוועק אויספאָרשען... שמעון, וועלכער האָט מיט א צייט צוריק געשלאָגען דלפון׳ען זיצט שוין אין געפענגנים, און עדה׳ן קענען זיי נאָך אלץ נישט געפינען.

— אָבער וואָס געהט זיי יעצט אָן עדה! — האָט המן אויסגערופען, — זי וועט דאָך אלץ איינס אומקומען צוזאמען מיט די איבריגע אידען דעם דריי־צעהנטען אדר.

— פארשטעהסטו מיך, המן, — האָט זרש זיי געזוכט צו פארענטפערען, — עדה וויל זיך באקעהרען צו אונזער גלויבען, זי וויל שוין פון לאנג ווערען א פרסית, אָבער די אידען דערלאָזען איהר נישט, זיי האלטען איהר געווים געפאנ־גען. אָבער דו דארפסט ניט ווארטען אויף זיי, דערצעהל אונז אלעמען די פרעה־ליכע נייעס און מיר וועלען זיך גלייך זעצען עסען.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף המן׳ס פנים.
— איך האב מורא אז היינט וועט איהר אלע מוזען עסען אהן מיר.
— פארוואס וועסטו היינט נישט עסען, המן? — האט איהם זרש גע־פרעגט, — פיהלסטו זיך נישט גוט.
— איך האב נאך קיינמאל אזוי גוט ניט געפיהלט אין מיין גאנצען לעבען, און איך בין טאקע גוט הונגעריג אויך, אבער פון דעסטוועגען וועל איך היינט דא נישט עסען. איך וועל עסען אבענד־ברויט ביי דער קעניגין אסתר.
— וואס רעדסטו, המן? — האט זרש איהם געפרעגט מיט ערשטוינונג.
— יעצט מעגט איהר אלע הערען די פרעהליכע נייעס, — האט המן מיט שטאלץ געזאגט, — די קעניגין אסתר איז היינט געקומען צום קעניג און איהם געבעטען ער זאל צוזאמען מיט מיר קומען צו איהר מאלצייט וואס זי מאכט לכבוד דעם קעניג און מיר! יעצט קענט איהר אלע דען פארשטעהן וואס דאס מיינט? וואס פאר א גרוים כבוד עס איז פאר מיר, אז קיינעם, אויסער מיר מיט דעם קעניג, האט אסתר נישט איינגעלאדען צום מאלצייט.
— איז עס דען א וואונדער?! — האט זרש זיך אפגערופען, — וועמען דען האט די קעניגין געקענט איינלאדען מיט דעם קעניג אויב נישט דיר? ביזטו דען נישט דער גרעסטער מאן פון זיין מלוכה? ביזטו דען נישט זיין משנה למלך און זיין מיניסטער?
— אבער די קעניגין האט דאך געקענט בלויז איינלאדען דעם קעניג אליין, און זי האט עס נישט געטהאן. זי האט אונז ביידען גלייך איינגעלאדען צו איהר מאלצייט. דאס באווייזט אז אויך אין דער קעניגין׳ס אויגען בין איך שטארק געשעצט און געאכטעט.
— דאס איז ווירקליך זעהר א גרויסער כבוד! — האט זרש געזאגט, — אבער דו האסט עס פארדיענט ביי איהר. זי ווייס דאך אז דאס האט זי דיר צו פערדאנקען וואס זי טראגט יעצט די קרוין.
— און אין דערזעלבער צייט דארף איך איהר דאנקבאר זיין פאר דעם וואס איך בין אזוי דערהויבען געווארען ביים קעניג. דאס האט ער צו מיר געטהאן אלם דאנקבארקייט וואס איך האב פאר איהם אזא שעהנע קעניגין געקראגען... אבער איך מוז זיך שוין צוגרייטען. עס ווערט שפעט. גיב מיר מיינע נייע בגדים און איך וועל זיך איבערטאן.
זרש האט המן׳ען דערלאנגט זיינע בגדים, און המן איז אריין אין זיין צימער זיך איבערטאן.
דערווייל זיינען אויך אנגעקומען פרשנדתא און דלפון.
זרש האט זיי דערצעהלט וועגען דעם גרויסען כבוד וואס זייער פאטער האט געקראגען דורך אסתר׳ן.
— אבער וואס זייט איהר אזוי אויפגערעגט? האט זיך זרש געוואונדערט צו זיי, — איהר האט נישט אויסגעפונען וואו ערה געפינט זיך.
— יא, מיר האבען אויסגעפונען, — האט פרשנדתא זיך אפגערופען, — זי האט זיך אויסבעהאלטען אין מרדכי׳ס הויז.
— אין מרדכים׳ הויז! — האט זרש מיט פערוואונדערונג געזאגט, — ווארט, איך מוז געהן דערצעהלען המן׳ען.

זי איז שנעל אריינגעלאפען אין זיין צימער און קוים אפכאפענדיג דעם אטעם האט זי אויסגערופען:

— ווייסטו וואו עדה געפינט זיך? אין מרדכי'ס הויז! יא, ער האט איהר געוויס צוגענומען צו זיך, ווייל ער האט מורא געהאט זי זאל נישט אומבייטען איהר אמונה, פאר אונזערע, און יעצט וועט ער איהר נישט ארויסלאזען.

— זאלען זיי אריינקומען, — האט המן געזאגט צו זרש'ן, — איך וויל זיך מיט זיי דורכריידען.

זרש האט אריינגעשיקט פרשנדתא'ן און דלפון'ען צו המן'ען אין צימער און זי איז אויך אריין צוזאמען מיט זיי.

— זייט איהר זיכער אז די טאכטער פון אונזער דינסט געפינט זיך אין מרדכי'ס הויז? — האט המן זיי געפרעגט.

— יא, פאטער, מיר זיינען געווען זיכער, אבער נישט יעצט, — האט פרשנדתא געענטפערט.

— וואס מיינסטו?

— ווי מיר האבען זיך דערוואוסט אז עדה געפינט זיך אין מרדכי'ס הויז, האב איך און דלפון זיך בעהאלטען נים ווייט פון מרדכי'ס הויז און געווארט אויף א געלעגענהייט דארט אריינצוקומען און איהר פון דארטען ארויסנעהמען. און ווי מיר זיינען אזוי געשטאנען אין אונזער בעהאלטענעם פלאץ, האבען מיר פון ווייטען באקערט ווי התך, דער דיענער פון דער קעניגין, געהט אין דער ריכטונג פון מרדכי'ס הויז... אונז איז גלייך די זאך געווארען אויפפאלענד און מיר האבען נישט אויפגעהערט איהם נאכצופאלגען מיט אונזערע אויגען. מיר האבען באמערקט ווי ער איז אהין אריין און זיך דארט פארזאמט א קליינע ווייל און נאכהער איז ער ארויסגעקומען מיט עדה'ן, און כאטש איהר פנים איז געווען פארדעקט מיט א שלייער האבען מיר איהר גלייך דערקענט.

— און וואוהין האט ער איהר אוועקגעפיהרט? — האט חמן געפרעגט.

— דאס האבען מיר שוין נישט באמערקט. מיר זיינען באלד געלאפען אהיים, ווייל מיר האבען געוואלט אז דו זאלסט וויסען דאס התך קומט בעזוכען דעם אידען מרדכי.

— דאס וועט איהם נישט געשאנקען ווערען! — האט המן אויסגערופען און א קלאפ געטהאן מיט זיין פויסט איבער'ן טיש. — די וועלכע זיינען פריינד־ליך מיט המן'ס שונאים וועלען נישט לעבען.

— פיעלייכט איז מעגליך אז די קעניגין האט איהם געשיקט צו מרדכי'ן?

— האט זרש זיך אפגערופען עטוואס צושראקען, — נאך אלעמען איז זי דאך פארט ע'צויגען געווארען ביי איהם.

— רייד נישט קיין נארישקייטען! — האט המן איהר בייז געענטפערט, — האב איך דיר דען נישט געזאגט אז די קעניגין וויל פון מרדכי'ן נישט וויסען... וואס פארשטעהסטו דען נישט, ער האט זיך מסתמא דערוויסט פון מרדכי'ן אז עדה געפינט זיך אין זיין הויז און איז דאריבער געקומען איהר פון דארטען אוועקצונעהמען. אבער איהר מעגט שוין זיכער זיין, אז מיט דעם אליין האט ער שוין פארשפיעלט זיין לעבען! איך וועל נישט דערלאזען אז א דיענער פון דער קעניגין זאל זיין פריינדליך מיט מיין גרעסטען שונא. איך וועל איהם געוויס זעהן היינט אין אבענד אין דעם פאלאץ פון דער קעניגין, און איך וועל איהם בעטען

ער זאָל קומען צו מיר מאָרגען גאַנץ פריה... און איהר, מיינע זיהן, קענט שוין דערוויי̈ל האָבען פאַרטיג א קבר פאַר איהם. יאָ, איהר קענט דעם קבר אויסגראָבען נישט ווייט פון דאַנען. המן׳ס שונאים מוזען שטאַרבען.

— אָבער, המן, — האָט זרש זיך אָפּגערופען, — וועט דען אין דעם קיין געפאַהר נישט שטעקען ווען די קעניגין וועט אויסגעפינען אַז דו האָסט געטויטעט איהר דיענער התך׳ן?

— ווי אַזוי וועט זי אויסגעפינען? ווער וועט עס איהר געהן דערצעהלען? דו און די קינדער דאַרפען זעהן פאַר קיינעם זיך נישט אַרויסצורײדען וועגען דעם. די דינסטען און אפילו דעם שמיד׳ס ווייב וועלען מיר אָוועקשיקען יענעם טאָג, און קיינער וועט אפילו נישט וויסען וואָס מיט התך׳ן האָט פּאַסירט. מיר וועלען פאַרשפּרייטען א קלאַנג אַז התך איז אַנטלאָפען געוואָרען פון שושן.

— אָבער דאַרפסטו איהם דערפאַר בעשטראָפען מיט׳ן טויט? — האָט זרש איהם ווייטער געפרעגט.

— ווי באַלד אַז איך האָב אויסגעפונען אַז ער בעזוכט מרדכי׳ס הויז מוז ער וואָס שנעלער אָפּגעראַמט ווערען פון וועג. ווי אַזוי וועל איך זיין זיכער אַז מרדכי וועט איהם נישט בעטען ער זאָל ביי דער קעניגין פּועל׳ן זי זאָל איהם העלפען? אָה, ניין! פאַר מיר לוינט זיך יעצט געוויס נישט ער זאָל לעבען! און מאָרגען וועלען מיר מאַכען א סוף צו איהם! איך האָב שוין פון לאַנג געהאַט א חשד אויף התך׳ן אַז ער זעהט זיך מיט מרדכי׳ן. אימיצער האָט מיר וועגען דעם געלאָזט וויסען, אָבער איך האָב אַלץ נישט געקענט גלויבען. און יעצט אַז איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער איז געוועזען אין מרדכי׳ס הויז און נאָך געהאָלפען בעהאַלטען עדה׳ן האָט ער זיין לעבען פאַרשפּיעלט. און איך וועל אפילו נישט בעטען דעם קעניג׳ס ערלויבניש, איך וועל נעהמען דאָס געזעץ אין מיינע אייגענע הענד.

— און פאַר וואָס זאָלסטו דיזעלבע זאַך נישט טהאָן צו דיין פיעל גרעסערען שונא, מרדכי? — האָט זרש איהם געפרעגט. — דאַרפסטו דען וואַרטען ביז דעם דרייצעהנטען אדר אַז דו קענסט גלייך פון איהם פּטור ווערען?

— צו טויטען מרדכי׳ן וועל איך פריהער מוזען קריגען ערלויבניש פון דעם קעניג, — האָט המן געענטפערט, — ווייל דער חשד וואָלט דאַך באַלד געפאַלען אויף מיר. אַלע וויסען אַז מרדכי איז מיין גרעסטער שונא, און ווען דער קעניג וועט זיך דערוויסען אַז איך האָב איהם געטויטעט אָהן זיין ערלויבניש, קען ער נאָך אויף מיר בייז ווערען פאַר דעם. אָבער קיינעם וועט גאָר נישט איינפאַלען מיך צו פאַרדעכטיגען אין דעם טויט פון התך׳ן.

— זאָלען מיר דערצעהלען עדה׳ס מוטער מיט וועמען מיר האָבען איהר טאָכטער געזעהן? — האָט דלפון געפרעגט.

— דו זאָלסט נישט וואַגען דאָס צו טהאָן, — האָט המן אויף איהם א געשריי געטהאָן, — ביזטו פון זינען אַרונטער. ווען זי וועט זיך דערפון דערוויסען וועט לאַנג נישט נעהמען און אַלעם וועט אויפגעדעקט ווערען... נישט נאָר דאַרף זי נישט וויסען, און אפילו אייערע איבעריגע ברידער און שוועסטער טאָרען אויך פון גאָרנישט וויסען, ווייל זיי קענען זיך נאָך פאַר וועמען מיט עפּעס אַרויסריידען.

ווען המן איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין אָנטאָן זיך, האָט ער באַפוילען

מען זאָל שפּאַנען זיין קאַרעטע און ער האָט געהייסען פאָהרען צום קעניג'ס פּאַלאַץ.

---

אחשורוש איז שוין אויך געווען פאַרטיג צו געהן צו דעם מאַלצייט פון דער קעניגין. ער האָט אָפּגעמאָסטען המן'ען מיט זיינע בליקען. עפּעס האָט ער אין זיינע אויגען אויסגעקוקט צו יום־טוב'דיג.

באַלד זיינען זיי ביידע אין דער באַגלייטונג פון אחשורוש'ס לייב־וועכטער אוועקגעגאַנגען צו אסתר'ס פּאַלאַץ.

מיט גרויס פרייד און פייערליכקייט האָט אסתר אויפגענומען דעם קעניג און המן'ען. זי האָט זיי אַריינגעפיהרט אין דעם צימער וואו דער טיש איז געווען געגרייט פון דאָס בעסטע. זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש. אחשורוש איז געזעסען נעבען דער קעניגינס רעכטער האַנד, און המן ביי איהר לינקער האַנד.

די קעניגין אַליין האָט אָנגעפילט די גאָלדענע בעכער מיט וויין און דערלאַנגט איינעם צו אחשורוש'ן און דעם צווייטען צו המן'ען.

המן האָט זיך געפיהלט אַזוי געהויבען פון דעם כבוד וואָס די קעניגין טיילט איהם צו, אַז ער האָט פון איהר זיינע אויגען נישט אַרונטערגענומען... אחשורוש האָט עס באַמערקט און בּיסלעכווייז האָט זיך אין זיין האַרצען אַריינגע'גנב'עט אייפערזיכטיגע געדאַנקען... וואָס זאָל עס בעדייטען? פאַרוואָס נעהמט המן פון איהר זיינע אויגען נישט אַרונטער, און פאַרוואָס שמייכעלט די קעניגין אויך צו המן'ען? באַלד אָבער האָט ער דיזע געדאַנקען פון זיך פאַרטריבען. ער האָט אַליין געענטפערט דיזע פראַגען: איז דען אסתר נישט די שעהנסטע פרוי פון זיין מלוכה און איז דען נישט קיין גרויסער פאַרגעניגען צו קוקען אין איהר פּנים... און דאָס וואָס זי שמייכעלט אויך צו המן'ען, איז דאָס צוליעב דעם וואָס זי וויל אַרויסצייגען גאַסט־פריינדליכקייט צו זיין בעסטען פריינד...

באַלד זיינען אַריינגעקומען די טענצערינס און האָבען גענומען אונטערהאַלטען מיט געזאַנג און טענץ.

אחשורוש האָט באַמערקט אַז המן קוקט זיך אפילו נישט אום אויף די טענצערינס. זיינע בליקען זיינען נאָך אַלץ געווענדעט אויף דער קעניגין, און איהם האָט שוין אָנגעהויבען אַביסעל צו פאַרדריסען.

— ווי עס ווייזט אויס, המן, האָסטו נישט ליעב די קונסט פון טאַנצען, און אויך זייער זינגען דערגרייכט נישט דיינע אויערען.

— אָה, מיין האַר קעניג, איך האָב ליעב צו זעהן די טענץ און הערען דאָס געזאַנג, אַלעס איז דאָך אַזוי וואונדערליך שעהן אַז מיר גלויבט זיך נישט אַז דאָס איז אויף דער ווירקליכקייט אַזוי... מיר דוכט זיך, אַז איך חלום אַזא וואונדערבאַרען חלום...

אסתר האָט ווידער אָנגעפילט די בעכער און אחשורוש און המן האָבען זיי גלייך אויסגעליידיגט.

— די קעניגין האָט מיר אַרויסגעוויזען גרויס גנאָדע וואָס זי האָט מיך איינגעלאַדען צוזאַמען מיט מיין האַר קעניג צו איהר מאַלצייט, זאָלען די

געטער דערפאר איהר באלוינען און זאל זי שטענדיג זיין גליקליך מיט מיין האר, דעם קעניג, און זאלען אלע ברכות פון די געטער איהר דערגרייכען.

— אסתר, מיין ליעבע קעניגין, — האט אחשורוש זיך צו איהר אפגע־רופען, — די גאנצע צייט וואס מיר פארברייננגען מיט דיר אויף דיין מאלצייט, האסטו געשוויגען... זאג דאך מיר, מיין ליעבסטע, וואס דו פערלאנגסט! זאג מיר און דיין וואונש וועט שנעל ערפילט ווערען, אפילו ווען דו וועסט פערלאנגט העלפט פון מיין קעניגרייך וועסטו עס קריגען.

אסתר האט א ווארף געטהאן איהרע בליקען אויף המן'ען, וועלכער איז גע־ווען שכור'לעך. זי וועט דעם קעניג באלד דערצעהלען דעם גאנצען אמת, — האט זי זיך געטראכט, — יעצט האט זי א גוטע געלעגענהייט. ווען זי האט אבער צוריק אנגעווענדעט איהרע בליקען אויף דעם קעניג, האט זי אן זיין פנים דערקענט אז ער איז עטוואס אויפגערעגט, און ווער ווייס, אויב יעצט איז די ריכטיגע צייט... די סכנה אז דער קעניג וועט ענטזאגען איהר ביטע איז נאך גענוג גרויס... המן האט נאך זיין חן נישט פארלארען אין די אויגען פון דעם קעניג, און ווער ווייס אויב ער וועט איהם נישט בעאיינפלוסען... זי וועט דעם קעניג מוזען מאכען אביסעל מעהר אייפערזיכטיגער און דאן ערשט וועט זי איהם קענען אין גאנצען דערצעהלען.

— אה, מיין קעניג, ווי דאנקבאר איך בין צו דיר פאר דעם פארגעניגען וואס דו האסט מיר פארשאפט מיט דיין קומען צו מיין מאלצייט מיט דיין געטרייעסטען פריינד, המן, און מיין פארלאנג איז, אז דו זאלסט אננעהמען מיין איינלאדונג צום צווייטען מאלצייט וואס איך וועל מאכען, און אויך דאן זאלסטו קומען מיט המן'ען... דאס איז מיין איינציגער וואונש וואס איך פער־לאנג יעצט פון דיר...

— געוויס וועט דיין פערלאנג ערפילט ווערען, מיין ליעבע קעניגין, — האט אחשורוש געזאגט, און ער האט זיך אויפגעהויבען פון טיש. — איך און המן וועלען זיין געגרייט צו קומען צו דיין צווייטען מאלצייט.

המן האט זיך אויפגעשטעלט, און אין דער צייט וואס דער קעניג איז געווען פארנומען אין א געשפרעך מיט דער קעניגין, האט המן פארלאזען דעם צימער. ער האט פארשטאנען אז אחשורוש וועט איהם דערפאר דאנקבאר זיין וואס ער האט איהם געגעבען א געלעגענהייט צו בלייבען אליין. און דערווייל האט המן געהייסען איינעם פון די וועכטער ער זאל ארייננשיקען התך'ן צו איהם.

ווען התך איז אריינגעקומען אין צימער איז אויסער המן'ען דארט קיינער נישט געווען.

— איך האב מיט דיר צו ריידען וועגען א זעהר וויכטיגען ענין, — האט המן זיך אפגערופען צו התך'ן, — קום צו מיר מארגען גאנץ פריה אין מיין הויז.

— איך וועל טהאן ווי מיין האר פערלאנגט, — האט זיך התך פארנייגט.

— איך וועל מארגען גאנץ פריה קומען.

— געדענק, דו זאלסט נישט פארשפעטיגען, — האט המן איהם אנגע־זאגט. — און אזוי ווי די זאך וועגען וואס איך האב מיט דיר צו ריידען איז פון גרויס וויכטיגקייט, זאלסטו קיינעם נישט דערצעהלען, אז איך האב דיך איינגעלאדען צו זיך אהיים. געוועהנליך נאכדעם ווי דו וועסט זיך צוריקקעהרען וועסטו קענען איבערגעבען דער קעניגין וועגען אלעם.

— גוט, מיין האר! — האט זיך התך פארנייגט פאר איהם. — איך וועל דיין באפעהל טהאן און קיינער וועט ניט וויסען פון דעם וואס דו האסט מיט מיר יעצט גערעדט.

ווען אחשורוש און המן האבען פארלאזען אסתר'ס פאלאץ, איז שוין געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט. אלע אין איהר פאלאץ זיינען געגאנגען שלאפען. התך אבער איז געווען וואך... ער איז געווארען זעהר אומרוהיג... וואס זאל דאס בעדייטען וואס המן האט איהם פלוצלינג איינגעלאדען צו זיך אין הויז?! איז דאס מעגליך אז המן האט זיך דערוואוסט דאס ער האט אוועקגענומען עדה'ן פון מרדכי'ס הויז און דאס ער וויל פון איהם אויסגעפינען וואו זי געפינט זיך? ווען עס וואלט נישט געווען אזוי שפעט, וואלט ער געוויס געמאלדען דער קעניגין וועגען דעם. אבער יעצט מוז זי שוין געוויס שלאפען, און מארגען אין דער פריה ווען ער וועט דארפען אוועקגעהן, וועט זי נאך נישט האבען אויפגעשטאנען. דאריבער האט התך בעשלאסען זיך דורכצוריידען מיט עדה'ן וועגען דעם און הערען וואס זי האט צו זאגען.

ער איז צוגעגאנגען צו עדה'ס צימער און האט א לייכטען קלאפ געטהאן. אבער ער האט נישט געקראגען קיין ענטפער. ער האט געגעבען א שטארקערען קלאפ און באלד האט זיך דערהערט טריט. די טיהר פון צימער האט זיך אויפגעעפענט, עדה האט ארויסגעשטעקט איהר קאפ און דערזעהענדיג התך'ן האט זי זיך איינגעהילט אין איהר מאנטעל און איז ארויס פון איהר צימער.

— איך האב מיט דיר צו ריידען וועגען א וויכטיגען ענין, — האט התך געזאגט, — און דאריבער וועסטו מיר ענטשולדיגען וואס איך האב דיר געשטערט דיין רוה... דו ווייסט דאך, אז המן איז דא היינט געווען צוזאמען מיט דעם קעניג אויף דעם מאלצייט וואס די קעניגין האט געמאכט. איידער המן האט פארלאזען דעם פאלאץ, האט ער נאך מיר געשיקט און פון מיר פערלאנגט איך זאל קומען מארגען גאנץ פריה אין זיין הויז. דאס טרעפט דעם ערשטען מאל אז המן זאל מיך איינלאדען צו זיך. דאריבער האב איך מורא אז המן האט זיך דערוואוסט אז איך האב דיך אוועקגענומען פון מרדכי'ס הויז און דאס וויל ער פון מיר אויסגעפינען וואוהין איך האב דיך אוועקגעפיהרט.

— אח, איך בעט דיך, התך, — האט עדה געזאגט מיט טרעהרען אין איהרע אויגען. — דערצעהל נישט המן'ען אז איך געפין זיך איצט אין דעם פאלאץ פון דער קעניגין. ווען ער זאל זיך דערוויסען וועט ער שוין נישט רוהען ביז וואנען מען וועט מיך אויך פון דאנען אוועקנעהמען. זאגסטו מיר צו, התך.

— דו מעגסט זיך פארלאזען אז איך וועל דיר נישט פערראטהען, — האט התך צו איהר געזאגט, — המן וועט פון מיר קיין ווארט ניט ארויסקריגען וועגען דיר. אבער איין זאך וועל איך דיך בעטען, עדה, ווען די קעניגין וועט אויפשטעהן פון איהר שלאף, זאלסטו איהר זאגען אז איך בין אוועק צו המן'ען, און אין דערזעלבער צייט זאלסטו איהר פארזיכערען אין מיין נאמען, אז המן וועט פון מיר גארניט אויסגעפינען.

— איך דאנק דיר, התך! — האט עדה זיך צו איהם אפגערופען, — איך וועל דיין חסד קיינמאל נישט פארגעסען. דו האסט פאר מיר פיעל גוטעס געטהאן און זאל דיר גאט באלוינען פאר דעם.

— דו האסט נישט וואס מורא צו האבען! — האט התך צו איהר גע־

זאגט, — אפילו ווען המן און זיינע זיהן וואלטען געוואוסט וואו דו ביזט קענען זיי דיר קיין שלעכטעס נישט טהאן. אבער איך וועל איהם אלע איינס נארנישט זאגען.

---

ווען המן האט זיך יענע נאכט צוריקגעקעהרט אהיים, האט ער געטאנצט און געשפרונגען פון שמחה און גליק. אן אנגענעהמער געפיהל האט איהם דורכגעדרונגען ווען ער האט זיך דערמאהנט אז בעת דעם מאלצייט האט די קעניגין צו איהם עטליכע מאל געשמייכעלט... איהם האט זיך גערוכט אז אויף איהם האט זי מעהר געקוקט ווי אויף דעם קעניג... יעצט, נאך דעם מאלצייט איז ער נאך מעהר זיכער ווי פריהער, אז די קעניגין האט איהם ליעב און זי אליין וואלט איהם געהאלפען צו קריגען דעם טראהן פון אחשורוש'ן.

— אה, ווען דו וואלסט געוואוסט, זרש, וואס פאר א כבוד די קעניגין האט מיר אנגעטהאן! — האט המן אויסגערופען מיט א פרעהליכער שטימע ווען ער איז אריין אין הויז, — זי איז צו מיר אזוי פריינדליך ווי דער קעניג אליין. איז איהרע אויגען בין איך דער קליגסטער און שעהנסטער מאן פון פרס און מדי. דו ווייסט אז צו מיר האט אסתר געשאנקען מעהר אויפמערקזאמקייט ווי צו דעם קעניג אליין! כא, כא, כא!

— דאס דוכט זיך דיר אזוי, המן! — האט זרש געזאגט אביסעל אייפער־זיכטיג.

— מיר דוכט זיך שוין גאר נישט! איך בין אין דעם זיכער, — האט המן מיט שטאלץ געזאגט — שטעל זיך פאר, אחשורוש פרעגט די קעניגין בשעת דעם מאלצייט וואס איז איהר פארלאנג, און ער זאגט איהר אז אפילו ווען זי בעט פון איהם א העלפט פון זיין קעניגרייך וועט איהר פארלאנג באוויליגט ווערען... און יעצט טרעף, זרש, וואס אסתר'ס פארלאנג איז געווען?

— וואס האט זי פון קעניג פארלאנגט? — איז זרש נייגעריג געווארען.

— זי האט פון קעניג קיין זאך ניט פארלאנגט, בלויז אז איך זאל קומען מיט דעם קעניג צום צווייטען מאלצייט וואס זי וועט איין גיכען מאכען. יעצט קענסטו זיך פארשטעלען ווי שטארק געשעצט און געאכטעט איך בין אין איהרע אויגען. יא, מיין ליעבע זרש, בלויז ביי דיר אין די אויגען בין איך נאך אלע דער זעלבער המן פון אמאל... דו ווייסט נישט ווי מיר אפצושאצען.

— אה, המן, דו זאלסט אזוי ריידען! — האט זרש א שמייכעל געטהאן און איהם ארומגענומען, — האב איך דיר דען נישט געזאגט מעהר ווי איינמאל אז דו ביזט דער קליגסטער און גרעסטער מענש אין דער וועלט... איך וויים, המן, אז איך בין דיר נישט ווערטה, אבער איך האף אז דיין ליעבע צו מיר איז נאך אזוי שטארק ווי אין די ערשטע יאהרען, ווען איך האב מיט דיר חתונה געהאט.

— געוויס! — האט המן איהר א חנפה געטהאן, — איך האב זעהר פיעל דיר צו פערדאנקען פאר מיין גרויסקייט... דו האסט מיר פיעלע מאל ארויסגע־האלפען מיט דיינע קלוגע עצות... איך בין זיכער אז ווען דו וואלסט נישט געווען מיין פרוי, וואלט איך נאך פיעלייכט ביז יעצט געווען א בעדער ביי די פארפלוכטע אידען.

— און מיר וואלטען פון זיי קיינמאל נישט פטור געווארען, — האט זרש

געלאכט, — יעצט זאג מיר, וואס האסטו געטהאן וועגען התד'ן, האסטו זיך מיט איהם געזעהן.

— יא, איך האב זיך מיט איהם געזעהן און איהם אנגעזאגט ער זאל צו מיר קומען מארגען גאנץ פריה. ער האט מיר פארשפראכען צו קומען אין צייט. ער ווייסט ניט, דער נארישער התך, וואס איהם ערוואַרטעט מארגען, — האט המן געשמייכעלט.

— האסטו געמאכט זיכער אז קיינער וועט ניט וויסען דאס ער דארף צו דיר קומען ?! — האט זרש איהם געפרעגט.

— איך האב איהם אנגעזאגט אז ער זאל קיינעם פון דעם גארנישט דער־צעהלען ביז וואנען ער וועט זיך צוריקקעהרען אין אסתר'ס פאלאץ. יא, אויב ער וועט דערלעבען זיך צוריקצוקעהרען, דאן קען ער דער קעניגין אלעם דערצעהלען.

— אבער מיין הארץ שרעקט מיר אזוי, טאמער וועט מען אויסגעפינען אז התך, דער דיענער פון דער קעניגין, איז דורך דיר ערמאָרדעט געוואָרען.

— דו האסט זיך נישט וואס צו שרעקען ! — האט המן אויסגערופען, — נאך אלעמען האב איך דאס רעכט צו ערמאָרדען איינעם ווען איך געפין פאר נויטיג. ביז איך דען אומזיסט פאררעכענט דער צווייטער צום קעניג... קיינער קען מיר נישט זאגען קיין דעה וואס איך זאל טהאן, און דער קעניג אליין, האט ער דען מיר נישט ערלויבט אויסצוקוילען א גאנצעס פאלק פון קליין ביז גרויס, פאר וואס זאל ער זיין דאגעגען ווען איך וועל אפראמען איין מענשען פון וועג ?

— אבער די קעניגין וועט אויף דיר זיין אין כעס, און דאס קען נאך פעראורזאכען פיעלע אונאנגענעהמליכקייטען, — האט זרש געזאגט.

— פון וואנען וועט זי וויסען אז התך איז ערמאָרדעט געוואָרען ? קיינער פון אונזערע זיהן וועלען דאך איהר נישט דערצעהלען. איז דען ביי דיר רעכט איהם צו לאזען לעבען און ער זאל געהן פון מרדכי'ן צו דער קעניגין און אנריידען אויף מיר ! אה, ניין, דאס וועל איך נישט דערלאזען ! מארגען פריה וועט זיין א סוף צו התך'ן... און יעצט רוף אריין פרשנדתא'ן און דלפון'ען, איך וויל זיך מיט זיי דורכריידען.

— זיי שלאפען שוין ! — האט זרש אויסגערופען, — זאל איך זיי אויפ־וועקען ?

— געוויס ! וועק זיי אויף און זאלען זיי שנעל צו מיר אריינקומען.

— האט איהר אויסגעגראבען די גרוב ? — האט זיך המן געווענדעט צו זיינע צוויי זיהן ווי נאר זיי האבען די שוועל איבערגעטראטען.

— געגראבען ! — האט פרשנדתא געגענעצט.

— די גרוב איז שוין פארטיג, — האט דלפון צוגעגעבען.

— און קיינער האט אייך נישט באמערקט ווען איהר האט דאס געטהאן ?

— ניין, מיר זיינען געוועזען זעהר פארזיכטיג.

— די גרוב איז אזוי ברייט אז מען וואלט דארטען אויך געקענט באגראבען שמעון'ען. — האט דלפון געזאגט.

— דו מיינסט אויך מרדכי'ן, — האט פרשנדתא געשמייכעלט.

— מרדכי'ן וועל איך טויטען עפענטליך, — האט המן געזאגט, — איך וועל שוין זעהן אז איהם זאל מען אויפהייגגען אויף א בוים און זאלען אלע

פארפלוכטע אידען זעהן מיין מאכט, און זיי וועלען דאן אויך וויסען וואס צו ערווארטען דעם דרייצעהנטען אדר.

— איידער מיר וועלען פארטיג ווערען מיט התך'ן, וועלען מיר פון איהם ארויסקריגען וואו ערה געפינט זיך... און איך וועל פון איהם ארויסקריגען פיעלע אנדערע זאכען וואס איך בין נייגעריג צו וויסען... און ערשט דאן, וועלען מיר זיין מויל אויף אייביג פארמאכען.

— וועסטו ערלויבען ערה'ן צו פארבלייבען ביי אונז? — האט דלפון געפרעגט.

— אויב זי וועט אננעהמען אונזער אמונה, וועל איך עס געוויס טהאן... דאמיט וועט זי אויך איהר לעבען ראטעווען, — האט המן אויסגערופען.

— עס פארדריסט מיך זעהר שטארק! — האט זרש זיך אפגערופען צו המן'ען, — וואס התך איז פארפיהרט געווארען פון דעם פארפלוכטען אידען מרדכי און איז געווארען זיין פריינד... התך איז פון אלע מאל געוועזען אזא גוטער און שטילער מענש.

— און איך האב זיך מיין כלל, אז פון די שטילע גוטע מענשען, דארף מען זיך נאך מעהר היטען, ווייל דו ביזט קיינמאל נישט זיכער וואס פאר א שלעכטעס זיי קענען פאראורזאכען... יא, התך וויים צופיעל און וויבאלד ער קומט אריין צו מרדכי'ן אין הויז אין געהיים, קען ער געוויס איהם איבער־געבען אלע מיינע פלענער און דאס קען מיר שאדען.

— וואלט אפשר געווען א בעסערער פלאן פריהער צו טויטען מרדכי'ן, וועט התך במילא שוין נישט האבען צו וועמען צו געהן, און דאן וואלט ער נישט גענדארפט פארשפיעלען זיין לעבען. נאך אלעמען דארפסטו נישט פאר־געסען, המן, אז התך איז א פערסיער, און פיעלייכט וועלען די געטער נישט וועלען ליידען וואס דו וועסט איהם טויטען.

— איך האב דיר געזאגט אז התך מוז שטארבען! — איז המן שוין אויפגערעגט געווארען, — דו וועסט דאך אליין צוגעבען אז וויבאלד התך איז באפריינדעט מיט מרדכי'ן איז ער מיינער א שונא, און אלע מיינע שונאים מוזען שטארבען! מיך וואונדערט נאר אויף דיר, זרש, וואס דו נעהמסט זיך אן אזוי שטארק פאר התך'ן, סיידען... איך וויים... אפשר ביזטו גאר אין איהם פארליעבט...

— פארליעבט אין א סריס?! — האט זרש ציניש א לאך געטהאן, — דו ווייסט דאך, המן, אז דיין זרש האט ליעב נאר איינעם, און דאס ביזטו...

— און אויב דו ליעבסט מיך, — האט המן זיך אפגערופען, — בעט איך דיר אז דו זאלסט זיך נישט אריינמישען אין מיינע אנגעלעגענהייטען און אין מיינע פלענער... איך האב ביי דיר יעצט קיין עצה נישט געפרעגט.

— אבער, המן, דו פארגעסט אז מיינע עצות האבען דיר פיעלע מאל געהאלפען עררייכען דיין ציעל, — האט זרש געזאגט מיט עטוואס פאר־ווירפע אין איהר שטימע.

— דיין יעצטיגע עצה נישט צו טויטען התך'ן וועל איך זיכער נישט אננעהמען, — האט המן געזאגט מיט א פעסטען טאן, — איך וויים וואס איך טהו... התך מוז אפגעראמט ווערען פון וועג.

— איך זאג דיר דען אז דו זאלסט איהם נישט טויטען! — האט זרש

זיך גענומען פארענטפערען, — איך זאג בלויז אז אין דער צייט וואס דו וועסט התד'ן טויטען, וועט דיין גרעסטער שונא, מרדכי, זיין צווישען די לעבעדיגע... דו וועסט דאך אליין צוגעבען אז מרדכי האט פארדיענט דעם טויט א סך פריהער פון התד'ן.

— דו מעגסט זיכער זיין, זרש, אז עס וועט שוין לאנג ניט נעהמען און מרדכי וועט התד'ן נאכפאלגען... אבער איך טאר אזא געלעגענהייט נישט דורכלאזען... ווען התד וואלט געוואוסט אז איך האב געטויטעט מרדכי'ן וואלט ער דאך שוין מורא געהאט צו קומען צו מיין הויז... יעצט ווען התד וועט מארגען אין-דער-פריה קומען צו מיר, וועט קיינער דערפון נישט וויסען, און ווען איך וועל איהם טויטען וועט דער חשד קיינמאל נישט פאלען אויף מיר... און דערצו וועלען איינינע פון מיינע זיהן שווערען אז זיי האבען געזעהן ווי התד איז אנטלויפען פון שושן, און דער קעניגין וועט דאך געוויס נישט איינפאלען אז איך האב איהם ערמארדעט... וואס דו דארפסט טהאן, זרש, איז גלייך אין דער פריה אוועקשיקען די דינסטען און די דיענער צו טהאן פארשידענע ארבייט, און ווען זיי וועלען זיך אומקעהרען וועט שוין קיין שפור פון התד'ן נישט בלייבען.

---

גאנץ פריה איז התד אויפגעשטאנען און מיט אן אומרוהיגען געמיטה און מיט א צושראקען הארץ האט ער פארלאזען דעם פאלאץ פון דער קעניגין צו געהן צו המן'ען... זיין הארץ האט איהם געזאגט אז קיין גוטעס ערווארט איהם נישט אין המן'ס הויז... אבער וואס זאל ער טהאן, ער וועט דאך נישט ווידערשפעניגען די רייד פון דעם קעניג'ס הויפט-מיניסטער און משנה למלך... עס איז ביי איהם קיין ספק נישט געווען אז דאס וואס המן האט איהם איינגעלאדען צו זיך איז עס צוליעב עדה'ן, דעם שמיד'ס טאכטער. ער וועט פון איהם וועלען דערגעהן וואו זי געפינט זיך, און נאכהער וועט ער איהר שוין פון דארטען ארויסקריגען... ניין! ער וועט איהם בשום אופן נישט זאגען, — האט התך ביי זיך בעשלאסען ווען ער האט זיך דערנעהנטערט צו המן'ס הויז.

מיט לאנגזאמע טריט איז ער צוגעקומען צום טיהר און מיט א ציטערנדע האנד האט ער לייכט אנגעקלאפט.

באלד האט זיך די טיהר געעפענט און זרש האט ארויסגעשטעקט איהר קאפ.

— דאס ביזטו, התד ? — האט זי זיך אפגערופען, — קום אריין אינעווייניג, דו ביזט אימער ווילקאמען אין מיין הויז !

א קליינע וויילע האט התד געצייגערט. באלד אבער איז ער אריין אינעוויי־ניג און מיט א נידריגע שטימע געזאגט :

— מיין האר, המן, האט מיך געבעטען איך זאל קומען אין זיין הויז גאנץ פריה, און דו, מיין הארינטע, וועסט מיר מוזען ענטשולדיגען, פיעלייכט בין איך צו פריה געקומען און געשטערט דיין רוה !

— ניין, דו האסט אונז נישט געשטערט. המן און איך האבען דיך טאקע ערווארטעט ! — האט זרש א זאג געטהאן, — אבער איידער דו וועסט זיך זעהן מיט מיין מאן, וויל איך דיך פרעגען אויב דו האסט פאר וועמען עס איז אנפער־טרויעט אז דו קומסט היינט צו אונז אזוי פריה.

— ניין, מיין הארינטע, איך האב קיינעם נישט געזאגט, — האט התך איהר געענטפערט, — איך האב קיין געלעגענהייט נישט געהאט מיט וועמען עס איז צו ריידען וועגען דעם, ווייל מיין האר המן האט מיט מיר גערעדט לעצטע נאכט גאנץ שפעט, ווען אלע האבען שוין געשלאפען און ווען איך האב פארלאזען דעם פלאץ איז געווען אזוי פריה אז קיינער איז נאך נישט אויפגעשטאנען פון שלאף.

א שווערניש איז ארונטער פון זרש'ס הארצען. יעצט אז זי איז זיכער געווען דאס התך האט פאר קיינעם נישט דערצעהלט וואוהין ער איז געגאנגען, וועט דער חשד אין גאנצען ארונטערגעהן פון איהר משפחה... קיינעם וועט גארניט איינפאלען אז המן האט עפעס צו טהאן מיט התך'ן. יעצט זעהט זי ווי קלוג איהר מאן איז. ער האט זיך באווארענט פון פריהער.

— ווארט דא אויף אין צימער א קליינע ווילע, — האט זרש איהם אנגעציגט אויף א טיהר, — איך וועל באלד אריינשיקען מיין מאן צו דיר.

זרש אליין האט אויפגעעפענט די טיהר און ווען התך איז אריין אינעווייניג, האט זי איהם געהייסען זיך אוועקזעצען.

התך האט זיך אוועקגעזעצט, און זרש האט גלייך די טיהר פון הינטער זיך פערמאכט.

די ערשטע זאך וואס זי האט געטהאן איז געווען אוועקצושיקען איהרע דינסטען און דיענער. יעדען מיט א בעזונדער שליחות, אזוי דאס עס זאל געדויערען א היבשע צייט ביז וואנען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען.

גלייך נאכדעם איז זרש אריין צו המן'ען און איהם אנגעזאגט אז התך איז געקומען, און אז ערווארט אין צימער.

— ביזטו זיכער אז קיינער פון אונזערע דיענער האבען איהם נישט באמערקט ? — האט איהר המן געפרעגט.

— די מעגסט זיך פארלאזען אויף דיין זרש'ן, — האט זי איהם מיט שטאלץ געענטפערט. — איך האב אליין די טיהר געעפענט ווען ער האט אנגעקלאפט, און איהם גלייך אין דעם זייטיגען צימער אריינגעפיהרט, און איך האב שוין אויך בעזארגט אז אונזער דינערשאפט זאל פון הויז אוועקגעהן... און יעצט וועסטו קענען טהאן אלעם וואס דיין הארץ גלוסט מיט דיין שונא.

— יעצט געה און שיק אריין אהער פרשנדתא און דלפון, זיי אבער זעהר פארזיכטיי אז אונזערע איבריגע קינדער זאלען נישט געשטערט ווערען פון זייער שלאף. עס וועט זיין א סך בעסער ווען זיי וועלען גארנישט וויסען וואס דא איז פארגעקומען... איבערהויפט וועלען מיר מוזען זיין זעהר פארזיכטיג מיט אונזער אינגסטען זוהן, ויזתא... ער האט זעהר א שלעכטע געוואהנהייט צו ריידען צופיעל... און דערצו איז ער נאך אזוי קינדעריש אז ער קען זיך נאך דערמיט בעריהמען פאר וועמען עס איז.

— איך וויים נישט, המן, וואס דו ווילסט האבען פון ויזתא'ן ! דערווייל דוכט זיך, האט ער גאר נישט געטהאן אזוינס וואס עס זאל אונז ברייגגען אין פארלעגענהייט, אדרבא, ויזתא האט פיעל ארויסגעהאלפען צו דעם ארעסט פון שמעון'ען, און עס אז געווען ויזתא וועלכער האט דער ערשטער חושד געווען אז עדה, די טאכטער פון אונזער דינסט, געפינט זיך אין מרדכי'ס הויז... ווען נישט ער וואלט אונזערע עלטערע זיהן קיינמאל נישט איינגעפאלען צו געהן ארום

מרדכי'ס הויז און דאן וואלסטו קיינמאל אפילו נישט אויסגעפונען אז התך האט פארבינדונגען מיט דיין גרעסטען שונא.

— פון דעסטוועגען וועט זיין א סך זיכערער ווען ויזתא וועט דערווייל קיין אהנונג נישט האבען וואס דא איז פארגעקומען, — האט המן געזאגט, — איך בין צופרידען אז ער ווייס אפילו נישט וועגען דער גרוב וואס פרשנדתא און דלפון האבען געגראבען.

— ווען אפילו ער זאל זיך דערוויסען, וועל איך איהם גוט אנזאגען ער זאל זיין זעהר פארזיכטיג, — האט זרש געזאגט, און איז ארויס, און באלד זיך צוריקגעקעהרט מיט איהרע צוויי עלטערע זיהן.

— גורט אן אייערע שווערדען, — האט המן זיך צו זיי אפגערופען, — איך וועל באלד ארייגרופען התך'ן אהער, און איידער איך וועל מיט איהם פארטיג ווערען וועל איך זעהן פון איהם ארויסצוקריגען עטליכע פארבארגענע זאכען... א ווײַלע וועל איך מיט איהם אליין פארבלייבען, און ווען ער וועט פרובירען פארלייקענען פון מיר, דאן וועל איך אייך ארייגרופען און איהר וועט איהם זאגען אלעס וואס איהר האט געזעהן. און דו, זרש, ברייגג אריין דאס זאמד און שפרייט עס אויס איבער'ן באדען פון צימער, עס זאל נישט איבערבלייבען קיין בלוט־פלעקען אויף דעם באדען.

זרש האט געטהאן וואס המן האט איהר געהייסען. זי האט אויסגעשפרייט זאמד אין דעם צימער און ווען זי איז פארטיג געווארען איז זי אריין אין צווייטען צימער און פון דארטען ארויסגערופען התך'ן.

— המן איז שוין גרייט דיך אויפצונעהמען! — האט זי איהם געזאגט, — קום מיט מיר און איך וועל דיר אנצייגען דעם צימער.

התך האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און נאכגעגאנגען זרש'ן, וועלכע איז אריין אין צימער וואו המן איז געווען.

חמן האט איהם עמפפאנגען מיט א שמייכעל.

— יעצט זעה איך אז דו האסט געהאלטען דיין פארשפרעכען, און ביזט געקומען אין צייט. זעץ זיך, התך.

התך האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם פלאץ וואו המן האט איהם אנגע־צייגט, און המן האט א וואונק געטהאן צו זרש'ן און זי האט פארלאזען דעם צימער.

— איך ווייס אז דו, ווי אלע אנגעשטעלטע פון דעם קעניג און דער קעניגין זיינען מיר געטריי און איבערגעבען אזוי גוט ווי דעם קעניג אליין, — האט המן זיך צו איהם געווענדעט, — איז עס דען ניט ריכטיג, התך?

— געוויס, — האט התך איהם געענטפערט און דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען, — דעם וועמען דער קעניג שעצט און אכטעט, דארפען זיינע דיענער אויך טהאן דאסזעלבע... און ווער נאך איז אזוי געשעצט ביי דעם קעניג ווי דו, מיין האר?

— דו' זאגסט בלויז ביי דעם קעניג! — האט המן איהם אונטערבראכען, — און וואס איז מיט דער קעניגין. גלויבסטו דען נישט אז זי שעצט מיר און אכטעט מיר נישט אזוי פיעל ווי אחשורוש?

— נו, יא, די קעניגין טיילט דאך אימער דיזעלבע געפיהלען ווי דער קעניג.

— או דו גלויבסט אודאי ווען דער קעניג וואלט מיר גרינג געשעצט און נישט געאכטעט, וואלט די קעניגין אויך צו מיר געהאט דיזעלבע געפיהלען?

— איך ווייס נישט! — האט התך א קוועטש געטהאן מיט זיינע פלייצעס, נישט פארשטעהענדיג וואס המן ציעלט מיט זיינע רייד.

— וואס הייסט דו ווייסט נישט! — האט שוין המן געזאגט מיט א שטרענגערע שטימע, — דו געפינסט זיך דאך אימער אין דעם פאלאץ פון דער קעניגין און דו ביזט איהר טרויענסווערטהער דיענער, האסטו דען קיינמאל נישט געהערט די קעניגין דערמאהנענדיג מיין נאמען? ווייסטו דען נישט, אז ווען זי האט געמאכט א מאלצייט האט זי איינגעלאדען מיך און דעם קעניג? און אין דער צייט וואס איך און דער קעניג האבען מיט איהר פארוויילט אויף דעם מאלצייט האט זי מיך ווידער איינגעלאדען צוזאמען מיט דעם קעניג אויף דעם צווייטען מאלצייט?

— יא, דאס ווייס איך! — האט התך צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— און צוליעב וועמען מיינסטו מאכט אסתר די מאלצייטען, צוליעב דעם קעניג?!...

התך האט ווידער אפגעמאסטען המן'ען מיט זיינע בליקען און איהם אויף דיזער פראגע נישט געענטפערט. ווי געניארט המן איז אין זיך, — האט ער זיך געטראכט, — ווען ער וואלט געוואוסט וואס די קעניגין טראכט וועגען איהם וואלט ער שוין פון זיך אזא געהויבענע מיינונג נישט געהאט... אבער — האט התך ביי זיך בעשלאסען, — עס וועט זיין בעסער פאר איהם און אויך פאר דער קעניגין און מרדכי'ן ווען המן זאל זיין אזוי גענארט אין זיך, זאל ער טאקע מיינען אז אסתר איז זיין בעסטער פריינד, דאס וועט זיין א סך גרינגער פאר איהר דורכצופיהרען איהר פלאן צו ראטעווען מרדכי'ן און אלע אידען.

— פארוואס ענטפערסטו מיר נישט אויף מיין פראגע? — האט המן געפרעגט.

— המ... איך ווייס נישט, — האט התך געשטאמעלט.

—דו זוכסט צו פארבארגען עפעס פון מיר. זאג מיר דעם אמת, ווייסטו דען נישט אז אסתר, די קעניגין, האט מיך ליעב און נישט דעם קעניג?

— אה, מיין האר, — האט זיך התך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.

— דו בלייב זיצען, — האט המן איהם באפוילען, — דו וועסט פון דאנען שוין ניט אוועקגעהן ביז וואנען דו וועסט מיר אלעס ענטדעקען.

— אבער ווי קען מיין האר המן ריידען אזעלכע רייד וואס בעליידיגען דעם האר קעניג!

— כא, כא, כא! — האט זיך המן פאנאנדערגעלאכט, — דו געפינסט זיך טאג און נאכט אין דעם פאלאץ פון דער קעניגין, און דו ווייסט נישט וואס זי טראכט פון מיר? דו זוכסט אלעס פון מיר צו פארלייקענען... ווייסטו דען נישט אז אחשורוש האט ניט קיין יורש און אז איך וועל קעניגען נאך איהם, און דאס וועט נאך געשעהן גאר אין גיכען... דאן וועט די קעניגין אויך געהערען צו מיר.

— אה, מיין האר, דאס איז פעררעטה! — האט התך זיך ווידער אויפגעהויבען פון זיין פלאץ, — אזוי דינסטו אפ דעם קעניג וועלכער האט מיט דיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן?!

— וועסטו פיעלייכט פון דאנען אוועקגעהן און מיך פאר'מסר'ן פאר דעם קעניג אזוי ווי מרדכי, דער פארפלוכטער איד, האט עס געטהאן צו בגתן און

תרש׳ן! יאָ, דו ביזט דאָך מרדכי׳ס בעסטער פריינד. און דאריבער ביזטו נישט בעסער פון איהם.

— איך בעט דיך, מיין האר, איך מוז זיך צוריקקעהרען צום פּאַלאַץ, פיעלייכט וועט די קעניגין מיך ברויכען.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז דו וועסט פון דאַנען נישט אוועקגעהן ביז וואַנען דו וועסט מיר אַלעס דערצעהלען.

התך האָט באמערקט ווי המן האַלט זיין האַנד אויף דעם שווערד, און זיין הארץ האָט א צאַפּעל געטהאָן. ער וועט איהם מוזען דערוויילע צו׳חנפה׳נען, — האָט ער בעשלאָסען, — ביז וואַנען ער וועט זיך באַפרייען פון איהם.

— יאָ, מיין האר, איך בין זיך מודה אז איך ווייס שוין פון לאַנג דאָס די קעניגין האַלט זעהר שטאַרק פון דיר! — האָט התך געזאָגט מיט א ציטערנדע שטימע.

— און וואָס האָט זי גערעדט וועגען מיר? — האָט המן איהם געפרעגט.

— ווער בין איך, אז די קעניגין זאָל מיט מיר ריידען וועגען אזעלכע זאַכען?

— טאָ פון וואַנען ווייסטו אז זי האַלט שטאַרק פון מיר?

— ווייל מען קען דאָך זעהן... האָט דען די קעניגין נישט איינגעלאַדען מיין האר צו איהר מאַלצייט צוויי מאָל?

— ניין, דו ווייסט נאָך מעהר, דערצעהל מיר!

— המ... ווען די קעניגין דערמאָהנט דעם נאָמען פון מיין האר, קען איך זעהן אז דאָס טהוט זי מיט א בעזונדער פאַרגעניגען! — האָט התך געזאָגט, און קוים זיך באַהערשט, אז קיין שמייכעל זאָל זיך אויף זיין פּנים נישט באַווייזען.

— יעצט זאָג מיר, התך, קומט דיר אויס ווען עס איז זיך צו זעהן מיט דעם אידען מרדכי?

— אָה, ניין, מיין האר! זעהר זעלטען... איך האָב מרדכי׳ן נישט געזעהן זינט מיין האר האָט ארויסגעגעבען די גזרה צו פאַרניכטען אַלע אידען.

— אזוי! דו האָסט זיך מיט איהם נישט געזעהן!... קומט דיר פיעלייכט אויס צו זיין אין זיין הויז.

— זעהר זעלטען! דיר איז דאָך באַוואוסט, מיין האר, אז די קעניגין איז גאַנץ גלייכגילטיג צו מרדכי׳ן. און זי האָט מיר שוין צו איהם נישט געשיקט פאַר א לאַנגע צייט.

— דאָס ווייס איך אז זי האָט דיך צו איהם נישט געשיקט. די קעניגין האָט פאַר מיר פאַרטרויעט אז מרדכי מיינט גאָרנישט צו איהר... זעה איך דען נישט ווי זי האָט אויפגענומען די גזרה וואָס איך האָב ארויסגעגעבען אויסצוראָטען די פאַרפלוכטע אידען פון אונזער לאַנד?!... יאָ, עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אז אסתר וויל גאָרנישט האָבען צו טהאָן מיט איהם... פון דעסטוועגען האָט מען מיר איבערגעגעבען אז דו קומסט איהם אָפט באַזוכען... ווי עס ווייזט אויס האָסטו מיט מיין גרעסטען שונא געשלאָסען א בונד פון פריינדשאַפט און דו קומסט איהם באַזוכען אין זיין הויז.

— אָה, ניין, מיין האר, דאָס האָבען מיינע שונאים אויף מיר א בלבול אויסגעטראַכט צו ערנידריגען מיך אין דיינע אויגען.

— ביזטו דען נעכטען נישט געווען אין מרדכי׳ס הויז? — איז המן שוין אויפגערעגט געוואָרען.

— געווים נישט! — האָט התך אָפּגעלייקענט.

— און ווער איז געווען דאָס מיידעל מיט דעם שלייער איבער איהר פּנים?

— האָט המן געזאָגט מיט אַ ציַנישען שמייכעל.

התך האָט געשוויגען.

— וועסטו דען מיר נישט זאָגען פון וואנען דו האָסט יענע מיידעל ארויס־געפיהרט און וואוהין דו האָסט איהר געפיהרט?

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט אַז איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען, — איז התך בלאָס געוואָרען.

— איז זי דען נישט געווען עדה, די טאָכטער פון דער פּרסית? — האָט המן אַ קריץ געטהאָן מיט זיינע ציינער.

— עס איז אַ בלבול אויף מיר! איך ווייס נישט וועגען וועמען מיין האר רעדט! געמיינע ליגנער האָבען דאָס אויף מיר אויסגעטראַכט.

— דו ווילסט אָפּלייקענען אַז דו ביזט אין מרדכי׳ס הויז ניט געווען! — האָט המן אויפגעהויבען זיין האַנד און אַראָפּגעלאָזען התך׳ן אַ פייערדיגען זעץ אין פּנים.

התך האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן באַק, ארונטערגעלאָזען זיינע אויגען און געשוויגען... ווען דער קעניג זאָל זיך פון מיר דערוויסען וואָס המן האָט גערעדט וועגען דער קעניגין, וועט ער שוין אַלץ איינס בעקומען זיין מפּלה, — האָט התך זיך געטראַכט, — ער וועט דאַרפען בלויז זעהן ווי זיך ארויסצודרעהען פון זיינע רייד.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט! — האָט המן אויף איהם אַ געשריי געטהאָן, — דו וועסט באַלד דערפיהלען וועהטאָג, אויב דו וועסט נישט עפענען דיין מגיל און מיר אַלעם דערצעהלען.

התך האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר זיין באַק און געשוויגען.

— זאָג מיר וואו עדה געפינט זיך יעצט! — האָט המן אויפגעהויבען זיין שטימע נאָך העכער, — ווייסטו דען נישט אַז דאָס ווילען די פאַרפלוכטע אידען איהר צווינגען צו פאַרבלייבען מיט זיי. עדה וויל בלייבען ביי דעם זעלבען גלויבען ווי איהר מוטער, זי וויל זיין אַ פּרסית, אָבער די פאַרפלוכטע אידען דערלאָזען איהר נישט און פאַר דעם וואָס דו העלפסט די אידען ארויס, וועסטו אויך בעשטראָפט ווערען. ווייסטו דען נישט אַז עס איז געגען געזעץ נישט צו דערלאָזען אַ פּערזאָן וואָס וויל ווערען אַ פּערסיער אומצובייטען זיין גלויבען?

— עדה וויל נישט ווערען קיין פּערסישע מיידעל! — האָט התך זיך ארויסגערעדט, — דאָס ווילען דיינע זיהן איהר צווינגען דערצו!

— אַה, ווייסטו דאָך יאָ פון עדה׳ן! — האָט המן אַ שטורעם געטהאָן, — פאַרוואָס זוכסטו צו פאַרלייקענען פון מיר און נישט זאָגען דעם פּלאַץ וואוהין דו האָסט איהר אוועקגעפיהרט.

— איך האָב בלויז געהערט פון איהר! — האָט התך ווייטער זיך געזוכט ארויסצודרעהען, — אָבער איך האָב דאָמיט גאָרנישט וואָס צו טהאָן.

חמן איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר פון צימער און האַסטיג אַז עפּען גע־טהאָן... זרש און המן׳ס צוויי זיהן זיינען וועלכע זיינען געווען אָנגעשפּאַרט אַז טיהר און זיך צוגעהערט וואָס אינעוויינינג קומט פאָר, זיינען פון דעם אימפּעט מיט וועלכען המן האָט די טיהר געעפענט, אַ פאַל געטהאָן אינעווייניג און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד. פּרשנדתא איז געלעגען אויף דלפון׳ען און זרש אויף ביידען. די סצענע איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז אפילו התך וועלכער האָט

זיך געקאָרטשעט פון יסורים פון המן׳ס פייערדיגען פּאַטש האָט אויך נישט ווילענדיג א שמייכעל געטהאָן.

איינציגווייז האָבען זיך די געפאַלענע אויפגעשטעלט. זיי זיינען געווען עטוואָס פאַרשעהמט. המן׳ס פּנים איז געווען רויט פון כעס.

— מיר האָבען געהערט א גערויש האָבען מיר צוגעלייגט אונזערע אויערען זיך צוצוהערען, — האָט זיך זרש פאַרענטפערט.

— דער אומווירדיגער התך זוכט צו פאַרלייקענען אז ער האָט געמאַכט א באַזוך אין מרדכי׳ס הויז און האָט פון דאָרטען ארויסגעפיהרט עדה׳ן.

— ער איז א ליגנער! — האָט פרשנדתא אויסגערופען, — איך און דלפון האָבען איהם אליין געזעהן ארויסגעהענדיג פון מרדכי׳ס הויז און מיט איהם איז מיטגעגאַנגען א יונגע מיידעל, און כאָטש זי האָט געטראָגען א שלייער איבער איהר פּנים, האָבען מיר איהר דערקענט אלס עדה׳ן.

— נו, וואָס וועסטו יעצט זאָגען? — האָט המן זיך צו איהם געווענדעט, — זיינען מיינע זיהן ליגנער!...

התך האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיינע אויגען געהאַלטען ארונטערגעלאָזען צום באָדען.

המן האָט איהם אָנגענומען און א שטאַרקען טרייסעל געטהאָן.

— וועסטו ריידען?!... זאָג מיר, ביזטו נעכטען געווען אין מרדכי׳ס הויז? התך האָט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יא.

—און דו ביזט פון דאָרטען ארויס מיט עדה׳ן? — האָט המן נאָך שטאַרקער געשריען.

התך האָט זיך ארומגעזעהן אז ער וועט שוין מעהר נישט קענען פאַרלייקענען, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך מודה צו זיין, אז ער האָט פון מרדכי׳ס הויז ארויסגעפיהרט עדה׳ן, אָבער ער האָט ביי זיך פעסט בעשלאָסען, אז וואָס עס זאָל מיט איהם נישט געשעהן, וועט ער בשום אופן נישט אויסזאָגען המן׳ען וואו עדה געפינט זיך יעצט. יא, ער וועט האַלטען זיין פאַרשפּרעכען צו עדה׳ן.

— יא, איך בין פון דאָרטען ארויסגעקומען מיט עדה׳ן — האָט התך געענטפערט אין דער שטיל.

— און וואוהין האָסטו איהר אוועקגעפיהרט? — האָט המן שטרענג געפרעגט.

— עס טהוט מיר לייד, מיין האר, אָבער דאָס קען איך דיר נישט זאָגען.

— דו וועסט שוין זאָגען! — האָט המן געגומען שטורמען, — דו וועסט פון מיר קיין פאַרבאָרגענעס נישט האַלטען.

— דאָס איז אונמעגליך, — האָט התך געענטפערט, — איך וועל דיר בשום אופן נישט קענען זאָגען וואו זי געפינט זיך יעצט.

— איך וועל דיר צווינגען מיר צו זאָגען!

— נישט אפילו ווען מיין האר וועט מיר צווינגען, — האָט התך געזאָגט מיט א פעסטען בעשלוס.

— ציהט אייערע שווערדען! — האָט המן א באַפעהל געגעבען צו זיינע צוויי זיהן.

פרשנדתא און דלפון האָבען ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און המן האָט זיך ווידער אָפּגערופען:

— איך וועל דיר באלד ציינען ווי אזוי צו פארבארגען פון מיר אזא וויכטיגע זאך!

ער האט ארויסגעצויגען זיין אייגענע שווערד און האט עס צוגעלייגט צו התך'ס פנים.

— וועסטו מיר דערצעהלען וואו ערה געפינט זיך יעצט?

— איך האב פאר דיר קיין מורא נישט! איך וועל נישט דערצעהלען!

המן האט איהם א שניט געטהאן מיט זיין שווערד. דאס בלוט האט גענומען פליסען פון התך'ס פנים.

— וועסטו יעצט מיר דערצעהלען, אז נישט וועל איך דיר נאך שטארקער פארוואונדען.

— אויב דו וועסט מיר נישט אויפהערען צו פייניגען, — האט התך פאר־האלטען דאס בלוט פון זיין פנים, — וועל איך דערצעהלען דעם קעניג וואס דו האסט מיר געזאגט אז דו האפסט איין גיבען צו ווערען קעניג, און מאכען אסתר'ן פאר דיין קעניגין.

המן האט באמערקט דעם שווערען איינדרוק וואס התך'ס לעצטע ווערטער האבען געמאכט אויף זרש'ן. ער האט דאריבער א קריץ געטהאן מיט די צייהן און אויסגעשריען:

— דו ליגנער! דו פאררעטהער! פאר דעם וועסטו מיט דיין לעבען בעצאהלען! דו זוכסט צו מאכען אויף מיר א בלבול פאר דעם קעניג. וועמען איך בין אזוי געטריי! שוין דאמיט אליין האסטו דיין לעבען פארשפיעלט! אבער איידער איך טויטע דיך וועסטו מיר מוזען דערצעהלען וואוהין דו האסט אוועקגעפיהרט ערה'ן!

המן האט נאך שטארקער גענומען פייניגען התך'ן. ער האט איהם גע־שטאכען מיט'ן שווערד און געקלאפט מיט זיינע פויסטען איבער התך'ס פאר־בלוטיגטען פנים.

התך האט שוין מעהר נישט געקענט אריבערטראגען די יסורים און גע־נומען שרייען מיט זיין גאנצען כח.

—פארשטאפט איהם זיין מויל! — האט המן באפוילען זיינע זיהן.

פרשנדתא און דלפון האבען זיך אויף התך'ן א ווארף געטהאן און איהם גענומען פארשטאפען דאס מויל.

התך האט זיך גענומען ראנגלען מיט זיי מיט זיינע לעצטע כוחות. ער האט זיך באפרייט פון דלפון'ען און איהם פון זיך א שליידער געטהאן אז ער האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

המן האט גלייך א שפרונג געטהאן און מיט גרוים רציחה אריינגעשטאכען דעם שווערד אין התך'ס הארצען.

התך האט ארויסגעלאזען זיין לעצטען געשריי און איז באלד געפאלען אין א טייך בלוט.

— ער איז טויט! — האט זיך המן אפגערופען צו זיינע זיהן, — שנעלער דעקט איהם אריבער מיט עפעס, און דו, זרש, געה פאראוים און זעה אויב קיינער געפינט זיך נישט אין דרויסען. און דו פרשנדתא און דלפון וועלען זיין קערפער גלייך אריינווארפען אין גרוב און פארשיטען מיט דעם זאמד.

זרש איז א צורודערטע און אויפגערעגטע ארויס פון הויז און זיך באלד צוריקגעקעהרט און געזאגט אז קיינער געפינט זיך נישט אין דרויסען.

פרשנדתא און דלפון האבען איינגעוויקעלט התד'ס קערפער און איהם ארויסגעטראגען פון הויז.

זרש האט גענומען אפרייניגען דאס בלוט.

— אט אזא סוף וועלען האבען אלע המן'ס שונאים. — האט ער זיך אפגערופען צו זרש'ן, — איך וועל מארגען אויך פארטיג ווערען מיט מרדכי'ן.

— מיט מרדכי'ן האסטו זיך געדארפט נוקם זיין נאך פריהער ווי פון איהם!

— האט זרש א זאג געטהאן, — ער איז דיין ריכטיגער שונא.

— נאך מארגען אין דער פריה וועט זיין קערפער זיך וויגען אויף דעם הויכען בוים וואס איז נישט ווייט פון פאלאץ... יא, איך האב שוין בעשטימט דעם בוים אויף וועלכען איך וועל דעם פארפלוכטען מרדכי'ן אויפהייגגען. מיין פארגעניגען און שמחה ווערען מיר פארשטערט ווען איך דערזעה אט דעם מרדכי'ן... און איך וויים אז איך וועל צופיעל ליידען אויב איך וועל ווארטען מיט מרדכי'ס טויט ביז דעם דרייצעהנטען אדר, ווען אלע אידען וועלען או־סגעשלאכטעט ווערען.

— איך פארשטעה ניט, פאר וואס דו האסט ביז יעצט געווארט! — האט זרש זיך אפגערופען, — דער קעניג וואלט דיין פארלאנג באלד ערפילט, און א חוץ דעם, גלויב איך אז צו טויטען מרדכי'ן וואלסטו אפילו נישט געדארפט בעטען דעם קעניג'ס ערלויבנים... דו האסט א רעכט עס צו טהאן אויף דיין אייגענעם חשבון.

—דו ווייסט דאך אז מרדכי געפינט זיך אימערצו ארום דעם פאלאץ, און דאריבער וועט א סך בעסער זיין פאר מיר ווען איך וועל פריהער זאגען דעם קעניג אז איך האב בעשלאסען צו טויטען מרדכי'ן.

— איך האף אז דער קעניג וועט זיך נישט דערוויסען וואס דו האסט געטהאן צו התד'ן, אסתר'ס דיענער!

— פון וואנען וועט זיך דער קעניג דערוויסען! — האט המן אויסגע־רופען, — התך האט קיינעם נישט דערצעהלט וואוהין ער איז געגאנגען היינט אין דער פריה, און דערצו וועל איך אנזאגען פרשנדתא'ן ווען ער וועט קומען צום קעניג היינט, אז ער זאל איהם דערצעהלען אז ער האט געזעהן ווי התד איז אנטלאפען פון שושן מיט א אידישע מיידעל, און דערנאך ווען איך וועל קומען וועל איך זיינע רייד באשטעטיגען.

— אבער, המן, עס איז דאך לעכערליך ארויסצולאזען אזא קלאנג אויף התך'ן דעם סרים... ווער וועט עס גלויבען אז ער האט זיך פארליעבט אין א מיידעל און איז מיט איהר אנטלאפען.

— אז מען וועט אנרופען דעם נאמען פון דער מיידעל וועט ער שוין גלויבען... איז דאס דען א ליגען... ער איז דאך טאקע געזעהן געווארען מיט דעם שמיד'ס טאכטער!

פרשנדתא און דלפון האבען זיך אומגעקעהרט און המן האט זיך צו זיי אפגערופען:

— נו, האט איהר זיין קערפער באגראבען?

— באגראבען! — האט דלפון געענטפערט.

— און פארשאטען מיט ערד אזוי אז מען זאל נישט דערקענען אז דארט איז א גרוב אויסגעגראבען געווארען? — האט המן זיי ווייטער געפרעגט.

— מיר האבען אלעס ריכטיג באזארגט, פאטער, — האט פרשנדתא זיך אפגערופען.

— זייט איהר זיכער אז קיינער האט אייך נישט באמערקט?

— קיינער האט אונז נישט באמערקט, אויסער ויזתא, — האט דלפון געענטפערט.

— וואס?! ויזתא האט אייך באמערקט?! — איז המן רויט געווארען פון כעס — איך האב דאך געמיינט אז ער שלאפט נאך.

— איך האב גוט אנגעשריען אויף איהם, ווען ער האט אונז געפרעגט וואס מיר טהוען. מיר האבען איהם אוועקגעטריבען. אבער נאכהער האב איך אויסגעפונען אז ויזתא האט זיך ערגעץ וואו בעהאלטען און אלעס געזעהן וואס מיר האבען געטהאן! — האט דלפון געזאגט.

— וואו איז ער יעצט? — איז המן נאך מעהר אויפגערעגט געווארען, — איך וועל איהם דערפאר בעשטראפען, ער זאל וויסען זיך נישט צו מישען אין זאכען וואס בעלאנגען נישט צו איהם.

— אבער פארוואס זאל ער בעשטראפט ווערען?— האט זרש זיך אפגערופען צו המן'ען, — ער האט דאך קיין שלעכטעס נישט געמיינט. דיר דוכט זיך אז ויזתא איז נאריש, זאג איך דיר, אז ער איז דוקא גאנץ קלוג. ער האט פארשטאנען אז עפעס קומט דא פאר און ער איז געווען נייגעריג צו וויסען... נייז, המן, דערפאר קומט איהם קיין שטראף נישט, דו דארפסט מיט איהם ריידען און איהם אנזאגען אז ער זאל זיך פאר קיינעם נישט ארויסריידען וועגען דעם, און איך פארזיכער דיר אז ער וועט זיך היטען אזוי גוט ווי פרשנדתא און דלפון.

— רוף איהם אריין! — האט זיך המן געווענדעט צו דלפון'ען.

דלפון האט אריינגערופען ויזתא'ן און המן האט זיך צו איהם אפגערופען:

— יעצט אז דו ווייסט אז מיר האבען התד'ן אפגעראמט פון וועג, דאר[illegible] זעהן זיך פאר קיינעם נישט ארויסצורײדען וועגען דעם, ווייל דאס האב איך געטהאן נישט האבענדיג די ערלויבניס פון דעם קעניג, און איך וויל אז דאס זאל בלייבען א געהיימניס... עס איז אפגעמאכט געווארען ביי אונז אז מיר זאלען ארויסלאזען א קלאנג אז התך איז אנטלאפען מיט דער טאכטער פון אונזער דינסט! אזוי וועלען מיר דארפען אויך זאגען צו אונזער דיענסט... געדענק, אז דו טארסט פאר קיינעם נישט ארויסריידען וואס דו האסט געזעהן.

— [illegible]עצט קענען מיר אלע געהן עסען פריהשטיק! — האט זרש אויסגערופען, — איידער איך האב די דינסטען אוועקגעשיקט האב איך זיי געהייסען צוגרייטען פריהשטיק.

— זאל איך געהן אויפוועקען מיינע ברידער און שוועסטער? — האט ויזתא געפרעגט זיין מוטער.

— יא, אבער דערצעהל זיי אויך גארנישט. ווען די צייט וועט קומען וועט זיי דער פאטער אליין דערצעהלען.

נאך דעם פריהשטיק זיינען פרשנדתא און דלפון אוועק צום קעניג'ס פאלאץ.ביידע ברידער זיינען געווען אנגעשטעלט ביי אחשורוש'ן. פרשנדתא'ס פליכט

איז געווען אכטונג צו געבען אז אלע וויכטיגע פּאסירונגען פון לאנד זאלען אריינגעשריבען ווערען, און דלפון פלעגט פּארלעזען פאר דעם קעניג וואס ס'איז אריינגעשריבען געווארען.

ווען זרש און המן זיינען פארבליבען אליין אין הויז, האט זי זיך אפּגע־רופען צו איהם:

—דו ווייסט דאך, המן, אז איך האלט דיך פאר דעם קליגסטען מאן אין דער וועלט, טא ווי אזוי האסטו זיך בענארישט און ארויסגערעדט פאר התד'ן אז דו האפסט אין גיכען צו ווערען קעניג און...

— וואס האב איך געהאט מורא צו האבען? — האט המן איהר גע־ענטפערט, — איך האב דאך געוואוסט אז ער וועט שוין פון מיין הויז קיין לעבעדיגער נישט ארויסגעהן... און א חוץ דעם האב איך ביי זיך געוואלט זיין זיכער, אז איך וועל איהם טויטען... עס פארשטעהט זיך, אז נאכדעם ווי איך האב פאר איהם אזוי גערעדט, וועל איך דען דערלאזען ער זאל עס קענען איבער־דערצעהלען דעם קניג!

— אבער איך וויים דאך אז דו טראגסט זיך אפילו נישט ארום מיט אזעלכע געדאנקען! — האט זרש געזאגט.

— פון וואנען ביזטו עס אזוי זיכער? — האט המן געשמייכעלט, — יעצט בין איך דער צווייטער קעניג, און ווי ווייט איז עס פאר מיר אין גאנצען צו ווערען קעניג, בפרט אז דאס גאנצע לאנד ליעבט מיך. אלע ווייסען אז איך בין קליגער פאר אחשורוש'ן, און אז פאר מיר פּאסט זיך בעסער צו טראגען די קרוין... און דו מעגסט עס יעצט וויסען, אז ווען איך האב געהאט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג, האב איך זעהר גרינג געקענט איבערנעהמען די מלוכה! איך האב בלויז געדאַרפט אנשרייבען אין אחשורוש'ס נאמען אז ער גיט מיר איבער די קרוין און דערנאך ארויפלייגען זיין זיגעל־רינג, דאן וואלט איך גלייך געווארען קעניג.

— און איך וואלט געווארען קעניגין! — האט זרש געזאגט.

— געוויס! דו וואלסט גלייך געווארען קעניגין...

— אבער איך האב געהערט ווען התד האט געזאגט, אז דו האסט בדעה צו מאכען אסתר'ן פאר דיין קעניגין! — האט זיך זרש אפּגערופען אז ענט־טוישטע.

— פארשטעהסטו דען נישט אז התד איז געווען זעהר אין כעס אויף מיר, און ער האט בכיון דערמאנט די קעניגין אין דיין אנוועזענהייט כדי דיך צו מאכען אייפערזיכטיג.

— אה, ניין, המן, ווען איך וואלט אליין נישט געהערט מיט מיינע אויערען וואלט איך דיר עס פיעלייכט געגלויבט. אבער איך און אונזערע צוויי קינדער האבען צוגעלייגט אונזערע אויערען צום טיהר און מיר האבען אלעס געהערט.

— נו, דאס האב איך בלויז שפּאס געמאכט — האט המן זיך פערענט־פערט — דו ווייסט דאך, זרש, אז איך האב דיר ליעב און וואלט דיר נישט אומגעביטען אויף צעהן אזעלכע ווי אסתר איז... דעם אמת זאגענדיג, האב איך שוין נישט איינמאל געטראכט, אז ווען מיר וואלט געלונגען צו פער־כאפּען די מלוכה, וואלט דאך אסתר געבליבען אוים קעניגין, און דאן וואלט זי געקענט אריינגערעכענט ווערען אלס איינע פון די אידישע טעכטער, און זי וואלט געטויטעט געווארען צוזאמען מיט די איבעריגע אידען, דען דריי־

צעהנטען אדר. איך שווער דיר ביי די געטער פון פרס, אז מיט אזעלכע געדאנקען האב איך זיך די לעצטע צייט ארומגעטראגען.

— איך גלויב דיר, מיין ליעבער המן! — האט זרש איהם ארומגענומען

— איך וויים, אז ווען דיר געלינגט צו ווערען קעניג, וואלסטו מיר געמאכט פאר דער קעניגין. אמת, אסתר איז אביסעל שעהנער פון מיר. דערפאר אבער האב איך דיר געבוירען צעהן זיהן און צוויי טעכטער!

— אָה, דו נארישע זרש! — האט המן איהר ארומגענומען — האסטו נאך אין דעם געקענט צווייפלען! נישט איין נאכט ביז איך געלעגען וואך אין מיין בעט און געטראכט ווי שעהן דו וואלסט אויסגעקוקט אין אסתר׳ס קרוין, ווי גרויסארטיג אסתר׳ס קעניגליכע קליידער וואלטען דיר געפאסט. יע, מיין ליעבע זרש, ווען איך ווער קעניג אנשטאט אחשורוש׳ן, וואלסטו געווא־רען קעניגין אנשטאלט אסתר׳ן!

— דו ווערסט דיין זרש׳ן קיינמאל נישט פארלאזען! — האט זי איהם ארומגענומען.

— זעהסטו דען נישט, אז דו ביזט צו מיר יעצט נאך טייערער ווי פריהער, ווען איך בין געווען א בעדער ביי די אידען — האט איהר המן א גלעט גע־טהאן — זינט דו ביזט מיין פרוי, האב איך נישט געהאט קיין איינציגען שלעכ־טען געדאנק וועגען דיר, און יעצט, אז איך בין דער צווייטער צום קעניג, האב איך דען אפילו געטראכט פון צו נעהמען נאך א פרוי צו דיר!

— ניין, מיין טייערער המן! — האט זרש זיך אפגערופען. איך וויים אז דו ביזט מיר געטריי און איבערגעבען. און טאקי דערפאר בין איך יעצט נאך מעהר ענטוישט, וואס דו האסט דורכגעלאזען אזא געלעגענהייט, ווען דער קעניג האט דיר אנפארטרויט דעם זיגעל־רינג. נישט אזוי שנעל וועט זיך אזא געלעגענהייט מאכען.

— עס זיינען פאראן פיעלע וועגען, ווי אזוי צו קריגען אחשורוש׳ס טהראן! — האט המן זיך אפגערופען אין דער שטיל.

— יע, אבער זיי זיינען פערבונדען מיט א גרויס געפאהר! — האט זרש איהם געענטפערט — ווען דו קענסט ארויסבעקומען דעם זיגעל־רינג א צווייטען מאל פון איהם, דאן וואלסטו שוין געוואוסט וואס צו טהאן דאמיט. נאר יעצט האסטו גאר קיין אורזאכע דאס צו פערלאנגען.

— ווארט! — האט המן אויסגערופען מיט א שטראהלענדען פנים. איך גלויב, אז איך וועל האבען א גענוגענדע אורזאכע ארויסצוקריגען דעם קעניג׳ס זיעגעל־רינג א צווייטען מאל.

— ווי אזוי?

— איך וועל מארגען גאנץ פריה קומען צום קעניג, ווען ער איז אויס־גערוהט און אויסגעשלאפען, קען איך ביי איהם אלץ פועל׳ן. איך וועל דאן פון איהם פערלאנגען, ער זאל מיר ערלויבען אויפצוהייגען מרדכי׳ן נאך פאר דעם דרייצעהנטען אדר, ווען ער וועט דערצו צושטימען, וועל איך איהם בע־טען, ער זאל מיר געבען זיין זיעגעל רינג, ווייל אהן דעם, וועל איך האבען שוועריגקייטען ארויסצוקריגען מרדכי׳ן פון צווישען די אידען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז ער וועט מיר אויך די געפעליגקייט טהאן און ווידער

אמאָל אנפערטרויען זיין זיעגעל רינג, און דאן וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאָן.

— וואס וועסטו דאן טהאָן?

— איך וועל גלייך הייסען אויפהענגען מרדכי'ן, און איך דער זעלבער צייט, וועל איך לייגען דעם קעניג'ס חתימה אויף דעם פּארמעט, וואו איך וועל האָבען אנגעשריבען, אז דער קעניג גיט מיר איבער די מלוכה!

— אָבער זאג מיר, המן, וואס וועסטו טהאָן ווען דער קעניג דערוויסט זיך, און שיקט זיין לייב־וועכטער דיך צו טויטען?

— ווי נאר איך מאַך בעקאנט, אז דער קעניג האט מיר איבערגעגעבען די מלוכה, דאן דאַרף שוין די אַרמעע זיין גלייך אויף מיין זייט — וועל איך דען דאַרפען מורא האָבען?!

— אָה, המן ווי אומגעדולדיג איך בין שוין — האט זרש געזאגט — פיליכט קענסטו נאָך היינט געהן צום קעניג?

— ניין, היינט וועל איך נישט געהן! — האט המן געזאגט. איך ער־וואַרט, אז דער קעניג זאָל מיר שיקען רופען און זאגען ווען איך דאַרף ערשיי־נען צו דער קעניגינ'ס צווייטען מאָלצייט, דעריבער וועל איך בעסער וואַרטען, ביז מאָרגען פּאַרטאָג.

* * *

יענעם אין דער פריה, ווען אסתר איז אויפגעשטאַנען פון איהר שלאָף, האָט זי געשיקט איינע פון איהרע דינסטען צו רופען התך'ן. באַלד אָבער האט זיך די דינסט צוריקגעקעהרט און איבערגעגעבען דער קעניגין, אז התך גע־פינט זיך נישט אין זיין צימער.

אסתר האָט זיך געטראַכט, התך איז פיליכט אַרוים אויף אַ קורצע ווײַלע פון איהר פּאַלאַץ, כאָטש דאס איז ביי איהר געווען אַ וואונדער, ווייל התך איז אימער־צו געווען אין פּאַלאַץ, ווען זי האט נאָך איהם געשיקט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי ווידער נאָך איהם געשיקט, און ווען מען האט איהר איבערגעגעבען, אז ער איז נאָך אַלץ נישטאָ, האט זי שוין גאַרנישט פאַרשטאַנען, וואס מיט איהם האט פּאַסירט. וואו קען ער עס זיין? און באַלד איז איהר אויף איהרע געדאַנקען געקומען, אז פיליכט האט התך דער־זעהן מרדכי'ן דורכ'ן פענסטער און ער איז צו איהם אַרונטערגעגאַנגען. זי האָט גלייך אַרונטערגעשיקט איינע פון איהרע קאַמערמיידלעך צו זעהן אויב מרדכי געפינט זיך אַרום דעם פּאַלאַץ.

— מרדכי געפינט זיך נעבען דעם טויער פון פּאַלאַץ — איז די קאַמער־מיידעל צוריקגעקומען מיט איהר תשובה.

— און התך איז נישט געווען מיט איהם? — האט די קעניגין איהר געפרעגט.

— ניין, גנעדיגע קעניגין!

וואס קען דאס בעדייטען? — האָט זיך אסתר געוואונדערט. זי האט באַלד צונויפגערופען אַלע איהרע דינסטען און קאַמער־מיידלעך און זיי גע־פרעגט, אויב אימיצער האָט בעמערקט ווען התך איז אַרוים פון פּאַלאַץ.

— וואו איז די נייע קאַמער מיידעל? — האָט אסתר געפרעגט די

הויפט פון די קאמער מיידלעך — פארוואס האסטו איהר אויך נישט אריינ־געשיקט?

— ווייל זי איז דאך נאר וואס אנגעקומען אין פאלאץ, און איך בין זיכער, אז זי ווייס אפילו נישט ווער התך איז!

— אבער האב איך דיר נישט געהייסען אריינשיקען אלעמען צו מיר!

— האט אסתר אויסגערופען מיט עטוואס א שטרייננע שטימע.

— איך וועל איהר יעצט געהן רופען, גנעדיגע קעניגין — האט זי זיך פארנייגט און איז ארויס.

באלד איז אנגעקומען ערה אין דעם צימער וואו די קעניגין איז געווען מיט די איבעריגע דינסטען און קאמער־מיידלעך. איהר פנים איז געווארען בעדעקט מיט א רויטקייט, און זי האט זיך געפונען עטוואס פערלוירען צווישען די איבעריגע. זי האט זיך פערנייגט פאר דער קעניגין און איז געבליבען שטעהן בעוועגלאז אין מיטען צימער.

— איהר קענט יעצט אלע געהן! — האט אסתר בעפוילען די איבעריגע

— און דו וועסט דא א ווײלע פערבלייבען מיט מיר אליין — האט זי זיך געווענדעט צו ערה'ן.

אלע האבען גלייך פערלאזען דעם צימער און אסתר האט צוגערופען ערה'ן און איהר זיך געהייסען צוזעצען.

ערה האט זיך געזעצט, און אסתר האט זיך אפגערופען:

— התך, מיין בעדינער, וועלכער האט דיך נעכטען פון מרדכי'ס הויז צו מיר געבראכט, איז פלוצלונג פערשוואונדען געווארען פון פאלאץ, און קיינער ווייס נישט וואו ער איז! זאג מיר, ערה, האט אימיצער אייך ביידען אויף דעם וועג בעמערקט?

— ניין, מיין הארינטע! — האט ערה געענטפערט — מיר זיינען ביידע זעהר פארזיכטיג געווען. איך האב געטראגען א דיקען שלייער איבער מיין פנים, און מיר האבען אויסגעמארקירט צו געהן איבער א וועג, וואו קיינער האט אונז ניט געזעהן. אבער מיר דוכט, אז איך ווייס וואו התך געפינט זיך יעצט.

— דו ווייסט וואו ער איז? — האט אסתר איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— יע, גנעדיגע קעניגין! נעכטען, גאנץ שפעט ביינאכט, ווען איך בין שוין געלעגען אין מיין בעט, האב איך דערהערט א קלאפ אין מיין טיהר, און ווען איך האב די טיהר געעפענט, האב איך דערזעהן התך'ן. זיין פנים איז געווען בלאס און ער האט אויסגעזעהן צו זיין צושראקען.

— און וואס האט ער געזאגט? — איז אסתר אומגעדולדיג געווארען.

— ער האט מיר געזאגט — האט ערה געענטפערט — אז איידער המן איז פון דאנען אוועק, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איהם אנגעזאגט, דאס ער זאל קומען צו איהם אין הויז היינט גאנץ פריה. ער האט פון איהם אויך פערלאנגט, דאס ער זאל קיינעם נישט דערצעהלען וועגען דעם. אבער אזוי ווי התך פערדעכטיגט, אז דאס וויל המן פון איהם אויסגעפינען וועגען מיר, איז

ער מיר געקומען זאגען, איך זאל קיין מורא נישט האבען, ווייל ער וועט בשום אופן נישט אויסזאגען המנ'ען וואו איך געפין זיך.

— אה, פארוואס איז התך צו מיר נישט געקומען און דערצעהלט, אז המן פערלאנגט פון איהם ער זאל צו איהם קומען אין הויז, איך וואלט דאן מיט איהם מיטגעשיקט איינינע וועכטער, וועלכע וואלטען געזעהן, אז קיין שלעכטס זאל איהם נישט געשעהן!

— התך האט געקראגען די איינלאדונג גאנץ שפעט ביינאכט, און ער האט געדארפט אוועק גאנץ פריה און ער האט אפילו נישט געהאט קיין געלע־גענהייט צו זאגען דער קעניגין וועגען דעם — האט עדה געזאגט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז המן האט זיך דערוואוסט, אז התך איז געוועזען אין מרדכי'ס הויז אוי דיר פון דארט אוועקגענומען! — האט אסתר זיך אפגערופען. און דאס וואס ער האט איהם צו זיך איינגעלאדען, וויל ער ארויסקריגען פון איהם וואו דו געפינסט זיך... אבער דו מעגסט רוהיג זיין. אויב התך האט דיר פערשפראכען, אז ער וועט בשום אופן נישט אויס־זאגען, וועט ער זיין ווארט האלטען... איך האב נאר מורא, אז המן זאל איהם נישט פערשאפען קיין יסורים.

ער האט איהם געוויס איינגעשפארט אין תפיסה. איך וואלט גלייך גע־קענט שיקען איינינע בעאמטע צו המנ'ען. וועלכע וואלטען איהם אין מיין נאמען בעפרייט, אבער איך וויל נישט, אז המן זאל פערדעכטיגען, אז איך וויים פון אלעם. איך דארף יעצט זעהן, אז ער זאל מיר נישט חושד זיין, דאס איך האב געהאט צו טהאן דאמיט, כדי מיינע פלענער זאלען נישט צושטערט ווערען... אבער דו דארפסט נישט זיין בעזארגט וועגען איהם, עדה. עס וועט לאנג נישט נעהמען און התך וועט בעפרייט ווערען, און אויך דיין חתן שמעון, וועט בעפרייט ווערען פון תפיסה.

אסתר האט גלייך געשיקט רופען חרבונה'ן און איהם דערצעהלט וועגען התך'ן.

— דו וועסט דארפען וויסען ווי אזוי צו האנדלען! — האט זי איהם געזאגט — המן טאר נישט וויסען, אז איך וויים דאס התך איז אוועק צו איהם, דו וועסט איהם בלויז דערצעהלען, אז התך איז פלוצלונג פערשוואונדען געווארען, און אז איך פערלאנג פון דיר און אויך פון איהם מיר צו העלפען איהם געפינען.

— אה, גנעדיגע קעניגין! — האט חרבונה אויסגערופען — איך האב נאר וואס בעגעגענט המנ'ען נעבען פאלאץ, און ער האט זיך פאר מיר בעריהמט, אז מארגען אין דער פריה וועט ער פערלאנגען פון קעניג ער זאל איהם ערלויי־בען אויפצוהייגנען מרדכי'ן. ער האט מיר אויך אנגעצייגט אויף וועלכען בוים מרדכי וועט הייגנען. ער האט מיר געוויזען די פעטליע, וואס זיינע צוויי זיהן האבען צורעכט געמאכט אויף יענעם בוים.

א שוידער איז דורך אסתר'ס קערפער. ווען זי האט דערהערט חרבונה'ס רייד... זאל נאר גאט געבען אז עס זאל נישט זיין צו שפעט... איז עס דען מעגליך, אז דער קעניג זאל ערלויבען המנ'ען אויפצוהייגנען מרדכי'ן, וועלכער האט איהם פון א זיכערען טויט געראטעוועט! — האט זי אויסגערופען.

דער קעניג האט שוין געווים לאנג פערגעסען, אז דאס איז געווען מרדכי. וועלכער האט איהם פון טויט געראטעוועט — האט חרבונה געזאגט — דעריבער איז מיין עצה, אז די קעניגין זאל זעהר פארזיכטיג זיין... עס וועט המנ׳ען נישט שווער אנקומען צו קריגען דעם קעניג׳ס הסכמה... און דאן וועט מעגליך צו שפעט זיין..

— ווארט, דו וועסט איבערגעבען דעם קעניג א בריעף פון מיר! — האט אסתר געזאגט, און איז אריין אין א צווייטען צימער. זי האט ארויסגע־נומען א שטיקעל פארמעט און אנגעשריעבען:

"ווירדיגער און מעכטיגער קעניג אחשורוש, איך האב לעצטע נאכט, נאכ־דעם ווי דו און המן האבען מיר פערלאזען, גע׳חלומ׳ט וועגען דער פערשווערונג, וואס בגתן און תרש האבען געגען דיר געמאכט... אלעס איז פארגעקומען אין מיין חלום אזוי דייטליך... איך האב געזעהן ווי די צוויי פערשווערער סוד׳ען זיך. ווי מרדכי, דער איד, וועלכער זיצט אין דעם טויער פון קעניגליכען פאלאץ, הערט זייערע רייד, און ווי ער גיט מיר איבער זייערע רייד. און ווי מען האט אויסגעפונען ווי ריכטיג מרדכי׳ס רייד זיינען.. איך שרייב דיר גלייך וועגען מיין מערקווירדיגען חלום. ווייל מיר דוכט זיך, אז דער איד מרדכי, וועלכער האט דיין לעבען געראטעוועט. איז נאך דערפאר נישט בע־לוינט געווארען, און מעגליך, אז דעריבער האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט וועגען דעם".

דיין קעניגין אסתר.

זי האט פערזיגעלט דעם בריעף און איהם איבערגעגעבען חרבונה׳ן.

— ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען צום קעניג אין פאלאץ, וועסטו איהם דערלאנגען דעם בריעף... און איך האף, אז ווען המן וועט קומען און פער־לאנגען פון דעם קעניג אויפצוהייגען מרדכי׳ן, וועט שוין דער קעניג וויסען, וואס איהם צו זאגען.

חרבונה האט גענומען דעם בריעף און זיך א נייג געטהאן פאר אסתר׳ן.

— איך וועל טהאן ווי די קעניגין האט מיר געהייסען — האט ער אויס־גערופען.

— דערווייל וועל איך אויך שיקען רופען המנ׳ען און איהם דערצעהלען וועגען דעם פערשוואונדען פון התד׳ן. איך וועל זיך מאכען נישט וויסענדיג, און איהם בעטען, ער זאל מיר העלפען איהם אויפזוכען. און ווען דו וועסט זיך מיט איהם בעגעגענען, זאלסטו איהם זאגען, אז איך האב אויך פון דיר געבעטען צו טהאן דאסזעלבע. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז המן האלט התד׳ן פערשפארט אין תפיסה, איך וויים אז ער וועט איהם אזוי שנעל נישט ארויסלאזען. און דעריבער וועל איך אנשטעלען אייניגע בעאמטע, וועלכע זאלען וואכען איבער די תפיסות און לאזען מיר וויסען, וואו ער געפינט זיך.

ווען חרבונה איז אוועק, האט אסתר געשיקט נאך אייניגע בעאמטע, און האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען זעהן צו היטען די געפענגניסען פון שושן, אזוי אז קיינער זאל נישט בעמערקען דאס זיי טוען דאס. אין דער זעלבער צייט, האט זי געשיקט איינעם פון איהרע דינער רופען המנ׳ען.

ווען דער דינער איז געקומען אין המנ׳ס הויז און ער האט געזאגט, אז

די קעניגין פערלאנגט, אז המן זאל קומען צו איהר אין פאלאץ, האט זיך זרש שטארק דערשראקען.

המן איז יעצט נישטא! — האט זי אויסגערופען. און ווען ער וועט קומען, וועל איך איהם איבערגעבען דעם פערלאנג פון דער קעניגין.

אז דער דינער איז ארויס, איז זרש אריין צו המנ'ען אין צימער און אויסגערופען א צושראקענע:

ווי עס ווייזט אויס, האט זיך די קעניגין דערוואוסט, וואס דו האסט געטהאן צו התד'ן, און יעצט האט זי געשיקט נאך דיר.

דו האסט גאר נישט וואס צו זאגען, זרש! — האט המן זיך אפגערופען מיט א שמייכעל — עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און אסתר וועט ווערען דיין דינסט.

— אבער זי זאל אקארשט ניט דערצעהלען דעם קעניג, וואס דו האסט געטהאן צו התד'ן, און דאן וועט דיר שוין נישט אזוי גרינג אנקומען צו קריגען זיין זיעגעל רינג אויפצוהייבען מרדכי'ן.

— דו ביזט, דוכט זיך, גאנץ קלוג און צייטענוויין זאגסטו ארויס נארישקייטען — האט המן איהר ארומגענומען — פון וואנען וויים די קעניגין, וואס איך האב געטהאן צו התד'ן.

ווען זי וועט מיך פרעגען, וועל איך זאגען, אז מיינע זיהן האבען געזעהן, ווי התד איז ענטלאפען מיט עדה'ן פון שושן... זי וועט מיר זיכער גלויבען! און איידער עס וועט דערגרייכען די אויער פון דעם קעניג, וועט שוין דער זיעגעל רינג זיין אין מיין האנט, און דאן, וועלען מיר שוין נישט דארפען זארגען, אויב מען וויים וואס איך האב געטהאן צו התד'ן... דו ווייסט נישט, זרש, ווי ליעב און פריינדליך דער קעניג איז צו מיר, און זיין פריינדשאפט צו מיר שטייגט מיט יעדען טאג... ער וועט מיר קיין זאך אין דער וועלט נישט ענטזאגען... ער האט צו מיר אזוי פיעל צוטרויען, אז ער וועט מיר קיינמאל נישט חושד זיין, אז איך האב א שלעכטע כונה מיט דעם, וואס איך פערלאנג, ער זאל מיר געבען זיין זיעגעל רינג א צווייטען מאל.

— אה, ווי איך ווינש, עס זאל שוין זיין מארגען! — האט זרש אויסגערופען — אויב דיר וועט געלינגען דורכצופיהרען דיין פלאן, וועסטו שוין מארגען אין דיזער צייט זיצען אויף אחשורוש'ס טהראן, און איך וועל טראגען אסתר'ס קרוין... דו ווייסט, המן, אז איך וועל נישט וועלען ליידען, דאס איך זאל זיין אין גאנצען אפגעזונדערט פון דיר אין א צווייטען פאלאץ, ווי אסתר איז. איך וואלט נאר געוואלט זיין שטענדיג מיט דיר, אין דעם זעלבען פאלאץ.

— און וואס וועלען מיר טהאן מיט אסתר'ס פאלאץ? — האט איהר המן געפרעגט.

— מיר וועלען איהם אוועקשענקען צו אונזערע זיהן און טעכטער... ער איז גרוים גענוג און זיי וועלען אלע זיין צופריעדען. — האט המן געזאגט מיט א שמייכעל.

— און מיר וועלען בלייבען גאנץ אליין אין דעם וואונדערליכען קעניגליכען פאלאץ? — האט זרש געזאגט מיט א גליקליכער שטימע. געדענק,

המן, דו האסט מיר פערשפראכען, אז מעהר קיין פרויען וועסטו צו מיר נישט נעהמען.

— איך וועל מיין פערשפרעכען האלטען! — האט המן איהר געענט־פערט — און דו וועסט קענען מאכען אסתר'ן פאר דיין דינסט אדער קאמער־מיידעל.

— מיר וועט נישט ארען, אויב אסתר וועט צוזאמען מיט די איבעריגע אידען געטויטעט ווערען דעם דרייצעהנטען אדר, זי איז נישט בעסער פון זיי.

— איך וועל דיר איבערגעבען אסתר'ן אין דיינע הענט, און דו וועסט מיט איהר קענען טהאן, וואס דו ווילסט! — האט המן איהר געזאגט — און יעצט וועל איך גלייך אריבערגעהן צו איהר אין פאלאץ און הערען, וואס זי האט צו זאגען.

המן איז אריין אין אסתר'ס פאלאץ און איז באלד אויפגענומען געווארען פון דער קעניגין.

— זעץ זיך המן — האט אסתר איהם אנגעצייגט אויף א פלאץ נישט ווייט פון איהר.

המן האט זיך פארנייגט און האט זיך אוועקגעזעצט. ער האט געווארפען זיינע בליקען אויף דער וואונדער־שעהנער אסתר. זיין הארץ האט א צאפעל גע־טאן... מעגליך, אז מיט א טאג שפעטער וועט זי געהערען אינגאנצען צו איהם. ער וועט זיין קעניג און זי זיין קעניגין... באלד קומט איהם פאר דער געשטאלט פון זיין ווייב זרש... זאל ער נאך זיך באפעסטיגען אויף דעם טראהן און ער וועט שוין וויסען ווי אזוי פטור צו ווערען פון זרש'ן.

— איך פארלאנג פון דיר א טובה — האט די קעניגין זיך אפגערופען צו המן — און איך האף, אז דו וועסט מיר נישט אנטזאגען.

— אה, גנעדיגע קעניגין! — האט המן אויסגערופען — קיין זאך איז דער וועלט וועט פאר מיר נישט צו שווער זיין צו טאן פאר דער קעניגין.

— דו ווייסט וואס עס האט פאסירט? — האט אסתר געזאגט און איהם דורכגעדרונגען מיט איהרע בליקען — מיין סרים התך איז געהיימניספול פאר־שוואונדען, און איך וואלט פון דיר פארלאנגט דו זאלסט מיר העלפען איהם געפינען. איך האב אויך געבעטען הרבונה'ן ער זאל געהן אויפזוכען התך'ן.

— התך! — האט המן אויסגערופען —ווארט, מיר דוכט זיך אז מיינע זיהן האבען מיר דערמאנט זיין נאמען. אה, יע, זיי האבען מיר געזאגט, אז זיי האבען איהם באמערקט ווי ער איז אנטלאפען געווארען פון שושן מיט א אי־דישער מיידעל.

— עס איז אוממעגליך! — האט אסתר אויסגערופען — התך איז מיר גע־ווען זעהר א געטרייער און איבערגעגעבענער דינער. ער וועט נישט אנטלויפען פון דאנען און מיר דערפון נישט לאזען וויסען.

— ווען ליעבע מישט זיך אריין דאן איז אלץ מעגליך. איך אליין וואלט עס אויך נישט געגלויבט — האט המן א שמייכעל געטאן — אבער מיינע זיהן קע־נען דאס מיידעל מיט וועמען זיי האבען איהם געזעהן אנטלויפענדיג. זי איז די טאכטער פון א אידישען שמיעד, איהר מוטער איז א פרסית. זי איז א גאנץ שעהנע מיידעל און דאס איז די אורזאכע וואס ער איז מיט איהר אנטלאפען.

— וועו האבעו דיינע זיהו איהם געזעהו אנטלויפענדיג? — האט אסתר איהם געפרעגט.

— טאקע היינט אין דער פריה.

— פון וואנעו האבעו זיי געוואוסט אז ער קלייבט זיך צו אנטלויפען פון שטאדט?

— דאס מיידעל, מיט וועמען התך איז אנטלאפען, איז די טאכטער פון מיין פרוי'ס א דינסט, און ווי עס ווייזט אויס האט איהר מוטער געבעטען מיי־נע זיהן זיי זאלען איהר העלפען אויפזוכען. זיי האבען זיך דערוואוסט וואו זי געפינט זיך און האבען איהר אפגעהיט. לעצטען אווענט האבען מיר מיינע זיהן דערצעהלט, אז זיי האבען באמערקט דאס מיידעל מיט התך'ן ארויסגעהענדיג פון דער אידישער גאס, און ווען זיי זיינען ביידע פארשוואונדען, האבען מיינע זיהן באשלאסען התך'ן נאכצושפירען און טאקע היינט אין דער פריה האבען זיי געזעהן ווי התך איז מיט דער זעלבער מיידעל אנטלאפען פון שטאדט.

— און פארוואס האבען דיינע זיהן איהם נישט נאכגעיאגט און אומגע־קערט די מיידעל צו איהר מוטער? — האט איהם אסתר געפרעגט.

— ווייל איך האב זיי אנגעזאגט זיי זאלען נישט וואגען צו טאן קיין שלעכ־טעס צו דעם סרים פון דער קעניגין.

— א גרויסע באלוינונג ערווארטעט דיינע זיהן, אויב זיי וועלען מיר אנ־ צייגען די ריכטיגע שפורען צו התך'ן — האט אסתר געזאגט — און דו המן, ווייסט דאך געוויס נישט פארגעסען, אז דו ביזט איינגעלאדען צו קומען מארגען אווענט צו מיין צווייטען מאלצייט וואס איך מאך לכבוד דעם קעניג און דיר.

— אה, ווירדיגע קעניגין! ווי אזוי קען איך פארגעסען? דער כבוד וואס די קעניגין טהוט מיר אן וועט בלייבען אין מיין געדעכנים אויף אייביג. איך ווייס נישט מיט וואס איך האב אזוי פארדינט אז די קעניגין זאל צו מיר אזוי גנע־דיג זיין.

— אה המן, ווען דו וואלסט געוואוסט וואס איך טראכט פון דיר, וואל־סטו זיכער געקענט פארשטעהן פאר וואס איך האב דיר אויסדערוועהלט אלס מיין בעסטען פריינט. יע, עס וועט קומען א צייט און אלץ וועט פאר דיר קלאר ווערען — האט אסתר ארויפגעצוואונגען א שמייכעל אויף איהרע ליפען.

המן איז צושמאלצען געווארען פון פארגעניגען ווען ער האט געהערט איה־רע לעצטע ווערטער... איצט איז ביי איהם קיין ספק נישט אז די שעהנע קעניגין איז אין איהם פארליבט... און דאס וואס זי האט איהם געשיקט רופען וועגען התך, איז עס בלויז אן אויסרייד, כדי ער זאל צו איהר קומען. ווען זי וואלט איצט געוואוסט וועגען זיינע פלענער, אז ער וועט אין גיכען טראגען אחשורוש'עס קרוין, דאן וואלט זי איהם געוויס נאך ארויסגעהאלפען מיט דעם. אבער ניין, ער וועט איהר גארנישט ענטדעקען. זאל עס צו איהר זיין אן אי־בערראשונג.

המן האט זיך גענומען פארשטעלען ווי אזוי אסתר וועט אויפנעמען די נייעס, אז ער המן, איז געווארען קעניג. ווי גליקליך זי וועט זיך פיהלען, ווען ער וועט נאך איהר שיקען און ערקלערען אז זי איז איצט זיין קעניגין, און ווי שטארק עס וועט זיין זרש'עס אנטוישונג... זי וועט מעגליך מאכען א פארזוך צו דראהען איהם, אבער דאן וועט ער קענען גאנץ גרינג פטור ווערען פון איהר...

קיינער וועט דאך איהם קיין דעה נישט זאגען וואס צו טאן. אסתר וועט ווערען זיין קעניגין... א ווי גליקליך ער וועט דאן זיין. אזוי גיך ווי ער וועט זיך באפעסטיגען אויפ'ן טראהן וועט ער באזייטיגען אלע זיינע שונאים... ער וועט אפילו נישט דארפען ווארטען ביז דעם דרייצענטען אדר. ער וועט גלייך ארויסגעבען א באפעהל אויסצושלאכטען אלע אידען און צעטיילען זייער רייכטום צווישען די פערסיער. אחשורוש'ן און אלע זיינע אנהענגער וועט ער לאזען טויטען, כדי צו פארמיידען א פארשווערונג. באלד נאכדעם וועט ער פייערען די חתונה מיט אסתר'ן די שעהנסטע קעניגין פון דער גאנצער וועלט. זרש'ן וועט ער אויך אריבערשיקען אויף יענער וועלט. זיינע זיהן וועט ער מאכען פאר גוברנאטארען אין פארשידענע שטעדט פון פרס.

— דו שיינסט צו זיין שטארק פארטראכט, המן — האט אסתר איהם אונטערברא‎כען זיינע געדאנקען.

המן האט זיך ווי אויפגעוואכט פון א זיסען חלום. ער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און זיך פארנייגט.

— די קעניגין וועט מיר זיכער ענטשולדיגען. עס זיינען פאראן מאמענטען ווען עס איז גאנץ שווער פאר אימיצען צו באהערשען זיינע געדאנקען.

— האסטו דען פארבארגענע געדאנקען פון מיר, המן? — האט אסתר ווידער א שמייכעל געטאן.

— אה, מיין ווירדיגע קעניגין! איך האף אז גאר אין גיכען וועלען מיינע געדאנקען מעהר נישט זיין פארבארגען — האט זיך המן אויפגעהויבען פון זיין פלאץ — איך וועל שוין זעהן אז מען זאל אויסגעפינען וואו התך איז און אזוי שנעל ווי איך וועל ארויסקריגען די ערשטע שפורען, אזוי שנעל וועל איך לאזען וויסען דער קעניגין וועגען דעם.

א ווייל'ע שפעטער, נאכדעם ווי המן איז ארויס פון אסתר'ס פאלאץ, איז חרבונה געקומען.

— האסטו מיין בריעף איבערגעגעבען דעם קעניג? — האט אסתר איהם גלייך געפרעגט.

— יע, איך האב איהם דאס איבערגעגעבען און ער האט אין מיין געגענווארט עס דורכגעלעזען.

— און וואס האט ער געזאגט?

— ער האט זיך געוואונדערט פאר וואס ער האט זיך כמעט ווי פארגעסען וועגען דעם. ער האט געזאגט אז אזא מאן ווי מרדכי, דער איד, פארדינט די גרעסטע מעגליכע באלוינונג פאר זיין טהאט.

— געלויבט איז גאט! — האט אסתר אויסגערופען — די באלדיגע געפאר אז המן זאל מרדכי'ן אויפהענגען איז צייטוויילג פאראיבער.

— וואס איך האב מורא — האט חרבונה זיך אפגערופען — אז המן זאל נישט מאכען א פארזוך אויפהענגען מרדכי'ן אהן דעם קעניג'ס ערלויבניש.

— דעריבער וועל איך דיר טאקע בעטען, אז דו זאלסט האלטען דיינע אויגען אפען אויף אלץ וואס המן וועט היינט טאן, און אויב דו וועסט טאקע אויסגעפינען אז המן פלאנעוועט אזוי צו טאן, זאלסטו מיר גלייך לאזען וויסען און איך וועל שוין זעהן זיינע פלענער צוצושטערען. איך האף, אז מארגען, בעת דער קעניג און המן וועלען פארברענגען מיט מיר אויף דעם מאלצייט וועלט איך

דאן צייגען דעם קעניג וואס פאר א רשע המן איז און פון אלע זיינע בייזע מחשבות וועט זיך דער קעניג דערוויסען.

— צו המן׳ס רשעות איז גאר קיין גרעניץ ניטא — האט חרבונה זיך אפגערופען — מרדכי האט מיר איבערגעגעבען אז המן׳ס זיהן טוען אן זעהר פיעל צרות און נגישות צו אלע אידען פון שושן... זיי קומען אריין אין דער אידישער גאס און פארוואַרפען יעדען דורכגעהענדען אידען מיט שטיינער און שטויב. און דערצו זאגען זיי איהם, אז ער זאל זיך ריכטען אויף דעם דרייצענטען טאג פון דעם חודש אדר.

— אונזער גאט זאל נאר אויף אונז אלעמען רחמנות האבען. דער געפאהר איז נאך זעהר גרויס, אפילו ווען מיר זאל זיך איינגעבען צו פארמיאוס׳ן המן׳ען אין די אויגען פון דעם קעניג, ווייס איך נישט ווי אזוי דער קעניג וועט קענען מבטל מאכען המן׳ס שרעקליכע גזרה וואס איז גע׳חתמ׳עט געווארען מיט דעם קעניג׳ס זיגעל־רינג.

— ווען דער קעניג זאל מעהר נישט זיין אונטער המן׳ס איינפלוס וועט שוין נישט זיין צו שווער מבטל צו מאכען די גזרה. עס וועט געוויס געפונען ווערען א וועג. די קעניגען דארף נישט זיין פארצווייפעלט.

— איך בין אויך זעהר באזארגט וועגען התך׳ן — האט אסתר זיך אפגערופען צו חרבונה׳ן. די וועכטער וועמען איך האב אוועקגעשיקט צו די פארשידענע געפענגעניסען פון שטאדט האבען מיר געלאזט וויסען, אז זיי האבען גוט אויסגעפארשט און זיי זיינען געקומען צום באשלוס, אז התך געפינט זיך נישט דארטען. איצט ווייס איך נישט וואס המן האט צו איהם געטאן... איך האב געשיקט רופען המן׳ען און ער מאכט זיך נישט וויסענדיג. ער האט מיר געזאגט, אז לויט וואס זיינע זיהן האבען איהם דערצעהלט, איז התך אנטלאפען מיט עדה׳ן פון שושן... ער מיינט געוויס, אז איך ווייס גארנישט ווער עדה איז, און אז התך איז געגאנגען צו איהם אין הויז...

— איצט וועט דאך נישט שווער זיין איבערצוציינגען אלעמען ,אז המן איז א ליגנער, — האט חרבונה זיך אפגערופען — און איך בין זיכער, אז ער וועט דעם קעניג אויך געבען דעם זעלבען ענטפער. דאן וועט די קעניגין קענען זאגען דעם קעניג אז די מיידעל, וועגען וועמען המן רעדט, געפינט זיך אין איהר פאלאץ, און דאן וועט דער קעניג אליין זעהן, אז מען קען זיך אויף המן׳ס רייד נישט פארלאזען. דאס וואלט געהאלפען זעהר פיעל צו דער פארפלאנטערטער לאגע.

— איך וועל ווארטען ביז מארגען, ווען המן וועט זיין מיט דעם קעניג צו מיין מאלצייט. איך וועל איהם נאך אמאל א פרעג טאן וועגען התך׳ן און ווען ער וועט מיר געבען דעם זעלבען ענטפער, וועל איך הייסען עדה׳ן אריינקומען. דאס וועט המן׳ען אזוי צוטומלען און זיין ליגען וועט באלד ארויסקומען. און ער וועט אויסזאגען וואו התך געפינט זיך.

— ווען התך וועט זיך אפזוכען, וועט ער האבען זעהר פיעל צו דערציילען וועגען המן׳ען און זיינע זיהן — האט חרבונה געזאגט — איך האב נאר מורא אז המן זאל איהם אין גאנצען אפראמען פון וועג.

— וועגען דעם שרעקט מיר אויך מיין הארץ — האט די קעניגין געזאגט—

דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַן איבערגעגעבענער און געטרייער פריינט התד איז געווען צו מרדכי׳ן און וויפיל גוטעס איך און מרדכי האָבען דורך דעם געהאַט.

— איך האָב מורא, אַז המן האָט אויסגעפונען דאָס התד איז דער פארמיט־לער צווישען דער קעניגין און מרדכי׳ן און דעריבער האָט ער זיך אַן איהם נוקם געווען — האָט חרבונה געזאָגט.

— המן איז שוין איינינע מאָל געווען אין מיין פּאַלאַץ און איך האָב איהם יעדען מאָל געמאַכט פיהלען, אַז מרדכי מיינט גאָרנישט צו מיר, און אַז מיין גלייכגילטיגקייט צו מרדכי׳ן איז אַזוי גרויס, אַז מיר אַרט נישט וואָס מיט איהם וועט פּאַסירען... און דערפאַר וואָלט המן התד׳ן גאָרנישט חושד געווען, אַז ער איז דער פאַרמיטלער צווישען מיר און איהם. אָבער איך האָב אויסגעפו־נען אַז המן׳ס זיהן האָבען התד׳ן נאָכגעשפּיאָנירט און זיי האָבען געזעהן ווי ער האָט ארויסגעפיהרט פון מרדכי׳ס הויז עדה׳ן. איך האָב אויך ערפאַהרען פון המן׳ען, אַז עדה׳ס מוטער איז געוואָרען אַ דינסט צו זיין פרוי זרש.

— דורך עדה׳ס מוטער גלויב איך וועל איך קענען אויסגעפינען די גע־היימניס פון התד׳ן.

— ווי אַזוי ?

— זי מוז זיכער וויסען וואָס המן האָט צו איהם געטאָן און ווען איך וועל איהר זאָגען, אַז איך ווייס וואו איהר טאָכטער געפינט זיך און ווען זי וועט מיר דערצעהלען אַלץ וואָס זי ווייס פון התד׳ן, וועל איך איהר זאָגען וואו עדה גע־פינט זיך, איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אַז זי ווייס וואָס המן האָט געטאָן צו התד׳ן.

* * *

א טאָג פון גרויס טרויער און אנגסט איז יענער טאָג געווען פאַר מרדכי׳ן און די איבעריגע אידען פון שושן. המן׳ס זיהן האָבען פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז מאָרגען אין דער פריה וועט מרדכי אויפגעהאַנגען ווערען אויף דעם העכסטען בוים, וואָס געפינט זיך נעבען אחשורוש׳עס פּאַלאַץ. איינינע האָבען שוין גע־זעהן ווי המן׳ס זיהן האָבען געאַרבייט אויף דער גרויסער פּעטליע וואָס זיי האָ־בען איינגעריכט אויף יענעם בוים. א טויט שרעק איז אַלעמען באַפאַלען. ווי־דער האָט אויסגעבראָכען א געוויין און יאָמער אין דער אידישער גאַס.

מרדכי האָט צוזאַמענגערופען נאָכאַמאָל די אידען אין שוהל און מען האָט מיט וויינענדיגע שטימען מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל צושטערען די גזרה פון המן דעם רשע. אַלעמענס הערצער זיינען געווען אַנגעווייטאָגט. פילע וועלכע האָ־בען נישט געגלויבט די קלאַנגען, אַז המן קלייבט זיך אויפצוהייננען מרדכי׳ן, זיינען אליין אוועקגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו דער בוים איז געשטאַנען און ווען זיי האָבען באַמערקט די פּעטליע האָבען זיי אויסגעבראָכען אין א געוויין.

באַלד זיינען די שכנות אוועק צו קציעה׳ן, מרדכי׳ס פרוי, און האָבען איהר איבערגעגעבען די טרויעריגע נאַכריכט, אַז המן האָט שוין פאַרטיג געמאַכט די תליה פאַר מרדכי׳ן און ווי זיי האָבען געהערט קלויבט זיך המן איהם אויפצו־הענגען מאָרגען גאַנץ פריה.

קציעה איז גלייך געפאַלען אין חלשות און איהרע שכנות האָבען איהר קוים אָפּגעמינטערט.

— פּילייכט וועט נאָך גאָט צוהערען צו די תפלות פון אונזערע מענער —

האַט איין שכנה פּרובירט טרייסטען קציעה'ן — מרדכי איז דאָך איצט צוזאַמען מיט זיי אין שוהל.

— בלויז א נס וועט איצט קענען ראַטעווען מיין מרדכי'ן — האַט קציעה נישט אויפגעהערט צו יאָמערען.

— וואָס איז שוין דער אונטערשייד — האַט א צווייטע שכנה געזאָגט מיט א שטימע פון יאוש —דער סוף פון אונז אַלעמען איז נאָהענט, אונזערע טעג זיינען געצעלטע און ווען מיר וועלען שוין לעבען נאָך א קורצע צייט, וועט שוין זיין בעסער פאַר אונז?

אַלע פרויען האָבען יאָמערליך געוויינט.

— מיר האָבען שוין באַלד אָפּגעלעבט א העלפט פון אונזערע לעבענס — האָט איינע געקלאָגט — אָבער אונזערע אומשולדיגע יונגע קינדער פאַרוואָס קומט זיי אַזוי יונג פון דער וועלט צו געהן!

— פון דעסטוועגען קען איך נישט פאַרשטעהן, קציעה, פאַרוואָס די קעניגין זאָל גאַרנישט קענען אויפטאָן. זי איז דאָך געווען אַזא איבערגעגעבענע אידישע טאָכטער, און אַלע ווייסען אַז דער קעניג האָט איהר ליעב און ווען זי וואָלט איהם דעם גאַנצען אמת דערצעהלט וואָלט ער מעגליך צוריקגעצויגען זיין גזרה — האָט נאָך א פרוי זיך אָפּגערופען.

— וויפיל מאָל דאַרף מען דיר זאָגען, אַז א גזרה, וואָס איז געחתמ'עט געוואָרען מיט דעם קעניג'ס זיעגעל, קען אפילו דער קעניג נישט מבטל מאַכען.

— דאָך וואָלט אסתר געקאָנט פאַרמיידען אַז המן זאָל נישט אויפהענגען מרדכי'ן. ווען זי וואָלט נאָר געזאָגט דעם קעניג, אַז מרדכי איז איהר פעטער.

— זי איז דאָך געווען ביים קעניג און וואָס האָט זי אויפגעטאָן?

— ווי אַזוי האָט זי געקענט עפּעס אויפטאָן, ווען אנשטאָט צו בעטען דער קעניג זאָל זיין גנעדיג צו מרדכי'ן און צו אַלע אידען, האָט זי גאָר איינגעלאַדען דעם קעניג מיט המן'ען צו איהר מאַלצייט.

— און דאָס האָט נאָך המן'ען מעהר ערמוטהיגט. ער זעהט, אַז דער קעניגין אַרט נישט פאַר איהרע אייגענע, איז ער אוועק און האָט שוין פאַרטיג געמאַכט די תליה פאַר מרדכי'ן.

— גלויבט מיר האָט קציעה זיך אָפּגערופען ווישענדיג איהרע אויגען — אַז מיין אסתר האָט שוין גענוג געטאָן... א קונץ איז צו מאַכען אַן איבעראייל־טען שריט און אַלץ פאַרלירען. די קעניגין האָט זיך גוט איבערגעלעגט און זיך אויסגערעכענט איידער זי איז געגאַנגען צום קעניג. מסתמא האָט זי אויסגעפונען, אַז דאָס איז דער זיכערסטער וועג איינצולאַדען אחשורוש'ן און המן'ען צו זיך אויף דעם מאַלצייט.

— אָבער וואָס האָט זי אויפגעטאָן? גאַרנישט! לויט ווי מיר ווייסען האָט איהר דער קעניג אויף דעם מאַלצייט טאַקע געפרעגט וואָס זי פאַרלאַנגט, אַז ער וועט ערפילען אַלץ וואָס זי וועט ווינשען, און וואָס האָט זי פאַרלאַנגט?

— אַז המן זאָל ווידער אַמאָל קומען צו איהר מאַלצייט.

— און איידער וואָס ווען האָט שוין המן פאַרטיג געמאַכט די תליה פאַר מרדכי'ן.

— יאָ, ער וועט אויפהענגען מרדכי'ן כדי ער זאָל נאָכהער קענען קומען א צופרידענער צו אסתר'ס מאַלצייט.

— ווער ווייס, אויב אסתר ווייס פון דער תליה וואס המן האט פארטיג געמאכט און אז ער פלאנעוועט אויפצוהענגען איהר פעטער מארגען גאנץ פרי?

— מעגליך, אז זי ווייס טאקע נישט.

— ו׳אס האט התך דיר היינט איבערגעגעבען אין דעם נאמען פון דער קעניגין, קציעה, — האט איהר א שכנה געפרעגט.

— התך איז גאר היינט דעם גאנצען טאג אין מיין הויז נישט געווען, — האט קציעה א זיפץ געטאן — דאס איז אויך זעהר נישט קיין גוטער סימן. יעדען טאג פלעגט אסתר איהם שיקען, ער זאל אונז טרייסטען. אז אלץ וועט זיך אויסלאזען צום גוטען. היינט אבער איז ער גארנישט געווען. און מרדכי און די איבעריגע מענער געפינען זיך שוין א היבשע צייט אין שוהל. מסתמא ווייס מרדכי, אז עס איז שוין פארפאלען.

— פונדעסטוועגען קען איך נישט פארשטעהן פארוואס די קעניגין האט נישט געשיקט התך׳ן. איז עס מעגליך, אז זי האט שוין גאר נישט וואס צו זאגען איהר פעטער, בפרט ווען זי ווייס אז זיינע שטונדען זיינען געציילטע.

דערהערענדיג דאס, האט קציעה ווידער אויסגעבראכען אין א געוויין און צוזאמען מיט איהר די איבעריגע פרויען, איהר שכנות.

— איך ווייס, אז דו וועסט עס נישט וועלען ליידען — האט זיך איין פרוי אפגערופען צו קציעה׳ן — אבער איך מוז דיר זאגען, אז דאס האט מרדכי אויף זיך אליין געבראכט אט די אלע צרות... פארוואס האט ער זיך גאר געדארפט אנפאנגען מיט המן׳ען דעם רשע. ער האט געזעהן, אז אלע קניהען און בוקען זיך צו איהם, האט ער אויך געדארפט טאן דאס זעלבע. דאן וואלט המן נישט געהאט וואס צו טשעפען זיך צו איהם.

— און נישט נאר צו איהם. ער וואלט אלע אידען צורוה געלאזען — האט א צווייטע צוגעגעבען — אמת, מרדכי איז ביי זיך שטאלץ, אבער עס מאכט זיך א צייט וואו א מאן מוז זיין שטאלץ פארבויגען.

דאס איז נישט געווען א פראגע פון שטאלץ! — האט קציעה אויסגערופען — ער האט זיך געזוכט צו טשעפען צו אונז שוין פון לאנג. ער האט מיט א כיון געטראגען אויף זיין הארצען איינע פון די פערסישע געצקעס, כדי עס זאל זיין אוממעגליך פאר די אידען אויסצופאלגען דעם געזעץ זיך צו בוקען צו איהם.

— און וואס מיינסטו וואלט געווען אפילו ווען ער בוקט זיך פאר איהם אזוי? גאט וואלט דאך איהם מוחל געווען, ווייל ער ווייסט דאך אז נישט פאר די געטשקע האט ער זיך געבוקט.

— ווען מרדכי וואלט איהם נאכגעגעבען און זיך דאן געבוקט צו איהם. וואלט שוין לאנג נישט פאראיבער און המן וואלט געצוואונגען אלע אידען זיך צו בוקען צו די פערסישע געטער, — האט קציעה געענטפערט.

— און דאס וואלט דאך אלץ געווען בעסער ווי אויסגע׳הרג׳עט צו ווערען אלע אין איין טאג מיט אונזערע קליינע קינדער!

— דאס רעדסטו שוין ווי אן אומוויסענדע פרוי — האט איהר א צווייטע געענטפערט — אויב דו ווילסט אננעמען דעם פערסישען גלויבען וועסטו זיך נאך איצט אויך קענען ראטעווען. המן וועט דאך נישט טויטען קיין פערסיער.

יענע פרוי איז אנטשוויגען געווארען. זי האט איינגעזעהן, אז עס איז טאקע

קיין אנדער ברירה נישט געווען. ווען מרדכי וואלט זיך אונטערגעגעבן, דאן וואלט פיליכט דאס גאנצע אידישקייט פון פרס אונטערגעגאנגען...

---

ווען המן האט פארלאזען אסתר'ס פאלאץ, האט זיך א גרוים פרייד צוגאַ־סען איבער זיין קערפער... אסתר איז איהם אפילו נישט חושד געווען וועגען התר'ן — האט ער ביי זיך באשלאסען— אבער פון איהרע רייד קען ער זעהן, אז זי טראכט אויך פון איהם זעהר פיעל. ווי פרעכטיג און שעהן זי איז. ווי אנ־גענעהם איהר ליבליבע שטימע קלינגט אין זיינע אויערען. ווען ער וועט נאר האַ־בען געגוג מוטה וועט זי נאך מארגען געהערען צו איהם... א לייכטער ציטער געהט דורך זיין קערפער, ווען ער טראכט זיך, אז די וואונדער־שעהנע קעניגין וועט גאר געהערען צו איהם. עס וועט איהם גאנץ שווער נישט אנקומען. אחשורוש וועט איהם אין גארנישט חושד זיין... זרש וועט איהם דערווייל ארויסהעלפען און ווי נאר די סכנה וועט זיין פאראיבער וועט ער פון איהר פטור ווערען או' נעמען אסתר'ן פאר זיין קעניגין... קיינער וועט איהם דאן קיין דעה נישט קענען זאגען. ער וועט זיצען אויף דעם טראהן. ביי זיין זייט וועט זיצען אסתר... זרש איז גערעכט, ער וועט נישט לאזען זיין קעניגין וואהנען אין א באַ־זונדערען פאלאץ ווי אחשורוש טהוט עס. זי וועט מוזען וואהנען אין דעם זעל־בען פאלאץ מיט איהם.

המן האט א שמייכעל געטאן, ווען ער האט זיך דערמאנט אין זרש'עס רייד. זי האלט זיך פאר זעהר א קלוגע און דאך פארשטעהט זי נישט, אז ווי נאר ער ווערט קעניג, וועט זי צו איהם מעהר קיין צוטריט נישט האבען. ער וועט איהר מיאוס'ן פרצוף נישט וועלען אנקוקען, און אויב זי וועט נישט וויסען איהר פלאץ, וועט ער קענען פון איהר אזוי גרינג פטור ווערען, ווי אחשורוש פון ושתי'ן... וואס מעהר ער האט פון אסתר'ן געטראכט אלץ פרעהליכער איז המן געווארען. זיינע פיס האבען זיך איהם געהויבען ווי צום טאנצען. אט זעהט ער ווי אלע הויפלייטע פון קעניג קניהען זיך און בוקען זיך פאר איהם... יע, עס וועט שוין לאנג נישט דויערען און זיי וועלען אלע אויסשרייען:

— לאנג לעבען זאל אונזער נייער קעניג, המן!

דא האט המן אומגעדרעהט זיין קאפ און ער האט באמערקט מרדכי'ן זי־צענדיג איינגענורעט, און ער ריהרט זיך נישט פון ארט. זיין בלוט האט איהם א זעץ געטאן אין פנים — כל זמן דער פארפלוכטער איד לעבט, געהט איהם נישט איין אלע זיינע פארגעניגענס — האט המן א קריץ געטאן מיט זיינע צייהנער. יע, איידער ער וועט עפעס דערגרייכען וועט ער מוזען פארטיג ווערען מיט מרדכי'ן.

המן האט געווארפען א בייזען בליק אויף מרדכי'ן, און ווען מרדכי האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און א קוק געטאן אויף איהם האט המן צוזאמענגע־דריקט זיין פויסט און איהם אנגעצייגט אויף דעם הויכען בוים וואס איז געווען נישט ווייט.

— קוק ארויף, דו פארפלוכטער איד — האט המן זיך צו איהם אפגערופען א שטשירע טוענדיג מיט די צייהנער — די פעטליע איז שוין פארטיג. מארגען גאנץ פריה וועסטו הענגען אויף דיזען בוים.

מרדכי האט טרויעריג ארונטערגעבויגען זיין קאפ און המן איז ווידער פרעהליך געווארען. ער איז אוועק אהיים און ער האט צוזאמענגערופען אלע זיי־

נע גוטע פריינט און קרובים. ער האַט געהייסען זרש'ן צוגרייטען פאר זיי א גרויסארטיגען מאַלצייט.

עס איז געווען שוין גאנץ שפּעט אין דער נאכט. המן'ס גאנצע משפּחה און זיינע פריינט זיינען געזעסען און זיך פרעהליך געמאכט אויפ'ן חשבון פון מרדכי'ן און אלע אידען.

— אַ, ווען איהר וואַלט נאָר געקענט זעהן דעם אויסדרוק פון מרדכי'ס פּנים, ווען ער האַט א קוק געטאָן אויף דער תליה וואָס איך האָב איהם אנגעציינט — האַט המן געזאָגט מיט א געלעכטער — וואַלט איהר זיך געהאלטען ביי די זייטען לאכענדיג. איך האָב בלויז מורא געהאט ער זאָל נישט פאלען צו מיינע פים און בעטען איך זאָל איהם מוחל זיין, און אז ער וועט זיך שוין בוקען און קניהען פאר מיר.

— וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבען פאר דעם — האַט זרש געזאגט מיט א שמייכעל.

— פארשטעהסטו מיר, איך האָב דאָך אזא ווייכע הארץ און איך האָב מורא געהאט פאר זיך אליין, אז איך זאָל צו איהם נישט ווייכער ווערען.

— איך בין זיכער, אז וואָס מרדכי וואָלט איצט געטאָן וואלסטו איהם ניט מוחל געווען — האַט זרש געלאכט — בפרט נאָכדעם ווי זיין תליה שטעהט שוין פארטיג...

— און ווי עס ווייזט אוים האַט מרדכי פארשטאנען אז עס וועט איהם גארנישט העלפען, און ער האַט דעריבער אפילו קיין פארזוך נישט געמאכט מיר צו בעטען איך זאָל איהם מוחל זיין.

— און דו האָסט געדארפט זעהן, פאָטער, וואָס פאר א מהומה און שרעק מיר האָבען אָנגעוואָרפען צווישען די אידען, ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דער אידישער גאס און גאנץ הויך אויסגערופען, אז מרדכי'ס תליה איז שוין פארטיג און מאָרגען גאנץ פריה וועט מען איהם אויפהענגען... איינינגע אידישע פרויען האָבען גע'חלשט און אנדערע האָבען געשריען און געיאָמערט אזוי הויך, אז מיר האָבען זיך נישט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער — האַט פרשנדתא זיך אָפּגערופען.

— און איך בין אוועק צו דער תפיסה וואו שמעון איז איינגעשפּארט — האַט דלפון זיך באקלאָגט פאר זיין פאָטער — איך האָב איהם געוואָלט אָנזאָגען די גוטע נייעס, אז מרדכי ווערט מאָרגען גאנץ פריה אויפגעהאנגען און איך האָב נאָך זיך געוואָלט מיט איהם א רייץ טאָן און זאָגען אז היינט ביינאכט פייער איך די חתונה מיט זיין כלה, עדה'ן, אָבער דער וועכטער פון געפענגנים האַט מיר אהין נישט צוגעלאָזען.

— דאָס איז א חוצפּה פון א וועכטער — האַט זיך זרש אָפּגערופען — דערפאר זאָלסטו מאָרגען זעהן, המן, אז ער זאָל פארלירען זיין אמט.

— ער האַט נישט קיין רעכט דיר נישט אריינצולאָזען אין געפענגנים — איז המן אין כעס געוואָרען.

— איך האָב איהם אויך נישט געשאָנקען — האַט דלפון געזאגט — איך האָב איהם גוט צובלוטיגט, אָבער גראדע זיינען דאן אָנגעקומען איינינגע וועכטער פון אסתר'ס פּאלאץ און האָבען מיט איהם געוואָלט ריידען, האָב איך

איהם אפּגעלאָזען. אז נישט וואָלט ער ביי מיר נישט אויסגעפיהרט. איך וואָלט שוין אהין אריין.

— איך פאַרשטעה נישט — האָט זרש זיך אָפּגערופען — וואָס האָבען די וועכטער פון דער קעניגין געהאַט צו טאָן מיט דעם וועכטער פון געפענגניס.

— פאַרשטעהסטו מיך — האָט המן זיך אָפּגערופען און געוואָרפען זיינע בליקען אויף די געסט — התך, דער דינער פון דער קעניגין, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען און די קעניגין האָט געמיינט, אז פיליכט איז ער איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניס. נאָר איך האָב איהר היינט געזאָגט, אז מיינע זיהן האָבען איהם געזעהן ווי ער איז אַנטלאָפען פון שושן מיט דער אידישער מיידעל עדה, און מעהר וועט זי איהם נישט שיקען זוכען.

— התך האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידעל — האָבען אַלע געסט אויסגעבראָכען אין אַ הילכיגען געלעכטער.

— די מיידעל איז אַ טאָכטער פון אונזער דינסט, וועלכע איז געווען פאַרהייראַט צו דעם אידישען שמיעד, און איצט האָט זי איהם פאַרלאָזען — האָט זרש צוגעגעבען. אָבער עס וועט שוין לאַנג נישט דויערען און מיר וועלען פּטור ווערען פוּ׳ אַלע אידען.

—און מאָרגען גאַנץ פריה וועל איך פּטור ווערען פון מיין ערגסטען שונא — האָט המן אַנגעפילט זיין בעכער מיט וויין — לאָמיר אַלע טרינקען פאַר מרדכי׳ן וועלכער וועט מאָרגען הענגען אויף דעם העכסטען בוים פון שושן.

א גרויסער געלעכטער האָט אויסגעבראָכען און די געסט האָבען ווידער אָנגעפילט זייערע בעכערס.

פּלוצלונג האָט זיך די טיהר געעפענט און אַ דינער פון אחשורוש׳ן איז אריינגעקומען און זיך פאַרנייגט פאַר המן׳ען.

— דער קעניג האָט מיר געשיקט איך זאָל רופען דיינע צוויי זיהן פרשנדתא און דלפון.

— אזוי שפּעט — האָט זרש זיך געוואונדערט.

— אָה, דער קעניג וויל איך זאָל קומען מיט דלפון׳ען און מיר זאָלען פאַר איהם פאַרלעזען פון די ביכער וואו די פּאַסירונגען פון לאַנד ווערען אריינגעשריבען — האָט פרשנדתא געזאָגט מיט שטאָלץ— שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי דאָס האָט מיט אונז פּאַסירט.

ווען פרשנדתא און דלפון האָבען פאַרלאָזען מיט דעם דינער דאָס הויז, האָט זיך המן אָפּגערופען צו זיינע געסט:

— דער קעניג האָט שטאַרק ליעב באַקומען מיינע זיהן און ווי נאָר ער לייַדעט פון שלאָפלאָזיגקייט, מוזען זיי קומען און אונטערהאַלטען איהם מיט זייערע מעשיות אָדער זיי לעזען פאַר איהם פאָר.

— מיר קענען שטאָלצירען מיט אַלע אונזערע קינדער — האָט זרש צוגעגעבען — זיי זיינען אַלע זעהר קלוג און ווען זיי קומען אריין אין דער אידישער גאַס, ציטערען אַלע פאַר זיי.

## פערצעהנטער קאפיטעל

# אין יענער נאכט

ווען אחשורוש האָט איבערגעלעזען אסתר'ס בריעף האָט ער לאנג נאכדעם געטראכט וועגען דעם אידען מרדכי. ווען נישט ער, וואו וואָלט ער יעצט געווען? א שוידער איז איהם דורך זיין קערפּער, ווען ער דערמאָנט זיך, ווי זיינע צוויי דינער, בגתן און תרש, האָבען צווישען זיך אָפּגעמאכט איהם אומצוברייננען. ער געדענקט. ווי אזוי ער האָט זיי געצוואונגען צו טרינקען דעם וויין אין וועלכען עס איז געווען דער סם. ווען מרדכי וואָלט איהם נישט געווארענט דורך דער קעניגין און זי וואָלט צו איהם גלייך נישט געקומען און איבערגעגעבען זיינע רייד, וואָלט ער שוין לאנג טויט געווען. און אסתר, זיין שעהנע קעניגין, וואָלט בעלאנגט צו זיין מערדער, וועלכער וואָלט זיכער געווארען קעניג אנשטאט איהם. מרדכי מוז זיין זעהר געלערענט, אז ער האָט געקענט פארשטעהן די שפּראד. אויף וועלכער בגתן און תרש האָבען געפּלאנעוועט זייער פארשווערונג און אט אין דעם וואונדערבארען אידען, מרדכי, האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, אינגאנצען פארגעסען. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל נישט, אז מרדכי האָט אפילו קיין באלוינונג נישט געקראָגען.

— עס איז א מאָדנע זאך! — האָט אחשורוש ווייטער געטראכט. — המן, וועלכער האָט איהם געראטען צו מאכען אסתר'ן פאר זיין קעניגין, איהם קען ער זיין טובה קיינמאָל נישט פארגעסען. און ער איז איהם דאנקבאר די גאנצע צייט. ער האָט איהם שוין גוט באלוינט פאר דעם, ער האָט איהם געמאכט פריי־הער פאר זיין הויפּט־מיניסטער און יעצט פאר זיין משנה למלך און גיט איהם נאָך אלע זיינע פארלאנגען. ער האָט איהם אפילו אנפארטרויט זיין זיעגעל־רינג. און מרדכי, וועלכער האָט זיין לעבען פון א זיכערען טויט געראטעוועט, אז איהם האָט ער גאָר פארגעסען. און ווען נישט אסתר'ס חלום, ווער ווייסט אויב ער וואָלט זיך ווען עס איז דערמאָנט אָן איהם? !

אחשורוש האָט זיך געלייגט שלאָפען מיט דעם געדאנק, אז מארגען וועט ער פאררופען דעם אידען, מרדכי, צו זיך אין פּאלאץ און ער וועט איהם גוט באלוינען... אזא מאן, וועלכער איז אזוי געלערענט, וועט איהם טאקע שטארק צו נוץ קומען. נאכאלעמען, ווער איז המן, וואס ער האָט איהם אזוי דערהויבען? ווי עס ווייזט אויס, האָט המן מעהר גליק פון מרדכי'ן. איהם האָט אפילו די קע־ניגין מקרב געווען. זי האָט איהם איינגעלאדען צו איהר מאָלצייט צוזאמען מיט איהם און מארגען איז ער ווידער אמאָל איינגעלאדען צו דער קעניגין...

אחשורוש האָט געפּרובירט צומאכען זיינע אויגען און אנטשלאָפען ווערען, אָבער ער האָט יענע נאכט נישט געקענט איינשלאָפען. אט זעהט ער ווי המן זיצט מיט איהם אין אסתר'ס צימער, ווי ער נעהמט די אויגען נישט ארונטער פון איהר...

א שטארקע אייפערזוכט צעפּלאקערט זיך אין אחשורוש'ס הארצען אויף המנ'ען. ווער ווייסט, וואָס המן טראכט גאָר וועגען איהם? פיליי‍כט טראכט ער גאָר אוועקצונעהמען פון איהם די קעניגין? זאָל עס מעגליך זיין, אז די קעניגין האָט זיך אויך פארליעבט אין המנ'ען? אויב נישט, פארוואס האָט זי איהם

ביידע מאָל איינגעלאַדען צו איהר מאַלצייט? און אפשר האָט גאַר המן איבער־געדעדט די קעניגין צו מאַכען א פאַרשווערונג געגען איהם?

א ציטער נעהמט איהם דורך. ער האָט געהאַט אזוי פיעל צוטרויען צו המנ'ען, ער האָט איהם דערהויבען צו דער העכסטער שטופע אין זיין קעניגרייך. און ווער ווייסט, וואָס פאַר א בייזעס המן טראַכט איהם צו טהאָן?

אחשורוש האָט זיך געדרעהט אין זיין בעט פון זייט צו זייט און ער האָט אלץ נישט געקענט איינשלאָפען. ווי ער מאַכט צו זיינע אויגען, אזוי דערזעהט ער המנ'ען נעבען זיך. ער זעהט ווי ער וואַרפט פאַרדעכטיגע בליקען אויף אסתר'ן. עס דאַכט זיך איהם ווי המן וויל פון איהם אוועקרויבען די קרוין צוזאַמען מיט דער קעניגין. ער קען אליין נישט פאַרשטעהן, פאַרוואָס ער זאָל פלוצלונג האָבען אזעלכע געדאַנקען וועגען המנ'ען. ביז יעצט האָט ער אפילו דערפון נישט גע־טראַכט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אורזאַכע, אָבער יעצט, ווען ער זעהט, אז די קעניגין זוכט אויך מקרב צו זיין המנ'ען, איז דאָך זיין פאַרדאַכט באַ־גרינדעט... אָבער, האָט זיך אחשורוש גענומען בארוהיגען, עס איז מעגליך, אז דאָס, וואָס אסתר האָט אויך המנ'ען איינגעלאַדען צו זיך, איז עס דערפאַר, ווייל זי דענקט, אז דאָס וועט איהם, אחשורוש'ן, צופרידענשטעלען, ווייל זי זעהט דאָך, אז המן איז זיין בעסטער פריינד, וועמען ער פאַרטרויט אלעס. פאַרוואָס האָט זי איהם איינגעלאַדען אויך צום צווייטען מאַלצייט? און פאַרוואָס האָט המן אויף איהר אזוי געקוקט? און ווי איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, האָט אסתר געשמייכעלט צו המנ'ען... ניין, דאָס קען נישט זיין! עס האָט זיך איהם בלויז אויסגעדאַכט. אסתר איז ליעבליך און פריינדליך צו יעדען איינעם. זי איז זעהר גוטהערציג און דעריבער האָט זי געשמייכעלט. אָבער פאַרוואָס האָט זיך איהר פלוצלונג גע'חלומ'ט אזא חלום? עס קומט אויס, אז עס איז אן אָנדייטונג, דאָס ער זאָל זיין פאָרזיכטיג וועגען א צווייטער פאַרשווערונג, וואָס מען וויל מאַכען אויף איהם. מעגליך, אז מיט דעם, וואָס אסתר האָט איהם געלאָזט גלייך וויסען וועגען איהר חלום, האָט זי איהם ווידער געוואָלט פאַרהיטען פון אן אומגליק... פיליכט געפינט זיך איינער, וועלכער וויל פון איהם אוועקרויבען די קרוין? אויב אזוי איז עס נישט קיין אנדערער ווי המן... און ער האָט איהם נאָך נישט לאַנג צוריק אנפאַרטרויט דעם זיעגעל־רינג. צוליעב וואָס פאַר א צוועק האָט המן ביי איהם גענומען דעם זיעגעל־רינג? האָט אחשורוש זיך פּרובירט דער־מאָנען. יע, ער געדענקט שוין. דאָס האָט המן איהם דערצעהלט וועגען א פאָלק, וואָס געפינט זיך אין זיין מדינה, וואָס פאָלגט נישט אויס זיינע געזעצען און ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט דעם זיעגעל־רינג, דאָס גאַנצע פאָלק צו פאַרניכ־טען... אחשורוש האָט גענומען טראַכטען וואָס פאַר א פאָלק דאָס איז. אָבער דאָס האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען... ער געדענקט נישט דעם נאָמען פון יענעם פאָלק, וואָס איז פאַר'משפט געוואָרען אומגעבראַכט צו ווערען. איז דאָס מעגליך, אז ער האָט דעם נאָמען פאַרגעסען, אָדער פיליכט האָט המן אפילו נישט געפונען פאַר נויטיג איהם צו זאָגען דעם נאָמען פון פאָלק? אָבער ווי אזוי האָט ער געגעבען זיין צושטימונג צו פאַרניכטען א גאַנץ פאָלק, אז ער ווייסט אפילו נישט ווער דאָס פאָלק איז? דאָס איז צוליעב דעם, וואָס המן קען רעדען. ער ווייסט ווי אזוי אלעס ארויסצוקריגען פון איהם. און מעגליך, אז דורך

זיינע רייד האָט ער אויך א גוטען איינדרוק געמאכט אויף אסתר׳ן... און ווער ווייסט, וואָס ער פּלאַנעוועט יעצט צו טהאָן?

אַט די אַלע געדאַנקען האָבען אחשורוש׳ן באַאוּמרוהיגט און האָבען זיין שלאָף געריבעט.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעט און ווידער געלייגט, אבער איינשלאָפען האָט ער נישט געקענט. ער האָט באַשלאָסען צו שיקען רופען המנ׳ס צוויי זיהן, וועלכע לעזען פאַר איהם גאַנץ אָפט פאַר פון דעם בוך, וואו עס ווערט אריינגעשריבען אַלע פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרלאָפען דורך דער גאַנצער צייט פון זיין רעגיערונג. ער האָט אויסגעפונען, אז דאָס פאָרלעזען איז א גוטער מיטעל צו שלאָפלאָזיגקייט.

אחשורוש האָט צוגערופען זיינע דינער און זיי אָנגעזאָגט, אז מען זאָל שנעל שיקען רופען המנ׳ס צוויי זיהן, פרשנדתא און דלפון, פאָרצולייענען פאַר איהם פון דעם בוך.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און פרשנדתא און דלפון זיינען געבראַכט געוואָרען אין קעניג׳ס שלאָפצימער.

— זאָל מען אריינברייענגען דעם בוך פון פּאַסירונגען! — האָט אחשורוש באַפוילען. — און דו וועסט פאַר מיר פאָרלעזען די פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרלאָפען אין מיין לאַנד זינט איך בין ארויפגעשטיגען אויף מיין טראָהן! — האָט ער זי דגעווענדעט צו פרשנדתא. — און ווען דו וועסט מיעד ווערען, וועט דלפון פאָרטזעצען דאָס לייענען, ביז וואַנען איך וועל איינשלאָפען. איך ליידן היינטיגע נאַכט זעהר שטאַרק פון שלאָפלאָזיגקייט און איך גלויב, אז דאָס וועט מיר העלפען איינצושלאָפען.

מען האָט געבראַכט דעם בוך און פרשנדתא האָט אָנגעפאַנגען צו לעזען פאַר דעם קעניג. ער האָט פאַר איהם געלעזען ווי אזוי אחושורוש איז ארויף אויף זיין טראָהן; וועגען די מלחמות, וואָס ער האָט געפיהרט מיט בבל; וועגען זיין קעניגין ושתי, ווען זי האָט זיך ענטזאָגט איהם צו פאָלגען, אין דער צייט ווען ער האָט געפייערט דעם מאַלצייט, פאַרשעהמענדיג איהם פאַר אַלע קעניגען, וועלכע זיינען געווען געלאַדען צו זיין מאַלצייט, ווי מען האָט זי נאכהער פאַר־משפּט צום טויט.

— אה, זי האָט דעם טויט פאַרדיענט! — האָט אחשורוש איהם אונטער־בראָכען, — ווייל, ווי איך האָב נאכהער אויסגעפונען פון בגתן און תרש׳ן, האָט זי זיך גאַר געליעבט אין בגתנ׳ען און זיי האָבען לאַנג געפּלאַנעוועט צו מאַכען א פאַרשווערונג אויף מיין לעבען. אה, די אומווירדיגע פאַלשע ושתי!

ווען פרשנדתא איז געקומען צו דעם פלאַץ, וואו עס איז פאַרשריבען געוואָרען, אז המן האָט געהאָלפען דעם קעניג קריגען די קעניגין אסתר, האָט ער דאָס געלייענט זעהר לאַנגזאַם און הויך. ער האָט איינינגע זאַכען איבערגעלייענט צוויי מאָל... ער האָט איהם פאַרגעלייענט ווי אזוי מען האָט געבראַכט פאַר אחשורוש׳ן זעהר פיעל מיידלעך און פון אַלעמען האָט ער אויסגעקליבען די, וועלכע המן האָט איהם פאָרגעשלאָגען.

אחשורוש האָט באַמערקט, ווי פרשנדתא היפּט איבער א זייט און לייענט ווייטער ווי אזוי המן איז דערהויבען געוואָרען, ווי ער איז פריהער געוואָרען דעם

קעניגס'ס הויפט־מיניסטער אנשטאט ממוכן און נאכהער האט ער איהם דערהויבען צו זיין אלס זיין משנה למלך.

— מיר דאכט זיך, אז דו האסט עפעס דורכגעלאזען! — האט אחשורוש זיך אפגערופען, — לייענסטו דען נישט כסדר?

— יע, מיין האר קעניג! — האט פרשנדתא געענטפערט, — איך לייען כסדר.

— אויב אזוי לייען איבער נאכאמאל די לעצטע פאסירונג פאר דער, — האט אחשורוש איהם געהייסען.

פרשנדתא האט ווידער אנגעפאנגען צו לייענען. און ער האט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט.

— פארוואס לייענסטו נישט ווייטער? — האט איהם אחשורוש געפרעגט.

— דער קעניג איז געוועזן גערעכט, — האט פרשנדתא אויסגערופען, — איך האב דורך א טעות איבערגעהיפט א זייט.

— אויב אזוי לעז עס פאר מיר יעצט! — האט אחשורוש איהם געהייסען.

פרשנדתא האט גענומען לעזען שנעל, שלינגענדיג פיעלע ווערטער, ווי אזוי מרדכי, דער איד, וואס זיצט ביי די טויערען פון פאלאץ, האט זיך אונטערגעהערט א געשפרעך, וואס איז פארגעקומען צווישען בגתן און תרש, און איבערגעגעבען דער קעניגין, אז זיי פלאנעווען צו מאכען א פארשווערונג אויף דעם קעניג'ס לעבען. און ווען די קעניגין האט עס איבערגעגעבען דעם קעניג, האט מען געמאכט אן אויספארשונג און מען האט אויסגעפונען, אז עס איז טאקע אזוי געווען. דאן האט מען בגתנ'ען און תרש'ן אויפגעהאנגען אויף א בוים.

— די וויכטיגסטע פאסירונג, וואס האט פאסירט דורך דער צייט פון מיין רעגיערען, האסטו געוואלט איבערהיפען! — האט אחשורוש זיך אנגעבייזערט. — לייען דאס איבער נאכאמאל און לייען עס לאנגזאמער און מיט מעהר דייטליכקייט!

פרשנדתא האט נאכאמאל איבערגעלייענט די פאסירונג פון בגתן און תרש.

— וואו וואלט איך יעצט געווען, ווען נישט אט דער מרדכי?! — האט אחשורוש זיך אפגערופען. — ער האט דאך ווירקליך מיין לעבען געראטעוועט!

— דאס לעבען פון דעם קעניג איז געראטעוועט געווארען דורך דער ווירדיגער און געטרייער קעניגין! — האט פרשנדתא געזאגט. — און דער האר קעניג האט נאך דאן אויסגעדריקט זיין אנערקענונג און דאנקבארקייט צו מיין פאטער, וואס ער האט פאראורזאכט, אז אסתר זאל ווערען די קעניגין און דורך איהר זאל זיין לעבען געראטעוועט ווערען.

— עס איז מערקווירדיג! — האט אחשורוש אויסגערופען. — דאס, וואס איך האב המנ'ען זעהר שטארק באלוינט, איז עס אממעהרסטען געווען צו פארדאנקען דעם פאקט, וואס איך בין געראטעוועט געווארען פון טויט. און מיך וואונדערט, אויב דער מאן, וואס איז אין אמת'ן געווען פאראנטווארטליך פאר מיין לעבען, איז מיט עפעס באלוינט געווארען?

פרשנדתא און דלפון האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען און האבען געשוויגען.

— לייען ווייטער! — האט אחשורוש זיך אפגערופען. — פיליכט ווערט דערמאנט, אז דער איד, מרדכי, איז מיט עפעס באלוינט געווארען.

— דאָס איז אַלעס, וואָס איז באַשריבען וועגען דער פּאַסירונג, — האָט פרשנדתא געזאָגט.

— ווייסט אימיצער פון אייך, אויב מרדכי איז געעהרט געוואָרען פאַר דעם, אָדער אויב ער האָט געקראָגען אַ באַלוינונג ? — האָט אחשורוש זיך גע־ווענדט צו המנ'ס זיהן און די איבעריגע דינער, וועלכע זיינען געווען אין צימער.

— אויב איך מאַך קיין טעות נישט, — האָט זיך דלפון אָפּגערופען, — האָט דער איד געקראָגען צעהן טויזענט שטיקער זילבער פאַר דעם... יע, איך בין זיכער, אַז ער האָט עס געקראָגען.

— פון וואַנען ביזטו עס אַזוי זיכער ? — האָט איהם אחשורוש געפרעגט.

— איך געדענק, אַז מיין פאָטער האָט מיר דערצעהלט עפּעס וועגען צעהן טויזענט שטיקער זילבער.

— איך געדענק אויך פון די צעהן טויזענט שטיקער זילבער ! — האָט דער קעניג אויסגערופען. — אָבער דאָס האָט המן מיר אַנגעבאָטען די זילבער, איך זאָל איהם ערלויבען אומצוברייינגען אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין מיין לאַנד און איז זעהר שעדליך פאַר אַלע איבעריגע פעלקער פון לאַנד.

— יע, דאָס איז ריכטיג. דאָס פאָלק, וואָס וועט דאַרפען אויסגעשלאַכטעט ווערען דעם דרייצעהנטען אדר, איז ווירקליך זעהר אַ שלעכט און אומווירדיג פאָלק ! — האָט פרשנדתא זיך אָפּגערופען. — און כדי צו ברייינגען גליק פאַר דעם גאַנצען לאַנד, האָט מיין פאָטער פאַרגעשלאָגען דעם קעניג די צעהן טויזענט שטיקער זילבער, אָבער דער האר קעניג האָט ערלויבט מיין פאָטער צו טהאָן, וואָס ע ר וויל מיט יענעם שלעכטען פאָלק אָהן די צעהן טויזענט שטיקער זילבער.

— קענסטו געפינען אין בוך אויך וועגען דיעזער פּאַסירונג ? — האָט אחשורוש זיך אָפּגערופען.

פרשנדתא האָט אָנגעהויבען צו מישען די בלעטער פון בוך ביז ער איז גע־קומען צו דעם פּלאַץ.

— לייען דאָ סיעצט פאַר מיר ! — האָט אחשורוש באַפוילען.

ער האָט אָנגעהויבען צו לייענען ווי אַזוי דער קעניג האָט איבערגעגעבען המנ'ען דעם זיעגעל־רינג און המן האָט ארויסגעגעבען די גזרה צו פאַרניכטען דאָס שלעכטע, אומווירדיגע פאָלק.

— וואָס איז די אורזאַכע, וואָס דער נאָמען פון דעם פאָלק, וואָס איז פאַר־אורטיילט געוואָרען צו פאַרניכטונג, איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט ? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— איז עס דען נויטיג צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דיעזען שלעכטען פאָלק ? — האָט דלפון זיך אָפּגערופען. — ווער ווייסט דאָס נישט, ווער דאָס ערגסטע פאָלק איז ? !

— אָון איך ווייס נאָך אפילו יעצט אויך נישט! — האָט אחשורוש געזאָגט.

— זאָג מיר וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק, אַז המן זאָל האָבען איינגעוויליגט מיר צו באַצאָהלען צעהן טויזענט שטיקער זילבער, איך זאָל איהם ערלויבען עס אומ־צוברייינגען ?

— נישט נאָר איז עס ווערטה צעהן טויזענט שטיקער זילבער, — האָט פרשנדתא געענטפערט, — נאָר עס איז ווערטה הונדערט מאָל אַזוי פיעל פּטור צו ווערען פון אַזאַ פאָלק. צווישען זיי איז איינער קיין רעכטער נישטאָ. זיי זייי־

זיי אריינגעקראָגען די רייכטימער פון לאַנד און זיי האַלטען זיך אָפּגעזונדערט, גען בלוט־זויגער און דורך זיי ליידט יעדער פּערסיער. דורך שווינדעל האָבען זיי דיענען צו אַן אַנדער גאָט און פאָלגען נישט אויס די געזעצען פון לאַנד און זיינען אויסען נאָר צו טהאָן שלעכטס!

— אָבער דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט ווי אַזוי דאָס פאָלק הייסט!

— איז שוין אחשורוש אומגעדולדיג געוואָרען.

— דאָס איז דאָס אידישע פאָלק! — האָט פרשנדתא אויסגערופען, — יע, עס וועט זיין פאַר אונזער לאַנד דאָס גרעסטע געווינס, ווען מיר וועלען פון זיי אַלעמען פּטור ווערען.

— דאָס אידישע פאָלק?! — האָט אחשורוש אויסגערופען מיט גרויס ערשטוינונג. — איז עס מעגליך, אַז איך האָב געגעבען המנ'ען מיין זיעגעל־רינג צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק?!

— יע, מיין האַר קעניג! — האָט דלפון געזאָגט. — איך בין זיכער, אַז דער קעניג וועט קיינמאָל נישט קיין חרטה האָבען, וואָס אונזער לאַנד וועט באַפרייט ווערען פון דיעזע בלוט־זויגער!

— און מרדכי, דער וועלכער האָט מיין לעבען געראַטעוועט, איז דאָך אויך אַ איד?! — האָט זיך אחשורוש אויפגעזעצט.

— יע, מרדכי איז אויך אַ איד! — האָט פרשנדתא געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע. — און ער איז אַזוי פאַרדאָרבען און שלעכט ווי די איבעריגע.

— ער איז נאָך ערגער פאַר די איבעריגע! — האָט דלפון צוגעגעבען.

— מרדכי, וועלכער האָט מיך פון אַ זיכערען טויט געראַטעוועט. איז פאַרדאָרבען און שלעכט?

— זעהר פאַרדאָרבען! — האָט פרשנדתא געזאָגט. — ער האָט גאַנץ אָפען און מיט דער גרעסטער חוצפּה נישט געוואָלט אויספאָלגען דעם קעניג'ס באַפעהל.

— וועלכען באַפעהל? — האָט אחשורוש געפרעגט.

— דעם באַפעהל, אַז אַלע זאָלען זיך בוקען און קניהען צו מיין פאָטער, — האָט דלפון געענטפערט.

— אָה, יעצט פאַרשטעה איך שוין! — האָט אחשורוש אויסגערופען. — ניין, אַזאַ פאָלק, וואָס קען אַרויסגעבען אַזעלכע נאָבעלע מענשען ווי מרדכי, קען נישט זיין פאַרדאָרבען!

— יעדער איינער ווייס אַז דאָס אידישע פאָלק איז דאָס ערגסטע אין דער וועלט און מרדכי איז דער ערגסטער פון זיי אַלעמען!

— דאָס וועל איך מוזען גוט אויספאָרשען! — האָט אחשורוש געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — דערווייל וויל איך אויסגעפינען אויב מען האָט מרדכי'ן באַלוינט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט מיר געטהאָן. מיר דוכט זיך, אַז איך הער טריט אין דעם הויף פון מיין פּאַלאַץ. ווער קען דאָס זיין אַזוי פריה?

א דיענער האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען צום קעניג:

— המן געפינט זיך אין הויף. ער שפּאַצירט דאָרט הין און צוריק!

— המן געפינט זיך יעצט אין הויף אַזוי פריה? — האָט אחשורוש אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

א געדאַנק האָט דורכגעבליצט אחשורוש'ס מח אַז המן איז געקומען איהם

טויטעז... ער האָט זיכער געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט ווען זיינע צוויי זיהן געפינען זיך אין זיין שלאָף־צימער כדי איהם צו באַפאַלען און טויטען.

פּרשנדתא האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו לייענען. אָבער דער קעניג האָט איהם גלייך געהייסען אויפהערען.

אין צימער האָט געהערשט א שטילקייט, און עס האָט זיך דייטליך געקענט הערען די שווערע טריט פון המן׳ען.

פּרשנדתא און דלפון האָבען געוואָרפען זייערע בליקען אויף דעם קעניג, און זיי האָבען גלייך געקענט דערקענען אז ער איז נישט אין א גוטער שטימונג... ווען זיי וואָלטען בלויז געקענט זיך אויפהויבען פון פּלאַץ און אנזאגען זייער פאטער ער זאָל יעצט געהן צוריק אהיים... זיי האָבען געוואוסט מיט וואָס פאר א צוועק זייער פאטער איז יעצט אהער געקומען... אָבער ער האָט געדאַרפט האָבען מעהר פארשטאַנד נישט צו קומען אזוי פריה... ווען ער וואָלט בלויז געווארט ביז וואַנען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען... אָבער זיי ווייסען ווי שטאַרק אומגעדולדיג זייער פאטער איז אויפצוהייגען מרדכי׳ן... אָבער ווען ער זאָל יעצט קומען מיט אזא פארלאַנג צום קעניג וואָלט זיך דער קעניג פון איהם אויסגעלאַכט.

אַט דיזעלבע געדאַנקען האָבען יעצט געהאַט ביידע ברידער, פּרשנדתא און דלפון, וועלכע זיינען געזעסען אין קעניגס שלאָף־צימער ווי אויף הייסע קוילען.

---

א היבשע ווייַלע נאכדעם ווי זיינע זיהן זיינען אוועק צום קעניג, האָט המן פאַרבראַכט מיט זרש׳ן און זיינע פריינד. זיי האָבען געטרונקען וויין און גע־הוליעט ביז דער מאָרגען־שטערען האָט זיך באוויזען.

המן איז געווען יענע נאכט נאָך מעהר אויפגעלעגט ווי אומער. ער האָט אליין אָנגעפילט די בעכער פאר זיינע פריינד און זיי געהייסען טרינקען און פרעהליך זיין.

— מאָרגען גאַנץ פריה ווערען מיר אלע פּטור פון דעם פאַרפלוכטען אידען מרדכי — האָט ער אויסגערופען, — און גלויבט מיר, אז איך בין זעהר אומגעדולדיג. איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטען ביז וואַנען עס וועט ליכטיג ווערען... איך בין געווען דער גליקליכסטער מאַן פון פּרס און מדי אין דער צייט ווען אחשורוש האָט מיר געגעבען זיין זיגעל־רינג איך זאָל קענען טהאָן מיט די אידען וואָס איך וויל, און נאָך גליקליכער וועל איך זיך שעצען, ווען איך וועל זעהן מרדכי׳ס קערפּער וועט הענגען אויף דעם בוים.

— דו ווייסט, המן, דו וועסט דאַרפען צווינגען אלע אידען פון שושן זיי זאָלען צוקומען צו דעם בוים און גוט בעטראַכטען דעם קערפּער פון מרדכי׳ן.

— אוי, וועלען דאָס די אידען יאָמערען און קלאָגען, — האָט ויזתא גע־נומען נאָכמאַכען ווי אזוי די עלטערע אידען או פרויע וועלען שרייען און וויינען.

א הילכיגער געלעכטער האָט אויסגעבראָכען אין המן׳ס הויז ווען זיי האָבען געזעהן ווי ויזתא ברעכט מיט די הענד און גלאָצט מיט די אויגען, און לאָזט ארוים משונה׳דיגע קלאַנגען. ווייזענדיג אלעמען וואָס די אידען וועלען טהאָן ווען זיי וועלען זעהן מרדכי׳ן הענגענדיג אויף דעם בוים.

המן און זרש האָבען שטאַרק אָנגעקוואָלען פון זייער "קלוגען" מוזיניקעל, און זיי האָבען זיך געקייכט פון געלעכטער זעהענדיג זיינע העויות.

— אַה, פּאַטער! — האָט ער אויסגערופען, — וועסטו מיר לאָזען דיר העלפען פּאַרציהען די פּעטליע אויף מרדכי'ס האַלז, — האָט ויזתא זיך אָפּגעּרופען צו המן'ען.

— געוויס! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער, — ווי נאָר איך וועל קריגען די ערלויבנים פון קעניג איהם אויפצוהענגען, וועסטו צוזאַמען מיט אַלע דיינע ברידער מיר העלפען איהם אויפצוהענגען... ווייל דו ווייסט דאָך אַז מרדכי איז זעהר אַ שווערער איד, און מיינע צעהן זיהן וועלען מיר מוזען העלפען איהם אויפצוהויבען ווען די פּעטליע וועט זיין אַרום זיין האַלז.

— אוי, וועט ער זיך צאַפּלען און רייסען! — האָט ויזתא גענומען אַלעמען ציינגען ווי מרדכי וועט טהאָן, — און איך וועל צו איהם צוגעהן און אַ ציה טהאָן פאַר זיין באָרד, און דערצו וועל איך איהם נאָך אַ בריקע טהאָן.

ווידער האָבען זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט פון ויזתא'ס "חכמות".

המן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און זיך אָפּגערופען:

— ויזתא האָט נאָך מיין חשק אויפצוהענגען מרדכי'ן שטאַרקער געמאַכט. איך מוז באַלד געהן צום קעניג אין פּאַלאַץ.

— וואָס רעדסטו, המן? — האָט זרש אויסגערופען, — עס איז נאָך גאַנץ פינסטער און דער קעניג שלאָפט נאָך, און דו וועסט דאָך געוויס איהם נישט שטערען פון זיין שלאָף.

— אָבער איך בין זעהר אומגעדולדיג... איך וועל שוין מעהר נישט קענען איינזיצען. אַה, ווי איך וואָלט שוין געוואָלט האַלטען מרדכי'ס האַלז אין מיינע הענט... יאַ, איך מוז געהן אין פּאַלאַץ. איך וועל בעסער וואַרטען אין דעם קעניגליכען הויף, און ווי נאָר איך וועל זיך דערוויסען אַז דער קעניג איז אויפגעשטאַנען וועל איך גלייך אַריינקומען צו איהם און ער וועט מיין פאַרלאַנג ערפילען... אַ חוץ דעם געפינען זיך יעצט אין פּאַלאַץ פרשנדתא און דלפון, און זיי וועלען מיר קענען מיט עפּעס בעהילפיג זיין.

— און מיר וועלען וואַרטען דאָ ביז וואַנען דו וועסט זיך אומקעהרען מיט דעם קעניג'ס ערלויבניש, — האָט זיך איינער פון די גוטע פריינד אָפּגערופען צו המן'ען, — און דאַן וועלען מיר אַלע צוזאַמען אַוועקגעהן און העלפען דיר אויפהענגען דעם פערהאַסטען מרדכי'ן.

— יאַ, איך וועל אויך מוזען אויפוועקען מיינע צוויי טעכטער זיי זאָלען אויך צוזעהן ווי אַזוי זייער פאַטער רעכענט זיך אָפּ מיט זיין גרעסטען שונא. ווען איך וועל זיי לאָזען פאַרשלאָפען וועלען זיי מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין.

— דערווייל זאָלען זיי נאָך שלאָפען, — האָט המן זיך אָפּגערופען, — ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען מיט אחשורוש'ס זיגעל־רינג, וועסטו זיי דאַן אויפוועקען... עס וועט נאָך זיין גענוג צייט... איך וועל דאָך מוזען פריהער אַוועקגעהן צו דער אידישער גאַס און פון דאָרטען איהם אַוועקנעהמען... ווייל אַזוי פריה קומט ער נישט אין די טויערען פון פּאַלאַץ.

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען — האָט זרש זיך אָפּגערופען, — ווען דו וועסט פיהרען מרדכי'ן צו דער תליה זאָלסטו איהם פאַרבייפיהרען אונזער הויז. איך וועל שוין זעהן אַז אַלע מיינע בעקאַנטע און שכנים זאָלען אַרויסקומען און זעהן ווי אַזוי דו רעכענסט זיך אָפּ מיט דיינע שונאים.

— דאָס איז טאַקע אַ גוטער פּלאַן! — האָט ויזתא זיך אָפּגערופען, —

ווען מרדכי וועט פארבייגעפיהרט ווערען אונזער הויז וועל איך איהם קענען אפגיסען מיט שמוץ וואס איך וועל צונויפזאמלען ארום אונזער הויז.

— אזוי וועל איך טאקע טהאן, — האט המן געזאגט מיט א צופרידענעם שמייכעל, — ווי נאר איך וועל בעקומען אחשורוש'ס ערלויבנים וועל איך מיטנעהמען פאליציי און סאלדאטען און אוועקגעהן צו מרדכי'ס הויז און איך וועל מיט איהם דורכמארשירען די גאנצע שטאדט און זאלען אלע וויסען וואס איך געה טהאן צו איהם... דאן וועלען זיי זיך אלע פערזאמלען אויף דעם פלאץ וואו די תליה געפינט זיך און איך וועל מרדכי'ן אויפהענגען מיט מוזיק און גרויס פאראד.

— דער ספעקטאקעל וואלט געווען נאך שעהנער — האט זיך זרש אפגע־רופען, — ווען דו קענסט צו דערזעלבער צייט אויך אויפהענגען קציעה'ן, מרדכי'ס ווייב. עס וואלט דאך געווען אזוי שעהן צו זעהן ווי ביידע היינגען אויף אזא הויכען בוים.

— ניין, קציעה וועט שטארבען צוזאמען מיט די איבריגע אידען דעם דרייצעהנטען אדר! — האט המן געזאגט, — און זאלען איהרע אויגען צוזעהן ווי איהר מאן הענגט... נאר כדי צו האבען מעהר שפאס וועל איך מרדכי'ן צו־בינדען צו דעם עק פון מיין פערד און אזוי וועל איך איהם פיהרען צו דער תליה.

— אוי, וועט דאס זיין שפאס! — האט ויזתא גענומען שפרינגען און טאנצען פון פרייד, — דו וועסט זעהן, פאטער, אז דיין פערד זאל לויפען האסטיג און מרדכי וועט מוזען נאכלויפען... אלע וועלען זיך האלטען ביי די זייטען לאכענדיג.

המן איז גלייך אוועק צום קעניג'ס פאלאץ. עס איז געווען נאך גאנץ טונקעל. ווען ער איז צוגעקומען צום קעניגליכען הויף האט המן דערצעהלט די וועכטער דעם צוועק פון זיין קומען אזוי פריה, און זיי האבען איהם באלד אריינגעלאזען אין הויף.

המן האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ארויפגעקוקט צו די פענסטער פון קעניג'ס שלאף־צימער, און ער האט באמערקט אז דארטען איז גאנץ ליכטיג. ער האט פארשטאנען אז זיינע זיהן געפינען זיך נאך אלץ אין דעם קעניג'ס שלאף־צימער און לייענען פאר פאר איהם די פאסירונגען.

— ווען ער זאל יעצט קענען ארויפקומען צום קעניג וואלט איהם א סך גרינגער אנגעקומען ארויסצוקריגען דעם קעניג'ס הסכמה, — האט ער זיך גע־טראכט, — דער קעניג איז איהם געוויס דאנקבאר פאר דעם וואס זיינע זיהן אונטערהאלטען איהם מיט זייער לעזען... זאל ער וויסען וואס פאר א נוצען ער קען האבען פון איהם און זיין משפחה.

המן'ס אונגעדולד האט גענומען וואקסען מיט יעדער רגע. ער האט אלע וויילע א קוק געטהאן אויף'ן הימעל צו זעהן אויב עס פאנגט שוין אן צו טאגען, און גלייך געווארפען זיינע בליקען אויף די פענסטער פון קעניג'ס שלאף־צימער... ער האט גענומען שפרייזען איז הויף הין און צוריק.

פלוצלינג באמערקט המן ווי אימיצער קומט ארויס פון פאלאץ. אין דער טונקעלהייט האט ער נישט געקענט זעהן ווער דאס איז. ער איז געבליבען שטעהן אויף זיין פלאץ און געווארט ביז וואנען יענער וועט זיך דערנעהנטערען.

— מיין האר, המן! — האט זיך דעם קעניג'ס דיענער אפגערופען, —

עס איז דעם קעניג׳ס פארלאנג דו זאלסט באלד ארויפקומען צו איהם אין שלאף־צימער.

— דער קעניג וויל מיך זעהן אזוי פריה? — איז המן פרעהליך געווארען.

— פון וואנען האט ער געוואוסט אז איך געפין זיך יעצט אין דעם הויף פון פאלאץ?

— ער האט געהערט טריט אין הויף, און ער האט געפרעגט ווער עס געפינט זיך דארט, האב איך ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער און גלייך דערקענט אז דאס איז מיין האר המן!

— האב איך דען געשטערט דעם קעניג פון זיין שלאף? — איז המן עטוואס בעאומרוהיגט געווארען.

— אה, ניין, מיין האר, דו האסט וועגען דעם נישט וואס צו זארגען. דער קעניג האט די גאנצע צייט נישט געקענט איינשלאפען און דיינע זיהן לעזען איהם פאר די פאסירונגען פון לאנד, און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז אויך דו געפינסט זיך אין דעם הויף פון פאלאץ, האט ער מיך געשיקט דיך רופען.

— בין איך טאקע זעהר צופרידען וואס איך בין אזוי פריה געקומען אין הויף, — האט המן אויסגערופען, און איז אריינגעקומען מיט דעם דיענער אין פאלאץ.

א ווײלע איז המן געבליבען שטעהן אין פאדערשטען צימער און געווארט ביז וואנען דער דיענער וועט נאך אמאל ארויסקומען.

ווען דער דיענער האט געמאלדען דעם קעניג אז המן געפינט זיך שוין אין פאדערשטען צימער, האט אחשורוש געהייסען המן׳ס צוויי זיהן פארלאזען זיין שלאף־צימער און ווארטען ביז וואנען ער וועט נאך זיי שיקען.

פרשנדתא און דלפון האבען זיך שנעל א הויב געטהאן פון זייערע פלעצער און גענומען געהן אין דער ריכטונג פון צימער וואו המן האט געווארט.

— ניין, נישט אהין! — האט אחשורוש אויסגערופען צו זיי — איהר געהט אריין אין צווייטען צימער.

די צוויי ברידער האבען זיך פארנומען אין דער אנדער ריכטונג, און אריין אין דעם צימער וואו דער קעניג האט זיי אנגעצייגט. ביידע זיינען געווען שטארק ענטטוישט. זיי האבען געהאפט אז זיי וועלען קענען זעהן זייער פאטער און איהם ווארנען ער זאל מיט דעם קעניג יעצט נישט ריידען וועגען מרדכי׳ן... עפעס האט ביידען דאס הארץ געשראקען טאמער וועט דער קעניג דיזען מאל נישט ערפילען זיין פארלאנג.

— זעהר א שלעכטע צייט האט דער פאטער אויסגעקליבען צו בעטען ביי דעם קעניג ערלויבניס אויפצוהייגען מרדכי׳ן — האט פרשנדתא זיך אפגערופען צו זיין ברודער.

— און איך זאג אז עס איז אין גאנצען דיין שולד! — האט דלפון איהם פארגעווארפען, — ווען דו וואלסט געהאט גענוג שכל, וואלסטו געקענט לייענען אזוי אז דער קעניג זאל נישט באמערקען אז דו האסט איבערגעלאזט א גאנצע בעשריבענע זייט.

—מיר דוכט זיך, אז איך בין גאנץ פארזיכטיג געווען, און ווי נאר איך האב באמערקט אז דער קעניג האט אפגעווענדעט זיינע אויגען פון בוך, האב איך

א מיש געטהאן אויף אן אנדער זייט און בין זיכער אז ער האט עס נישט באמערקט.

— אויב ער האט נישט באמערקט, טא פון וואנען האט ער געוואוסט אז דו האסט איבערגעהיפּט א זייט?

— אט דאס וואונדער איך זיך אליין! — האט פרשנדתא א קוועטש גע־טהאן מיט די פּלייצעס.

— איך וועל דיר זאגען פארוואס! — האט דלפון זיך אפּגערופען, — ווייל ווי דו האסט איבערגעמישט די זייט, האט זיך דיין פּנים געוטמען בייטען קאלירען, און דיין לעזען איז געווארען אונדייטליך... דו האסט אנגעפאנגען צו שטאמלען... און מען האט גלייך געקענט זעהן אז דו האסט עפּעס אבזיכטליך אויסגעלאזען.

— דו וואלסט אויך נישט אנדערש געהאנדעלט. געווים האב איך זיך גע־שראקען דער קעניג זאל עס נישט באמערקען.

— אבער דערווייל האסטו פאראורזאכט פיעלע שוועריגקייטען פאר אונ־זער פאטער, — האט דלפון א זאג געטהאן. — אם וויינינגסטענס ווען מיר וואל־טען איהם געקענט אנזאגען ער זאל דיזען מאל מרדכי'ס נאמען פאר דעם קעניג נישט דערמאנען.

— און איך גלויב אז אפילו נאכדעם ווי דער קעניג האט זיך דורך מיר דערמאנט אן מרדכי'ן, וועט ער דעם פאטער'ס פארלאנג ערפילען... אחשורוש האט נאך דערווייל אונזער פאטער קיין זאך נישט ענטזאגט... דער פאטער וועט שוין וויסען ווי אזוי איהם איבערצורעדען.

— וואס רעדסטו? ! — האט דלפון אויסגערופען, — דא פרעגט אונז דער קעניג אויב מרדכי איז באלוינט געווארען פאר דעם חסד וואס ער האט מיט איהם געטהאן, ראטעוועגדיג זיין לעבען, און דא וועט אונזער פאטער פון איהם פארלאנגען ער זאל איהם ערלויבען איהם אויפצוהייגען! עס איז אונמעגליך אז דער קעניג זאל דערצו צושטימען... איך האב נאר מורא אז אחשורוש זאל דערפאר אויף איהם נישט איין כעס ווערען.

— דער קעניג שעצט און אכטעט אונזער פאטער צופיעל ער זאל אויף איהם איין כעס ווערען! — האט פרשנדתא זיך אפּגערופען, — דו וועסט נאך זעהן אז מרדכי וועט אויפגעהאנגען ווערען איידער ער וועט קריגען זיין באלוינונג פון דעם קעניג, וועמענס לעבען ער האט געראטעוועט.

---

המן איז אריינגקומען אין אחשורוש'ס שלאף־צימער און זיך פארנייגט.

— זאל מיין האר קעניג זיין געבענשט צו די געטער פון פרס און זאל ער לאנג לעבען, — האט ער איהם באגריסט. — וואס איז די אורזאכע וואס מיין האר קעניג איז אזוי פריה אויפגעשטאנען?

— איך האב געהאט א שלאפלאזע נאכט, — האט אחשורוש געענטפערט.

— פיהלט דען דער קעניג נישט גוט, אדער איז ער בעזארגט וועגען עפּעס?

— איך פיהל זיך גאנץ גוט און איך האב גארנישט וועגען וואס צו זיין בעזארגט. פון דעסטוועגען האב איך היינט ביינאכט מיינע אויגען נישט געקענט צומאכען. דיינע צוויי זיהן האבען מיט מיר פארבראכט די גאנצע נאכט, זיי

האבען פאר מיר פארגעלעזען פון די פאסירונגען און אויך דאס האט נישט געהאלפען... איך האב נישט געקענט איינשלאפען.

— דער קעניג וואלט זיך בעדארפט בעראטהען מיט די רופאים וועגען דעם, — האט המן געמאכט א בעזארגטען פנים.

— איך האב בעשלאסען זיך צו בעראטהען מיט דיר וועגען דעם. — האט אחשורוש זיך אפגערופען, — זעץ זיך, המן, אט דא, נעבען מיר.

— זיך בעראטהען מיט מיר ! ? — האט המן אויסגערופען און זיך אנידערגעזעצט אויף דעם שטוהל וואס איז געשטאנען נעבען דעם קעניג'ס בעט.

— יא, איך וויל זיך האלטען אן עצה מיט דיר, המן. דו ווייסט דאך אזוי גוט ווי איך, אז דו ביזט דער קליגסטער מאן אין מיין לאנד, און דאריבער גלויב איך אז דו וועסט מיר געבען דיין אויפריכטיגע מיינונג ווי אזוי איך זאל דא האנדלען.

המן האט זיך א רוק געטהאן עטוואס נעהנטער צום קעניג'ס בעט מיט א שמייכעל און זיך אפגערופען :

— איך דאנק דעם קעניג וואס ער האלט מיך פאר דעם קלינגסטען מאן אין זיין לאנד און איך האף אז נאכדעם ווי איך וועל איהם די עצה געבען, וועט ער זיין מיינונג וועגען מיר נישט בייטען.

אחשורוש האט א ווייל בעטראכט המן'ען און נאך א קליינער פויזע האט ער זיך אפגערופען :

— עס איז פאראן א מאן אין מיין לאנד וועמען איך שעץ זעהר פיעל. יא, איך האב דיזען מאן אזוי ליעב ווי מיין לעבען. איך וויל מיט דיזען מאן טהאן עפעס גוטעס. איך וואלט געוואלט איהם אנטהאן זעהר א גרויסען כבוד בדי ער זאל מיך געדענקען זיין גאנצען לעבען... איך וועל זיך שעצען זעהר גליקליך ווען איך וועל יענעם מאן קענען עהרען מיט א בזונדערען כבוד וואס קיינער אויסער א קעניג האט נאך ביז יעצט נישט געקראגען.

המן האט פון דעם קעניג זיינע אויגען נישט ארונטערגענומען. א גליקליכע פרייד האט זיך צוגאסען איבער אלע זיינע גליעדער... וועמען, אויב נישט איהם, וויל דער קעניג אנטהאן אזא אויסערגעוועהנליכען כבוד !... האט דען דער קעניג איהם נישט ליעב ווי זיין אייגען לעבען !... יא, — האט המן ביי זיך געטראכט, — דער קעניג וויל דאס איהם אזוי עהרען. ווארים וועמען דען שעצט דער קעניג אויב נישט איהם, זיין משנה למלך !...

— נו, איך ווארט צו הערען פון דיין מויל וואס איך זאל טהאן צו יענעם מאן וועלכער איז ביי מיר אזוי טהייער, — האט אחשורוש ווייטער גערעדט.

המן האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ. זיינע אויגען האבען געלויכטען. אויף זיין פנים האט זיך באוויזען א גליקליכער שמייכעל.

— אויב עס געפינט זיך אין פרס און מדי אזא מאן וועלכער איז אזוי טהייער און באליעבט צו דעם קעניג, וועמען דער קעניג שעצט און עהרט אזוי שטארק, האט ער זיכער פערדיענט דעם גרעסטען כבוד וואס קען נאר געבען.

אחשורוש האט בעטראכט המן'ס פנים. ער האט באמערקט די גרויסע פרייד וואס האט איהם אנגענומען און ער האט פארשטאנען פון זיינע שטראהלענדע אויגען אז המן טראכט דאס ער, אחשורוש, מיינט אנצוטהאן אזא גרויסען

כבוד צו איהם, און האָט דאַריבער געוואָרט מיט גרויס אונגעדולד צו הערען וואָס המן וועט זיך הייסען טהאָן.

— נו, וואָס איז לויט דיין מיינונג דער גרעסטער כבוד וואָס אזא מאַן זאָל בעקומען פון מיר? — האָט איהם אחשורוש געפרעגט.

— זאָל מען ברייננען די קעניגליכע קליידער וועלכע אחשורוש האָט בלויז געטראָגען אין דער צייט ווען מען האָט איהם פאַר קעניג געקרוינט... דערנאָך זאָל מען ברייננען דאָס קעניגליכע פערד אויף וועלכען דער קעניג האָט געריטען ווען ער איז געקרוינט געוואָרען... און זאָל מען נעהמען די קעניגליכע קרוין און זאָל מען דאָס איבערגעבען צו איינעם פון דעם קעניג׳ס בעאַמטע און ער זאָל אָנטהאָן יענעם מאַן וועמען דער קעניג האַלט אזוי טהייער, און דאַן זאָל דער בעאַמטער איהם אַרויפזעצען אויף דעם פערד און דורכפיהרען אַלע גאַסען פון שטאָדט און אויסרופען אין דער הויך: אזוי ווערט געטהאָן צו דעם מאַן וועמען דער קעניג וויל עהרען״...

א געדאַנק האָט דורכגעבליצט אחשורוש׳ס מח, אז המן וויל דורך דעם זיך ערקלעהרען פאַר קעניג, דאַריבער ראַטה ער איהם אזא זאַך... זיין צאָרן האָט אין איהם געגומען ברענען אויף המן׳ען, און ער האָט זיך קוים באַהערשט דאָס המן זאָל עס נישט באַמערקען.

— גוט! — האָט אחשורוש אויסגערופען, — איך נעהם אן דיין עצה! אייל זיך צו און נעהם מיינע קעניגליכע קליידער און מיין פערד און אפילו די קרוין!

— מיין האַר קעניג, — האָט המן אויסגערופען מיט גרויס פרייד, — בין איך דער גליקליכער מאַן וועמען דער קעניג האַלט אזוי טהייער און וויל אָנטהאָן אזא גרויסען כבוד!?...

— ווער האָט דיר געזאָגט אז דאָס האָב איך דיר געמיינט?! — האָט אחשורוש אויסגערופען, — דו געה און נעהם מיינע קליידער, מיין פערד און מיין קרוין, און טהו אַלעס וואָס דו האָסט געזאָגט צו... מרדכי׳ן...

— מרדכי׳ן?! וועלכען מרדכי׳ן! — האָט המן׳ען גענומען שווינדלען אין די אויגען.

— צו מרדכי׳ן דעם אידען! — האָט אחשורוש א געשריי געטהאָן, — טהו אָן מיינע קעניגליכע קליידער מיט מיין קרוין צו מרדכי׳ן דעם אידען, וועלכער געפינט זיך שטענדיג נעבען דעם טויער פון מיין פּאַלאַץ!

המן׳ס פּנים איז געוואָרען טויט־בלאַס. זיינע קניע האָבען זיך געבויגען און זיין גאַנצער קערפּער האָט גענומען ציטערען.

— וואָס רעדט מיין האַר קעניג! — האָבען המן׳ס ליפען קוים אַרויסגע־שעפּטשעט, — ער מיינט דאָך געוויס צו מאַכען שפּאַס מיט מיר...

— איך מאַך נישט קיין שפּאַס... איך בין גאַנץ ערנסט! — האָט אחשורוש א זאָג געטהאָן, — געה שנעלער און טהו אַלעס צו מרדכי׳ן ווי דו האָסט אויס־גערעכענט.

— המ... כי, כי, כי! — האָט המן פּרובירט לאַכען, — דער קעניג טרייבט שפּאַס. געוויס האָבען איהם מיינע זיהן דערצעהלט דעם צוועק פון מיין קומען אזוי פריה... און דער קעניג...

— דער צוועק פון דיין קומען?! ... יא, וואס איז טאקע געווען דער צוועק פון דיין קומען צו מיר אין מיטען דער נאכט?

— איך בין געקומען, המ... — האט המן גענומען שטאמלען, — איך בין געקומען... מרדכי איז מיין גרעסטער שונא און ער פאלגט נישט די געזעצען פון דעם קעניג... בין איך געקומען בעטען ערלויבנים פון דעם קעניג איהם אויפצוהייגנען...

— אויפהייגנען מרדכי'ן! — האט אחשורוש אויסגערופען מיט ערשטוי־נונג, — פאר וואס ווילסטו איהם הייגנען?!

— ווייל... המ... ער איז א איד, און ער איז דער גרעסטער שונא פון דעם קעניג, ווי אלע איבריגע אידען ווען דער קעניג האט מיר די ערלויבנים געגע־בען אומצוברייינגען דעם דרייצעהנטען אדר, — האט המן זיך גענומען מוטה.

— ווי אזוי קען מרדכי זיין מיינער א שונא ווען ער האט מיין לעבען פון א זיכערען טויט געראטעוועט! יא, ער האט פאר מיר א סך מעהר געטהאן ווי דו. און פון דעסטוועגען האסטו געקראגען גוט בעלוינט און ער האט פאר דעם וואס ער האט מיין לעבען געראטעוועט גארנישט געקראגען. און דאריבער וויל איך אז דו זאלסט אנטהאן מרדכי'ן דיזען כבוד אזוי ווי דו האסט נאר וואס געזאגט.

— אבער מיין האר קעניג, ווי אזוי וועל איך קענען טהאן אזא זאך... אלע איינוואהנער פון שושן וויסען אז מרדכי איז מיין שונא און אז איך האב זיך איהם געקליבען אויפצוהייגנען...

—צוליעב דעם אליין פארדינסטו בעשטראפט צו ווערען און איהם צו פיהרען איבער די גאסען פון שושן, — האט אשורוש אויסגערופען, — ווי אזוי האסטו גאר געקענט טראכטען אויפצוהייגנען אזא גוטען מענשען ווי מרדכי איז?

— ער איז דאך א איד! — האט המן געזאגט.

— און אויב ער איז א איד דארפסטו איהם דאריבער הייגנען? — איז אחשורוש נאך מעהר אין כעס געווארען.

— לויט דעם קעניג'ס באפעהל וועלען דאך אלץ איינס אלע אידען אויס־געשלאכטעט ווערען דעם דרייצעהנטען אדר, האב איך זיך בארעכענט, אז דער קעניג וועט נישט האבען דאגעגען... אז איך... המ... איך וועל אויפהייגנען מרדכי'ן היינט גאנץ פריה, — האט זיך המן געטרייסעלט פון אויפרעגונג.

— דו האסט מיך גאנץ גוט בעשווינדעלט וועגען די אידען! — האט אחשורוש אויסגערופען מיט ענטריסטונג, — דו האסט מיר גארנישט געזאגט וואס פאר א פאלק דו ווילסט אומברייינגען. ווען איך וואלט וויסען אז דאס איז דאס אידישע פאלק וואלט איך דיר זיכער מיין זיגעל־רינג נישט געגעבען. איך ווייס אז איך וועל דיזען געזעץ נישט קענען צוריקציהען, אבער איך וועל נישט דערלאזען דו זאלסט שלעכטעס טהאן צו מרדכי'ן. איך וועל איהם בעשיצען...

— אה, מעכטיגער קעניג! איך וועל דיר פארשפרעכען אז איך וועל מרדכי'ן קיין שלעכטס ניט טהאן, און איך בעט דיר דו זאלסט מיך נישט צווינגען צו טהאן אזא זאך וואס איז אונמעגליך.

— אזוי וועסטו טהאן ווי דו האסט געזאגט, — האט דער קעניג בייז א געשריי געטהאן אויף איהם, — דו אליין וועסט נעהמען מיינע קליידער, מיין

פערד און מיין קרוין און דו אליין וועסט אנטהאן מרדכי'ן, און דו אליין וועסט איהם פיהרע איבער די גאסען פון שושן און אויסשרייען, "אז אזוי ווערט געטהאן צו א מאן וועמען דער קעניג וויל גרוים מאכען".

א קאלטער שוויים האט המן'ען בעגאסען. זיינע הענד און פים האבען גע־נומען ציטערען... ער זעהט אז דער קעניג איז זעהר ערנסט... אבער ווי אזוי וועט ער דאס קענען טהאן אזא זאך... ער וועט דאך נישט אויסהאלטען פון שאנדע.

— איך וועל מרדכי'ן אפגעבען די צעהן טויזענד שטיקער זילבער וואס איך האב דעם קעניג אנגעבאטען פאר לאזען אומברייינגען די אידען, — האט המן געזאגט מיט א ציטערנדע שטימע.

— די צעהן טויזענד שטיקער זילבער וועסטו איהם אויך געבען און דיזען כבוד וועסטו איהם אנטהאן.

— צוויי פון מיינע זיהן געפינען זיך איצט אין דעם קעניג'ס פאלאץ — האט המן געמאכט זיין לעצטען פארזוך צו פועל'ן ביים קעניג — איך וועל זיי בעטען און זיי וועלען טהאן צו מרדכי'ן דיזען כבוד און אויב דער קעניג וועט פערלאנגען וועלען מיינע אכט איבריגע זיהן מרדכי'ן בעגלייטען... נאר איך זאל נישט דארפען דאס טהאן.

— איך וויל מעהר פון דיר קיין ווארט נישט הערען! — האט דער קעניג זיך אויפגעהויבען פון זיין בעט — שנעל זאלסטו טהאן אלעס וואס איך האב דיר געהייסען. זאל א האר דערפון נישט פעהלען. מיינע דיענער וועלען דיר געבען מיינע קליידער און מיין קרוין און דו וועסט ארויסנעהמען דאס פערד פון שטאהל, דאן וועסטו געפינען מרדכי'ן און איהם אליין אלעם אנטהאן. איך וועל שיקען אייניגע פון מיינע לייב־וועכטער זיי זאלען גוט אכטונג געבען אז דו זאלסט קיין זאך נישט פארפעהלען צו טהאן.

מיט א געבויגענעם קאפ און מיט וואקלענדע טריט האט המן פארלאזען דעם קעניג'ס שלאפצימער. זיין קאפ האט זיך איהם גענומען דרעהען און די אויגען שווינדלען.

א דיענער האט ארויסגענומען פון דער קעניגליכער שאפע די קעניגליכע קליידער און די קרוין און האט דאס איבערגעגעבען צו המן'ען... נאכהער האט דער זעלבער דיענער גענומען המן'ען צום שטאהל און איבערגעגעבען דעם שומר הסוסים דעם קעניג'ס באפעהל און באלד האט יענער אויסגעקליבען דעם שעהנסטען פערד און איהם ארויסגעפיהרט צו המן'ען.

א ווײַלע איז המן געשטאנען ווי פארווירט. די קליידער און קרוין פון קעניג האט ער געהאלטען אין איין האנד און מיט דער צווייטער האנד האט ער געהאלטען די צוים פון פערד.

— ווי עס שיינט, האסטו זיך פארגעסען דעם קעניג'ס באפעהל — האט דער לייב־וועכטער וועלכער האט געזעהן אז המן זאל אלעס קריגען, זיך אפגע־רופען, — דער קעניג האט דיר געהייסען זיך צואיילען.

המן האט זיך גענומען בעוועגען. ער האט גענומען ארויספיהרען דאס פערד פון קעניגליכען הויף.

די זון האט נאר וואס אנגעהויבען אויפצוגעהן אין מזרח. דער הימעל איז וואס ווייטער ליכטיגער געווארען.

אפּגעהענדיג איניגע טריט פון פּאַלאַץ, האָט המן באַגעגענט חרבונה'ן.

— פרידען צו דיר, מיין האר, המן! — האָט איהם חרבונה באַגריסט.

— נישט קיין פרידען, נאָר צרות איז צו מיר! — האָט איהם המן געענט־פערט מיט א טרויעריגער שטימע.

— מיין האר! — איז שוין חרבונה צוגעקומען עטוואס נעהנטער צו איהם, — האָט דען עפּעס מיט דיר פּאַסירט?

— אַה, מיין פריינד, א גרויסער אומגליק האָט מיט מיר געטראָפען, — האָבען איהם די טרעהרען געשטיקט אין האלז — אויף דעם האָב איך זיך קיינמאָל נישט גערעכט.

— אָבער איך בעט דיר, המן, דערצעהל מיר, פיעלייכט וועל איך דיר מיט עפּעס קענען העלפען. פאַרוואָס האַלסטו אין האנד דעם קעניג'ס בגדים און זיין קרוין?

המן האָט זיך א ווײלע אָפּגעשטעלט און געשוויגען. נאכהער האָט ער א זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

— דו וועסט מיר מיט גאָרנישט קענען העלפען, מיין פריינד!

— אָבער דערצעהל מיר דאָך וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט! — איז חרבונה צו איהם צוגעשטאַנען.

— דיר איז דאָך בעוואוסט, אַז מרדכי דער איד, איז מיין גרעסטער שונא. נישט לאַנג צוריק האָט מיר מיין פרוי זרש און מיינע אנדערע גוטע פריינד געראַטהען צו מאַכען א תליה אויף דעם הויכען בוים און דאָרט אויפהייגגען מרדכי'ן, ווייל זיי האָבען אַלע געוואוסט אַז דאָס גאַנצע פאַרגעניגען פון לעבען געהט מיר נישט איין כל זמן מרדכי לעבט. איך האָב די תליה פאַרטיג געמאַכט און לעצטע נאַכט זיינען מיינע פריינד געקומען צו מיר אין הויז און זעהר גוט פאַרבראַכט, איך האָב זיי אַלעמען איבערגעלאָזען אין מיטען דער הוליאַנקע און איך בין אוועק צום פּאַלאַץ צו קריגען ערלויבניס פון דעם קעניג אויפצוהייגגען מרדכי'ן. מאַכט זיך גראָדע, צו מיין שלים־מזל, אַז דער קעניג האָט זיך דער־מאָנט דאָס מרדכי האָט איהם אמאָל געראַטעוועט פון טויט, און דעריבער בע־שליסט ער איהם אַנצוטהאָן גרויס כבוד, מען זאָל מרדכי'ן פיהרען איבער די גאַסען פון שושן אָנגעטהאָן אין קעניגליכע קליידער. און וועמען מיינסטו קלייבט דער קעניג אויס אלס מרדכי'ס פיהרער?

— וועמען? — האָט איהם חרבונה געפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט.

— מיר! — האָט המן געענטפערט מיט א שטימע פון פאַרצווייפלונג.

— דו זאָלסט פיהרען מרדכי'ן? — האָט חרבונה געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— יאָ, דער קעניג האָט מיר באַפוילען דאָס צו טהאָן, און וואָס איך האָב זיך נישט געבעטען, האָט נישט געהאָלפען. איך האָב אַנגעבאָטען אָפּצוגעבען מרדכי'ן צעהן טויזענד שטיקער זילבער און פאַרגעשלאָגען אַז מיינע צעהן זיהן זאָלען איהם פיהרען, אָבער דעם קעניג'ס צאָרן האָט שטאַרק געברענט, און ער האָט מיר באַפוילען אַלעס צו טהאָן אַליין... קענסטו זיך פאָרשטעלען אַז איך, המן, דער זוהן פון המדתא, דער אגגי, וועלכער איז דעם קעניג'ס הויפּט־מיניסטער און אויך זיין משנה למלך, זאָל דאַרפען פיהרען א פאַרפלוכטען

אידען איבער די גאסען פון שושן און אויסשרייען "אזוי טהוט דער קעניג צו דעם מאן וועמען ער וויל עהרען!"

— עס איז כמעט אומפארשטענדליך אז דער קעניג זאל אזא זאך פון דיר פערלאנגען! — האט חרבונה געמאכט אן ערנסטע מיענע, — ווייס ער דען נישט אז מרדכי איז דיין ערגסטער שונא!

— דאס האב איך איהם געזאגט, אבער ער האט נישט געוואלט הערען., — האט המן טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ. — אה, איך וואלט א העלפט פון מיין לעבען אפגעגעבען איך זאל דאס נישט דארפען טהאן... יעצט וועל איך דארפען געהן אויפזוכען מרדכי'ן און איהם אנטהאן דיזע קליידער און נאכהער פיהרען איהם איבער אלע גאסען.

א שוידער האט המן'ען דורכגענומען ווען ער האט דאס געזאגט.

— אבער ווי איך פארשטעה וועסטו זיך דאך נאכהער אלץ איינס מיט מרדכי'ן אפרעכענען... אלס איך וועט ער דאך מוזען שטארבען דעם דרייצעהנטען אדר, דעם טאג וועלכען דו האסט בעשטימט.

— האט שוין דער קעניג מיר געזאגט אז ער וועט מרדכי'ן בעשיצען פון שלעכטעס, און ווי איך פארשטעה וועט דער קעניג מקרב זיין דעם פארפלוכטען אידען.

— איך קען נאך אבער אלץ ניט פארשטעהן פארוואס דער קעניג זאל דיר וועלען אזוי בעשטראפען. אט נישט לאנג צוריק ביזטו דאך געווען פאררעכענט ביי איהם אלס דער קליגסטער מענש פון זיין מלוכה, און אהן דיר איז ער אפילו צו דער קעניגין'ס מאלצייט נישט געגאנגען... מיט וואס האסטו פלוצלינג ביי איהם אזוי פארזינדיגט?

— איך האב מורא אז די געטער פון פרס בעשטראפען מיר! — האט המן געזאגט מיט א נידריגע שטימע.

— וואס פאר א זינד ביזטו בעגאנגען געגען די געטער פון פרס?

— אויב דו וועסט מיר פארשפרעכען קיינעם נישט צו דערצעהלען, מיין פריינד, וועל איך פאר דיר זיך מודה זיין אין וואס מיין זינד איז בעשטאנען.

— ווייסטו דען נישט אז דו קענסט זיך אויף מיר פארלאזען? — האט חרבונה זיך אפגערופען, — זיינען מיר דען נישט געווען צוזאמען די זעלבע בעאמטע אין קעניג'ס פאלאץ פאר עטליכע יאהר!...

— איך האב אומגעבראכט א פערסישען מאן וועמען איך האב געהאלטען פאר מרדכי'ס א פריינד.

— איך ווייס ווער דאס איז! — האט חרבונה אויסגערופען, — דאס איז התך!

— יא, עס איז ריכטיג. איך האב התך'ן געטויטעט און יעצט רעכענען זיך די געטער מיט מיר אפ.

— התך איז ווירקליך געווען אומשולדיג! — האט הרבונה געזאגט.

— אה, ניין, ער האט דעם טויט פארדיענט, — האט המן אויסגערופען, — מיינע זיהן האבען איהם אליין געזעהן ווי ער איז ארוים פון מרדכי'ס הויז... ניין, דאס פאררעכען איך נישט פאר קיין זינד... ער האט זיך בעפריינדעט מיט מיינעם א שונא און איך האב איהם דערפאר בעשטראפט. אבער פאר וואס קומט מיר אזא שטראף?!... דער וועהטאג איז גרויס און די שאנדע איז נאך גרעסער.

אבער וואַרט! — איז פּלוצלינג המן׳ען אַרויפגעקומען אַ געדאַנק. — איך וועל זיך צוזעלען צו געהן וואָס שנעלער צו מרדכי׳ן. די גאַנצע שטאָדט איז נאָך פאַרזונקען אין טיפען שלאָף און איידער די איינוואָהנער פון שושן וועלען אויפוואַכען פון זייער שלאָף, וועל איך האָבען מרדכי׳ן דורכגעפיהרט אַלע גאַסען פון שושן און קיינער וועט אפילו נישט וויסען אַז איך האָב מרדכי׳ן געפיהרט.

המן האָט זיך גענומען צוזעלען. ער האָט שנעלער גענומען טרייבען דעם פערד אין דער ריכטונג פון דער אידישער גאַס!

חרבונה איז שנעל אַוועק אין אסתר׳ס פּאַלאַץ, און ער האָט געוואַרט אין דרויסען ביז וואַנען ער וועט קענען זעהן די קעניגין.

אסתר האָט יענע נאַכט אפילו נישט געמאַכט קיין פאַרזוך זיך צו לייגען שלאָפען. זי איז געווען שטאַרק צושראָקען, טאָמער וועט המן׳ען פּאַרט געלינגען איבערצורעדען דעם קעניג און ער וועט פון איהם אַרויסקריגען די נויטיגע ערלויבניס. אמת, זי האָט אין בריעף דערמאָהנט דעם קעניג וועגען דעם גרויסען חסד וואָס מרדכי האָט געטהאָן מיט דעם קעניג, אָבער דאָך איז שווער פאַר־אויסצוזאָגען אויב ער וועט זיך נישט לאָזען איבעררעדען פון המן׳ען. זי האָט דאַריבער געבעטען חרבונה׳ן ער זאָל זיך די גאַנצע נאַכט געפינען נעבען קעניג־ליכען פּאַלאַץ און אויב ער וועט אויסגעפינען אַז עס האַלט שמאָל מיט מרדכי׳ן זאָל ער איהר קומען גלייך אַנזאָגען.

אסתר איז געזעסען אָנגעטהאָן אין איהרע שעהנסטע קליידער און געוואַרט טאָמער וועט עס נויטיג זיין וועט זי גלייך אַוועקגעהן צום קעניג און איהם דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, אַז מרדכי איז איהר אָנקעל און איהם בעטען ער זאָל נישט דערלאָזען המן׳ען איהם שלעכטעס צו טהאָן. זי האָט צו יעדער רגע אַרויסגעקוקט פון פענסטער צו זעהן אויב חרבונה איז דאָ. און ווי זי האָט איהם דערזעהן האָט זי אַרונטערגעשיקט איינע פון איהרע קאַמער־מיידלעך זי זאָל איהם אַרויפרופען.

חרבונה איז גלייך אַרויף און אסתר איז איהם אַנטקעגען געקומען אַ צושראָקענע.

— נו, ווי האַלט עס מיט מרדכי׳ן? — האָט אסתר איהם גלייך געפרעגט.

— געלויבט איז גאָט! — האָט חרבונה אויסגערופען, און איהר דערצעהלט וועגען זיין באַגעגעניש מיט המן׳ען און אַלעם וואָס מיט המן׳ען האָט פּאַסירט.

— ער האָט זיך גענומען צוזעלען, ווייל ער וויל דורכפיהרען דעם קעניג׳ס באַפעהל, אין דער צייט ווען אַלע שלאָפען נאָך.

— איך וועל שוין זעהן אַז אַלע איינוואָהנער פון שושן וועלען זיין וואַך, ווען המן וועט פיהרען מרדכי׳ן אויף דעם קעניגליכען פערד! — האָט אסתר מיט פרייד געזאָגט.

זי האָט שנעל געשיקט רופען דעם הויפּט פון דער אַרמעע און איהם אָנגע־זאָגט ער זאָל גלייך אַרויסקומען מיט אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטען, וועלכע זאָלען שאַלען און שפּיעלען אויף פּויקען און צימבאַלען, און זיי זאָלען געהן פאַראויס בעפאָר מרדכי׳ן און המן׳ען.

— איך וויל אַז דער טומעל זאָל זיין וואָס גרעסער, קיין איינציגע זאָל נישט פאַרבלייבען שלאָפענדיג.

— דער פערלאנג פון דער קעניגין וועט גלייך ערפילט ווערען, — האט דער בעאמטער זיך אפגערופען, — מיינע סאָלדאטען זיינען בעזארגט מיט גרויסע פויקען און טרומייטען און איך וועל שוין זעהן אז זיי זאָלען טהאָן דאָס בעסטע.

יענע נאכט האָט מרדכי צוזאמען מיט די איבריגע זקנים פארבראכט אין בית המדרש....

מרדכי איז געזעסען אויף דער ערד, מיט א געבויגענעם קאָפּ און געבראָכענעם הארץ. זיינע אויגען זיינען רויט געווען פון געוויין. זיינע ליפּען האבען נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין. "הארציגער פאָטער, בעשעפער פון דער וועלט, פארנעהם מיין תפלה צו דיר און שיק מיר דיין הילף פון הימעל, צושטער די שרעקליכע גזרה פון דעם רשע המן, וועלכער וויל פערניכטען דיין פאָלק. ער וויל אויסקוילענען אלעמען, אלט און יונג, מענער און פרויען און אפילו די זויגידיגע קינדער וויל ער נישט שאָנעווען! אָה, באריהמהערציגער גאָט פון אונזערע חייליגע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, דו האסט פיעלע נסים בעוויזען מיט אונזערע עלטערען, דו האסט זיי אויסגעלייזט פון פיעלע צרות. דיין אויסערדערוועהלט פאָלק ישראל איז אין גרויס געפאהר. המן האט שוין פאר מיר פארטיג געמאכט די תליה, און ווען ער וועט מיר טויטען, דאן זיינען שוין אלע האָפענונגען פערלאָרען צו ראטעווען די אידען פון פרס און מדי. איך בין וויליג צו געבען מיין לעבען פאר מיין פאָלק, אויב עס איז אזוי דיין ווילען, אלמעכטיגער גאָט, אבער שיק דיין ישועה צו אלע איבעריגע אידען!"

א שטילער געוויין האט זיך געהערט... אידען האבען געקרעכצט און געזיפצט. אלע האבען זיך ארומגעזעצט ארום מרדכי'ן און נאָך געזאגט די תפלות וואָרט ביי וואָרט.

פּלוצלונג איז מיט גרויס אימפּעט אריינגעקומען קציעה און צולויפענדיג צו מרדכי'ן האט זי אויסגערופען מיט א היסטערישען געוויין:

— אָה, מרדכי! המן קומט נאָך דיר! אָה, גרויס איז מיין בראָד! פינסטער איז מיין וועלט... המן קומט דיר אוועקנעהמען פון מיר! ער איז געקומען דיר פיהרען צו דער תליה.

מרדכי איז געבליבען שטעהן א טויט בלאסער. זיינע ליפּען האבען געציטערט. ער האט זיך אין עפּעס אָנגעהאלטען ער זאָל נישט אומפאלען.

— אָה, מרדכי ענטלויף! בעהאלט זיך שנעלער, ווארום באלד וועט דער מערדער אהער קומען. ער איז נאָר וואס געקומען צו אונזער הויז... אָה, ווי גרויס מיין שרעק איז געווען... עס איז נאָך פינסטערליך געווען, נאָר וואס אָנגעהויבען צו טאָגען, איך הער א קלאַפּ אין טיהר. און ווען איך בין ארויס געקומען האָב איך דערזעהן המן'ען שטעהענדיג מיט א פערד און ער האָט עפּעס געהאלטען אין האנט... ווי ער האט מיר דערזעהן, האט ער מיר גלייך א פרעג געטהאָן: וואו איז מרדכי? איך האָב ארויסגעלאָזען א געשריי און איך בין גלייך ענטלאָפען צו דיר. איך בעט דיר, מיין ליעבער מאן, פארלאָז שנעל דיזען פּלאַץ, ווייל המן וועט באלד אָנקומען. ווען ער וועט דיר נישט געפינען אין הויז, וועט ער דיר זיכער קומען זוכען דאָ, אין בית המדרש!

— ניין, מיין ווייב אויב עס איז א גזרה, וועט מיר דאס ענטלויפען נישט העלפען.... איך בין געגרייט צו געהען צו מיין בעשעפער.

קציעה איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט זיך נאך שטארקער פארנאנדערגעוויינט.

— אה, מרדכי! איך בעט דיך, לאמיר שנעל פון דאנען אוועקגעהן! לאמיר גיהן צו אסתר'ן אפשר וועט זי נאך קענען עטוואס טהאן פאר דיר!

— ניין, זאל בעסער אסתר אויסנוצען איהר איינפלוס צו ראטעווען אלע אידען... ווען זי וועט יעצט קומען בעטען ביי דעם קעניג, ער זאל מבטל זיין המן'ס גזרה און מיר לאזען לעבען, וועט זי פיעלייכט מעהר פון איהם נישט קענען בעטען פאר'ן גאנצען פאלק... ניין, זאל אסתר אפהאלטען איהר בקשה פאר דעם נויט פון אלע אידען.

— אה, ווי אזוי וועל איך קענען צוזעהן ווי המן פיהרט דיך צו דער תליה!—האט קציעה געיאמערט.

באלד האט זיך געהערט א קלאפ אין טיהר.

א ציטער האט אלעמען אנגענומען. אלע זיינען טויט שטיל געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער און זיך נישט געריהרט פון ארט.

דער קלאפ איז ווידערהאלט געווארען און נאכהער האט זיך די טהיר פון בית המדרש לאנגזאם געעפענט.

— מרדכי! מרדכי!—האט זיך געהערט א שטימע פון דרויסען.

אוי, המן איז געקומען—האט קציעה א געשריי געטהאן און איז געפאלען אין חלשות.

איינעגע אידען זיינען באלד צוגעקומען און איהר אנגעפאנגען צו מינטערען.

א טרויעריגער, פול מיט יאוש און האפנונגסלאז, האט מרדכי קוים זיך דערשלעפט מיט זיינע מיעדע שוואכע פיס צו דער טיהר. ער האט זיך געשארט ביי דער וואנט אנהאלטענדיג, ער זאל נישט אומפאלען. ער איז ארויס פון בית המדרש. זיין קאפ האט ער געהאלטען געבויגען צו דער ערד.

— מרדכי!—האט המן אויסגערופען מיט א שוואכע שטימע—קום אהער געהענטער!

— איך בין געגרייט, נעהם מיר!—האבען די טרעהרען געשטיקט מרדכי'ס האלז,—עס איז אזוי מן הסתם גוזר געווארען פון הימעל! אבער איך בין צו שוואך צו געהן צו דער תליה... מען וועט מיר דארפען פיהרען.

— יע, מרדכי, איך וועל דיר פיהרען אבער נישט צו דער תליה!

מרדכי האט עטוואס אויפגעהויבען זיינע אויגען און זיך אפגערופען:

— אויב נישט צו דער תליה, טא וואוהין וועסטו מיר פיהרען? דו ווילסט מיר דערטרינקען אין טייך?

— ניין, מרדכי! דיין גאט האט צו דיינע תפלות צוגעהערט און יעצט וועל איך דיר דארפען פיהרען אזוי ווי מען פיהרט א קעניג! קום מרדכי זעץ זיך ארויף אויף דעם פערד!

— פארוואס זאל זיך דיר נאך געלוסטען צו טרייבען שפאס, המן!—האט מרדכי קוים ארויסגערעדט—איך בין אין דיינע הענט, דו קענסט טהאן מיט מיר וואס דו ווילסט!

— איך טרייב נישט קיין שפאס, מרדכי... אזוי איז דער ווילען פון קעניג

איך זאל דיר פיהרען איבער'ן שטאדט. אייל זיך מרדכי, איך מוז מיין פליכט טהאן.

מרדכי איז א ווײלע געבליבען שטעהן א צוטומעלטער, נאכהער האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און גענומען זיך ארומקוקען.... ער זעהט דעם קעניג־ליכען פערד... און המן'ס הענט בעמערקט ער די קעניגליכע קליידער און די קרוין...

— איך בעט דיך, מרדכי, מאך דאס שנעלער! דו פארשטעהסט דאך ווי אונאנגענעהם איז פאר מיר דורכצופיהרען דיזע פליכט.

— אה, האט המן א מורמעל געטהאן צו זיך—ווער וואלט זיך דאס מיט א ווײלע צוריק גערימט, אז איך וועל דארפען טהאן אזא זאך!

— אבער איך פערשטעה נאך אלץ נישט, המן, וואס דא קומט פאר! ביזטו אבער זיכער, אז דו טרייבסט נישט קיין שפאס מיט מיר?

—אח, הלואי וואלט עס בלויז געווען שפאס—האט המן אויסגערופען—צו מיין גרויסען אומגליק אבער איז עס אמת.. דער קעניג האט זיך פלוצלינג דער־מאהנט אן דעם, ווי אזוי דו האסט זיין לעבען אמאל געראטעוועט... ווי עס וויזט אויס האבען דאס מיינע זיהן פאר איהם פארגעלעזען צווישען אנדערע פאסי־רונגען, אה, פארוואס זיינען זיי פריהער נישט שטום געווארען איידער זיי האבען דאס אנגעפאנגען צו לעזען!

מרדכי האט אנגעפאנגען ביסלעכווייז צו פערשטעהן.... ער האט געווארפען א בליק אויף המן'ס פנים און ער איז געווארען איבערצייגט, אז המן איז גאנץ ערנסט...

— טהו אן די קעניגליכע בגדים!—האט המן איהם דערלאנגט.

— ווי אזוי וועל איך זיי קענען יעצט אנטהאן, אז איך בין פול מיט שטויב און אש—האט מרדכי געזאגט.

— טו וואש זיך שנעל ארום! איך אייל זיך זעהר!

— איך בין צו שוואך זיך ארומוואשען, א חוץ דעם בין איך שרעקליך בע־וואקסען און די קעניגליכע קרוין וועט גאר אין מיין קאפ נישט ארויפגעהן.

— קום אריין מיט מיר בית המרחץ, פיליכט וועט זיך דארטען ווער עס איז געפינען, וועט ער דיר ארומוואשען און ארומשערען.

די באד איז געווען נישט ווייט פון דארטען און המן האט צוגעבונדען דעם פערד צו א בוים און איז אריין מיט מרדכי'ן אינווייניג...

ווען המן האט דערזעהן, אז קיינער איז דארטען נישטא, האט ער זיך אפ־גערופען:

— מאך דאס שנעלער, זעץ זיך אוועק און איך וועל דיר ארומשערען, ווייל איך וועל דא לאנג נישט קענען פארבלייבען. איך וואלט שוין וועלען אב'פטר'ן מיין פליכט... יעצט אז אלע שלאפען נאך, וועט מיר אזוי שווער נישט זיין דאס דורכצופיהרען...

המן האט גענומען א שער און האט אליין ארומגעשארען מרדכי'ן נאכהער האט ער איהם געהאלפען ארומוואשען. און באלד האט ער איהם אנגעטהאן די קעניגליכע קליידער און די קרוין אויף זיין קאפ און איהם געהאלפען ארויסגעהן.

— זעץ זיך ארויף אויפ'ן פערד!—האט המן זיך צו איהם אפגערופען.

— ווארט א ווײלע, איך מוז אריינקומען אין בית המדרש און זעהן וואס

מאכט מיין פרוי! איך ווייס, אז זי האט דארטען גע׳חלשט, ווען זי האט דער־הערט דיין שטימע, און פון גרויס אויפרעגונג האב איך זיך אן איהר פערגעסען.

מיט די קעניגליכע קליידער און מיט די קרוין אויף זיין קאפ, איז מרדכי אריין צוריק אין בית המדרש... ער האט בעמערקט ווי אלע זקנים האבען ארומ־גערינגעלט זיין פרוי, מען מינטערט איהר... דערנאך הערט ווי זיין פרוי שרייט אויס מיט א וויינענדיגע שטימע: ״אה, מיין ליעבער מרדכי!״ וואו ביזטו מרדכי! פארוואס קומט עס דיר אזא שווערע שטראף.

— עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און מיר אלע וועלען געהן צו איהם... וואס איז דער אונטערשיעד א פאר מאנאטען פריהער אדער שפעטער... המן׳ס גזרה וועט אונז באלד אלעמען דערגרייכען.

מרדכי האט זיך צו זיי דערנעהענטערט און מיט א שוואכע שטימע האט ער אויסגערופען:

— קציעה! קציעה!

אלע האבען גלייך אומגעדרעהט זייערע קעפ און זייער שרעק איז זעהר גרויס געווארען: זיי האבען בעת מעשה מרדכי נישט דערקענט.... און ווען מרדכי איז אלץ נעהענטער צו זיי צוגעקומען, האבען זיי זיך גענומען אפרוקען אויף הינטען.

— דאס בין איך, מרדכי!—האט ער אויסגערופען—פארוואס רוקט איהר זיך אוועק פון מיר?

קציעה האט ארויסגעלאזען א געשריי און איז גלייך צו איהם צוגעלאפען. ווען אבער זי האט איהם גוט בעטראכט און בעמערקט די קרוין אויף זיין קאפ און די קעניגליכע קליידער וואס ער טראגט, האט זי זיך אויך באלד צוריקגע־צויגען.

— קציעה! דערקענסט דען מיר נישט!—האט מרדכי זיך צו איהר גע־ווענדעט—שרעק זיך נישט, דאס בין איך מרדכי!

קציעה איז געבליבען אהן לשון. זי האט אויף איהר מאן געווארפען איהרע בליקען... זי זעהט אז ער איז ארומגעשארען און געוואשען, די וואונדערליכע קעניגליכע קליידער אויף איהם און די קעניגליכע קרוין אויף זיין קאפ און זי האט נישט געוואוסט, דאס זעהט זי אויפ׳ן וואהר, אדער עס חלומ׳ט זיך איהר אלעס.

— קום צו שנעלער, קציעה!—האט מרדכי אויסגערופען—המן ווארט אויף מיר אין דרויסען. ער דארף מיר דורכפיהרען די גאנצע שטאדט און אויסשרייען: ״אזוי ווערט געטהאן צו א מאן וועמען דער קעניג וויל טהייער האלטען און גרויס מאכען!״

ערשט דאן איז קציעה צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהם, און די איבעריגע אידען האבען איהם ארומגערינגעלט, אלעמענס ערשטוינונג איז געווען זעהר גרויס.

מרדכי האט אלעמען דערצעהלט דעם פלוצלונגען נס, וואס מיט איהם האט פאסירט.

— איך געה ארויס פון בית המדרש מיט א צובראכענעם הארץ, געגרייט גע־פיהרט צו ווערען דורך המן׳ען צו דער תליה, איך הער המן׳ס שטימע, ער רעדט צו מיר אזוי צערטליך, און אזוי מילד... איך הויב אויף מיינע אויגען, און זעה

דעם קעניגליכען פערד, די קעניגליכע בגדים און קרוין אין זיינע הענד... דערנאך דערצעהלט מיר המן, אז ער האט א בעפעהל פון דעם קעניג אחשורוש, מיר אנצוטהאן די קרוין און די בגדי מלכות און פיהרען מיר איבער די גאסען פון שושן, בעת מעשה האב איך געמיינט אז ער שפאסט עס פון מיר, איך האב זיך אבער באלד איבערציינט, אז ער איז גאנץ ערנסט... האב איך איהם געזאגט, אז עס איז פאר מיר אונמעגליך ווייל איך בין בעוואקסען און פול מיט שטויב און אש. האט ער מיר גלייך אריינגעפיהרט אין בית המרחץ און מיר ארומגעשארען און גוט ארומגעוואשען... אין מיינע אויגען איז ער ווידער געווארען המן דער בעדער. און יעצטווארט ער אויף מיר אין דרויסען.

— אה, געלויבט איז גאט! — איז קציעה ארויפגעפאלען מרדכי'ן אויפ'ן האלז.

— זיי פארזיכטיג קציעת!—האט מרדכי איהר געזאגט—די קעניגליכע בגדים! פון דיין גרויס האסט האסטו נאך א האר ארונטערגעווארפען די קעניגליכע קרוין פון מיין קאפ.

— עס האט ווירקליך א נס פאסירט!—האבען אלע אויסגערופען—אזא ענדערונג אין אזא קורצע צייט.

— דאס האט אסתר אלעס געטהאן פאר מיר!—האט מרדכי אויסגערופען און זיין פנים האט געלויכטען—אבער מיינע פריינד, מיר טאהרען נישט זיין צופיעל זיכער, די קעניגליכע גזרה, אז מען זאל אונז אלעמען אויסשלאכטען דעם דרייצעהנטען אדר, פערבלייבט נאך אלץ אין קראפט... מעגליך, אז צייטווייליג בין איך געראטעוועט געווארען פון דער תליה, אבער וואס שפעטער וועט זיין, ווייס נאר אונזער פאטער אין הימעל. מיר טאהרען נישט אויפהערען צו איהם מתפלל צו זיין!

— אבער מרדכי! וואס פאר א נקמה מיר זעהן אין אונזער גרעסטען שונא, המן! ער וועט דיר דארפען פיהרען איבער די גאסען, און נאך אויף אזא אופן! איך מוז גלייך לויפען אויפוועקען אלע אידען פון שושן זאלען זיי אלע האבען דעם פערגעניגען!

המן איז געבליבען שטעהן אין דרויסען, און געווארט, אז מרדכי זאל ארויסקומען. ער איז געוועזען זעהר נערוועז און אויפגערעגט. ער האט געשאלטען דען קעניג, מרדכי'ן און אלע אידען. פארוואס זאמט ער זיך דארט אזוי לאנג דער פערפלוכטער איד, האט ער צו זיך געזאגט. א ווייל שפעטער וועלען שוין פיעלע האבען אויפגעשטאנען פון זייער שלאף און זיי וועלען איהם דערזעהן. ער איז געווארען זעהר אומגעדולדיג. ער האט אויפגעעפענט די טיהר פון בית המדרש און אריינגעשטעקט זיין קאפ און אליין אויסגערופען:

— מרדכי, אייל זיך צו!

— איך געה שוין!—האט מרדכי איהם געענטפערט און ער איז ארויס אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי און די איבעריגע אידען.

עס איז שוין געוועזען גאנץ ליכטיג. אין מזרח האט די זון אויפגעגאנגען.

המן האט יעדע מינוט געווארפען זיינע בליקען צום מזרח און גענומען איילען מרדכי'ן.

מרדכי איז צוגעקומען צום פערד און איז געבליבען שטעהן.

— נו, פאר וואס געהסטו אויף איהם נישט ארויף—האט המן אויסגערופען מיט א זויערע מינע, ווען ער האט פון וויטען דערזעהן קציעה'ן און די אנדערע אידען, וועלכע האבען מיט גרוים וואונדער בעטראכט אלעם וואס עס קומט פאר.

— דער פערד איז צו הויך און איך קען נישט ארויפגעהן אויף איהם

— נו, וועל איך דיר העלפען! אבער מאך דאס שנעלער! ווען דו וואלסט זיך נישט פערזאמט, וואלט איך שוין לאנג פארטיג געווארען!

המן האט געמאכט א פערזוך צו העלפען מרדכי'ן ארויפצוקלעטערען אויפן פערד, אבער מרדכי איז געוועזן זעהר שווער און געוויכטיג, ער האט א ווילע גוט זיך אנגעשוויצט אבער אהן ערפאלג. המן איז געבליבען שטעהן, א פערמאטערטער, ער האט אפגעווישט זיין שוויים און שטילערהייט געמורמעלט קללות. ער ווענדעט זיינע אויגען צום מזרח. ער זעהט עס ווערט אלץ ליכטיגער און מרדכי איז נאך אפילו נישט אויפ'ן פערד... מעהר וועט איהם נישט פעהלען, ווען ער וועט זיין געצוואונגען איהם צו פיהרען ווען אלע וועלען זיין וואך... די גאנצע שטאדט וועט דאך פול זיין. אלע וועלען נאכלויפען צו זעהן דעם וואונדער ווי אזוי המן, דער צווייטער צום קעניג פיהרט זיין גרעסטען שונא מרדכי'ן, וועמען ער האט געזאלט אויפהענגען היינט אין דער פריה... און וואס וועט ער טהאן ווען זרש און זיינע גוטע פריינד וועלען איהם דערזעהן, א שוידער נעהמט איהם דורך ווען ער טראכט פון דעם... אה, ווען ער וואלט נאר יעצט געקענט, וואלט ער אנגענומען מרדכי'ן פארן האלז און דערשטיקט.

— נו, וואס וועט זיין וועסטו שוין ארויפקריכען אויפ'ן פערד,—האט המן אויסגערופען.

— זעהסטו דען נישט, אז עס איז פאר מיר אונמעגליך!— האט איהם מרדכי געענטפערט—דער קעניגליכער פערד איז זעהר הויך.

— גוט,—האט המן זיך א קרים געטהאן—אט וועל איך זיך איינבויגען און דו וועסט ארויפגעהן אויף מיר און פון מיר אויפ'ן פערד...

המן האט זיך מיט "אלע פיער" אוועקגעלעגט אויף דער ערד און מרדכי איז אויף איהם ארויף און פון איהם גלייך אויפ'ן פערד.

המן האט זיך אויסגעגלייכט, ער האט געווארפען א פעראכטעטען בליק אויף קציעה'ן און די איבעריגע וועלכע זיינען געשטאנען בעוועגלאז און צו זיך נישט געקענט קומען פון גרוים ערשטוינונג.

— איך לויף אנזאגען אלע אידען!—האט קציעה א געשריי געטהאן און גענומען שנעל לויפען איבער'ן גאס. זי אליין האט זיך געוואונדערט פון וואנען זי האט פלוצלונג געקראגען אזוי פיעל כח. אט דא נישט לאנג צוריק איז זי אין חלשות געפאלען, מען האט איהר קוים דערמינטערט און יעצט לויפט זי פון הויז צו הויז און שרייט אוים:

— אידען שטעהט אויף! זעהט ווי המן פיהרט מיין מאן אין קעניגליכע מלבושים!

עס איז באלד געווארען א בעוועגונג, פריהער האט מען זיך דערשראקען, מען האט געמיינט, אז מרדכי'ס ווייב איז פון זינען געריהרט, אבער באלד זיינען די איבעריגע אידען וועלכע זיינען געוועזן אין בית המדרש, אנגעקומען און דערצעהלט אלע איינצעלהייטען... עס איז געווארען א געלאף און א גערודער. די

שמחה איז געווען זעהר גרויס. מען האט זיך שנעל אנגעטהאן און געלאפען צו זעהען דעם גרויסען וואונדער, ווי המן דער רשע פיהרט מרדכי'ן דעם צדיק איבער די גאסען פון שושן.

---

ווען די קעניגין אסתר האט בעזארגט די מחנה סאלדאטען זיי זאלען געהן פאראויס און שאלען און שפיעלען אויף פויקען און צימבלען, האט זי דעם הויפט פון דער ארמעע איבערגעגעבען א בעפעהל צו המן'ען, אז ער וועט מוזען נאכפאלגען די סאלדאטען, זיי וועלען געהן פריהער און ער וועט מוזען פיה־רען מרדכי'ן וואוהין זיי וועלען מארשירען. זי האט איהם אויך אנגעזאגט דורך וועלכע גאסען המן זאל מרדכי'ן פיהרען.

— זעה, אז ער זאל איהם פארבייפיהרען מיין פאלאץ—האט די קעניגין איהם אנגעזאגט.

דער הויפט פון דער ארמעע האט זיך פערנייגט און אפגערופען:

— דער וואונש פון דער קעניגין וועט פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען.

ווען דער הויפט איז אוועקגעגאנגען דורכפיהרען אסתר'ס באפעהל, איז חרבונה נאך אלץ געבליבען שטעהן מיט דער קעניגין.

— איך זעה, אז מיין בריעף צום קעניג האט יע געהאלפען !—האט אסתר זיך צו איהם אפגערופען א גליקליכע, דאס וועט זיין דער אנפאנג פון המן'ס סוף...

— אה, ווירדיגע קעניגין !—האט חרבונה אויסגערופען—איך האב פאר־געסען איבערצוגעבען נאך זעהר א וויכטיגע זאך וואס המן האט אין זיין גרויס־פערצווייפלונג פאר מיר מודה געווען.

— און וואס איז דאס ?—איז אסתר נייגיעריג געווארען.

— ווען המן האט מיר געגומען דערצעהלען וועגען זיין אומגליק, וואס האט איהם געטראפען, האט ער פלוצלונג אויסגערופען : "איך האב מורא, אז די גע־טער פון פרס בעשטראפען מיר" איך האב איהם גלייך גענומען פרעגען וואס פאר א זינד ער איז בעגאנגען געגען די געטער און ער האט זיך פאר מיר מודה געווען דאס ער האט געטויטעט א פערסישען מאן, ווערמען ער האט געהאלטען פאר מרדכי'ס א פריינד.

— און דאס איז געווים געווען התך !—האט די קעניגין אויסגערופען.

— יע, ווען איך האב איהם גלייך געזאגט, אז דאס איז התך האט ער זיך מודה געווען און מיר געבעטען איך זאל קיינעם נישט דערצעהלען.

— דער אומווירדיגער המן, דער רוצח !—האט די קעניגין אויסגערופען מיט כעס—ער האט אזא אומשולדיגען מאן געטויטעט ! ארימער התך ! ווען ער וואלט מיר דאן געזאגט, אז המן האט איהם איינגעלאדען צו זיך, וואלט ער דאך יעצט געבליבען לעבען. איך וואלט בשום אופן נישט דערלאזט, אז ער זאל איהם בעזוכען. אבער המן'ען וועט עס אלעס נישט געשאנקען ווערען, ער וועט אויך פאר דעם בעצאהלען.

— איך גלויב, אז דער קעניג האט געמעגט דערפון וויסען, — האט חרבונה געזאגט—ווען די קעניגין וועט זיך פאר איהם בעקלאגען, אז המן האט ארייג־געגארט צו זיך איהר בעסטען און געטרייסטען דינער און איהם געטויטעט, וועט זיך דער קעניג באלד ארומזעהען, אז ער האט המן'ען צופיעל מאכט געגעבען...

— היינט אין אבענד דארף דער קעניג קומען נאך אמאל צו מיין מאהל־צייט צוזאמען מיט המן'ען, און דאן וועל איך שוין דעם קעניג וועגען אלעם דערצעהלען.

— מרדכי'ס לעבען האט ווירקליך געהאנגען אויף א האר !—האט חרבונה געזאגט—און עס איז א גרויסער נס געשעהן—המן איז געקומען בעטען דעם קעניג'ס ערלויבניס אויפצוהייגנען מרדכי'ן, די תליה איז שוין געווען פארטיג אויף דעם הויכען בוים... איך האב זיך שטארק געשראקען פיעלייכט וועט המן נישט ווארטען אויף דעם קעניג'ס ערלויבניס און ער וועט איהם גלייך פיהרען צו דער תליה. איך בין די גאנצע צייט געשטאנען בעהאלטען נעבען פאלאץ, און מיין הארץ האט אין מיר געציטערט, ווען איך האב דערזעהן המן'ען אנקומענדיג אין הויף פון פאלאץ אין מיטען דער נאכט... ער האט אויסגעקוקט צו זיין זעהר פרעהליך און מונטער... און ווי אנדערש ער האט אויסגעזעהן ווען ער איז ארויס פון פאלאץ מיט די קעניגליכע מלבושים, זיין קרוין און פערד. ער איז געווען זעהר אויפגערעגט און צושראקען.

— אה, ווי איך וואלט שוין געוואלט זעהן ווי המן פיהרט מרדכי'ן איבער די גאסען פון שושן. דו ווייסט וואס איך האב פערגעסען אנצוזאגען דעם הויפט פון דער ארמעע—האט זיך אסתר אפגערופען—אז ווי ער וועט דערהערען, אז המן רופט אויס, זאל ער גלייך אפשטעלען דאס שפיעלען כדי אלע זאלען קענען הערען וואס המן שרייט אויס !

— אט וועל איך לויפען איהם אניאגען און איהם איבערגעבען די קעניגין'ס רייד.

חרבונה האט זיך א נייג געטהאן און איז שנעל אוועק צו דעם פלאץ וואו דער הויפט פון דער ארמעע האט זיך געפונען מיט זיינע סאלדאטען.

אלע אידען פון שושן זיינען שנעל ארויסגעקומען און דערזעהענדיג ווי המן פיהרט מרדכי'ן אויפ'ן פערד, און ווי מרדכי זיצט ווי א קעניג מיט א קרוין אויפ'ן קאפ אנגעטהאן אין קעניגליכע קליידער, איז דא אלעמען דאס גליק און פרייד געווען זעהר גרויס. נאך גרעסער איז די שמחה געווען ביי יונגווארג... זיי זיינען ארויסגעלאפען האלב אנגעטהאן, בארוויסע און גענומען נאכלויפען המן'ען.

המן האט נישט אויפגעהערט צו שילטען, ער האט שוין געוואלט וואס שנעלער ארויסגעהן פון דער אידישער גאס. ער איז געווען זיכער, אז די פערפלוכטע אידען, וועלען נישט וואגען ארייצוקומען אזוי פריה אין די גאסען, וואו בלויז פערסיער וואהנען. צו זיין גרויס איבערראשונג, אבער האט זיך באלד דערטראגען צו זיינע אויערען מוזיק פון סאלדאטען, וועלכע זיינען איהם ענטקעגען געקומען. דער הויפט פון דער ארמעע איז צוגעקומען צו המן'ען און האט איהם איבערגעגעבען דעם בעפעהל פון דער קעניגין.

— דו וועסט דארפען אונז נאכגעהן. מיר וועלען געהן א פריהער און שפיעלען און דו וועסט געהן הינטער אונז און פיהרען מרדכי'ן און אויסשרייען וואס דער קעניג האט דיר פארזאגט.

המן'ען איז יעצט נאך מעהר ביטער געווארען אויפ'ן הארצען. יעצט וועלען זיך אלע אויפכאפען פון שלאף און זעהן ווי אזוי ער איז געפאלען, אז ער דארף פיהרען מרדכי'ן און איהם אנטהאן אזא גרויסען כבוד, איבערהויפט האט המן

געוואָלט פערמיידען די גאס, וואו זיין הויז געפינט זיך. ער ווייס, אז זרש האט צוזאמען מיט די געסט דארטען פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט און יעצט מוזען זיי אלע שלאפען, האפענדיג אז באלד וועט ער זיי קומען אנזאגען די שמחה, דאס דער קעניג האט איהם אויך דיזען מאל איבערגעגעבען זיין זיגעל רינג און אז ער געהט גלייך אויפהענגען מרדכי׳ן או דא וועלען זיי פלוצלונג דערזעהן ווי ער פיהרט גאר מרדכי׳ן אויפ׳ן פערד. א ציטער איז דורך זיין קער־פער, ער האט געהאלטען דעם פערד פאר׳ן צוים און גענומען נאכגעהן די סאל־דאטען, וועלכע האבען גענומען שפיעלען גאנץ הויך.

— פאוואס טהוסטו נישט דעם קעניג׳ס בעפעהל און רופסט נישט אויס אין דער הויך וואס ער האט דיר פערזאגט !—האט א בעאמטער פון קעניג זיך צו איהם אפגערופען.

המן האט גענומען אויסרופען :

”אזוי ווערט געטהאן צו א מאן, וועמען דער קעניג וויל גרויס מאכען !„

— קיינער קען דיך נישט הערען, המן !—האט דער בעאמטער איהם גע־זאגט.

המן האט גענומען שרייען נאך העכער, אבער מען האט אלץ נישט גע־קענט הערען, צוליעב דעם טומעל פון דעם שפיעלען.

באלד איז צוגעקומען חרבונה און ער האט עס אריינגערוימט דעם הויפט פון דער ארמעע אין אויער.

דער הויפט איז צוגעגאנגען צו המן׳ען און איהם געזאגט :

—עס איז דער בעפעהל פון דער קעניגין, אז דו זאלסט בלויז דאן נעהמען אויסשרייען, וואס דער קעניג האט דיר פערזאגט, ווען מיינע סאלדאטען וועלען אויפהערען זייער שפיעלען אויף א ווייל. דו טארסט נישט פערגעסען, אז ווי נאר עס ווערט שטיל מוזטו דאן אויסשרייען :

— איך וועל טהאן ווי דו זאגסט מיר,—האט המן זיך צו איהם אפגערופען

—אבער איך וועל דיר בעטען דו זאלסט מיר טהאן א געפעליגקייט.

— וואס איז דיין פערלאנג ?

— מיין פערלאנג איז—האט המן טרויעריג געזאגט—אז דו זאלסט מיט דיין ארמעע נישט געהן אויף דער גאס, וואו מיין הויז געפינט זיך. פארשטעהסט, איך וואלט זעהר נישט געוואלט, אז מיין פרוי זרש און מיינע געסט וועלכע געפי־נען זיך אין מיין הויז, זאלען מיר דערזעהן אין אזא לאגע.. וועסטו עס פאר מיר טהאן ?

— צו מיין בעדויערען וועל איך דיין פערלאנג נישט קענען ערפילען דיזען מאל !—האט איהם דער הויפט געענטפערט—איך האב א בעפעהל פון דער קע־ניגין, אז איך זאל דורכמארשירען מיט מיין ארמעע איבער אלע גאסען פון שושן, און איך טאהר נישט מאכען קיין אויסנאהם מיט דער גאס, וואו דיין הויז גע־פינט זיך.

— דו דארפסט אבער נישט פערגעסען ! —האט המן גענומען צוריקקריגען זיין מוטה—אז כאטש איך בין יעצט דערנידעריגט, איז עס בלויז צייטווייליג, איך בין נאך אלץ דער קעניג׳ס הויפט מיניסטער און זיין משנה למלך, און אויב דו וועסט מיך יעצט נישט פאלגען, וועסטו נאכהער חרטה האבען !

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס איך דארף ווידירשפּעניגען דיין מויל, אָבער אפילו ווען דו ביזט איצט נישט אין דיזער לאגע, וואלט איך גאָרנישט גע־קענט טהאָן, דער בעפעהל פון דער קעניגין איז אין מיינע אויגען א סך העכער ווי דער בעפעהל פון דעם קעניג׳ס "משנה למלך!"

— ווארט, איך וועל פון דיר אויך נקמה נעהמען!—האט המן א קריץ גע־טהאָן מיט די צייהן.

— דיין נקמה וועסטו אָפּלעגען אויף שפּעטער—האט דער הויפּט פון דער ארמעע געזאגט—דערווייל פערגעס נישט אויסצושרייען, און טאקע גאנץ הויך, וואס דער קעניג האט דיר פערזאגט! יעדעס מאל ווען דאס שפּילען וועט אויפ־הערען, זאלסטו אויפהויבען דיין שטימע!

דער מארש איז פּאַרטגעזעצט געווארען. פון דעם גרויסען טומעל און פון שפּיעלען האבען זיך אלע איינוואוינער פון שושן אויפגעכאפּט פון זייער שלאָף און צוגעלאפען צו די פענסטער, ווען זיי האבען בעמערקט, אז אזא גרויסארטי־גען פּאראד, האבען זיי שנעל ארויפגעכאפּט זייערע בגדים און ארויסגעלאפען אין גאס. דער המון האט זיך פערגרעסערט מיט יעדען מאָל וואס זיי האבען דורכגעמארשירט א גאס. אלע איינוואוינער מענער און פרויען יונג און אלטע און אפילו קליינע קינדער, זיינען ארויסגעגאנגען זעהען ווי אזוי דער גרעסטער מאן פון שושן, דער צווייטער צום קעניג, פיהרט מרדכי׳ן דעם אידען אין אזא קעניגליכע אויסשטאטונג.

פּלוצלונג האט זיך די מוזיק איינגעשטילט. עס איז געווארען שטיל ארום און המן האט אויסגערופען מיט א הויכע שטימע:

— "אזוי ווערט געטהאן צו א מאן וועמען דער קעניג וויל גרויס מאכען!"

— וואס איז דאָ פּאַרגעקומען פּלוצלינג? — האבען די איינוואוינער גע־שטוינט און גענומען פרעגען איינער דעם צווייטען.

— ווי עס ווייזט אויס, וועט דער איד מרדכי פארנעהמען המן׳ס פּלאַץ אין דער מלוכה—האט א צווייטער געזאגט.—אזא כבוד האט נאך קיינער ביז יעצט נישט געהאט, ער זאל טראגען די קרוין פון קעניג און רייטען אויף דעם קעניגלי־כען פערד און ווערען געפיהרט פון אזא גרויסען מאן ווי המן איז.

— איך האב מורא, אז דאס וועט מאכע א סוף צו זיין גרויסקייט—האט נאך איינער געזאגט—אלע ווייסען דאך, אז מרדכי איז המן׳ס גרעסטער שונא און ער האט זיך שוין פאר אלעמען בעריהמט, אז אָט, אָט, וועט ער מרדכי׳ן אויפהענגען... איך האב אליין געזעהען ווי זיינע זיהן האבען צוגעגרייט די תליה אויף דעם העכסטען בוים, נעבען פּאַלאַץ.

---

יענע נאכט, ווען המן האט פערלאָזען זיינע געסט און זרש׳ן אין מיטען פון זייער הוליאנקע, און איז אוועק צום קעניג בעטען ערלויבניס אויפצוהענגען מרדכי׳ן איז זרש נישט געגאנגען שלאָפען.

— איך גלויב, אז מיר וועלען שוין ווארטען ביז וואנען המן וועט זיך אומ־קעהרען מיט די גוטע נייעס, און דאן וועלען מיר אלע געהן זעהן ווי המן׳ס גרעס־טער שונא ווערט אויפגעהאנגען. מיינע זיהן און טעכטער וואלטען מיר קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען איך לאָז זיי פערשלאָפען אזא וויכטיגע געשעהעניש.

— און מיר האבען גאר קיין חשק נישט זיך אומצוקעהרען אהיים ביז וואַנען מיר וועלען אליין מיט אונזערע אויגען זעהן מרדכי'ס קערפער וויגט זיך אויף דעם גרויסען בוים !—האט איינער פון די געסט אָפּגערופען.

זרש האט אָנגעפילט די כוסות און זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל :

— דיזער פריהמאָרגען וועט ווירקליך זיין ביי אונז א גרויסער יום טוב און מיר מעגען זיך גוט משמחה זיין.

— און דער צווייטער גרויסער יום טוב וועט זיין פאר אלע פערסיער — האט זיך נאָך א גאסט אָפּגערופען—יע, דעם דרייצעהנטען אדר, ווען יעדער פון אונז וועט האבען די מעגליכקייט צו מאכען יעדען אידען מיט א קאָפּ קירצער און אין דערזעלבער צייט אוועקנעהמען פון איהם זיין רייכטהום, וועט זיין דער גרעסטער און פרעהליכסטער יום טוב פאר אלע פערסיער.

— איך האב שוין אפילו ביי זיך בעשלאָסען וועלכער איד זאל זיין מיינער, און ווען די צייט וועט קומען וועט ער דורך מיין האנט געקוילעט ווערען און זיין פערמעגען זאל געהערען צו מיר. יע, מיין איד איז טאקע איינער פון די רייכסטע פון שושן.

— און מיין איד פערמעגט אויך א גרויסען פערמעגען—האט נאָך איינער געזאגט—איך מוז זאגען דעם אמת, אז יעדען טאָג געה איך פערביי זיין הויז צו זעהען אויב צופיעל ווערט ניט אָפּגעניצט פון דעם פערמעגען, וואס וועט בעלאנגען צו מיר !

— איך האב בעשטימט גדליה'ן, שמעון'ס פאטער, פאר מיין קרבן.. מען זאגט אויף איהם, אז ער איז גוט רייך... און איך בין שטארק צופריעדען וואס זיין זוהן, שמעון געפינט זיך אין געפענגנים, דערוויילע וועט וואס ווינציגער פערצעהרט ווערען פון גדליה'ס פערמעגען.

— אבער איך גלויב, אז דו ביזט שוין צו שפּעט !—האט זרש געלאַכט — מיין זוהן פרשנדתא האט שוין דעם אידען גדליה'ן גענומען פאר זיך... דו ווייסט דאָך, אז מיינע זיהן האבען פעראורזאכט שמועו'ס ארעסט און דעריבער זיינען זיי מעהר בערעכטיגט צו איהם ווי דו.

— נו, וועל איך זיך מיר אויסקלייבע אן אנדער אידען !—האט יענער גאסט גוטמוטהיג געענטפערט,—ווינציג רייכע אידען זיינען פאראן אין שושן ! איך וועל דאָך נישט געהן קאָנקורירען מיט המן'ס זיהן.

— וואס ועסטו טהאָן מיט מרדכי'ס הויז ?—האט אימיצער געפרעגט זרש'ן,—וועסטו עס דען איבערלאָזען צו זיין וויב קציעה ביז וואנען איהר טאָג וועט קומען אדער, דו וועסט עס גלייך אוועקנעהמען.

— געוויס וועל איך דאס גלייך אוועקנעהמען !—האט זרש געענטפערט— וואס דען איך וועל דאס איבערלאָזען פאר קציעה'ן. זי וועט שוין געפינען א פלאץ פאר זיך ביז דעם דרייצעהנטען אדר.

— און אויב נישט וועלען מיר אויך נישט זיין שטארק בעזארגט—האט אימיצער פון די געסט זיך פאנאנדערגעלאַכט—עס וואלט דאָך געווען אן אונזין צו לאָזען קציעה'ן וואהנען אין אזא שעהנע רייכע הויז.

— איך האב שוין זיין הויז פון לאנג אוועקגעשאַנקען צו מיינע זיהן !— האט זרש געזאגט—און אזוי ווי נאכדעם ווי אלע אידען וועלען אויסגעהרג'עט

ווערען, וועט שוין די גאס מעהר נישט זיין קיין אידישע גאס, וועלען מיינע זיהן דארט קענען וואהנען.

—מען זאגט, אז מרדכי איז זעהר רייך, און זיין ווייב קציעה האט די שעהנ־סטע ציערונג.

— איך האב שוין וועגען דעם זיך דורכגערעדט מיט המן׳ען, פריהער האָ־בען מיר בעשלאָסען צוצונעהמען מרדכי׳ס רייכטהום פאר אונזערע קינדער. אָבער המן האט בעשלאָסען פאַרצושלאָגען פאר דעם קעניג אז מרדכי׳ס רייכ־טהום זאל אריין אין דעם אוצר פון דער מלוכה. ווייל ער ווייס גאנץ גוט, אז דער קעניג וועט איהם דאס הייסען צונעהמען פאר זיך... די זעלבע זאך האט פאסירט ווען המן האט געוואָלט אָפּגעבען דעם קעניג די צעהן טויזענד שטיקער זילבער פאר די ערלויבניש וואס ער האט איהם געגעבען. אָבער דער קעניג האט איהם געהייסען האלטען די געלט פאר זיך. און אזוי וועט ער געווים טהאן מיט מרדכי׳ס רייכטהום, ווען המן וועט איהם אָנבאָטען עס אריינצוברענגען אין דעם אוצר פון דער מלוכה. אָה, ווי שטארק ליעב דער קעניג האט המן׳ען, ער וועט פאר איהם אלעס טהאָן.

זרש איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין דרויסען.

— עס פאנגט שוין אָן צו טאָגען!—האט זי זיך אָפּגערופען צו איהרע געסט—המן וועט מעגליך באלד אָנקומען און ער וועט אונז אלעמען איילען צו געהן זעהן ווי ער הענגט מרדכי׳ן! איך מוז אויפוועקען מיינע קינדער... זאלען זיי זיין געגרייט. המן וועט געווים נישט וועלען ווארטען צו לאנג אויף זיי... ער איז דאך אזוי נייגיעריג פּטור צו ווערען פון זיין גרעסטען שונא, אז ער וועט אפילו קיין רגע נישט וועלען פערלירען. און מיינע טעכטער האבען מיר אָנגע־זאגט, איידער זיי זיינען געגאנגען שלאָפען, אז איך זאל זיי אויפוועקען גאנץ פריה כדי זיי זאָלען נישט פעשפּעטיגען צו זעהן ווי זייער פאָטער הייננט דעם פערהאסטען אידען, מרדכי.

זרש האט גלייך אויפגעוועקט איהרע צוויי טעכטער און איהרע איבעריגע זיהן.

— שנעלער טהוט זיך אָן און זייט געגרייט!—האט זי געזאגט—אייער פאָ־טער קען אָנקומען יעדער רגע, און ער וועט לאנג אויף אייך נישט ווארטען, און איהר מיינע זיהן וועט מוזען העלפען דעם פאָטער ארויפצוהויבען מרדכי׳ן אויף דער תליה. איך וויל נישט אז אימיצער אנדערש זאל עס טהאָן. איהר דארפט וויסען, אז מרדכי איז זעהר א שווער געוויכטיגער איד און אייער פאָטער וועט זיך נויטיגען אין אלע זיינע צעהן זיהן.

— און אויב דאָן וועט נאך זיין צו שווער וועלען מיר אויך א העלף טהאָן! —האט די עלטערע טאָכטער אויסגערופען.

— געווים, ווילען מיר אויך האבען א חלק אין מרדכי׳ס טויט!—האט די אינגערע צוגעגעבען.

אלע האבען זיך שנעל אָנגעטהאָן. ויזתא איז געוועזן דער ערשטער פארטיג צו ווערען.

— מוטער!—האט ער אויסגערופען—איך וועל ארויסלויפען בעגעגענען דעם פאָטער.

— ביים עפעס איבער, ויזתא !—האט זי אויסגערופען—גאכהער וועסטו געהן.

—איך בין אבער נישט הונגעריג ! איך איל זיך, אה, מוטער לאז מ׳ר געהן.

ויזתא איז שנעל ארוים פון הויז. די איבעריגע קינדער האבען זיך געזעצט ביים טיש.

— איך וועל אויפוועקען מיין דינסט, די פרוי פון ירוחם דעם שמיעד !— האט זרש זיך אפגערופען—זי וועט אייך האבען גרוים פערגעניגען צו זעהן ווי מרדכי ווערט געפיהרט צו דער תליה און דערווייל וועט זי פאר אייך צוגרייטען דעם פריהשטיק.

זרש האט אויפגעוועקט די פרסית און איהר געזאגט : יעצט וועט שוין לאנג נישט נעהמען און דו וועסט צוריקקריגען דיין טאכטער עדה. ווען די איבעריגע אידען וועלען זעהן אז זייער עלטסטער הענגט, וועלען זיי שוין מורא האבען זיך אנצופאנגען מיט די פרסים, און וועלען שוין טהאן אלעס וואס מיר וועלען זיי זאגען.

זרש און די געסט, המן׳ס גוטע פריינד, האבען שוין אויך אנגעפאנגען צו הונגערען. אין די פרסית האט געגרייט טישען פאר אלעמען. זיי האבען געגעסע פריהשטיק מיט גרוים אפעטיט.

פלוצלונג לויפט אריין ויזתא א פארסאפעטער און מיט א פרעהליכער שטימע רופט ער אוים :

— זיי קומען ! דער פאטער פיהרט מרדכי׳ן צו דער תליה. מוזיק שפיעלט ! אזוי פיעל סאלדאטען. מרדכי גיט אפ גרוים כבוד דעם פאטער... אזוי פיעל מענשען געהן נאך. די גאנצע שטאדט איז ארויסגעקומען צו זעהן ווי מרדכי פיהרט המן׳ען אנגעטהאן אין קעניגליכע קליידער... א זיי קומען אן אויף אונזער גאס. מרדכי וועט איהם געווים פארביי פיהרען אונזער הויז

— וואס ? !—האט זרש אויסגערופען מיט פרייד, דיין פאטער טראגט די קרוין ! אה, געבענשט זאלען זיין די געטער ! מיינע קינדער איהר מעגט שוין אלע זיך גליקליך שעצען. המן האט שוין זיין פלאן פערווירקליכט... ער איז געווארען קעניג אנשטאדט אחשורוש׳ן און יעצט, איידער ער פיהרט מרדכי׳ן צו דער תליה, האט ער געווים געהייסען, אז מרדכי זאל איהם דורכפיהרען איבער די גאסען פון שושן. אה, שנעלער, קינדער איך הער שוין די מוזיק און דעם גי־רויש. אין מיינע אויערען קלינגען שוין די אויסגעשרייען פון פאלק : ״לאנג לע־בען זאל המן, אונזער קעניג !״ יע, מיינע געסט—האט זי זיך צו זיי געווענדעט—אייער פריינד המן איז געווארען קעניג איבער פרס און מדי.

— מיר זיינען גליקליך דאס צו הערען !—האבען די געסט מיט גרוים שמחה געזאגט.

— אט לויף איך ווייטער ארוים !—האט ויזתא מעהר נישט געקענט איינ־שטעהען.

— ווארט צו א ווילע, ויזתא !—האט זרש איהם צוריקגעהאלטען—ביזטו זיכער, אז דו האסט געזעהן די קרוין אויף דיין פאטער׳ס קאפ.

— וואס דען איך בין בלינד ?—האט ויזתא אויסגערופען—די גאס איז פול מיט מיליטער. מען שפיעלט און מען זינגט פריהער איז פאר מיר געוועזן שווער

צו זעהן צוליעב די גערעכטקייט, האב איך אבער געשטעלט אויף די שפיץ פינגער און איך האב דייטליך געזעהן די קרוין אויף זיין קאפּ.. איך האב אפילו גע־הערט מיין פאטערס שטימע.

— אט קומען זיי אן! — האט די עלטערע טאכטער אויסגערופען נאכדעם ווי זי האט איהר קאפּ ארויסגערוקט דורכ'ן פענסטער.

— אה, וואס פאר א המן! ווי שעהן די סאלדאטען שפּילען — האט אויך די יינגערע טאכטער א קוק געטהאן דורכ'ן פענסטער.

— לאמיר שנעל ארויסגעהן דעם פאטער ענטקעגען! — האט זרש אויס־גערופען.

— ניין, מוטער, דו וועסט זיך נישט קענען דערשלאגען צו איהם, די גאס איז פול מיט מענשען, קום בעסער ארוים אויף דעם באלקאן, פון דאָרטען וועלען מיר א סך בעסען קענען זעהן.

זרש, איהרע צוויי טעכטער און די געסט, זיינען ארוים אויף דעם באלקאן, אבער די איבעריגע זיהן האבען זיך א לאז געטהאן אין דרויסען... זיי האבען שוין מעהר קיין געדולד נישט געהאט.

די מוזיק איז שטארקער געווארען. די סאלדאטען האבען געמארשירט פאר־אויס און געשפּיעלט; הינטער זיי זיינען געגאנגען די רייטער. זרש און איהרע טעכטער האבען אנגעשטרענגט זייערע בליקען.

— ויזתא האט קיין ליגען נישט געזאגט! — האט זרש אויסגערופען מיט גרויס פרייד — איך זעה שוין די קרוין. המן טראגט די קעניגליכע קרוין... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז אייער פאטער איז יעצט דער קעניג פון פרס און מדי, יעצט מעג איך אייך שוין זאגען, אז המן האט שוין לאנג געפלאנעוועט צו ווערען קעניג אנשטאט אחשורוש'ן, אלע ווייסען, אז ביז איצט האט המן אלץ איינם געפיהרט די מלוכה... און אז המן איז מעהר פאסיג צו זיין קעניג ווי אחשורוש.

— און איך האב שוין דאס אויך לאנג ארויסגיזאגט — האט איינער פון די געסט זיך אפּגערופען — דאס גאנצע לאנד וויים, אז המן איז דער קליגסטער מאן און ער וועט וויסען בעסער ווי צו פיהרען די מלוכה.

— דאס איז אבער אליין אויך א גאנץ קלוגער איינפאל! — האט זרש זיך געשמאלצען פון פרייד — צו צווינגען זיין גרעסטען שונא ער זאל איהם פיהרען איבער די גאסען און אויסרופען אז המן איז געווארען קעניג... וואס וועט ער פארזאמען ווען ער וועט איהם אויפהענגען אביסעל שפּעטער...

ווארט, מוטער, איך וועל דיר באלד עפּעס צייגען! — האט די עלטערע טאכ־טער אויסגערופען און איז שנעל אריינגעלאפען אין קיך. זי איז גלייך צוריקגע־קומען מיט אן עמער פול מיט שמוציגע וואסער.

— וואס ווילסטו טהאן, מיין טאכטער? — האט זרש איהר געפרעגט.

— מרדכי וועט דאך געווים פארבייפיהרען אונזער פאטער, דיזען באלקאן, וויל איך, ווי נאר מרדכי וועט זיך דערנעהענטערען, איהם אפּגיסען מיט דיזע שמוציגע וואסער.

— מיר וואלטען טאקע געהאט נאך מעהר שפּאס! — האט זרש אויסגערו־

פען א גליקליכע—איך שטעל זיך פאר ווי מרדכי וועט געהן און פון איהם וועט רינען דאס שמוציגע וואסער.

אלע האבען זיך שטארק פארנאנדערגעלאכט.

— דאך אבער מיין טאכטער, וויים איך נישט אויב דו זאלסט עס טהאן, ווייל עטוואס וואסער קען זיך נאך ארויפשפריצען אויף דיין פאטער.

— איך וועל זעהר פארזיכטיג זיין, מוטער!—האט זי געזאגט אויפהויבענדיג דעם עמער—איך וועל מרדכי'ן אפגיסען אזוי, אז אפילו קיין איינציגער טראפען וואסער וועט נישט ארויפגעשפריצט ווערען אויפ'ן פאטער... אה, וועלען דאס אלע לאכען ווען מרדכי וועט פלוצלונג קריגען אזא ריינע באד... עס וועט זיך גיסען דאס שמוציגע וואסער פון זיין קאפ און פון זיין בארד און דער עולם וועט זיך קייכען פון געלעכטער.

— אט קומען זיין שוין אן!—האט זרש אויסגעשריען—די סאלדאטען זיינען שוין כמעט אונטער אונזער באלקאן, זיי געגרייט מיין טאכטער, און זיי זעהר פארזיכטיג!

די מוזיק און די געזאנגען האבען זיך צונויפגעמישט מיט די געשרייען און טומעל פון דעם המון און האבען אנגעפילט די לופט.

המן'ס עלטערע טאכטער איז געשטאנען מיט דעם עמער פול מיט שמוציגע וואסער. זי האט זיך אריבערגעבויגען און געווארט ביז ווען זיי וועלען צוקומען גאנץ נאהענט. זי האט זיך גוט געציעלעוועט אז איהר פאטער וועלכער רייט אויפ'ן פערד זאל אפילו נישט בעשפריצט ווערען.

— פליוך! !—האט זי א בויג געטהאן דעם עמער!

עס האט זיך דערהערט א געשריי און א טומעל.

— אה, מיין טאכטער!—האט זרש א געשריי געטהאן—דו האסט אפגעגאסען דיין אייגענעם פאטער! אה, פינסטער און טרויעריג איז מיין וועלט געווארען! מרדכי האט גאר אויף דעם פערד מיט די קעניגליכע קרוין אויף זיין קאפ און המן פיהרט עס איהם דורך די גאסען פון שושן.

די טאכטער וועלכע האט נאך געהאלטען דעם ליידיגען עמער אין איהר האנט, איז אומגעפאלען פון גרוים שרעק און אויפרעגונג.

— וואס האט פאסירט?—האט יעדער גענומען פרעגען— ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז המן זאל פיהרען מרדכי'ן אויף דעם קעניגליכען פערד אנגעטהאן אין די קעניגליכע בגדים.

די מוזיק האט אויף א ווײלע אויפגעהערט. אין גאס איז געווארען שטיל.

"אזוי ווערט געטהאן צו א מאן וועמען דער קעניג וויל גרוים מאכען".— האט זיך המן'ס שטימע דערטראגען צו זרש'ן און די געסט.

א הילכיגער געלעכטער האט אויסגעבראכען אין גאס ווען מען האט בעמערקט ווי עס רינט פון המן'ען די שמוציגע וואסער, וואס זיין אייגענע טאכטער האט נאר וואס אויף איהם ארויפגעפליוכעט.

המן האט זיך געטרייסעלט, ער האט געווישט זיין פנים מיט דעם ארבעל. ער האט זיך געפיהלט זעהר אומבעקוועם. זיינע בגדים זיינען געווען דורכגעווייקט... ער האט בעמערקט ווי אלע לאכען און שפאסען פון איהם... און פון זיין מויל האבען זיך געשאטען קללות. ער איז שוין מיעד געווארען ארומפיהרענדיג

מרדכין. אבער ער האט נאך עטליכע גאסען וואו ער וועט דארפען איהם פיהרען.

ער איז נאכגעגאנגען די סאלדאטען וועלכע האבען ניט אויפגעהערט צו שפיעלען און ער האט איהם גענומען פארבייפיהרען דעם פאלאץ פון דער קעניגין. נישט ווילענדיג הויבט המן אויף זיין קאפ און בעמערקט ווי אסתר המלכה קוקט ארויס. ער זעהט ווי איהר פנים גלאנצט פון פרייד.

אה, ווי שטארק גענארט ער איז ביי זיך געווען—האט זיך המן געטראכט— ער האט געמיינט, אז די קעניגין האט איהם ליעב... יעצט ווייס ער אז זי האט געשיקט די מיליטער כדי אויפצואוועקען אלע איינוואהנער פון שטאדט.. און אין דער שטיל האט ער א בורטשע געטהאן א קללה אויך פאר דער קעניגין.

פון דארטען האט המן אפגעפיהרט מרדכי'ן צו דעם טויער פון דעם קעניג'ס פאלאץ.

מרדכי איז ארונטער פון פערד און ער האט אויסגעטהאן די קרוין און די קעניגליכע בגדים. און איז צוריק געגאנגען אין שוהל. אלע אידען האבען זיך שוין געהאט פערזאמעלט צו דאנקען און לויבען פאר דעם חסד וואס ער האט מיט זיי געטהאן.

קציעה האט געווארט אויף מרדכי'ן נישט ווייט פון דעם טויער און ווען זי האט געזעהן, אז איהר מאן קומט ארויס פון דעם קעניגליכען הויף איז זי איהם אנטקעגען געקומען און איהם געהאלזט און געקושט.

— מיין טייערער מרדכי, מיר האבען א גרויסען, גוטען גאט. יעצט, נאך דיזער פאסירונג וועט שוין המן מעהר נישט וואגען דיר קיין שלעכטעס צו טהאן.

— מיר טארען נאך נישט זיין צו זיכער !—האט מרדכי זיך אפגערופען— מיר דארפען פארטזעצען אונזערע תפילות צו אונזער פאטער אין הימעל. אפשר וועט ער רחמנות האבען איבער זיין פאלק און ער וועט מבטל מאכען די גזרה וואס המן האט ארויסגעגעבען אויסצושלאכטען אלע אידען אין איין טאג... מיר טארען זיך נישט צופיעל פרעהען, ווייל דער גרויסער געפאהר איז נאך נישט פאריבער, עס וועט זיין זעהר שווער פאר דעם קעניג צוריקצורופען א גזרה וואס איז גע'חתמ'עט געווארען מיט דעם קעניג'ס זיגעל רינג.

— אויב אזא זאך איז געווען מעגליך, אז המן זאל דיר ארומפיהרען איבער די גאסען אין קעניגליכע קליידער און דיר אנטהאן אזא כבוד, וועט יעצט אלעס מעגליך זיין.

— מיר טארען נישט פערגעסען, אז המן'ס שטארקייט איז נאך נישט גע־בראכען. דאס איז בלויז געווען א צייטווייליגער קאפריז פון דעם קעניג, אבער נאכהער קען זיין, אז המן וועט צוריק קריגען זיין פריהערדיגע מאכט, און ערשט דאן וועט ער זיין כעס אויסלאזען אויף אונז אלעמען.

---

א טרויעריגער און דערשלאגענער האט המן געשלעפט זיינע מיעדע פיס, ער איז קוים דערקראכען אהיים. ער האט נאך דארט געטראפען זיינע געסט. זרש האט איהם דיזען מאל נישט בעגריסט מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל. זי האט זיך אויף איהם יעצט נישט אומגעקוקט... זיינע זיהן און טעכטער זיינען איהם נישט ענטקעגען געקומען ווי אימער. אויך זיינע גוטע פריינד, וועלכע פלעגען קומען אזוי אפט פערברענגען אין זיין הויז, אויך זיי האבען קרום אויף איהם געקוקט.

— אה, וואס פאר אן אומגליק! וואס פאר אן אומגליק!—האט זרש אויסגערופען.

— אין דעם זיינען דיינע בנים שולדיג!—האט המן אויסגערופען מיט צארן אנווייזענדיג אויף פרשנדתא און דלפון.

— אז דו ביזט א שלימזל איז עס זייער שולד?—האט זרש זיך א קרים געטהאן—דו האסט איבערטריבען דיין מאכט מיט דעם קעניג... דו האסט גערענקט, אז אהן דיר וועט גאר דער קעניג קיין איינציגע רגע נישט אויסקומען. און יעצט האסטו דיר! אה, וואוהין וועל איך זיך קענען בעהאלטען פון שאנדע.... דו זעהסט דאך וואס פאר א שלימזל דו ביזט, אז דיין אייגענע טאכטער האט דיר אפגעפליוכעט מיט אן עמער שמוציגעס וואסער.

— מיין טאכטער האט עס געטהאן!—האט המן אויסגערופען.

— זי איז נישט שולדיג. זי איז געווען אזוי זיכער, אז דו רייטסט עס אויפ'ן פערד און מרדכי פיהרט עס דיר, אז זי האט לאנג נישט געטראכט. א גאס געטהאן דעם עמער איבער דיין קאפ.

— נישט געזארגט, זרש!—האט המן געמאכט א פערזוך איהר צו טרייסטען—נאך אלעמען בין איך דאך אלץ פערבליבען דעם קעניג'ס משנה למלך און זיין הויפט מיניסטער... עס האט זיך גראדע געמאכט אזוי. ווען מיינע זיהן האבען פאר איהם פארגעלייענט די געשיכטע ווי אזוי מרדכי האט זיין לעבען גערעטעט, בין איך אנגעקומען אין פאלאץ. און דיזער נארישער געדאנק האט א בליץ געטהאן דעם קעניג אין מח... ער האט געוואלט מרדכי'ן עפעס טהאן דערפאר, ווייל ער האט אויסגעפונען, אז מען האט איהם גאר קיין בעלוינונג נישט געגעבען. יעצט אבער אז מרדכי האט געקראגען זיין בעלוינונג וועט דער קעניג נישט זיין דאגעגען איך זאל מיין פלאן אויפצוהענגען מרדכי'ן, פארווירקליכען.

— אה, המן! שלאג זיך ארויס אזעלכע נארישע געדאנקען פון דיין קאפ... פערגעס נישט אז מרדכי איז א איד און אויב דו האסט אנגעהויבען פאלען פאר איהם, וועסטו שוין פאלען און פאלען... מיין עצה איז דו זאלסט נאך היינט אריבערגעהן צו מרדכי'ן אין הויז און פאלען צו זיינע פיס און בעטען ער זאל דיר מוחל זיין, אז נישט וועסטו אונז אלעמען רואינירען!

— דאס וועל איך קיינמאל נישט טהאן!—האט המן צוריקגעקראגען זיין שטאלץ.

—מיר וואלטען דיר געראטהען דו זאלסט זיך צוהערען צו זרש'ס רייד—האבען המן'ס גוטע פריינד זיך אריינגעמישט—דו האסט געדארפט פאראויסזעהן, אז מיט די אידען טאר מען זיך נישט אנפאנגען.

— איך האב איהם אבער שוין לאנג געזאגט, אז ער זאל אפילו נישט טראכטען פון דעם... ער וועט אויפהענגען מרדכי'ן... ער האט אבער נישט געוואלט זיך צוהערען צו מיינע רייד. נישט איין מאל האב איך איהם געזאגט, אז ער זאל נישט פערגעסען, אז די קעניגין איז פערוואנדעט צו מרדכי'ן, אבער ער פלעגט קומען מיט זיינע נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע געשיכטעס, אז די קעניגין האסט מרדכי'ן און זי קען נישט ליידען די אידען. איך האב אבער גלייך געוואוסט, אז דאס איז א ליגען... אבער וואס האב איך געקענט טהאן... און איך

זאג דיר, המן אויב דו וועסט גלייך נישט געהן און בעטען מחילה פון מרדכי'ן וועסטו נאך דארפען צוריק ווערען א בעדער.

ער איז שוין געווארען א בעדער, נאך היינט אין דער פריה — האט זיך פרשנדתא, המן'ס עלטערער זוהן אפגערופען...

— וואס מיינסטו, מיין זוהן — האט איהם זרש אנגעקוקט מיט ערשטוי־נונג.

— וועסט זיין נאך מעהר ערשטוינט — האט פרשנדתא געזאגט צו זרש'ן — ווען דו וועסט אויסגעפינען, אז שמעון, גדליה'ס זוהן איז בעפרייט געווארען פון געפענגנים... יע, ווען איך און דלפון האבען פערלאזען דעם קעניג'ס פאלאץ און האבען שוין געוואוסט, וואס אונזער פאטער געהט טהאן, האבען מיר פלוצלונג בעגעגענט שמעון'ען.

— ווי אזוי איז דאס מעגליך? ווער האט איהם פון געפענגנים בעפרייט? — האט המן א געשריי געטהאן.

— ווי עס ווייזט אוים האט איהם די קעניגין בעפרייט — האט דלפון געזאגט — און אה מוטער ווי גרוים איז געווען אונזער שאנדע. ווען שמעון האט זיך צו אונז דערנעהענטערט און אויסגערופען גאנץ הויך פאר פיעלע מענשען אין די אויגען:

— "אייער פאטער המן פיהרט יעצט מרדכי'ן איבער די גאסען פון שושן און היינט גאנץ פריה האט המן געפיהרט מרדכי'ן אין באד און איהם ארומגע־שארען און ארומגעוואשען...

— האסטו עס געטהאן צו מרדכי'ן! — האט זרש איהם א פרעג געטהאן מיט א בייזע שטימע.

— אח פערפלוכט זאלען ווערען די אידען, ווי שנעל זיי צופויקען אלעם! — האט המן א מורמעל געטהאן.

— אח, דען האסטו טאקע ארומגעוואשען מרדכי'ן און איהם געשארען... דו ביזט געווארען א בעדער, אזוי ווי איך האב פאראוים געזאגט.

— וואס האב איך געקענט טהאן? — דער בעפעהל פון קעניג איז געווען איהם אנצוטהאן די קרוין און די קעניגליכע בגדים. ווי אזוי וואלט איך דאס גע־קענט טהאן, ווען מרדכי איז געווען אזוי בעוואקסען און פערשטויבט. איך האב איהם אריינגעפיהרט אין באד... איך האב געמיינט אז איך וועל אימיצען דארטען טרעפען, וואלט איך יענעם בעפוילען מרדכי'ן ארומצוואוואשען, אבער קיינער איז דארטען נישט געווען, און דא האט שוין אנגעפאנגען צו ווערען טאג, און איך האב זיך געאיילט.

— און דו גלויבסט נאך, אז דו וועסט קענען דורכפיהרען דיין פלאן אויפ־צוהענגען מרדכי'ן — האט זרש א שטשירע געטהאן מיט איהרע צייהן — זעה אקארשט אז מרדכי זאל דיר נישט אויפהענגען! געה שנעל! זאג איך דיר, געה צו מרדכי'ן און בעט איהם איבער, ווייל אויב דו ביזט שוין אזוי נידעריג גע־פאלען קענסטו שוין פאלען נאך נידעריגער.

— דאס וועל איך קיינמאל נישט טהאן! — האט המן אויסגערופען — סיידען דער קעניג וועט מיר דאס בעפוילען.

— דער קעניג האסט דיר ! און דו האסט נאך געטרוימט פון טראגען די קרוין... דו וועסט זיך בענוצען מיט אחשורוש'עס זיעגעל רינג...

— זרש ! —האט המן געווארפען זיינע בליקען אויף איהר און זיינע גוטע פריינד.

— דיינע פריינד ווייסען שוין אויך פון דיינע פלענער !—האט זרש אויס־גערופען—דיין קלוגער זוהן ויזתא איז אריינגעלאפען אין הויז א פערסאפעטער און דערצעהלט אזוי ווי דו טראגסט א קעניגליכע קרוין, מיליטער שפיעלען און מרדכי פיהרט דיך ארום... האב איך שוין געמיינט, אז דיר האט זיך איינגע־געבען ארויסצוקריגען אחשורוש'עס זיעגעל רינג און, אז דו ביזט געווארען קעניג. האב איך שיין פאר אלע געסט דערצעהלט וועגען דיינע פלענער... האב איך גע־זאלט ווייסען, אז דיין ווילדער זוהן ויזתא זאל האבען געמאכט אזא שרעקליכען טעות...

— דו ביזט א ליגנערין !—איך האב קיינמאל אזא זאך נישט געפלא־נעט!—האט המן אויסגעשריען— איך בין געווען און איך וועל אימער בלייבען געטריי און איבערגעגעבען דעם קעניג !

די געסט, המן'ס בעסטע פריינד האבען זיך איינציגווייז אפגעטראגען פון הויז און ערשט דאן האט זרש געעפענט איהר מויל אויף המן :

— דו פוסטער בעריהמער !—איך האב אלע מאל געזאגט, אז דו ביזט ווערטהלאז... דער קעניג איז א ווילע געווען פערבלענדעט. דיר האט זיך איינ־גענעבען צו געפינען א שעהן מיידעל פאר'ן קעניג... מעהר ווי דאס קענסטו ניט! נאר זוכען שעהנע מיידלעך, אויב דו וועסט גלייך נישט געהן זיך איבערבעטען מיט מרדכי'ן וועל איך דיר דיין לעבען פערמיאוס'ען, דו ווילסט אונז אלעמען אומגליקליך מאכען.

איידער המן האט צייט געהאט איהר צו ענטפערען, האט זיך די טהיר שנעל אן עפען געטהאן און צוויי לייב וועכטער פון קעניג זיינען אריין אין הויז.

— דער קעניג האט אונז געשיקט דיר רופען צו דער מאהלצייט פון דער קעניגין, צו וואס דו ביזט אויך געלאדען געווארען !—האט איינער פון זיי זיך אפגערופען.

המן האט געווארפען א בליק פון נצחון אויף זרש'ן, וואס האט געמיינט :
"דו זעהסט זרש, אז איך בין גערעכט איך בין ביי דעם קעניג פערבליבען דער זעלבער און בלויז דער קניג און איך ווערען געלאדען צו דעם מאהלצייט פון דער קעניגין"...

— איהר ווארט דא צו א קליינע ווילע—האט המן זיך געווענדעט צו די לייב וועכטער—איך וועל בלויז איבערבייטען מיינע קליידער.

— ניין ! דו טארסט קיין רגע נישט פערלירען, דעם קעניג'ס בעפעהל איז דו זאלסט גלייך מיטגעהן.

— אבער מיינע קליידער זיינען שמוציג און נאס !—האט המן פראטעס־טירט.

— מיר קענען דיר גאר נישט העלפען ! דו מוזט גלייך מיטגעהן.

המן האט זיך אויסגעגליכט, ער האט מיט זיינע הענט פרובירט ארונטער־נעהמען די שטויב פון זיינע קליידער און איז באלד אוועק מיט די צוויי לייב וועכטער צו דעם מאהלצייט פון אסתר.

## זעכצעהנטער קאפיטעל
## פורים

ווען אסתר האט דערזעהן דורך איהר פענסטער ווי המן פיהרט איהר אנקעל מרדכי'ן מיט אזוי פיל פאראד, האט זי זיך געפיהלט זעהר גליקליך. דאס איז שוין א גוטער סימן, אז המנ'ס מאכט איז געפאלען — האט זי זיך געטראכט, און עס וועט איהר שוין גאנץ שווער ניט אנקומען היינט אין אווענד צו ווירקען אויפ'ן קעניג ער זאל זיך מעהר צו המנ'ען ניט צוהערען און זעהן ווי ווייט מעגליך צו נישט מאכען זיין שרעקליכע גזרות.

אסתר האט באשלאסען, אז ווען אחשורוש וועט היינט פארברייננגען מיט איהר אויף דעם מאלצייט צוזאמען מיט המנ'ען זאל זי פריהער פון אלעם דער־צעהלען דעם קעניג, אז המן האט ערמארדעט התכ'ן, איהר באדינער, און ווען ער וועט זיין גוט אויפגערעגט וועגען דעם, וועט זי איהם דאן דערצעהלען ווי אזוי המן פלאנעוועט איהר צו ערמארדען צוזאמען מיט איהר פאלק.

זי האט זיך געזעהן מיט חרבונה'ן און פון איהם פארלאנגט ער זאל זיך געפינען דורך דער צייט פון מאלצייט אין איהר חויף, — מעגליך, אז המן וועט מאכען א פארזווך אפצולייקענען אז ער האט התך'ן ערמארדעט, האט אסתר זיך אפגערופען צו חרבונה'ן, — וועל איך שיקען נאך דיר און וועסט דער־צעהלען פאר'ן קעניג אלעס וואס דו ווייסט.

— איך ווייס נאך פילע מעהר זאכען וועגען המנ'ען, גענעדיגע קעניגין! — האט חרבונה זיך אפגערופען.

— און פארוואס האסטו זיי מיר ביז איצט נישט דערצעהלט,

— ווייל איך האב עס נאר וואס געהערט פון איינעגע פון המנ'ס בעסטע פריינד.

— דערצעהל מיר וואס דו ווייסט! — האט אסתר איהם געבעטען.

— איך האב א ווייל פריהער באגעגענט איינעגע פון המנ'ס בעסטע פריינד, וועלכע האבען לעצטע נאכט פארבראכט אין המנ'ס הויז, כדי זיי זאלען אין דער פריה קענען צוזעהן ווי אזוי המן הענגט אויף מרדכ'ן. און זיי האבען מיר דערצעהלט, דאס זרש האט זיך פאר זיי באריהמט, אז המן האט געפלאנע־וועט צו פארכאפען די מלוכה און ווערען קעניג אנשטאט אחשורוש'ן!

די קעניגין איז ערשטוינט געווארען הערענדיג פון דעם.

—דאס וועסטו דעם קעניג אויך היינט דערצעהלען! — האט אסתר איהם געזאגט. — זאל אחשורוש וויסען ווער עס איז זיין אמת'ער גוטער פריינד און ווער עס איז זיין שונא!

דער טיש אין דער קעניגינ'ס געסט־צימער איז שוין געווען געגרייט פאר'ן מאלצייט און אסתר האט שוין מיט גרוים אומגעדולד געווארט אויף דעם קעניג'ס אנקומען.

א ווייל שפעטער איז אנגעקומען אחשורוש אין דער באגלייטונג פון זיינע לייבוועכטער. נאך איהם איז אריינגעקומען המן. זיינע האר זיינען נישט גע־ווען אין א גוטער ארדנונג, די בארד צושויבערט, זיינע קליידער פייכט און פאר־שמוצט.

אסתר האט זעהר פריינדליך באגריסט דעם קעניג, וועלכער האט זיך געזעצט אויבען־אן ביים טיש. פון צווייטען זייט, ביים ברעג פון טיש האט זיך געזעצט המן א דערשלאגענער מיט זיין קאפ געבויגען. ער האט נישט געוואגט אויפצוהויבען זיינע אויגען.

אסתר אליין האט אנגעפילט דעם קעניג׳ס כוס און עס איהם דערלאנגט.

אחשורוש האט אויסגעטרונקען און ער האט באטראכט זיין קעניגין מיט ליבליכע בליקען.

— וואס איז דיין פארלאנג, אסתר. דיין וואונש וועט שנעל ערפילט ווערען, אפילו ווען דו וועסט פארלאנגען א העלפט פון מיין קעניגרייך וועסטו עס קריגען.

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין אסתר׳ס אויגען:

— אויב איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען, מיין האר קעניג, און אויב דער קעניג וועט נישט זיין דאגעגען וואלט איך פון איהם פארלאנגט, אז מיין לעבען זאל מיר געשאנקען ווערען, און מיין פאלק זאל נישט פארניכטעט ווערען!

— וואס מיינסטו, ליבע קעניגין! — האט אחשורוש אויסגערופען, — איז דען דיין לעבען אין געפאהר?

— יע, מיין האר קעניג. מיין לעבען איז אין גרויס געפאהר, און אויך די לעבענס פון אלע מיינע נאהענטע און טייערע. ווען מען וואלט אונז אלעמען פארקויפט פאר קנעכט און דינסטען, דאן וואלט איך זיך אפילו נישט באקלאגט, אבער אונז שטעהט פאר אינגאנצען פארניכטעט צו ווערען.

— אבער ווער דראהט עס דיין לעבען, אסתר? — האט אחשורוש איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— דער זעלבער, וועלכער האט ערמארדעט מיין דיענער התד׳ן.

א שוידער איז דורך המנ׳ס לייב... ער האט אויפגעהויבען זיין קאפ און מיט צעשראקענע אויגען געקוקט אויף דער קעניגין.

— ווער איז דאס אט דער יעניגער און וואו איז ער, וועלכער האט געוואגט צו טאן אזא זאך! — האט אחשורוש זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ אויסרופענדיג מיט אויפרעגונג.

— אט דיזער רשע, המן! — האט אסתר אנגעצייגט מיט איהר פינגער אויף המנ׳ען, וועלכער האט זיך געטרייסעלט פון שרעק. — ער האט ערמארדעט התד׳ן האט ער פאראורזאכט די גזרה אז אלע אידען, דאס פאלק פון מרדכי, דערצו האט ער פאראורזאכט די גזרה אז אלע אידען. דאס פאלק פון מרדכי. זאלען אויסגעשלאכטעט ווערען דעם דרייצעהנטען אדר.

דאס בלוט האט אחשורוש׳ן א זעץ געטאן אין פנים, ער האט געברענט פון כעס און צארן.

— דו האסט ערמארדעט התכ׳ן! — האט אחשורוש א געשריי געטאן אויף המנ׳ען.

— ניין... ער יא... איך מיין... איך בין ניט שולדיג, התך האט מיר שלעכטס געטאן.

— האסטו איהם ערמארדעט! — איז אחשורוש נאך שטארקער אין כעס געווארען.

— יע, מיין האר קעניג! — האט המן געזאגט, ווען ער האט געזעהן, אז

ער איז אריינגעפאלען, — איך האב איהם ערמארדעט, ווייל ער איז געווען צו פריינדליך צו מרדכי'ן, מיין שונא.

— און אז אסתר איז אויך פריינדליך צו מרדכי'ן ווילסטו איהר אויך ערמארדען! — האט אחשורוש געשטורעמט.

— אח, ניין! — האט המן זיך גענומען טרייסלען פון שרעק. — איך האב קיינמאל אזעלכע מחשבות נישט געהאט.

— און איצט, אז איך אליין האב מרדכי'ן באפריינדעט און איך האב דיר איהם געהייסען אנטאן אזא גרויסען כבוד, ווערסטו געוויס מיר אויך זוכען צו ערמארדען?! — האט אחשורוש א זעץ געטאן מיט זיין פויסט אן טיש.

פון דעם געוויש זיינען אנגעלאפען איניגע פון זיינע לייבוועכטער, וועלכע זיינען געשטאנען לעבען די טירען פון פאלאץ.

אחשורוש איז געווען אזוי שטארק אויפגערעגט, אז ער איז א ווייל ארויס אין גארטען צו כאפען אביסעל פרישע לופט.

אסתר איז געווען בלאס און אויפגערעגט. זי האט געוואוסט, אז דער גורל פון איהר פאלק ליגט איצט אין איהרע הענט... זי וועט דארפען ערשטענס זעהן פטור צו ווערען פון דעם אידישען גרעסטען שונא, און נאכדעם זעהן, אז דער קעניג זאל צוריקציהען די שרעקליכע גזרה, וואס המן האט מיט זיין צו־שטימונג ארויסגעגעבען אויף די אידען. זי האט געזעהן, וואס פאר א שטארקען איינדרוק איהרע רייד האבען אויפ'ן קעניג געמאכט. און ווען דאס וועט נישט העלפען וועט זי איהם אויך דערצעהלען וועגען דעם, אז המן האט געפלאנעוועט צו פארכאפען די מלוכה.

אסתר האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער זאפא, וואס איז געווען נישט ווייט פון טיש און געווארט אויף אחשורוש'עס צוריקקעהר. איהרע אויגען זיי־נען געווען פארמאכט און אין הארצען האט זי מתפלל געווען צו גאט, אז זי זאל געפינען חן אין די אויגען פון קעניג. פלוצלונג האט זי דערפיהלט, אז אימיצער האט איהר אנגעריהרט. זי האט אויפגעעפענט איהרע אויגען און זי האט דערזעהן, ווי המן שטעהט פאר איהר אויף די קניה. זי האט ארויסגעלאזען א געשריי. באלד זיינען אנגעלאפען די דיענער און די וועכטער.

— איך בעט דיר, גענעדיגע קעניגין! — האט המן זיך גענומען ביי איהר בעטען, — זעה, אז דער קעניג זאל מיר נישט טאן קיין שלעכטס, איך זאל ביי איהם פארבלייבען דער זעלבער משנה למלך ווי פריהער. טו עס פאר מיר צוליב מיין אמאליגער פריינדשאפט צו דיר.

אסתר האט אוועקגעדרעהט איהר קאפ. זי האט איהם אפילו קיין בליק נישט געשאנקען.

באלד איז אריינגעקומען אחשורוש און דערזעהענדיג המנ'ען אין אזא לאגע איז ער נאך מעהר אויפגערעגט געווארען.

— וואס, דו ווילסט פון מיר אויך אוועקנעהמען די מלכה! — האט ער געשריען.

די לייבוועכטער זיינען באלד צוגעגאנגען און א הויב געטאן המנ'ען פון זיין פלאץ.

— ווען דו וואלסט היינט נישט געווען איינגעלאדען ביי דער קעניגין

צום מאַלצייט, וואָלט איך דיך גלייך געהייסען פון דאנען ארויסוואַרפען! — האַט אחשורוש אויסגערופען מיט גרויס צאָרן.

— מיין האר קעניג! — האַט אסתר אויסגערופען, — איך האָב איינגע־לאַדען המנ'ען צו מיין מאַלצייט, כדי איבערצוציינען דיר, אז אַט דיזער רשע איז דער שונא פון דיין מלוכה. און אויך חרבונה האָט דעם קעניג וואָס צו דערצעהלען וועגען המנ'ען, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט צו טאָן צו דיר און צו מיר.

— וואו איז חרבונה איצט? — האָט אחשורוש געפרעגט.

— ער געפינט זיך אין מיין הויף, איך וועל שיקען איינע פון מיינע קאַמער־מיידלעך איהם רופען.

אסתר האָט געשיקט רופען ערה'ן און איהר געהייסען ארויפשיקען חרבונה'ן.

---

אין המנ'ס הויז האָבען זיך אין יענעם אווענד פאַרזאַמעלט זיינע צעהן זיהן און צוויי טעכטער און זיך גענומען באַראַטען מיט זייער מוטער זרש וואָס צו טאָן.

— איך האָב געראַטען המנ'ען — האָט זרש אויסגערופען צו געהן צו מרדכי'ן און צו בעטען ביי איהם מחילה, אז נישט וועלען מיר אַלע זיין פאַר־לאָרען.

— ניין, מוטער, דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג, אונזער פאָטער איז שוין גענוג ערנידעריגט געוואָרען, און אחוץ דעם צווייפעל איך אויב מרדכי וועט איהם מוחל זיין.

— דו דאַרפסט אָבער נישט פאַרגעסען, מיין זוהן, אז איצט, ווען מרדכי איז אַזוי דערהויבען געוואָרען ביים קעניג, וועט ער זיכער זוכען זיך נוקם זיין אין דיין פאָטער און ער וועט נאָך אונז אַלעמען שלעכטס טאָן.

— דו דאַרפסט אָבער נישט פאַרגעסען, מוטער, אז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערען און אַלע אידען וועלען אויסגעשלאַכטעט ווערען, אריינרעכענענדיג מרדכי'ן, — האָט דלפון זיך אָפּגערופען.

— מיין הארץ ציטערט מיר! — האָט זרש מיט זאָרג געזאָגט. — איך האָב מורא, אז אַן אומגליק זאָל אויף אונז אַלעמען נישט קומען און אין אַלעם איז שולדיג ויזתא... ער האָט אונז אין דער פּריה אַזוי צוטומעלט מיט זיין אויסשרייען, אז המן טראָגט די קרוין, אז איך ביז שוין געווען זיכער, אז ער איז געוואָרען קעניג און זיך שוין מעהר נישט געהאַט פאַר וואָס צו שרעקען און איך האָב פאַר אַלע אונזערע פריינד דערצעהלט, אז המן האָט שוין פון לאַנג געפּלאַנעוועט צו פאַרכאַפּען די מלוכה. און איצט האָב איך מורא, אז אימיצער פון זיינע פריינד זאָל איהם נישט פאַרראַטען און עס דערצעהלען דעם קעניג.

— דאָס איז זעהר אַ געפעהרליכע לאַגע! — האָט פרשנדתא צוגעגעבען.

— אָבער מיר שרעקען זיך אומזיסט! — האָט דלפון אויסגערופען. — די אַלע, וועלכע זיינען געווען אין אונזער הויז, זיינען דאָך אונזער פאָטערס בעסטע פריינד, און זיי וועלען געוויס איהם נישט פאַרראַטען!

— זיי זיינען געווען זיינע בעסטע פריינד אַזוי לאַנג ווי המן איז געווען

גרוים און דערהויבענ, אבער ווי זיי האבענ דערזעהנ זיין מפלה, האבענ זיי זיך גלייך ארויסגערוקט פונ הויז, זיי האבענ אפילו נישט געמאכט קיין פארזוך איהם צו טרייסטענ!

— און איך האב באמערקט, — האט פורתא געזאגט, — אז ווענ זיי זיינענ ארויס פונ הויז האבענ זיי געוואונקענ איינער צום צווייטענ און נאכהער זיך גוט אויסגעלאכט.

— איך בין זיכער, אז אונזער פאטער'ס פריינד וועלענ איהם פארראטענ!

— האט פרשנדתא אויסגערופענ, — און דאנ וועט נישט נאר אונזער פאטער פארלירענ זיין לעבענ, נאר דער קעניג וועט אונז אלעמענ דערפאר באשטראפענ!

— נו, וואס זאלענ מיר איצט טאנ? — איז זרש נאך מעהר פארציטערט געווארענ, — וואס וועלענ מיר טהאנ אז דער קעניג וועט זיין צארנ אויסגיסענ אויך אויף אונז?

א טרויעריגע שטילקייט האט א ווייל געהערשט אינ הויז. אלע האבענ געווענדעט זייערע בליקענ צו פרשנדתא'ן, וועלכער איז ארומגעאנגענ איבער'ן הויז א צוטראגענער און א צושראקענער.

— איך זעה, אז מיר זיינענ זעהר מיאוס אריינגעפאלענ! — האט פרשנדתא געזאגט.

— ווענ אייער פאטער וואלט אמווייניגסטענ דא איצט געווענ וואלטענ מיר זיך אלע בעראטהענ צוזאמענ. ער וואלט פיעלייכט געשיקט רופענ אלע זיינע פריינד, וועלכע זיינענ דא צוזאמענ מיט אונז געווענ און וואלט זיי געבעטענ זיי זאלענ איהם נישט פארראטענ... — האט זרש געבראכענ מיט איהרע הענט.

— יע, דאס איז דער איינציגער אויסוועג!! — האט פרשנדתא פלוצלונג אויסגעשריענ.

— וואס?

פרשנדתא האט זיך גוט ארומגעקוקט און ווענ ער האט באמערקט, אז די דינסטענ זיינענ איצט נישטא, האט ער געזאגט מיט א נידעריגע שטימע:

— דער קעניג געפינט זיך איצט מיט אונזער פאטער אויף דעם מאלצייט פונ דער קעניגינ. זיי וועלענ דארטענ זיכער געווים פארברייגענ און זיך אנ־שכור'נ און נאכהער וועט זיך דער קעניג צוריקקעהרענ אינ דער באגלייטונג פונ אייניגע פונ זיינע לייבוועכטער. און דאריבער איז מיינ עצה, אז מיר אלע זאלענ זיך גוט באוואפענענ און אוועקגעהנ אינ דעם הויף פונ אסתר'ס פאלאץ און ווי נאר מיר וועלענ זעהנ, אז אחשורוש געהט ארויס פונ אינוויניג, וועלענ מיר איהם באפאלענ מיט זיינע לייבוועכטער און מיר וועלענ איהם טויטענ און גלייך ארויפטאנ זיין קרוינ אויף אונזער פאטער'ס קאפ און ערקלעהרענ איהם פאר קעניג.

— דאס וואלט געווענ א גוטער פלאנ, — האט דלפונ געזאגט — אבער דו האסט געווים פארגעסענ, אז אויך אונטענ, אינ דעם הויף פונ דער קעניגינ געפינענ זיך אימער צוויי לייבוועכטער פונ קעניג.

— מיר וועלענ דאך אבער זיינ צעהנ! — האט פרשנדתא איהם געענט־פערט, — און מיר וועלענ זיי גאנץ שנעל בייקומענ. מיר וועלענ זיי הייסענ שוויגענ, אויב נישט וועלענ זיי זייערע לעבענס פארלירענ. דאנ וועלענ מיר

זיי בינדען, פארשטאפּען זייערע מיילער און ווארטען אונטען ביז וואנען דער קעניג מיט זיינע איבעריגע וועלען זיך באווייזען.

— אה, מיין זוהן, געבענשט זאלסטו זיין צו די געטער! — האט זרש זיך אפּגערופען. — דו ביזט דאך אזוי בראוו און העלדיש.

— איך האב אבער מורא, אז עס זאלען נישט זיין מעהרערע וועכטער אין הויף! — האט דלפון אויסגערופען.

— פארוואס זאלסטו זיין אזא פייגלינג, מיין ברודער? — האט פרשנדתא זיך אפּגערופען. — ווען מיר וועלען זעהן, אז עס זיינען פאראן פיל מעהר וועכטער וועלען מיר זיין פארזיכטיג און דאס מאל ניט מאכען קיין איבערפאל אי־בער זיי... און ווען מען וועט אונז פרעגען צוליב וואס מיר זיינען אהער געקומען, וועלען מיר זאגען, אז מיר ווארטען דאס אויף אונזער פאטער!

— אה, ווי גליקליך איך וואלט זיך געשעצט, ווען דיין פּלאן וואלט דורכ־געפיהרט געווארען! — האט זרש געקושט איהר זוהן. — דאן וואלט דאך המן טאקע געווען קעניג און איך זיין קעניגין!

— זייט איהר צופרידען מיט מיין פּלאן? — האט זיך פרשנדתא גע־ווענדעט צו זיינע איבעריגע ברידער.

— יע, מיר זיינען געגרייט צו טאן וואס דו וועסט אונז הייסען! — האט ויזתא א שפרונג געטאן פון זיין פּלאץ.

— אויב אזוי, נעהמט זיך צו אייערע וואפען, נעהמט די שווערדען און מעסערס, וואס איהר האט צוגעגרייט צו באפאלען די אידען דעם דרייצעהנטען אדר, נעהמט וואס פאר א געוועהר איהר קענט און באהאלט עס אונטער אייערע מאנטלען און לאמיר גלייך געהן צו דעם פאלאץ פון דער קעניגין.

המנ'ס צעהן זיהן האבען אנגעגורט זייערע שווערדען און מיטגענומען די מעסערס, וועלכע זיי האבען אנגעגרייט אויסצושלאכטען די אידען, וועלכע וואלטען אריינגעפאלען אין זייער חלק און זיי זיינען אוועק צו דעם הויף פון אסתר'ס פאלאץ.

די נאכט איז געווען א טונקעלע, און ווען זיי זיינען אריין אינווייניג זיינען זיי זעהר פארזיכטיג געווען נישט צו מאכען קיין גערויש.

— איך זעה, אז בלויז צוויי וועכטער שטעהען ביי דעם אריינגאנג, לעבען די טרעפּ פון פאלאץ, — האט פרשנדתא שטילערהייט געזאגט. — איצט וועלען איינינע פון אונז זיי באפאלען פון הינטען און די איבעריגע פון פארענט.

מיט שטילע און פארזיכטיגע טריט האבען זיך המנ'ס זיהן געלאזען אין דער ריכטונג וואו די לייבוועכטער זיינען געשטאנען, און איידער זיי האבען צייט געהאט זיך ארומצוקוקען זיינען שוין המנ'ס בנים געשטאנען מיט די בלויזע שווערדען לעבען די לייבוועכטער.

— אויב אייערע לעבענס זיינען אייך טייער, זאלט איהר זיין שטיל! — האט פרשנדתא זיי באפוילען. מען האט זיי גלייך געבונדען די הענט און פארשטאפּט די מיילער.

פּלוצלונג האבען זיי דערהערט א שטימע:

— חרבונה! חרבונה!

— אַח, דאָס איז דאָך עדה'ס שטימע! — האָט דלפון אויסגערופֿען אין דער שטיל.

— שששש! — האָט פּרשנדתא פֿאַרשטעלט זיין ברודער'ס מויל מיט זיין האַנט.

— חרבונה! חרבונה! — האָט זיך די שטימע נאָך אַמאָל געהערט, און עדה איז באַלד צוריק אַרויף אויבען.

די צעהן ברידער האָבען זיך פֿאַררוקט הינטער די בוימער.

— פֿון דעם ליכט, וואָס שיינט אַרוים פֿון דעם אַרויסגאַנג פֿון פּאַלאַץ, האָב איך באַמערקט איהר פּנים! — האָט פּרשנדתא אויסגערופֿען. — יע, די טאָכטער פֿון אונזער דינסט געפֿינט זיך גאָר אין אסתר'ס פּאַלאַץ די גאַנצע צייט.

— איך בין זיכער, אַז חרבונה האָט איהר געבראַכט צו דער קעניגין, און ער וועט דערפֿאַר באַקומען זיין שטראָף.

— דעריבער, ווען מיר וועלען פֿאַרטיג ווערען מיט אחשורוש'ן, וועלען מיר זיך אויך נעהמען צו אסתר'ן — האָט פּרשנדתא געזאָגט.

— געוויס טאָרען מיר איהר נישט לאָזען לעבען, ווייל עס קען זיך נאָך אונזער פֿאָטער פֿאַרוועלען איהר צו נעהמען פֿאַר זיין קעניגין, און ער וועט פֿאַרטרייבען אונזער מוטער.

— מיר דוכט זיך, אַז איך האָב געהערט אַ שאַרך דאָרטען — האָט ויזתא אָנגעהויבען צו ציטערען.

— דער ווינט האָט מסתמא אַ שאָקעל געטאָן די בוימער, — האָט איהם דאַלפֿון באַרוהיגט.

— האַלט אייערע שווערדען געגרייט, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערען און אחשורוש וועט פֿאַרלאָזען אסתר'ס פּאַלאַץ. אויב די וועכטער וועלען אַרויסצייגען דעם מינדסטען ווידערשטאַנד, זאָלט איהר זיי אויך דערשטעכען, — האָט פּרשנדתא באַפֿוילען.

---

חרבונה, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין הויף פֿון אסתר'ס פּאַלאַץ, האָט גלייך באַמערקט, ווי המן'ס צעהן זיהן זיינען אַריין אין הויף. ער האָט זיך שנעל אַרוק געטאָן אין אַ זייט און זיך באַהאַלטען אונטער עפּעס אַזוי, אַז קיינער האָט איהם נישט געקענט באַמערקען. ער האָט אַלעם צוגעזעהן און געהערט, ער האָט געזעהן ווי זיי באַפֿאַלען די צוויי וועכטער און בינדען זיי. ער האָט געהערט, וואָס זיי האָבען זיך צווישען זיך געשושקעט. ווען ער האָט דערהערט עדה'ס שטימע רופֿענדיג איהם ביים נאָמען, האָט ער זיך נישט געמאַכט הערענדיג, און ווען זי איז אַוועק האָט ער זיך אַ שאַר געטאָן ביים וואַנט ביז וואַנען ער איז צוגעקומען צו דעם הינטערשטען אַריינגאַנג פֿון פּאַלאַץ.

מיט שנעלע טריט און קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטעם איז ער צוגעקומען צו דעם גאַסט־צימער. ער האָט שנעל אַז עפֿען געטאָן די טיר און האָט זיך פֿאַרנייגט פֿאַר'ן קעניג און דער קעניגין.

— וואָס האָט פּאַסירט, חרבונה? — האָט אסתר זיך צו איהם אָפּגערופֿען, ווען זי האָט דערזעהן זיין בלייכען פּנים און זיינע צעשראָקענע אויגען.

— אַח, מיין האַר קעניג! אַ פֿאַרשווערונג! אַ פֿאַרשווערונג!

באלד זיינען אנגעלאפען אלע ליבוועכטער און מיט זייערע שפיזען זיך געשטעלט היטען דעם קעניג.

— דערצעהל מיר אלעס וואס דו ווייסט! — האט אחשורוש זיך צו איהם אפגערופען.

— המנ'ס צעהן זיהן זיינען נאר וואס אנגעקומען באוואפענטע און זיינען באפאלען אונטען די צוויי וועכטער! — האט חרבונה קוים ארויסגערעדט.

— האבען זיי די וועכטער געטויטעט? — האט אסתר גלייך איהם גע־פרעגט.

— ניין, זיי האבען זיי געבונדען און פארשטאפט די מיילער און איצט ווארטען זיי צו מאכען אן איבערפאל אויפ'ן קעניג, ווען ער וועט פארלאזען דעם פאלאץ.

— שנעל שיק אריין אלע מיינע דינער און וועכטער! — האט אסתר זיך אפגערופען צו איהר קאמער־מיידעל עדה, וועלכע האט זיך נאר וואס אומ־געקעהרט צו באריכטען, אז חרבונה איז נישטא.

עדה האט גלייך געפאלגט און אין א ווייל ארום זיינען אלע דינער און וועכטער אריין אין גאסט צימער.

— איצט זאלען עטליכע פון אייך ארויס פון דער הינטערשטער טיר און צושליסען די טויערען פון הויף און רופען אלע מיינע ליבוועכטער און די העלדען, זאלען זיי ארומרינגלען דעם גאנצען הויף און קיינעם פון דארט נישט ארויסלאזען — האט אחשורוש באפוילען אייניגע פון אסתר'ס דינער.

— פארגעסט אויך נישט מיטצונעהמען וואפען!

די דינער האבען אזוי געטאן. זיי האבען פארשלאסען די טויערען פון הויף פון דרויסען און אליין זיינען זיי שנעל אוועק און געבראכט אלע אחשורוש'ס וועכטער און די גבורים וועלכע האבען זיך שטענדיג געפונען ארום אחשורוש'עס פאלאץ.

המן איז די גאנצע צייט געשטאנען און געציטערט. עס האט איהם גע־טרייסעלט א צאהן אין א צאהן. ער האט געזעהן ווי אחשורוש'עס פנים ברענט פון צארן. ער האט געווארפען א בליק אויף דער קעניגין און ער האט געפיהלט, אז ער און זיינע זיהן זיינען ארייננעפאלען. ווען ער זאל נאר קאנען לאזען וויסען זיינע זיהן, אז זיי זאלען זיך וואס שנעלער אפטראגען פון דאנען. ער האט א קוק געטאן אויף חרבונה'ן און ער האט פארשטאנען, אז א סך איז חרבונה שול־דיג אין זיין נידערלאגע. פלוצלונג האט המן אויפגעהויבען זיין קאפ און וועג־דענדיג זיך צו דעם קעניג האט ער אויסגעשריען:

—עס איז א ליגען! מיינע זיהן וועלען קיינמאל אזא זאך נישט טאן! חרבונה איז מיין שונא, ער האט מיר פון שטענדיג אן מקנא געווען, וואס דער קעניג האט מיר אזוי דערהויבען, דעריבער האט ער אויף מיר און מיינע זיהן א בלבול אויסגעטראכט.

— און אז דו האסט געטויטעט התכ'ן איז אויך א ליגען? — האט אחשורוש זיך געזוכט צו באהערשען.

המן האט א ווייל געשוויגען נאכהער האט ער ווידער געקראגען מוט און זיך אפגערופען:

— איך און מיינע זיהן זיינען פון שטענדיג אז געווען געטריי דעם קעניג און דער קעניגין און דאס, וואס חרבונה זאגט איצט, איז עס א ליגען.

— דאס וועלען מיר זיך באלד קענען איבערצייגען! האט אסתר אויסגעורפען. — אויב עס איז א ליגען זיינען דאך די וועכטער אונטען נישט באפאלען געווארען און זיי זיינען נישט געבונדען. אבער חרבונה וויים נאך זאכען, וואס וועלען צייגען ווער עס זאגט איצט ליגען.

— דערצעהל מיר. חרבונה, וואס דו ווייסט! — האט אחשורוש זיך צו איהם געווענדעט.

— איך האב זיך דערוואוסט פון המנ׳ס בעסטע פריינד, אז ער האט געפלאנעוועט ארויסצובאקומען דעם קעניג׳ס זיגעל־רינג און דערמיט ערקלעהרען, אז אחשורוש גיט איבער די מלוכה צו זיין משנה־למלך, המן! אזוי האט זיך זרש באריהמט פאר זיינע בעסטע פריינד.

— און צוליב דעם ביזטו עס געקומען צו מיר אין מיטען דער נאכט! — האט אחשורוש א געשריי געטאן.

— עס איז א ליגען. איך בין געקומען בעטען דעם קעניג ער זאל מיר ערלויבען אויפצוהייגען מיין גרעסטען שונא, מרדכי!

— און פארוואס ביזטו צו מיר נישט געקומען בעטען ערלויבעניש צו טויטען התכ׳ן? — האט דער קעניג געברענט פון צארן.

המן האט עפעס ארויסגעשטאמעלט אומפארשטענדליכע ווערטער.

באלד האבען זיך די טירען געעפענט און סאלדאטען מיט בלאנקע שווערדען האבען גענומען אריינפיהרען המנ׳ס צעהן זיהן איינעם נאכ׳ן צווייטען.

—דאס זיינען די געוועהר, וואס מיר האבען ביי זיי געפונען, — האט א סאלדאט אוועקגעלייגט די שווערדען און מעסערם אויפ׳ן טיש.

— וואס האט איהר איצט געטאן אין דעם פאלאץ פון דער קעניגין? — האט אחשורוש זיי געפרעגט מיט אן אויפרעגענדע שטימע.

— מיר האבען געווארט אויף אונזער פאטער... מיר זיינען געווען שטארק באזארגט וועגען איהם, — האט פרשנדתא זיך אפגערופען, — מיר האבען מיט איהם געוואלט גלייך געהן אהיים.

— האב איך דען נישט געזאגט, אז מיינע זיהן זיינען אומשולדיג! — האט המן ווייטער אויסגערופען.

— און פארוואס זייט איהר אהער געקומען באוואפענט? — האט זיי דער קעניג ווייטער געפרעגט.

— מיר געהען שטענדיג אום באוואפענט! — האט דלפון געענטפערט.

— דאס טוען מיר אום זיך צו באשיצען פון די פארפלוכטע אידען, וועלכע לויערען שטענדיג אויף אונזערע לעבענס. יע, זינט דער קעניג האט ארויסגעגעבען די גזרה אומצוברייינגען אלע אידען פון פרס און מדי, זוכען זיי זיך נוקם צו זיין אן אונזער פאטער און אן אונז. און דעריבער מוזען מיר אימערצו ארומגעהן באוואפענט.

— האט איהר דען נישט גערעדט צווישען זיך אונטען און געזאגט, אז ווען איהר וועט פארטיג ווערען מיט׳ן קעניג וועט איהר זיך אויך נעהמען צו דער קיניגין. — האט אחשורוש אויסגערופען.

— עס איז א ליגען, — האט ויזתא א געשריי געטאן.

— וואס האב איך געזאגט! — האט המן איהם אונטערגעהאלפען. — חרבונה האט אויף אונז אלעמען א בלבול געמאכט.

— וואו זיינען די וועכטער, וועלכע האבען געוואכט אונטען? — האט אחשורוש זיך געווענדעט צו די באאמטע.

— איניגע פון אונז האבען זיי געפונען ליגענדיג געבונדען מיט פאר־שטאפטע מיילער, — האט א באאמטער געענטפערט.

— זאלען זיי גלייך אהער געבראכט ווערען! — האט דער קעניג בא־פוילען.

אין א ווייל ארום זיינען אריינגעפיהרט געווארען אין דעם צימער די צוויי וועכטער, וועלכע זיינען געווען בלאס און צושראקען. זיי זיינען געווען צובלוטיגט און די סיניאקעס פון די שטריק זיינען נאך געווען גוט קאנטיג אויף זייערע הענט. זיי זיינען געווען אזוי צוטומעלט, אז זיי האבען נאך אלץ נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט זיי.

— קומט צו עטוואס נעהענטער! — האט אחשורוש זיך צו זיי געווענדעט.

ווען זיי האבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און דערזעהן ווי אלע צעהן זיהן פון המנ׳ען ווערען באוואכט, האבען זיי זיך עטוואס בארוהיגט און צוגע־גאנגען צום קעניג און זיך צו איהם פארנייגט.

— דערצעהלט מיר וואס האט מיט אייך פאסירט? — האט אחשורוש זיי באפוילען.

זיי האבען דערצעהלט ווי אזוי המנ׳ס צעהן זיהן זיינען זיי פלוצלונג בא־פאלען און זיי פארשטאפט די מיילער און זיי געבונדען מיט שטריק. זיי האבען באוויזען דעם קעניג זייערע צובלוטיגטע הענט און נאכהער האבען זיי איהם דערצעהלט ווי זיי האבען געהערט וועגען דער פארשווערונג, וואס זיי האבען געפלאנעוועט צו מאכען אויף דעם קעניג און קניגין.

— דאס באשטעטיגט חרבונה׳ס ווערטער! — האט אחשורוש אויסגע־רופען. — און איצט זעה איך ווי שטארק גענארט איך בין געווען אין המנ׳ען. איך האב איהם דערהויבען צו זיין מיין משנה למלך אין דער צייט ווען ער האט געפלאנעוועט צו פארכאפען מיין קרוין. דו האסט פארדינט דעם טויט, דו אומווירדיגער המן!

— די תליה, וואס המן האט פארטיג געמאכט אויף דעם העכסטען בוים פאר מרדכי׳ן, וועלכער האט דעם קעניג׳ס לעבען געראטעוועט, געפינט זיך נאך דארטען! — האט חרבונה אויסגערופען.

— זאל מען המנ׳ען אויפהייגען אויף יענעם בוים! — האט אחשורוש געגעבען א באפעהל.

— אח, מיין האר קעניג! — האט זיך המן געגומען בעטען. — זיי מיר מוחל, איך וועל טאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען.

אחשורוש האט מיט אנטריסטונג אפגעקעהרט זיין קאפ.

המן האט זיך איינגעבויגען ביז דעם באדען און נישט אויפגעהערט צו בעטען דעם קעניג. פלוצלונג האט זיך המן שנעל א הויב געטאן, איז זיין

האנט האט ער געהאלטען א קורצען שווערדעל און ער האט זיך א לאז געטאן אין דער ריכטונג פון דעם קעניג.

חרבונה אבער האט איהם שנעל א כאפ געטאן פאר'ן האנט. באלד זיינען איהם געקומען צו הילף איניגע וועכטער און האבען פון המנ'ען ארויסגעריסען דעם שווערדעל.

— בינדט איהם! — האט אחשורוש אויסגערופען — און פיהרט איהם צו דער תליה.

מען האט המנ'ען גלייך געבונדען און איהם גענומען ארויספיהרען פון אסתר'ס פאלאץ.

— זאל מען המנ'ס זיהן דערווייל אריינזעצען אין תפיסה! — האט אחשורוש באפוילען זיינע סאלדאטען.

דעם קעניג'ס באפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען. מען האט המנ'ס זיהן אריינגעזעצט אין תפיסה.

אלע באאמטע און סאלדאטען פון קעניג זיינען געווען אנוועזענד בעת מען האט המנ'ען אויפגעהאנגען אויף דער זעלבער תליה, וואס ער האט געהאט צוגעגרייט פאר מרדכי'ן.

קיינער האט קיין טרעהרען נישט פארגאסען אויף דעם טראגישען סוף פון המן דעם רשע. ער איז געווען פארהאסט ביי אלעמען צוליב זיין גאוה, פאלש־קייט און זיינע אינטריגערם.

—זאל מען זיין קערפער ארונטערנעהמען? — האט א באאמטער גע־פרעגט חרבונה'ן, וועלכער איז געווען דערביי בעת מען האט המנ'ען אויפגע־האנגען.

— ניין, זאל ער היינגען אזוי פאר עטליכע טעג, עס זאל זיין א ציי־כען פאר אנדערע נישט אויפצוהויבען א האנט געגען קעניג.

---

אויף מארגען איז אסתר געקומען צו אחשורוש'ן אין פאלאץ און זי האט זיך פאר איהם פארנייגט.

אחשורוש האט גלייך אויסגעשטרעקט זיין גאלדענע רוט צו איהר.

אסתר האט זיך אויפגעשטעלט און די רוט אנגעריהרט מיט איהר האנט.

— זעץ זיך לעבען מיר, מיין ליבע אסתר! — האט אחשורוש אנגעצייגט אויף דעם שטול לעבען זיין רעכטער האנט.

אסתר האט זיך געזעצט.

— איך האב דיר זעהר פיל דאנקבאר צו זיין, אסתר! — האט דער קעניג זיך אפגערופען. — דורך דיר איז מיין לעבען צוויי מאל געראטעוועט געווארען: איינמאל ווען בגתן און תרש האבען אויף מיר א פארשווערונג געמאכט, און איצט, ווען המן דער רשע און זיינע זיהן האבען געזוכט מיר צו טויטען. זאג מיר, מיין ליבע קעניגין, וואס איז דיין פארלאנג איצט, און וואס דיין וואונש זאל נישט זיין, וועט ער באלד ערפילט ווערען.

— מיין פארלאנג, מיין האר קעניג, איז — האט אסתר זיך אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — אז מיין האר קעניג זאל צוריקציהען די שרעק־

ליבע גזרה אויף וואס המן דער רשע האט דורך פאלשקייט ארויסגעקראגן די צושטימונג פון קעניג.

אחשורוש האט א ווײלע א טראכט געטהאן און האט זיך באלד אפגערופען:

— איך ווייס נישט אויב איך וועל דאס קענען טאן, ווייל דער געזעץ אין מיין לאנד לויטעט, אז א באפעהל, וואס ווערט גע'חתמ'עט מיט דעם קעניג'ס זיגעל־רינג קען קיינמאל נישט צוריקגעצויגען ווערען.

— אבער, מיין האר קעניג, — האט זיך אסתר גענומען בעטען און זיך פאנאנדערגעוויינט, — ווי אזוי וועל איך קענען צוזעהן די שלעכטעס וואס וועט טרעפען מיינע ברידער! ווי אזוי וועל איך קענען אריבערטראגען דעם וועהטאג און צער, ווען איך וועל זעהן ווי מיין פאלק געהט אונטער!

— וואס איז דיין עצה, מיין ליבע אסתר? פיליכט ווײסטו מיר קענען ראטען, וואס צו טאן. דו ווייסט דאך, אז איך האב קיינמאל נישט געמיינט שלעכטס צו טאן די אידען, און בפרט איצט, ווען איך האב אויסגעפונען, אז דו שטאמסט פון דעם אידישען פאלק. גלויב מיר, מיין ליבע קעניגין, אז מיין צער איז אויך גענוג גרויס, ווען איך ווייס, אז איך בין הילפלאז צו ראטעווען אן עהרליך, אומשולדיג פאלק פון אונטערגאנג.

— זאל דער האר קעניג שיקען רופען מרדכי'ן. פיליכט וועט ער איהם קע־נען געבען אן עצה! — האט זיך אסתר אפגערופען. — מיין אנקעל איז זעהר קלוג און געלערענט אין די געזעצען פון לאנד.

— גוט! — האט אחשורוש אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע. — איך האב שוין טאקע פריהער געטראכט פון מרדכי'ן. איך האב באשלאסען איהם צו באשטימען אויף המנ'ס פלאץ. איך ווייס, אז ער איז א סך קליגער פון המנ'ען און איך וועל נישט דארפען צווייפלען אין זיין געטרייהייט און אי־בערגעבענהייט צו מיר. איך וועל איהם גלייך שיקען רופען און פאר דיר אין די אויגען וועל איך איהם באשטימען פאר מיין הויפט מיניסטער און משנה למלך און די ערשטע עצה וואס ער וועט מיר געבען וועט זיין ווי אזוי צו ראטעווען די אידען פון מיין מדינה פון אונטערגאנג, נישט פארלעצענדיג דעם געזעץ פון מיין לאנד.

באלד איז מרדכי געקומען צום קעניג און זיך פארנייגענדיג אויסגערופען:

— לאנג לעבען זאל מיין האר קעניג אחשורוש!

אחשורוש האט אויסגעשטרעקט זיין גאלדענע רוט צו איהם און געהייסען מרדכי'ן זיך זעצען לעבען אסתר'ן.

— איך האב באשלאסען צו באשטימען דיר אויף המנ'ס פלאץ, — האט דער קעניג זיך צו איהם אפגערופען. —אין דער געגענווארט פון מיין קעניגין מאך איך דיר פאר מיין הויפט־מיניסטער און משנה למלך, און גלייך וויל איך דיר פרעגען אן עצה!

פון דיזער פלוצלונגער איבערראשונג און ערשטוינונג האט מרדכי אויף א קליינער ווײלע נישט געקענט קומען צו זיך. ער האט גאר קיינמאל נישט גע־חלומ'ט פון אזא גליק.

— גיב מיר אן עצה, מרדכי, ווי אזוי צו ראטעווען דיין פאלק, די אידען, אז זיי זאלען נישט אומגעבראכט ווערען צוליב דער שלעכטער גזרה, וואס המן

דער אגגי האט מיט דער חתימה פון מיין זיגעל־רינג ארויסגעגעבען! איך וויל, אז דאס, וואס דו וועסט מיר ראטען צו טאן, זאל זיין געזעצליך!

מרדכי האט א ווײלע א טראכט געטאן און נאכהער זיך אפגערופען:

— איך האב א גוטע עצה!

א גליקליכער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף אסתר'ס פנים, ווען זי האט דערהערט דיזע ווערטער פון איהר אנקעל.

— לאמיר דיין עצה הערען! — האט אחשורוש געזאגט. — איך בין גרייט צו טאן אלעס וואס דו וועסט מיר ראטען, אויב עס וועט נאר נישט זיין אין ווידערשפרוך מיט דעם געזעץ פון לאנד!

— ווי עס איז באוואוסט זיינען די אידען א פרידליך פאלק. עס האט נאך קיינמאל נישט געטראפען, אז די אידען זאלען זיין די ערשטע צו מאכען אן אנגריף אויף א צווייטען פאלק. מיר האבען ליב שלום און מיר באמיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטען אנצוהאלטען דעם שלום צווישען אלע אונזערע שכנים. און איצט איז מיין עצה, אז דער קעניג זאל ארויסגעבען א צווייטען באפעהל, וואס זאל גע'חתמ'עט ווערען מיט זיין זיגעל־רינג, אז די אידען זאל ערלויבט ווערען זיך צו פארטיידיגען געגען זייערע שונאים און געוועהר זאל געגעבען ווערען צו אלע אידען אין יעדער שטאדט פון דיין מלוכה, און זיי זאלען זיין גענרייט דעם דרייצעהנטען אדר זיך געגענצושטעלען זייערע שונאים און זיך פארטיידיגען אין פאל די שונאים וועלען מאכען אן איבערפאל איבער זיי. זאל דער קעניג ארויסגעבען א שריפט און זאל ־ער שריפט מיט זיין זיגעל־רינג אי־בערגעגעבען ווערען אין יעדער שטאדט וועגען דער רעכט פון די אידען זיך צו פארטיידיגען, און דאן וואלטען אלע פארשטעהן, אז דער קעניג איז נישט צופרידען פון המנ'ס גזרה, און די, וועלכע וועלען פארט וואגען און קומען טויטען די אידען, וועלען אונזערע האבען א רעכט זיך צו פארטיידיגען און טויטען זייערע שונאים.

— וועלען דיינע ברידער אבער זיין אימשטאנד זיך צו פארטיידיגען געגען זייערע שונאים? — האט אחשורוש איהם געפרעגט.

— יע, מיין האר קעניג! כאטש די אידען זיינען פרידליך געשטימט אבער ווען מען צווינגט זיי צו קעמפען, זיינען זיי זעהר בראוו און העלדיש.

— אויב אזוי, געפעהלט מיר דיין עצה זעהר גוט! — האט אחשורוש אויסגערופען, — נא דיר מיין זיגעל־רינג און טהו דערמיט ווי דו פארשטעהסט.

מרדכי האט גענומען דעם קעניג'ס זיגעל־רינג און ער האט גלייך ארויס־געגעבען א שריפט אין נאמען פון אחשורוש'ן, אז די אידען האבען פולע רעכט זיך צו פארטיידיגען געגען זייערע שונאים, אויב זיי וועלען פון זיי אנגעגריפען ווערען.

ער האט דיזען שריפט צושיקט דורך שנעלע לויפערס איבער אלע שטעדט.

---

גרויס פרייד האט געהערשט אין שושן, ווען עס איז באקאנט געווארען, אז אחוץ דעם, וואס זייער גרעסטער שונא, המן, איז געהאנגען געווארען, האט דער קעניג באשטימט מרדכי'ן אויף זיין פלאץ, און איצט וועלען זיי נאך האבען א געלעגענהייט זיך צו פארטיידיגען געגען זייערע שונאים.

ליכטיגקייט, שמחה, גליק און פרעהליכקייט האט געהערשט ביי די אידען אנשטאט דער טרויער און יאוש מיט א קורצער צייט פריהער. אין יעדער שטאדט וואו דיזער באריכט האט דערגרייכט האבען די אידען געיובעלט און זיך משמח געווען. זיי האבען געמאכט מאלצייטען און מען האט געטאנצט פאר פרייד און געלויבט גאט פאר דעם נס, וואס ער האט מיט זיי געטאן.

א גליקליכע און צופרידענע האט זיך אסתר צוריקגעקעהרט צו איהר פא־לאץ. איהרע ליפען האבען א לויב־געזאנג צו גאט געפליסטערט.

ווען זי איז אין דער באגלייטונג פון איהר קאמער־מיידלעך צו איהר פא־לאץ צוגעקומען, האט זי דארטען געטראפען חרבונה׳ן.

אסתר האט איהם גלייך איבערגעגעבען די נייעס וועגען מרדכי׳ן און דעם נייעם קעניגליכען באפעהל.

— געלויבט איז אונזער גאט, — האט זי פארענדיגט, — וואס ער האט צוגעזעהן אונזער פיין און זיך צוגעהערט צו אונזערע תפלות.

— ווירדיגע קעניגין! — האט חרבונה זיך אפגערופען, — איך האב זיך נאר וואס דערוואוסט, אז המנ׳ס צעהן זיהן, וועלכע זיינען איינגעשפארט גע־ווארען אין געפענגעניש, האבען געמאכט א פארזוך צו ערמארדען די וועכטער און אנטלויפען פון דארטען. ווען זיי וואלט עס געלונגען וואלטען זיי זיכער פיל שאדען פאראורזאכט.

— דאס וועט שוין זיין זייער לעצטער פארזוך! — האט אסתר אויסגערו־פען. — מארגען וועל איך פארלאנגען פון דעם קעניג, אז מען זאל המנ׳ס צעהן זיהן אויפהיינגען אויף דער זעלבער תליה וואו זייער פאטער היינגט.

אויף מארגען האט מען אין דער אנוועזענהייט פון פילע אידען אויפגע־האנגען די צעהן זיהן פון המנ׳ען, וועלכע האבען אזוי פיל צרות פאראורזאכט די אידען פון שושן. צווישען די צושויער זיינען אויך געווען שמעון, דער זוהן פון גדליה, און עדה, די טאכטער פון ירוחם דעם שמיד, וועלכע איז איצט געווען אסתר׳ס קאמער־מיידעל.

אלע אידען פון שושן און פון די אנדערע שטעדט פון אחשורוש׳ס מדינה, האבען זיך גענומען צוגרייטען צו דער פערטיידיגונג געגען זייערע שונאים. די יונגע לייט האבען זיך געאיבט אין פעכטען, און אין די הייזער וואו עס זיינען נישט געווען קיין יונגע שטארקע לייט, האט מרדכי אליין בעשטימט ווער עס זאל דארט קומען זיי צו עפרטיידיגען.

יעדען פריהמארגען פלעגען אלע יונגע און געזונטע לייט פון שושן ארויס־קומען אויף דער אידישער גאס און געמאכט פערשידענע איבונגען אין דער נעגענווארט פון אסתר׳ן און מרדכי׳ן.

די קעניגין האט די יונגוואַרג שטארק ערמוטיגט און וועלכער פלעגט זיך אויסצייכענען מיט זיין געשיקטקייט און גבורה, פלעגט זי איהם באלוינען מיט א שעהנער מתנה.

מרדכי האט צו זיי גערעדט און אנגעזאגט ווי אזוי צו האנדלען אין דעם טאג פון דעם דרייצעהנטען אדר.

— יעדען איינעם, וועלכער וועט מאכען א פארזוך צו אטאקירען א אידישע

הויז, האָט איהר אַ רעכט צו טויטען, און צונעהמען זיין גאַנצען פאַרמעגען וואָס וועט נאָכהער אָפּגעגעבען ווערען אין דעם אוצר פון דער מלוכה.

די גאַנץ אַלטע און שוואַכע האָט מרדכי געהייסען זיך פערזאַמלען אין שוהל־הויף און ער האָט פאַר זיי דאָרט באַשטימט אַ גרויסע וואַד פון געזונטע אידישע לייט. און אַלס הויפּט פון דער גאַנצער פערטיידיגונג האָט ער בעשטימט שמעון'ן, דעם זוהן פון גדליה'ן.

— שמעון האָט ארויסגעצייגט אַ זעלטענע גבורה אין זיין קאַמפּף מיט המן'ס זיהן, — האָט מרדכי געזאָגט אסתר'ן, — און יעצט געפין איך אַז ער איז דער פאַסענדער מאַן צו זיין דער פיהרער פון די יונגע קעמפער.

— יאָ, דו ביזט גערעכט, מיין אָנקעל, — האָט אסתר מיט צופרידענהייט געזאָגט, — מיין קאַמער־מיידעל עדה האָט מיר דערצעהלט ווי ער האָט איינמאָל אין איהר פאָטער'ס קוזניע צושלאָגען המן'ס צוויי עלטערע זיהן, פרשנדתא און דלפון. ער האָט זיכער פאַרדיענט צו זיין דער פיהרער פון די יונגע קעמפער.

* * *

אַ שטאַרקע ענטטוישונג האָט געהערשט צווישען פיעלע פון די פערסיער. זיי האָבען מיט גרויס שפּאַנונג און אומגעדולד געוואַרט אויף דעם דרייצעהנטען אדר, ווען זיי וועלען קענען באַפאַלען די אידען, זיי טויטען און אוועקנעהמען זייערע פאַרמעגענס. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז וואַנען זיי האָבען זיך געקענט אויסגלייכען צווישען זיך. ווייל יעדער איינער פון די גוים האָט זיך געגלוסט אונטערצונעהמען צו באַפאַלען אַ רייכע אידישע הויז. און ווען זיי האָבען זייערע טענות פאַרגעבראַכט פאַר המן'ען, האָט ער געמאַכט צווישען זיי אַ פּשרה, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלען אויס'הרג'ענען אַלע אידען און אוועקנעהמען זייער רייכטום, וועט ער זעהן אַז יעדער פון זיי וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין דער שחיטה זאָל קריגען אַ גלייכען חלק.

ווען אָבער זיי האָבען געזעהן אַז המן איז טויט, און יעצט האָבען זיי זיך דערוואוסט אַז די אידען האָבען געקראָגען דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיגען, האָבען פיעלע, אוים מורא, זיך צוריקגעצויגען. דאָך זיינען פאַרבליבען זעהר פיעל פערסיער וועמען עס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלירען די זעלטענע געלעגענהייט צו ווערען רייך, און אין דערזעלבער צייט זיך נוקם צו זיין אין די אידען וועמען זיי האָבען אַזוי שטאַרק געהאַסט. יענע האָבען בעשלאָסען צו באַפאַלען די אידען אפילו יעצט, ווען דעם קעניג'ס שריפט אַז די אידען האָבען פולע רעכט זיך צו פערטיידיגען איז בעקאַנט געוואָרען.

— מיר האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר די אידען, — האָבען זיי איינער דעם צווייטען געזאָגט, — זיי זיינען אַ שוואַך פאָלק און אפילו ווען זיי וועלען האָבען דאָס רעכט זיך צו פערטיידיגען וועלען מיר זיי אויך בייקומען. מיר וועלען זיי צייגען די מאַכט פון אונזערע פויסטען.

ווען דער צוועלפטער אדר איז געקומען, האָבען זיך אַלע גוים פאַרזאַמעלט און מען האָט צווישען זיך צוטיילט די אידישע הייזער וואָס יעדער פון זיי זאָל באַפאַלען.

דעם דרייצעהנטען אדר גאַנץ פריה, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָבען די פערסיער גענומען מאַרשירען צו דער אידישער גאַס. זיי זיינען געווען באַוואָפענט מיט העק, מעסער און אייזענס.

באלד זיינען זיי באגעגענט געווארען ביי די אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען באוואפענט מיט די בעסטע וואפען וואס אסתר האט זיי צוגעשיקט.

א פארצווייפעלטער קאמפף האט זיך אנגעפאנגען. שמעון האט געפיהרט די מחנה פון די אידישע גבורים און באפאלען די פערסיער וועלכע זיינען געקומען פאגראמירען.

עס האט אויסגעבראכען א שרעקליכע מהומה צווישען די גוים. זיי האבען זיך אויף אזא מעכטיגען ווידערשטאנד מצד די אידען נישט גערוכט.

זיי האבען גענומען לויפען אין ווילדען שרעק. די אידישע גבורים האבען זיי נאכגעיאגט און געטויטעט פון זיי פינף הונדערט מענער.

די זעלבע זאך איז געטהאן געווארען אין די איבריגע שטעדט פון פרס און מדי. די אידען האבען ארויסגעצייגט א זעלטענע גבורה בעת זיי האבען זיך פערטיידיגט געגען די גוים. און ווי נאר די גוים האבען געמאכט א פארזוך צו אטאקירען די אידען, האבען זיי באלד ערליטען א שרעקליכע מפלה.

א טויט-שרעק איז אנגעפאלען אויף אלע פערסישע איינוואוינער. זיי האבען זיך בעהאלטען און מורא געהאט ארויסצוגעהן.

אין אבענד האבען זיי געשיקט שלוחים צו די אידען און געבעטען זיי זאלען מיט זיי שלום מאכען.

ווען די פערסישע שלוחים זיינען געקומען צו מרדכי'ן האט ער זיך צו זיי אפגערופען:

— מיין פאלק איז פון שטענדיג אן א פריעדליך פאלק. מיר דורשטען נישט נאך בלוט און מיר ווילען קיינעם קיין שלעכטס נישט טהאן. איהר דארפט וויסען זיין אז אין יעצטיגען קאמפף זיינען מיר נישט געווען די אנגרייפער, נאר די פארטיידיגער, און אונזער גאט האט געזעהן אז מיר זיינען גערעכט, האט ער אונז געשיקט די ישועה. און יעצט, אז אויב איהר מיינט מיט'ן גאנצען הארצען צו לעבען מיט אונז בשלום, זיינען מיר גרייט צו שליסען פריעדען מיט אייך.

באלד איז בעקאנט געווארען אין גאנץ שושן אז פריעדען איז געשלאסען געווארען צווישען די אידען און די פערסיער.

אסתר האט געהייסען די אידען פייערען אויף מארגען, דעם פערצעהנטען טאג פון חודש אדר, א גרויסען יום טוב.

— דיזער טאג וועט פארבלייבען אן אנדיינקונג פאר אלע דורות וואס וועלען קומען, — האט אסתר געזאגט אין איהר צושריפט וואס זי האט צוגעשיקט צו אלע אידען, — דער נאמען פון דיזען יום טוב זאל הייסען פורים, צוליעב די פורים (גורלות) וואס המן דער רשע האט געווארפען זוכענדיג א פאסענדען טאג צו פערניכטען אלע אידען, זאל דיזער יום טוב פורים זיין דער פרעהליכסטער יום טוב. מען זאל עסען און טרינקען און זיין פרעהליך. מען זאל שיקען מתנות איינער צום צווייטען.

די אידען פון גאנץ שושן האבען געפייערט דעם יום טוב פורים מיט פיעל פראכט און גלאנץ. און עס איז אנגענומען געווארען איבערצוגעבען צו קינדער און קינדס-קינדער אז דער יום טוב פורים זאל פארבלייבען אויף אייביג.

מרדכי האט פארשריבען די גאנצע פאסירונג וואס איז פארגעקומען אין אחשורוש'ס מדינה. און ער האט עס פארגעלייענט פאר אלע אידען.

אסתר האט ארויסגעשיקט מתנות צו אלע בראווע העלדען וועלכע האבען מעגליך געמאכט צו פייערען דעם שעהנעם יום טוב פורים.

די שעהנסטע מתנה פון אלעמען האט געקראגען שמעון, דער זוהן פון גדליה. די קעניגין אסתר אליין האט עם איהם איבערגעגעבען צו זיין חתונה מיט עדה'ן, די טאכטער פון ירוחם דעם שמיעד.

ע נ ד ע.

# ווערט באַקאַנט!

(די רשימה פון פּאָראוים־סובסקרייבערס פון „אסתר המלכה"
לויט דעם אָרדער פון די באַשטעלונגען)

שמואל לאַזאַווסקי, 7512 — 18טע עוו., ברוקלין, נ. י.

אסתר וואַלאַך, 1611 איסט 2טע סט., ברוקלין, נ. י.

לערי מ. רובעל, 311 הויז סט., מאַלטבי, פּאַ.

ל. הענדלער, 417 האַרוואַרד סט., ברוקליין, מאַסס.

מאיר זעוואלד, 1686 איסט 7טע סט., ברוקלין, נ. י.

לואיס זינטער, 2062 — 77טע סט., ברוקלין, נ. י.

יעקב גאָלדשטיין, 1251 בוינטאָן עוו., בראָנקס, נ. י.

לערי אַפּעל, 1478 ברייענט עוו., בראָנקס, נ. י.

בעריל און רבקלה דרעזנער, 1633 איסט 5טע סט., ברוקלין, נ. י.

פראַנק יאַגודא, 825 ליין סט., קאַמדען, נ. דזש.

הימאַן גאַליער, 950 עווענוו סט. דזשאַהן, בראָנקס, נ. י.

מרס. ב. פרימאַן, 807 פילאַדעלפיאַ עוו., בראָנקסבאָרא, פּאַ.

חיים שניידער, 3204 ווילי עוו., באַלטימאָר, מד.

מר. מ. לאַנגבערג, 2866 וועסט 28טע סט., ברוקלין, נ. י.

מרס. שרה העני אַזאַראַף, 2047 — 69טע סט., ברוקלין, נ. י.

מאַקס אָקסמאַן, 2334 נאָרטה 14טע סט., ברוקלין, נ. י.

וויליאַם ראַזענדאָרף, 1215 „ג" סט., נאָרטה וועסט וואַשינגטאָן, ד. ס.

יוסף רובעל, 51 איסט מיין סט., מיינערס מילס, פּאַ.

מרס. איידע גאָלדשטיין, 70 פּאַליסייד עוו., יוניאָן סיטי, נ. דזש.

מאַקס בראַין, 880 נאָרטה וואַטקינס סט., מעמפּיס, טענעסי

מאַקס גאָלדשטיין, 570 פּאַול סט., ברוקלין, נ. י., פּרעזענטירט פון זיין פרוי גאָלדע

פעני פליישער, — —— —— ברוקלין, נ. י.

לאה מנוחת גערבער, 517 קינגס היייווי, ברוקלין, נ. י.

יוסף רינג, 1309 טשוירטש עוו., ברוקלין, נ. י.

יעקב אייזענבערג, 2835 וועסט 23טע סט., ברוקלין, נ. י.

גאָלדע אַראָנאָוויץ, 322 ראַדני סט., ברוקלין, נ. י.

חיים ווערטהיים, 1858 וועסט 6טע סט., בסוקלין, נ. י.

יצחק, סינגער, 1923 — 65טע סט., בסוקלין, נ. י.

בנימין פעלטין, 40 הייאַוואַטהא ראוד, מאַטאַמאַן, מאַסס.

ש. שטאַדלער, 133 קאָסיטה סט., נואַרק, נ.דזש.

מאיר קאָהען, 3418 וועין עוו., קאנזאס סיטי, מיזורי,

יעקב קראַניץ, 73 רידזש סט., נ. י.

אשר איינבערג, 64 איסט 113טע סט., נ. י.

מרדכי שטיבעלמאַן, 639 איסט 6טע סט., נ. י.

אסתר קיילע הערמאַן, 4008 דריטע עוו., נ. י.

מרס. מיימי ראָם, 555 עלטאָן סט., ברוקלין, נ. י.

מרס. פּ. גלאָסשפּיגעל, 1950 נאָרטה 20טע סט., מילוואָקי, וויס.

דאָרא און איזי ווינער, 929 מאַנהעטאָן עוו., גרינפּאָינט, ברוקלין

אַ מתנה פון אברהם ווינער.

סענע אַלטשולער, 2323 מוירמייד עוו., קאָני איילאַנד, ברוקלין

דאָראַ גינזבערג, 158 סטייט סט., פלאָשינג, נ. י.

יצחק און רבקה דאַך, 1608 — 78טע סט., ברוקלין, נ. י.

מאשא אַון שמעון ליבאָוויץ, 2081 קרוגער עוו., ברוקלין נ. י.

מרס. ש. לאסק, 406 וועסט 36 סט., סאוואנאה גא.

אברהם בראווערמאן, 1878 הערריסאָן עוו., בראנקס נ. י.

א. גאָלדשטיין, באקס 684, פאָרעסט סיטי ארק.

אייזיק גרינבערג, 124 דוויזשאָן עוו., ברוקלין נ. י.

יחיאל און קלאַראַ באלטין,, 2122 ביקמאן פּלייס, ברוקלין נ. י.

העררי פּערלמאַן, 548 טשעסטער סט., ברוקלין נ. י.

סאל שעכטער, 2052—84־סטע סט, ברוקלין נ. י.

י. ליכטענבערג, 334 איסט האוסטאָן סט. נ. י.

פּסח און מנוחה סקורניק, 1011 האָפּקינסאָן עוו., ברוקלין נ. י.

טעמע דיימאָנד, קאסקיאָסקע גאַס, לוצק, פּוילען.

אליהו איטצקאָוויץ, 1717—60־סטע סט., ברוקלין נ. י.

וו. ל. טאביאס, 3045 „מ" סט., וואַשינגטאָן די. סי.

ב. פּערלמאַן, 107 עוועניו „עף", ברוקלין נ. י.

מינע רינדנער, 880 איסט 178־סטע סט., בראנקס נ. י.

מרס. ל. קאָהען, ביי מ. ליפּמאַן, סאן אנטאניע טעקסאס.

רעוו. שמואל יצחק קאטצמאן, 7123—18טע עוו., ברוקלין נ. י.

יעקב ליפשולטץ, 6 טאריא קאורט, דזשוירזי סיטי נ. דזש.

מר. און מרס. ש. פּעשקין, דייטאן נ. דזש.

יוסף און ליעבע שופרא.

מרדכי קיממעלמאַן, 540 וועסט 180־סטע סט., נ. י.

שרה מלכה גרינבערג, פּרעזענטירט פון מ. ל. זאַלטץ.

שרה טהוי. 43—2טע עוו., נ. י. אַ מתנה פון איהר מאַן חיים.

איידע האָפּמאן, 290 פּארנסוואוירטה, דעטראָיט מישיגאן.

חיים מיכאלעס, 5016—10טע עוו., ברוקלין נ. י.

ב. ה. ריבקינד, 404 נאָטה בראָדוויי, באַלטימאָר מד.

א. רייסערס, 511 דיטמאס עוועניו, ברוקלין נ. י.

א. באסס, 315 איסט 110 עוועניו, ראזעל, נ. דזש.

א. ווייסמאַן, 131 מיטשעל סט., סאוטה וועסט, אטלאנטא גא.

מירעל צעלט, 1684 וועסט 8־טע סט., ברוקלין נ. י.

לייב זאלקאָוויץ, 1023 טאלבאט עוו., בראדאק פּא.

מרס. א. פעדער, 120 קלארא סט., ברוקלין נ. י.

לוי מאראוויץ, 219 אדעוואן עוו., נ. י.

דוד ראזנער, אַ מתנה פון מאַקס בוירג, 586 קאסקיאסקא סט. ברוקלין.

מרס. יעטטא זאווארניקער, 167 העגעמאן עוו., ברוקלין נ. י.

פאולי האָפמאן, 236 נאָרטה ארלאנדא עוו., וועסט האליוואוד, לאס אַנדזשלעס קאַל.

משה חיים זילבערשטיין, 845 מאנטגאָמרי סט., ברוקלין נ. י.

מיינע ליעבע עלטערען שרה און יוסף, אַ מתנה פון אברהם יצחק גרינוואלד.

מרס. קלארא בארנעט, 447 ראקאָוויי פּאַרקוויי, ברוקלין נ. י.

ג. ראָטהענבערג, 6002—20סטע עוו., ברוקלין נ. י.

וו. נאקאוויץ, 212 איסט בראָדוויי, נ. י.

ישראל וואקס, 159 איסט 38סטע סט., ברוקלין נ. י.

שלום און דבורה רין, 1869 וואלטאן עוו., בראנקס.

רבי ג. עפשטיין, 1547½ סאוטה ווילטאן פּליים, לאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.

בן ציון קאָהען, 418 ליבערטי סט., בוירקלעי ווא.

ברוך שיינהאָלץ, 1459 באָסטאָן ראוד, בראנקס נ. י.

זוסיה בן ישעיה נח וואָלק, 1023—6סטע עוו. נ., מיניאַפּאָלים מינג.

ביילע אייזענבערג, 466—85סטע סט., ברוקלין נ. י.

אהרן פרידמאַן, 501 ביי ידסט., ברוקלין נ. י.

ב״ב גרשון ב״ר שלמה זלמן געלמאן, 201 מעדיסאָן סט. נ. י.

חיה האָכבערג, 79 ריטשמאָנד סט., נוארק נ. דזש., פּרעזענטירט פון ווילי.

משה נאדאל, 51 הענרי סט., נ. י.

אברהם יצחק האבער, 54 קוק סט., ברוקלין נ. י.

רבקה קופערמאַן, 1704 מאררים עוו., בראנקס נ. י.

יעקב קאָהן, 115 עלליאט סט., בעווערלי מאסס.

חנה און חיים בער קאפקא, 6816—19טע עוו., ברוקלין נ. י.

שמואל און הייזעל בעקער, 6816—19טע עוו., ברוקלין נ. י.

מיינע ליעבע עלטערען תנחום און טויבע שיידלאווער, אַ מתנה פון סערי.

רחל לאה וויינשטאָק, 978 סאטטער עוו. ברוקלין, אַ שלח־מנות פון אהרן וויינשטאָק.

וואולף לעוו, 200 איסט בראָדוויי, נ. י.

פיליפ גארדנער, 2721 וואשינגטאָן סט., אלעמעדא קאַליפ.

א. ד. קאוועש, 319 גראניט סט., מאנטשעסטער נ. ה.

מרס. שרה פיידען, קאלטשעסטער קאָננ.

בעססי באטוויניק, 2957 ביינברידזש עוו., בראנקס נ. י.

שרה איידיל לאזעראָוו, 1630—78סטע סט., ברוקלין נ. י.

מאָריס בער, 64 קאניסטעד סט., האָרנעלל נ. י.

מרס. דארא שער, 939 איסט 48סטע סט., ברוקלין נ. י.

ט. מארמינס, 305 אראנסאן בילדינג 339—5טע עוו., פיטסבורג פּאַ.

לואיס קאַפּלאַן, באלדווין מישיגאן.

שכנא מישלאווע, באָקס 393, ריפּאן וויס.

העריס גאָלדבערג, 44 קייפּען סט., הארטפאָרד קאָננ.

מרס. ראוז דיימאָנד, 1437 קאראלל סט., ברוקלין נ. י.

י. מיללער, 17 דריטע סט. איסט קארנוואל, אנט. קאנאדא.

א. בערקאָוויץ, 167 עוו. „סי.“, ניו יאָרק.

עטעל גאָלדבערג, 7 דזשענעקעס סט., פּראָווידענס ר. א.

אברהם טאבאלסקי, 2537 פארעסט עוו., קאנזיס סיטי מיזורי.

בלומע סקאלניק, 1652 טשאפּעל סט., ניו הייווען קאָננ.

מארקוס שיף, 112 לאַפּאיעט פּליים, וואודמיר ל. א. נ. י.

יצחק סאבער, 1841 לארינג פּליים, בראנקס נ. י.

אהרן בערענשטיין, 440 עוועניו „פּי.“, ברוקלין נ. י.

יעקב הערמאַן, 653 עוועניו „סי“, בייאַן נ. דזש.

הערי רייזנער, 45־23 קיטאַן פּלייס׳ ברוקלין נ. י.

מרס. קאַטץ, 1136—51סטע סט., ברוקלין נ. י.

חיים קאַפּלאַן, 118 פּאַרק עוועניו, מעקיוניקוויל נ. י.

מרס. ד. פראנק, 311 איסט לינקאָלן עוו., ניו קעסעל פּא.

פעני לאנדסמאַן, 23 האמילטאָן סט., אַלבאַני נ. י.

וואָלף שינדלער, 775—39סטע סט., ברוקלין נ. י.

הערמאַן שווינגער, 138 קאורט סט., נואַרק, נ. דזש.

אסתר מאנים, אַ מתנה פון איהר פּאָטער חיים יחזקאל מאנים.

הנה רחל זינגער, 1120 איסט דריטע סט.׳ דולוטה מינעסאָטא.

לואיס דאלגינאָף, 622½ סאוטה 9טע סט., סיינט דזשאָזעף מיזורי.

אסתר טשאפּראק, 865 האפקינסאָן עוו., ברוקלין נ. י.

מרס. בעסי מאָרגענשטערן, 609-13-4½ סט., סאוטה וועסט וואשינגטאָן די. סי.

מר. און מרס. ניסן וואָלף קראַס, 473 בארבי סט., ברוקלין נ. י.

מר. ל. שאפּירא 36 וויטמאַן סט., דארטשעסטער מאסס.

ד. דיימאָנד,פּוירנדייל סאליוואַן קאונטי נ. י., באקס 152.

חיים און ראָוז גאָטליעב, 531 קריסטאפער עוו., ברוקלין.

מאָניש געלפאַנד, 347 ביקמאַן עוו.׳ בראָנקס, נ. י.

מרס. מיימי מייפער, 231 הענרי סט.

ש. ראטהקאָף, 215 נאָרטה ביעטאָן סט., קארסיקאנא, טעקסאס.

אסתר פיש, שלח־מנות פון איהר פּאָטער הרב בצלאל עפשטיין.

דוד סערבער, 909—49סטע סט., ברוקלין נ. י.

בנימין סעפלאָוויץ, 911 איסט 176סטע סט., בראנקס נ. י.

שרה מינע ראבינאָוויץ, 657 ברייענט עוו., בראנקס נ. י.

בנימין גילאָוויץ, 857 טינטאָן עוועניו, בראנקס נ. י.

לואיס גאָלדינג, 325 קליפּטאָן פּלייס׳ ברוקלין נ. י.

יצחק צבי איזראעל, 1556—51סטע סט., ברוקלין נ. י.

מר. און מרס. לעאָ גארטענבערג, האטספרינגס, ארקאנסא.

מיני קרייטמאַן, 474 שעפהארד עוו., ברוקלין נ. י.

יעקב דוד שיינפעלד, 1555 פרעזידענט סט., ברוקלין נ. י.

ה. דאָן דובלין, דזשאָרדזשיא.

מאַקס יאָזענפעלד, 740 האורד עוו., ברוקלין נ. י.

א. טאנדעטער, 448 קינג סט., טשארלסטאן ס. ק.

מרס. טהערעסא האכסטאדט, 2970 וועסט 24סטע סט., קאָני איילאנד, נ. י.

מאָריס ע. רובין, 1675 איסט 7־טע סט., ברוקלין נ. י.

זלמן מעיהט, 1646—46סטע סט., ברוקלין נ. י.

בעקי רודין, 645 קלאָלסאן עוו., ברוקלין נ. י.

מרס. בעסי שערר, 12 עלמהורסט סט., בארטשעטער מאסס.

מרס. איידא שפיגעל, 13 הארט סט., ברוקלין נ. י.

אסקאר מארקוס, 25 באַלטימאר סט., קומבערלאנד, מד.

איידע ראָזענבלום, 2033—78לטע סט., ברוקלין נ. י.

זעליג יאפפע, 435 גרין סט., פילאדעלפיע פאַ.

יהודה מרדכי צוקערמאַן, 323 וויאנא סט., ברוקלין נ. י.

וויליאם דייווער, 424 טשעסטער סט., ברוקלין נ. י.

יהושע העשיל און שאָסע ביילע מיכלין, 1205 סאָלט ספרינג עוו., יאנגסטאון אדייא.